STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00994

TSU DER GESHIKHTE FUN DER YIDISHER LITERATUR IN 19TN YORHUNDERT

Meir Wiener

Permanent preservation of this book was made possible
by Libby F. Titlebaum
in memory of
Mark D. Titlebaum

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ווינער

צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19־טן יאַרהונדערט

(עטיודן און מאַטעריאַלן)

צווייטער באַנד

מענדעלע מוכר ספרים
שלום־עליכם

איקוף פארלאג

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון דעטראָיטער
איקוף און פון די אָרדן־שול־לייען־קרייזן אין דעטראָיט

געדרוקט אין 3,000 עקז.

M. WIENER

ZU DER GESHICHTE FUN DER YIDDISHER LITERATUR IN 19tn JORHUNDERT

VOLUME TWO

Copyright 1946 YKUF

Yiddisher Kultur Farband
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.
Printed in U.S.A.
209



מ. ווינער (1941—1893)

צו די לייענער

אינעם דאָזיקן צווייטן באַנד פון מ. ווינער, „צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט", גיבן מיר, אויסער זיינע אָפּ־האַנדלונגען איבער מענדעלע מוכר ספרים, וואָס זיינען אַריין אין דער ערשטער אויפלאַגע פונעם בוך (פאַרעפנטלעכט אין 1940 אין קיעוו), אויך צוויי אַרבעטן פון מ. ווינער וועגן שלום־עליכם. די ערשטע אַרבעט „די סאָציאַלע וואָרצלען פון שלום־עליכמס הומאָר" איז געדרוקט געווען ווי אַן אַריינפיר צו „מאָטל פייסי דעם חזנס" אין דער סאָוועטישער שלום־עליכם־אויסגאַבע. די צווייטע אָפּהאַנדלונג „וועגן שלום־עליכמס הומאָר" איז דערשינען אין אַ באַזונדער בוך אין מאָסקווע אין 1940.

אין אונדזער אַריינפיר צום ערשטן באַנד פון מ. ווינערס „צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19־טן י"ה", וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן אין 1945, האָבן מיר געבראַכט אייניקע ביאָ־ביבליאָגראַפישע ידיעות וועגן דעם פריצייטיק־אומגעקומענעם פאַרדינסטפולן ליטעראַטור־פאָרשער און קרי־טיקער מאיר ווינער. די ידיעות האָבן מיר אויפגעזאַמלט צווישן פריינט פון מ. ווינער דאָ אין לאַנד.

מיר האָבן באַקומען דורכן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע מער־פינקטלעכע ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע פרטים וועגן מאיר ווינער, וועגן זיין לעבן און ליטעראַרישער טעטיקייט. מיר ברענגען זיי דאָ:

מאיר ווינער איז געבוירן דעם 31טן דעצעמבער, 1893, אין קראָקע. זיין פאָטער, פעליקס ווינער, איז געווען אַ רייכער סוחר. אין קראָקע האָט ווינער פאַרענדיקט די מיטלשול.

אין עלטער פון 17 יאָר איז מאיר אַריבערגעפאָרן צוזאַמען מיט די עלטערן אין ווין. זיין העכערע בילדונג האָט ער באַקומען פריער אין באַזעל, און נאָכדעם אין ציריכער אוניווערסיטעט אויפן פילאָסאָפישן פאַקולטעט.

זיינע יוגנט־לידער, געשריבן אין דער דייטשישער שפראַך, זיינען געלויבט געוואָרן דורך דעם באַוואוסטן דיכטער האָפמאַנסטאַל.

אין 1920 איז מ. ווינער אַרויסגעטראָטן אין אַ ווינער סטודענטישן זשורנאַל מיט אַן אַרטיקל צום גונסטן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. פאַר אָפּדרוקן דעם אַרטיקל איז דער זשורנאַל פאַרמאַכט געוואָרן. אָנהייב 1925 איז ווינער געוואָרן אַן אָפיציעלער מיטגליד פון דער עסטרייכישער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

אין עסטרייך און אין דייטשלאַנד איז אין די יאָרן 1919־1921 דערשינען אַ ריי אַרבעטן פון מ. ווינער וועגן געשיכטע און פילאָסאָפיע פון ליטעראַטור, אין דייטש, ווי אויך אין העברייאיש.

סוף 1926 איז מ. ווינער אַריבערגעפאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, געוואָרן

אַ סאָוועטישער בירגער, געטאָן זיין געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע אַרבעט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

פאַר דער צייט פון זיין לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז מ. ווינער געווען רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „די רויטע וועלט" (כאַרקאָוו, 1927), וויסנשאַפט־לעכער מיטאַרבעטער פון קיעווער אינסטיטוט פאַר יידישער ליטעראַטור (1928־1931), אָנפירער פון דער קאַטעדרע פאַר יידישער שפּראַך און ליטע־ראַטור און לעקטאָר פון מערב־אייראָפּיאישער ליטעראַטור אויפן יידישן סעקטאָר פונעם קיעווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

אין 1933 איז מ. ווינער איבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. אין 1934 איז ער אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ מיטגליד פון פאַרבאַנד פון סאָוועטישע שרייבער.

אין 1936־1938 האָט ער געפירט די קאַטעדרע פאַר יידישער ליטעראַטור און שפּראַך ביים מאָסקווער מלוכהשן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

אין פאַרלויף פון די אַלע יאָרן האָט מ. ווינער געפירט אַ גרויסע פּראָדוק־טיווע ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַריש־קינסטלערישע אַרבעט, פאַרעפנטלעכט אויספאָרשונגען און אָפּהאַנדלונגען צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, אַרבעטן פון מעטאָדאָלאָגישן כאַראַקטער איבער פּראָב־לעמעס פון ליטעראַטור און פאָלקלאָר. פאַר דער צייט זיינען דערשינען זיינע קינסטלערישע ווערק: „עליע פאָלעקס אונטערגאַנג" און „כלב אשכנזי", אַ גרויסער פראַגמענט פון אַ ניט־פאַרענדיקטן היסטאָרישן ראָמאַן „ביים מיטל־לענדישן ים". ס'איז דערשינען זיין גרויס בוך „צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט". צווישן זיינע שריפטן איז פאַרבליבן אַ מענגע נאָטיצן אויף פאַרשיידענע טעמעס, אויך אַ ניט־פאַרענ־דיקטער עקזעקפּליאַר פון אַ גאַר גרויסן ראָמאַן פון יידישן לעבן אין ווין אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט.

גלייך ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאָטערלענדישע מלחמה, דעם 6טן יולי, 1941, איז מ. ווינער פרייוויליק אַוועק אויפן פראָנט, ווי אַ געוויינלעכער שלאַכטמאַן. אין דער זאַמלונג „פאַרן היימלאַנד, אין שלאַכט", וואָס איז אַרויס אין מאָסקווע אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, האָט מ. ווינער פאַרעפנט־לעכט אַן אַרטיקל, וואו ער האָט צווישן אַנדערן געשריבן: „פאַר יעדן מענטשן באַזונדער איז איצט דער הייליקסטער חוב צו דיסציפּלינירן די גאַנצע ענערגיע אין זיין אייגענער נשמה, צונויפזאַמלען דאָס בעסטע, דאָס איידלסטע, דער־הויבנסטע אין זיין געמיט, צונויפזאַמלען עס ווי אַ פויסט, צונויפזאַמלען דאָס אין שטאַנדהאַפטיקן קאַמפסמוט, אין מסירת־נפש... ניטאָ קיין שענערע זאַך, ווי צו קעמפן פאַר אונדזער פאָטערלאַנד! ניטאָ קיין מער טייערע זאַך אויף אַוועקצוגעבן דערפאַר דאָס לייב־און־לעבן."

די לעצטע ידיעות וועגן אים זיינען פון סוף סעפּטעמבער 1941, ווען ער האָט זיך צונויפגעמען מיט זיין טייל געפונען אין דער געגנט פון דער שטאָט וויאַזמע.

מענדעלע מוכר ספרים און די טראַדיציעס פון דער וועלט־ליטעראַטור *)

1

פאַרוואָס איז מענדעלע אַ גרויסער קינסטלער? ווייל ער האָט זיך דער־קליבן צום תוך, צום וויכטיקסטן אינעם לעבן פון זיין פאָלק, וואָס ער האָט געשילדערט. פאַרוואָס איז אים געלונגען דערגיין ביז צום תוך, צו פאַקן דאָס עיקר־פינטעלע פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין זיין צייט? דערפאַר, ווייל ער איז געפירט געוואָרן פון אַזעלכע געפילן און מאָטיוון, וואָס מיט זייער הילף קאָן מען אַמבעסטן אַריינדרינגען ביז טיף אינעווייניק אין די געדיכטע־נישן פון לעבן. דאָס איז געווען זיין טיף פילן די נויטן, דיליידן, די באַ־דערפענישן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, זיין ליידנשאַפטלעך שטרעבן צו פאַרבעסערן זייער לאַגע — טאַקע אויך דורך זיין קינסטלערישן שאַפן. דאָס האָט אים געעפנט טיר־און־טויער אויף צו באַגעמען און צו פאַקן די ווירקלעכ־קייט פון זיין צייט און זי אָפּצומאָלן אין טיף־אויפטרייסלענדיקע בילדער פון גרויסער טראַגיק.

מענדעלעס שאַפן איז שטאַרק פאַרוואָרצלט אין דער נאַציאָנאַלער טראַ־דיציע, סיי וואָס שייך די קינסטלערישע געשטאַלטן און בילדער, דעם דערצייל־נוסח, דעם שפּראַך־סטיל, און סיי וואָס שייך פאַרשיידענע מאָטיוון (סוזשעטישע, פאַבוליאַרישע) און אויסדרוק־מיטלען (בילדער, מעטאַפאָרן א. אַז. וו., געשעפּטע פון טראַדיציע און שטייגער). מענדעלעס דערציילונגען זיינען, אויב מע באַטראַכט זיי אויבערפלעכלעך, בלויז יידישלעך — און דאָס אַלץ. עמעץ קאָן זאָגן, אַז דאָס זיינען כלומרשט אַלטפרענקישע מעשיות, פאַסיקע פאַר די השגות פון אַ היימישלעכער שטעטלדיקער סביבה. ס׳האָבן זיך דאָך טאַקע געפונען אַזעלכע שאַרפזיניקע בירגערלעכע קריטיקער, וואָס האָבן וועגן מענדעלען געזאָגט, אַז ער האָט ניט אַריינגעבראַכט אין זיין שאַפן קיין עלעמענטן פון דער איראָפּיאישער (דאָס באַטייט: ניט־יידישער) און קלאַסישער ליטעראַטור־טראַדיציע, פון דער פאָרשריטלעכער קולטור פון זיין צייט. דאָס וואָלט סך־הכל באַטייט, אַז מענדעלע האָט זיינע אויפקלערעריש־דעמאָקראַטישע אידייען אויסגעדריקט אין אַ נאַציאָנאַל באַגרענעצטער אָרע־

* פון אַ פאָרטראַג, געלייענט 1935.

מער פאָרם, אַז מענדעלע האָט זיך טאַקע אויף אַן אמתן געהאַלטן ביי די השגות פון בנימין און סענדערל די יידענע.

צי איז דאָס אָבער מעגלעך, אַז דער קעמפער פאַר אייראָפּייאישע לעבנס־פאָרמען האָט אין זיין קינסטלערישער אויסדרוק־פאָרם געזאָלט בלייבן אַזוי אויסשליסלעך נאַציאָנאַל באַגרענעצט? ווי נאַאיוו איז צו מיינען, אַז מענדעלע וואָלט, ווען דאָס זאָל זיין אמת, געווען אַ גרויסער קינסטלער, אַז ער וואָלט, ווען דאָס זאָל זיין אמת, געקאָנט האָבן אַזאַ גרויסע פאַרשריטלעכע ווירקונג, ווי ער האָט געהאָט, באַזונדערס אין די 60ער און 70ער יאָרן, און אויך שפעטער. וואָסער ווערט וואָלט דאַן מענדעלע געקאָנט האָבן פאַר אונדז ביי היינטיקן טאָג? ווי אַזוי וואָלט דאַן מענדעלע געקאָנט זיין אַן אמתדיק גרויסער קינסטלער? ווער סע מיינט אַזוי, פאַרשטייט מענדעלעס שאַפן זייער ווייניק אָדער וויל עס ניט פאַרשטיין.

אין דער בירגערלעכער קריטיק איז פאַראַן איינע זייער אַ קוריאָזע אָפּשאַצונג פון מענדעלעס בעסטע ווערק. „איך גלייב, אַז זיין (ד. ה. מענדעלעס — מ. וו.) „מסעות בנימין השלישי“ און אַפילו „פישקע דער קרומער“ וואָלט היינט געווען אונטער דער ווירדע פון אירגענד וועלכן מער אָדער ווייניקער אָנערקענטן שריפטשטעלער.“ ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס די דאָזיקע רעאַקציאָנערע און ווילד־עם־האַרצישע אָפּשאַצונג שטאַמט גראָד פונעם שעף־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“, אייב קאַהאַן. סע טרעפט זיך אָבער אַמאָל, כאָטש זייער זעלטן, אַז אויך עמעץ פון אונדזערע חברים שאַצט אָפּ מענדעלעס שאַפן אויף אַן אופן, וואָס איז אין תוך גאָר ניט אַזוי ווייט פון אייב קאַהאַנס מיינונג. אַמאָל איז דאָס פשוט אַ נאַציאָנאַליסטיש־יידישיסטישע רעמיניסצענץ. די נאַציאָנאַליסטישע יידישיסטן און די קליינשטעטלדיקע עסטעטן האָבן פאַר מענדעלען געהאַט ווייניק סימפּאַטיע — איבער זיין „טענדענציעזקייט“, איבער זיין „טאָרבע“־טעמע, איבער דער ניכטערקייט פון זיין באַציאונג צו די נאַציאָנאַליסטישע השגות וועגן דעם „היסטאָרישן יידנטום“, איבער דער דעמאָקראַטישקייט אין אינהאַלט און אויסדרוק־אופן פון זיינע בעסטע ווערק, איבער דער קריטיק פון דער בורזשואַזיע און קליינבירגערטום. די דאָזיקע קליינשטעטלדיקע עסטעטן האַלטן, אַז מענדעלע האָט זיך צופיל געגראָבלט אין „שמאַטעס“. דאָס שטייט זיי ניט אָן. קורץ: מענדעלע איז ניט „אייראָפּייאיש“, ווייל ער איז ניט געווען באַווירקט פון מעטערלינקן און פשיבישעווסקין.

אַן אַנדערש מאָל אָבער שטאַמט אַזאַ אָפּשאַצונג פון אַ „ניהיליסטישער“ אומהיסטאָרישער באַציאונג צו דער נאַציאָנאַל געגעבענער פאָרם, פונעם ניט־פאַרשטיין, אַז מענדעלע האָט אין זיינע בעסטע ווערק גראָד דורך דער נאַציאָנאַלער פאָרם געפונען אַ וועג צום האַרץ פון די ברייטע אַרבעטנדיקע און

אָרעמע פּאָלקס־מאַסן, כדי זיי צו ברענגען טאַקע „אייראָפּייאישקייט״ טאַקע פונעם בעסטן אין דער אייראָפּייאישער קולטור. מענדעלע איז דאָך געקומען צו דער שטעטלדיקער מאַסע צוריק מיט עטלעכע זיבעציק יאָר. און אויב מענדעלע איז אין דעם אָדער יענעם אָרט פון זיינס אַ ווערק, מיט אַ שמייכל, כלומרשט, איינגעגאַנגען אויף די דעמאָלטיקע השגות פון די מאַסן, אויף זייער אופן דענקען, איז דאָס דאָך געווען בלויז אויסערלעך, בלויז איינע אַ מאַניר אויף צו ברענגען צו די מאַסן פּאָרשריטלעכע פאָרשטעלונגען וועגן מענטשלעכער ווירדע, זיי אויפצוקלערן וועגן זייער שרעקלעכער לאַגע, וועגן דער ראָל פון דער גבירימשאַפט, וועגן דער ווילד־אָפּגעשטאַנענער פעאָדאַלער אָרדענונג און דעם פינצטערן שטייגער אינעם דעמאָלטיקן שטעטל. און טאַקע דערפאַר האָט מענדעלע ניט סתם זיך „צוגעפּאַסט״ צו די דעמאָלטיקע שטעטלדיקע מאַסן, נאָר, ערשטנס, דורך סאַטירישער פּאַראָדיע קריטיקירט די אָפּגעשטאַנענקייט פון זייערע השגות און, צווייטנס, קינסטלעריש אויפגעהויבן דאָס אומגעהויער ווערטפולע און שעפערישע, וואָס איז פאַראַן אינעם דענקען און אינעם אויסדרוק־אופן פון די פּאָלקס־מאַסן.

אַז דער אינהאַלט פון זיינע בעסטע ווערק איז בשום־אופן ניט געווען קיין באַגרענעצט „יידישלעכער״, איז קלאָר פאַר יעדערן. ווייניקער באַוואוסט איז אָבער, אַז אויך די פאָרם פון זיין שאַפן איז אין תוך גאָר ניט געווען אַזוי ענג־„יידיש״, ווי סע קאָן זיך ביים אויבערפלעכלעכן באַטראַכטן אויסדוכטן. פאַרקערט, אויך זי, די פאָרם פון זיין שאַפן, האָט זיך ביי איר גאַנצער נאַציאָנאַלער ספּעציפישקייט אין אמתן געשטיצט אויף אויסגעצייכנטע טראַדיציעס פון דער וועלט־קלאַסיק, טאַקע אַפילו וואָס שייך סוזשעט און פאַבול פון זיינע ווערק, און אפשר ניט ווייניקער, אין תוך, אַפילו וואָס שייך דער שפּראַך, דעם שפּראַך־סטיל.

2

לאָמיר נעמען אַזאַ ווערק, ווי „מסעות״ — די בעסטע שאַפונג מענדעלעס. אַ ווייניק־געניטן לייענער קאָן זיך אין פלוג אויסדוכטן: אַ משונהדיק אַלטפרענקישע מעשה וועגן עפּעס צוויי ווילד־אָפּגעשטאַנענע שטעטלדיקע יידלעך. אין אמתן איז דאָס, ערשטנס, אַ ראַפינירטע סטילפולע פּאַראָדיע אויף באַשטימטע העברייאישע און אַלט־יידישע רייזע־באַשרייבונגען, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט צווישן ברייטסטע לייענער־קרייזן. און, צווייטנס, האָט דאָ מענדעלע אויף אַ געניאַלן אופן אויפגענומען און באַאַרבעט איינע פון די פּראַכטפולסטע טראַדיציעס אין דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור, האָט זי וואונדערלעך אָרגאַניש צוגעפּאַסט צו די אומשטענדן אין דער דעמאָלטיקער יידישער סביבה, כדי אַזוי־אַרום אָנשוילעך אויפצוקלערן די מאַסן וועגן דער אומגעלומפּערטקייט פון זייער לעבנס־לאַגע און פון זייערע פאָרשטעלונגען. ווי

אַן אמתדיק גרויסער מייסטער, האָט דאָ מענדעלע אויפגענומען און וואַריאירט דעם סוזשעט און די פּאַבול פון סערוואַנטעסעס „דאָן־קיכאָט״, פון אַ ווערק, וואָס איז אויך צו זיין צייט געווען געווענדט קעגן דעם פעאָדאַליזם און קעגן פעאָדאַלישע פאַרשטעלונגען, אויפגענומען, אָבער וואונדערלעך איבער־געאַנדערשט, צוגעפּאַסט צום דעמאָלטיקן יידישן לעבן אינעם שטעטל.

אָדער לאָמיר נעמען אַן אַנדער ווערק — „דאָס קליינע מענטשעלע״, די געשיכטע פון אַ שטעטלדיקן תקיף, אַ בלוטצאַפּער און אונטערדריקער, וואָס האָט לסוף חרטה אויף זיינע מיאוסע מעשים און פּרוּווט — אין אַ דערציילונג וועגן זיין לעבן — זיך אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון וועגן דעם, פאַרוואָס און ווי־אַזוי ער איז דאָס געוואָרן אַזאַ ווי ער איז. אין דער כלומרשטער אויטאָ־ביאָגראַפיע, פון זיין ייִנגסטער יוגנט אָן ביז צו דער צייט, ווען ער איז געוואָרן דורך פאַרשיידענע שווינדלערייען און געמיינהייטן אַ גביר אַ תקיף, ווערט אַנטוויקלט אַן אינהאַלטרייך בילד פונעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן. אין פלוג, קאָן זיך ווידעראַמאָל דוכטן: סתם זיך אַזוי אַ טיפּיש־יידישע מעשה וועגן אַ בעל־תשובה און זיינע באַטראַכטונגען. אין אמתן איז דאָ מענדעלע, אין דעם דאָזיקן סוזשעט, נאָכגעגאַנגען נאָך אַן אַלטער אייראָפּייאישער טראַדיציע, נאָכן זשאַנר פונעם אַזוי־גערופענעם שעלמען־ראָמאַן, וואָס איז אַנטשטאַנען אין שפּאַניע אינעם זעכצנטן יאָרהונדערט, איז געווען אַן אויסדרוק פון קאַמף פונעם בירגערטום קעגן פעאָדאַליזם און האָט שטאַרק און אַ לאַנגע צייט באַ־ווירקט די אַנטוויקלונג פונעם אייראָפּייאישן בירגערלעכן ראָמאַן. ווידער־אַמאָל איז די דאָזיקע אייראָפּייאישע טראַדיציע דורך מענדעלען אַזוי נאַציאָ־נאַל אויסגעפורעמט געוואָרן, אַזוי טרעפלעך צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער סביבה, צו דער אידייאישער אויפגאַבע, אַז ס'איז גאָר ניט גרינג געווען אַרויסצו־געפינען דעם צוזאַמענהאַנג פון דעם ווערק מיט דער טראַדיציע,* וואָס גייט פון אַזעלכע ווערק ווי „לאַסאַריליאָ פונעם ברעג טאָרמעס״, „זשיל־בלאַז״ א. אַ. — פון ווערק, וואָס זיינען ביי אַנדערע אומשטענדן אויסן געווען עפּעס ענלעכס, ווי מענדעלע מיט זיין „דאָס קליינע מענטשעלע״.

אין „פישקע דער קרומער״, לעבן „מסעות״ דאָס באַדייטנדיקסטע ווערק מענדעלעס, ווערט דערציילט וועגן יידישע בעטלערס, קריפּלען, וועגן זייערע וואַנדערונגען און אַוואַנטיורעס, שטייגערישע פּאַסירונגען און איבערלעבונגען. דערביי ווערן געשילדערט גאַנצע ריזיקע שטיקער פונעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן בכלל. צי איז פאַראַן עפּעס מער ספּעציפיש, ווי יידישע בעטלער? און פאַרט שטייט אויך דאָס דאָזיקע ווערק אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיט מוסטערן

---

* דירעקטע אוממיטלבאַרע השפּעות אין דעם פּרט האָט מענדעלע געשעפּט גיכער פאַר אַלץ פון גאָגאָלן אָדער פון באַשטימטע ראָמאַנען פון דיקענס.

פון דער וועלט־ליטעראַטור. ערשטנס, טאַקע מיט דעם זעלבן זשאַנר שעלמען־ראָמאַן. ס'איז אַ טיפּיש שטיק שעלמען־ראָמאַן — די דאָזיקע געשיכטע וועגן דעם קרומען פישקע. צווייטנס, איז דאָס דאָזיקע ווערק באַווירקט פון וויקטאָר הוגאָס „נאָטער דאַם", אין וועלכן עס האַנדלען אַלס הויפּט־פיגורן דער הויקער קוואַזימאָדאַ, בעטלערס און ציגיינערס. ניט אומזיסט האָט שלום־עליכם אָנגעוויזן אויפן צוזאַמענהאַנג צווישן הוגאָס ווערק „דער מענטש, וואָס לאַכט" און מענדעלעס „פישקע". מענדעלע האָט אַ געוויסן טיפערן צוזאַמענהאַנג קיינמאָל ניט באַשטריטן. און כאָטש „דער מענטש, וואָס לאַכט" איז דערשינען אַ ביסל שפּעטער, ווי דער ערשטער וואַריאַנט פון „פישקע", איז אָבער „נאָטער דאַם" דערשינען נאָך אין יאָר 1831 (די רוסישע איבערזעצונג — אין די 60ער יאָרן). אין „נאָטער דאַם" איז שוין פאַרגעצייכנט די געשטאַלט פונעם „מענטש, וואָס לאַכט". מענדעלע האָט דאָ, אַזוי ווי הוגאָ, דורך אַזאַ מין געשטאַלט געוואָלט באַווייזן „די שיינע עטישקייט אונטער דער געשטאַלט פון פיזישער העסלעכקייט" (הוגאָ), — אַז אַפילו אין אַזעלכע בעטלערישע, פאַרקריפּלטע פיגורן לעבט טיפע מענטשלעכקייט און ווירדע. דורך די סאַמע אָרעמסטע, פאַרשטויסענע און פאַרלוירענע האָט מענדעלע סימבאַליזירט די לאַגע פון די ביטער־פאַראָרעמטע פאָלקס־מאַסן בכלל. דאָס דאָזיקע ווערק איז אַ דאָקומענט פון מענדעלעס גרויסער ליבע צום פאָלק.

אין „די קליאַטשע" איז מענדעלע אַרויסגעטראָטן קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, און ווידעראַמאָל שעפּט מענדעלע סוזשעטישע מאָטיוון ביי דער קלאַסישער ליטעראַטור־טראַדיציע. דאָס ווערק איז אויפגעבויט אַלס אַלעגאָריע, זי איז כלומרשט געשעפּט פון די יידישע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פאַרשטעלונגען. די קליאַטשע — דאָס זיינען די יידן: לסוסתי ברכבי פרעה, די קליאַטשע איינגעשפּאַנט אין די רייט־וואָגנס פונעם קעניג פּרעה, דאָס מיינט מען די כנסת־ישראל איינגעשפּאַנט אינעם יאָך פונעם צאַריזם. די טראַדיציאָנעלע מעטאַפאָר איז אָבער ניט זייער וועזנטלעך פאַרן גאַנצן סוזשעט און אויפבוי פונעם ווערק. אין אמתן האָבן מיר דאָ, ערשטנס, אַ רעמיניסצענץ פונעם ביבלישן מאָטיוו וועגן בלעמס אייזל, און דער עיקר — אַ טראַנספאָרמאַציע (לויטן נוסח פון דער ראָמאַנטיק) פון דער אַלטער קלאַסישער טראַדיציע וועגן מעטאַמאָרפאָזן, ווי מיר זעען זי ביי אָווידיוס און דערנאָך ביי אַפּולייאוס אין זיין „דער גאָלדענער אייזל". דער העלד פון אַפּולייאוסעס ראָמאַן ווערט דאָך פאַרוואַנדלט אין אַן אייזל, און אין דער דאָזיקער געשטאַלט לעבט ער איבער די שווערסטעליידן; פון דער דאָזיקער לאַגע אַרויס דערזעט ער אַזעלכע באַלערנדיקע פאַקטן, וואָס ער וואָלט זיי אין יעדער אַנדערער סיטואַציע קיינמאָל ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען. ביי לוקיאַנען, אין זיין „אייזל", שמועסט זיך דער שוסטער סימיל דורך מיט אַ קלוגן האָן,

און פאַרשיידענע אַנדערע חיות רעדן און אורטיילן וועגן דעם, ווי סע פירט זיך אויף דער וועלט. די דאָזיקע אַלטע טראַדיציע האָט סערוואַנטעס אין זיין פּראַכטפולער נאָוועלע „געשפּרעך צווישן הינט" (אין זיינע „מוסרדיקע נאָוועלן") אויפסניי באַהאַנדלט. פון סערוואַנטעסעס נאָוועלע שטאַמט ע. ט. א. האָפמאַנס דערציילונג וועגן דעם הונט ברעגאַנצאַ. אין טראַדיציעס פון דעם מין איז פאַרוואָרצלט אויך דער מאָטיוו וועגן דער „קליאַטשע". דער קליאַטשע־גלגול איז אויך אַ מין מעטאַמאָרפאָז. די דאָזיקע סימבאָלישע פאַרוואַנדלונג פונעם יידישן פאָלק אין אַ „שטייגערישער" קליאַטשע דאַרף דורך אַ משונהדיק איבערגעדרוקטן אַספּעקט אויפרודערן די מאַסן, וואָס פילן ניט דעם גאַנצן שווידער פון זייער לאַגע איבער דער אָפּטעמפּנדיקער געוואוינטקייט.

אינעם ראָמאַן „דאָס ווינטשפינגערל", באַזונדערס אינעם גרויסן איבער־געאַרבעטן וואַריאַנט, איז גאָר ניט שווער צו דערקענען די דיקענסישע ווירקונג, אין הערשעלעס אַנטוויקלונג — די דעוויד קאָפּערפילד־געשטאַלט. דיקענסישע ווירקונגען זעען מיר ניט ווייניק אויך אין אַנדערע ווערק מענדעלעס.

דערצו דאַרפן מיר נאָך צוגעבן די לאַנג־פעסטגעשטעלטע און אַנטשיידנ־דיקע השפּעות, וואָס מענדעלע האָט געשעפּט פון גאָגאָלן און באַזונדערס פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרינען, — און מיר וועלן אײַנזען, ווי לעכערלעך ס'איז די מיינונג, אַז מענדעלע האָט זיך אין זיין שאַפן, אין זיין ליטעראַרישער קולטור, באַגרענעצט מיט די פיר איילן פון „יידישלעכקייט". אין זיין שאַפן פאַר די מאַסן האָט ער געשטרעבט צו הויכע מוסטערן, האָט ער מיט איידעלן קינסט־לערישן געשמאַק אַרויסגעפונען אין די רוסישע און אייראָפּייאישע ליטע־ראַרישע טראַדיציעס דאָס פּאַסיקסטע פאַר זיינע צוועקן, כאָטש ער האָט דאָס אַלץ אויף אַ נאַציאָנאַל־ספּעציפישן, טיף אָריגינעלן און אמתדיק־מייסטערישן אופן איבערגעשאַפן. אין זיינע בעסטע ווערק האָט מענדעלע ניט בלויז וואָס שייך אידייען, נאָר אויך וואָס שייך דעם אינעווייניקסטן געוועב פון סוזשעט און פאַבול, אַריינגעטראָגן אויסגעצייכנטע „אייראָפּייאישע" טראַדיציעס. ער האָט זיין סטיל „אייראָפּייאיזירט" אין בעסטן זין פון דעם וואָרט, אָבער ניט אויבנאויפיק „מאָדערן", נאָר טיף אינעווייניק. פאַר זיין „אייראָפּייאיזירן" האָט ער אויסגעקליבן דעם סאַמע שווערסטן וועג — דאָס אָרגאַנישע „אייראָפּיי־איזירן".

3

דער צומאָליקער איינדרוק פון אַלטפרענקישער „יידישלעכקייט" שטאַמט, אייגנטלעך, ניט אַזוי פון דער סוזשעטיק אין מענדלעס ווערק, ווי פון זיין שפּראַך־נוסח, פון זיין שפּראַך־סטיל. אַזאַ איינדרוק קאָן זיך אָבער באַקומען

נאָר פון אַן איבערפלעכלעכן באַטראַכטן, וואָס דרינגט ניט אַריין אין תוך.

דער שפּראַך־סטיל פון מענדעלעס בעסטע שאַפונגען איז אַזאַ, איז אַזוי געפורעמט, אַז עס זאָל אים פאַרשטיין און באַנעמען די גרויסע מאַסע פונעם פאָלק. דאָס איז עס, וואָס עס באַשטימט די בעסטע אויפטוען פון זיין סטיל: דער ווילן, אַז די מאַסן זאָלן אים פאַרשטיין און אים גלייבן. צו דער פאָלקס־שפּראַך איז מענדעלע צוגעגאַנגען ניט מיט דער גאווה פון אַן ערודיט, וואָס באַגנעדיקט מיט אַן אָנשטעל פון דעמאָקראַטישקייט „אַראָפּצונידערן" צו די „טיפּענישן", וויזנדיק מיט אונטערגעשטראָכענע צעלאָזענע זשעסטן און חוצפּהדיקער גראָבקייט, אַז ער ווייסט דעם הויכן ווערט פון זיין „קרבן". מענדעלעס צוגאַנג צו דער שפּראַך פון די מאַסן איז געווען דיקטירט פון זיין גרויסער ליבע צו זיי, פון זיין טיפן פילן זייער נויט און לייד, איז געווען דורכגעדרונגען מיט איידעלער, אמתדיקער קולטור. דעריבער, טאַקע דעריבער האָט ער אין זיין בעסטן שאַפונג־פּעריאָד ניט אויסגעמיטן אויך אַזעלכע עלעמענטן פון דער פאָלקס־שפּראַך, וואָס זיינען אַליין געווען דורכגעזאַפּט מיט דער אָפּגעשטאַנענקייט, קעגן וועלכער ער האָט גראָד מיט די דאָזיקע ווערטער זיינע געקעמפּט. ער האָט מיט די מאַסן גערעדט אין זייער שפּראַך און אַמאָל ליבלעך, אַמאָל דין־איראָניש, אַמאָל סאַרקאַסטיש און גאָר אַמאָל בייז־אויפגעבראַכט זיי אויפגעקלערט און געשטראָפט פאַר זייער אָפּגעשטאַנענקייט, טאַקע אויך וואָס שייך זייער שפּראַכלעכן אויסדרוק־אופן. מענדעלע האָט געמוזט אָנקניפּן אינעםווירקלעכן שטייגער צו טראַכטן און צו רעדן.

אָבער דאָס איז בלויז די איינע זייט פון מענדעלעס שפּראַך־סטיל. דער אייגנטלעכער קערן פון זיין סטיל זיינען די געזונטע, האַרציקע רייד פונעם האָרעפּאַשנעם, אָרעמען פאָלק. וואָס שייך דער דאָזיקער זייט פון זיין סטיל, איז מענדעלע לחלוטין ניט „יידישלעך", נאָר טיף פאָלקסטימלעך. ווי אַ גרויסער דיכטער האָט ער געוויזן די שיינקייט און שעפערישקייט פונעם המונישן וואָרט, זיין טיפע מענטשלעכקייט און האַרצלעכקייט. כאָטש מענדעלע איז געווען אַ באַדייטנדיקער ערודיט, האָט ער טיפער געשעפּט פונעם פלעבייאישן שפּראַך־קוואַל, איידער ווער ס'ניט איז ביז צו אים אין דער יידישער ליטעראַטור. טאַקע דעריבער האָט ער באַזונדערס דייטלעך דערפילט די אויפגאַבע — די דאָזיקע נייע וואָרט־מאַטעריאַלן לעקסיש, גראַמאַטיקאַליש און סטיליסטיש מיט גרויסער שטרענגקייט קינסטלעריש צו דיסציפּלינירן און צו שלייפן. דאָס האָט מענדעלע געטאָן, ווי קיינער ניט פאַר אים און זעלטן ווען עמעץ נאָך אים אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז געווען אַ נייס, „אייראָפּייאיש" אין בעסטן זין פונעם וואָרט, אינעם זין, וואָס מע האָט צו יענער צייט אין דעם וואָרט אַריינגעלייגט, ד. ה. דעמאָקראַטיש, אַ רעזולטאַט פון זיין ליבע צו די פאָלקס־מאַסן. דרך־ארץ צו האָבן פאַרן וואָרט פונעם פאָלק האָט

ער זיך געלערנט ביי גרויסע רוסישע און אייראָפּייאישע מייסטערס פון דער ליטעראַטור. די כלומרשטע „המונישקייט“ — אין אמתן יאַכנישקייט — פון אַזאַ מין שפּראַך ווי שמ״רס, איז חוצפּה, איז פאַראַכטונג בנוגע צום „פּעבל“. די המונישקייט פון מענדעלעס שפּראַך איז ערפאָרכט און ליבע צו די מאַסן.

מענדעלעס שפּראַך־סטיל איז צו זיין צייט געווען זייער ווירקזאַם, און ער פאַרמאָגט אויך פאַר אונדז אַ גוואַלדיקע ווערט אַלס ירושה — דאָרט, וואו ער אַנטשפּרעכט צום פאָרשריטלעכן אינהאַלט פון זיין שאַפן. ער הערט אויף צו זיין ווירקזאַם דאָרט, וואו ער ווערט אַ פּרעטענציעזער, נאַציאָנאַל־באַגרענעצטער און קלעריקאַל־באַפאַרבטער יידישלעכער „נוסח“. מענדעלעס שאַפן האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור־שפּראַך. ניט אַזאַ ווי די „יידישיסטן“ ווילן האָבן, נאָר מיט גאָר אַנדערע זייטן פון זיין סטיל: מיט דער המונישקייט (פאָלקסטימלעכקייט) פון איין זייט און מיט דער איידעלער קריטישער פּאַראָדיסטישקייט פון דער אַנדערער זייט, און ניט מיט דער שפּעטער ערנסט־געגומענער יידישלעכקייט. מענדעלעס שאַפן האָט גוואַלדיק געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַרישער שפּראַך מיט דער פלעבייאישער רייכקייט, פילפאַרביקייט, האַרצלעכער אינטימקייט און פּינקטלעכקייט, וואָס איז פאַראַן אין זיין שפּראַך־סטיל. די דאָזיקע מעלות האָבן געווירקט גינסטיק, אויף וויפיל זיי זיינען שפּעטער ניט פאַרקריפּלט געוואָרן דורך דער נאַציאָנאַליסטישער סטיליזאַציע. די דאָזיקע מעלות באַווייזן זיך ביי מענדעלען באַזונדערס דייטלעך אין יענע פאַלן, ווען ער ווענדט זיך צו דירעקטע שילדערונגען פונעם פאָלקסטימלעכן לעבן. די ניי־אויפגעהויבענע ריזיקע שפּראַך־פּלאַסטן פון די געדיכטסטע פאָלקס־מאַסן האָט מענדעלע סטיליסטיש דיסציפּלינירט, אַנטשפּרעכנדיק צו זיינע געזעלשאַפטלעכע טענדענצן, מיט דער הילף פון טיפסטער און אויפמערקזאַמסטער באַאַרבעטונג פון דער מאַסן־שפּראַך גופא, דורך אַ טיף און ליבעפול אַריינדרינגען אין איר אייגנטלעכן געוועב, אין דעם בעסטן, איידלסטן, לעבעדיקסטן, וואָס די דאָזיקע שפּראַך פאַרמאָגט, צופּאַסנדיק די נייע שפּראַך־מאַטעריאַלן צו זיינע אויפקלעריש־דעמאָקראַטישע איבערצייגונגען. דערציעריש האָט מענדעלע געווירקט אויף דער ליטעראַטור־שפּראַך אויך מיט זיין שטענדיקן אָנזאָג, אַז די יידישע שפּראַך איז ניט קיין הפקר, אַז מע דאַרף אויף איר אַרבעטן ווי איבער יעדער אַנדערער קולטורעלער שפּראַך, און אויך מיט דעם שטרענג־עקשנותדיקן ביישפּיל, וואָס ער האָט אין דעם פּרט מיט זיין שאַפן געגעבן.

4

מענדעלע האָט דער ערשטער געשאַפן אין דער יידישער שפּראַך הויכע דערציילערישע פּראָזע און אַ שפּראַך־סטיל, וואָס איז געווען ביז טיף דורכ־

געדרונגען מיט זיין באַציאונג צו דער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט און וואָס איז פון דער דאָזיקער באַציאונג מייסטעריש געפורעמט געוואָרן. זיין וואָרט איז ביז די אינטימסטע קנייטשן געפורעמט אַנטשפּרעכנדיק צו זיין באַציאונג צו דער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט. אין דעם פּרט איז ער טאַקע אַן ערשטער אין דער יידישער פּראָזע.

דער אופן, ווי מענדעלע האָט אין זיינע בעסטע שאַפונגען באַהאַנדלט די שפּראַך, איז, אַלזאָ, אויך לחלוטין ניט קיין שמאָל־נאַציאָנאַלער. גראָד זיין טיפער פאַרשטאַנד פאַר דער נייטיקייט צו קומען צו די פאָלקס־מאַסן אין זייער שפּראַך און די דאָזיקע שפּראַך קינסטלעריש אויסצופורעמען און צוצופּאַסן פאַר זיין אויפקלערונג — איז געשעפּט פון די בעסטע קולטור־קוואַלן אין זיין צייט.

מענדעלע האָט אין זיינע ווערק געוויזן ספּעציפיש־נאַציאָנאַלן שטייגער, ער האָט אין אַלע פּרטים גענומען אַלס אויסגאַנג־פּונקט די פאַקטן אין דער נאַציאָנאַל־ספּעציפישער סביבה, אָבער דאָס בעסטע אין זיין שאַפן האָט ער ארויסגעהויבן פון דער באַגרענעצטער סביבה צו אַן אַלגעמיינער ספּערע. דעריבער האָט זיין שאַפן ביי דער גאַנצער ספּעציפישקייט פון דער פאָרם — אַ גרויסן אַלגעמיינעם באַדייט, דעריבער אָרדנט עס זיך איין אינעם גרויסן שאַפונג־שטראָם, וואָס האָט זיך די 60ער יאָרן געברויזט אין די לענדער פון דער דעמאָלטיקער צאַרישער אימפּעריע און מיטגעהאָלפן דעם קאַמף פון די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן קעגן דער פאַרקנעכטונג דורכן צאַריזם און פעאָדאַליזם. דעריבער געהער זיין שאַפונג צום בעסטן, וואָס איז צו יענער צייט אַנטשטאַנען אַלס גייסטיקע קאַמף־מיטלען קעגן דער פעאָדאַלישער אָפּגעשטאַנענקייט.

די פאָרם פון מענדעלעס שאַפן איז זייער נאַציאָנאַל. ער האָט אָבער גע־שטרעבט אויך זי אויסבילדן לויט די בעסטע טראַדיציעס פון דער דעמאָלטיקער וועלט־קולטור. ניט אין אַלע פאַלן איז אים דאָס אַלצאיינס געראָטן. זיין געזעלשאַפט־קריטיק איז געווען זייער שאַרף, די שאַרפסטע אין דער ביז־אָקטאָבערשער יידישער פּראָזע, אָבער די פּאָזיטיווע פּראָגראַם, וואָס ער האָט געהאַט פאַרצולייגן דער געזעלשאַפט אויפן אָרט פונעם קריטיקירטן סדר, זיין משכילישע פּראָגראַם, האָט געהאַט ענגע גרענעצן. דאָס האָט זייט סוף יאָרהונדערט צומאָל צוריקגעווירקט אויך אויף זיין געזעלשאַפט־קריטיק. אָבער אין דעם בעסטן פון זיין שאַפן האָט זיין ליבע צו די מאַסן, זיין שטרעבן צו רעאַליזם, צו דערזען און צו שילדערן די ווירקלעכקייט און אירע פאָדערונ־גען אין זייער אמתדיקער געשטאַלט — באַזיגט די רעמלעך פון זיינע אָנ־שויאונגען. דעריבער האָט ער געקאָנט שאַפן אַזעלכע גרויסע ווערק, ווי „מסעות“, ווי „פישקע“.

די יידישיסטן און נאַציאָנאַליסטן ווילן פון אים מאַכן אַ הוילן שטייגער־מאָלער און סטיליסט, און מער גאָרניט. זיי ווילן, מע זאָל אין אים זען נאָר דאָס נאַציאָנאַל־ספּעציפישע, און מער גאָרניט. מיר אָבער שעצן אים דערפאַר, ווייל דאָס נאַציאָנאַל־ספּעציפישע איז אין זיינע מייסטער־שאַפונגען די פאָרם אויף אויסצודריקן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ טיפע שייכות צו אַלע אויף אַן ענלעכן אופן אונטערדריקטע האָרעפּאַשני־קעס און אָרעמע מאַסן, פון וועלכער נאַציע זיי זאָלן ניט זיין, עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ טיפע שייכות צו דער אַרבעטנדיקער און אונטערדריקטער מענטשהייט בכלל. דאָס לאַנגיאָריקע קינסטלערישע שאַפן מענדעלעס איז געווען איין גרויסער קאַמף אויף אויפ־צושטעלן די ווירדע פונעם אונטערדריקטן מענטשן, אויף אויפצושטעלן די ווירדע, וואָס ווערט צעטראָטן און באַשפּיגן פון די אויסנוצערס און פּאַראַזיטן אין דער געזעלשאַפט. דעריבער געהערט מענדעלע צו די קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור.

מענדעלעס סטיל

(וועגן „פישקע דער קרומער“)

„ווירקן אויף אַ פאָלק מענטשן קאָן נאָר אַזעלכער, וואָס איז ביין פון זייער ביין, פלייש פון זייער פלייש, וואָס האָט געליטן איינע צרות, געפילט איינע ווייטיקן מיט זיי.“

(מענדעלע, הקדמה צום „ווינטשפינגערל“, 1888.)

„...אַ ליטעראַטור, וואָס האָט ניט קיין שייכות צום פאָלק און צו זיין נויט און וואָס ווערט פון דעם ניט באַווירקט, — קאָן אויך קיינעם ניט ווירקן. זי האָט ניט קיין אינטערעס פאַרן פאָלק און זי איז איבעריק אינעם לעבן. די פאָלקס-מאַסע חידושט זיך, וואָס אַזאַ ליטעראַטור איז גאָר פאַראַן, און פרעגט: צו וואָס איז זי, וואָס וויל זי, וואָסער הילף ברענגט זי? — וואָס טוט אויף און וואָס נוצט אַזאַ שרייבער? וואָס טויג אַזאַ סטיליסט? און די דאָזיקע שרייבער ווערן צעטומלט און ווייסן ניט צו ענטפערן עפּעס רעכטס... ווי צו אַזאַ געערטן שרייבער, מיט אָן אַן עק ביכער, אויב סע באַגעגנט אים אַ מענטש פונעם פאָלק און פרעגט אים פּראָסט, אָן חכמות, די דאָזיקע פראַגע...“

(מענדעלע, „עין משפט“, דערשינען 1867.)

1. העל און טונקל

דאָס שטרענגע בוך „מסעות בנימין השלישי“ געהער צו די גרויסע ווערק פון דער וועלט-ליטעראַטור, וואָס ניט בלויז זיי פאַרקערפּערן אין סימבאָלן דאָס בילד פון אַ פאָלק, נאָר דאָס בילד פון אַ גאַנצער היסטאָרישער עפּאָכע, דאָס בילד פונעם אונטערדריקטן מענטשן, וואָס ליידט פון פאַרקריפּלטע געזעל-שאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. „מסעות“ איז אפשר די גרעסטע קינסטלערישע פאַראַלגעמיינערונג אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. אַ גרויסער טייל פון „פישקע דער קרומער“ שטייט אויף דער הייך פון „מסעות“. אינאיינעם מיט שלום-עליכמס „מאָטל פּייסי דעם חזנס“ און „טביה דער מילכיקער“ — און מע דאַרף דאָ נאָך צוגעבן אַ זאַמלונג נאָוועלן פון פּרצן — זיינען דאָס די „ביכער איבער אַלע ביכער“ אין דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור.

מענדעלעס בילדער פון לעבן און שטייגער פון די פאָלקס-מאַסן אַסאָצי-אירן זיך, פון איין זייט, מיטן גראָטעסק פונעם נידערלענדישן פויערים-מאָלער

ברויגעל, פון דער אַנדערער זייט, קומט אויפן זינען, אַז מע לייענט אַזאַ ווערק ווי „פישקע״, דער פּאַטעטישער און צוגלייך האַרצלעכער, טיף־מענטשלעכער רעאַליזם, וואָס איז דער מאַניר פון העל־און־טונקל ביים גרויסן רעמבראַנדט.

ווי באַוואוסט, איז רעמבראַנדטס אַ הויפּט־טעמע, טאַקע אַפילו אין פאַר־שיידענע אויסערלעך ביבלישע, עוואַנגעלישע און אַנדערע סוזשעטן — דאָס לעבן פון די פאָלקס־מאַסן, זייער נויט און זייער שיינע מענטשלעכקייט. רעמ־בראַנדט האָט מענטשן פונעם פאָלק באַהאַנדלט אין זיין שאַפן אַזוי טיף, מיט אַזאַ מעכטיקער ליבע, מיט אַזאַ גרויסן יראת־הכבוד — ווי זעלטן אַ קינסטלער אין דער געשיכטע פון דער מאַלעריי.

ער האָט אַרום זייערע געשטאַלטן, אַרום זייער לעבן און האַנדלען אויס־געשפּרייט אַזאַ וואונדערלעכע פּראַכט, אַזאַ שטראַלנדיקע הערלעכקייט, אַז יענע קונסט־פאָרשער, וואָס האָבן זיין כוונה ניט באַנומען, האָבן דערין געזען רעליגיעז־מיסטישן עקסטאַז.

רעמבראַנדט האָט די געשטאַלטן פונעם פאָלק געוואָלט שענקען דאָס בעסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער זיי אַריינגעשטעלט אין אַן אַטמאָספער פון צאַרטסטער, האַרצלעכסטער וואַרעמקייט, פון וואונדערלעכסטער פּאָעזיע, אין דער פּאָעזיע פון זיין גאָלדענעם ליכט.

יעדער שטריך אין זיינע בילדער איז דורכגעדרונגען מיט מעכטיק צאַפּל־דיקן לעבנס־געפיל, מיט טיפן קענען דאָס לעבן, די נויט און דעם טויט, מיט דערהויבענעם ערנסט, מיט פּאַטעטישקייט, וואָס שטאַמט פון אַ גאונישער ליבע צום פאָלק, מיט אַ גאונישן דרך־ארץ פאַרן פאָלק.

זיין ליכט — דאָס איז גאָלד צעשמאָלצן דורך ליבע און דורך קענטעניש פון לעבן. דער שאָטן, די טונקלקייט, וואָס ער מאָלט, איז ניט סתם פּוסטע פינצטערניש, נאָר קאָנצענטרירטע געדיכטקייט פון לעבן, אויף וועלכער דער העלער, וואַרעמער פאָדערגרונט מיט זיינע באַלויכטענע געשטאַלטן גיט בלויז אַן אָנצוהערעניש. זיין ליכט איז אַ רעאַליסטישער אַרעאַל, מיט וועלכן ער באַ־שיינט די געשטאַלטן, וואָס קומען פונעם פינצטערן לעבן, פון דער טונקלקייט אין הינטערגרונט, אין דיווינקלען. און דאָרט, אינעם טונקעלן הינטערגרונט, אין די פאַרשאָטנטע ווינקלען, פאַרקעט זיך דאָך דאָס געדיכטסטע לעבן.

רעמבראַנדט וואַרפט אַ שטראַל ליכט אויף אַ פראַגמענט פון ווירקלעכקייט, ווי וועלנדיק זאָגן: פון דעם באַלויכטענעם דרינג אויפן ניט־באַלויכטענעם! ס׳איז שיין און ווירדיק, כאָטש אין געדיכטער פינצטערניש.

קונסט־קריטיקער האָבן זיך אָפט געמאַטערט די קעפּ: פון וועלכן פּונקט וואַרפט אייגנטלעך רעמבראַנדט די שיין אויף זיינע בילדער: פון אויבן, פון פאָרנט, פון רעכטס, פון לינקס, צי פון דער זייט... עפּעס האָבן זיי דאָ אין דער ריכטונג פון דער שיין ניט געזען קיין אויסגעהאַלטנקייט. זיי האָבן ניט

געוואוסט, אַז זיין שייך, זיין ליכט גייט פון זיין האַרצן, פון זיין ליבע צום געפּלאָגטן מענטש, וואָס באַקומט שטאַרק צו פילן דאָס לעבן.

אָט אין דעם מין העל־און־טונקל מאַניר דערמאָנט מען זיך, ווען מע לייענט מענדעלעס מייסטער־ווערק „פישקע", „מסעות", די בעסטע טיילן פונעם „ווינטשפינגערל" און פון „שלמה ר' חיימס". אַפילו „מסעות"! — טראָץ דער סאַטירישער שאַרפקייט פון דעם ווערק, אָבער אַמדייטלעכסטן — ביים לייענען „פישקע".

מענדעלע וואַרפט אַ בונט גאָלדענע ליכט־שטראַלן אויף די פיגורן אינעם פאָדערגרונט און באַלויכט זיי — אַלס רמז און אָנצוהערעניש אויפן ניט־באַלויכטענעם הינטערגרונט. און ביי מענדעלען איז שטענדיק פאַראַן אַ טיפער הינטערגרונט. און דאָ איז כלומרשט פינצטער, אין אמתן — קאָנצענטרירטע געדיכטקייט. קיין שום שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור ווייזט ניט אָן מיט די ווערטער, וואָס ער זאָגט יאָ, מיט די בילדער, וואָס ער באַלויכט, — אויף אַזאַ רייכן, ניט־דערזאָגטן, ניט־באַלויכטענעם הינטערגרונט. קיינער שלעפּט ניט מיט יעדן געזאָגטן זאַץ אַזאַ שלל פון בילדער און אָנצוהערענישן. און דאָס, ניט עפּעס אַנדערש, איז דער באַטייט פון מענדעלעס „ניט דאָס בין איך אויסן".

אויסערלעך איז מענדעלע באַרעדעוודיק, — און פאַרט האָט קיין שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור ניט געגעבן אַזאַ „געדיכטע" שורה, מיט אַזויפיל קאָנצענטרירטן לעבן, ווי מענדעלע. קיינער איז ניט אַריינגעדרונגען אין אַזאַ געדיכטעניש פון לעבן, ווי ער.

מענדעלע איז ביטער־שאַרף, קריטיש, סאַטיריש — און פול מיט צערט־לעכקייט. ער חוזקט פון בנימינען, סענדערלען, פישקען, ר' מענדעלען א. אַז. וו. — און ס'ציטערט אין זיין חוזק טיפע ליבע. מענדעלעס טעמע איז שטענדיק: די טראַגעדיע פונעם אונטערדריקטן, עקספּלואַטירטן מענטשן, ווי ער צאַפּלט הילפלאָז און רייסט זיך געפינען אַ וועג, ווי ער שלאָגט זיך פאַר זיין מענטשלעכער ווירדע, וואָס ווערט צעטראָטן אין דער עקספּלואַטאַרישער געזעלשאַפט. ביי קיין שום שרייבער ווערט ניט אַזוי באַוואוסטזיניק, אַזוי אָפט און אַזוי שאַרף געטרעדט גראָד וועגן דער ווירדע פונעם פאָלקס־מענטש, ווי ביי מענדעלען, און וועגן דער ווירדע פונעם יידישן פאָלק. מענדעלעס שאַפן איז אַ קאַמף, וואָס האָט געדויערט אַ סך יאָרצענדליקער, — פאַר מענטשלעכער ווירדע. דעריבער האָט זיין שאַפן, טראָץ די בולטע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, — אַ גרויסן אַלגעמיינעם באַדייט.

דאָס אַלץ ווערט דייטלעכער, ווען מע פאַרגלייכט מענדעלעס שאַפן מיטן שאַפן פון זיין טאַלאַנטירטן צייט־חבר לינעצקי.

אין פלוג, פאַרמאָגן זיי ביידע אַ סך ענלעכס. די צייט און סביבה, אין וועלכער ביידע האָבן געשאַפן, איז איינע און די זעלבע. זייער אַנטוויקלונגס־גאַנג און זייער וועלט־אָנשויאונג איז — ניט געקוקט אויף באַשטימטע ניואַנסן — כמעט די זעלבע. די סביבה, וואָס זיי האָבן געשילדערט, איז די זעלבע. די טעמעס און סוזשעטן פון זייערע ווערק זייגען ענלעך — פונקט ווי די בילדער און געשטאַלטן, און פונקט ווי, אין תוך גענומען, אויך דער אידייאישער שטאַנדפונקט, פון וועלכן זיי ווערן געשילדערט. אויסערלעך איז אויך דער טאָן דער זעלבער, די טענות די זעלבע, די רעפאָרם־פאָרשלאָגן די זעלבע. דערצו נאָך האָבן זיי איינער דעם אַנדערן קעגנזייטיק באַווירקט. לינעצקי האָט אָנגערעגט מענדעלען, און מענדעלע האָט געווירקט אויף לינעצקין, כאָטש ער האָט אים קיינמאָל ניט געקאָנט איבערטראָגן. דאָס אַלץ איז אָן שום ספק. וואָס־זשע איז דאָ שייך צו רעדן וועגן אונטערשיידן?

און פאָרט איז צווישן זיי אַ געוואַלדיקער חילוק. ניט בלויז יענער חילוק, וואָס צווישן זייער אַ באַגאַבטן — און אַן אמתדיק גרויסן שרייבער, נאָר אויך דער חילוק, וואָס צווישן אַ שרייבער, וועמעס געפילן האָבן זיך ניט אויף קיין סך אַרויסגעהויבן איבער דעם משכילישן, ראַציאָנאַליסטישן יושר, און אַ שרייבער, וואָס האָט אַ חוץ אַבסטראַקטע אידעאַלן און אָנשויאונגען פאַרמאָגט די גליקלעכע גאָב פון ליבע.

לינעצקי האָט זיך געפילט וויטיקדיק שלעכט אין די דעמאָלטיקע געזעל־שאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. ווי אַ קראַנקער, וואָס פילט זיך שלעכט ביז משוגעת, האָט ער בייז און פאַרביטערט געשריען און זיך געוואָרפן, געשפּיגן מיט גאַל, געהאַקט, געבראָקט אין אַלע זייטן. מענדעלעס געזעלשאַפט־קריטיק איז געווען ניט ווייניקער שאַרף, אָבער טיף באַזיניקט דורך זיין גרויסן עמאָציאָנעלן חוש און פאַרשטאַנד פאַר די ענינים פונעם פאָלק.

לינעצקי האָט געשילדערט אַ שווער און פינצטער לעבן, און ער האָט עס געמאָלט פאַראומערט און פאַרצאָגט. שווער און פינצטער זיינען זיינע זייער טאָלאַנטפולע דערציילונגען, פול מיט מרה־שחורה. ניטאָ דאָרט קיין שטראַלעכל זון. מע קאָן זיך פון זיינע ווערק גאָר אַפילו ניט משער זיין, אַז ס'איז דעמאָלט געווען אַ זון אויף דער וועלט.

מענדעלע מאָלט אויך ניט ווייניק פינצטערניש און שאָטן — אָבער אַזוי ווי זיי באַווייזן זיך און ווערן בוילעט דווקא ביי דער העלער שיין פון ליבע. פּאַטאָס און דערהויבנקייט באַקומט די סאַטירע ערשט דורך ליבע. ניטאָ ביי לינעצקין מענדעלעס איידעלע האַרצלעכקייט און זיין לעבנס־פאַרשטאַנד. ניטאָ ביי אים די מענטשלעכע קלוגשאַפט, מיט וועלכער מענדעלע באַהאַנדלט די טראַגישע תמימות בנימינס און סענדערלס, דעם שוידערלעכן גורל פון די פישקעס און די האָרבאַטע מיידלעך.

לאָמיר זיך אויף אַ רגע פאָרשטעלן, וואָס ליניעצקי וואָלט געמאַכט פון אַזעלכע געשטאַלטן, ווי בנימין, סענדערל, פישקע, דער פאַקנטרעגער מענדעלע! ווען סע זאָל אים עמעץ פּרואוון זאָגן, אַז מע דאַרף אַרויסגעפינען ניט בלויז די שטריכן פון זייער אויסטערלישער אָפּגעשטאַנענקייט, נאָר אויך פון זייער קלוגשאַפט פון הארצן, פון זייער טראַגיק, מענטשלעכקייט און ווירדע, וואָלט ער זיך ביטער צעלאַכט.

אָן ספק: די לאַגע פון די בנימינס און פישקעס איז ליניעצקין אָנגעגאַנגען ביז צום ביין, זייערע ליידן האָט ער געליטן מיט גרויסן ווייטיק און נערוועזן פאַרדראָס. אָבער דער גרונט־טאָן פון זיין סאַטירע איז ראַציאָנאַליסטישער שפּאָט. ליבע איז ביי אים פאַראַן, ווייטיקדיקע ליבע, אָבער אין זיינע אומגעווײנלעך ביטערע און בייזע סאַטירישע געשטאַלטן הערט זיך זיין ליבע אַרויס מער פאַר אַלץ ווי אַ ראַציאָנאַליסטישע, אַבסטראַקטע פאָר־הנחה. זי רודערט אויף, אָבער זעלטן־ווען קאָן מען וועגן איר זאָגן, אַז זי וואַרעמט. ליניעצקי איז געווען אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטער טאַלאַנט — ס׳האָט אים אָבער געפעלט יענע גרויסע מאָס ליבע, יענע גרויסע מאָס אַכטונג צום מענטשן, אָן וועלכער די אמתע אַנטוויקלונג פון אַ טאַלאַנט איז ניט מעגלעך.

דער חילוק, וואָס צווישן מענדעלעס און ליניעצקיס געשטאַלטן און בילדער, ווייזט זיך אויך אין זייער סטיל און שפּראַך.

ליניעצקיס רייכער סטיל איז ווילד און אומבאַהערשט, כאָטש ער באַמיט זיך אים צו ברענגען אין אַ סדר. ער פאַרמאָגט אַ גרויסע שפע פון בילדער, ער וואַלגערט זיי אָבער אָן איינס אויפן אַנדערן אָן אַ מאָס, אָן האַרמאָנישער קאָמפּאָזיציע (אַן אויסערלעכע קאָמפּאָזיציע פירט ער דווקא יאָ דורך). זיינע בילדער אָן זאַצן זיינען אָפט — ווי שיפּענדיקע זידלערייען, אַרויסגעשליידערט אין אַ בייזן שטרייט. מענדעלען האָט זיך אין זיינע בעסטע ווערק יאָ איינגעגעבן צו צוימען דעם „באַראָקן״ כאַאָס פון זיינע בילדער, זיי אויסצוגלייכן, אויסצושטימען, אויסצובויען. אויך מענדעלע קרימט זיך אָפט ביז נאָך, פאַראָדירט און חוזקט ביטער, ער ווייסט אָבער דעם סוד פון מאָס, ווי־אַזוי אויסצולאָדן די שפּאַנונג דורך איבערגאַנגען, וואו ס׳איז נייטיק צו וואַרפן אַ שטראַל פון העלער שיין. קורץ: דורכצודרינגען זיינע בילדער מיטן טיפן שכל פון ליבע.

ליניעצקי האָט זייער אַ רייכע שפּראַך. לעקסיש איז זי ניט אָרעמער פון מענדעלעס, און אַמאָל אפשר אַפילו רייכער. ליניעצקי באַמיט זיך גראַמאַטיקאַליש צו אָרדענען זיינע זאַצן. באַזונדערס אין די שפּעטערע אויסגאַבעס פון זיינע ווערק. למשל, אין דער צווייטער אויסגאַבע פונעם „פּוילישן יינגל״ אינעם יאָר 1897. אָבער ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען: דער אָרדנענדיקער

פּרינציפּ איז ביי אים דער עיקר — אַ זייער זאָרגעוודיקע און אויסגערעכנטע אינטערפּונקטואַציע. אין תּוך איז זיין זאַץ געבליבן ווילד און כאַאָטיש. קיין ענדגילטיקן קער אין דער ליטעראַרישער שפּראַך־אַנטוויקלונג קאָן מען אין פאַרגלייך מיט אַקסענפעלדן דאָ ניט זען. די עלעמענטן פונעם „פּרימיטיוו" ווערן דער עיקר אויסערלעך פאַרגלעט און צוגעדעקט דורך דער קונציקער אינטערפּונקטואַציע.

זיינע פּעריאָדן באַשטייען פון אַזויפיל און אַזוי ווילד אָנגעוואַלגערטע און אַריינגעשאַכטלטע נעבנזאַצן, אַנטוויקלטע און ניט־אַנטוויקלטע, לאָגיש פאַרענדיקטע און ניט־פאַרענדיקטע, אַז ער קאָן זיך כמעט אין יעדן צווייטן־דריטן זאַץ ניט באַגיין אָן אַ פּיל־פּונקט...* ניט דווקא צוליב דעם, ווייל ער וויל געבן אָנצוהערן אויף עפּעס ניט־דערזאָגטס, נאָר כדי צו פאַרענטפערן די האַרבקייט פונעם זאַצבוי. אַזעלכע ווילד־רייכע און דערביי אויסטערלישע פּעריאָדן זיינען ניט ביז צו אים און ניט נאָך אים ניט געווען אין דער יידישער ליטעראַטור.

פאַר זיך איז דאָס אַן אויסערגעוויינלעך טשיקאַווע שפּראַכלעכע דערשיינונג. אַ ווילד פלייצעניש פון בילדער און ווערטער, מעכטיקע רויע און שווערע גליבעס, אַרויסגעשליידערט מיט גרויסער ריטאָרישער ליידנשאַפט. ביי דעם אַלעם איז אָבער זיין זאַץ ווייט ניט דאָס, וואָס מע רופט אָן זאַפטיק. לינעצקי שעפּט זיין שפּראַך פונעם לעבן פון פאָלק, אָבער עפּעס איז זי, זיין שפּראַך, אָנגעדרודלט, פאַרדראָסיק און בייז, איז ניט דורכגעוואָרעמט, ניט דורכגעטראַכט מיט ליבע, ווי ביי מענדעלען. לינעצקי ווייסט ניט פון קיין מאָס. געוויס איז ער אין זיין גאַנצן תּוך זייער פאָלקסטימלעך. אָפט טרעפט זיך אָבער, אַז לינעצקי האַלט די גראָבקייטן פונעם זידלערישן שטייגער אויך פאַר „פאָלקסטימלעך". ביי מענדעלען פעלן די דאָזיקע און אויך אַנדערע פּסעוודאָ־פאָלקסטימלעכע אַטריבוטן, זיין שפּראַך איז צניעותדיק און פון טיף אינעווייניק פאָלקסטימלעך.

מענדעלעס שפּראַך איז קרעפטיק, אָבער ווייך. זי שטראָפט מיט אַן אויסגעגליכענעם ברוסטיקן היימישן טאָן. דאָס זאַמד איז אויסגערייניקט, דערביבער איז דאָ אומעטום טיף. מענדעלע גלעט ניט נאָר דאָס וואָרט, נאָר אויך דעם זאַץ.** ער האָט פאַר דער שפּראַך, דער געניאַלער שאַפונג פון די פאָלקסמאַסן, יענעם הויכן דרך־ארץ, צו וועלכן ס'איז פּייאיק נאָר אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט גרויסע קולטור פונעם פאַרשטאַנד און פונעם געמיט.

מענדעלעס סטיל און שפּראַך, זיין „נוסח" איז שווערער זיידענער בראָקאַט.

---

* פאַרגל. „דאָס פּוילישע יינגל", 1897, אָדעס.
** ביז צו מענדעלען זעען מיר אַזוינס נאָר ביי עטינגערן.

אויסגעהאָפּטן מיט איידלשטיינער, מיט גאָלדענע, זילבערנע און איידל־געפּאַרבטע פעדעם, אויסגעצירט מיט האַרמאָניש־געצייכנטע אָרנאַמענטן. זיין שפּראַך־סטיל איז אַזוי רייך, אַזוי וואָגיק, אַזוי אָנגעזאַפּט מיט אַסאָציאַציעס, אַז אין אַ נויט קאָן דאָס שווערע זיידענע מלבוש אַליין שטיין, אָן אַ מענטשן דרינען. שלום־עליכם האָט געלערנט ביי מענדעלען צו פאַרוואַנדלען די שטייגער־שפּראַך אין קינסטלערישער ליטעראַטור־שפּראַך. שלום־עליכמס שפּראַך איז נאַטירלעכער, פליסנדיקער, ס׳איז איר צוגעקומען יענער תמימות־דיקער חן, יענער הומאָר פון תמימות, וואָס איז דעם שטאַרק־אינטעלעקטועלן טאַלאַנט מענדעלעס געוויינלעך ניט אייגנטימלעך. אָבער שלום־עליכמס שפּראַך איז לייכטער, מיט וויניקער הינטערגרונט און אַסאָציאַציעס.

און מענדעלע שעפּט אַלץ פון די פאָלקס־רייד — סיי די לעקסיק, סיי דעם זאַצבוי און סיי אַפילו די סטילפולע ריטאָריק. אויך זי, די ריטאָריק זיינע, פאַרמאָגט יענע נאַטירלעכקייט פונעם וואָרט־שטראָם, וואָס איז געוויינלעך פאַראַן נאָר ביים סטיכייאישן רעדן. דאָס זיינען פאָלקסטימלעך־שטייגערישע נאַטירלעכע רייד, אָבער אויפגעהויבן צו דער מדרגה פון הויכן „אַרטיזם", פון הויכער קינסטלערישקייט, באַהערשט און געפירט לויט זיין ווילן און אויפ־געגעבענעם זין.

גאַנץ אָפט טרעפט זיך, אַז מע קאָן לינעצקיס שפּראַך הויך לייענען ניט אַנדערש סיידן נאָר מיט אַ קוועטש, מיט אַ חוזקדיקן טראָפּ, מיט אַ קרעכצנ־דיקער אינטאָנאַציע. מענדעלעס שפּראַך פאַרמאָגט אומעטום אינעווייניק מוזי־קאַלישע האַרמאָניע, אַ טיפן אינעווייניקסטן ריטם. זי איז רייך מיט פאַר־שיידנאַרטיקע אינטאָנאַציעס — אָבער שטענדיק פול מיט ווירדע. זי טרעפט אין פינטל, איז רייך אין מאָדולאַציעס און זשעסטן, פליסט האַרצלעך, זויבער און ציכטיק, ווי פליסנדיק גאָלד.

מענדעלעס שפּראַך פאַרמאָגט אומעטום די איידעלע „פּאַטינאַ" פון אַלטע עכטע מייסטערישע בילדער, דאָס געוויסע עפּעס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַרן מייסטער, און קיין שום פעלשער קאָן עס ניט נאָכמאַכן, וויפיל ער זאָל זיך ניט באַמיען. די דאָזיקע „פּאַטינאַ" שטאַמט פון באַשטימטע כעמישע ענדערונגען אינעם מאָל־מאַטעריאַל, וואָס קומען מיט דער צייט. דורך דעם גיסן זיך די דעטאַלן מער אָרגאַניש צונויף, שאַפן אַ גרעסערע אילוזיע פון נאַטירלעכקייט, פון אַ פאַרגאַנצטן לעבנס־אויסצוג. זיי פאַרגלעטן די צו שטאַרק אַרויסטאַרטשענדיקע מאָמענטן. דער ענלעכער איינדרוק פון מענדעלעס ווערק שטאַמט ניט אַזוי ווייט פון דער צייט־דיפערענץ, וואָס זייט מענדעלען ביז אונדז, ווי פון מענדעלעס איידעלן קינסטלערישן וואָרט־מאַטעריאַל, און דער עיקר פון די אוצרות אָנגעזאַמלטער פאָלקס־קולטור, וואָס זיינען רעאַליזירט און אָפּגעשפּיגלט אין זיין שאַפן.

ווי אין מייסטערישע בילדער, איז יעדעס שטיקל, וואָס מע זאָל ניט אַרויס־רייסן פון זיינס אַ ווערק, פול מיט לעבן, באַוועגונג און רייכע דעטאַלן, ווייל זיין וואָרט איז דורכגעגאַנגען דורכן שטראָם פון ליבע און דרך־ארץ צו די פאָלקס־מאַסן און איז דורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין וועגן דער טראַגיק פון זייער לאַגע.

2. טראַדיציעס און ווירקונגען

א. יידישע קוואַלן

אַ חוץ אַ סאָלידער אַלגעמיינער בילדונג, סיי אין די הומאַניסטישע און סיי אין די נאַטורוויסנשאַפטלעכע געביטן, האָט מענדעלע געהאַט רייכע ידיעות אין אַלע צווייגן פון דער אַנטיקער, מיטלאַלטערלעכער און נייער העברייאישער ליטעראַטור. ער איז געווען באַהאַוונט אין די ביכער פון דער ביבל, אין דעם „גרויסן ים“ פון תלמוד, הלכה און אגדה, פוסקים, קבלה, קאָמענטאַטאָרן, פלפול, שאלות־ותשובות, חקירה און מליצה (מיטלאַלטערלעכע פילאָסאָפיע און דיכטונג), לעגענדן־ און מעשיות־ליטעראַטור, היסטאָריאָגראַפיע, רייזע־באַשרייבונגען, ליטורגישע ליטעראַטור, באַשרייבונגען פון מנהגים און סגולות א. אַז. וו. פאַרשטייט זיך, אַז מענדעלע איז געווען זייער היימיש אין דער נייער העברייאישער השכלה־ליטעראַטור און אין דער א. ג. חכמת־היהדות. אין זיין סטיל האָט זיך דאָס אַרויסבאַוויזן דורך אַ שלל רעמיניסצענצן, אַסאָציאַציעס, בילדער, סטיליזירונגען, מעטאַפאָרן, רייד־פיגורן א. אַז. וו., סיי ערנסט־געמיינטע און סיי איראָנישע, פאַראָדיסטישע.

מענדעלעס אינטעלעקט איז דערצויגן געוואָרן דורך דער השכלה. פון איר האָט מענדעלע באַקומען די ערשטע אויפקלערונג וועגן דעם לעבן פונעם פאָלק און פון דער געזעלשאַפט. דער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל פון דער השכלה איז געווען די אַבסטראַקטע גערעכטיקייט. די געזעלשאַפטלעכע פאָדערונגען פון דער צייט האָבן די משכילים געפּרואווט אויסדריקן דורך פאָרשטעלונגען און בילדער פון די ביבלישע נביאים, פון זייער עטישן פּאַטאָס. זיין באַציאונג צו דער ביבל איז אין אַ באַשטימטער מאָס ענלעך געווען צו דער באַציאונג פון די הומאַניסטן און רעפאָרמאַטאָרן אין דער צייט פון רענעסאַנס. דאָס איז דער אינעווייניקסטער זין פון דער ביבלישער מליצה אינעם שאַפן פון די משכילים.

אַז מע האָט אָבער די „אַבסטראַקטע גערעכטיקייט“ געדאַרפט קאָנקרעטי־זירן לויט די פאַרהעלטענישן פון דער צייט, האָבן די ביבלישע פאָרשטעלונגען און בילדער ניט געקאָנט קלעקן. וועגן בעל־טאַקסעס, קהלשע תקיפים און כאַפּערס, וועגן גוטע־יידן און צאַרישע רעפּרעסיעס איז אין דער ביבל גאָר־

בישט געשטאַנען. מיט ביבלישע זאַצן האָט מען וועגן דעם געקאַנט רעדן נאָר אַבסטראַקט. די ביבלישע מליצה ווערט דאָ גיך פּראָזאַלאָגיש און פּוסט. איינצלנע משכילים האָבן זיך פאַרט געמיט צו געבן קאָנקרעטע, קריטיש־סאַטירישע שילדערונגען פונעם לעבנשטייגער אינעם פּאַטעטישן סטיל פון דער ביבל (למשל: מאָפּו אין זיין „עיט צבוע״). ס׳האָט זיך באַקומען נאַאיוו, אַנאַכראָניסטיש. דאָ איז געווען גוטער ווילן, אָבער זייער ווייניק עכט לעבן. טראָץ אַ סך דעטאַלן פון דער ווירקלעכקייט, האָט דאָ ווייטער געהערשט די אַבסטראַקציע.

אויך מענדעלע האָט אין אָנהייב געפּרוּווט גיין אויף דעם זעלבן וועג אין זיין ראָמאַן „האבות והבנים״. ער האָט אָבער גיך דערזען, אַז דאָס איז אויס־זיכטלאָז. קאָוונער, אַן אָנהענגער פּיסאַרעווס, האָט דאָ מיט זיין שאַרפער קריטיק מענדעלען אַ סך געהאָלפן. ער האָט מענדעלען געהאָלפן אַוועקגיין פון די אַבסטראַקטע אידעאַלן — צו די פאָלקס־מאַסן, צו זייער לעבן און צו זייערע נויטן, צום לעבעדיקן לעבן. אונטער דער ווירקונג פונעם פּילאָלאָג ליפשיץ, דעם אידעלן דעמאָקראַט, האָט מענדעלע אָנגעהויבן צו באַנעמען, אַז קומען צום פאָלק קאָן מען נאָר מיט דער שפּראַך פונעם פאָלק, אַז אויפקלערונג דורך העברייאיש איז אַן אַבסטראַקציע, אַן אילוזיע. דאָ, אין דער יידישער שפּראַך, איז אים תיכף געוואָרן גראַם. דאָ האָט אים תיכף אַ פלייץ געטאָן אַ ריזיקע שפע פון לעבן און וואָרט.

עפּעס ערגעץ־וואו, טיף אינעם הינטערגרונט פון באַוואוסטזיין און שטי־מונג, איז ביי מענדעלען אויף שטענדיק געבליבן דער אַבסטראַקטער, ביבליש־נביאישער עטישער פּאַטאָס. דאָס לאָזט זיך הערן אין טאָן פון זיינע געזעל־שאַפטלעכע טענות. דער פּאָזיטיווער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל, די פּאָזיטיווע פאָרשלאָגן צו לייזן די נויטן פון דער געזעלשאַפט, זיינען ביי אים אויף שטענדיק פאַרבליבן אָדער קליינבירגערלעך באַגרענעצט — דעמאָלט, ווען ער קאָנקרעטיזירט זיי, אָדער אַבסטראַקט פאַרנעפּלט — ווען ער רעדט וועגן זיי אין אַלגעמיינע זאַצן. אויף עפּעס אַן אופן באַווייזט זיך דאָס אויך אין די עלעמענטן פון „מוסר״, וואָס אין זיינע איינגעפלאָכטענע רעפלעקסיעס, אין זיין נטיה צום דידאַקטישן מאָראַליזירן. קאָנקרעט, פול מיט לעבן, מיט קעמפערישקייט ווערט זיין שאַפן, ווען ער קריטיקירט די געזעלשאַפט. זיין צעשטערערישע קריטיק, זיין נעגירן דאָס געזעלשאַפטלעכע אומרעכט אַנט־האַלט אָן אַן ערך מער אָנווייזן אויף דער אמתדיקער לייזונג פון די ווידער־שפּרוכן אין דער עקספּלואַטאַטאָרישער געזעלשאַפט, איידער זיינע פּאָזיטיוו אַרויסגעזאָגטע קאָנקרעטע פאָרשלאָגן.

קאָנקרעט זען און באַנעמען די געזעלשאַפטלעכע ווירקלעכקייט — דאָס האָט מענדעלע געלערנט ביי די גרויסע רוסישע שרייבער, אין דער קולטור־

אַטמאָספער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישער אויפקלערונג. די אידייען טשערנישעווסקיס, דאָבראָליובאָווס, פּיסאַרעווס האָבן אין מענדעלען אַנטוויקלט די פילבאַרקייט צו דער לאַגע פון די פאָלקס־מאַסן. ערשט דעמאָלט האָט מענדעלע געקאָנט אויפנעמען אַנטשיידנדיקע ווירקונגען פון גאָגאָלן, פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרינען.

מענדעלע האָט געלערנט ביי גאָגאָלן אויפצוכאַפּן דעם תוך פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטייגערישע בילדער און געשעענישן. ער האָט ביי אים געלערנט יענעם טיפן הומאַניזם, וואָס זעט די טראַגיק פון אַ היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכער לאַגע ניט דווקא אין דער געהויבענער, הערויִש־פּאַטעטישער ספערע, נאָר דאָרט, וואו זי איז, — אויך אין דער געוויינלעכער, וואָכעדיקער וועלט. גאָגאָלס „טויטע נפשות" האָבן געשאַרפט מענדעלעס בליק צו דערזען דאָס כאַראַקטעריסטישע אין די דעטאַלן. מענדעלע האָט ביי גאָגאָלן געלערנט דעם פּאַטאָס פון רעאַליזם, וואָס ווערט ביז טיף צערודערט פון דער העסלעכקייט אינעם פאַרקריפּלטן לעבן, וואָס האָט אָבער דעם מוט די דאָזיקע העסלעכקייט אָפּצומאָלן אַזוי, ווי זי איז.

סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, ווידער, האָט אויף מענדעלען געווירקט מיט זיין ליידנשאַפטלעך שטרעבן אויפצוקלערן די פאָלקס־מאַסן וועגן זייער לאַגע, און אויך וועגן זייער אייגענער אָפּגעשטאַנענקייט. מענדעלע האָט ביי אים געלערנט ביז פּיינט האָבן דעם אונטערדריקער, יעדן מין פאַרקריפּלונג פונעם לעבן, בלוטיק צו וויטיקן פאַר די פאָלקס־מאַסן — אָבער, וואו נייטיק, זיי צו שטראָפן. מענדעלע איז ביי סאַלטיקאָוון זייער פיל געוואויר געוואָרן וועגן דער ווירדע פונעם פאָלק, פונעם אונטערדריקטן מענטש. סאַלטיקאָוו־שטשעדרין האָט אויף מענדעלען געווירקט מיט דער הויכער פּאַטעטיק פון זיין סאַטירע.

ווירקונגען פון גאָגאָלן און סאַלטיקאָוו־שטשעדרינען זעען מיר אויך אין דעם, ווי מענדעלע באַהאַנדלט סימבאָלישע עלעמענטן אין דער סאַטירע און ווי־אַזוי ער סינטעטיזירט אין רעאַליסטיש־סימבאָלישע געשטאַלטן שטעט, כאַראַקטערן, גורלות, געשעענישן — ריזיקע סך־הכלען פונעם לעבן. דער אופן, ווי מענדעלע באַהאַנדלט די פאָלקסטימלעכע שעפערישקייט און דאָס וואָרט פונעם פאָלק, איז אויך באַווירקט פון די דאָזיקע צוויי גרויסע שרייבער.

גאָגאָל האָט ליב געהאַט צו באַצייכענען די „טויטע נפשות" אַלס פּאָעמע. דערמיט איז ער אויסן געווען, אַז דאָס דאָזיקע ווערק איז די עפּאָפּייע וועגן לעבן און ליידן פונעם גרויסן, איידעלן, אָבער דורך לייבאייגנטום אונטערדריקטן רוסישן פאָלק. און אויך, אַז די פּראָזע אין דעם בוך זיינעם פאַרמאָגט ניט ווייניקער אינערלעכע ריטמיק און זינגעוודיקייט, איידער פּאָעזיע — אויסערלעכע. אויך דאָס שטאַרק־קאָנצענטרירטע בילד, דאָס זייער רייכע, זייער וואָגיקע וואָרט האָבן גאָגאָלס פּראָזע ענלעך געמאַכט צו פּאָעזיע.

אין דעם זינען זיינען אויך „מסעות“, „פישקע“, טיילן פון „ווינטש־פינגערל“, פון „שלמה ר׳ חיימס“ — קאַפּיטלען פון אַ „פּאָעמע“.

אַ חוץ אויסנאַם־פאַלן, האָט מענדעלע געפעלט די פיאיקייט צו פאַר־ענדיקטע גרויסן לייוונטן. אַז מע וויל, קאָן מען זאָגן, אַז זיינע בעסטע ווערק זיינען טיילן פון איין גרויסן בוך. זיי זיינען אַפילו אויסערלעך אָפט צונויפ־געבונדן דורך דער געשטאַלט פון מענדעלע דעם מוכר־ספרים, דורך די זעלבע בילדער פון טונעיאַדעווקע, גלופּסק א. אַז. וו. זיין הויפּט־פּערסאָנאַזש איז דער פאָלקס־כאַראַקטער, וואונדערלעך סינטעטיזירט אין עטלעכע, כמעט סימבאָלישע, מאָנומענטאַלע געשטאַלטן. אָבער אין זיין פּראָזע געפינען מיר אָן ענלעכע אינערלעכע ריטמיק, ווי ביי גאָגאָלן, די זעלבע קאָנצענטרירטקייט פון בילד, די זעלבע געשליפנקייט פונעם זאַץ און וואָגיקייט פון וואָרט. ווי גאָגאָלס „טויטע נפשות“, זיינען מענדעלעס בעסטע ווערק אַן עפּאָפּייע וועגן דיליידן פון אַ פאָלק, פונעם יידישן פאָלק, אונטער דעם וויסטן דרוק פון צאַריזם און פעאָדאַלישע פּריצים.

ווען מענדעלע האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש, האָט ער בשום־אופן ניט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט די אויפטועכץ פון דער יונגער, נאָך ווייניק אַנט־וויקלטער נייער יידישער ליטעראַטור. פאַרקערט: ער האָט זיך צו זיי באַצויגן מיט אָפּשיי און האָט זיי אין זיין שאַפן פאַרסאַכאַקלט. אַנדערש וואָלט ער ניט געקאָנט ווערן דער גרויסער יידישער שרייבער, וואָרים ער וואָלט געמוזט אָנהייבן פון אָנהייב די ריזיקע אַרבעט, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן פון זיינע פאָרגייער, סיי אין פּרט פון קינסטלערישן פיקסירן די אומגעהייערע מאַסע שטייגערישע דערשיינונגען און פאַקטן אין דער נאַציאָנאַלער סביבה און סיי אין פּרט פון קינסטלערישן „פאַרשרייבן“ און באַאַרבעטן די גערעדטע שפּראַך. אַקסענפעלד, עטינגער, גאָטלאָבער, פאַרשיידענע האַלב־פאָלקלאָרישע שרייבער און אויך דיק — זיינען געווען פאָרגייער מענדעלעס ניט בלויז אין כראָנאָ־לאָגישן זינען, נאָר טאַקע אויך וואָס שייך ווירקונג. מיר קאָנען ביי מענדעלען פעסטשטעלן אָנרעגונגען אויך פון יידישע שרייבער, וואָס האָבן געלעבט אין איין צייט מיט אים, למשל פון לינעצקין.

אין מענדעלעס סטיל — אין שפּראַך און בילד — שפּילן אַ גרויסע ראָל, אַ חוץ דעם מינדלעכן פאָלקלאָר, אויך די טראַדיציעס פון דער אַלטער יידיש־טייטשער ליטעראַטור. מעשה־ביכער, ראָמאַנטישע ריטער־ראָמאַנען, עלטערע און נייערע לידער, פּורים־שפּיל, יוסיפון, שארית־ישראל, ספר־הישר אין יידישער שפּראַך, צאינה־וראינה, נחלת־צבי, תחינות, מוסר־ביכער אויף יידיש, קב־הישר, מנורת־המאור, שבט־מוסר, די יידישע איבערזעצונגען פון

געבעט־ביכער א. אַז. וו. — קורץ, די גאַנצע רייכע סיי פֿאָלקסטימלעך וועלט־לעכע און סיי די רעליגיעזע און האַלב־רעליגיעזע ליטעראַטור אינעם עלטערן יידיש איז אָפּגעשפּיגלט אין באַשטימטע מאָמענטן פון מענדעלעס סטיל.

דאָס איז פֿאַרבונדן מיטן פֿאָלקסטימלעכן כאַראַקטער פון מענדעלעס שאַפֿן. וואָרים די דאָזיקע עלטערע יידישע ליטעראַטור איז געווען פֿאַרוואָרצלט אינעם פֿאָלק, שטאַרק פֿאַרשפּרייט און באַליבט אויך נאָך צו זיינע צייטן און אַפילו אַ היפּש שטיק צייט שפּעטער. פונדאַנען האָט מענדעלע געשעפּט מאַטעריאַל פאַר זיין סטיל, און נאָך מער פֿאַר זיין סטיליזירן. ער נעמט אַמאָל פון דאָרט אַ וואָרט, אַ זאַץ, אַ גראַמאַטיקאַלישע פֿאָרם, אַ בילד — און עס זיצט פעסט, ניט צו רירן פונעם אָרט, עס צאַפּלט פריש און לעבעדיק, שפּילט מיט אַלע פאַרבן.

אָפטער נאָך איראַניזירט ער פון די דאָזיקע עלטערע פאָרמען, אַמאָל גוט־מוטיק און מיט אַ צומיש פון ליריזם, ווי, למשל, אין „פישקע״: „אַלמעכטיקער גאָט! — זאָג איך מיט אַ געבעט אויף תחינה־לשון״ א. אַז. וו. און אַמאָל מיט בייזער פּאַראָדיע — דאָרט, וואו ער שטראָפט די פֿאָלקס־מאַסן פאַר זייער אָפּגעשטאַנענקייט.

דייטלעך באַווייזן זיך די דאָזיקע טראַדיציעס אינעם סטיל פון מענדעלעס רעפלעקסיעס און רעזאָניאָרישע באַטראַכטונגען, און מער פון אַלץ אינעם טאָן, מער נאָך ווי אין שפּראַך און בילדער. לויט זייער אינערלעכן טאָן זיינען די דאָזיקע באַטראַכטונגען זייער קרוביש צו יענע „שטראָף־רייד״ אין די מוסר־ביכער, וואָס זיינען געווענדט קעגן תקיפים, גבירים, קהלס־לייט און באַ־דריקערס פונעם פאָלק, צו יענע ביטערע קלאָגן, וואָס רעדן מיט אַזויפיל האַרץ וועגן דער דאַליע פון די „פראָסטע מענטשן אינעם פאָלק״.

ס׳לוינט דאָ אַ ביסל נעענטער אַ קוק צו טאָן.

„...אָבער אַז דער מענטש פירט זיך ניט ווי רעכט איז, ער אין דעם כלל פון „נשיאים ורוח״, דאָס איז טייטש: וואָלקנס און ווינטן. דען אַזוי ווי דער וואָלקן ווערט פאַרלענדט און גייט אַוועק און קערט ניט ווידער, אַזוי אויך דער מנהיג־קהילה, וואָס איז זיך ניט נוהג ווי רעכט איז, דאָס ער זאָל זיך נוהג זיין, ווי איין מנהיג פון די ישראל באַדאַרף, און ער ליידט ניט אויף זיך די משא פון די ישראל, און האַלט זיך בעל־גאווה קעגן זיי — גייט ער פּלוצלינג אַוועק פון דער וועלט, און צו זיינע קינדער איז קיין געדעכעניש ניט.

„און אין דער בעץ ווערן געכאַפּט פיל מנהיגים פון וועגן זייער גאווה און הערשאַפט און וואַרפן איין גרויס פאָרכט אויף דעם עולם ניט פון גאָטס וועגן, און העלפן ניט דעם עולם מיט די מסים (שטייערן — מ. וו.), דאָס אויף זיך מאַכן זיי גרינג דעם מס (שטייער — מ. וו.) און אויף אַנדערע מאַכן זיי שווער. און אַלערליי כבוד און גדולה נעמען זיי איין חלק צום ערשטן. און זייער

פנים פלאַמט תמיד מחמת טרינקען. און [זיי] זיינען שטאַרק און געזונט, מחמת זיי טאָן זיך אָן דאָס גלוסטיקייט פון זייער האַרץ.

„און די עדה, די קינדער פון אברהם, יצחק, יעקב, זיינען צעשטויסן און נידעריק, און גייען נעבעך, נאַקעט און באָרוועס... מחמת די שמשים, וואָס זיינען גובה דעם מס (מאָנען איין דעם שטייער — מ. וו.), און די באַדינערס פון קהל באַגזלנען זיי, און קומען מיט אכזריות אין זייערע הייזער און כאַפּן און ראַבעווען, פון וואָס זיי געפינען. און [זיי] זעען, אַז די באַלעבאַטים (ד. ה. דער פּראָסטער עולם — מ. וו.) זאָלן בלייבן בעירום ובחוסר כל (נאַקעט און אָן אַלץ — מ. וו.) און נעמען אַפילו זייערע קליידער אויך צו, און אַפילו זייער טלית און קיטל — און פאַרקויפן עס פאַר ווייניק געלט. און אַפילו דאָס בעט־געוואַנט נעמט מען ביי זיי צו. און ביי די באַלעבאַטים בלייבט מער ניט, נאָר דאָס שטרוי אין די בעטן. און אין דער צייט, אַז עס איז קאַלט, אָדער רעגן גייט — ציטערן זיי נעבעך. און ער מיט זיין ווייב און קינדער וויינען איטלעכער אין איין באַזונדערווינקעלע...

„און עס איז פאַראַנדן אַזעלכע מנהיגים, וואָס טאָן נאָך אַ גרעסערע עבירה: דאָס זיי עסן און טרינקען פון קהלס געלט, און גיבן דערפון נדן צו זייערע זין און זייערע טעכטער, און מתנות צו חתן־כלה. און דאָס געלט ביז אַלץ — דאָס רויבונג און יגיע־כפּם (האָרעוואַניע — מ. וו.) פון די ישראל. און אויף אַזאַ איין מנהיג און אַזוי איין פרנס גייט איין כרוז (אַ הימלש קול — מ. וו.) פאַר אים און רופט: דאָס איז דער, וואָס עסט דאָס בלוט און פלייש פון דעם פאָלק ישראל, ער גזלט אָרעמע לייט און יתומים און אלמנות! און דער כרוז שעלט אים מיט פיל קללות, און זיין תפילה ווערט ניט צוגעהערט, גאָט ברוך־הוא זאָל אונדז מציל זיין פאַר זיין עונש...‟

אָדער:

„...אַז עס קומט די צייט פון קעלט... דער עושר — איז זיין הויז גוט געבויט, און ער זיצט זיך ווי איין הער אין דער ווינטער־שטוב, און זיין אויוון איז וואַרעם, און ביי אים אין שטוב איז אויך גאַנץ וואַרעם. און דער אָרעמאַן — ניט גענוג, וואָס זיין שטוב איז פול מיט לעכער, נאָר ער האָט אַפילו ניט, פאַר וואָס זיך האָלץ צו קויפן, ער זאָל זיין לייב קאָנען אָנוואַרעמען. און די קעלט צעברעכט זיין לייב און זיין גוף און די לייבער פון זיין הויזגעזינד. און אַז אַ רעגן גייט — רינט אין זיין שטוב אַריין, און די וואַסער גיסט זיך אויף זיין האַלדז. און אַלע טעג פון איין אָרעמאַן זיינען מיט גרויס צער, און ער מיט גאָר זיין הויזגעזינד זיפצן תמיד און שרייען — און פונדעסטוועגן נעמען זיי עס אַלץ אָן מיט ליבשאַפט. און אַז שבת און יום־טוב קומט, וואָס דעמאָלט איז די צייט זיך צו זענפטן מיט עסן און טרינקען און מיט שיינע קליידער — און דער אָרעמאַן האָט קיין ברויט ניט!... און ווער קאָן עס אויסשרייבן גאָר

די ביטערקייט און גאָר דעם צער, וואָס דער אָרעמאַן ליידט... דען דער אָרעמאַן איז אויף דער וועלט גערעכנט ווי אַ מת...״

די דאָזיקע צוויי פראַגמענטן פון מגידישן מוסר זיינען גענומען פון אַ געוויינלעכן, טיפּישן מוסר־ספר („קב הישר״ — פון צבי הירש קיידאַנאָווער,* אַנשטאַנען סוף 17טן יאָרהונדערט), וואָס איז אַמאָל זייער פּאָפּולער געווען צווישן ברייטסטע מאַסן. דער בוך איז פול מיט משונהדיקסטע אָבערגלויבע־נישן און געהער צו יענעם מין ליטעראַטור, וואָס האָט ניט ווייניק געווירקט אויף צו פאַרווילדערן די פאָרשטעלונגען און דאָס לעבן.

אָבער די דאָזיקע ביכער און פאָרשטעלונגען זיינען דאָך געווען אַ רעזול־טאַט פון דער אומדערטרעגלעכער לאַגע, אין וועלכער די מאַסן האָבן זיך געפונען, אַ רעזולטאַט פון פאַרצווייפלונג און מרה־שחורה אָן אַ ברעג. דורך דער געדיכטעניש פון די פינצטערע השגות רייסט זיך דאָ פון מאָל צו מאָל דורך אין פּראָסטע ווערטער דער ביטערער ווײ פונעם פאָלק. באַווייזט זיך אַמאָל אויף אַ רגע דאָס ליבהאַרציקע, ליכטיק־באַזוניקטע פּנים פונעם פאָלק, פון די פאָלקס־מאַסן. באַווייזט זיך אויף אַ רגע, ווי אַ זון־שטראַל, — און פאַרשווינדט. דעמאָלט באַקומען מיר צו הערן יענע „שטראָף־רייד״ פול מיט טיפער מענטש־לעכקייט, אין וועלכע דאָס פאָלק באַקלאָגט זיך אויף זיין דאָליע. דעמאָלט באַקומען מיר אויך צו הערן — אין אַריינגעפלאָכטענע מעשיות, משלים, ווערט־לעך א. אַז. וו. — אַ שלל פון דער העלער פאָלקסטימלעכער שעפערישקייט. אין די נאַאיווע, רירנדיקע רייד, וואָס מיר האָבן דאָ ציטירט, גייט דאָך אַ מענטש אָפּ מיט בלוט, רעדנדיק פון די אָרעמע מאַסן.

אין מענדעלעס סטיליזירונגען געפינען מיר עלעמענטן ניט בלויז פון דעם מין באַזוניקטן, אַזוי צו זאָגן „רעאַליסטישן״ מוסר, וואָס מיר האָבן דערפון ציטירט אַ ביישפּיל, נאָר אויך פון דער פרומלעך־סקאָרבאָוועער דרשה, פונעם פּראָזעלאָגישן מגידישן מוסר. און ס׳טרעפט זיך, אַז דאָס דאָזיקע איז ביי מענדעלען גאַנץ ערנסט געמיינט, אַז דאָס טאַקע איז ער אויסן. דאָס איז אין יענע פאַלן, ווען מענדעלע צאַלט אָפּ זיין צינז צו דער באַגרענעצטקייט פונעם קליינבירגערטום, ווען ס׳וועקן זיך ביי אים גופא אויף אַלטע, קאָנסערוואַטיווי־אידייען.

* אגב: דעם דאָזיקן צבי הירש האָבן קהלשע תקיפים (פון ווילנע?) גע־רודפט אין לעבן אַריין. ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די גזלות און באַ־דריקונגען פון גבירים און תקיפים. האָבן זיי ביי אים צוגענומען זיין האָב און גוטס, אים אַליין האָבן זיי איינגעזעצט אין תפיסה און אים געהאַלטן פאַרשפאַרט פיר יאָר. דערנאָך האָבן זיי אים אַרויסגעיאָגט פון דער שטאָט אָרעם, נאַקעט און באָרוועס.

צומאָל באַנוצט זיך מענדעלע אינעם גאַנג פונעם דערציילן די דרשהדיק־סטיליזירטע באַטראַכטונג — אַלס איבערגאַנג פון איין סיטואַציע צו דער אַנדערער, אָדער אַלס פאַרבינדונג צווישן זעלבשטענדיקע, אינערלעך ניט־פאַרבונדענע עפּיזאָדן. און אַמאָל איז דאָס ביי אים אַן אייגנאַרטיקער מין אָרנאַמענט, אַן אַראַבעסקע, אָדער גלאַט אַ טשודנער איינפאַל, אַ מין קינסט־לערישער קאַפּריז — אַ „ספּלין" אָן באַזונדערע כוונות. דאָס גיט זיין סטיל אַן אייגנאַרטיקע באַפאַרבונג.

זייער אָפט זיינען די מגידישע סטיליזירונגען געבראַכט אין אַ סאַטירישן אַספּעקט — אַלס אַ טייל פון זיין קריטיק פונעם אָפּגעשטאַנענעם שטייגער. דעמאָלט הערט זיך אין זיי אַ דייטלעכער טאָן פון פּאַראָדיע. אַן אַנדער מאָל זיינען זיי בלויז דורכגעוועבט מיט אַ דין פּעדעמל איראָניע.

ס'זעט אַמאָל אויס אַזוי, ווי מענדעלע וואָלט מיט דער לייכטער איראָניע, וואָס ליגט ממילא אינעם סטיליזירן גופא פונעם מוסר־טאָן, — ווי ער וואָלט דערמיט אויסן געווען צו פאַרענטפערן זיין דידאַקטיש מאָראַליזירן, אָדער צו באַוואָרענען, אַז מע זאָל אַ צו־היימישלעכע באַטראַכטונג ניט אויפנעמען ווי אַ באַלעבאַטישע באַנאַליטעט. זייער אָפט ווידער וויל ער דאָ מיט דער איראָניע אויסמיידן, אַז זיין ליריזם זאָל ניט איבערפלייצן ביז צו סענטימענטאַלישקייט, באַזונדערס דאָרט, וואו זיינע קלאָג־רייד קאָנען באַקומען אַ ביי־טעם פון „נעבעך" און „רחמנות".

מענדעלע האָט דער יידישער ליטעראַטור געוויזן דעם אמתדיק קינסט־לערישן וועג צו דער פאָלקסטימלעכקייט. ער האָט געוויזן, ווי־אַזוי, אויף וואָסער אופן דאָס דיסציפּלינירטע ליטעראַרישע שאַפן דאַרף שעפּן פון דער פאָלקס־קולטור און זיך פאָרט ניט לאָזן באַהערשן פון סטיכייאישער פאַרפלייצעניש. אין דער יידישער ליטעראַטור ביז מענדעלען* איז — טראָץ פאַרשיידענע פּרואוון פון קינסטלערישער באַאַרבעטונג — די פאָלקסטימלעכקייט פון דער פאָרם אין אַ גרויסער מאָס באַשטאַנען פון נאַטוראַליסטישן רעפּראָדוצירן די רייד, דאָס אויסזען און די תנועות פונעם פאָלק. און דאָס איז אַ שטריך פון אָנהייבערישער אומבאַהאָלפנקייט. דער לייכטסטער מעטאָד, אָבער

---

* מיט איין אויסנאַם — עטינגער, וואָס האָט אָבער מיט זיינע פּיאָנערישע אויפטוען ביים קינסטלערישן דיסציפּלינירטן פאָלקסטימלעכן שטאָף ניט באַקומען קיין פולן רעזאָנאַנס, ניט אינעם ליטעראַרישן שאַפן פון זיין צייט, און ניט אַ היפּשע צייט שפּעטער (ביז פּרצן). דערביי האָט זיך עטינגער קיינמאָל ניט דערגרונטעוועט צו אַזעלכע טיפעניש פון דער פאָלקס-קולטור, ווי מענדעלע. אָפּגערעדט דערפון, אַז עטינגערן האָט אין אַלע פּרטים געפעלט מענדעלעס פאַרבונדנקייט מיט די מאַסן פונעם פאָלק, מענדעלעס טיף באַנעמען דאָס פאָלק און זיינע נויטן.

דער אויבערפלעכלעכסטער. גראָד דאָס פּינקטלעכע קאָפּירן האָט ניט געקאָנט פירן צו די טיפענישן פון דער פאָלקס־קולטור.

אָנהייבערס און אומבאַהאָלפענע פערזנמאַכערס מיינען, אַז אין דער פּאָעזיע איז אַמגרינגסטן צו שרייבן „ווייסע פערזן". זיי ווייסן ניט, אַז עכטע „ווייסע פערזן" זיינען דווקא די סאַמע שווערסטע און קאָמפּליצירטסטע פאָרם, און אַז זיי געראָטן נאָר דעם, וואָס באַהערשט מיט די געזעצן פון מעטריק, ריטמיק און אַפילו די טעכניק פון גראַם. דאָס אייגענע איז מיט „פאָלקסטימלעכקייט". פּרימיטיווע שרייבער דוכט זיך, אַז ס'איז ניט פאַראַן קיין גרינגערע זאַך, ווי זיין „פאָלקסטימלעך". מע דאַרף בלויז קאָפּירן דאָס, וואָס מע זעט און הערט ביים פאָלק — און פאַרטיק. דאָס איז אַ נאַאיווער טעות.

אַרויסברענגען די אוצרות פון דער פאָלקס־קולטור אויף דער ליכטיקער שיין קאָן נאָר דער, וואָס גייט צו זיי צו מיט פאַרטיפטער פאַרשטענדעניש, דער, וואָס זעט זיי אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער — אויך ערודיציאָנעלער, שריפטלעכער — קולטור פונעם פאָלק, דער, וואָס שטעלט צו זיך ביים באַהאַנדלען דעם פאָלקסטימלעכן שטאָף די העכסטע פאָדערונגען. און דאָס האָט מענדעלע געטאָן.

מענדעלע איז פריי פון יעדער שפור ערודיציאָנעל־גאווהדיקער באַציאונג צום „עטנאָגראַפישן קוריאָז", אָבער פונקט אַזוי ווייט איז ער אויך פון נאַאיווער התפעלות און פון סענטימענטאַלן „סיוסיוקען". זיין הויפּט־אויפטו איז דאָ געווען דער גרויסער אמתדיק־קולטורעלער דרך־ארץ פאַר דער שעפערישקייט פונעם פאָלק. דערמיט האָט ער געעפנט אַ וועג פאַר שלום־עליכמען, פאַר פרצן, פאַר אַ העכערער קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור.

אין מענדעלעס ווערק ווערן פאַראייניקט די פאָלקסטימלעכע שעפעריש־קייט מיט דער ערודיציאָנעלער קולטור פונעם פאָלק. מענדעלע איז, טראָץ דער גרויסער שפע פון קאָנקרעטע דערפאַרונגען און באַאָבאַכטונגען פונעם לעבן, וואָס אין זיינע ווערק, — דער אינטעלעקטועלסטער שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור. זיין וואָרט און בילד זיינען אַמיינסטן אָנגעזאַפּט מיט געדאַנק און מיט באַזיניקטן געפיל. קיין שרייבער אין דער ביז־סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור איז ניט געווען אַזוי פאַרטיפט היסטאָריציסטיש ביים זען און שילדערן די לאַגע פונעם פאָלק אין דער קעגנוואַרט, ווי מענדעלע. דעריבער איז מענדעלען געראָטן אַרויסצורופן אינעם באַוואוסטזיין פונעם לייענער אַזעלכע שאַרפע, ביז ווייטיק בוילעטע און קלאָרע פאַרשטעלונגען וועגן דער דערינערונג פונעם פאָלק, פון די פאָלקס־מאַסן און וועגן דעם סאָציאַלן אומרעכט בנוגע צו זיי — ווי קיינעם ניט ביז צו אים און זעלטן ווען נאָך אים. ער איז דאָ געווען אַן ערשטער.

מענדעלע האָט פיקסירט ניט בלויז דאָס לעבן פונעם פאָלק אין אַ באַ־

שטימטן פעריאָד, נאָר אויך דעם סך־הכל, וואָס דער גאַנג פון דער געשיכטע סומירט אין יעדן געגעבענעם צושטאַנד, אויך דעם סך־הכל פון קולטור־טראַדיציע, אַזוי־ווי זי איז דערגאַנגען צו דער צייט און האָט זיך איבערגעבראָכן אינעם פאָקוס פון די צייט־באַדינגונגען.

ביז צו מענדעלען האָט זיך דאָס ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע אין דער ליטעראַטור דער עיקר באַוויזן אינעם רעפּראָדוצירן עטנאָגראַפישע אייגנאַרט. ערשט מענדעלע האָט דאָס אַלץ אויפגעהויבן צו דער ספערע פון געשיכטלעכקייט און קולטור־טראַדיציע, צו דער פאָדערונג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. אין מענדעלעס שאַפן איז אויף אַן אמת קאָנצענטרירט די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, ווייל זי ווערט געזען דורכן אַספּעקט פון אויסגעצייכנטע טראַדיציעס אין דער וועלט־קולטור און קריטיש באַלויכטן דורך דעם שרייבערס טיפן געפיל פאַר די נויטן פון די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן.

מענדעלעס טאַלאַנט איז ניט דאָס, וואָס מע רופט „בלענדנדיק“. ער שיט ניט פונעם אַרבל. זיין זאַץ און בילד זיינען געדיכט, שווער — און באַרעכנט. די קינסטלערישע אויסרעכענונג שפּילט אין זיין שאַפן אַ גרויסע ראָל. דער אינטעלעקט הערשט אָפט איבער זיין בילד, לייגט זיך דערויף שווער אַוועק און לאָזט ניט, אַז זיין פאַנטאַזיע זאָל זיך צעשפּילן. שלום־עליכמס טאַלאַנט איז בלענדנדיקער, אורשפּרינגלעכער, אוממיטלבאַרער, שלום־עליכמס נאַטור־וואוקסיקע געניאַלישקייט שטראָמט אַ סך לייכטער און גלאַטיקער, שפּרודלט מיט אַ סך אַ רייכערער שפע פון בילדער און איינפאַלן. זיין קינסטלעריש געמיט איז ווייכער, ליבלעכער, לייכטער.

פּרץ, ווידער, איז פילפאַרביקער פון מענדעלען. פּרצעס טאַלאַנט בלישטשעט מיט פאַרשיידנאַרטיקע אַרטיסטישע איינפאַלן און סוזשעטן, מיט אַ רייך פאַבולירנדיקער פאַנטאַזיע. פּרץ איז „נאָכגיביקער“ ביים אויפנעמען און פאַראַרבעטן איינפלוסן פון פאַרשיידנאַרטיקסטע — אויך ספקדיקע — קוואַלן און טראַדיציעס פון דער יידישער און פון דער וועלט־קולטור.

פון די דאָזיקע דריי גרויסע שרייבער האָט אָבער מענדעלע אַמטיפסטן געגראָבן, האָט ער מיט סאַמע גרעסטן ערנסט און עקשנות זיך דערקליבן צום תוך פונעם פאָלקס־לעבן. אין זיינע ווערק קומען אַמדייטלעכסטן צום אויסדרוק די איידעלע טראַדיציעס, וואָס לעבן שטענדיק אינעם פאָלק: צו מאָנען גערעכטיקייט, זיך אָנצונעמען פאַר די געפּלאָגטע און געקריוודעטע.

די עלעמענטן פון היסטאָרישער קולטור־טראַדיציע זיינען ביי מענדעלען עכטער, שטרענגער, טיפער ווי ביי וועמען ס׳זאָל ניט זיין אין דער יידישער ליטעראַטור. אמתדיקער — ווייל ביי זיין גאַנצן ערפאָרכט צו דער נאַציאָנאַלער קולטור פון דער פאַרגאַנגענהייט האָט מענדעלע פאָרט אויף איר געקוקט מיי־

ניכטערע, קריטישע אויגן — רעאַליסטיש. וואו מען דאַרף, אירגאַניזירט מענ־דעלע גאַנץ שאַרף, דער חוזק דערגייט ביז צו בייזער פּאַראָדיע; אָבער אויך דאָ באַווייזן זיך די קולטור־טראַדיציעס עכטער, אמתדיקער, טיפער איידער, למשל, אין יענע דערציילונגען פּרצעס, וואָס הילן איין אין ראָמאַנטיק די פאַרגאַנגענהייט און איר קולטור. מענדעלעס זאַצן און בילדער צילן אויפן תּוך, זיינען דורכגעדרונגען מיט געזעלשאַפטלעכן פּאַטאָס, דעריבער אַנטהאַלטן זיי אַזויפיל (רעאַליזירטן און פּאָטענציעלן) אינהאַלט.

ב. פון דער רוסישער און פון דער וועלט־ליטעראַטור

מענדעלעס סטיל איז אין דער יידישער ליטעראַטור איבערראַשנדיק ניי און אַנדערש ווי ביז צו אים. עפּעס אַזוינס אָדער ענלעכס איז ביז צו מענדעלען ניט געווען ניט אין דער יידישער און ניט אין דער העברייאישער ליטעראַטור. אַ סך וועזנטלעכע מאָמענטן אין זיין סטיל שטאַמען טאַקע פון דאָרט. זייער אַ סך — פונעם פאָלקלאָרישן שאַפן. די רוסישע ליטעראַטור האָט אויף מענ־דעלען געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג, אָבער מיט דעם איז ניט אויס־געשעפּט די באַשרייבונג פון די ליטעראַרישע טראַדיציעס, וואָס האָבן געווירקט אויף דער אויסבילדונג פון זיין סטיל.

וואָרים: אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור פאַרמאָגט מענדעלעס שאַפן אַמייִנסטן נאַציאָנאַלע אייגנאַרט. גלייכצייטיק איז אָבער זיין שאַפן ביז אין די קלענסטע באַשטאַנד־טיילן אַמאָל דייטלעך, אָפן, אַמאָל פאַרבאָרגן און פאַרהוילן אינעם טיפסטן געוועב, פאַרבונדן מיט זעלבשטענדיק־באַאַרבעטע ווירקונגען פון דער וועלט־קולטור, באַזונדערס מיט יענע טראַדיציעס אין דער פּראָזאַאישער ליטעראַטור, וואָס קומען פון די רוסישע און מערב־אייראָפּייאישע אויפקלערער זייט מיט אַכצנטן יאָרהונדערט ביז צו מענדעלעס צייטן.

אין מענדעלעס סטיל גיסן זיך אייגנאַרטיק צונויף פאַרשיידענע, צו־ווילן ווידערשפּרעכיקע, עלעמענטן. די אידעאַלן פונעם אויפקלערערישן הומאַניזם — מיטן שכל־הישרדיקן פּיקחות („לעבנס־קלוגשאַפט"), וואָס ביי אַ יידן פון אַ גאַנצן יאָר. אויפקלערערישער פּאַטאָס, פריזיניקע אידייען — מיט קאָנ־סערוואַטיווער איינגעהאַלטנקייט.

סאַטירע גיסט זיך אין זיין סטיל צונויף מיט ליריזם, וויציקער הומאָר — מיט טראַגישן באַוואוסטזיין, אַ ניכטערער רעאַליסטישער גאַנג — מיט אויסטערלישע איינפאַלן, געמיטלעכקייט אין דער קליינמאָלעריי — מיט גראָטעסקער היפּערבאָליק, אַ פּאַטעטיש וועלט־געפיל — מיט וואָכעדיקער שטייגערישקייט. די נטיה צו אידילישע בילדער איז אין מענדעלעס סטיל אָפט פאַרבונדן מיט עלעמענטן פון עקסצענטריק, קלוגע אויסגערעכנטקייט — מיט

אייגנוויליקע קאַפּריזן, נאַאיווע סענטימענטאַלישקייט — מיט עלעמענטן פון פּאַראַדיע און אַפילו פּאַמפלעט, מייסטערישע שטייגער־שילדערונג — מיט „אַוואַנטוריסטישע" מאָטיוון אין דער פאַבול.

דאָס שטרעבן צו דיסציפּלינירטער פאָרם אין דער אויסבילדונג פונעם זאַץ, פון דער קאָמפּאָזיציע שטייט ביי מענדעלען אין ווידערשפּרוך צו דער „באַראָקער" אַנוואַלגערונג פון מאָטיוון און עפּיזאָדן. מענדעלע פאַרמאָגט אַ זייער שטרענגן געפיל פאַר פאָרם — אָבער אָפט צעשוויבערט ער זי, ווי בכיוון, דורך „איינגעשאַכטלטע" עפּיזאָדן, עקסקורסן און אָפּווייכונגען, וואָס צערייסן דעם גאַנג פון דער דערציילונג.

דאָ קעמפט אין מענדעלען דער אויפקלערערישער ראַציאָנאַליזם מיט אַן אייגנאַרטיקער אויפקלערערישער ראָמאַנטיק. זיין שאַרפע ראַציאָנאַליס־טישע לאָגיק ווערט אָפט דורכגעבראָכן דורך טשודנע קאַפּריזן און שטימונגען, וואָס אַמבעסטן באַצייכענען קאָן מען זיי מיטן ענגלישן וואָרט „ספּלין". און דאָס איז ניט צופעליק, ווי מיר וועלן ווייטער זען.

אין זיין ענגליש־געשריבענער „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אינעם 19טן יאָרהונדערט" האָט לעאָ ווינער אַמאָל געלאָזט פאַלן אַ באַמערקונג וועגן מעגלעכע ווירקונגען אויף אַקסענפעלדן פון זשאַן פּאָל (פרידריך ריכטער, אַ באַרימטער דייטשער פּראָזאַאיקער, 1763—1825). ער האָט זיך דערביי גע־שטיצט אויף ידיעות, וואָס ער האָט באַקומען אין אָדעס וועגן אַקסענפעלדס באַציאונג צו זשאַן פּאָלס שאַפן.

אַזאַ מין ליטעראַטור־היסטאָרישער צוזאַמענהאַנג צווישן אַקסענפעלדן און זשאַן פּאָל איז פאַר זיך טשיקאַווע, אָבער ווייניק פּרוכטבאַר. זשאַן פּאָל איז אין באַשטימטע קרייזן פון דער רוסישער אינטעליגענץ אין די ערשטע יאָרצענדליקער פונעם 19טן יאָרהונדערט געווען פּאָפּולער אפשר ניט ווייניקער ווי שילער. צווישן די יידישע משכילישע קרייזן אין אָדעס איז זשאַן פּאָלס שאַפן געווען באַקאַנט. זייער מעגלעך, אַז אַקסענפעלד איז געווען זיינער אַ באַגייסטערטער אַנהענגער. זשאַן פּאָל האָט געקאָנט ווירקן אויף אַקסענפעלדס קינסטלערישן געשמאַק, אויף זיין בילדונג, אויף זיינע אַנשויאונגען אין דער־ציאונג־פראַגן, וואָס זיינען דאָך געשטאַנען אין צענטער פון זייערעביידנס אינטערעסן.

אָבער אין אַקסענפעלדס שאַפן גופא קאָנען מיר קיין ווירקונגען פון זשאַן פּאָלן ניט געפינען, סיידן מע זאָל זיי וועלן זען אין אַקסענפעלדס באַטראַכ־טערישע אָפּווייכונגען אינמיטן גאַנג פון דער דערציילונג און אין זיין באַ־שרייבערישן אינטערעס פאַרן אויסזען פון געשטאַלטן, אינטעריערס א. אַז. וו. דאָס אַלץ איז אָבער ביי אַקסענפעלדן דורכאויס ניט זשאַן־פּאָל׳יש.

סיי אַקסענפעלדס פּראָטאָקאָליש פּינקטלעכע באַשרייבונגען, סיי זיינע דידאַקטישע רעפלעקסיעס זיינען ראַציאָנאַליסטיש־משכיליש, וויזן אַנטבלויזט און דירעקט דעם אַגיטאַטאָרישן צוועק. ביי זשאַן פּאָלן זיינען די באַשרייבונגען ראָמאַנטיש, אידיליש, די באַטראַכטונגען — אָפּט טשודנע־פאַנטאַסטיש און פול מיט קינסטלערישע קאַפּריזן, ווי זיין גאַנץ שאַפן בכלל. זשאַן פּאָל איז ביי זיין גאַנצן שטרעבן צו שטייגער — ליריש־סוביעקטיוו, עקסצענטריש, גראָטעסק, פול מיט ראַפינירטע אָרנאַמענטן. אַקסענפעלד דערציילט פּראָסט, אָן חכמות, זייער און זייער באַגאַבט, אָבער אין אַ פּרימיטיוו אָנהייבערישן סטיל. פון נאַאיוון נאַטוראַליזם הייבט אַקסענפעלדן אַרויס די אויפקלערערישע אידייע, אָבער ניט זיין קינסטלערישער מעטאָד. קורץ: זשאַן פּאָל האָט צו אַקסענפעלדס שאַפן קיין שום שייכות ניט.

וועגן באַציאונגען מענדעלעס צו זשאַן פּאָלן זיינען ניטאָ קיין שום ידיעות, אָבער גראָד דאָ קאָן מען יאָ געפינען אַ סך באַריר־פּונקטן און אַנאַלאָגיעס. אויב אַראָפּרעכענען פאַרשיידענע מאָמענטן פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרט, איז דער סטיל ביי די דאָזיקע צוויי שרייבער ענלעך און קרוביש.

ניט קוקנדיק דערויף, דאַרף מען דאָ גיכער פון אַלץ רעדן וועגן ענלעכע טראַדיציעס בייביידע, וואָס שטאַמען פון ענלעכע אָדער זעלבע קוואַלן. לויט די דעמאָקראַטיש־אויפקלערערישע אידייען, לויט דעם אייגנאַרטיקן סטיל פון ראָמאַנטיש־רעאַליסטישער שטייגערישקייט (אַן אָפּשפּיגלונג פון שאַרפע קאָמפּליקאַציעס ניט בלויז אין דער געזעלשאַפט, נאָר אויך אין די אָנשויאונגען פון די שרייבער) געהערן ביידע צו איינער און דער זעלבער ריכטונג אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אין דער נייער רעאַליסטישער פּראָזע ביז צו די זעכציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט קאָן מען — אין זייער אַלגעמיינע, גראָבע שטריכן — אָנצייכענען עטלעכע הויפּט־ריכטונגען.

די ערשטע — איז פאַרבונדן מיט די נעמען פון פילדינג, סטערן, טעקערײ, דיקענס. דער צוזאַמענהאַנג ביים קינסטלערישן אָפּשפּיגלען די געזעלשאַפט־לעכע פּראָבלעמאַטיק איז דאָ אין אַ געוויסער מאָס צעדריבלט, אָבער דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן גופא איז זייער דייטלעך קאָנקרעטיזירט דורך קליינ־מאָלערישן, דעטאַליזירטן שטייגער. דאָ איז פאַראַן אַ שטרעבן זיך צו האַלטן נאָענט ביים פּראָזאַאישן לעבן. ס'הערשן דאָ נאָך שטאַרק טראַדיציעס פונעם פּאַבליאָ, פונעם שעלמען־ראָמאַן, פונעם באַראָקאָ־סטיל * (ראַבלע). דער דער־

* די דאָזיקע טראַדיציעס זיינען פאַרוואָרצלט אינעם אַנטיקישן און לאַטיינישן און גריכישן ראָמאַן: פון פּעטראָניוס אַרביטער, אַפּולייאוס, עליאַדאָראָס, טאַטיוס און אַנדערע.

צייל־פּאָרטראַג איז אַ שפּרונגהאַפטיקער, געשטיקלטער, מיט אַריינגעשאַכטלטע מעשיות אין דער ראַמען־דערציילונג, מיט אָפּנויגן אין אַ זייט א. אַז. וו. דער אויפקלערערישער סטיל איז דאָ אייגנאַרטיק דורכגעמישט מיט אַ סוביעקטיוון, פּאָעטיש־באַטראַכטערישן נוסח. די סאַטירע — מיט פאַנטאַסטיק, שטייגער־ישקייט — מיט ליריזם. די עלעמענטן פון „ראַציאָנאַליסטישער ראָמאַנטיק" אין דער דאָזיקער אויפקלעריש־רעאַליסטישער ריכטונג, וואָס האָט געלייגט דעם גרונט פאַר דער נייער פּראָזע, ווייזן אָן אויף דער ווידערשפּרעכלעכקייט אין דער ענגלישער אויפקלערונג גופא, אויף העפטיקע שטרייטן צווישן דער אָנשויאונג און דעם געפיל, אויף שאַרפע ווידערשפּרוכן אין דער אָנשויאונג גופא; צווישן מאַטעריאַליסטישע הנחות, פּאָזיטיוון קירכלעכן אָדער דעיאיסטישן גלויבן — און סקעפּסיס, צווישן דעמאָקראַטישע — און קאָנסערוואַטיווע נטיות. די דאָזיקע ווידערשפּרוכן געפינען אָן אָפּקלאַנג אין אַזאַ סטיל־מאָמענט, ווי קאָמפּאָזיציע. די אַנטוויקלונג פונעם סוזשעט באַוועגט זיך דאָ אין דער ברייט און פאַמעלעך. אין די אָפטע ברעכונגען פון דער קאָמפּאָזיציע פילט זיך, פון איין זייט, די פרייד איבער דער ניי־אַנטדעקטער נאַטור פונעם מענטש און פון דער געזעלשאַפט, איבער דער שפע פון די באַפרייטע עמפּינדונגען, וואָס לאָזן זיך ניט אַריינצווינגען אין די ראַמען פון אַ שטרענג־קאָנסעקווענטן סוזשעט. פון דער אַנדערער זייט אָבער פילט זיך דאָ אויך דער ווידערשפּרוך, וואָס צווישן דעם שטרעבן צו אַ פאַרגאַנצטן, אָרגאַנישן — און אַ סענסואַליסטישן, געברעקלטן וועלט־באַנעם.

אַן אַנדערע הויפּט־ריכטונג איז פאַרבונדן מיט די נעמען פון באַלזאַק, סטענדאַל, מערימע (אין דער רוסישער ליטעראַטור: מיט פּושקין — אין דער פּראָזע זיינער — און, אין אַ געווויסער מאָס, מיט טורגעניעוו). דאָ איז די אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויף צענטראַלע געזעלשאַפטלעכע פאַקטן און אויף דער שילדערונג פון כאַראַקטערן אוןליידנשאַפטן. דער טראָפּ ליגט אויף דראַמאַטישער האַנדלונג און רייכער געשעעניש. דער סטיל אַנטשפּרעכט צו אַ זאַכלעכן אָביעקטיוון באַריכט. דאָ הערשט דער פּרינציפּ פון סוזשעטישער קאָנסעקווענטער דערציילערישקייט. ס'הילכן דאָ אָפּ טראַדיציעס פון דער איטאַליענישער און פראַנצויזישער רענעסאַנס־נאָוועלע, אָבער אין אַן אומפאַר־גלייכלעך העכערער אַנטוויקלונג־שטופע. אין דער דאָזיקער ריכטונג באַווייזט זיך דייטלעכער די מאַטעריאַליסטישע דערקלערונג פון לעבן און געזעלשאַפט.

אַ קלענערן באַדייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער נייער רעאַליסטישער פּראָזע האָט געהאַט יענע ריכטונג, וואָס איר גרונטלייגער און וויכטיקסטער פאָרשטייער איז געווען געטע (אין זיינע פּראָזאַאישע ווערק). איר כאַראַקטער ווערט באַשטימט דורך דער עסטעטיש־דערציערישער און קאָנטעמפּלאַטיווער (באַטראַכטערישער — „סאָזעלצאַטעלנאָע") אויפקלערונג — אויב מע קאָן

פאַרבינדן אַזעלכע ווידערשפּרעכלעכע באַגריפן, אַזוי ווי זיי האָבן זיך דאָ פּאַקטיש אין לעבן פאַראייניקט. פונדאַנען די געוויסע שפּורן פון וועלטפרעמדקייט און די עלעמענטן פון אַבסטראַקציע אין דעם סטיל.*

און לסוף יענע ריכטונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער העכסטער אַנטוויקלונג פון אַלע פּראָזאַאישע זשאַנרען, — מיט דעם שאַפן פון גאָגאָל, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, טאָלסטאָי, און אויך מיט איינער אַ זייט פון דאָסטאָיעווסקיס שאַפן. דאָ איז די אויפמערקזאַמקייט געווענדט אויף דער לאַגע און אויף די ליידן פון די מאַסן אינעם פאָלק. די דאָזיקע ריכטוגג איז דורכגעדרונגען פון געזעלשאַפטלעך־עטישן פּאַטאָס, פון ליבע צום אונטערדריקטן מענטש, פונעם באַוואוסטזיין, אַז דאָס לעבן פונעם מענטשן ווערט פאַרקריפּלט דורך פאַרקריפּלטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש. די דאָזיקע ריכטונג איז די רעוואָלוציאָנערסטע פון אַלע אַנדערע אינעם 19טן יאָרהונדערט, זי גיט די פּילזייטיקסטע און טיפסטע אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייט אין איר צייט און פאַרסאַכאַקלט די בעסטע סטיל־דערגרייכונגען פון דער נייער פּראָזע. דאָ איז רעאַליסטיש פאַראייניקט די אָביעקטיוו־קאָנסעקווענטע דערציילערישקייט — מיט דער „סוביעקטיווער“ באַזייניקונג, צענטראַלע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמעס — מיט דורכדרינגענדיקן פאַרשטיין די אַלטעגלעכע וואָכעדיקע ווירקלעכקייט, די קליינע דעטאַלן פונעם שטייגער. דאָ איז פאַראַן ניכטערע באַאָבאַכטונג — און טיף־פּאָעטישע געמיטס־שטימונג, וואָס שטאַמט פונעם באַוואוסטזיין, אַז די גערעכטיקייט דאַרף זיין דער פּרינציפּ פונעם לעבן. די שילדערונג פון כאַראַקטערן דערגרייכט דאָ אַזאַ פאַרטיפונג, ווי זי איז אין דער פּראָזע נאָך קיינמאָל ניט געווען. און דערגרייכט ווערט דאָס סיי דורך אינהאַלטלעכער האַנדלונג און סיי דורך אומגעווינלעך דינעם פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז. די הויכע אַנטוויקלונג פונעם פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז שטייט דאָ אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַנאַליז פון דעם געוויסן — ביים קינסטלערישן פאַרקערפּערן די געזעלשאַפטלעך־עטישע אידייען. דאָ ווייזן זיך טראַדיציעס, וואָס זייער אָנהייב איז אין דער נייער פּראָזע ערשט ביי סטערן און רוסאָ, און וואָס מע קאָן פריער געפינען ביי געוויסע טעאָלאָגישע מאָראַליסטן, אָבער דאָרט — אין אַ רעליגיעז־סכאָלאַסטישער פאַרקריפּלטער פאָרם.

אין דעם סטיל איז פאַראַן אַמווייניקסטן פון יענעם מין אומווירקלעכע גענג, ווענדונגען, תנועות, געשעענישן א. אַז. וו., וואָס דער לייענער מוז געוויינלעך מוחל זיין סיי פילדינגן און אַפילו דיקענסן, סיי באַלזאַקן און סטענדאַלן

---

* דער סטיל פון די היסטאָרישע ראָמאַנען (וואָלטער סקאָט און זיין שול) איז אויסגעוואַקסן פון אַ זשאַנר צו אַ הויפּט־ריכטונג אין דער ליטעראַטור פון 19טן יאָרהונדערט. צו אונדזער טעמע האָט אָבער די דאָזיקע ריכטונג קיין שייכות ניט. דעריבער ווערט זי דאָ בלויז דערמאָנט.

און מוז זיי שטעלן אויפן חשבון „פון דער באַדינגלעכקייט און קינסטלעכקייט פון יעדער קונסט בכלל״. אין דער דאָזיקער פּראָזע פילט זיך אַמווייניקסטן דער צווישנשייד, וואָס צווישן דער ווירקלעכקייט און איר שילדערונג.

אויב באַטראַכטן מענדעלעס שאַפן אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיקע הויפּט־ריכטונגען, וועלן מיר גיך קומען צום אויספיר, אַז די ריכטונג פון די פראַנצויזישע רעאַליסטן איז מענדעלען געווען פרעמד. זיין שאַפן איז ווייט פון איר קאָנסעקווענטן דערציילנוסח, פון איר אויסגעהאַלטענער סוזשעטישקייט, פון איר אופן כאַראַקטעריזירן אינדיווידועלע געשטאַלטן.

נאָך פרעמדער איז מענדעלען די געטע־ריכטונג אין דער רעאַליסטישער פּראָזע.

אַ טיפע שייכות האָט מענדעלעס שאַפן צו דער טראַדיציע פון די גרויסע רוסישע רעאַליסטן. ס'זיינען אָבער פאַראַן שטריכן אין מענדעלעס סטיל, וואָס קאָנען ניט דערקלערט ווערן דורך אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער רוסישער רעאַליסטישער טראַדיציע. אַ חוץ דעם פעלן אין מענדעלעס סטיל וועזנטלעכע שטריכן, וואָס אין דער דאָזיקער טראַדיציע, למשל דער מעטאָד פון פסיכאָלאָגישער כאַראַקטעריזירונג, פון קאָנסעקווענטן, סוזשעטישן אויפבוי א. אַז. וו. און זיי פעלן ניט צופעליק, ווייל מענדעלע גייט אין די דאָזיקע פרטים נאָך אַנדערע טראַדיציעס אין דער רעאַליסטישער פּראָזע.

אין אַ גאַנצער ריי שטריכן פון זיין סטיל האָט מענדעלע רעאַליזירט באַשטימטע אָנרעגונגען און ווירקונגען פון דער ענגלישער ליטעראַטור, פון יענער טראַדיציע, וואָס ציט זיך זייט סוויפט, פילדינג, סמאָלעט, סטערן, טעקעריי, דיקענס — די גרונטלייגער פון דער נייער רעאַליסטישער פּראָזע. לויט איר וועלט־עמפינדונג איז מענדעלען די דאָזיקע טראַדיציע געווען נאָענט צום האַרצן.

ווען מיר פלעגן אַמאָל אין פריערדיקע אַרבעטן רעדן וועגן ווירקונגען פון דיקענסן אויף מענדעלען, איז דאָס געווען אַ וואַרשיינלעכע השערה. זי האָט זיך געשטיצט בלויז אויפן אַנאַליז פון מענדעלעס שאַפן, וואָס האָט געשטויסן צו זוכן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן מענדעלעס סטיל און דעם סטיל פון די ענגלישע רעאַליסטן. איצט ווערט די דאָזיקע השערה ניט בלויז באַשטעטיקט, נאָר אויך פאַרברייטערט דורך אַ דירעקטן עדות.

דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער אַלעקסאַנדער בינשטאָק, אַ זון פון ל. בינשטאָק, מענדעלעס נאָענטן פריינט, דערציילט אין זיינע (נאָך ניט־פאַרעפנטלעכטע) אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן מענדעלען:

„איך געדענק אויך זיין (מענדעלעס) באַציאונג צו באַשטימטע קלאַסיקער

פון דער ענגלישער ליטעראַטור. „גוליווערס נסיעה“ פון סוויפטן איז געווען זיין באַליבטסטער בוך. און אין דעם בוך איז אים אַמבעסטן געפעלן דאָס קאַפּיטל וועגן גוליווערס פאַרברענגען אינעם לאַנד פון די גווינגמען.* ער האָט אויך אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט טעקערייען, דיקענסן, און אין אַ גלייכער מאָס זיין פאָרגייער — פילדינג. מיט פילדינגס בוך „די מעשה פון טאָם דזשאָנס דעם געפינלינג“ האָב איך זיך באַקענט לויט מענדעלעס עצה...“

סטערן** ווערט אין בינשטאָקס מעמואַרן צווישן מענדעלעס ליבלינג־אויטאָרן ניט דערמאָנט. און פאָרט זיינען גראָד אָנרעגונגען פון סטערנס סטיל אין מענדעלעס שאַפן באַזונדערס פילבאַר. ניט בלויז אינעם „עמפינדזאַמען אופן“ ***, באַגעמען דערשיינונגען, נאָר אויך מער דירעקט אינעם אופן פון פאַמעלעכער אַנטוויקלונג פונעם סוזשעט, וואָס גייט מיט זיגזאַגן אין „דער ברייט“; אין דער שפּרונגהאַפטיקער געבראָכענער קאָמפּאָזיציע א. אַז. וו. — דאָס איז דאָך יענער סטערנשער נוסח, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף זשאַן פּאָלן, אויף הייגען („רייזע־בילדער“, מעמואַרן א. אַז. וו.), אויף הערצענען.

דער נוסח פון אַריינגעשאַכטלטע רעפלעקסיעס ציט זיך אין דער ענגלישער פּראָזע פון פילדינג אָן און פון נאָך פריער.**** ביי סטערן ווערן די רעפלעקסיעס סטיליזירטער, ראָמאַנטישער, „ספלין“־האַפטיקער. סטערן באַנוצט פאַר די דאָזיקע סטיליזאַציעס — האַלב אויף ערנסט, האַלב אויף אַ שפּאַס און אַמאָל מיט בייזער איראָניע — עלעמענטן פון פריידיקט, פון עלטערן אַרכאַאישן אָדער טעאָלאָגישן סטיל, אַזוי־ווי מענדעלע — עלעמענטן פון דרשה און מגידות. ביי סטערנען האָבן די דאָזיקע רעפלעקסיעס — ווי בכלל זיין שאַפן — באַזונדערס דייטלעכע שטריכן פון „איינפאַלערישקייט“, פון טשודנעם קאַפּריז. ביי סטערנען איז דער סוזשעט, דער אויפבוי פון דער פאַבול באַזונדערס ענג פאַרבונדן מיטן רייזע־מאָטיוו. סטערן פירט דורך די דערציילונג

---

* פאַרגלייך: עלעמענטן פון סוויפטישער סאַטירישער פאַנטאַסטיק אין מענדעלעס „מסעות“.

** און זיין ווערק „לעבן און מיינונגען פון טריסטאַם שענדי דעם איידלמאַן“.

*** „טשואוסטוויטעלני“ — אינעם באַטייט פון דער דעמאָלטיקער עסטעטיק, אַן ערך: פון איין זייט, אַנאַליטיש, אינטעלעקטועל, פון דער אַנדערער זייט — עמפינדלעך, זינלעך און זשאַנר־מאָלעריש, קליינמאָלעריש.

**** דאָ, ווי אין אַ סך אַנדערע וועזנטלעכע פרטים, וויזט די אַנטוויקלונג־ליניע אויף ווירקונגען פון סערוואַנטעסן. מיט אַ סך אָפענע און פאַרבאָרגענע פעדעם, דירעקטע און זייער אומדירעקטע, וויזט מענדעלעס שאַפן אַלטע טראַדיציעס פונעם שעלמען־ראָמאַן, פון סערוואַנטעסעס „דאָן־קיכאָט“. פאַרגלייך: „מסעות“, „פישקע“. אַ באַוואוסטזיניקע באַציאונג מענדעלעס צו טראַדיציעס פון ראַבלע איז ניט וואַרשיינלעך.

אין איך־פאָרם. די דאַזיקע און אַ סך אַנדערע שטריכן דערקענען מיר ווידער אין מענדעלעס סטיל.

סטערנס טעמאַטיק באַוועגט זיך אין אַ גאָר אַנדערער אַטמאָספער, אין אַ מער וועלטמענישער („סוועטסקאַיאַ"), אינטעלעקטועלער, און געוויינלעך אין העכערע (איידער ביי מענדעלען) שיכטן פון דער געזעלשאַפט. מענדעלעס טעמאַטיק איז אַן ערך אַן וואָכעדיקער, נאָך מער שטייגעריש,* געשעפּט פון די געדיכטענישן פונעם פאָלקס־לעבן (ענלעך ווי ביי דיקענס) — אָבער סטערנס נוסח פילט זיך אַן אַ ספק אין באַשטימטע מאָמענטן פון מענדעלעס סטיל.

די קאָמפּאָזיציע פון „פישקע" איז זייער אייגנאַרטיק. דער סוזשעטישער קערן פונעם בוך איז דער ראָמאַן צווישן צוויי קאַליקעס, אַ בעטלער און אַ בעטלערקע, וואָס ווערט דערציילט אינעם נאָמען פונעם בעטלער גופא. דער אייגנטלעכער ראָמאַן פאַרנעמט בלויז די לעצטע דריי פּינפּטל (דרייצן קאַפּיט־לען) פונעם בוך. די ערשטע צוויי פינפטל (צוועלף קאַפּיטלען) זיינען ניט מער ווי אַ ראָם פאַרן ראָמאַן, די שילדערונג פון דער סביבה, אין וועלכער דער ראָמאַן ווערט דערציילט.

די דאַזיקע צוגרייטנדיקע ערשטע צוועלף קאַפּיטלען — אַ גאַנצע קלענערע העלפט פונעם בוך — זיינען אַזוי־ווי אַ זעלבשטענדיקע דערציילונג,** און האָבן, אין תוך, אַ קנאַפּע שייכות צום פישקע־ראָמאַן. זיי שאַפן בלויז יענע שטימונגסמעסיקע אַטמאָספער, וואָס דער אויטאָר דאַרף האָבן אַרום די גע־שעענישן און געשטאַלטן פונעם ראָמאַן. סיי די וויניקע ערטער, וואָס זיינען אין דער ראָמען־דערציילונג אַ דירעקטע צוגרייטונג פאַר דער פּאַבול פונעם ראָמאַן, סיי יענע ניט זייער צאָלרייכע ערטער אינעם ראָמאַן גופא, וואָס קערן זיך אויף אַ ווײַלע אום צו די מאָטיוון פון דער ראָמען־דערציילונג, — זיינען ניט מער ווי קונציק אַריבערגעוואָרפענע שטריק פון איין דערציילונגס־פלאַך צו דער אַנדערער, כדי זיי צו פאַרפעסטיקן איינע צו דער אַנדערער.

אין תוך איז די קאָמפּאָזיציאָנעלע צונויפפעסטיקונג אַ געגנוג לויזע, כאָטש זי קלעקט פאַר יענער אויפגאַבע, וואָס דער אויטאָר האָט זיך דערמיט גע־שטעלט: אַריינצושטעלן די מרה־שחורהדיקע לעבנס־געשיכטע פון די צוויי בעטלערס אין אַ וואונדערלעך רעמל, וואָס שפּרייט אויס אויפן בילד אַ העלע, וואַרעמע, זייער אייגנאַרטיקע שיין, און גיט דער גראָער, דערביי אויסטער־

---

* שטייגער — דאָ ניט אינעם באַטייט פון „זיטן־געשיכטלעך", נאָר פון דעם, וואָס מע רופט אַמאָל „זשאַנר־מאָלעריי".

** דער דאַזיקער זשאַנר הייסט: ראָמען־דערציילונג. יידישע קריטיקער האָבן אַזאַ דערציייל־אופן אָנגערופן: „אַ מעשה אין אַ מעשה".

לישער און ערטערווייז אַפּילו „אוואַנטוריסטישער" פּאַבול — אַ פּאַרטיפּטן זין פון אַלגעמיינעם באַדייט, פון סימבאָלישן באַדייט.

אַזאַ מין קאָמפּאָזיציע איז אין תוך אַ ראָמאַנטישע.

וויל מען, קאָן מען זאָגן, אַז די צוויי פּאַרשידענע טיילן פונעם בוך געהערן צו צוויי פּאַרשיידענע זשאַנרען, כאָטש די ביידע טיילן זיינען קלוג און סאָליד צונויפקאָמפּאָנירט.

דער ערשטער טייל, די ראַמען־דערציילונג, באַשטייט פון עפּעס אַזוינס, וואָס די אַמאָליקע יידישע מוזיקער (קלעזמאָרים, חזנים) פלעגן אָנרופן „נוסח" אָדער „שטייגער" סתם. אַ מין פריייע „וואַריאַציעס" אָדער „פאַנטאַזיעס" אָן אַן אייגנטלעכן קאָנקרעטן סוזשעט. די קאָמפּאָזיציע זעט אין אַזעלכע פאַלן אויס ווי אימפּראָוויזירט, ווי צופעליק. אָבער סיי די אימפּראָוויזירטקייט, סיי די צופעליקייט זיינען בלויז כלומרשטע. אין אמתן איז דאָ די „אומאָרדענונג" אַן אויסגערעכנטע, אָפּגעוואויגענע און אויסגעבויט לויט אַ פּלאַן.

אַ דיבּיבּק בּעדעמל פון סוזשעט און האַנדלונג ציט זיך יאָ דורך די דאָזיקע צוועלף קאַפּיטלען. אָבער דער „סובּיעקטיוויזם", די אַריינמישונג פונעם דיכ־טער צעגיסט זיך דאָ אין אַזאַ גרויסער שפע פון פּאָעטישע אָפּווייכונגען, פון שטייגער־מאָלעריי, לאַנדשאַפט־בילדער, געדאַנקלעכע רעפלעקסיעס, דרך־אגב אַריינגעפּלאָכטענע באַמערקונגען א. אַז. וו., אַז די פיגורן און די האַנדלונג ווערן ווייניק אָנזעעוודיק און צעגייען זיך אין ליריזם.

דאָס איז דער אייגנטלעכער נוסח מענדעלעס. אין דעם נוסח דערגייט זיין מייסטערשאַפט צו דער העכסטער מדרגה, ווייל אין דעם נוסח זיינען די טעמע, די פיגורן, די האַנדלונג — דאָס פאָלק און זיין לעבן, זיין היסטאָרישער גורל און זיין לאַגע אין דער קעגנוואַרט. אין דעם נוסח בריענגט מענדעלע זיינע פאַרביקסטע בילדער, זיינע קליגסטע באַאָבאַכטונגען, זיינע שאַרפזיניקסטע איינפאַלן און ווערטלעך — און דערביי זיינע טיפסטע געפילן און געדאַנקען. דאָ איז מענדעלע דער גרויסער פאָלקס־דיכטער. דאָ זיינען יענע טיילן, וואָס מאַכן פון זיין לעבנס־ווערק — אַ „פּאָעמע".

די ערשטע צוועלף קאַפּיטלען פון „פישקע דער קרומער" געהערן צו די בעסטע זייטלעך אין דער יידישער ליטעראַטור, זיי זיינען אָנגעשפּיקעוועט מיט געניאַלישער קענטעניש פונעם פאָלק. דאָ פינקלט מענדעלעס טאַלאַנט — ווי אין „מסעות" — מיט אַלע קאָלירן, יעדעס בילד, יעדעס וואָרט איז אויפן אָרט, יעדע באַאָבאַכטונג שלאָגט אין פינטל.

אַן אַנדערן כאַראַקטער ווייזט דער סטיל פונעם צווייטן טייל ווערק, דער אייגנטלעכער פישקע־ראָמאַן (פון קאַפּיטל דרייצן ביזן סוף). דאָס איז פון

אָנהייב ביזן סוף אַן אויסגעבויטער ראָמאַן, מיט אַ קלאָר־אויסגעאַרבעטער סוזשעטישער ליניע, מיט אַן אַנטוויקלטער פאַבול, מיט רייכער האַנדלונג, וואָס דערגייט אַפילו ביז צו שפּאַנענדיקער „אינטריגע". פאַרשטייט זיך: אויך אין די דאָזיקע קאַפּיטלען איז פאַראַן דער עכטער מענדעלישער סטיל מיט אַלע זיינע אייגנאַרטיקע, וואונדערלעכע און אויך טשודנע עלעמענטן, אויך דאָ איז פאַראַן ניט ווייניק פונעם מענדעלישן „סוביעקטיוויזם". אויך דאָ מישט זיך דער דיכטער שטענדיק אַריין אינעם סיפּור־המעשה מיט מאַלערייען, מיט פאַר־שיידנערליי אָפּווייכונגען, באַמערקונגען, באַטראַכטונגען א. אַז. וו. אָבער די געשילדערטע פיגורן און זייערע האַנדלונגען, דער „אָביעקטיווער" קאָנטעק־סט, וועט דערצייל־נוסח הערשן דאָ איבערן „סוביעקטיוויזם".

אויב אין דער ראָמען־דערציילונג זיינען פאַרווירקלעכט טראַדיציעס פון דער ענגלישער רעאַליסטישער פּראָזע, רופט דער אייגנטלעכער פישקע־ראָמאַן אַרויס אַסאָציאַציעס פון גאָר אַן אַנדער מין. דאָ פירן די אַסאָציאַציעס צו אַ באַשטימטער שול אין דער פראַנצויזישער פּראָזע, אָבער ניט צו דער רעאַליס־טישער, נאָר צו דער ראָמאַנטישער שול — צו וויקטאָר הוגאָ, סיו און דיומאַ.

ווי באַוואוסט, האָט שוין שלום־עליכם אָנגעוויזן אויף דער קרובהשאָפט צווישן די געשטאַלטן אין „פישקע" און די געשטאַלטן אין וויקטאָר הוגאָס בוך „דער מענטש, וואָס לאַכט". אמת: הוגאָס דאָזיקער בוך מיט דער הויפּט־געשטאַלט, וואָס איז אַמיינסטן אַנאַלאָגיש צו דער פישקע־געשטאַלט, איז דער־שינען אַ ביסל שפּעטער, ווי דער ערשטער וואַריאַנט פון „פישקע דער קרומער", אָבער „נאָטר דאַם" מיט דעם הויקער קוואַזימאָדאָ און די ציגיינערס אַלס הויפּט־פיגורן, מיט דער פאַרביקער שילדערונג פון סביבה און שטייגער פון די בעטלערס — איז דאָך אַ פריאיק ווערק פון הוגאָ. ס'איז דערשינען אין יאָר 1831, און די רוסישע איבערזעצונג — אין די זעכציקער יאָרן. הוגאָס שאַפן איז אגב דעמאָלט זייער פּאָפּולער געווען אין רוסלאַנד.

די געשטאַלט פון דער האָרבאַטערביילע דערמאָנט סיי מיט איר כאַראַק־טער, סיי מיט געוויסע שטריכן פון איר גורל אין דער האָרבאַטער פון סיוס „די סודות פון פּאַריז". די אַוואַנטורישע מאָטיוון אינעם פישקע־ראָמאַן דער־מאָנען ענלעכע סיטואַציעס ביי סיו און דיומאַ.

דער גאַנצער איינפאַל גופא צו שרייבן אַ ראָמאַן, וואו די הויפּט־פיגורן זיינען קאַליקעס, בעטלערס, איז גאָר ניט אַזוי פּראָסט, ווי ס'קאָן זיך דוכטן. דער איינפאַל איז געוויס „עקסטראַוואַגאַנט", לפחות אויסערלעך. דאָ איז פאַראַן פון יענעם מין אויסטערלישקייט, ווי, למשל, אין גאָגאָלס איינפאַל צו באַ־שרייבן אין אַ בוך די געשטאַלטן און פּאַסירונגען ביים איינקויפן „טויטע

נפשות״.* דאָס איז ניט גלאַט אַ נטיה צו אויסטערלישע טעמעס, נאָר אַ רעזול־טאַט פון גרויסער ליבע צום אונטערדריקטן פאָלק, אַ רעזולטאַט פון ביטערן קלעם, אין וועלכן די פאָלקס־מאַסן האָבן זיך געפונען, — און אויך די גרויסע שרייבער גופא: אינעם קלעם פון שווערע ווידערשפּרוכן צווישן זייער דענקען און פילן.

דער דאָזיקער טעמאַטישער שטאָף ווייזט שוין ביי הוגאָ גופא — און דאָס איז אגב אויך אַ ראָמאַנטישער שטריך — באַציאונגען צו דער טראַדיציע פון דער שעלמען־דערציילונג („פלוטאָווסקאָי ראָמאַן" — La novella picaresca). די אַטמאָספער פון אַ געזעלשאַפטלעכן דנאָ („דעק") איז דאָרט, אין דער שעל־מען־דערציילונג, שטענדיק היימיש געווען. די סביבה פון דעקלאַסירטע, בעטלערס, כּל־מיני בראָדיאַגעס, ציגיינערס, שלעפּערס, גייערס, פאַרברעכערס א. אַז. וו. — דאָס אַלץ איז שוין פאַראַן אין דער באַרימטער שעלמען־דערציילונג „לאַסאַריליאָ פונעם ברעג טאָרמעס".

אויך די דאָזיקע טראַדיציע שפּאַרט אָן מיט איינער אַ זייט אָן דעם גרויסן סערוואַנטעס. די געשיכטע פון דאָן־קיכאָט איז דאָך די געשיכטע פון אַן איידעלן, טרוימעריש־פאַנטאַזירנדיקן „שעלם", און סאַנכאָ פּאַנטשאָ איז דאָך שוין בפירוש אַ טיפּישער שעלם מיט אַלע פּישטשעווקעס.

אין זיינע נאָוועלעס באַהאַנדלט סערוואַנטעס אַ ריי „שעלמישע" (פּיקאַ־רעסקע) טעמעס, ווי למשל אין דער נאָוועלע “Rinkonete y Cortadillo”, אָדער אין דער נאָוועלע „די ציגיינערקע". אין ביידע ווערט געשילדערט (מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם באַוואוסטזיין, אַז די טעמע איז ניי און פאַר זיך אַליין אַן אויפטו!) די סביבה פון ציגיינערס, בעטלערס און גנבים אויף אַן אופן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש געוואָרן פאַר דער פּיקאַראָ־דערציילונג, — שטייגעריש אָבער מיט אַ דייטלעך שטרעבן אויפצודעקן מענטשלעכקייט און ווירדע אַפילו אין דער דאָזיקער סביבה. הוגאָס „נאָטר דאַם" איז בפירוש באַווירקט פון סערוואַנטעסן.

די געשיכטע פונעם בעטלערישן בראָדיאַגע פישקע איז לויטן זשאַנר טיף פאַרוואָרצלט אין דער טראַדיציע פון דער שעלמען־דערציילונג.

אַ טעמאַטיש נייס אין הוגאָס געשטאַלטן פונעם געזעלשאַפטלעכן דנאָ איז דאָס, וואָס אויב דער טיפּישער קלאַסישער „שעלם" איז געווינלעך אַ פלינקער, אַ מייסטער אויף אַלע הענט, אַ פיגאַראָ, אַ געניטער, געוואַשן אין זיבן וואַסערן, אַ רייטער אויף אַלע זאָטלען — זיינען דאָ ביי הוגאָ די „שעלמען" ניט בלויז מענטשן פון דער טיף, געשלאָגענע פון דער געזעלשאַפט, נאָר אויך

* ווי באַוואוסט, האָבן אויך דאָ — לויט פּושקינס אָנרעגונג — געווירקט גע־וויסע השפּעות פון סערוואַנטעסעס נאָוועלן און „דאָן-קיכאָט".

באַליידיקט פון דער נאַטור מיט קערפּערלעכע דעפעקטן, קאַליקעס. הייסט דאָס טאָפּלט־באַעוולטע, אומבאַהאָלפענע און אומגליקלעכע.

און גראָד ביי זיי נעמט הוגאָ זוכן, געפינען און שילדערן טיפע מענטש־לעכע געפילן, שיינע מענטשלעכע ווירדע. דאָס איז אַ ראָמאַנטישער אופן צו פאַרקערפּערן דורך היפּערבאַלישע געשטאַלטן דעם אמתדיקן געדאַנק, אַז דערהויבענע מענטשלעכע געפילן קאָן מען געפינען דווקא אין די טיפענישן פונעם פאָלק.

אין אַן אַרטיקל פון די דרייסיקער יאָרן „וועגן דער שיינער קונסט און דער היינטצייטיקער דראַמע" שרייבט הוגאָ: „...צו ווייזן, ווען סע מאַכט זיך אַ געלעגנהייט, די שיינע עטישקייט אונטער דער געשטאַלט פון פיזישער העסלעכקייט, אַריינצודרינגען דורך אַלע אויבערפלעכלעכקייטן, כדי אַרויסצו־ציען דעם אינעווייניקסטן מהות פון אַלעם, אַרויסרופן ביי דעם העכערן — אַכטונג צום נידעריקערן, אויסצונוצן די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסן און זיי דאָס קלאָר מאַכן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן דאָס אַליין ניט באַמערקן, און זיי אויפצוקלערן דורכן פאַרגעניגן פונעם שוישפּיל וועגן עטלעכע גרויסע געזעלשאַפטלעך־פילאָסאָפישע אמתן, אָן וועלכע זיי קאָנען זיך אַליין ניט באַ־גרייפן, — אָט דאָס איז, לויט אונדזער מיינונג, דער אמתער פּאָעטישער נוץ, דער אמתדיקער איינפלוס, דער אמתדיקער אָנטייל פון דער קונסט אין דער געזעלשאַפטלעכקייט." די דאָזיקע אויפגאַבע האָט זיך הוגאָ באַמיט צו פאַר־ווירקלעכן אין זיין „נאָטער דאַם", „דער מענטש, וואָס לאַכט" און אַנדערע ווערק.

אין דער דאָזיקער טראַדיציע פונעם „סענטימענטאַלן",* אָבער גלייכ־צייטיק אויך רעאַליסטישן ראָמאַנטיזם געפינען מיר אַ געוויסע דערקלערונג פאַר דער „אויסטערלישקייט" פון די געשטאַלטן אין „פישקע", ווי ווייט דאָס איז שייך צו ליטעראַטור־היסטאָרישע ווירקונגען, און אויך אַזוי ווייט ווי ס'איז שייך צום קינסטלערישן בילד פאַר זיך גענומען, אומאָפּהענגיק פון זיין סימבאָליש אַלגעמיינעם באַדייט, פון זיין באַדייט אַלס הויך־קינסטלערישן רעאַליסטישן משל.

וואָרים דער פישקע־ראָמאַן איז, אַ חוץ אַלעם, ביי דער גאַנצער רעאַליס־טישקייט פון דער דערציילונג — אויך נאָך בפירוש געמיינט אַלס משל. דער אייגנטלעכער העלד פונעם בוך איז ניט פישקע, נאָר דאָס פאָלק. די טעמע איז דאָך די אָרעמקייט פון פאָלק, זיין נויט — „די טאָרבע".

מענדעלעס פאָלקס־ליבע ווענדט זיך צו דער דאָזיקער טעמע אויף אַ גראָטעסק־היפּערבאָלישן אופן. ער קלייבט אויס פאַר טרעגער פון דער דער־

---

* דאָ איז דער טערמין געמיינט אינעם געוויינלעכן היינטצייטיקן באַדייט.

ציילונג דעם סאַמע אָרעמסטן, אומגליקלעכסטן, געשלאָגענעם און באַליידיקטן טייל פון דער אָרעמשאַפט — בעטלערישע קאַליקעס. ס׳איז אַ פאַקט, אַז אַ גרויסער טייל פון דער שטעטלדיקער מאַסע איז באַשטאַנען פון דעקלאַסירטע פּאופּערס. דער דאָזיקער פאַקט ווערט אין „פישקע" דערפירט צו אַ סימבאָלישער היפּערבאָל: „כל ישראל — איין קבצן!", צו אַ גרויסן סימבאָלישן משל וועגן דער אומדערטרעגלעכער לאַגע פונעם פאָלק, צום משל וועגן דער „טאָרבע".

„...מיר, אַקעגן, איז באַשערט געווען זיך אַראָפּצולאָזן אויפן נידעריקן טרעפּל פון יידישן לעבן, אונטן, אין די קעלערס. מיין „יש־בכאן" איז: שמאַטעס און פוילע סחורה. איך האָב נאָר שטענדיק צו טאָן מיט אביונים, קבצנים, אומגליקלעכע, נעבעך; אויך מיט מענטשלעכע דראַבעס, פּאַקוסניקעס, וכדומה אַזעלכע מיני נפשות, קליינטשקע, נידעריקע פאַרשוינען. מיר חלומט זיך נאָר בעטלערס. פאַר מיינע אויגן שוועבט תמיד אַ טאָרבע — די אַלטע, גרויסע יידישע טאָרבע הענגט מיר תמיד, ווי יענעם מרה־שחורהניק אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז. וואוהין איך זאָל מיך נישט קערן און ווענדן, זע איך פאַר מיר די טאָרבע; וואָס איך זאָל נישט וועלן עפּעס דערציילן אָדער זאָגן, קומט מיר אַפילו די טאָרבע...

„אוי, אַלץ די טאָרבע, די יידישע טאָרבע!..."

געטע האָט אַמאָל אין אַ געשפּרעך מיט עקערמאַן וועגן בייראָנען מקנא געווען דאָס ענגלישע פאָלק פאַר זיין געשיכטע, ווייל זי איז רייך מיט פּאָליטישן לעבן און ממילא מיט גרויסע קאַמפן, מיט פאַרשאַרפטע היסטאָרישע סיטואַציעס, מלוכהשע אַקציעס, העראָאישע מלחמות, ליידנשאַפטלעכע קאָליזיעס. אויף אַזאַ באָדן וואַקסן היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, וואָס קאָנצענטרירן אין זיך דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון זייער צייט. דאָס גיט דער ליטעראַטור אַ גרויסע טעמאַטיק. דערמיט האָט געטע דערקלערט, פאַרוואָס די ענגלענדער האָבן געשאַפן אַזאַ גרויסע ליטעראַטור מיט שעקספּירן, מיט בייראָנען, און אויך פאַרוואָס די דייטשן מיט זייער דעמאָלט מלוכהש־צעדריבלט לאַנד, מיט זייער פאַרקריפּלטער געשיכטע און נישטיקע פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן — האָבן ביז דעמאָלט געהאַט אַזאַ קליינלעכע, בלאַסע און גראָע ליטעראַטור.

אין דעם געדאַנק איז פאַראַן אַ טיפער אמת. ס׳איז אָבער אויך אמת, אַז געטע, וואָס זיין שאַפן איז אינגאַנצן פאַרוואָרצלט אינעם אַכצנטן יאָרהונדערט און וואָס איז דאָך איינער פון די גרעסטע דיכטער אין אַלע צייטן — איז אין אַ געוויסער מאָס אַליין אַ לעבעדיקער ווידערשפּרוך צו זיין באַהויפּטונג. און ווידער האָט דאָך גראָד געטע מיט אַ גרויסן טייל פון זיין דיכטערישן און דענקערישן שאַפן געלערנט דורך־ארץ האָבן פאַר דער פּראָזע פונעם לעבן. ער האָט געלערנט דורך־ארץ האָבן פאַר די כלומרשט „קליינע פאַקטן" און גע־

שעענישן, וואָס נאָר דורך דעם איז מעגלעך וויסנשאַפט, איז מעגלעך אַן אַל־געמיינער באַגריף, די אידייע פונעם גאַנצן, פונעם צוזאַמענהאַנג, אַן אמתדיק באַגרייפן דאָס לעבן, דעם מענטשן, די געזעלשאַפט. גראָד געטע האָט ניט ווייניק מיטגעהאָלפן צו דערזען די באַדייטונג פון „אומבאַדייטנדיקע" פאַקטן, צו דערזען, אַז גרויסע זאַכן, גרויסע אידייען פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן שפּיגלען זיך אומפאַרמיידלעך אָפּ אין כלומרשט „קליינע" האַנדלונגען און געשעענישן. דאָס קעמפנדיקע שטרעבן געטעס זיך אַרויסצורייסן פון דער גראָער, נישטיקער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער, אַרויסצוהייבן די געזעל־שאַפט פון די אָפּגעשטאַנענע, פּיליסטערישע פאַרהעלטענישן, האָט אַרויסגערופן יענעם שעפערישן כוח, וואָס באַווייזט זיך געוויינלעך ביי אַלע גרויסע קאַמפן. דער פּאַטאָס פון די „פּלעבייאישע" פאַקטן פון אַלע־טאָג קאָן פאַרמאָגן ניט ווייניקער דערהויבנקייט, ווי דער פּאַטאָס פאַר די אויסנאַם־מעסיקע פאַקטן. די הערא‌איק פון געוויינלעכן אינדערוואָכן קאָן זיין ניט ווייניקער דערהויבן, ווי די פייערלעך־אונטערגעשטראָכענע הערא‌איק.

אַ מעשה וועגן אַ מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר מיט זיין געוויינלעכן פּראָ־זאַאישן שטייגער טאַקע ביי הוגאָ, ביי דיקענס אָדער ביי גאָגאָל, דאָסטאָיעווסקי, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, גאָרקי, טשעכאָוו, מענדעלע, שלום־עליכם קאָן אַנט־האַלטן ניט ווייניקער לײדנשאַפטן, דראַמאַטישע קאָליזיעס, טראַגיק, הערא‌איזם, דערהויבנקייט, טרויער, פרייד, קאָמיק, פּאָעזיע, טיפסטע געדאַנקען און געפילן, ווי יענע גרויסע ווערק, וואָס באַהאַנדלען קלינגענדיקע, פייערלעך־געהויבענע טעמעס. אין קליינע, וואָכעדיקע געשעענישן קאָן מען דערזען און אויפדעקן די קאָמפּליצירטסטע פאַקטן פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, פאַקטן פון אַלגעמיינסטן באַדייט. מע קאָן די וואָכעדיקע געשעענישן זען פונעם זעלבן הויכן אַספּעקט, ווי שעקספּיר האָט געזען זיינע טעמעס. און דאָס איז אפשר טאַקע שווערער און זעצט פאָרויס אַ העכערע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. ס'ווענדט זיך בלויז, צי דער דיכטער פאַרלירט זיך ניט אין דער דעטאַל, — צי די דעטאַל דינט אים אַלס ענדגילטיקער ציל אָדער אַלס דינסטער מעטאָד, ווי־אַזוי צו געפינען אין פשוטסטע מאָמענטן די געזעצן פונעם גאַנצן.

אינעם דרך־ארץ פאַר דער „פּראָזע פון לעבן" איז פאַראַן דרך־ארץ פאַרן לעבן גופא, איז פאַראַן אַ הויכער פּאַטאָס פאַר די „קליינע, ניט־אַנזעעוודיקע" מענטשן און זייער לעבן. דער דאָזיקער דרך־ארץ זעצט פאָרויס אַ דעמאָ־קראַטיש געמיט, ליבע צום פאָלק, אַ טיף געפיל פאַר געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט. אָן דעם איז ניט מעגלעך דאָס רעאַליסטישע שילדערן דעם שטייגער בכלל און דאָס אַריינדרינגען אין די געדיכטענישן פונעם פאָלקס־לעבן בפרט.

דאָס איז דער באַדייט אויך פון מענדעלעס קליינמאָלעריי, פון זיין וואָכע־

דיקער „אומהעראַאישער" טאַרבע־טעמאַטיק, פון אַזעלכע געשטאַלטן, ווי פישקע דער קרומער.

און ווייל דאָס איז ביי מענדעלען ניט קיין זשאַנר־מאָלעריי סתם, ווייל די דאָזיקע בילדער און געשטאַלטן זיינען דורכגעדרונגען פונעם ליידנשאַפטלעכן ווילן צו העלפן דעם פאָלק, עס אויפצוקלערן, — מאַכט ער פון זיינע געפּלאָגטע, געשלאָגענע, באַליידיקטע און אונטערדריקטע פיגורן ניט קיין אידעאַליזירטע „סטראַנניקי". מענדעלע מיסטיפיצירט ניט דעם לייענער מיט עפּעס אַזעלכע פאַרבאָרגענע, אויסטערליש־איידעלע מידות פון זיינע געשטאַלטן. ער מאָלט זיי אַזוי, ווי זיי זיינען, מיט אַלע זייערע שיינע, אָבער אויך גאָר ניט שיינע זייטן. ער באַזינגט דאָס פאָלק מיט אַזאַ האַרצלעכקייט, ווי קיינער ניט ביז צו אים אין דער יידישער ליטעראַטור. אין דער אייגענער צייט שטראָפט ער עס מיט ביטערע ווערטער פאַר דער משונהדיקער אָפּגעשטאַנענקייט. דעריבער ווירקן זיינע בילדער ניט ווי ראָמאַנטישע פאַרליבלעכונג, נאָר ווי דער אמת אַליין.

דאָס לעבן, וואָס מענדעלע האָט געמאָלט, איז געווען מיאוס, פאַרקריפּלט און צעקאַליעטשעט, אָבער אין זיינע בילדער איז פאַראַן זייער אַ סך שיינקייט. דעם דיכטערס טרויער, זיין אָנקלאָג, זיין ליבע צום פאָלק שפּרייטן אויס איבער די בילדער דעם אָטעם פון הויכער פּאָעזיע.

3. כאַראַקטערן און פּאָרטרעטן

מענדעלעס שילדערונג פון כאַראַקטערן און האַנדלונגען גייט ניט אויף דער ליניע פון פּסיכאָלאָגישער אינדיווידואַליזירונג, פון פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז.

מענדעלע שטרעבט צו דירעקטע סינטעטישע פאַראַלגעמיינערונגען, צו דער שאַפונג פון אַזעלכע געשטאַלטן, אין וועלכע עס זיינען געזאַמלט און פאַרקערפּערט כמעט אויף אַ סימבאָלישן אופן די טיפּישע אייגנשאַפטן פונעם פאָלק — און אויך די היסטאָרישע פאַרהעלטענישן, אין וועלכע די דאָזיקע געשטאַלטן האָבן זיך אויסגעבילדעט. נאָך מער: אַפילו די אויסערגעוויינלעך פאַר רייכע שטייגער־מאָלעריי איז ביי אים שטאַרק טיפּיזירט און פאַראַלגע־מיינערט.

מענדעלעס „פישקע דער קרומער" האָט — ווי מיר האָבן געזען — אַ באַ־שטימטע שייכות צום בילדער־קרייז פון די פראַנצויזישע שפּעט־ראָמאַנטיקער אין די 30ער יאָרן (הוגאָ א. אַ.), צו זייער „פּאָעזיע פונעם העסלעכן, שרעקלעכן", צו יענעם בילדער־קרייז, וואָס האָט אויך געווירקט אויפן יונגן לערמאָנטאָוו („וואָדים"). ס'איז אָבער פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן יענע גע־שטאַלטן און מענדעלעס. מענדעלען איז פרעמד די ראָמאַנטישע סודותדיקייט

און מיסטיפיקאַציע. ער זעט ניט אין דער ביאָגראַפיע פון זיינע פישקעס קיין שפּור פון פאַרהוילענע פאַנטאַסטישע פאַקטן, און אין זייער כאַראַקטער — קיין שום אויסערגעווינלעכע אייגנשאַפטן, למשל, פונעם „דעמאָניזם", וואָס איז אַזוי אייגנטימלעך פאַר יענער ראָמאַנטישער שול. דאָס „העסלעכע" און „שרעקלעכע" איז ביי מענדעלען רעאַליסטיש באַהאַנדלט, שטייגעריש. מענדעלע איז ניט אויסן צו באַווייזן אַ ראָמאַנטישן אַנטיטעזיס: דווקא דאָס גוטע — אינעם שלעכטן, דאָס דערהויבענע און שיינע — אינעם נידעריקן און מיאוסן. ער וויל פּשוט באַווייזן, אַז שלעכט, נידעריק און מיאוס איז די אונטערדריקונג פונעם מענטשן, די נויט, די אָרעמקייט גופא, אָבער ניט די מענטשן, וואָס לעבן אין דעם דאָזיקן אומגליק. ער באַווייזט פּשוט זייערע טיף מענטשלעכע אייגנשאַפטן. דערצו דאַרף ער ניט קיין ראָמאַנטישן פּאַראַדאָקס.

מענדעלע מוכר־ספרים שילדערט דאָס בעטלערישע לעבן אין נאַטורעכטע בילדער, אָן אויסטראַכטעניש. דאָ האָבן אים געדינט באַשטימטע איבערלעבונגען פון זיין יוגנט, ווען ער האָט זיך אַליין אַ שטיקל צייט אַרומגעשלעפּט אין אַ געזעלשאַפט פון בעטלערס. אין זיין רעאַליסטיש־שטייגערישער מאַלעריי איז פאַראַן דער עיקר איין שטריך פון דער ראָמאַנטיק — דער גראָטעסק. און ניט בלויז אין די מאַלערייען, נאָר אויך אין די אַריינגעפלאָכטענע באַטראַכטונגען. למשל, מענדעלע קאַטעגאָריזירט אויספירלעך די פאַרשיידענע מינים בעטלערס מיט כמעט וויסנשאַפטלעכער פּינקטלעכקייט — און אין רעזולטאַט באַקומט זיך אַ גרויזאַמער אמת, געגעבן דורך אַ גראָטעסק. די באַשרייבונג פונעם וויסטן פּאָופּעריזם פאַרענדיקט זיך מיט אַ רעפּליקע אַלטערס:
„...געגנוג, כ'לעבן, מיט אייערע קבצנים. עס בייסט מיר אַזש דאָס לייב, ווי פליי וואָלטן מיך אָפּגעשיט. פונמיינעטוועגן וואָלט איר עס געקאָנט מאַכן בקיצור: כל ישראל—איין קבצן! און גאָרנישט, אָן עק, אַ סוף זאָל עס האָבן..."

פישקע איז אַ געוויינלעכער בעטלער. מיט די אַלע גאָר ניט ליבלעכע און רויע שטריכן, מיט וועלכע דאָס האַרבע לעבן זייערס שטעמפּלט אָפּ אַזעלכע אומגליקלעכע נפשות. פישקע רעדט און טוט געוויינלעך דאָס, וואָס אַלע בעטלערס רעדן און טוען. אין זיין פירונג איז ניטאָ גאָרניט אויסערגעוויינלעכס. אָבער דאָס אויג, וואָס האָט זיך צו אים צוגעקוקט, איז ניט קיין געוויינלעכס. מענדעלע האָט זיך מענטשלעך צוגעקוקט. ער האָט אָנגעווענדט די גערעכטע מאָס, די מענטשלעכע מאָס — און אינעם צעקוועטשטן, באַליידיקטן קריפּל האָט זיך אַנטפּלעקט שיינקייט און איידעלע מענטשלעכקייט.

פישקע האָט דערציילט זיין לעבן, אינמיטן דריבער איז ער —
„פלוצים געבליבן שטיל און אַוועקגעקערט דאָס פּנים, גלייך ווי ער האָט זיך געשעמט. וואָס מיין אַלטער האָט אים ניט געבעטן ווייטער צו דערציילן,

האָט אַלץ ניט געהאָלפֿן. — עט... כ׳לעבן! — האָט פּישקע געמאַכט, איז רויט געוואָרן, זיך געמיטעט און נישט געעפֿנט קיין מויל. פּישקע, ווי עס האָט אויסגעזען, האָט לסוף זיך אַליין פֿאַרשעמט פֿון זיינע אייגענע רייד. פּריער, אַז עס האָט אים דער ערשטער ברי געטאָן, האָט ער זיך צעפּלאָקערט, צערעדט, ווי איינער פֿון דער היץ. ער האָט גערעדט מיט פֿייער און אויסגעגאָסן זיין גאַנץ האַרץ אין אַזעלכע ווערטער, וואָס זיינען גאָר נישט געווען פֿאַר פּישקעס מוח. די דאָזיקע ווערטער האָבן זיך אים געגאָסן אַליין, עס האָט אין אים זיך צערעדט די נשמה, ער האָט בשעת־מעשה פֿאַרגעסן אַלצדינג, וואָס אַרום אים טוט זיך, גערעדט, גערעדט, נישט צו הערן כמעט אַליין, וואָס ער רעדט, ביז ער האָט פּלוצים זיך אַ כאַפּ געטאָן, עפּעס ווי אַליין זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, זיך עפּעס געוואונדערט, ווי קומט אַזוינס צו אים... און איז שטאַרק פֿאַר־שעמט געוואָרן. ביי וועלכן פֿון אונדז מאַכט זיך נישט, כאָטש איין מאָל אין לעבן, אַזאַ ליכטיקע, גוטע שעה, וואָס דענסטמאָל עפֿנט זיך אַ מויל, און ריינע, אמתע, מענטשלעכע געפֿילן גיסן זיך אים אַרויס...״

אין דער געשטאַלט פֿונעם האָרבאַטן מיידל ביילע איז געשילדערט דער גורל פֿון אַן אָרעם יידיש קינד, וואָס האָט זייט דער יינגסטער יוגנט אויס־צושטיין די ביטערסטע צרות פֿונעם לעבן. אַזעלכע בילדער, ווי דעם קינדס אַרומוואָגלען פֿון קיך צו קיך אינאיינעם מיט דער מוטער דער קעכין, טוען וויי ביז אין האַרצן.

פֿאַראַן אין איר לעבנס־געשיכטע אַן עפּיזאָד, ווען איר מוטער וואַרפֿט זי אַלס קינד אַוועק אויף גאַטס באַראַט, ניט קאָנענדיק ווייטער טראָגן די שווערע לאַסט. דאָס איז אַ קליין בילדל, פּראָסט דערציילט, כמעט טרוקן. אָבער סע צעברעכט דאָס געמיט.

„איינמאָל אַקעגן אָוונט איז געקומען עפּעס אַ מענטש און פֿאַרנומען פֿון דער קיך דער מאַמעס זאַכן. די מאַמע האָט געדאַנקט דער באַלעבאָסטע פֿאַר דעם זאַלץ און ברויט, אַראָפּגענומען מיט מזל איר באַקעט טעכטערל פֿונעם אויוון און איז מיט איר אַרויסגעגאַנגען. זי פֿירט דאָס טעכטערל און פֿירט, ביז זי פֿאַרפֿירט עס ערגעץ אין אַ געסל. „זעץ זיך דאָ אַנידער און וואַרט. יידן וועלן רחמנות האָבן!״... אַזוי האָט די מאַמע געזאָגט און איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן.

„דאָס פֿאַרוואָרפֿענע קינד זיצט, נעבעך, אויף דער גאַס שטיל און האָט מורא אַ ריר צו טאָן זיך אַפֿילו, אַזוי־ווי פֿריער אויפֿן אויוון. אַ קאַלט אַטיענ־דיק רעגנדל שפּרענקלט און נעצט איר דורך די ביינער. זי איז געזעסן איינ־גענורעט כמעט אין איין העמד, געציטערט פֿאַר קעלט, און אַ צאָן אין אַ צאָן האָט איר געקלאַפּט. אַז איינער פֿון די פֿאַרבייגייענדיקע האָט זי אַ פֿרעג

געטאָן: — ווער ביסטו, מיידעלע? איז דער ענטפער אירער געווען: — איך בין דער מאַמעס... די מאַמע מיר געהייסן דאָ זיצן שטיל... מען טאָר נישט שרייען. אַ קאַטשערע, אַ לאָפּעטע קומען און שלאָגן... אַזוי איז זי, שלים מזלדיקע, נעבעך, געזעסן העט שפּעט אין דער נאַכט, ביז עפּעס אַ יידענע האָט זי פאַרנאַרט מיט גוטע רייד און אַוועקגעפירט צו זיך אַהיים, ערגעץ אויף די פּיסקעס אין אַ קליין שטיבעלע אויף הינערשע פּיסלעך.

„ביי דער יידענע האָט זי זיך אויפגעהאַלטן אַ היפּשע צייט און ביי איר קיין האָניק נישט געלעקט...“ א. אַ. וו.

דאָ איז פאַראַן אַזאַ גרויזאַמער אמת — ווי אין די גרויסע, שטאַרקע פאָלקס־לידער, אין וועלכע ס'איז אַנטהאַלטן עפּעס אַ שרעקלעכער סוד פונעם לעבן, פונעם לעבן אין דער פאַרקריפּלטער געזעלשאַפט. ווי אין דער ליד, פון וועלכער מענדעלע ציטירט:

. . . דער טאַטע האָט מיך געקוילעט,
די מאַמע האָט מיך געגעסן . . .

די געשטאַלט פון דער האַרבאַטערביילע ווערט כאַראַקטעריזירט ניט אַזוי ווייט דורך אירע האַנדלונגען, ווי דורך איר לעבנס־געשיכטע, דורך איר שווידערלעכן גורל. איר כאַראַקטער איז אין אַלגעמיין אַ פּאַסיווער, און דאָס איז טיף רירנדיק אין איר. בלויז איין אַקטיווער כאַראַקטער־שטריך איז פאַראַן אין דער געשטאַלט — איר גרויסע ליבע, איר מוט, איר געטריישאַפט און שטאַנדהאַפטיקייט אין דער ליבע. מענדעלע וויל זאָגן: זעט — אַ מענטש מיט אַזאַ לעבן, אין אַזאַ סביבה — און האָט אַזאַ גרויס האַרץ.

דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס מענדעלע האָט די צוויי געשטאַלטן געגעבן, איז זייער פיאיקייט צו אַ גרויס געפיל, צו מענטשלעכער איידעלער ליבע, צו אַזוינס, וואָס די מיוחסים, נגידים, באַלעבאַטים זיינען דערצו ניט פיאיק. דאָס איז דער וויכטיקסטער שטריך, דורך וועלכן מענדעלע הייבט אַרויס די צוויי טרויעריקע געשטאַלטן פונעם גראָען פינצטערן „טאָל פון געיאָמער“.

מיט אַזאַ געפיל און צערטלעכקייט, מיט אַזויפיל עכטער פּאָעזיע שילדערן די ליבע צווישן אַ קרומען פישקע און אַ האַרבאַטער ביילע האָט נאָר געקאָנט אַ מענטש, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אַ שיעור ליבע צו די אָרעמסטע און פאַר־שטויסנסטע אינעם פאָלק.

פּראָסט, אָבער שיין רעדט שלום־עליכם * וועגן דעם, אַז די פאַרשיידענע

* אין זיין באַוואוסטן אַרטיקל „דער יידישער דלות אין די בעסטע ווערק פון אונדזערע פאָלקס־שריפטשטעלער“. ביילאַגע צום „יידישעס פאָלקס־בלאַט“, 1888, נומ. 39.

„ראָמאַן־מאַכערס" „וואָלט קיינמאָל נישט אָנגעשטאָנען צו פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע קלייניקייטן, מיט אַזאַ דער־רוח־וויסט־וואָס, ווי פישקע דער קרומער, און מיט אַזאַ פאַרזעעניש, ווי דאָס האָרבאַטע מיידל. אויך מיר אַ ראָמאַן! — שלום־עליכם האָט דער ערשטער לעזאָגט, אַז „אין דעם דאָזיקן קליינעם ביכעלע („פישקע" האָט דאָך אין דער ערשטער אויפלאַגע סך־הכל פאַרמאָגט 45 קליינע זייטלעך — מ. וו.) געפינט זיך אַ סך מער ליבע און פּאָעזיע אַלס אין אַלע טויזנט ראָמאַנען פון דער גאַנצער באַנדע ראָמאַן־מאַכערס". שלום־עליכם האָט מיט ווערטער, גענומענע פון דער טראַדיציע, אָבער זייער פיין און דין אויסגעדריקט, אַז מענדעלע וויל זיך דאָ דערגראָבן צו דער „געטלעכער ליבע", דער „מתנה פון זיין ליבן נאָמען", וואָס לעבט נאָר אין די טיפענישן פון פאָלק.

וועגן ליבע געפינען מיר אין „פישקע" עטלעכע באַטראַכטונגען, וואָס דערמאָנען אינעם געדאַנקענגאַנג פון ענגעלס וועגן דער ראָל פון ליבע אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. מענדעלע שמועסט זיך דורך אויף זיין איראָנישן שטייגער:

„...אויך איז אַ מצווה געווען צו לאַכן אויס יענע פאַרליאַפּעטע, ווי דער שטייגער איז צו לאַכן אויס אַ משוגענעם. אַזאַ שלאַפקייט אָבער, געדענק איך, ווען עס האָט זיך געמאַכט, האָט זיך עס געמאַכט סיידן נאָר ביי די גרויסע נגידים אָדער ביי די גרויסע קבצנים. אין באַלעבאַטישן גראַד, אַקעגן, האָט מען ניט געוואוסט אַפילו מיט וואָס מען עסט עס..." „גרויסע נגידים איז אויף דער וועלט צו גוט, האָבן אַלצדינג, עסן, טרינקען דאָס טייערסטע, דאָס בעסטע, אָן זאָרג, אָן קאָפּדרייעניש, עס גייט זיי אָפּ נאָר קדחת — דעריבער ליגט זיי אין זינען צו מאַכן קוצעניו־מוצעניו. ערנסט אָדער גלאַט אַזוי אַ שפּילכן? — דאָס איז שוין זייער סוד.* ווידער־זשע, די גרויסע קבצנים, פון דער אַנדערער זייט, זיי איז אויך, אויף זייער שטייגער, גוט. האָבן גאָרנישט, קדחת, וואָס איינצושטעלן..." „דעריבער גלוסט זיך זיי אויך אַזעלכע מעשיות!" (אינעם „ערנסט" צווייפלט דאָ מענדעלע ניט — מ. וו.). „דער איבעריקער עולם אונ־דזערער, פונעם מיטעלן סאָרט מענטשן"... — „ביי אים איז ראשית חכמה — געשעפט! אַלצדינג געשעפט. חתונה האָבן — איז אויך אַ געשעפט. ער האַנדלט אין אַ ווייב, דינגט זיך פריער גוט אויס וועגן דעם מקח, וועגן נדן, וועגן איטלעכס פּיצעלע באַזונדער, אַלצדינג פּינקטלעך אויסגערעכנט..."

ענגעלס פאַרסאַכאַקלט זיין געדאַנקענגאַנג וועגן דער דאָזיקער טעמע אַזוי: „די געשלעכטלעכע ליבע צו אַ פרוי ווערט ווירקלעך און קאָן ווערן אַ כלל

---

* פון מיר אונטערגעשטראָכן — מ. וו.

בלויז צווישן די אונטערדריקטע קלאַסן...״ * מענדעלע קומט כמעט אינ־טואיטיוו צו אַן ענלעכן אויספיר.

מיט זיין איראָניע וועגן אַ „שפּילכן״ איז מענדעלע אויסן די ליבע ביי גבירים. אַז זי באַציט זיך ניט אויף דער ליבע צווישן קבצנים, באַווייזט מענ־דעלע מיט זיין גאַנצן בוך. זייט אַקסענפעלדס „דער ערשטער יידישער רעקרוט״ ווערט דאָ צום ערשטן מאָל ווידער אויף אַן עכטן אופן באַהאַנדלט די טעמע „ליבע״. „פישקע״ געהער צו די זעלטענע עכטע ליבע־ראָמאַנען אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

די געשטאַלט פון דעם ביכער־הענדלער מענדעלע ** ווערט אין „פישקע״ רייכער באַהאַנדלט, ווי אין אַלע איבעריקע ווערק מענדעלעס. דאָ איז דער פּאַקנטרעגער מענדעלע ניט בלויז אַ קלוגער און הארצלעכער צוקוקער און רעזאָניאָר, ניט בלויז אַ וויציקער קאָנפעראַנסיע, נאָר אויך אַ האַנדלענדיקע פיגור.

מענדעלע דער פּאַקנטרעגער איז די פאַרקערפּערונג פון דער פאָלקס־טימלעכער הארצלעכקייט און קלוגשאַפט. ער איז דער פאָלקסטימלעכער מאַנער, דאָס געוויסן פון די פאָלקס־מאַסן — אַ פאָלקס־מענטש דורך און דורך. ער איז באַהאַוונט אין די קליינע אותיות, אָבער ניט אָפּגעשלאָסן אין די פיר איילן פון ביכער. מיט זיין ביידל קומט ער אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען און אין די גרעסערע שטעט, באַגעגנט זיך מיט אַלע שיכטן פון דער יידישער און ניט־יידישער באַפעלקערונג, באַזונדערס אָבער מיט די פאָלקס־מאַסן, מיט די אָרעמע, מיט ווייבער, יוגנט, קינדער. ער באַגעגנט זיך מיט דער נאַטור, ס׳טרעפן זיך אים אויף זיינע נסיעות פאַרשיידענע פּאַסירונגען, ער הערט פאַרשיידענע נייסן, געשעענישן, מעשיות. ער איז אינטעלעקטועלער, מער געלערנט, שאַרפער, שטרענגער, ערנסטער פון שלום־עליכמס טביהן, ווייניקער גוטמוטיק, מער אָנגעלאָדן מיט יענער זאָרג, וואָס קומט ביים באַוואוסטזיניקן באַטראַכטן דאָס לעבן. ער פאַרמאָגט אָבער די זעלבע פאָלקסטימלעכע האַרצ־

---

* זע ענגעלס: „די אָפּשטאַמונג פון משפּחה, פּריוואַט־אייגנטום און מלוכה״, רוסישע איבערזעצונג, „פּאַרטיזדאַט״ 1932, ז. 79. זע אויך די ז״ז 17—81.

** די אונטערגעשטעלטע „דערציילער־פיגור״ פון מענדעלע דעם מוכר־ספרים־ניק איז אין אָנהייב געווען בלויז אַ טעכניש הילף־מיטל, אַ מאַניר: איבעם מויל פון דעם דאָזיקן דערציילער וועט די שטאַרק פאָלקסטימלעכע שפּראַך, דענק־אַרט און בילדערישקייט קלינגען נאַטירלעך און ניט נאָכגעמאַכט. אויפן אַנטשטיין פון דער געשטאַלט האָט, הייסט עס, מיטגעווירקט אַ „ראַציאָנאַליסטישער״ מאָטיוו. אָבער, ווי עס טרעפט זיך אָפט ביי מענדעלען — איז די דאָזיקע פיגור גיך אַרויסגעוואַקסן פון די „פונקציאָנעל־טעכנישע״ ראַמען צו אַ זעלבשטענדיק לעבעדיקער געשטאַלט.

לעכקייט און וואַרעמקייט, די זעלבע פּאָלקסטימלעכע קלוגשאַפט, די זעלבע נטיה זיך צו טיילן מיט זײַנע באַטראַכטונגען, די זעלבע שעפערישע באַריידעוודיקייט.

לויט זײַן טיפסטן מהות שטאַמט דער דאָזיקער וואַנדערנדיקער ביכער־הענדלער פון דער זעלבער משפחה, ווי דער אַרומפאָרנדיקער מילכיקער. מענדעלע איז טביהס אַן עלטערער ברודער. טביה איז אַ גענ־אַלע וואַריאַציע פון דער מענדעלע־געשטאַלט, מער פאַרזעלבשטענדיקט אַלס האַנדלענדיקע געשטאַלט, ערדישער און ממשותדיקער אַנטוויקלט.

לעבעדיק געצייכנט איז דער כאַראַקטער פון דער קרעטשמערקע חיה־טרײַנע. ס'איז געווען אַ טראַדיציע אין דער יידישער ליטעראַטור ביים מאַלן ישובניקעס צו לייגן דעם טראָפּ אויף שטריכן פון עם־הארצות און גראָבקייט (זע למשל, אַקסענפעלד: „דאָס שטערנטיכל" א. אַז. וו.). מענדעלע גיט די דאָזיקע געשטאַלטן אין אַן אַנדערער פלאַך. חיה־טרײַנע איז אַ טיפּ פונעם „קאַסרילעווקער" מין, אַ שלום־עליכמישער טיפּ — אַ זאַמל־געשטאַלט פון יידישער פּראָווינציעלישקייט. זי, די אשת־חיל, די ענערגישע בריהטע, וואָס האַלט דעם מאַן אונטערן פּאַנטאָפל, לאָזט זיך לייכט אימפּאָנירן פון דעם פּאַקנ־טרעגער, וואָס ווייסט באַשייד אין די אותיות. ס'געפינט זיך גיך דאָס פּעדעמל פון קרובהשאַפט, לויטן חשבון פון פערד־וואָגן־בייטש־שטעקעלע, און נאָך אין דעם זעלבן אָוונט טראַכט זי שוין צו אַ שידוך פאַר איר טאָכטער, טאָקע מיט דעם פּאַקנטרעגערס זון. דער גאַנצער עפּיזאָד איז געשריבן אין אַזאַ גייסט, וואָס מע קאָן אים נישט אַנדערש אָנרופן, ווי שלום־עליכמיש. די סיטואַציע איז שלום־עליכמישער שטייגער, און די קרעטשמערקע — אַ שלום־עליכמישע געשטאַלט.

די ווירקונג פון מענדעלען אויף שלום־עליכמען גייט ניט בלויז לויט דער ליניע פון שפּראַך־סטיל, פון אַנטלייען עפּיזאָדן, מאָטיוון (דער עפּיזאָד מיטן שידוך צווישן צוויי בחורים א. אַ.), נאָר נאָך מער לויטן שאַרפן זען און איראָנישן, קאָמישן פיקסירן דעם תוך פון דער שטייגערישער פירונג, פון די שטייגערישע רייד. מענדעלע האָט דאָך אויפגעריסן אַ טיר ניט סתם צום שטייגער גופא (דאָס האָבן שוין געטאָן עטינגער, אַקסענפעלד א. אַ.), נאָר צום אינעווייניקסטן כאַראַקטער פון דעם שטייגער. ער האָט געלערנט זען דעם שטייגער ניט בלויז פונעם קריטישן, נאָר אויך פון אַ וואַרעם־מענטשלעכן שטאַנדפונקט, פון אַזאַ, וואָס מעסט מיט דער מאָס פון מענטשלעכער ווירדע. דעריבער מישט זיך אַריין אפילו אין זײַן צאָרן און פאַרביטערטקייט — אַ היפּש ביסל געלעכטער. סאַטירע איז אין דער יידישער ליטעראַטור ביז צו מענדעלען ניט געווען קיין נייס. מענדעלע האָט אין איר, אין דער סאַטירע,

אַריינגעטראָגן די דין געשליפענע איראָניע, עלעמענטן פון פּאַרטיפטן הומאָר. מענדעלע האָט שלום־עליכמען געעפנט אַ וועג. ניט אומזיסט האָט שלום־עליכם אין אים געזען אַ זיידע. —

די דאָזיקע פיר פּאַרשוינען (פישקע, ביילע, מענדעלע, חיה־טריינע) זיינען די דייטלעכסטע כאַראַקטערן אין דעם ווערק. אַ חוץ דעם זיינען דאָ פאַראַן אַ ריי פיגורן, וואָס ווערן קורץ כאַראַקטעריזירט דורך פּלאַסטישע אויסערלעכע פּאָרטרעטן.

למשל, די פיגור פונעם צאַרישן טשינאָווניק, דעם סטאַנאָוואָי, צו וועלכן מע האָט מענדעלען געבראַכט צו שלעפּן:

„...אינמיטן שטוב שטייט אַ רויטער קאָלנער מיט מעשענע קנעפּ, עפּעס אַ מין מענטש מיט אַ בויך און אַן אָנגעבלאָזן פּנים. גלאָנצט מיט די קליינע אויגן, און בשעת עס פאַרוואַרפט זיך אים דאָס שוואַרצאַפּעלע, קוקט אַרויס דאָס ווייסלעכן פון אויג, פאַרלאָפן מיט בלוט. ער דרייט די גאַנצע וואָנצעס און רעדט אויפן גוידער, בייזערנדיק זיך צו צוויי פּאַרשוינען מיט אָנגעבויגענע קעפּ אין דער זייט פון דער טיר: איינער אַ הויכער מיט אַ געזונטן קאַרק, אונטערגעגאָלט דער האַלדז און אַ זילבערן רייפעלע אין לעפל פונעם לינקן אויער, דער אַנדערער אַ דאַרער מיט אַ שפּיצאָסט בערדל, אויפן האַרצן אַ בלעך, האַלט אַ לאַנגן שטעקן מיט ביידע הענט, בלינצלט מיט די אייגעלעך און בוקט זיך איטלעכע רגע...“ א. אַז. וו.

אָדער דער פּאָרטרעט פון אַ גולם אַ מויד, וואָס איר מוטער, די קרעטש־מערקע, וויל דווקא שדכנען מענדעלען פאַר זיין זון:

„...אין שטוב דרייט זיך אַרום אַ דיקע, אַ ברייטע, אַ האַרעפּאַשנע מויד, מיט אַ פּאָר באַקן, ווי די פּאַמפּעשקעס; אויפן קאָפּ זייער ווייניק האָר און צוויי קליינע צעפּעלעך פון הינטן. די הענט האַלט זי ביז די עלנבויגנס שטייף צו די זייטן, די אָרעמס אויסגעשטרעקט גלייך פּאָרנט ווי צוויי האָלאָבליעס, צווישן וועלכע זי רוקט זיך, שליטלט זיך, נישט צו הייבן קיין פיס, אַרויס־שיקנדיק דעם קאָפּ אַ ביסל פריער פאַר איר, רוקט זיך גיך, טראָגנדיק אין די הענט אַ טישטעך מיט טעלער און גרייט צום טיש...“ א. אַז. וו.

דער פּאָרטרעט פון אַלטער יכנה״ז:

„...אַלטער יכנה״ז איז אַ יאָדערדיק יידל, אַ געשפּיקעוועטער, מיט אַ דיק בייכל. זיין פּנים איז געדיכט באַוואָקסן מיט שמוציק געלע האָר, פון וועלכע ס'איז דאָ געגוג אויף פּיאות, אויף אַ באָרד און אויף וואָנצעס אי פאַר זיך אי פאַר נאָך עטלעכע יידן צו פאַרטיילן. אין דעם ים האָר ליגט אַ וויספּע — אַ ברייטע, פּליישיקע נאָז, וואָס איז דאָס־רוב יאָר פאַרלייגט, אָן שום התמנות...“ א. אַז. וו.

און לסוף דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז מענדעלעס מאָלעריי פון נאַטיור־מאָרט, לאַנדשאַפטן, אינטעריערס א. אַז. וו. דינען ניט בלויז אַלס באַלייט־מאָטיוון, אַלס אַטמאָספער אָדער שטימונג פאַר סיטואַציע, געשעעניש, האַנדלונג און געדאַנק — נאָר אָפט אויך אַלס מיטהעלפנדיקע שטריכן ביים כאַראַקטערי־זירן מענטשלעכע געשטאַלטן.

4. פייזאַזש און גראָטעסק

מענדעלע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געבראַכט לעבעדיקן פייזאַזש אין דער יידישער ליטעראַטור.

דער העברייאישער פּאָעזיע און פּראָזע פון יענער צייט און אויך פון פריער זיינען ניט פרעמד געווען בילדער פון דער נאַטור, פונקט אַזוי ווי מאָטיוון פון ליבע צווישן די געשלעכטער. אָבער די דאָזיקע ביידע מאָטיוון, ליבע און נאַטור, זיינען דאָרט באַהאַנדלט געוואָרן סקאַרבאַווע, סכעמאַטיש, לויט קלאַסיציסטישע טראַדיציעס פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט און פריער (עפּי־גאַניש נאָך דעם זייער טאַלאַנטפולן דיכטער משה־חיים לוצאַטאָ א. אַ.). די דאָזיקע טעמעס זיינען דאָרט, אין דער העברייאישער פּאָעזיע פון מענדעלעס צייטן און פריער, געוויינלעך — אַ חוץ גאָר זעלטענע אויסנאַמעס * — באַ־האַנדלט געוואָרן אַזוי ווי מע פילט אויס אַ געבאָט פון דער אָפיציעלער פּאָעטיק, — אָן לעבן און אָן רעאַליסטישער שטיגערישקייט. דאָס איז געווען מליצה־דיקע ליבע, אויסגעטראַכטע נאַטור פון טעאַטער־דעקאָראַציעס.

דער מאָטיוו פון ליבע האָט אין דער נייער יידישער ליטעראַטור באַלד פון אָנהייב אָן פאַרנומען אַן אָרט — שוין אין דער אַנאָנימער „די גענאַרטע וועלט" און אין עטינגערס ווערק. אין אַקסענפעלדס שאַפן, באַזונדערס אין „דער ערשטער יידישער רעקרוט", ווערט דער דאָזיקער מאָטיוו לעבעדיק און שטייגעריש־עכט. אָבער דעם מאָטיוו פון „נאַטור" האָט אין דער יידישער ליטעראַטור — אויב ניט רעדן פון עטלעכע בלאַסע, אומבאַהאָלפענע לידער עטינגערס — ביז צו מענדעלען (לינעצקי — איינגעשלאָסן) קיינער ניט באַ־האַנדלט, און אַפילו זיך צו אים ניט צוגערירט. די עלטערע יידישע אויפ־קלערער זיינען געווען ווייט פון דער נאַטור, אָפגעפרעמדט פון איר. אַפילו אַזאַ וועלטלעכער און פאָלקסטימלעכער מענטש, ווי אַקסענפעלד. די סיבות זיינען קלאָר.

מענדעלע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך באַמת עפענען די אויגן פונעם פאָלק אויף אויף די שיינקייטן פון דער נאַטור. און אויב דער

* צו די דאָזיקע אויסנאַמעס געהער אין אַ געוויסער מאָס מאַפּו. אָבער אויך ער באַהאַנדלט די דאָזיקע טעמעס אין אידילישן פלאַן, בוקאָליש, ניט רעאַליסטיש און אַוודאי ניט שטייגעריש.

ערשטער אימפּולס פאַר דעם נאַטור־מאָטיוו איז ביי מענדעלען געוואָקסן פונעם אינטעלעקטועל־משכילישן שטרעבן אַנטקעגנצושטעלן צו דער טוכלער פאַר־אומערטער „רוחניות" וועלטלעכע „גשמיות" — האָט זיך אָבער דער דידאַקטי־שער תכלית ביים גרויסן דיכטער תיכף פאַרוואַנדלט אין עכטע פּאָעטישע בילדער, געזעענע און דורכגעלעבטע. זיי ווירקן דעריבער סוגעסטיוו און רעגן אָן ביים לייענער — ווי שפּאַרעוודיק זיי זאָלן ניט זיין, און כאָטש ס'איז אין זיי פאַראַן אַ קאַפּעלע „אַלעאָגראַפּיע" — די שטימונגען און געפילן, וואָס מענדעלע איז אויסן.

„פעלדער געשפּרענקלט מיט בליענדע רעטשקע, ווייס ווי שניי, נעבן געלב־גילדענע ראַצעמאַרענע פּאַסן פון ווייץ און מאַט־גרינלעכע, הויך גע־וואַקסענע קוקורוזעס; אַ שיינער גריגער טאָל, באַדעקט פון ביידע זייטן מיט וועלדלעך ניסביימער; אונטן פליצט אַ טייכל, ריין, קלאָר ווי קרישטאָל, אין וועלכן עס טוקן זיך די שטראַלן פון דער זון און באַלייגן עס מיט פינקלדיקע גילדענע פליטערלעך. די שאָף און די קי אויף דער פּאַשע דאָרט זעען פון־דערווייטנס אויס ווי טונקעלע, רויטע געפלעקטע פינטעלעך." דעם דאָזיקן פּייזאַזש זעט אָבער מענדעלע דער פּאַקנטרעגער. ער קאָן זיך ניט פאַרטיפן אין אַזאַ שטיק גאָלע עולם־הזה אָן אַ מוסרדיקער רעפלעקסיע. „פע, פע! — מוסרט מיך דער יצר־טוב מיט יענע ווערטער פונעם פרק: — אַ ייד אונטער־וועגנס, אַז ער איז מפסיק דאָס לערנען און זאָגט: „ווי שיין דער בוים איז, ווי שיין דאָס פעלד, איז גליך ווי ער טוט זיך אַליין אַ מעשה אָן." אָבער באַלד שאַרט דער פּאַקנטרעגער פון זיך אָוועק די מוסרדיקע באַדענקענישן, וואָס פאַרביטערן און פאַראומערן דאָס לעבן פונעם דעמאָלטיקן יידן. „דער יצר־הרע אָבער פאַרטראַגט מיר אונטער דער נאָז מחיהדיקע ריחות פון סטערטעס היי, געווירצן און קרייטעכצער, וואָס צעגייען זיך אין אַלע אברים. ער צעגיסט זיך אין קונציקע ניגונים פון אַלערליי שפּיל־פייגעלעך, וואָס קיצלען ביי דער נשמה. ער לאָזט מיך פילן אויף מיין פּנים אַ וואַרעם ווינטעלע, וואָס גרייזלט מיר די פּיאות, שושקעט מיר אין די אויערן: קוק, האָב הנאה און זיי אַ מענטש, דו נאַרישער ייד איינער!" —

דער פּייזאַזש האָט אין „פישקע" אַן אַלגעמיינע אויפגאַבע: איינצוראַמען אין אַ גאָלדענער פּאָעטישער ראַם דאָס געמעל וועגן דעם לעבן פונעם פאָלק. מענדעלע באַווייזט דערמיט זיין יראת־הכבוד און זיין האַרצלעכע ליבע צו די געשטאַלטן פון דער אָרעמשאַפט, וואָס ער מאָלט. דאָס זיינען די דערוואָרעמענ־דיקע, באַלעבנדיקע זון־שטראַלן, וואָס ער וואַרפט אויף דער געדיכט־טונקע־לער, טרויעריקער אַטמאָספער אינעם בוך. פון איין זייט ווערן דורך דער דאָזיקער גאָלדענער ראַם, דורך די דאָזיקע פּאָעטישע זון־שטראַלן אונטער־געשטראָכן און מאָנומענטאַליזירט דער אומעט פון די בילדער, פון דער

אַנדערער זייט ווערט דורך דעם די קלעמענדיקע פּינצטערקייט געמילדערט, דערנענטערט צום מענטשלעכן געמיט, פאַרטיפט דורך מאָגען גערעכטיקייט.

ניט געקוקט אויף דער דאָזיקער אַלגעמיינער אייגנטלעכער „פונקציע" פיינעם פּייזאַזש, פאַרגעסט דאָ אָבער מענדעלע נישט די אַנדערע אויפקלערנ־דיקע נעבן־אויפגאַבעס. אין אַן אגבדיק־איינגעפלאָכטענער הערה איראָניזירט ער פון דער רעליגיעזער טראַדיציע, וואָס דריקט און פאַר'מרה־שחורהט דאָס געמיט, דערלאָזט ניט, מע זאָל זיך אויף אַ רגע באַפרייען פונעם הימלשן עול און געניסן אַן געוויסנסביסן אַפילו אַ סאַמע אומשולדיקן אָרעמען פאַרגעניגן. דעם דעמאָלטיקן ייד איז די נאַטור און דאָס באַוואוסטזיניקע פרייען זיך מיט איר שיינקייט געווען פרעמד. מענדעלע באַמיט זיך מיט אַגיטאַטאָרישער ליידנשאַפט אויפצוקלערן די פאָלקס־מאַסן ניט בלויז וועגן די געזעצן פון דער נאַטור („תולדות הטבע"), נאָר אויך וועגן איר שיינקייט, וועגן דעם, ווי־אַזוי מע קאָן פון דער דאָזיקער שיינקייט האָבן דערהויבענע הנאה און פרייד.

פאַר מענדעלעס מאָלערייען פון פּייזאַזשן און אינטעריערס איז כאַראַק־טעריסטיש, אַז ער באַנוגנט זיך געוויינלעך ניט בלויז מיט דער שילדערונג פון זע־איינדרוקן, נאָר ער גיט שטענדיק צו אויך די באַשרייבונג פון אַנדערע איינדרוקן — פון קלאַנגען, פון ריחות א. אַז. וו. עס שפּילן דאָ אַלע חושים. דערביי פאַרמאָגט ביי אים דאָס בילד ניט בלויז זינלעכע („טשוסטווענאַיע") שטימונג, נאָר אַ געדאַנקלעכע שטימונג, אויב מע קאָן אַזוי זאָגן.

אַן אַנדער פּייזאַזש. אַ שטימונגס־בילד פון דער נאַטור בשעת דער רו און שטילקייט מיטאָג־צייט.

„דער הימל איז בלוי, לויטער, אָן אַ פּיצל וואָלקן. די זון בראָט, סמאָליעט, עס וויעט נישט קיין ווינטעלע, מע פילט נישט קיין לופטעלע. די תבואה אויף די פעלדער, די ביימער אין די וועלדער שטייען שטיל, ווי צוגעקאָוועט, קיין שאָקל אַפילו זיך ניט צו טאָן. קי אויף דער פּאַשע ליגן מיד, אויסגעשטרעקט די העלדזער, שאָקלען צוואווילן די אויערן, קייען און מאָלעגיירען. אַנדערע גראָבן אונטער זיך די ערד מיט זייערע הערנער, שאַרן מיט די קאָפּיטעס און רעווען, שרייען פאַר גרויס היץ. דער בוהיי פאַררייסט דעם עק, לויפט גאַלאָפּ, וואַרפנדיק דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, שטעלט פּלוצים זיך אַנידער, אַנגעבויגן דעם שטערן האַרט צו דער ערד, שמעקט, פּאַכט מיט די נאָזלעכער, לאָזט אַרויס אַ ברומען, סאָפּעט און דריגעט מיט די פיס..." „אויף אַ צווייגל אין דער הייך וויגט זיך אַ סאָראָקע, אויסזעענדיק פונדערווייטנס ווי אָנגעטאָן אַ ווייס טליתל מיט פּאַסן תכלת פּאַרבט, און דאַוונט, שאָקלענדיק זיך. זי בוקט זיך, פּאַלט תחנון מיטן קעפּל, שפּרינגט אַ ביסל אונטער, אַ קליין קראַקעלע געבנדיק אַ פּאָר מאָל. בלייבט דערנאָך ווייטער שטיין אָן לשון, שטרעקט אויס

דאָס העלדזל און קוקט, גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין, מיט פאַרשלאָפענע אייגעלעך. — אויף דעם גאַנצן וועג איז שאַ־שטיל, מע זאָל דאָס הערן ערגעץ אַ שאָרך, אַ פּיפּס, מע זאָל דאָס זען פליענדיק ערגעץ אַ פויגל, נאָר קאָמאַרן, מיקן טראָגן ווי די רוחות זיך אין דער לופט אַרום, פליען טאַנצנדיק פאַרביי די אויערן. טוען אַ גרילץ, אַ זשוזשע, איינרוימענדיק עפּעס אַ סוד — און באַלד טאַקע מאַרש ווייטער. נאָר צווישן היי, צווישן תבואות דאָרט שמוצערן די גרילן, זומזען, צימבלען און גייען מיט די טאַצן...

„ס׳איז הייס, ס׳איז שטיל, וואונדערלעך שיין. שאַ! גאָטס באַשעפענישן רוען...“

די דאָזיקע שיינע נאַטור־שילדערונג * דאַרף דינען אַלס ראַם פאַר דעם גראָטעסקירטן בילד פון מענדעלען דעם ביכערהענדלערס שוויצן אויף דער זון, ווי ער ליגט: „צעלייגט אויף דעם וואָגן אין העמד, מחילה, מיט דעם טלית־קטן, אונטערגעהויבן אויפן שפּיץ קאָפּ דאָס געשטעפּטע פעלפּענע היטל און אַראָפּגעלאָזן ביז די פּיאַטעס מיינע אונטערגעגייטע ברעסלער וואָלענע זאָקן, וואָס איך טראָג, בעוונותינו־הרבים, אין זומער אַפילו...“ א. אַז. וו. ס׳דאַרף דינען אַלס ראַם פאַר אַזאַ בילד, וואָס קומט באַלד דערנאָך וועגן דעם פאַקנטרעגערס קליאַטשע — דעם סימבאָל פון דער יידישער אָרעמשאַפט:

„...מיין קוק באַגעגנט זיך מיט דעם בליק פון פערד, וואָס האָט, קראַצנדיק זיך אין דער שפּיץ האָלאָבליע, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום ביידל און קוקט אויף מיר עפּעס שטאַרק אָנגעבלאָזן, גלייך ווי עס וואָלט גערעדט מיט פאַריבל:

„נאַ, זע! אַ הינטערשטער פוס איז מיר שטאַרק געשוואָלן, פאַרבונדן מיט שמאַטעס, עס רינט מיר נאָך אַן אויג, יאַטרעט זיך מיר דער האַלדז. דאָס מויל זאָל מיר אָפּנעמען, אויב איך ווייס דעם טעם פון אַ האָבער, פונדעסטוועגן — וואָס זאָל איך טאָן? — שלעפּ איך מיך הונגעריק, קראַנק, צעבראָכן, נישט אויסצושפּאַנען זיך, חלילה, פון דער עבודה...“ און דער עיקר דאַרף דאָס אין אַלע ענלעכע בילדער און מאָטיוון דינען אַלס ראַם פאַר דער טראַגיש־

---

* איך האָב אַמאָל, אין אַ פריערדיקער אַרבעט, נישט ריכטיק אונטערגעשטראָכן דעם כלומרשט „קלעריקאַלן“ כאַראַקטער פון אַזעלכע בילדער ווי פון דער סאָראָקע, וואָס „פאַלט תחנון מיטן קעפּל“ א. אַז. וו. מע קאָן שטרייטן וועגן דער גערעטנקייט פון די דאָזיקע איינצלנע דעטאַלן — זיי טרעפן זיך, אגב, ביי מענדעלען גענוג זעלטן, — מע קאָן זאָגן, אַז דאָס שטרעבן צו פאָלקסטימלעכקייט האָט זיך אין די דאָזיקע איינצלנע זעלטענע פאַלן יאָ אָדער נישט איינגעגעבן. אָבער אויב אַזאַ בילד, ווי מיט דער סאָראָקע, איז אַנטליען פון דער ריטואַל־רעליגיעזער ספערע, קאָן מען, פון דער אַנדערער זייט, דעריין זען אויך אַ לייכטע איראָניע איבער די משונהדיקע העוויות ביים תחנון־פאַלן. יעדנפאַלס זיינען די אויספירן, וואָס איך האָב אַמאָל פון די פאַר ענלעכע פאַלן אין מענדעלעס שאַפן געמאַכט, נישט בלויז איבערגעטריבן, נאָר פשוט נישט ריכטיק.

גראָטעסקער געשיכטע פֿונעם קרומען בעטלער פֿישקע און זיין האַרבאַטער געליבטער ביילע.

דער פֿאַקנטרעגער מענדעלע באַגעגנט אויפֿן שליאַך אַ קאָנקורענט, דעם פֿאַקנטרעגער אַלטער. ביידע זיינען הונגעריק, ווייל אין דעם טאָג איז אַ תּענית און זיי פֿאַסטן. זיי זיינען מיד פֿון דער היץ, אויסגעמאַטערט פֿונעם וועג. דערצו איז אַלטערן נאָך ביטער אויפֿן האַרצן, ווייל ער איז ערשט ניט לאַנג אַזוי נאַריש אַריינגעפֿאַלן מיט זיין פּרוואו, אַלס שדכן עפּעס צו פֿאַר־דינען פֿאַר זיין אָרעם הויז־געזינד. פֿון לאַנגווייליקייט און פּוסטקייט, היות ס'איז ניטאָ קיין אמתדיקע געשעפֿטן, הייבן זיי אָן אינמיטן פֿעלד אַ כלומרשטן האַנדל צווישן זיך, הייבן אָן אויסבייטן צווישן זיך: תּחינות אויף בבא־מעשיות, מענהלשונס אויף „טויזנט און איין נאַכט״, סליחות, טלית־קטנס, קינות אויף שופרס, מעשענע לייכטער — אויף הבדלהס, און ביידע ווערן גוט אויפֿגעלייגט.

„ביידע צדדים האָבן דערוויל פֿונעם גאַנצן משא־ומתן קיין גראָשן אין די אויגן נישט געזען און געבליבן שטאַרק צופֿרידן, גלאַט פֿונעם האַנדל אַליין. מען האָט דאָך געטאָן, געהאַנדלט, געמאַכט געשעפֿטן, נישט געזעסן ליידיק. אַלטערס מרה־שחורה איז ווי אַ רויך פֿאַרשוואונדן געוואָרן. ס'איז אים געווען צו דערקענען אין דעם פּנים, אַז יאַרמעלינעצער יאַריד מיט זיין פֿינצטער מזל איז אים פֿונעם זינען אַרויסגעגאַנגען. ער רעכנט עפּעס שטילערהייט פֿאַר זיך אויף די פֿינגער, האַלטנדיק דעם לינקן אויער אָנגעבויגן, גלייך ווי אין קאָפּ ביי אים חשבונט אַ בוכהאַלטער, צו וועלכן ער האָרכט זיך גוט צו, און אַפּנים, דער חשבון ווייזט אויף אַ פּאַרדינסטל, אם־ירצה־השם, ווייל דאָס מויל שפּאַלט זיך אים אין דער גאַנצער ברייט און צווישן זיינע געדיכטע וואָנצעס בליצט אַרויס אַ זיס שמייכעלע.״

אין דעם דאָזיקן וואונדערלעך־צוגעטראַכטן גראָטעסקן עפּיזאָד ווערט גע־וויזן און סימבאָליזירט די גאַנצע עקאָנאָמישע באַדנלאָזיקייט פֿון די ברייטסטע יידישע מאַסן, דער טרויעריקער אומזין פֿונעם שאַכער־מאַכער. און באַלד נאָך דעם „קאָמישן״ עפּיזאָד, וואָס דערציילט אין אמתן וועגן אַ ביטער־טראַגישן ענין, קומט אַ רואיקער, מילד־געמאַלטער פּאַרנאַכט־פּייזאַזש.

„אַ געשמאַק ווינטעלע הייבט אָן צו בלאָזן, און אויפֿן הימל ווייזן זיך שטיקלעך וואָלקן, אויף וועלכע מען האָט, ווי אויף טייערע געסט, שוין אַ לאַנגע צייט אַרויסגעקוקט. די ביימער הייבן פּאַמעלעך אָן זיך צו שאָקלען, איינער צום אַנדערן איינגעבויגן דעם קאָפּ, און פֿירן צווישן זיך אַ שמועס אויף זייער לשון, נאָך דעם אַז זיי האָבן אַזוי לאַנג געשוויגן שטיל. דאָס ווינטעלע האָט אויפֿגעוועקט די שלאָפֿעדיקע תּבואה, אַלע זאַנגען כאַפּן זיך, ווי יונגע קינדער, אויף מיט אַ קול און צעקושן זיך גאַר פֿריינטלעך. גאָטס באַשעפֿעניש רירט זיך אומעטום: אויפֿן פֿעלד, אין וואַלד און אין דער לופֿט. איינס נאָך דאָס

אַנדערע טרעטן שפּילפייגעלעך אַרויס. אויף צווייגעלעך, ביימלעך, נידעריק און גאַנץ הויך, פּוצן זיך די פעדערלעך, אַ וויש מיט דעם שנעבעלע, אַ טרעסל, אַ שאָקל — און הייבן אָן די זיסע זמירות, צו זינגען, צו סווישטשען...״ „עפּעס אַ קונדס אַ פויגל שטיפט, פליט פון איין בוים צום אַנדערן, מאַכט „קוקו, קוקו!״ ווי ער שפּילט זיך אין באַהעלטעניש. אים ענטפערט אָפּ פון צווישן ווייץ און קאָרן אַן אַנדער מין פויגל עפּעס: „פּיק־בער־וויק, פּיק־בער־וויק!״ ווי גערעדט: אייביק וועסטו מיך דאָ נישט כאַפּן, כאַטש שיט מיר אָן זאַלץ אויפן עק. פאַקט זיך, ר׳ קרוב, וויטער און אַוועק, אַוועק!...״ „זשאַבעס אַפילו פון די טייכלעך ערגעץ טערעלייקען, אַפילו פליגן, בינען האָבן נישט געשוויגן, און דער זשוק, דער שייגעץ, דער אַנכאַפּער, האָט פליענדיק אויך געזזשעט... די גאַנצע וועלט איז עפּעס ווי לעבעדיק געוואָרן און באַקומען אַ פריילעך פּנים. אַ פרייד, אַ פאַרגעניגן צו הערן, צו זען, צו שמעקן די זיסע ריחות פון אַלע זייטן.

— ר׳ אַלטער, ס׳איז גוט! ר׳ אַלטער, ס׳איז שיין! עס ציט עפּעס ביי דער נשמה, עס רעדט עפּעס צום האַרצן: גאָטס וועלטל איז שיין, גאָטס וועלטל לעבט! עס ציט און גלוסט זיך אַריינוואַרפן זיך עפּעס אַהין, אַהין מיט הענט און מיט פיס...

—„ר׳ מענדעלע, בע... ר׳ מענדעלע, עט... פע! — טוט אַלטער אויף מיר זיך אַ קרים. — שוין צייט בעסער מנחה דאַוונען. פאַרגעסט בעסער נישט, פון אַלע אייערע זאַכן, צו זאָגן „ענינו״...״

דער דאָזיקער פּייזאַזש איז אַ קעגנשטעלונג צום פריער דערציילטן גראָ־טעסקן עפּיזאָד, ער דאַרף אים „אויפלייזן״ און מילדערן, — ער פאַרענדיקט זיך אָבער מיט אַלטערס רעפּליקע, וואָס פירט צוריק „צו דערווירקלעכקייט״, צו דער מרה־שחורה פונעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן און שטייגער.*

קיין טראַדיציע פון נאַטור־מאָטיוון איז אין דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, סיי וואָס שייך דעם סטיל, סיי וואָס שייך די באַצייכענונגען און מעטאַ־פאָרן, ניט געווען. זייער גרינג האָט מען דאָ געקאָנט אַריינפּאַלן אין שאַבלאָני־שער, „דערהויבענער״ בוקאָליק, זייער גרינג האָט מען זיך געקאָנט לאָזן אויפן וועג פון „איבערגעזעצטע״ ווערטער און בילדער. אַזעלכע נאַטור־מאָטיוון וואָלטן דאַן אַרויסגעשטאַרצט פונעם צוזאַמענהאַנג, ווי עפּעס פרעמדס, און וואָלטן ניט דערגאַנגען צום לייענער. מענדעלע אָבער איז אויך דאָ געבליבן ביי זיין אַלגעמיינעם סטיל. ער באַנוצט אויך דאָ אויסשליסלעך פאָלקסטימ־

* פאַרגלייך אויך דאָס לירישע בילד פון דער לבנה־נאַכט — נאָך דער מעשה מיט דער פּאה און נאָך די גראָטעסקע בילדער פון דער קרעטשמע, פונעם קרעטש־מערס וואוינונג, און אויך די פּייזאַזשן און לירישע מאָטיוון, וואָס אַרום דער באַגעגעניש פון פישקען מיט דער האָרבאַטער נאָך זייער צעשיידונג א.אַז.וו., א.אַז.וו.

לעכע וואָרט־מיטלען, מעטאַפֿאָרן און פיגורן. פֿאַראַן אין זיי שורות, וואָס לייענען זיך ווי פֿאָלקלאָר, זיי פֿאַרמאָגן אָבער דערביי אַ דין־אויסגעשליפֿענע און אויסגערעכנטע ליטעראַרישע פֿאָרם. די בילדער זיינען כּלומרשט סטיכיש, „קונסטלאָז“, אָן קונצן און פֿראָסט, לויט די השגות פֿונעם פֿאַקטנטרעגער, אַזוי ווי ס׳רעדט זיך אַמאָל וועגן אַזוינס אין אַ שמועס. אין אמתן זיינען זיי דורכגעדרונגען מיט קינסטלערישקייט און פּאָעזיע.

אַ בילד פֿון אַ וואַלד ביינאַכט:

„...איך בין שוין פֿאַרגאַנגען טיפֿלעך און קום לסוף צו עפּעס אַ לאַנגן, שמאָלן טאָל, וואָס האָקט פּאַר מיר איבער דעם וואַלד אין צוויי טייל. דער טאָל איז באַוואַקסן מיט טשערעט און מיני ביימלעך, שטעכעדיקע ווי דערנער, און ציט זיך מיט איין זייט צום שליאַך, מיט דער אַנדערער ערגעץ אַנדערש, העט־וויט צו אַלדי שוואַרצע יאָר. דער וואַלד שטייט און שלאָפֿט, איבערגעדעקט פֿון אויבן עפּעס מיט אַ טונקעלן פֿאָרהאַנג. אַרום און אַרום איז שטיל, נאָר ציטנווייז הערט מען, ווי צוויי הויכגעוויקסיקע ביימלעך, נאָענטע שכנים, שושקען זיך מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ צווישן זיך, איינער דעם אַנדערן אַ קיצל געבנדיק הינטערווילעכס מיט די צווייגן; אָדער ווי אַ פּאָר בלעטלעך ערגעץ פֿלאַטערן, באַרירן זיך, גלייך ווי עס גרימט זיי עפּעס און לאָזט זיי נישט רוען. דאָס רעדט דער וואַלד פֿון שלאָף. דאָס חלומט זיך אים נעכטיקער טאָג מיט אַלע לייד און פֿרייד אין אים. דער שאָרך פֿון די דאַרע ריטלעך דאָרט — דאָס קומען אים צו חלום ביימער, נעבעך, וועלכע מע האָט פּאַר דער צייט אויסגעהאַקט...“ „עפּעס אַ גאַנצער וואָלקן מרה־שחורה רוקט זיך אָן אויף דעם וואַלד און אויך אויף דער נשמה מיינער...“

אין זיינע פּייזאַזשן מאָלט מענדעלע ניט בלויז די נאַטור, נאָר גלייכצייטיק דורך זיי גופֿא ניט ווייניקער — אויך דעם כאַראַקטער פֿונעם מענטש, וואָס מענדעלע לאָזט אים דעם פּייזאַזש זען. אינעם נאָר־וואָס ציטירטן בילד איז פֿאַראַן ניט ווייניקער מענדעלע דער פֿאַקטנטרעגער, איידער וואַלד.

מענדעלע האָט זיך געהיט פֿאַר סענטימענטאַליטעט. ער האָט עפּעס ווי שטענדיק מורא געהאַט, אַז זיין ליבע צום פֿאָלק, צום פֿאָלקס־מענטש זאָל ניט קומען צום אויסדרוק אויף אַ זיסלעכן, וויינענדיקן אופֿן. נאָך יעדן רירנדיקן זאַץ כאַפּט ער זיך און גיט צו אַן איראָניש וואָרט, כּדי ס׳זאָל זיך אויסגלייכן. אין די לירישע נאַטור־בילדער איז שטענדיק פֿאַראַן אַ דין פּעדעמל איראָניע, וואָס אַמאָל גיט זי דווקא צו האַרצלעכקייט, אַמאָל אָבער איז זי ביטערלעך און שטעכיק...

מענדעלע וואָלט ניט געווען מענדעלע, ווען ער זאָל ניט ערגעצוואו איראָניזירן ניט בלויז איבער די מליצהדיקע, בוקאָלישע נאַטור־מאָלערייען בכלל,

נאָר אויך פון זיינע אייגענע (אין „פישקע״) בפרט. די דאָזיקע איראָניע פאַר־
ענדיקט ער אָבער מיט זאַצן, וואָס גיבן אַ בייז אָנצוהערעניש, אַז זיינע קינסט־
לערישע בילדער האָבן ניט קיין שייכות צו יענער שאַבלאָנישער פאַסטעכער־
„אידיליק״, אַז זיי זיינען זעלבשטענדיק, עכט און דורכגעלעבט.

„פאַר אַ יידישן בעל־לשון וואָלט געווען גענוג מאַטעריאַל אויף אָנצו־
שרייבן אַ שיינעם פזמון פון אונדז אַלע, דענסטמאָל, אין יענעם שיינעם פרי־
מאָרגן. ס׳איז דאָ צום פזמון פיר באַוויבטע יידן, ווי זיי ליגן זיך צעשפיליעט
אויפן גרינעם גראָז, האָבן הנאה און שווייגן. אויך אַ זון מיט שטראַלן, הימל,
נאַטור, טוי־טראָפן, שפילפייגעלעך און פערדלעך, איינס שענער פונעם אַנדערן.
דערצו וואָלט ער דאַך געמעגט געבן אַ גמילת־חסד עפּעס פון זיינס אויך: אַ
טשערעדע שאָף, וואָס פיטערן זיך אויפן געמייזעכץ, אַ קלאָר רינענדיק וואַ־
סערל, וואו „אינדן טוען צעברעכן זייער דאָרשט״, און אונדז — פייפעלעך אין
מויל, אויף וועלכע מיר שפילן און שאַלן, ווי די פאַסטעכער, אַ לויב־ליד דער
געליבטער כלה אין שיר־השירים. טאָרבעס איז דאָ ביי אונדז, ברוך־השם,
אייגענע, נישט צו באַדאַרפן זיינס (דעם בעל־לשונס—מ. וו.), ביי אים בלייב
עס... נאָר אָבער עד־כאן, ביז־דאַנען. ווייטער, ר׳ ייד, רוקט זיך נישט!...״
„מיינע געדאַנקען גיב איך איבער בעסער אַליין.״

אַ חוץ גרויסער ליבע ברענגט מענדעלע צום אויסדרוק אויך גרויסע
טענות, אַ חוץ קריטיק אויף „אַפּאָלאָגיע״, אַ חוץ דער האָפענונג, וואָס ליגט
אין יעדער קריטיק, אויך שטימונגען פון אויסזיכטלאָזיקייט. דאָס איז דער
באָדן פאַר די גראָטעסקע בילדער, וואָס געפינען זיך אין אַזאַ גרויסער צאָל
אין מענדעלעס שאַפן. „מסעות״ איז, אינגאַנצן גענומען, איין גרויסער גראָ־
טעסק. דאָס גראָטעסקע ליגט דאָרט שוין אינעם סוזשעט פונעם ווערק גופא
און אין אַלע זיינע טיילן. אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס אַזוי אויך אין „פישקע״.
אַ חוץ דעם אָבער זיינען דאָ אין דעם ווערק אַ היפּש ביסל איינצלנע פאַר־
ענדיקטע קליינע בילדער און שילדערונגען, וואָס די גראָטעסקע שטריכן
זייערע דערמאָנען אויף עפּעס אַן אופן די נידערלענדישע גראָטעסק־מאָלער
(דער א. ג. „פויערים״־ברויגעל א. אַ.).

אינעם גראָטעסק קומט צום אויסדרוק אַ שווערע ווידערשפּרעכלעכקייט
פון געפילן. סאַטירע, חוזק, איראָניע, קאָמיק — און גלייכצייטיק צערטלעכע
ליבע. גרויס און שרעק פאַר דער ווירקלעכקייט — און פרייד, וואָס קומט פון
דער קעמפערישער טאַט. פאַרהערלעכונג — און גרימאַסירנדיקע היפּערבאָלע.
בייזער פּאַטאָס — און עקסצענטרישע שפּילערישקייט. קאָשמאַרישע פאַנטאַס־
טיק — און פאַנאַטישע פּינקטלעכקייט ביים רעפּראָדוצירן דעטאַלן פונעם לעבן.
וויטיקדיקע קוויקעניש מיט דער „אַבסאָלוטער״ העסלעכקייט — און אַן עקס־

טאַטיש באַגערן די דאָזיקע קאַריקאַטורן צו פּאָעטיזירן.* דאָ איז אַן אָנווייז ניט בלויז אויף סתירות אין די געפילן אָדער צווישן זיי און דעם געדאַנק, נאָר מער פאַר אַלץ אויף טראַגישע ווידערשפּרוכן אין די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן.

צו דעם אַלעם דאַרף מען צוגעבן, אַז דער קינסטלערישער (ניט „פּרימי־טיוועך“, „סטיכייאישער“) גראָטעסק איז זייער אַ ראַפינירטע פאָרם און זעצט פאָרויס אַ הויכן ניוואָ פון קינסטלערישער אַנטוויקלונג. אָן דעם וואָלט ניט מעגלעך געווען אויסצודריקן אין בילד אַזאַ קאָמפּליצירטן ווידעראַנאַנד פון געפילן.

ע. ט. א. האָפמאַן האָט געווויסע גראָטעסקע דערציילונגען זיינע געשריבן לויט אָנרעגונגען פון קאַלאָיס גראַווירן; אָבער סיי יענע גראַווירן און סיי די אומהיימלעכע דערציילונגען האָפמאַנס זיינען — צוליב זייער אומווירק־לעכער פאַנטאַסטיק — אין פאַרגלייך מיט מענדעלעס גראָטעסקע סקיצירונגען — אידיליעס. אַן אַנאַלאָגיע קאָן מען דאָ נאָר מאַכן צו די גראָטעסקע בילדער אין גאָגאָלס ווערק.

מענדעלע דערציילט וועגן כאָליערע־חתונות:

„...גלופּסקער קהל האָט געכאַפּט אין דער בהלה וויסטע קאַליקעס, דראַבעס, שלעפּערס און זיי חתונה געמאַכט אויף דעם הייליקן אָרט צווישן די קברים, מיט אַבי־אָט מיידלעך, בכדי דורך דעם זאָל די שלאַפקייט אויפהערן. אָנשטאָט אים (פישקען — מ. וו.) האָט קהל דאָס ערשטע מאָל מכבד געווען מיט חתונה האָבן דעם באָרימטן קאַליקע יאָנטלען, וואָס רוקט זיך אויף זיין געזעס מיט צוויי הילצערנע בענקעלעך אין די הענט. מע האָט אים געפּאָרט מיט דער אָרעמער יידענע, די מפורסמת, וואָס האָט גרויסע ציין ווי לאָפּעטעס אָן איין אונטערשטער ליפּ. די כאָליערע האָט זיך פאַר זיי שטאַרק דערשראָקן, און נאָך דעם, אַז זי האָט פאַר שרעק מזיק געווען אין גלופּסק אַ סך מענטשן, האָט זי געכאַפּט די פּיס אויף די פּלייצעס און איז אַנטלאָפן... דאָס צווייטע מאָל האָט מען אויסגעקליבן נחומצע דעם שטאָט־מעגעגע, דעם געוויסן לעקיש. לעקיש האָט אויף דעם בית־עולם, פאַר אַ גאַנצער עדה שיינע יידן צוגעדעקט דעם קאָפּ פון יענער מויד, וואָס איר קאָפּ איז פון קינדוויז אָן באַדעקט, איך

* צום ביישפּיל: די גאָטישע סקולפּטורן (אַשטייגער די כימערן פון נאָטר־דאַם א. אַ.) און גאָטישע מאָלערייען (מאַרטין גרונעוואַלדס בילדער), האָלביינס „טויטן-טאַנץ“, די ווערק פון אַ טייל פלאַמאַנדישע (ברויגעל א. אַ.) און שפּאַנישע מאָלער (פראַנצעסקאָ גאָיאַ). אין דער ליטעראַטור: געוויסע שאַפונגען פון די ראָמאַנטיקער, ווי הוגאָס „דער מענטש, וואָס לאַכט“, צום טייל אין „נאָטר-דאַם“ א. אַז. וו. אָדער די ווערק פון ע. ט. א. האָפמאַן. עלעמענטן פון גראָטעסק געפינען מיר אויך ביים גרויסן פראָזאאיקער גאָגאָל, ביי שטשעדרינען, ביי דיקענסן א. אַז. וו.

בעט איך מחילה, מיט אַ קרוין און אויף וועלכער עס גייט אין דער שטאָט אַרום אַ קלאַנג, אַז זי איז אַן אנדריגונוס. דער עולם, זאָגט מען, האָט אויף זייער חתונה זיך גאַנץ שטאַרק משמח געווען, מע האָט זיך וואויל געטאָן און עפּעס גאָר אַ ים בראָנפן צווישן די מצבות אויסגעטרונקען. אָט, האָט מען געזאָגט, נישקשה! לאָזן זיך פּרוכפּערן, לאָזן יידישע קינדער, דער כאָליערע אויף צעשפּריינגעניש, זיך מערן, לאָזן אָרעמע קאַליקעס, נעבעך, אויך הנאה האָבן.

„נישט דאָס בין איך אויסן. הכלל, פּישקען האָט קהל פאַרגעסן. אַפילו די מומע אָן אַ נאָז, וואָס איר שטייגער איז צו העצקען זיך אינמיטן דער גאַס, בשעת איר קלעזמערל סקריפּעט אויף עפּעס אַ מין פידעלע, צווינגענדיק דער־צו אויפן בייקעלכן, נעמט צונויף אויף אַ טעלערל נדבות, בכדי צוויי מתים זאָלן גיין טאַנצן, קאַליקעס, קבצנים, אָרעמע מיידלעך זאָלן, חלילה, נישט פאַר־זיצן — אַפילו די גוטע, באַרעמהאַרציקע מומעניו האָט אין פּישקען זיך גאָר פאַרגעסן און אים געלאָזט אומגיין אָן אַ ווייב...“

מענדעלע וואַרפט אַריין אינדערמיט זיין „ניט דאָס בין איך אויסן“. אַך, ווי ער איז דאָס דווקא יאָ אויסן צו מאָלן דעם דאָזיקן טרויעריק־משונהדיקן טויטן־טאַנץ, וואָס סימבאָליזירט די ביטערע דאָליע פון די אָרעמע מאַסן.

אָדער דאָס בילד וועגן דעם, ווי דער צאַרישער טשינאָווניק שניידט אָפּ דעם ביכער־הענדלער מענדעלע אַ פּיאה:

„...איך בין טויט מיט אַלע מיינע אברים, עס וואַרפט מיט מיר ווי אין קדחת. עס רוישט מיר אין קאָפּ, קלינגט אין די אויערן, איך הער נישט און זע נישט, וואָס אַרום מיר טוט זיך. איך האָב נישט רעכט געהערט אַפילו די טענות פון מיין ערל בשעת קלאָגנדיק זיך אויף מיר. נאָר אַז דער רויטער קאָלנער האָט אַ הוק געטאָן אויף מיר מיט דעם האַרבן וואָרט אויף יווניש, האָב איך מיך באַלד אויפגעכאַפּט און שוין גוט געהערט. פאַר די אויגן מיינע שוועבט אַ קולאַק און עס הערן זיך שרעקלעכע ווערטער: גנב, קאָנטראַבאַנד־שטשיק, טריפה־טחורה, בייטל־שניידער, קייטן, טיורמאַ, קנוטעס, סיביר!...

ער זוכט זיך פּלוצים צו מיינע פּיאות און, נאָכקרימענדיק מיך, שטאַרק אין כעס, כאַפּט ער אין אימפּעט פונעם טיש אַ שער און שערט מיר אָפּ אינגאַנצן איין פּיאה — איך באַוואַש מיך מיט טרערן, קוקנדיק אויף דער ערד מיין פּיאה, מיין גרוי־אַלטע פּיאה, וואָס איז געוואַקסן מיט מיר פון קינדווייז אויף ביז אין מיינע אַלטע יאָרן; וואָס האָט איבערגעהאַט מיט מיר פרייד און לייד געננוג אין מיין לעבן. די מאַמע האָט זי אין דער יוגנט געגלעט, געצוואָגן, גאָר נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן זיך אויף די שוואַרצע, שיינע גרייזעלעך אירע. זי איז געווען אַ צירונג מיין פּנים אין מיינע גוטע טעג, ווען איך בין געווען פריש און שטאַרק. זי איז פרי פאַר דער צייט גרוי געוואָרן פאַר צרות, נעבעך,

און איר גרויקייט האָט מיר, חלילה, נישט געמאַכט קיין בושה. ביידע האָבן מיר זיך פרי געעלטערט פאַר פורעניות, נויט, עלנט, גריזאָטע, אומזיסטע פיינטשאַפט און רדיפות אין דער וועלט! וועמען, חלילה, האָט זי געשאַדט? וועמען, חלילה, האָבן מיינע גרויע האָר עפעס שלעכטס געטאָן? — עס וויינט אין מיר דאָס האַרץ, שרייט געוואַלד שטיל, נישט אַרויסצוברענגען אויף די ליפּן קיין וואָרט. איך קוק שווייגנדיק, ווי אַ שעפעלע ביים באַשוירן עס. און פון די אויגן קאַפּ־קאַפּ, טרערן ווי די באָב... מיין הויל געבליבענע באַק האָט מיר שטאַרק געפלאַמט...״

ווי אומענדלעך קאָמיש איז דאָס דאָזיקע קלאָג־ליד אויף דער אָפּגע־שוירענער פּיאה, — און ווי טרויעריק. אַ פאַנטאַסטישע, אומגעלומפּערטע טראַגיק. דאָס גאַנצע ווילדע איזדעקעווען זיך פונעם צאַרישן טשינאָווניק איבער דער אומבאַשיצטער יידישער באַפעלקערונג איז דאָ קאָנצענטרירט אין דעם בילד, דאָס טרעטן מיט די פיס די ווירדע פונעם מענטשן. דערביי שפּילט דאָ אין דעם בילד אַ הויפּט־ראָל — אַ פּיאה, אַן אָפּגעשניטענע פּיאה. און וואָס דאַרף עס דער פאַקנטרעגער אַזוי נייטיק די פּיאה? די ביטערע עוולה ווערט עפעס משונהדיק לעכערלעך, די געפילן, וואָס דאָס רופט אַרויס, גראָטעסק פאַרפּלאָנטערט, גרויליק.

מע דערמאָנט זיך אין געוויסע בילדער גאָגאָלס.

דעם גראָטעסק גיט מענדעלע אויף פאַרשיידענערליי אופנים. ערשטנס, ווי געזאָגט, אַמאָל שוין אינעם גרונט, אינעם סוזשעט פונעם ווערק גופא, וואָס איז אינגאַנצן פאַרטראַכט אינעם פּלאַן פון גראָטעסק — „מסעות״, „פישקע״. צווייטנס, אין איינצלנע סיטואַציעס, ווי למשל אין דער שילדערונג פונעם ביית־„געשעפט״ צווישן מענדעלע דעם פאַקנטרעגער און אַלטערן, אינעם גע־שפּרעך צווישן בנימין און סענדערל מיטן אוקראַינישן פויער אין „מסעות״ א. אַז. וו. דריטנס, אינעם אופן, ווי מענדעלע מאָלט די פּאָרטרעטן פון באַ־שטימטע פיגורן, למשל פון פישקען, פונעם קרעטשמערס טאָכטער, פונעם סטאַנאָוואָי און זיינע טשינאָווניקעס, פון אַלטערן, פון סענדערל די יידענע (אין „מסעות״) א. אַז. וו. פערטנס, ביים באַשרייבן באַשטימטע טשודנע איינפאַלן, געשעענישן, וואָס קומען פאָר אינעם דיכטערס פאַנטאַזיע.* פינפטנס, און באַ־זונדערס אָפט, ביים אויסמאָלן „אינטעריערס״ (דאָס אינעווייניקסטע אויסזען פון צימערן א. אַז. וו.). די דאָזיקע אינטעריער־בילדער זיינען אָנגעזאַפּט מיט שטייגער און שטימונג. אויך זיי דאַרפן זיין אַ פאַן פאַר די מענטשלעכע גע־

* למשל, דאָס בילדל וועגן דעם „יאַריד פון אַלערליי מיני געשטאַלטן, וואָס זיינען פּלוצים ווי פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן״ — ווען מענדעלע כאַפּט, אין זיין פאַנטאַזיע, איינעם „פון דער גוטער כנופיה: קום צום סמיך!״ א. אַז. וו.

שטאַלטן און זייערע האַנדלונגען. אָבער אויב די בילדער פון דער נאַטור זיינען ליריש זוניק, זיינען געוויינלעך די אינטעריערס גראַטעסק און כמורנע. וואָרים אַזוי טאַקע זיינען געווען די „אינטעריערס" פון דער אָרעמשאַפט.

אַז סע כאַפּט זיך אַריין איראָניע, אַ געלעכטערל מיט „יאַשטשערקעס" — אין אַ שמייכל פון ליבע און ווייטיק, אין אַ פּינקטלעכער, נאַטור־געטרייער באַשרייבונג פון אַ הקדש, למשל, — ווערט שוין די צייכענונג ממילא גראַטעסק.

„אינגאַנצן — האָט דער הקדש אויסגעזען ווי אַ שטאַרק אַלטע קרעטשמע, אַ חורבה מיט אויסגעקרימטע, נישט קיין גלייכע ווענט, מיט עפּעס אַ דעכל, מישטיינסגעזאָגט, ווי אַ צעקנייטשט קאַפּעלושל, פאַרריסן פון פאָרנט און נידעריק אַנגעבויגן פון הינטן, כמעט ביז דער ערד, מע האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז דער הקדש, נעבעך, חלשט, וויל איינפאַלן און ליגן ווי אַ באַרג מיסט אויף דער ערד, נאָר דער עולם אין שטעטל האָט אים אָפּגעשריגן, אונטער־געשפּאַרט מיט דרענגלעך און אים איינגעבעטן צו האַלטן זיך אַזוי אויף ווייטער ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר..."

דאָס איז בלויז דער פּיל־צוזאָגנדיקער אַריינגאַנג צום הקדש, דערנאָך ערשט קומט דער סאַמע רעכטער „אינטעריער", אַ גרויזאַם בילד, ווי יענע, וואָס באַלזאַק פלעגט אַמאָל מאָלן אַלס היסטאָריקער פון זיטן און שטייגער — פון די אַמאָליקע פאַריזער אָפּגעסלעך („טרושטשאָבעס").

אויף אַן אייגנאַרטיק „אימפּרעסיאָניסטישן" אופן באַמיט זיך מענדעלע צו סוגערירן דעם לייענער דעם סאַכאַקלדיקן איינדרוק דורך דעם, וואָס ער שטעלט פאָר ניט אויף איינמאָל, נאָר בהדרגהדיק די עמפּינדונגען פון פאַר־שיידענע חושים: שמעקן, הערן, זען א. אַז. וו. למשל, אינעם בילד פון אַ קרעטשמע:

„דאָס אַלצדינג, וואָס אינעווייניק אין דער קרעטשמע טוט זיך, דערפיל איך ביסלעכווייז, איינס נאָך דאָס אַנדערע כסדר, נישט אויף איינמאָל. דעם ערשטן כיבוד דאָרט האָט מיין נאָז. באַלד ביים אַריינקומען, נאָך אויף דער שוועל, טוט מיר אַ זאָץ אַ שאַרף־ביטערער צאַפּן־שטינקענדיקער ריח פון בראָנפן, מאַכאָרקע און מענטשן־שוויס אינאייינעם. אַז די נאָז ניסט אָפּ איר „מה טובו" פון אַזאַ ברוך־הבא מיט אַ הילך, צעגיסנדיק זיך אין שטייגער, — גייען צום סמיך די אויערן. אַ רעש, אַ געפּילדער פון אויסגעמישטע אינ־איינעם דינע, גראָבע, הייזעריקע, צערעפּעטע און כריפּענדיקע קולות קייקלען זיך אַריין אין זיי מיט אַ גרילצן — נאָר טויב צו ווערן. אַז די נאָז מיט די אויערן האָבן שוין זייערס אָפּגענומען, געהאַט זייער ערלעך אויסקומעניש — זיינען שטאַרק אין דער אַרבעט, נעבעך, די אויגן. נאָכדעם ווי זיי בלאָנקען זיך פריער אַרום אין דער טונקלעניש צווישן אַ געדיכטן עולם מענטשן, צונויפגעשמאָלצן אינאייינעם, נישט צו האָבן אַ פּיצל סימן פון עפּעס אַ זאַך —

דערזעען זיי פונדערווייטנס אויף אַ לאַנגן הילצערנעם טיש אַ חלבדיק ליכטל אין אַ ליימען לייכטערל, וואָס ברענט מיט אַ רויטן שטעכעדיקן פלאַם, אַרומ־געריגגלט מיט געל־גרין־בלוי־גרויע רעדער, ווי רעגן־בויגנס, פון דער הייסער פּאַרע און זיילן רויך, וואָס שלעפּן זיך איבער דער שטוב אַרום. ערשט דער־נאָך הייבן אָן אַרויסצושווימען פונעם טונקעלן טומאַן כסדר: נעז, בערד, בערדלעך, טשופּרינעס, גאַנצע פּנימער און צורות פון מאַנצבילן און נקבות, עס שווימען אַרויס רעדלעך מענטשן. אַ טייל האַלטן זיך אויף די פּיס, ערשט נאָכן פּערטן, פינפטן טרונק בראָנפן. אין דער זייט האַלדזן זיך צוויי שיכורימ־לעך, זידלען זיך פאַר גרויס ליבשאַפט מיט מיאוסע ווערטער" א. אַז. וו.

אין אַ טייל גראָטעסקע אינטעריערס קומט דייטלעכער צום אויסדרוק אַ ווייטיקדיקער פּאַרדראָס, אַ סאַטירישער מיין (אַזוי, למשל, אין דער באַוואוס־טער שילדערונג פון אַ מקווה). אין אַנדערע, ווידער, זעט זיך מער אָן מענ־דעלעס אַ הומאָריסטישער שמייכל. וואָרים ניט אומעטום, וואו מענדעלע חוזקט, איז דאָס אומבאַדינגט סאַטירע. ניט ווייניקער אָפּט גיט מענדעלע הומאָר פון יענעם מין, וואָס איז שפּעטער איבערגענומען און אַנטוויקלט געוואָרן פון שלום־עליכמען. אָבער מענדעלעס הומאָר איז האַרבער. דאָס הייסט, ווייניקער הומאָריסטיש, אָפּט ניט נאָר טראַגי־קאָמיש, נאָר טאָקע האַרט ביי דער גרענעץ פון טראַגיק (דער לעצטער עפּיזאָד אין „מסעות"), אָבער שטענדיק „בייזער", נעענטער צו סאַטירע, איידער ביים ליריש־ווייכן שלום־עליכם.

דאָס קאָן מען באַמערקן אויך אין יענע ערטער פון די אינטעריער־שילדערונגען, וואָס ווערן באַהאַנדלט הומאָריסטיש. למשל, אין דער שילדע־רונג פונעם קרעטשמערס וואוין־צימער.

„...אַרום די ווענט אין דער הייך הענגען פּאָרטרעטן באַדעקט מיט שפּינ־וועבס, מיט געפּייגערטע פליגן, אויסגעטריקנטע אייער פון פרייסן און פליגן־קויט. פונעם קויט אויף די דאָזיקע פּאָרטרעטלעך קוקן אַרויס עפּעס געשטאַלטן: אַ „מזרח" מיט קראָליקלעך, מיט משונה־ווילדע חיהלעך, האַלב־ציג — האַלב־הירש, האַלב־לייב — האַלב־אייזל, האַלב־לעמפּערט — און האַלב־פּיפּערנאָטער. אַ הויכער המן, געקליידט ווי אַ אונטער־אָפיצער, הענגט אויף אַ תליה, וואָס גרייכט אים קוים ביז צום אַקסל, אַזוי אַז גיכער הענגט די תליה אויף אים, דערביי שטייט מרדכי אין אַ שטריימל, אַ ראַצעמאָרענע קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטל, אויבן אַ טיזליק, אין שיך און זעקעלעך, מיט פּאה־קעלעך — טאָקע נאָר „מאָנדרוש". אַרום אים „באַבערדלטע און באַנאָזנדיקע" יידן מיט כוסות אין די הענט און מאַכן: „לחיים, רבי מרדכי!" צו זרשן מיטן טאָפּ האָבן זיך זייער מיאוס צוגעכאַפּט די פליגן, האָבן פון איר, נעבעך, איבערגעלאָזט נאָר אַ האַלבן קאָפּ מיט אַ שטיקל פעדער־חלק. נאַפּאַלעאָן, נעבעך, איז אויך אַריינגעפאַלן אַהינצו אין יידישע הענט, אַז אָך און ווי איז צו

אים, וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט געהאַט! ער איז געהאַנגען צווישן פּוטיפרס ווייב, עפּעס אַ פאַרזעעניש, אַ מיאוסקייט, וואָס מאַכט חן, שלעפנדיק יוסף הצדיק ביי די פּאָלעס, און צווישן אַ שמאָלן, פאַרשמאָלצעווען, שטאַרק אָנגעבויגענעם שפּיגל, הינטער וועלכן עס האָט געשטעקט אַ פאַרדאַרטער לולב און אַלטע אָפּגעשלאָגענע השענות."

5. אידייע און בילד

די ראַמען־דערציילונג אין „פישקע" בלישטשעט און פינקלט מיט אַלע מענדעלישע קאָלירן. דאָ איז אַלץ אויפן ריכטיקן אָרט. אין יענעם טייל בוך, וואו ס'ווערט דערציילט דער אייגנטלעכער פישקע־ראָמאַן, האָט מענדעלע אויך דערגרייכט די הייך פון אַ מייסטער. דאָ הערשט אָבער דער סוזשעטישער פּרינציפּ, — און דער קאָנסעקווענטער דערצייל־שטייגער געהער געוויינלעך ניט צו מענדעלעס שטאַרקע זייטן, דאָ זייגען ניט אַלע טיילן פון אַ גלייך הויכן ווערט.

אַזוי, למשל, זייגען די מאָטיוון פון „אַוואַנטורישער" אינטריגע אין דער אַנטוויקלונג פונעם סוזשעט ניט זייער געראָטן. דער גאַנצער עפּיזאָד. וואו פישקע וויל פּיוועשקען אָפּטאָן אַ שפּיצל אינעם קעלער און ווי דער דאָזיקער כאַפּט אים אַליין אַריין, שלאָגט אים און פאַרשליסט אים, ביז עס באַפרייט אים דאָס האָרבאַטע מיידל — איז זייער גוט דערציילט, אָבער „ראָמאַנהאַפטיק" און פאַלט אַרויס פון מענדעלעס סטיל.

און גאָר דער עפּיזאָד אין דער קרעטשמע־חורבה, ווען פּיוועשקע וויל פישקען הרגענען, איז ניט איבערצייגנדיק, ווירקט נאַאיוו־אַלטמאָדיש און שטערנדיק. מענדעלע האָט דאָ דורך אַן „אַוואַנטורישן" מאָטיוו געוואָלט געבן אַ הויך־פּונקט פון דראַמאַטישער האַנדלונג אויפן שטייגער פון הוגאָ; באַקומען האָט זיך אַ מאָטיוו פון דיומאַ, פון סיו. אַ צו־„פאַרביקע", שרייערישע אַקציע איז ניט מענדעלעס זאַך.*

די בילדער, וואָס מענדעלע מאָלט פונעם דעמאָלטיקן אָדעס, זייגען אויסגעצייכנט און עכט מענדעליש. אַ טיפן באַדייט האָט דאָ די פּאַראַלעל, וואָס מענדעלע פירט דורך צווישן אָדעס און גלופּסק (בערדיטשעוו). מענדעלע איז דאָ אויסן צו זאָגן, אַז פאַר די אָרעמע פאָלקס־מאַסן ברענגען ניט די מאָדערנע בורזשואַזע פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו הערשן אין אָדעס, קיין שום גליקן, אַז צווישן זיי און די אָפּגעשטאַנענע פּעאָדאַליש־פּאַטריאַרכאַלישע

* פּונקט אַזוי וויניק איז מענדלעען געראָטן דער מאָטיוו מיט לוי בחור און זיין הויז — אינעם צווייטן טייל „ווינטשפינגערל" — און איבער די זעלבע סיבות.

פאַרהעלטענישן און די טונעיאַדעווקעס איז פאַרן וואָילשטאַנד פון די מאַסן אין תוך קיין גרויסער חילוק ניט.

„...דאָרט עסט דער אָרעמאַן דאָס טרוקן שטיקל ברויט פאַרפינצטערט, פאַרזאָרגט, און דאָ עסט ער טאַקע אויך דאָס אייגן שטיקל ברויט — נאָר אַ קאַטערינקע שפּילט אים דערביי צו...״ „שטענדיק איז אין אָדעס נאָר אַ קאָכע־ניש, הו־האַ! עס קאַטערינקעט זיך, עס שפּילט, עס זינגט און עס פּייפט...״

דאָ האָט שוין מענדעלע צעקייט דעם טעם פונעם שלום־עליכמישן „אָדעס״ אָדער „יעהופּעץ״, דעם באַדן, אויף וועלכן מנחם־מענדל וועט ערשט ווערן דער רעכטער מנחם־מענדל. וואָרים, וואָס איז, אייגנטלעך, מנחם־מענדל מער — ווי בנימין פּליוס „קאַטערינקע״, פּליוס דעם הו־האַ און דעם קאָכעניש, וואָס אַרום דער קאַפּיטאַליסטישער ספּעקולאַציע?

אָבער אין די בילדער פון אָדעס רוקט מענדעלע אינמיטן דרינען אַריין אַ היפּשן עקסקורס — וועגן תלמוד־תורהס, כאַרשולן, כשרע בעדער און ענלעכע „קולטור״־דערגרייכונגען. ער פּירט אַפילו אַרויס אין עטלעכע וויניק גע־ראָטענע שורות זיין אייגענע, שלום יעקב אַבראַמאָוויטשעס, פּערזאָן. אַ חוץ דעם, וואָס דער דאָזיקער עקסקורס איז נאַאיוו־משכיליש און אַפילו אַ ביסל פּיליסטעריש — שטייט ער אין ווידערשפּרוך צו דער פריערדיקער, נאָר־וואָס ציטירטער באַאָבאַכטונג וועגן דעם כאַראַקטער פונעם קאַפּיטאַליסטישן אָדעס.

צו די ניט־געראָטענע ערטער געהער אויך דער סאַמע לעצטער עפּיזאָד: אַלטער ווערט געוואויר, אַז דאָס האַרבאַטע מיידל איז זיין טאָכטער, וואָס ער האָט זי אַלס קינד אַוועקגעוואָרפן און פאַרלאָזן. דער ראָמאַן ענדיקט זיך מיט אַלטערס געוויסנסביסן און חרטהדיקע באַטראַכטונגען, מיט זיין פּאַטעטישער שבועה, אַז ער וועט דאָס האַרבאַטע מיידל זוכן און געפינען. דאָס איז אַ מאָטיוו פון דער גאָר אַלטמאָדישער טריוויאַלער מעלאָדראַמע.

דער חסרון באַקומט דאָ אַ באַזונדערן באַדייט, ווייל דער סוף־עפּיזאָד איז דאָך — לפּחות אויסערלעך — די סוזשעטישע לייזונג פונעם גאַנצן ראָמאַן. ס׳קאָן זיך דאָך באַקומען, אַז דער דאָזיקער סוף אַנטהאַלט דאָס טאַקע די אידייע פונעם ווערק, אַז דאָס איז עס, וואָס דער אויטאָר לאָזט אונדז הערן: מע דאַרף זיך לייטיש פירן מיט קינדער, מע טאָר זיי ניט איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט א. אַז. וו. דערביי פאַרשטייט דאָך יעדעס קינד, אַז דער טיפער אינ־האַלט פונעם בוך האָט ניט קיין שום שייכות צו אַזאַ מין „קינסטלעכן״, אומ־נאַטירלעכן סוזשעטישן אויספיר — אַפילו ווען ער זאָל זיין משלדיק און סימבאָליש געמיינט! דער ראָמאַן האָט אייגנטלעך ניט קיין סוף. לויט זיין אייגנטלעכסטן מהות קאָן פישקעס געשיכטע ביי מענדעלען קיין סוף ניט האָבן.

פאַראַן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן מענדעלעס אומבאַהאָלפנקייט אין פראַגן פון פאַבול, סוזשעט און האַנדלונג — און דער מאַנגלהאַפטיקער גאַנצקייט פון

זיינע אָנשויאונגען. די געבערעקלעטקייט, די ניט־קאָנסעקווענץ אינעם דערציילן האָט אַ שייכות צו דער ניט־קאָנסעקוועונץ פון זיינע אָנשויאונגען.

די בילדער פון שוויגנדיקן אומשולדיקן ליידן אַנטהאַלטן אַ מעכטיקן אויסדרוק פון סאָציאַלן פּראָטעסט. מענדעלע זעט אָבער דאָ ניט קיין אויס־וועג, קיין האָפענונגען. דעריבער באַקומט זיך אַ כמעט פאַטאַליסטישע, „גורל־דיקע" פאַרמשפּטקייט פון די געשילדערטע מענטשן. די „טאַרבע" ווערט אַ סימבאָל פון מעכטיקער און אייביקער גילטיקייט. די בילדער רודערן אויף ביז טיף, זיי זיינען אָבער פאַרוואָלקנט און אויסזיכטלאָז. דעריבער פּרוּווט דאָ מענדעלע צומאָל זיך אָן עצה געבן מיט סענטימענטאַליזם אינעם פשוטן באַדייט פונעם וואָרט, און אַמאָל ווידער, גאַנץ אויסערלעך, — מיט „פאַרוויילנ־דיקע", אָבער ניט־געראָטענע עלעמענטן פון „אינטריגע" און „אַוואַנטורע".

דאָ קומען צום אויסדרוק די געוויסע קליינבירגערלעכע קאָנסערוואַטיווע שטריכן אין מענדעלעס דענקען — יענע שטריכן, וואָס שטייען אין אַזאַ שאַרפן ווידערשפּרוך צו די פאָרשריטלעכע, דעמאָקראַטישע, הומאַניסטישע זייטן אין זיין באַנעמען און פילן די וועלט און וואָס הייבן זיך אַזוי הויך אַרויס איבער יעדן מין פיליסטערישער באַגרענעצטקייט.

מענדעלעס פּאָזיטיווער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל איז אין תוך שטענדיק געווען און געבליבן אַן אַבסטראַקטער אידעאַל פון „גערעכטיקייט". וואָס שייך די וועגן, ווי־אַזוי קאָנקרעט צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן אידעאַל, איז מענ־דעלע געווען הילפלאָז ביז צו נאַאיווקייט. דערמיט איז פאַרבונדן די ניט־קאָנסעקווענץ, וואָס מע האָט ביי אים אַזוי אָפט פעסטגעשטעלט. דאָס איז אויך די סיבה, פאַרוואָס ער קומט מיט זיינע דעמאַסקירנדיקע אַרויסטרעטונגען קעגן דער גבירימשאַפט גאַנץ גיך צו אַ טעמפּן ווינקל. שוין אין דער „טאַקסע" (1869) האָט ער מיט אויסשעפּנדיקער שאַרפקייט באַוויזן די עקספּלואַטאַ־טאָרישע ראָל פון דער פעאָדאַלישער פּלוטאָקראַטיע אין דער יידישער סביבה. אָבער צו אַנטשפּרעכנדיקע פּאָזיטיווע אויספירן איז מענדעלע אין זיינע באַ־וואוסטזיניקע אָנשויאונגען ניט דערגאַנגען. אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג טויג ניט — נו, איז וואָס־זשע דאַרף מען טאָן? איז וואָסער אָרדענונג טויג יאָ? אויף דעם האָט מענדעלע ניט געפּרוּווט ענטפערן.

דער אָנגריף קעגן דער גבירימשאַפט הייבט אים אָן אויסזען ווי אויסזיכט־לאָז. דעריבער ווענדט ער שפּעטער זיין אויפמערקזאַמקייט דער עיקר אויף דער שילדערונג פון די פאָלקס־מאַסן גופא, אויף דער שילדערונג פון זייער נויט, פון זייער מענטשלעכקייט און ווירדע און אויך — קריטיש — פון זייער אָפּגעשטאַנענקייט, וואָס שאַדט קיינעם ניט אַזוי שטאַרק ווי זיי גופא. מענדעלע

וויל איצט אויף אַזאַ אופן פירן זיין אויפקלערערישן קאַמף, העלפן אויפהייבן די פאָלקס־מאַסן אויף אַ העכערער מדרגה.

און דאָ טאַקע איז מענדעלע אַמשטאַרקסטן. דאָ האָט ער דערגרייכט זיינע העכסטע אויפטוען. דורך זיין שילדערן דאָס פאָלקס־לעבן האָט ער אַ סך שאַרפער אָנגעגריפן די הערשנדיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, איידער דורך זיינע דירעקטע אָנגריפן. די פּאָזיטיווע געזעלשאַפטלעכע פּראָגראַם, וואָס מענ־דעלע לייגט צומאָל פאָר, בלייבט געוויינלעך שטעקן אין די טראַדיציאָנעלע משכילישע פאָרשטעלונגען, וואָס זיינען מיט דער צייט ממילא געוואָרן אַלץ מער באַלעבאַטיש. אָבער זיין דיכטערישער טאַלאַנט איז אומפאַרגלייכלעך רעוואָלוציאָנערער, ווי זיין טעאָרעטיש דענקען. דער פּראָטעסט קעגן די געזעל־שאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, וואָס איז געווען אין זיינע קינסטלערישע בילדער, דער אויספיר, וואָס בעט זיך, אַז מע זאָל דאָ מאַכן, איז אָן אַן ערך שאַרפער, ווי סע וואָלט געפּאַסט פאַר דער טעאָרעטישער פּראָגראַם, וואָס ער האָט אָפּט אָנגעוואָרפן.

מענדעלע דערקלערט שפּעטער אַמאָל וועגן „פישקע“: „...איך ווייס גאַנץ גוט די סיבה פון דער יידישער אָרעמקייט. אין דער דערמאָנטער דערציילונג אָבער * איז דער עיקר ניט די סיבה, נאָר די פאַקטישע לאַגע.“ ** מע קאָן צווייפלען, צי האָט מענדעלע טאַקע פונקט אַזוי קלאָר געזען די סיבה, ווי די פאַקטישע לאַגע. אָבער „די פאַקטישע לאַגע“ האָט ער געוואוסט און געפילט אויף אַ גאוניש׳ן אופן. זיין שילדערונג פון דער פאַקטישער לאַגע האָט פאַר־מאָגט זייער אַ סך אויפרייס־שטאָף. די ליידנשאַפטלעכע קלאָג אויף דער דאָליע פון די מאַסן איז אַ מעכטיקע אָנקלאָג קעגן דעם גאַנצן געזעלשאַפט־לעכן סדר. די קלאָג ווערט דאָ אַ פאָרם פון אָנקלאָגערישן קאַמף.

וואָס העכער מענדעלע אַנטוויקלט זיך אַלס קינסטלער, אַלץ מער קאָמ־פּענסירט זיין דיכטעריש בילד די חסרונות פון זיין טעאָרעטישן געדאַנק. זיינע בילדער רייסן אויף די ענגע ראַמען, וואָס זיינען געגעבן אין זיין פּאָליטישן דענקען, דער תוך פון זיינע בילדער צעשטערט דעם אינהאַלט פון זיין פּאָזי־טיווער פּראָגראַם, רייסט אויך אויף די ראַמען פון זיין סוזשעט, פון זיין קאָמפּאָזיציע, וואָס זיינען אַמאָל מער, ווי די איינצלנע בילדער, פאַרבונדן מיט זיינע טעאָרעטישע אידייען. די דאָזיקע זייט פון זיין „ניט־קאָנסעקווענץ“ האָט שוין דווקא אַ רעוואָלוציאָנערן און זייער פרוכטבאַרן באַדייט פאַר זיין שאַפן.

און ס׳איז זייער כאַראַקטעריסטיש: וואו מענדעלע זאָגט אַרויס זיינע געדאַנקען, זיין „פּראָגראַם“ אויף אַ צוזאַמענהענגענדיקן, פּובליציסטישן אופן,

---

* אין „פישקע דער קרומער“.

** פון מענדעלעס אַ בריוו צו אַן אומבאַקאַנטן אַדרעסאַט. זע ב. 5 פון מענדעלעס געזאַמלטע ווערק, „עמעס“־אויסגאַבע, „דאָס ווינטשפינגערל“, ערשטער טייל, ז. 41.

איז ער געוויינלעך זייער געמעסיקט. אָבער אין יענע באַטראַכטונגען און רעפלעקסיעס, וואָס זיינען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט זיינע קינסטלערישע בילדער — איז ער גאָר נישט געמעסיקט, רעדט ער מיט דער שפּראַך פון אַ רעוואָלוציאָנערן דעמאָקראַט.

מענדעלע לאָזט איינעם פון די פאַרשוינען אין „פישקע“ זאָגן אַזעלכע ווערטער:

„...ס'איז סדום, נאַר סדום! פאַרוואָס קומט עס די נגידים זאָלן זיך זיצן, ווי די פּריצים, רואיק, און אַנדערע זאָלן אויף זיי האָרעווען? זייער גוטס איז דען נישט יענעמס מי, יענעמס פּראַצע, יענעמס שוויס? אַליין זיינען זיי ביי זיך אָפּגעפּיינטע מענטשלעך, היטן אָפּעט זייער נפשל און ווילן אַלץ, יענער זאָל אַרבעטן. אַ נגיד, וואָס מער דיק, געזונט ער איז, וואָס מער זיין בייכל איז גרעסער, איז ער אַלץ מער פאַרנעם, מער פיינע־בריה. אונדזער איינער, אַקעגן, מוז מיט זיין געזונט זיך, נעבעך, באַהאַלטן, זיך שעמען ווי אַ גנב. איטלעכער שרייט אויף די ציין, פאַרוואָס גייט אַזאַ געזונטער נישט אַרבעטן? עס וואָלט שוין רעכט געווען, כ'לעבן, איבערצובייטן די יוצרות: לאָזן די נגידים פּרואוון אַ ביסל אַרבעטן, וואָס איז, קראַנק זיינען זיי?„

די שאַרפקייט פון די דאָזיקע רייד באַוואָרנט מענדעלע גאַנץ אויבנאויפיק דורך דעם, וואָס דאָס איז כלומרשט אַ מיינונג פונעם רויטן ממזר פּיוועשקע, דעם אונטערוועלט־פאַרשויך, און מענדעלע אַליין איז דאָ כלומרשט „ניט דאָס אויסן“. אין אמתן זאָגט דאָ דער דאָזיקער רויטער ממזר אַרויס מענדעלעס איבערצייגונג. דווקא דאָס איז מענדעלע יאָ אַליין אויסן צו זאָגן.

ווייטער ווערט אין „פישקע“ דערציילט, אַז:

„נגידים פלעגט מען (—די וואַנדערנדיקע שלעפּערס—מ. וו.) שילטן אויף וואָס די וועלט שטייט, גלאַט אַזוי זיך, פאַר גאַרנישט. איך קאָן אייך שווערן אין טלית און אין קיטל, אַז זיי האָבן די נגידים אַ סך מער פיינט ווי די נגידים זיי. אַ נגיד האָט ביי זיי געהייסן עפּעס אַזויפיל ווי: פּיאַווקע, צעשטאָפּטע קישקע, פאַרשטאָפּטער קאָפּ און פאַרשטאָפּט הערצעלע, פאַרשייט בן־יחידל, קופּערנער שטערן, און דער שוואַרציאַר וויסט זייער טאַטן, וואָס פאַר אַ מיאוסע צונעמעניש.“

דאָס איז ניט בלויז אַ שטייגערישער שטריך אין דער באַשרייבונג. דאָ קומען אויך צום אויסדרוק מענדעלעס געפילן גופא. לאָמיר זיך דערמאָנען, וואָס מענדעלע דערציילט וועגן זיך אַליין:

„ס'טרעפן זיך ביי מיר ציי‏טן, וואָס דעמאָלט בין איך דערצאָרנט מיט אַ גרויסן גרימצאָרן קעגן די גבירים, וואָס באַהאַלטן זיך אונטערן שאָטן פון געלט, און דעמאָלט טאָר מען פאַר מיר ניט דערמאָנען דעם נאָמען פון אַן עושר, — מיין זעל ווערט צעפלאַמט, ווי אַ וואולקאַן, און איך שפּיי מיט

זידלערייען, מיט פלאַמפייער פון גרימצאָרן און איך שריי: גוואַלד! מע ראַבעוועט!...״

דאָס האָט מענדעלע געשריבן אין אַ בריוו פון 1864. אָבער דער דאַזיקער „גרימצאָרן״ האָט זיך אין אים קיינמאָל נישט איינגעגאַנצן אויסגעלאָשן.

אין פראַגן פון רעליגיע איז מענדעלע געווײַנלעך — און באַזונדערס אין זײַן פובליציסטיק — זייער איינגעהאַלטן און צומאָל אַפילו פשוט קאָנסערוואַטיוו. דער קריטיקער מ. מ. פייטלסאָן האָט דאָס צוריק מיט אַ יאָר פופציק געפּרוּווט דערקלערן מיט דער ווירקונג פון דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס איז, לויט זײַן מיינונג, אין די 60ער יאָרן געווען „דורכאויס וועלטלעך, און איר באַציאונג צו פראַגן פון רעליגיע און גלויבן איז געווען אַ גלייכגילטיקע״. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אין אַזאַ פאָרמולירונג ניט ריכטיק,* סיי וואָס שייך דער רוסישער ליטעראַטור פון די 60ער יאָרן, סיי וואָס שייך מענדעלען. מענדעלעס געמעסיקטקייט געהער פשוט צו די באַשטימטע קלייבנבירגערלעכע שטריכן פון זײַן וועלט־אָנשויאונג.

אָבער ניט געקוקט אויף זײַן גאַנצער „איינגעהאַלטנקייט״ וואָס שייך די דאָזיקע פראַגן, איז וואו ער קומט וועגן זיי צו רעדן אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַנע קינסטלערישע בילדער, צינדט ער זיך אָפּט אָן און גיט אַ וואַרף אַזעלכע געדאַנקען און באַטראַכטונגען, וואָס צילן קעגן געוויסע רעליגיעזע גרונט־פּרינציפּן אַ סך טרעפלעכער, ווי בײַ וועמען ס׳ניט איז פון די משכּילישע בעלעטריסטן:

„... דעם יידנס עסן שבת איז ניט גלאַט גראָב פרעסן וועגן דער אכילה, ווײַל אַ זינדיקער מענטש באַדאַרף עסן. נאָר וואָס דען? עס הייסט מקיים זײַן שלש־סעודות. דאָס גלייכן אויך דאָס גלעזעלע ווײַן פּסח צום סדר, — טרינקט עס דען אַ ייד גלאַט משונה גראָב, ווײַל אַ ביסל ווײַן איז אַ מחיה און נאָך די קניידלעך טאָקע גאָר אַ דערקוויקעניש? חלילה! ער מאַכט דערבײַ מיט אַ פאַרפרומט פּנימל: הריני מוכן ומזומן... — איך בין מיר גרייט, איך בין מיר ברייט מקיים זײַן די מצווה כּוסהן דעם ערשטן, צווייטן, דריטן, פערטן כּוס... אונדזער איינער עסט, טרינקט, האָט חתונה — אַלץ מיט אַ לשם יחוד, צוליב קודשא בריך־הוא און דער שכינה...״

---

* ריכטיקער איז אַן אַנדערע באַהויפּטונג פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם באַגאַבטן קריטיקער פייטלסאָן: מענדעלע האָט געלערנט פון דער רוסישער ליטעראַטור: „אַז מע דאַרף ניט שטעלן די פּראָבלעמעס פון רעליגיע און גלויבן אַלס אָנהייב און צענטער פון די יידישע פּראָבלעמעס״ — אין קעגנזאַץ צו יענע ביז־מענדעלשע משכּילים, וואָס האָבן גראָד אין די דאָזיקע פראַגן געזען דעם „אלף ביז ת״ פון דער יידישער פּראָבלעמאַטיק.

מיט דער דאָזיקער דינער איראָניע טרעפט מענדעלע אין פּינטל אַריין, אין סאַמע תוך. מענדעלע, דער געמעסיקטער און איינגעהאַלטענער אין די פראַגן פון רעליגיע, לייגט דעם זעלבן פּיוועשקע אַזעלכע ווערטער אין מויל אַריין:

„...אָט אַזוי מוז מען... מיט די נאַרישע יידישע קינדער האַנדלען. ווילן זיי נישט געבן מיט גוטן — מוז מען ביי זיי נעמען מיט קונצן. אָן דעם גייט עס נישט. דער רב, דער דיין, דער שיינער מקבל מיט דעם גאַנצן פּעקל כלי־קודש — אַלע פאַרשטעלן זיך, מאַכן קונצן...“

דער דאָזיקער פּיוועשקע איז ביי מענדעלען ווייט ניט קיין פיינער פּאַרשוין. פּאַרקערט. מילא, וואָס אַזאַ פּאַרשוין רעדט שוין! אָבער ווער קאָן אויף אַ רגע צווייפלען, אַז דאָ רעדט מענדעלע ווערטער פון זיין אייגענעם האַרצן? און ער זאָגט זיי רואיק, בנעימות, אַזעלכע קלאָרע ווערטער, וואָס אַ סך פון די געוויסע משכילישע חלב־עסערס וואָלטן זיך ניט דערוועגט זיי הויך צו ברענגען פאַרן מויל, ווייל דאָ גייט עס דאָך ניט בלויז קעגן חסידישע גוטע־יידן, נאָר טאַקע קעגן דעם גאַנצן כלי־קודש בכלל, קעגן אַ גרונט־זייל פונעם רעליגיעזן שטייגער.

מענדעלע איז אויסגעוואַקסן אַלס שרייבער אין די זעכציקער יאָרן, אונטער דער ווירקונג פון די רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע אידייען אין יענער צייט. אין אַ געוויסער מאָס איז ריכטיק צו זאָגן, אַז מענדעלע געהער מיט זיין קינסטלערישן שאַפן צו די „מענטשן פון די זעכציקער יאָרן“, כאָטש ער האָט געלעבט סאַמע ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ער געהער מיט זיין שאַפן צו דער צאָל גרויסע שרייבער, וואָס האָבן אין רוסלאַנד זייט די זעכציקער יאָרן געקעמפט קעגן דער פאַרשקלאַפונג פונעם מענטשן דורכן צאַריסטיש־פעאָדאַלישן יאָך, פאַר באַפרייען דאָס לעבן, דעם געדאַנק, די שעפערישקייט און די מענטשלעכע ווירדע פון די מיטלאַלטערלעכע פּענטעס. דעריבער הייבט זיך מענדעלעס שאַפן הויך אַרויס איבער די נאַציאָנאַלע גרענעצן — ניט געקוקט אויף דער זייער נאַציאָנאַלער פאָרם — און האָט אַ גרויסן אַלגעמיינעם באַדייט.

נאָוועמבער, 1938.

מענדעלע אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן

I. מענדעלע אין אונדזער צייט

1

אונדזער סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקייט ווייזט אַרויס צו מענדעלעס ליטעראַרישער ירושה אַ באַזונדערס וואַרעמע באַציאונג. דאָס האָט באַוויזן דער ברייטער פאַרנעם פון די פייערונגען ביי אונדז אין לאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיט מענדעלעס צענטן* יאָרצייט (1927), און אויך דער צופלוס פון בייער ליטעראַטור וועגן מענדעלען אין אונדזער סאָוועטישער ליטעראַטור־וויסנ־שאַפט.

אָבער דער קלאָרסטער באַוויז פונעם אינטערעס פון די ברייטסטע קרייזן לייענער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד צו מענדעלעס ליטעראַרישער ירושה איז איר פאַרשפרייטקייט, וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן נייטיק געמאַכט (להיפוך צו דעם, וואָס מיר זעען אינעם קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד) איבערצודרוקן אַ גאַנצע ריי ווערק מענדעלעס („מסעות", „פישקע", „ווינטשפינגערל" א. אַ.) און ביי היינטיקן טאָג — אַ נייע אויסגאַבע פון מענדעלעס געזאַמלטע ווערק, וואָס ווערט צוגעגרייט פון סאָוועטישע ליטעראַטור־פאַרשער. אַזאַ אויסגאַבע וואָלט אין קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד, וואָס ווערט צעפרעסן פון קריזיסן, ניט מעגלעך געווען. ניט בלויז איבער עקאָנאָמישע סיבות, נאָר טאַקע אויך איבער דעם, וואָס די „יידישיסטן", אין וועמעס הענט עס ליגן אין קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד די פאַרלעגערישע מעגלעכקייטן בנוגע יידישע ביכער, באַוויזן זייט אַ היפּשער צייט אַ קנאַפּן אינטערעס צו מענדעלעס ירושה.

דאָס איז ניט קיין צופאַל — ניט דער גרויסער אינטערעס פונעם סאָ־וועטישן לייענער פאַר מענדעלען און אויך ניט דער פאַקט, וואָס מענדעלעס ליטעראַרישע ירושה ווערט פאַרן „יידישיסט" אַלץ מער און מער אָפּגעפרעמדט און גלייכגילטיק. און ניט בלויז גלייכגילטיק. אין די לעצטע יאָרן לאָזט זיך פעסטשטעלן ביי יידישע בירגערלעכע קריטיקער אַ באַשטימטע מער אָדער ווייניקער דייטלעך אויסגעדריקטע נעגאַטיווע באַציאונג צו מענדעלעס שאַפן.

אין דער עקשנותדיקייט פון מענדעלעס געזעלשאַפטלעכן שטרעבן פילן מיר דייטלעך עפּעס אַזוינס, וואָס איז אונדז טייער און נאָענט, וואָס האָט אַ שייכות אויך צו אונדזערע היינטיקע קאַמפן. מענדעלע איז געווען אַ געזעל־

* און אויך די פייערונגען אין יאָר 1936 צום הונדערטסטן יאָרטאָג פון מענדעלעס געבורט.

שאַפּטלעכער קעמפער, אַ באַוואוסטזיניקער קעמפער, מער ווי יעדער אַנדערער פון די קלאַסיקער אין דער יידישער פּראָזע.

אין דער צייט פון די מענדעלע־פייערונגען, אין יאָר 1927, האָט איינער אַ קלעריקאַלער זשורנאַליסט געמוזט מיט האַרצווייטיק פעסטשטעלן, אַז ס׳איז פאַראַן עפּעס אַ געוויסע „קרובהשאַפט״ צווישן דער פּראָלעטאַרישער געזעל־שאַפטלעכקייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און מענדעלען, ווייל ער איז געווען „אַ טענדענציעזער באַקעמפער פון היסטאָרישן יידנטום״. דער קלעריקאַלער זשור־נאַליסט מיינט דערמיט, פאַרשטייט זיך: דאָס פּאַטריאַרכאַלישע, אָרטאָדאָק־סישע „יידנטום״, דאָס פעאָדאַלישע אָפּגעשטאַנענע לעבן. און ער דערקלערט טאַקע ווייטער, אַז מענדעלע איז געווען אַ „שונא פון טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער״. אין דער דאָזיקער באַהויפּטונג איז פאַראַן אַ סך אמת.

מיט אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט, מיט פאַרביסענער איינ־געשפּאַרטקייט און גרויסער קינסטלערישער ענערגיע האָט מענדעלע אין משך פון צענדליקער יאָרן געפירט זיין ליידנשאַפטלעכע טענה פאַר די אָרעמע, האָרעפּאַשנע, אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן, האָט אַרויסגעזאָגט זיין ביטערע שנאה צום עקספּלואַטאַטאָרישן גביר, צו דער קהלש־קלעריקאַלער אונטער־דריקונג, צום גאַנצן פעאָדאַליש־אָפּגעשטאַנענעם לעבנס־שטייגער פונעם שטעטל בכלל. דער דאָזיקער שטרענגער, כאַראַקטערפולער מענטש, מיט די אויגן פון אַ קפּדן, אַ געלערנטן, איז שטענדיק און אומעטום, ווי ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די אָרעמע און געפּלאָגטע מאַסן, תיכף געוואָרן ווייך און ליבהאַרציק. דאָ האָט זיך זיין שטרענג קול תיכף געביטן, האָט אָנגעהויבן צו ציטערן און איז געוואָרן פּאָטערלעך צאַרט און מילד. אַפילו אין יענעם שפּעטן פּעריאָד פון זיין לעבן, ווען ער האָט פאַרלוירן די אָריענטאַציע און אָנגעהויבן גיין אין אַ זייט און אַמאָל אַפילו אויף צוריק, — אַפילו דעמאָלט רייסט זיך אין זיין שאַפן שטענדיק ווידער און ווידער דורך שנאה צו די גבירים און אונטערדריקערס, הייסע ליבע צו די אָרעמע און האָרעפּאַשניקעס. אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון זיין לעבן האָט ער אַ צעטומלטער געבלאָנדזשעט, אָבער אין איין פּרט האָט ער קיינמאָל ניט געבלאָנדזשעט: אין זיין ליבע צו די אונטערדריקטע מאַסן און אין זיין האַס צו זייערע אונטערדריקערס.

די בורזשואַזע יידישע קריטיקער האָבן אין אַלגעמיין מענדעלען ניט זייער ליב, זיי ווייזן צו אים אַרויס, אין בעסטן פאַל, אַ קילבלעכע, „ליטעראַטור־היסטאָרישע״ אַכטונג. זיי האַלטן אים פאַר אַ „טענדענציעזן״ שרייבער. אין בעסטן פאַל שעצן זיי זיינע פאַרדינסטן פאַר דער אויספאַרמירונג פון דער יידישער ליטעראַרישער שפּראַך, אָדער זיינע שטייגער־שילדערונגען — אַלס עטנאָגראַפישע מאַטעריאַלן. זיי זיינען אָבער ניט אימשטאַנד צו באַגרייפן מענדעלעס באַדייט אין זיין פולן פאַרנעם, זיין גרויסן קינסטלעריש־געזעל־

שאַפּטלעכן באַדײַט. ס׳דערגייט אַזוי ווייט, אַז אַ טייל בורזשואַזע קריטיקער און שרייבער באַשטרייטן בכלל די קינסטלערישקייט פון מענדעלעס ווערק. דער תוך פון זײַן שאַפן איז זיי פרעמד און פײַנטלעך, דעריבער קאָנען זיי עס ניט לײַדן.

אָבער אונדז איז מענדעלע באַזונדערס ליב גראָד איבער דער קעמפעריש־קייט אין זײַן שאַפן: גראָד צוליב דעם האָט זײַן שאַפן געקאָנט באַקומען אַזאַ באַדײַטונג פאַר זײַן צײַט — און אַלס ירושה אויך פאַר אונדז. אַ גרויסער קינסטלער, וואָס ווײַטיקט פאַרן אונטערדריקטן האָרעפּאַשנעם און אָרעמען פאָלק און דריקט דאָס אויס אַזוי, אַז עס ווירקט און רודערט אויף די מאַסן, מוז אונדז זײַן טייער. ער האָט ניט געזען דעם וועג, וואָס פירט אַרויס די מאַסן פון זייער ביטערער לאַגע, ער האָט אָבער אויפגעטרייסלט די מוחות, האָט געהאָלפן אויפוועקן די מאַסן פון זייער יאָרהונדערטער־לאַנגער פאַרגליווערט־קייט. מענדעלעס שאַפן איז, באַזונדערס אין די 60ער און 70ער יאָרן, אַן אויס־דרוק פון סאָציאַלער אויפרודערונג פון די פאָלקס־מאַסן.

אייב קאַהאַן איז אין סוף 1924 יאָר אין זײַן „פאָרווערטס“ אַרויסגעטראָטן מיט אַ ריי אַרטיקלען קעגן מענדעלען. דעם אינהאַלט פון די דאָזיקע אַרטיקלען חזרט ער איבער אויך אין זײַנע „בלעטער פון מײַן לעבן“.* „איך האָב שוין בײַ מערערע געלעגנהייטן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז מענדעלעס באַדײַטונג פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס ער איז געווען פּיליכט דער ערשטער, וואָס האָט גענומען שלײַפן די שפּראַך און צופּאַסן איר (זי — מ. וו.) צו ליטעראַרישע מאַנירן. וואָס אָנ־באַטרעפט אָבער דעם אמתן ווערט פון זײַנע זאַכן, גלייב איך, אַז פון אַ ריכטי־קער אָפּשאַצונג האָט מען זיך צוריקגעהאַלטן אויס רעספּעקט און דאַנקבאַרקייט צו אים און אויך אויס נאַציאָנאַליסטישן געפיל. איך גלייב, אַז זײַן „מסעות בנימין השלישי“ און אַפילו „פישקע דער קרומער“ וואָלט הײַנט געווען אונטער דער ווירדע פון אירגענד וועלכן (אַ „געשליפענע“ שפּראַך פון שאָמערס שונד־ראָמאַנען! — מ. וו.) מער אָדער ווייניקער אָנערקענטן שריפטשטעלער.“

דער רעדאַקטאָר פון דעם געלן „פאָרווערטס“ איז דאָ אין זײַן אָפּשאַצונג מענדעלעס לחלוטין ניט אָריגינעל. דער ניוואָ פון דער דאָזיקער „ליטעראַטור־קריטישער“ אַרויסטרעטונג זײַנער דערמאָנט אין אַלע פּרטים זייער שטאַרק די נאַריש־מטורפע „קריטיקעס“ פונעם קלעריקאַל־רעאַקציאָנערן צײַטונג־סאַטראַפּ י. לעווי, דעם רעדאַקטאָר פונעם „יידישעס פאָלקס־בלאַט“ (סוף 80ער יאָרן), וואָס פלעג אויף אַזאַ און ענלעכן אופן אָפּשאַצן שלום־עליכמען און אויך מענדעלען. אַזויפיל — וועגן דעם „קולטורעלן“ ניוואָ פון אייב קאַהאַנס אָפּ־

---

* ניו-יאָרק, 1926, ב. 3, ז. 196 און ווייטער.

שאַצונג. וואָס שייך דעם תוך אירן, איז דאָ אין דעם פּרט פאַראַן אַ „רייכע" טראַדיציע.

י. לערנער איז, באַזונדערס אַרום די 90ער יאָרן, ווען ער איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַל־ליבעראַלער יידישיסט, זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן מענדעלעס שאַפן, — פון אַ נאַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט, כאָטש ער אַרגומענטירט זיין קעגנערישקייט מיט כלומרשט „לינקער" פּראָזעאָלאָגיע. דער מענשווריק א. וויטער האָט מענדעלעס שאַפן בפירוש פיינט געהאַט. דער וויסער עמיגראַנט טשעריקאָווער מיט מישטיינס־געזאָגט סאָציאָלאָגישע המצאות (מענדעלע איז לויט זיין מיינונג אַ מעשטשאַנישער פּאָליטאַנוסטישער שטייגער־באַשרייבער!) און דער קלעריקאַל הלל צייטלין מיט מגידישע המצאות (מענדעלע איז לויט דעם בעל־דרשנס מיינונג אַן אַנטיסעמיט!) פאַראייניקן זיך אין אַ נעגאַטיוון אורטייל איבער מענדעלען. דוד פרישמאַן האָט מענדעלען גוואַלדיק געשעצט, האָט אין אים געזען אַ מייסטער פון שטייגער־שילדערונג, אָבער ניט קיין אייגנטלעכן קינסטלער. פּונקט אַזוי האַלט אויך דער בורזשואַזער וואולגאַר־קריטיקער י. ענטין און אַ סך, אַ סך ענלעכע, וואָס ס'איז זיי דאָ סיי־ווי ניט כדאי צו דערמאָנען, אַז מענדעלעס שאַפן איז איבער דער „טענדענציעזקייט" זיינער ניט קינסטלעריש.

פאַרשטייט זיך, די דאָזיקע פאַרשיידענע קעגנערישע באַציאונגען צו מענדעלען, וואָס באַגעגענען זיך אַלץ אָפטער אין דער בורזשואַזער קריטיק זייט די לעצטע יאָרצענדליקער, האָבן פאַרשיידענע ניואַנסן. אין תוך אָבער באַווייזט זיך אין דער דאָזיקער נעגאַטיווער באַציאונג צו מענדעלען דער פּראָטעסט פונעם פיליסטערישן בורזשואַ אָדער קליינבירגער קעגן דער בייזער אָפּשאַצונג, וואָס מענדעלע האָט זיי אין זיינע ווערק געגעבן.

2

דערמיט איז לחלוטין ניט געזאָגט, אַז יעדע קריטישע באַציאונג צו מענדעלען איז ענלעך צו אייב קאַהאַנס. מיר ווייסן פון אַ גאַנצער ריי (דער עיקר עלטערע) קריטישע אַרויסטרעטונגען קעגן מענדעלען, וואָס זיינען געווען מער אָדער ווייניקער ווערטפול. פּונקט אַזוי וואָלט עס געווען פאַלש ניט צו מאַכן קיין חילוק צווישן פאַרשיידענע פּאָזיטיווע באַציאונגען צו מענדעלען — לויט זייער אינהאַלט. און טאַקע: אויב אייב קאַהאַן זאָגט אויס דעם סוד, פאַרוואָס געוויסע בורזשואַזע קריטיקער און „יידישיסטן" האַלטן זיך אָפּ אַרויסצוזאָגן זייער אויפריכטיקע (נעגאַטיווע) מיינונג וועגן מענדעלעס שאַפן — צוליב „רעספּעקט און דאַנקבאַרקייט", „אויס נאַציאָנאַליסטישן געפיל", — דעקט ער דערמיט גלייכצייטיק אויף, אַז סוף־כל־סוף שטאַמט סיי די יידישיסטישע

„אַנהענגערשאַפט״, סיי די בורזשואַזע אַנטיפּאַטיע צו מענדעלען, אין תוך, אָפּט פון די זעלבע געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון.

ווענן מענדעלען דעם געזעלשאַפט-קריטיקער, „דעם שונא פון טראַדיציאַנעלן לעבנס-שטייגער״ (אין „דאָס קליינע מענטשעלע״, „די טאַקסע״, „מסעות״, „פישקע״, „ווינטשפינגערל״ און בכלל אינעם ווייט-גרעסטן טייל פון זיין שאַפן) וואָלטן ראַוויניצקי, בן-עמי און ענלעכע שרייבער אַנדערש גערעדט, ווען ניט די געוויסע ענדערונגען אין מענדעלעס מיינונגען באַזונדערס זייט סוף פאַראַנגענעם יאָרהונדערט, ווען ניט זיין צוריקוועגדן זיך צו העבּרייאיש זייט יענעם פּעריאָד, ווען ניט זיינע אויפטועון אין דעם דאָזיקן פּרט. מענדעלע האָט דאָך געשאַפן דאָס מאָדערנע העברייאיש. נאָכגייענדיק נאָך עלטערע טראַדיציעס, האָט מענדעלע אין זיינע העברייאישע שריפטן פאַרביטן די פּסעוודאָ-קלאַסישע (פּסעוודאָ-ביבּלישע) מליצה אויף דעם מער בייגעוודיקן, מער „שטייגערישן״ משנה-לשון, האָט, אַזוי אַרום, פאַרגרינגערט אָדער גאָר ערשט מעגלעך געמאַכט דאָס ברייטע אַנטלייען פאַרשיידענע עלעמענטן פון דער יידישער לעבעדיקער שטייגער-שפּראַך, און האָט די העברייאישע שפּראַך דורך דעם ביז אַ געוויסער מאָס אַרויסגעפירט פון דער אַבסאָלוטער פאַרגליווערונג. דערביי אָבער האָט מענדעלעס געזעלשאַפט-קריטיק דורך זיינע ציוניסטישע פאַרערער געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן — כאָטש טאַקע אין ווידערשפּרוך צו איר אַנצילונג — אויף אַ ציוניסטישן אופן, אַלס קריטיק פון „גלות-לעבן״, אַלס אַן אויפרוף צו בויען אַ ציוניסטישע צוקונפט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן צו דער אוראַלטער ראָמאַנטיזירטער פאַרגאַנגענהייט.

דער „יידישיסטישער״ ליטעראַטור-היסטאָריקער מ. ווינרייך נעמט זיך אָן קעגן אייב קאַהאַן פאַר מענדעלעס קריוודע און טרעט אַרויס קעגן זיין אָפּשאַצונג מיט אַ ריי אַרטיקלען אין „פאָרווערטס״.*

דאָס איז אָבער ניט פון אינטערעס צום דעמאָסקירער פונעם „טראַדיציאָנעלן שטייגער״, נאָר, פאַרקערט, פון זיין, ווינרייכס, פאַראינטערעסירטקייט אינעם „טראַדיציאָנעלן לעבנס-שטייגער״ לויטן „יידישיסטן״-וואַריאַנט. ער טוט עס ניט פון סימפּאַטיע צום סאָציאַלן קריטיקער, וואָס איז מיט טעמפּעראַמענט און גרויסן טאַלאַנט אַרויסגעטראָטן קעגן די פעאָדאַלישע רעשטן אין דער געזעלשאַפט פון זיין צייט, ניט פון אינטערעס צום אויפקלערער, וואָס האָט זיך מיט גרויסער ליידנשאַפט און ליבע אָנגענומען פאַר דער אונטערדריקטער, עקספּלואַטירטער און פאַראָרעמטער שטעטדליקער פאָלקס-מאַסע, נאָר פּשוט אַלס קעמפערישער יידישיסט.

דער „יידישיסטישער״ וואַריאַנט פונעם נאַציאָנאַליזם קאָן פאַרן געלן

---

* פון 8טן און 15טן פעברואַר, 1925 י.

רעפאָרמיזם אין אַמעריקע ניט האָבן אַזאַ באַדייט און צוציִאונג, ווי פאַר די בונדיסטישע „יידישיסטן" אין געוועזענעם פּוילן, למשל. ער האָט אין אַמעריקע ווייניקער אויסזיכטן אויף רעזאָנאַנס. אייב קאַהאַן איז ניט „איינזייטיק". ער אָריענטירט זיך מיט אַ ברייט האַרץ אויף מער פאַרשיידנאַרטיקע פאָרמען פון נאַציאָנאַליזם — דעם קלעריקאַלן, יאַהודימשן, ציוניסטישן א. אַ., וואָס זיינען אייגנטימלעך פאַרן אַמעריקאַנישן באַלעבעסל. און וויבאַלד סע פאַלט אַוועק דער יידישיסטישער מאָטיוו, קאָן זיך שוין ביים „ווירדיקן" תלמיד פון י. לעווי אויף אַן אַנטבלויזטן אופן באַווייזן די אמתע באַציִאונג צו אַזאַ שרייבער ווי מענדעלע.

3

עס איז ביי דער בורזשואַזיע שוין פון לאַנג אָן אַ טאַקטיק צו מאַכן אַ שווייג און צו איגנאָרירן די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין דער געזעלשאַפט־קריטיק פון די קלאַסיקער. די בורזשואַזע קריטיקער מאַכן אַ תמעוואַטן אָנשטעל, אַשטייגער ווי די אויפקלערער און בכלל די קלאַסיקער וואָלטן פּונקט און געצוי דאָס אייגענע אויסן געווען, וואָס די בורזשואַזיע איז אויסן אין איר טיף־רעאַקציאָנערן צעפוילטן פעריאָד. דאָס אמתדיק נייע און ווערטפולע ביי די גרויסע שרייבער פאַרשווייגן די רעאַקציאָנערע קריטיקער, דיסקרעדיטירן עס, — כלומרשט פון אַ „קונסט צוליב קונסט"־שטאַנדפּונקט. און יענע עלעמענטן ביי די קלאַסיקער, וואָס לאָזן זיך אויסנוצן פאַר דער רעאַקציאָנערער בורזשואַזער וועלט־אָנשויאונג, שטרייכן זיי באַזונדערס אונטער, פאַרגרעסערן גוזמאדיק זייער וואָג און ראָל אינעם שאַפן פון די קלאַסיקער, און אויך זייער ווערט און באַדייט. דורך אַזאַ „עסטעטיש־קריטישער" אָפּעראַציע באַקומען זיך ביי די קלאַסיקער גאָר אַנדערע פיזיאָנאָמיעס — אין אמתן געפעלשטע, פאַרגרימירטע מאַסקעס. די בורזשואַזע קריטיקער פאַרקריפּלען די קלאַסיקער און שיילן פון זיי אַראָפּ זייער אמתדיקן גלאַנץ, ווייל זיי וואַרפן אַרויס פון די קלאַסיקערס שאַפן גראָד דאָס, צוליב וואָס זיי האָבן געשריבן, דאָס, וואָס די קלאַסיקער זיינען דער עיקר אויסן געווען. די רעאַקציאָנערע קריטיקער שאַפן פאַלשע פאָרשטעלונגען וועגן די דאָזיקע שרייבער, לעגענדעס. די בורזשואַזיע איז אַ שעדיקערישע, פאַרקריפּלענדיקע פאַרוואַלטערין פון דער ירושה פון די גרויסע שרייבער פון דער פאַרגאַנגענהייט.

די בורזשואַזע אָפּשאַצערס האָבן מיט מענדעלען אָפּגעטאָן איין קליינִיקייט. דאָס, צוליב וואָס מענדעלע איז מענדעלע, דער עיקר, צוליב וואָס מענדעלע האָט בכלל געשריבן, דאָס, צוליב וואָס מענדעלעס ווערק האָבן אין זייער צייט געפונען אַזאַ שטאַרקן רעזאָנאַנס ביי די ברייטסטע דעמאָקראַטישע מאַסן (באַזונדערס אין די 60ער און 70ער יאָרן, אָבער אויך שפּעטער), דאָס, וואָס עס איז אין מענדעלען צוקונפט־רייך, באַדייטנדיק, אויפטועריש, „ווירקלעך",

קורץ: זיין פאַרשריטלעכן „פאַרשטאַנד" — האָבן זיי צונישט געמאַכט, צע־ריבן, פאַרשוויגן, פאַרשמירט אָדער „איבערפאַרטייטשט", און דאָס, וואָס עס איז אין אים „אומווירקלעך", די עלעמענטן פונעם קליינבירגערלעכן „פאָר־אורטייל", דאָס, וואָס עס איז אין אים נעכטיק און „אַלטוואַרג", האָבן זיי אַרויסגעהויבן, אונטערגעשטראָכן און געלויבט אין הימל אַריין. דאָס האָבן געטאָן בעל־מחשבות, ש. ניגער און די כלערליי ווייגרייכס. „פישקע" און „דאָס קליינע מענטשעלע" זייגען, לויט ווייגרייכן, „אומהאַרמאָניש", ווייל „אויס־געמישט מיט פובליציסטיק", „די טאַקסע" איז „אַלטוואַרג". דערפאַר אָבער איז אַזאַ ווערק, ווי „שלמה ר' חיימס", כאָטש ס'איז ניט ווייניקער אויסגעמישט מיט „פובליציסטיק" און מיט דעם, וואָס ווייגרייך רופט „אַלטוואַרג", ווי „די טאַקסע", נאָר איצט שוין, אין באַשטימטע טיילן, אויך מיט לחלוטין ניט־פאַרשריטלעכער „פובליציסטיק" און טאַקע אויך מיט אַזאַ מין „אַלטוואַרג" — „כמעט פולקומע" קונסט.

4

מענדעלע האָט אַמאָליקע יאָרן געהאַט אַן אַנדער מין קעגנער, אַנדערע מיני קריטיקער, וואָס האָבן אים אויסגעוואָרפן דווקא זיין צומאָליקע באַמיאונג צו „שרייבן לשמה".

קאָנסערוואַטיווע טענות צו מענדעלען אין אָנהייב־פּעריאָד פון זיין שאַפן זיינען געווען געגרעכטע. קאָנסערוואַטיווע קריטיק האָט דעמאָלט אויף מענדעלען אָן ספק געהאַט אַ גרויסע ווירקונג; זי איז פאַר זיין שאַפן זייער פרוכטבאַר געוואָרן.

א. קאָווגער, וואָס זיין סאָציאַלע איינשטעלונג איז צו יענער צייט גאָר ניט אַזוי אומענלעך געווען צו מענדעלעס, ווי ס'קאָן זיך אין פלוג דוכטן,—האָט מענדעלען קריטיקירט פון אַ שטאַנדפונקט, וואָס האָט קאָנסעקווענטער פאַר־באַוואוסטזיניקט דעם (פּאָזיטיוויסטישן) „רעאַליזם" פון יענער צייט. ליגעצקי ווידער קריטיקירט מענדעלען אויך ניט פון סאָציאַל־קעגנזעצלעכע פּאָזיציעס, נאָר פון זיין דעמאָלט מער „פלעבייאישער" איינשטעלונג, פון זיין דעמאָלט מער דירעקטער פאַרבונדנקייט מיט דער דעמאָקראַטישער מאַסע. ליגעצקי האָט דערנאָך, זייט די 80ער יאָרן, אַליין מיטגעמאַכט דעם וועג אויף רעכטס, צו אַפּאָלאָגיע פונעם „געלייטערטן" קלעריקאַליזם און פונעם חסידיזם, וועלכן ער האָט פריער באַקעמפט. ער האָט אויך צומאָל געמאַכט עקסקורסיעס אין דער ריכטונג פונעם ציוניזם, פון רעליגיע (יידישע איבערזעצונג פון תפילות א. אַז. וו. אָבער אין יאָר 1876 האָט ער נאָך אויף אַ געזונטן אויפקלערערישן אופן געקאָנט שטעלן טענות צו מענדעלען* פאַר די „זמירות" און „פרק

* ליגעצקים כתבים (דאָס ערשטע העפט), „דער פּריטשעפּע", אָדעס, 1876, ז. 14 א. וו.

שירה״, פאַר דער פּאָעמע „יידל״. לינעצקי זידלט זיי זייער שאַרף: „אומ־געלומפּערטע שטותים״... „מיר ברעכן מיט דער גרינער גאַל ביים ערשטן בלעטל איבערלעזן, און ער (מענדעלע — מ. וו.) האַלט זיך שטאַל און אייזן, אַז מיט די טערקישע יעלה־ויבואס מאַכט ער גליקלעך די וועלט און באַרייכט (באַרייכערט — מ. וו.) די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור!... און פּרוּאוו, פרעג אים: סטייטש, גזלן, וועלכן קלאַס יידן טויג דיינע צוגעלעגערטע גראַם־זמירות מיט דיין פּרק־שירה? צו וואָס פאַר אַ צוועק? — וועלכע פּאָלגע (רעזולטאַטן — מ. וו.), צי וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן אַפילו וועט איינער פון אַ מיליאָן לעזער געפינען אין די צווייִ אַלטע אַזיאַטישע תחינות, נאָך מיט לשון־קודש־תלמודישע הערות אונטערגעשלאָגן? וואָס וועלן זיי דאַרט לעזן? פאַרדרייטע, סוקעוואַטע גראַמען? טויטע, געליימטע פראַזן?... היינט וואָס ווילסטו מיט „יידלען״ (לינעצקי מיינט מענדעלעס פּאָעמע „דאָס יידל״ — מ. וו.), וואָס קייעסטו די קלאַטשע, וואָס דערציילסטו דעם יידן? — אַז ער (דאָס יידישע פאָלק — מ. וו.) איז געווען אַמאָל אין מצרים אַ לאָשעק, דערנאָך אַ חתן פאַר דער כלה, דער תורה, דערנאָך אַ זיידן איידעמל, דערנאָך אַ יוסט באַלעבעסל, דערנאָך אַן עזות־פּנים, דערנאָך אַ שלעפּער? — ווער ווייסט דאָס ניט? ווער דאַרף דאָס וויסן? וואָס קומט איצט דערפון אַרויס צו די נייע עפּידעמישע קראַנקהייטן, צו פרנסה? צו גוטע אוראַזשייען? צו קינדער־דערציאונג?... ממה־נפשך: ווילסטו דערציילן, אַז דער ייד איז אַמאָל געווען אַ וואוילער — טאַ דערצייל עס פאַר קריסטן; דעם יידן דאַרפסטו עס גאַר ניט דערציילן, ער האַלט זיך נאָך עד־היום פאַר איין וואוילן אין דער וועלט... מיינסטו ווידער דערציילן, אַז ער איז היינט אַ שלעכטער — וואָס־זשע דאַרפסטו אָנהייבן אַ מעשה פון תרח׳ס צייטן? — זאָג אים פּשוט, קורץ און שאַרף: יידל, דו ביסט היינט אַ גרויסער שווינדלער, אַ פאַנאַטישער, אַ באַרייסער, אַ קאַטאַרזשנע פּראָצענט־ניק, אַן אומזיטלעכער, אַ פּראַהלער (באַרימער — מ. וו.), אַ יעזואיט, אַ גאָר־ניט!... וואָס טויג דיר אונטערשיסעלעך, מיט כימענע־קורעס, מיט הערות פונעם תלמוד, מיט נאַרישע גראַמען, מיט טויטע פאַרעלטערטע אידייען? בפרט, אַז דו (מענדעלע — מ. וו.) ביסט גאָר ניט פייאיק צו דעם פאַך גראַם!״

אין דער דאָזיקער קריטיק פון מענדעלעס זייער ניט־געראָטענע רעאַקציאָנערע געגראַמטע ביכער אין די 70ער יאָרן הערן מיר דעם גייסט פון אַ טעמפּעראַמענטפולן פּאָלקסטימלעכן משכיל. זי דערמאָנט אין די אַרטיקלען פון א. קאָוונער. דאָס איז אין איר דאָס ווערטפולע. דאָס טיילט זי אויס פון אַזאַ מין „עסטעטישער״ קריטיק ווי ש. ניגערס,* וואָס קאָן טאַקע אין די דאָזיקע ביכער ניט געפינען „קיין איין פּאָעטיש בילד, קיין איין פונק פון אמת

* אין אַמעריקאַנישן „דער טאָג״, 1926, נומער 4383.

לירישער שטימונג״, נאָר בלויז „שווער געמאָטערטע שורות״, און פונדעסט־וועגן האָלט ער זיי פאַרט פאַר „אינטערעסאַנט״. טאַקע „ניט מיט זייער איבּ־האָלט און ניט מיט זייער פערז־קונסט, נאָר מיט דער ריינקייט און געלייטערט־קייט פון זייער יידיש״. דער „יידישיסט״ מוז די דאָזיקע דורכפאַלן מענדעלעס פאַרט לויבן.

5

די מאַרקסיסטישע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פאַרהילט ניט מענדעלעס שוואַכע זייטן, זי וויל זיי ניט איבערפאַרטייטשן, זי דעקט אויף זיינע אמתדיקע חסרונות און וואַרפט זיי אָפּ, זי דעקט אויף זיינע אמתדיקע מעלות און פאַראייגנט זיי זיך אַלס „ירושה״.

די „יידישיסטן״ באַטאָנען פון אָנהייב אָן מענדעלעס הויפּט־ווערט אַלס ערשטער בויער פון דער יידישער ליטעראַרישער שפּראַך פאַר „ריינע קולטור־ווערטן״. צי איז דאָס געווען דער עיקר, דער מיין, דער צוועק פון זיין שרייבן, די סיבה פון דער פּאָפּולערקייט פון די ווערק זיינע? די דאָזיקע אָפּשאַצונג איז אָבער פּונקט אַזוי באַגרענעצט און פאַלש, ווי די לעגענדע, אַז מענדעלע האָט געהאַט אַ יידישיסטישע באַציאונג צו יידיש. קעגן דעם פּרינציפּ פון „קונסט צוליב קונסט״, פון „ריינע קולטור־ווערטן״ איז ער ניט נאָר אין די 60ער און אין די 70ער יאָרן, נאָר אויך שפּעטער געגנוג אָפּט און דייטלעך אַרויסגעטראָטן. דאָס איז אויך קלאָר פון זיין שאַפן גופא. ער האָט געשריבן און געשריבן יידיש צוליב אַ באַשטימטער לייזנשאַפטלעך דערפילטער אויפ־גאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט. דאָ, אין זיין סאָציאַלער געוועגדטקייט, ליגט זיין אויפטו, זיין באַדייט, די סיבות פון זיין פּאָפּולערקייט צווישן די מאַסן אין זיין צייט. און ווייל זיינע בעסטע ווערק שפּיגלען אָפּ אין גרויסע מייס־טערישע קינסטלערישע בילדער דאָס סאָציאַלע לעבן און די סאָציאַלע ווידער־שפּרוכן פון אַ וויכטיקן היסטאָרישן איבערגאַנג־פּעריאָד, — זיינען זיי געוואָרן קלאַסיש אויך פאַר דער צוקונפט. אין דער יידישער בירגערלעכער ליטעראַ־טור באַווייזט זיך דאָס שטרעבן צו אידעאַליזירן די נאַציאָנאַלע פאַרגאַנגענהייט אין אַ קלעריקאַלער, שאָוויניסטישער שיין. ניט דורכן אַרויסהייבן די אמתדיק פּראָגרעסיווע און דערהויבענע מאָמענטן און געשטאַלטן אין דער אידישער געשיכטע, נאָר גראָד יענע מאָמענטן און געשטאַלטן, וואָס טויגן אויף צו פאַר־שטאַרקן די נאַציאָנאַליסטישע און רעאַקציאָנערע טענדענצן. די באַוואוסטע און ווייניקער־באַוואוסטע נאַציאָנאַליסטישע שרייבער (שלום אַש, לייוויק, לייעלעס, אהרן צייטלין א. אַנד.) באַהאַנדלען אויף אַזאַ אופן היסטאָרישע טעמעס.

אונדזער מאַרקסיסטישע קריטיק דאַרף אויפדעקן און קלאָר מאַכן דעם

באַדייט פון דעם מין כלומרשט „אומשולדיקן היסטאָריציזם“ אַ חוץ אַלע אַנדערע וויכטיקע און אַקטועלע אויפגאַבעס, וואָס שטייען פאַר אונדזער סאָוועטישער ליטעראַטור, זיינען נייטיק אויך אמת־אָביעקטיווע בילדער פון דער יידישער געשיכטע — אַלס קעגנווירקונג צום קלעריקאַל־נאַציאָנאַליסטישן, שאָוויניסטישן „אָפיום פאַרן פאָלק“.

און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז וויכטיק אָנצואווייזן אויך אויף די קאַמפן, וואָס זיינען אין דער פאַרגאַנגענהייט געפירט געוואָרן קעגן כלעריליי רעאַקציאָנערע, שאָוויניסטישע „היסטאָרישע“ לעגענדעס. מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע“, „די טאַקסע“, „מסעות“, „דאָס ווינטשפינגערל“, „פישקע“, „די קליאַטשע“ און אַנדערע ווערק גיבן אומפאַרגלייכלעך אמתדיקערע בילדער פון דערווירקלעכקייט אינעם פעריאָד, וואָס זיי באַהאַנדלען, איידער, למשל, אָפאַטאָשוס „פוילישע וועלדער“. אין מענדעלעס גרויסער קינסטלערישער שאַפונג פאַרמאָגן מיר אַ לעבעדיקן קוואַל פון אמתדיקער היסטאָרישער דערקענטעניש.

6

מיט בייסיקער און טרעפלעכער איראָניע האָט מענדעלע אָפגעשפעט פון אַלע „געלערנטע“ פרואוון דורך רעאַקציאָנער־ראָמאַנטישע היסטאָרישע חקירות יחוסדיק צו באַשיינען און אויסצופּיינען די „גלופּסקער בלאָטעס“, וואָס זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון דורותדיקער פעאָדאַלישער און צאַרישער אונטערדריקונג. אין אַ געוויסן זינען מיינט מענדעלע מיט דער „גלופּסקער בלאָטע“ דאָס מיטלאַלטערלעכע געטאָ־לעבן בכלל. שאַרפזיניק לאַכט ער אָפּ פון דעם סכאָלאַסטישן היסטאָרישן פאָרשונגס־מעטאָד ביי געוויסע פאָרשטייער פון דער חכמת־היהדות. ער חוזקט אָפּ פון יאַהודימשע „חוקרי קדמוניות“ (אַרכעאָלאָגן — מ. וו.), „וואָס קאָנען מיט זייער גרויס חכמה מאַכן פון אַ גאָרנישט אַ מושקאַטקויל“, וואָס קאָנען פון עפּעס איינער אַן אומגעלומפּערטער לעגענדע אַרויסדרינגען „מיט טויזנטער שאַרפע שפּיצלעך, ווי זייער שטייגער איז, אַז דערינען ליגט אַ שטיק אמת“.

מענדעלע דערציילט פאַראָדיסטיש וועגן איינער אַ כלומרשטער לעגענדע, אַז די גלופּסקער יידן שטאַמען פון יענע אוראַלטע יידן, וואָס „שלמה המלך האָט געשיקט קיין אופיר (אינדיע — מ. וו.) נאָך גאָלד און אַנדערע מיני אויס־לענדישע סחורות“. די דאָזיקע אוראַלטע יידן זיינען — לויט דער כלומרשטער לעגענדע — נאָך פאַרשיידענע פּאַסירונגען פאַרוואַלגערט געוואָרן אויפן טייך פּיאַטיגבילעווקע, „וואָס איז אין יענער צייט אַריינגעפאַלן גלייך אין ים אַריין“, און האָבן זיך לסוף באַזעצט אין דער שטאָט גלופּסק. מענדעלע ברענגט דאָ — אַ פּאַראָדיע אויף די מעטאָדן ביי געוויסע פאָרשטייער פון דער „חכמת־

היהדות" — אַ רייַ „באַווייַזן" פון „געלערנטע" אַרכעאָלאָגן, אַז די דאָזיקע לעגענדע איז אַן אמת. אַלס פערטן באַווייַז שילדערט מענדעלע די „מטבע, וואָס מע האָט אַמאָל, בשעת גראָבנדיק די גרעבליע, דאָרט געפונען. פון איין זייט איז זי געווען שטאַרק אָפּגעריבן, קוים־קוים וואָס מע האָט אַרויסגעזען עפּעס ווי אַ שטיקל פּאַרטעך צוגעטשעפּעט צו אַ שטעקן, אונטן עפּעס פּאַכאַזשע אויף אַ מולטערל, פונוואַנען עס האָבן אַרויסגעשטעקט שטיקלעך קעפּ. פון דער אַנדערער זייט איז די מטבע געווען כמעט גלאַט, נאָר אַז מע האָט זיך גוט צוגעקוקט, האָט מען דערקענט אַלטמאָדישע כתיבהטע אותיות: „יאשלג וענף". די געלערנטע האָבן אויף דער דאָזיקער אויפשריפט זיך געבראָכן די קעפּ און אַרייַנגעלייגט דרינען פּשטים, איטלעכער אויף זיין גאַנג. אַ טייל האָבן געהאַלטן אין דער סברה, אַז די „י" און די „ג" ביים אָנהייב און סוף וואָרט יאשלג זייַנען גאָר נישט קיין אותיות, נאָר שטיקלעך פון טשאַטשקעלעך, וואָס זייַנען פון דער צייַט אָפּגעריבן געוואָרן, בכן מאַכט עס „אשל", אַ בוים, „וענף", און אַ צווייַג, און דאָס איז דער שטעקן מיט דעם פּאַרטעך. ווידער אַ טייל האָבן עס דערקלערט גאָר אַנדערש, און די געלערנטע האָבן דערמיט מרעיש־עולם געווען,* ביז דערנאָך איז געקומען איינער מיט אָפענע אויגן און האָט דערינען דערזען נאָר ראשי־תיבות,** וואָס זיי מאַכן: „יהודי אופיר (אָדער אינדיאָה) שבאו לכאן (אָדער לק"ק) גלופּסק ונתישבו על נהר פּיאַטי־גבילעווקע." ***

„דער שטעקן מיט דעם פּאַרטעך און מולטערל מיט די קעפּ, דאָס באַטייט אַ אָקרענט מיטן זעגל און מיט פּאַרשוינען. דער דאָזיקער געלערנטער האָט איבער דעם געמאַכט זייער אַ דיקן ספר און ווענדט זיך דאָרט צום עולם מיט אַ בקשה, אַז מען זאָל רייניקן דעם טייך, וועט מען דאָרט זיכער געפינען אַ סך אַלטע זאַכן, וואָס וואַלטן געעפנט די אויגן אין דער חקירה מכוח גלופּסקער יידן. נאָר די דאָרטיקע איינוואוינער שייען זיך **** אָבער אויסצורייניקן די בלאָטע און זאָגן: דאָס, וואָס מען האָט פון אַלטע צייטן אָנגעמאַכט, דאָס מוז בלייבן, קיין מענטשנס אויג טאָר אין דער פאַרבאָרגעניש ניט אַרייַנקוקן..." („מסעות", ווילנע, 1878, ז"ז 68—71.)

מיט דער דאָזיקער אויסגעצייכנטער פּאַראָדיע שלאָגט מענדעלע ניט נאָר די סכאָלאַסטישע אַרכעאָלאָגן מיט זייערע פאַנטאַזיעפולע אויסטייטשענישן, נאָר

---

* אויפגעטרייסלט די וועלט.

** איניציאַלן, אָנהייב-אותיות פון ווערטער.

*** „אויפירער (אָדער אינדישע) יידן, וואָס זיינען געקומען אַהערצו (אָדער אין דער הייליקער קהילה) קיין גלופּסק און האָבן זיך באַזעצט ביים טייך פּיאַטי-גבילעווקע".

**** היטן זיך אָפּ, האָבן מורא.

אויך אַזעלכע געלערנטע בעלעטריסטישע באַשײַנערס פון „היסטאָרישן יידנ־טום״, ווי אַש, לייוויק און ענלעכע.

דער כוח פון זיין סאַטירע באַווייזט זיך גראָד אויך אין דעם, וואָס זי טרעפט ניט נאָר די פאַרגאַנגענהייט־„לאַקירערס״ פון זיין צייט, נאָר אויך פון אונדזער קעגנוואַרט. ראַוניצקי האָט צוריק מיט עטלעכע צענדליק יאָר געשריבן וועגן מענדעלען: „זיינע פיילן צילן כלומרשט אַלץ אין דעם אַלטן דור, און מיטן יונגן*דור האָט ער, דאַכט זיך, גאָר קיין שייכות ניט, נאָר טרעפן טרעפט ער עפּעס אי דעם אַלטן, אי דעם יונגן (פון מיר אונטערגעשטראָכן — מ. וו.). עפּעס קומט דאָ אויס, דאַכט זיך, גאָר אַן אַלט ספּאָדיקל, נאָר פּאַסן פּאַסט עס אויף אַלעמען, אויף איטלעכן באַזונדער, ווי אָנגעמאָסטן, און, קוקנדיק אויפן ספּאָדיקל, קוועלט דער עולם, ער לאַכט און קייכט פאַר געלעכטער.״ *

דאָס האָט ראַווניצקי דעמאָלט ריכטיק באַמערקט. כאָטש סע „לאַכט און קייכט פאַר געלעכטער״ און „קוועלט״ גאָר אַן אַנדער עולם, אַזאַ, וואָס ראַוו־ניצקי האָט אים ניט געקאָנט פאָראויסזען. דאָס „אַלטע ספּאָדיקל״ פּאַסט טאַקע דורכאויס אויף די היינטיקע „גלופּאָ־טרוסאָ־בעזיאַזיקאָ־קאָפּצאַנער״, ווי אַש און זיינע תלמידים. עס איז טאַקע איינער אַ הויפּט־ווערט פון מענדעלעס ווערק, אַז דאָס, וואָס האָט אין זיין שאַפן געווירקט פּראָגרעסיוו צו זיין צייט, האָט נאָך אויך ביי היינטיקן טאָג אַ טרעפלעכע שלאָג־קראַפט.

---

* רבי קצין (ראַוניצקי) אין שלום-עליכמס „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק״, צווייטעס בוך, 1889, ז. 216.

II. מענדעלעס השכלה־אידייען און זיינע קינסטלערישע בילדער

1

מענדעלע איז אַ משכיל, ער איז אויסגעוואַקסן אויף די טראַדיציעס פון דער יידישער השכלה. ער איז געווען באַווירקט פון דער אַטמאָספער פון דער רוסישער אויפקלערונג.

עס איז אָבער אַ טעות צו מיינען, אַז די „השכלה“ באַשטייט פון איין גוס, אַז זייט „מענדעלסאָן ביז מענדעלען“ האָבן מיר צו טאָן מיט איין גלייכ־מעסיקער, גלייכאַרטיקער „השכלה“. וועגן דער אויפקלערונג בכלל האָט לענין געשריבן: „צו באַטראַכטן (די ירושה פון דער אויפקלערונג — מ. וו.) פאַר עפּעס איינהייטלעכס איז אַ שלעכטע טראַדיציע פון די שלעכטע (80ער) יאָרן.“ (ב. 28, ז. 23 — לויט דער דריטער אויפלאַגע.)

וועלכע שטריכן מאַכן מענדעלען ענלעך צו די אויפקלערער און וועלכע מאַכן אים צו זיי אומענלעך?

לענין זאָגט, אַז ס'איז „...אַ טיפּישער שטאַנדפּונקט פון די עקאָנאָמיסטן און אויפקלערער פונעם 18טן יאָרהונדערט, וואָס זיי האָבן געגלייבט, אַז דאָס אָפּשאַפן דאָס לייב־אייגנטום־רעכט און אַלע זיינע רעשטן שאַפט ממילא דאָס קיניגרייך פון אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד.“ (ב. 2, ז. 313.)

די דאָזיקע פאָרמולירונג לענינס פּאַסט אויך פאַר אַזאַ אויפקלערער ווי מענדעלע. עס דאַרפן בלויז אָפּגעשאַפט ווערן די פעאָדאַלישע רעכט־באַגרענע־צונגען בנוגע די יידישע פאָלקס־מאַסן, אָפּגעשאַפט ווערן די שטערונגען אויף זייער וועג צו די נייע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, צו דער מאָדערנער (בירגער־לעכער) אַנטוויקלונג — און אַלץ וועט שוין גיין אַ גוטן גאַנג צום אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד. אַז גראָד אין דער אַנטוויקלונג פון די נייע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען — וואָס זיינען אין אמתן די פאָרמען פון קאַפּיטאַליזם, — אַז גראָד אין דער אָרדענונג גופא פון די נייע פאַרהעלטענישן קאָנען זיין איינגעשלאָסן גאָר נייע סיבות פון פאופּעריזאַציע — דאָס קאָן, פאַרשטייט זיך, מענדעלע אין זיין ערשטן שאַפונג־פּעריאָד נאָך ניט זען. ער וועט דאָס ערשט אַ סך שפּעטער באַמערקן און קינסטלעריש פיקסירן אין איינעם פון די וואַריאַנטן פון דער „קליאַטשע“.

אַ טיפּישער שטריך פונעם אויפקלערער איז „...די אויסגעצייכנטע ניכ־טערקייט פון זיינע אָנשויאונגען, די פּראָסטע און דירעקטע כאַראַקטעריסטיק פון דער ווירקלעכקייט, דאָס אָנרחמנותדיקע אויפדעקן אַלע נעגאַטיווע אייגנ־

שאַפֿטן פון די „גרונט־זיילן" בכלל און פון פויערטום בפרט, — פון די דאָזיקע זעלבע „גרונט־זיילן", וואָס זייער פאַלשע אידעאַליזאַציע און צופּוצונג איז אַן אומפאַרמיידלעכער באַשטאַנד־טייל פון פאָלקיזם." (לעניז, דאָרט, ז. 316.)

ביי דעם דאָזיקן שטריך באַווייזט זיך שוין דייטלעכער, וואו מענדעלעס אַנשויאונגען אונטערשיידן זיך פּאָרט פון דער דעמאָקראַטיש־רעוואָלוציאָנערער אויפקלערונג.

ביי מענדעלען איז טאַקע דאָ סיי אויסגעצייכנטע ניכטערקייט פון אַנשויאונגען און סיי פּראָסטע און דירעקטע כאַראַקטעריסטיק פון דערווירקלעכקייט. פאַר מענדעלעס שאַפן איז אַוודאי ניט כאַראַקטעריסטיש די אידעאַליזאַציע און צופּוצונג פון די „גרונט־זיילן" בכלל און פון דער שטעטלדיקער אָפּגעשטאַנענקייט בפרט.* געוויס ניט. אָבער אויך אין זיין ראַדיקאַלסטן פעריאָד גייט מענדעלע אין זיין „צעשטערן די גרונט־זיילן" בכלל, און די „גרונט־זיילן" פון די אָפּגעשטאַנענע שטעטלדיקע שיכטן בפרט ניט ביז צום סוף. באַגלייך מיטן אונטעררייסן די „גרונט־זיילן" זיינען ביי אים צומאָל פאַראַן ווידערשפּרעכלעכע טענדענצן פון פשרה צו די „גרונט־זיילן". בולעטער האָט זיך דאָס באַוויזן זייט סוף יאָרהונדערט, ווען ער אַפּאָלאָגיזירט צומאָל אַ טייל פון די פריער קריטיקירטע געזעלשאַפטלעכע פאַקטן — כאָטש טאַקע סתירהדיק צו די שאַרפע געזעלשאַפט־קריטישע עלעמענטן, וואָס זיינען ביי אים ביז צום סוף פון זיין לעבן און שאַפן געבליבן און וואָס גיבן מענדעלען דעם באַדייט פון אַ גרויסן שרייבער.

דער ווערטפולסטער שטריך איז ביי מענדעלען זיין טיפסטע פאַרבונדנקייט מיט די אונטערדריקטע, פאַראָרעמטע און האָרעפּאַשנע פאָלקס־מאַסן, דאָס, וואָס דער גורל פון די דאָזיקע מאַסן איז פאַר אים דאָס סאַמע וויכטיקסטע, דאָס, וואָס זייער מענטשלעכע ווירדע איז אים דאָס סאַמע טייערסטע און ליבסטע, ניט אַ וויכטיקע נעבן־פראַגע (ווי סוף־כל־סוף אַפילו ביי די בעסטע פאָרשטייער פונעם בורזשואַזן ליבעראַליזם), נאָר דער עיקר פון זיינע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן, דאָס, וואָס ער לייגט דעם הויפּט־טראָפּ פון זיין ליידנשאַפטלעכער געזעלשאַפטלעכער טענה אויפן פאַרבעסערן די לאַגע גראָד פון די דאָזיקע פאָלקס־מאַסן און איז דער עיקר זיי אויסן.

מענדעלע האָט זיך קיינמאָל ניט קלאָר פאָרגעשטעלט קיין קאָנקרעטע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ליזונג־פּרואוון. אַזעלכע פראַגעס, וואָס קומען

---

* פאַרשטייט זיך, אַז די אַנאַלאָגיע צווישן די „גרונט־זיילן" פון די יידישע שטעטלדיקע מאַסן און די פויערישע „גרונט־זיילן" (וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער דאָרפס־געמיינדע) דאַרף באַנומען ווערן בלויז „מוטאַטיס מוטאַנדיס", לויט די אַנטשפּרעכנדיקע מאָדיפיצירטע אומשטענדן.

אויף בנוגע דער פאַראָרעמטער דעקלאַסירטער און האָרעפּאַשנער מאַסע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, האָט מענדעלע זייער לאַנג ניט געזען און ניט באַנומען. און דעמאָלט, ווען ער האָט זיי אָנגעהויבן צו דערזען און צו באַנעמען, באַזונדערס זייט די 80ער יאָרן, האָט דאָס ביי אים אַרויסגערופן אַ שאַרף קעגנערישע שטעלונג צו דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט — אַ פּעסימיסטיש־יאושדיקע פאָרשטעלונג וועגן דער „ציוויליזאַציע“, סקעפּסיס אין דער מעגלעכקייט פון אַ ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אויף דער גרונטלאַגע פון וויסנשאַפט און בילדונג. וואָס דייטלעכער ער האָט דערזען דיווירקלעכקייט פון דער בורזשואַזער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וואָס מער ס׳האָט זיך פאַרשאַרפט זיין שטעלונג צו איר, וואָס שאַרפער ס׳איז געוואָרן זיין נעגאַציע פון קאַפּיטאַליזם, אַלץ מער האָט ער גלייכצייטיק אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן דעם באָדן פון דער ווירקלעכקייט, זיינע פריערדיקע קעמפערישע איינשטעלונגען, אַלץ אָפטער האָט ער אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען און זיך צו ווענדן צו ראָמאַנטישע אידעאַלן, צו דער „באַרעכטיקונג“ פון דער פאַרגאַנגענהייט.

דער פּאָזיטיווער טייל פון זיין געזעלשאַפטלעכער פּראָגראַם, די פּאָזיטיווע פאָרמולירונגען פאַר די געזעלשאַפטלעכע פאָדערונגען, וואָס ער שטעלט צומאָל אַרויס, זיינען ניט קיין דירעקט־קעמפערישע: בילדונג פאַר די מאַסן און — אויב מע קאָן דאָס אָנרופן אַ פּאָזיטיווע פאָדערונג — האָפענונג אויף בירגערלעכער עמאַנסיפּאַציע אַלס רעזולטאַט פון אַפּאָלאָגיע. די באַגרענעצטקייט פונעם פּאָזיטיוון טייל אין זיין געזעלשאַפטלעכער פּראָגראַם שטייט אין פאַרבינדונג מיט דער שוואַכקייט פון רעוואָלוציאָנערע פּאָטענצן אין דעם פעאָדאַליש־אָפּגעשטאַנענעם, פּאַופּעריזירטן שטעטלדיקן קליינבירגערטום פון יענער צייט.

2

פון דער אַנדערער זייט מוז מען אָבער פעסטשטעלן, אַז מענדעלעס קאָנקרעטע פאָרשלאַגן אויף צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די פאָלקס־מאַסן זיינען ווייט ניט געווען אַזוי אינהאַלטלאָז, ווי געוויסע עסטעטיציסטישע אויבערמבינים שטעלן דאָס אַמאָל פאָר. מענדעלע האָט פּראָפּאַגירט בילדונג, אויפקלערונג, אייראָפּייאישקייט, — און דאָס האָט דעמאָלט באַטייט דעמאָקראַטישקייט. דאָס אַלץ איז דעמאָלט געווען ברענענדיק אַקטועל. ס׳וועט ניט שאַטן זיך דערמאָנען, אַז אַפילו ביי היינטיקן טאָג הערשט נאָך אין קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד, אין פוילן, ליטע, רומעניע און אַנדערע לענדער ביי גרויסע טיילן פון דער יידישער און ניט־יידישער באַפעלקערונג אַ היפּש ביסל אָפּגעשטאַנענ־

קייט, וואָס ווערט אָפּגעהיט און פּאַטערלעך־זאָרגעוודיק אונטערגעהאַלטן פון בורזשואַזיע, כלי־קודש און מלוכה, אַז אַפילו ביי היינטיקן טאָג זיינען דאָרט די אויפגאַבן פון בילדונג און אויפקלערונג, וואָס מענדעלע האָט געשטעלט — נאָך ווייט ניט פאַרווירקלעכט. און מענדעלע האָט דאָך זיין אויפקלערערישע אַגיטאַציע אָנגעהויבן צו פירן נאָך צוריק מיט עטלעכע זיבעציק יאָר.

אין איינעם אַ שפּעטן ווערק זיינעם באַקלאָגט זיך מענדעלע אויף דעם נייערן דור, וואָס שאַצט ניט געהעריק אָפּ דעם פּראָגרעסיוון באַדייט פון דער משכילישער אַגיטאַציע אין די 60ער און 70ער יאָרן. סע פאַרדריסט אים, וואָס דער ייִנגערער דור חוזקט פון די דאָזיקע בילדונג־שטרעבונגען און פאַרשטייט ניט, אַז פאַר יענער צייט און אין דער וויסט־פאַרחושכטער אַטמאָספער פונעם דעמאָלטיקן יידישן שטעטל איז די קולטור־טרעגעריי פון די משכילים געווען אַ גרויסער פאָרשריטלעכער אויפטו. מענדעלע זאָגט: „עס פאַרדריסט מיך שוין טאַקע אויף זיי, אויף די היינטיקע, הייסט עס. הע־הע, זידלערייען! נישט צו פאַרשטיין פון טאָג צו נאַכט — אַז דענסטמאָל האָט ערשט אָנגעהויבן צו טאָגן, נאָך אַזאַ לאַנגער פינצטערער נאַכט — צו טאָגן! ניט ווייסנדיק זיך מאַכן פונעם חילוק פון היינט ביז אַמאָל, — אַז אַנדערע צייטן — אַנדערע ווייטיקן, אַנדערע — אַנדערע סקולות. אַז צו מענטשלעכע צרות איבערהויפּט איז בילדונג פאַרעכנט געווען דענסטמאָל פאַר דאָס איינציקע מיטל ביי דער גאַנצער וועלט בכלל. נישט צו באַטראַכטן די ביטערע לאַגע, אין וועלכער די בידנע משכילים, נעבעך, האָבן דענסטמאָל זיך געפונען, צווישן אַן עולם, וואָס איז בערייט געווען פאַר אַ מינדסטע זאַך, עפּעס נישט אַזוי ווי ביי אים איז איינגערעדט, זיי צערייסן אויף שטיקער. אוי, האָבן זיי דענסטמאָל, נעבעך, געליטן...״ „אויף בוידעמס, אין קעלערס, לעכער, חורבות האָבן זיי געלערנט. די שנאה פון אַלע זייטן איז גרויס, סכנות. נויט, אָרעמקייט — אַ שרעק! און זיי פונדעסטוועגן טוען זייערס, דערגרייכן אַ סך...״ (אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים, געדרוקט אין וואַרשע, 1911, „ספר הבהמות״, ז. 7 און ווייטער.)

מענדעלע האָט די דאָזיקע פאַרטיידיקונג פון דער השכלה געשריבן שוין אין לעצטן פּעריאָד פון זיין שאַפן, דעמאָלט, ווען ער אַליין איז שוין געווען דעזאָריענטירט און האָט שוין צומאָל געבלאָנדזשעט ניט אין דער זייט פונעם פאָרשריט. ער פאַרטיידיקט דאָ די השכלה קעגן די ציוניסטישע אָנגריפן טאַקע מיט אַ פאָרשריטלעכער אַרגומענטאַציע, מיט אויפקלערירישן טעמפּעראַמענט; דערביי פאַלט ער אָן אויפן ציוניזם און דעם יידישן נאַציאָנאַליזם. אָבער פלוצים מיטאַמאָל כאַפּן זיך דאָ ביי אים אַריין כמעט קלעריקאַלישע מאָטיוון. ער חוזקט און שפּעט משכיליש פון אָבערגלויבענישן און רעליגיע, גלייכצייטיק אָבער און ווידערשפּרעכיק אַפּאָלאָגיזירט ער אויף אַזאַ מין אופן

„דאָס פּינטעלע ייד", — כמעט ווי אַן אָרטאָדאָקס. אַזאַ שוואַר־צעטומלטע אומקאָנסעקווענץ האָט זיך ביים אַלטן דעזאָריענטירטן מענדעלע שוין גאַנץ אָפט געטראָפן.

אָבער וואו ס'קומט צו רייד וועגן טעמעס פון השכלה, וועקט זיך אין אים אויף דער אַלטער קעמפער, און ער איז דאָ אימשטאַנד צו זאָגן אַזעלכע ווערטער, וואָס אַנטשפּרעכן דורכאויס צו זיין אַמאָליקן פאָרשריטלעכסטן שטאַנדפּונקט. דער אַלטער מענדעלע איז גערעכט געווען מיט זיין פאַרטיידיקן די בילדונגס־שטרעבונגען פון דער השכלה. פאַר זיך איז די דאָזיקע אויפקלערערישע אַגיטאַציע אין יענער צייט געווען אַ גרויסער פאָרשריטלעכער פאַקט, אפשר טאַקע דאָס סאַמע ערשטע און נייטיקסטע, פון וואָס סע האָט זיך דעמאָלט געדאַרפט אָנהייבן יעדע אַרבעט צווישן דער שטעטלדיקער מאַסע, וועלכע איז דעמאָלט געווען זייער אָפּגעשטאַנען.

דערביי אָבער טאָר מען ביי דער אָפּשאַצונג פון דער השכלה פאַרט ניט פאַרגעסן, אַז איר טעטיקייט איז פאָרגעקומען אין אַ סביבה, וואָס האָט בשום־אופן ניט עקזיסטירט אַלס אַ זעלבשטענדיקע, אַן אָפּגעריסענע פון די אַל־געמיינע פאַרהעלטענישן אינעם לאַנד. ווי ספּעציפיש די דאָזיקע סביבה האָט ניט געזאָלט זיין, איז אָבער פאָרט גאָר ניט אַזוי שווער געווען צו באַמערקן, אַז די לאַגע פון די פויערים, למשל, איז געוויס ניט געווען קיין בעסערע ווי די לאַגע פון די שטעטלדיקע מאַסן, און פאָרט זיינען די בעסטע פירערס און וואָרטזאָגערס פון פויערטום געגאַנגען אַ סך, אַ סך ווייטער, ווי בלויז ביז צו אויפקלערערישער קולטור־אַגיטאַציע. אַוודאי האָבן זיי אויך געקעמפט פאַר דער קולטורעלער דערציאונג פונעם פאָלק. זיי האָבן אָבער גלייכצייטיק באַ־וואוסטזיניק, אַנטשלאָסן און דירעקט געקעמפט קעגן דער צאַרישער זעלבסט־הערשונג, קעגן די פעאָדאַלע פּריווילעגיעס, קעגן דער גאַנצער לייב־אייגנ־טימערישער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג.

3

זייט די 80ער יאָרן ווערן בוילעטער די שוואַכע זייטן און די געוויסע שטריכן פון באַגרענעצטקייט אין מענדעלעס אָנשויאונגען. זייט די 80ער יאָרן, ווען מענדעלע ווערט אַנטוישט אין זיין האָפענונג אויף די גליקן פון דער נייער בירגערלעכער אַנטוויקלונג פאַר דער שטעטלדיקער מאַסע, וואָס איז פונעם וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם נאָך מער פאַראָרעמט געוואָרן, פאַרקערעוועט מענדעלע אויף צוריק. ער זאָגט זיך אויך דעמאָלט ניט דורכאויס אָפּ פון אומ־קלאָרע האָפענונגען אויף עפּעס אַזוינס ווי אַ דעמאָקראַטיש־קליינבירגערלעכע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. אָבער די דאָזיקע האָפענונגען האָבן שוין אַ שווערן ריס, זיי זיינען געבראָכן. ס'הייבן זיך אָן אָפּרופן טענער פון יאוש און

סקעפּסיס. קוקט ער זיך שוין אַמאָל אום צוריק אין דער פאַרגאַנגענהייט: אפשר איז פאָרט טאַקע גאָר אַמאָליקע יאָרן גאָר ניט געווען אַזוי שלעכט? ער הייבט אָן בענקען נאָך יענע אַלטע צייטן און צומאָל זיי צו אידעאַליזירן, אָפּט אינאיינעם מיט די גבירים, מיט די קלויז־יידן (אברהם אין „ווינטש־פינגערל“), מיט די בעל־טאַקסעס (אין „פּריזיוו“) א. אַז. וו.

פאַרן אויפקלערער איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ער זעט ניט די ווידער־שפּרוכן, וואָס זיינען אייגנטימלעך פאַר דער נייער (בירגערלעכער) געזעל־שאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וואָס האַלט זיך אין פאַרמירן. אין זיין קאַמף קעגן דער פעאָדאַלישער אָרדענונג איז ער פול מיט האָפּערדיקייט און מיט גלויבן אין דער נייער אָרדענונג. דעריבער זעען מיר ביים אויפקלערער אַלס גרונט־שטימונג אַ היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכן אָפּטימיזם. דער דאָזיקער אָפּטימיזם איז צו זיין צייט אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג. און מיר זעען טאַקע, אַז אויך מענדעלע איז אין זיין מער־אויפקלערערישן פּעריאָד (1864—1879) — טראָץ זיין שאַרפער געזעלשאַפט־קריטיק און ניט געקוקט אויף איינצלנע פּעסי־מיסטישע טענער — אין זיין גרונט־שטימונג אָפּטימיסטיש.

דער פּאָלקיסט פילט שוין קלאָרער די ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אָרדענונג, עס דריקט אויף אים אַ פאַרגעפיל פון זייער אומלייזבאַר־קייט. ער האָט מורא פאַר דער דאָזיקער אומפאַרמיידלעכער אַנטוויקלונג. ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּאָלקיסט, אַז ער פּרוּווט דעמאָלט צו פירן די טאַקטיק פונעם שטרויס־פויגל, ער פּרוּווט דעמאָלט לייקענען די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, ער באַמיט זיך צו אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט צו דער פאַרגאַנגענהייט. אַלס רעזולטאַט דערפון זעען מיר ביים פּאָלקיסט אַלס גרונט־שטימונג אַ היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכן פּעסימיזם. דער דאָזיקער פּעסימיזם איז אָן ספק אַ רעאַקציאָנערע דערשיינונג. און דאָ ליגט דער צוזאַמענהאַנג פאַר דעם פאַקט, וואָס די צום טייל פּאָלקיסטיש (עפּיגאָניש־פּאָלקיסטיש) באַפאַרבטע אַנשויאונגען מענדעלעס זייט די 80ער יאָרן און שפּעטער זיינען, טראָץ דעם געמיטלעכן עפּישן טאָן אין זיין שאַפן, גאַנץ אָפּט אין דער גרונט־שטימונג פּעסימיסטיש.

אַלס רעזולטאַט דערפון זעען מיר, אַז מענדעלע איז אין זיין שאַפן ביז די 80ער יאָרן „ניכטער“, רעאַליסטיש, קוקט גראָד פריי און מוטיק אויף דער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט. אָבער אין זיין שפּעטערדיקן פּעריאָד — פון מאָל צו מאָל אויך דורך ראָמאַנטישע ברילן. זיין קוק ווענדט זיך דעמאָלט גאַנץ אָפּט בענקענדיק אויף צוריק, אין דער פאַרגאַנגענהייט.

אַקעגן די ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג זיינען מענדעלעס אַנשויאונגען הילפלאָז. מענדעלע ווערט צעטומלט און לאָזט אַ

פאַרלוירענער אַראָפּ די הענט. ער ווענדט זיך ווידער און ווידער צו די אַמאָליקע בילדער, וואו ער איז באַהאַוונט אין אַלע מינדסטע דעטאַלן און וואו ס'איז אים געווען קלאָר די לייזונג פון אַלע ווידערשפּרוכן. מענדעלע ווערט מיט דער צייט פאַרגליווערט אינעם אָפּשפּיגלען דעם איבערגאַנג פון איין עפּאָכע צו דער אַנדערער (פון דער פעאָדאַלישער צו דער קאַפּיטאַליסטישער). און ביי דעם פונקט בלייבט ער שטיין. ער און זיין שאַפן הייבן פון דענסטמאָל אָן ווערן אַ סימבאָל און רעליקוויע פון דעם דאָזיקן איבערגאַנג. אַפילו זיין געזעלשאַפט־קריטיק ווענדט זיך שוין איצט געווינלעך קעגן געזעלשאַפטלעכע פאַקטן פון אַמאָל און ניט פון איצט. זי ווערט אין אַ געוויסער מאָס „ראָמאַנטיש“. סע דערגייט דערצו, אַז דער באַקעמפער פון טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער הייבט צומאָל אָן דעם דאָזיקן זעלבן לעבנס־שטייגער צו אידעאַליזירן, כאָטש מע דאַרף פעסטשטעלן, אַז שטענדיק און ביז צום סאַמע סוף פון זיין לעבן קערט זיך זיין דענקען ווידער און ווידער אום צו זיין אויפקלערערישער פאַרגאַנגענהייט, צום אויפקלערערישן אופן זען און צו באַנעמען געזעלשאַפט־לעכע פאַקטן.

מענדעלע האָט זייט די 80ער יאָרן אין אַלגעמיין אויפגעהערט זיך אָפּ־צורופן אויף די אַקטועלע צייט־פראַגעס, ער באַרירט ניט מער — אַ חוץ אויסנאַמעס און אויף אַ וויניק־קאָנסעקווענטן שטייגער — די טעמעס פון דער צייט. ער באַמיט זיך געווינלעך זיי צו פאַרענטפערן מיט זיין קינסטלערישן אָנווייז אויף דער פאַרגאַנגענהייט.

מענדעלע אַנטוויקלט און פאַרברייטערט זייט דעמאָלט זיינע אַלטע אידייען, טעמעס און מאָטיוון, ער פאַרפולקומט און שלייפט אויס די פאָרם פון זיינע ווערק מיט געניטער אַלטמייסטערישער רייפקייט. דאָס דערגייט דעמאָלט ביי אים אין איינצלנע פאַלן ביז צו צעשלייפן און אָפּשלייפן די האַרטע קאַנטן, וואָס האָבן אַמאָל זיין שאַפן געגעבן די כאַראַקטעריסטישע קאָנטורן פון זיין געזעלשאַפטלעכער פיזיאָנאָמיע. אין תוך טראָגט שוין מענדעלעס שאַפן זייט די 80ער יאָרן אַ מעמואַריסטישן גרונט־טאָן.

4

ווי געזאָגט: אין מענדעלעס טעאָרעטישע אַרויסזאָגונגען, אין זיינע באַ־וואוסטזיניקע געזעלשאַפטלעכע אָנשויאונגען וועלן מיר ניט געפינען די קאָנסעקווענץ און אַנטשיידנקייט, וואָס ביי די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן אין די 60ער יאָרן. זיינע אָנשויאונגען זיינען געווען הינטערשטעליקער. זיין פּאָזיטיווע פּראָגראַם האָט זיך קאָנצענטרירט דער עיקר אויף די שטרעבונגען פון פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די פאָלקס־מאַסן. דעריבער האָבן אַפילו אין

דעם דאָזיקן וויכטיקסטן פּונקט פון זיין פּאָזיטיווער פּראָגראַם ניט געפעלט כלערליי באַלעבעסלדיקע צומישן.

אָבער אַ וואונדערלעכע זאַך. ווי נאָר מענדעלע הייבט אָן צו מאָלן, צו שילדערן, רייסט תיכף אויף דיווירקלעכקייט, וואָס ער מאָלט אַזוי טיף אמתדיק, אַלע זיינע פּראָגראַמען. די בילדער, וואָס ער מאָלט, רייסן אויף די גרענעץ פון זיינע אָנשויאונגען, גייען אַ סך, אַ סך ווייטער. מענדעלע האָט ניט געהאַט קיין קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן דעם, וואָס קאָן אַרויספירן די פאָלקס־מאַסן פון זייער שרעקלעכער לאַגע. אָבער וועגן זייער לאַגע גופא האָט ער געהאַט אַ וואונדערלעך קלאָרע און ניכטערע פאָרשטעלונג. האָט ער מעכטיק געווירקט דורך דער שילדערונג פון דער דאָזיקער לאַגע. אין זיין וועלט־אָנשויאונג זיינען געווען אויך אַזעלכע עלעמענטן, וואָס האָבן ניט געפירט אויף פאָראויס. אָבער אין זיינע בעסטע ווערק זיינען זיי באַזיגט געוואָרן דורך זיין שטרעבן צום אמת, צום רעאַליזם, טאַקע אַלס רעזולטאַט פון זיין ליבע צו די פאָלקס־מאַסן. אויב, למשל, זיין קעמפערישקייט קעגן דער רעליגיע איז ווייט ניט געווען קיין קאָנסעקווענטע, אַנטהאַלטן אָבער די אמתדיקע בילדער, וואָס ער גיט פון עם אָפּגעשטאַנענעם רעליגיעזן שטייגער, רייכן אויפרייס־שטאָף קעגן קלערי־קאַליזם בכלל. מענדעלע האָט ניט געגוג קלאָר געזען, אַז אָן אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן דעם זעלבסטהערשעריש־פעאָדאַלישן רעזשים איז ניט מעגלעך אויסצופירן אויף אָן אמתן אפילו די קולטור־טרעגערישע פּראָגראַם. ער האָט ניט דערפירט זיין געזעלשאַפט־קריטיק ביז צום דייטלעך־אויסגעשפּראָכענעם קאַמף קעגן דער פּאָליטישער אָרדענונג. אָבער די בילדער, וואָס ער גיט פון דער נויט און דער פיין פון די מאַסן, אַנטהאַלטן אין זיך שאַרפסטע אַרויס־טרעטונגען קעגן דעם הערשנדיקן מלוכהשן און סאָציאַלן רעזשים. די בילדער, וואָס ער האָט געשאַפן, רייסן זיך אַרויס פון די ענגע רעמלעך פון זיינע געזעל־שאַפטלעכע אָנשויאונגען און וואַקסן אויס צו אַ שאַרפער אָנקלאָג אויף דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג אין צאַרישן רוסלאַנד.

מענדעלעס גרויסע ליבע צו די פאָלקס־מאַסן, זיין טיף פילן זייער ביטערע לאַגע, זיין אויפריכטיק שטרעבן זיך צו דערגראָבן אין זיין שילדערונג ביז צו דער אמתער ווירקלעכקייט, צו שילדערן די לאַגע פון די מאַסן אַזוי ווי זי איז, זיין ליידנשאַפטלעכע שטרעבונג טאַקע דורך דעם צו העלפן די דאָזיקע פאָלקס־מאַסן — אָט דאָס איז עס געווען, וואָס עס האָט אים געהאָלפן באַזיגן די מאָמענטן פון באַגרענעצטקייט אין זיינע אָנשויאונגען. אָט דאָס איז עס, וואָס סע גיט זיינע ווערק אַזאַ טיפע אמתדיקייט, אַזאַ האַרצלעכע עכטקייט. אָט דאָס איז עס, וואָס סע מאַכט פון זיינע בעסטע ווערק אָן אמתדיקן שפּיגל פון זיין צייט, און ניט בלויז פון דער פאָראומערטער סביבה, וואָס ער שילדערט, נאָר אויך פון די בעסטע געזעלשאַפטלעכע שטרעבונגען אין זיין צייט. דאָס

איז עס, וואָס סע מאַכט אים אַזוי נאָענט צו די רוסישע אויפקלערער פון די 60ער יאָרן, צו די גרויסע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן. אָט דערפאַר געהערן זיינע מייסטערווערק צו יענע שאַפונגען, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן דעם קאַמף פון די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן קעגן דער פאַרקנעכטונג מצד דעם צאַרישן אַבסאָלוטיזם און פעאָדאַליזם. דעריבער געהער זיין שאַפן אויך צום בעסטן, וואָס איז צו יענער צייט אַנטשטאַנען אַלס גייסטיקע קאַמף־מיטלען קעגן דער מיטלאַלטערלעכער אָפּגעשטאַנענקייט אינעם לעבן און אין דער געזעלשאַפט.

מענדעלעס מייסטער־ווערק האָבן ניט בלויז סתם אַ געשיכטלעכן ווערט. זיי האָבן אַן אוממיטלבאַרן ווערט אויך פאַר אונדזער דערקענען די קעגנוואַרט. דער היינט איז ניט פלוצים אַראָפּגעפאַלן פון הימל. ווער סע ווייסט ניט, וואָס איז געווען נעכטן, קאָן אויך ניט, ווי ס׳קער צו זיין, באַנעמען, וואָס עס איז היינט. מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז אויב פאַר אונדז, אין אונדזער סאָציאַליסטישן היימלאַנד, זיינען די בילדער, וואָס מענדעלע מאָלט, ניט מער ווי אַ שווערער חלום פון וויטער פאַרגאַנגענהייט, זיינען זיי, אַשטייגער פאַר דער פילמיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע, רומעניע און אַנדערע לענדער, דורכאויס נאָך אַ ביטערע קעגנוואַרט. זיין קאַמף קעגן מיטלאַלטערלעכער פינצטערניש, קעגן דער אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע פון די פאָלקס־מאַסן איז נאָך היינט גוואַלדיק אַקטועל. די היינטיקע אונטערדריקערס און פאָלקס־אָפּנאַרערס האָבן שוין געביטן זייער היסטאָריש־סאָציאַלן מהות, צו־מאָל אויך די פאָרם פון זייער האַנדלען. אָבער דאָס איז עס דאָך, וואָס אין די דאָזיקע מענטשן איז פאַראַן גוואַלדיק אַ סך פון יענע בעל־טאַקסעס, תקיפים, קהלס־לייט און כלי־קודש, וואָס מענדעלע האָט זיי געמאָלט. מענ־דעלעס בייסיקער חוזק און שפּאָט, זיין קאַמף קעגן די דאָזיקע לייט, קאָן אונדז נאָך היינט אַ סך מיטהעלפן אין אונדזערע קאַמפן. מענדעלעס גרויסע ליבע צו די פאָלקס־מאַסן קאָן אונדז נאָך היינט לערנען, ווי אַזוי אַרויסצוברענגען אויף דער ליכטיקער שיין זייער גרויסע שעפערישע קראַפט.

VII. מענדעלע אין די זעכציקער יאָרן

1

אַ פּינקטלעכע פּעריאָדיזאַציע אין מענדעלעס שאַפן איז שווער דורכצופירן. מענדעלע האָט די אייגנטימלעכקייט, אַז ער קערט זיך אום צו זיינע עלטערע פּאַרטיקע ווערק און אַרבעט זיי מער אָדער ווייניקער איבער („האבות והבנים", 1868, איז אַן איבעראַרבעטונג פון „למדו היטב", 1862; „דאָס קליינע מענטשעלע", 1864—1879; „דאָס ווינטשפינגערל", 1866—1888 און שפּעטער; „פישקע דער קרומער", 1869—1888). מאַכט זיך, אַז אַ ווערק, וואָס ער האָט פאַרטראַכט און געשריבן אין אַ פריערדיקן פּעריאָד, רוקט זיך אַריין, אַלס באַדייטנדיק ניי־באַאַרבעטער און פאַרענדערטער וואַריאַנט, אין אַן אַנדערן פּעריאָד און סטאַרטשעט דאָרט אַרויס אינעם „קאָנטעקסט" פון די צייט־נאָענטע ווערק אומענלעך און אָפט אין סתירה צו זיי. פונעם פּעריאָד זייט 1864, אין וועלכן מענדעלעס אָריענטאַציע אויף די פאָלקס־מאַסן ווערט דייטלעכער און באַוואוסטזיניקער, סטאַרטשעט אַרויס די נייע איבעראַרבעטונג פון „למדו היטב", וואָס הייסט דערנאָך „האבות והבנים" און וואָס שטייט נאָך שטאַרק אונטער דער ווירקונג פון די עלטערע טראַדיציאָנעלע בירגערלעכע השכלה־אידייען. אין די 70ער יאָרן הייבן זיך אָן ביי אים אַרויסצובאַווייזן די באַשטימטע אַפּאָלאָגעטיש־רעליגיעזע טענדענצן („דאָס יידל", „זמירות", „פּרק שירה"), און פּלוצים קומט אין יאָר 1878 זיין „מסעות", וואָס שמייסט אַמשאַרפסטן פון אַלע ווערק מענדעלעס די מיטלאַלטערלעכע אָפּגעשטאַנענקייט אין דער יידישער סביבה, וואָס באַקעמפט אויפן סאַמע שלאַגקרעפטיקסטן אופן דעם „טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער", און אין 1879 דערשיינט די נייע גרויסע איבעראַרבעטונג פון זיין „דאָס קליינע מענטשעלע", אַ ווערק, מיט וועלכנס ערשטן וואַריאַנט ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער ראַדיקאַלער צייט־אָפּשניט אין זיין שאַפן (זייט 1864).

אינעם פּעריאָד זייט די 80ער יאָרן זעען מיר — נאָך די ירידה־שטימונגען אין „דער פּריזיוו" — פּלוצים נייע באַאַרבעטונגען, כמעט נייע ווערק, פון זיין אַמאָליקן „ווינטשפינגערל" (1888) און פון „פישקע" (1888). די אייגנאַרטיקע אומקאָנסעקווענץ, וואָס באַווייזט זיך אין די דאָזיקע זיגזאַגן, פאַרשוועריקט אַ פּינקטלעכע פּעריאָדיזאַציע פון מענדעלעס שאַפן לויטן סימן פון דער אידייאישער אַנטוויקלונג.

פון דער אַנדערער זייט, דערלויבט אים גראָד די דאָזיקע אומקאָנסעקווענץ אין זיינע אָנשויאונגען אויף אַ סתירותדיקן אופן אָפּצוהיטן אין די נייע איבער־

אַרבעטונגען, ניט געקוקט אויף באַשטימטע צוגאָבן און ענדערונגען לויט דער נייער איינשטעלונג, אויך די עלטערע שיכטונגען — לויט דער פריערדיקער איינשטעלונג.* באַקומט זיך טאַקע צומאָל אין זיינע נייע איבעראַרבעטונגען אַן אידעאָלאָגישע איבערפּאַרטייטשונג פון די פריערדיקע ווערק. אָבער נאָך אָפטער און געוויינלעך — אויך אַ קאָמענטאַר צו די געדאַנקען און אַ צעוויקלונג פון די בילדער, וואָס זיינען אין אַ פריערדיקן פעריאָד און לויט אַ פריערדיקער איינשטעלונג פאַרטראַכט געוואָרן.

די דאָזיקע אומקאָנסעקווענץ אין מענדעלעס וועלט־אַנשויאונג איז באַמערקט געוואָרן אַפילו פון די רעאַקציאָנערע שרייבער אין זיין צייט. בן־עמי דערקלערט: „ר' מענדעלע איז ניט קיין סיסטעמאַטישער שטרענג־לאָגישער דענקער. ער האָט אויך אפשר ניט קיין אָפּגעשטעלטע געניע וועלט־אַנשויאונגען. דענקען דענקט ער תמיד, און יעדע זאַך, וואָס ער זעט, וועקט אין אים תמיד אויף אַ געדאַנק, אַ באַמערקונג. ער לאָזט כמעט קיין איין זאַך ניט דורך אומבאַמערקט. אָבער די אַלע געדאַנקען שטייען זיך באַזונדער איינער פון דעם אַנדערן — זיי זיינען איינפאַלן, בליצן, און דעריבער זיינען זיי אָפט סותר (ווידערשפּרעכן — מ. וו.) איינער דעם אַנדערן.“ **

די סיבה, וואָס בן־עמי גיט אָן פאַר דער דאָזיקער אייגנאַרט, — דער אימפּרעסיאָניסטישער כאַראַקטער מענדעלעס — דערקלערט זייער ווייניק. די אמתע סיבה דאַרף מען זוכן אין דעם אייגנאַרטיקן מהות פון אַ שרייבער, וואָס אין זיין שאַפן קומען צום וואָרט די טענות פון די פּאַראַרעמטע און עקס־פּלואַטירטע שטעטלדיקע מאַסן אין אַ שווערן היסטאָרישן איבערגאַנג־פּעריאָד און וואָס זיין שטרעבן צום אמת, זיין ליבע צו די מאַסן, זיין גרויסער טאַלאַנט שטייען אין ווידערשפּרוך צו די אַנשויאונגען, וואָס האָבן זיך אין אים אויס־געבילדעט, האַלטן צווישן זיך אין איין שטרייטן און הייבן הויך אַרויס זיין קינסטלערישן דענקען איבער זיין באַוואוסטזיניקער וועלט־אַנשויאונג.

אָבער בן־עמיס פעסטשטעלונג פון די פאַקטן גופא איז ריכטיק. זי ווערט אויך באַשטעטיקט אין זכרונות פון דובנאָוו. די דאָזיקע נאַציאָנאַליסטישע אָנהענגער מענדעלעס וואָלט געוויס בעסער געלוינט צו מאַכן פון מענדעלען אַ קאָנסעקווענטן רעאַקציאָנער, ווען די פאַקטן סיי אינעם שאַפן, סיי אינעם לעבן מענדעלעס וואָלטן זיך ניט צו דייטלעך קעגן דעם אַרויסגעזאָגט.

די אומקאָנסעקווענטקייט פון מענדעלעס אַנשויאונגען פאַרלייכטערט, פון איין זייט, וויל זי דערלויבט מענדעלען ציען עלטערע, ראַדיקאַלערע ליניעס

---

* למשל, אין אַזאַ ווערק, ווי „דאָס ווינטשפינגערל“ (זייט 1888 און שפּעטער) און אַנדערע.

** בן-עמי, „מענדעלע שבעל-פּה“, „פּנקס“, ווילנע, 1913.

אינעם שפּעטערן פּעריאָד און, אַזוי־אַרום, אויסצוקלאָרן פּריערדיקע כוונות, און פון דער אַנדערער זייט פאַרשווּעריקט זי נאָך מער אַ פּינקטלעכע פּעריאָדיזאַציע.

2

מיר מוזן פעסטשטעלן, אַז אַפילו אינעם רעלאַטיוו קאָנסעקווענטן צייט־אָפּשניט פון זיין שאַפן, פון 1864—1869 („דאָס קליינע מענטשעלע", ערשטער וואַריאַנט, 1864—1865; „ווינטשפינגערל", ערשטער וואַריאַנט, 1866; „די טאַקסע" און „פישקע דער קרומער", ערשטער וואַריאַנט, 1869) באַגעגענען מיר ביי אים אויך אַזעלכע אַרויסזאָגונגען, וואָס אַנטיציפּירן אין אַ געוויסער מאָס באַשטימטע איינשטעלונגען זיינע פונעם פּעריאָד זייט די 80ער יאָרן (למשל: אין „האבות והבנים", 1868, באַטאָנט ער זיין קעגנערשאַפט סיי צו „איבעריקער פרומקייט" — „חסידות יתרה", און סיי צו גאָטלייקענונג — „כפירה", אויף אַן אַלצאיינעם אופן; אין זיין בראַשור „עין משפט", 1867, שטרייכט ער אונטער, אַז ער איז אויסן מיט זיין קריטיק בלויז די שטייגערישע טראַדיציע און ניט די רעליגיעזע, אַפּאָלאָגיזירט דעם תלמוד א. אַז. וו.). אין געוויסע איינצלנע פּרטים איז מענדעלע אַפילו אין דעם דאָזיקן פּעריאָד זיינעם געמעסיקטער, איידער אַ טייל פריערדיקע משכּילים, כאָטש אין אַנדערע וועזנטלעכע פּרטים איז ער אַ סך פאַרשריטלעכער.

מענדעלע איז זייט די 60ער יאָרן געווען און געבליבן אין תוך דער וואָרטזאָגער פון די יידישע פאַראָרעמטע און עקספּלואַטירטע שטעטלדיקע מאַסן אינעם איבערגאַנג־פּעריאָד פון פעאָדאַלישע צו קאַפּיטאַליסטישע געזעל־שאַפטלעכע פאָרמען. אַנטשפּרעכנדיק צו דעם דאָזיקן היסטאָרישן איבערגאַנג־כאַראַקטער בילדעט זיך אויס דאָס וואָרטפולסטע אין זיין וועלט־עמפינדן: די שנאה צום אַלטן פעאָדאַלישן שטייגער, צו דער פעאָדאַלישער גבירימשאַפט, צו די פעאָדאַלישע רעשטן, וואָס פאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פון דער געזעל־שאַפט. אַמדייטלעכסטן באַווייזט זיך מענדעלעס גרויסער טאַלאַנט דאָרט, וואו ער לייגט אין זיין שאַפן דעם טראָפּ אויפן נעגאַטיוויסטישן טייל אין די משכּילישע שטרעבונגען, אויפן צעשטערערישן, דאָרט, וואו זיין ליבע צום פאָלק קומט צום אויסדרוק אין קריטיק פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט. דאָרט אָבער, וואו ער קומט מיטן פּאָזיטיוון טייל פון די משכּילישע אידייען, ווייזן זיך פון אַנהייב אָן געוויסע שטריכן פון באַגרענעצטקייט. אין די דאָזיקע פאַלן צאָלט מענדעלע אָפּ ציינז צו די „פאַראורטיילן" פון זיין קליינבירגער־לעכער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער וועלט־אַנשויאונג.

די אידעאָלאָגישע פאַרשטייער פון די פויערים האָבן געשטרעבט צו דער באַפרייאונג פון לייב־אייגנטום, פון זיינע רעשטן און פון די פאַרשקלאַפנדיקע

פּריצישע פּאַרטלען. די דאָזיקע שטרעבונגען האָבן לויט זייער טבע אין זיך געהאַט אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן כוח, ווייל זיי האָבן אָנגערירט ביז צום ביין די גרונט-זיילן פונעם זעלבסטהערשערישן גוטבאַזיצערישן רעזשים. די אויס־פירונג פון די פאָדערונגען האָט געהאַט אַלס פּאַר־הנחה די צעשמעטערונג פון זעלבסטהערשאַפט, פון אַלע רעשטן לייב־אייגנטימערישקייט. די אידעאָלאָגישע קעמפער פון פויערטום זיינען געווען פאַרשריטלעכער און שטאַנדהאַפטיקער אין זייער אויפריכטיקייט, איידער די וואָרטזאָגער פון די שטעטלדיקע מאַסן, וואָס זיינען באַשטאַנען ניט בלויז פון פאַרשיידנערליי אַרבעטנדיקע שיכטן, נאָר צום גרויסן טייל אויך פון פּאַופּעריזירטע קליין־קרעמער, דע־קלאַסירטע און לופט־מענטשן א. אַז. וו.,. און וואָס דער תוך פון זייערע פּאָזי־טיווע סאָציאַלע פאָדערונגען האָט זיך דעמאָלט קאָנצענטרירט אין דער ביר־גערלעכער פאָרמולירונג: „עמאַנסיפּאַציע", אין דער פאָדערונג צו באַקומען אַ שטיקל חלק פון דער בירגערלעכער אַנטוויקלונג.

מענדעלע האָט אָבער אין זיך אויפגענומען אויסגעצייכנטע ווירקונגען פון דער פּראָגרעסיווער רוסישער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג אין זיין צייט, פון דער מערב־אייראָפּייאישער דעמאָקראַטישער אידייען־וועלט. ער האָט פאַר־מאָגט זייער אַ באַדייטנדיקע ערודיציע, ער האָט זיך אָנגעאייגנט פונעם בעסטן און שענסטן אין דער יידישער קולטור־טראַדיציע. זיין ליידנשאַפטלעך שטרעבן צום געזעלשאַפטלעכן אמת, זיין גרויסער טאַלאַנט האָבן אים אין זיינע בעסטע שאַפונגס־מאָמענטן אַרויסגעהויבן ביז צו דער הייך פון די בעסטע דערגרייכונ־גען אין דער שעפערישקייט פון זיין צייט.

דאָס איז דער באָדן פון די אידעאָלאָגישע ווידערשפּרוכן אין מענדעלעס שאַפן. פונדאַנען נעמען זיך די זיגזאַגן אין זיינע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אָנשויאונגען. דאָס אַלץ פאַרשוועריקט דורכצופירן אַ פּינקטלעכע פּעריאָדי־זאַציע אין מענדעלעס שאַפונג. דאָס באַטייט אָבער ניט, אַז מיר קאָנען ניט אָנצייכענען קיין קאָנטורן פון זיין אַנטוויקלונג.

אין אַלגעמיין דאַרפן פעסטגעשטעלט ווערן דריי הויפּט־פּעריאָדן אין מענדעלעס אַנטוויקלונג:

דער ערשטער פּעריאָד: פון זיינע אָנהייבן אָן אין די 50ער יאָרן ביז צום יאָר 1864.

דער צווייטער פּעריאָד: פונעם יאָר 1864 („דאָס קליינע מענטשעלע") ביז צום סוף פון די 70ער יאָרן.

דער דריטער פּעריאָד: זייט די 80ער יאָרן ביזן סוף פון זיין לעבן.

3

אינעם ערשטן פעריאָד, ד. ה. ביז צום יאָר 1864, זיינען פון מענדעלען דערשינען אויסשליסלעך העברייאיש־געשריבענע ווערק. מענדעלע שטייט דעמאָלט זייער שטאַרק אונטער דער ווירקונג פון דער טראַדיציאָנעלער בירגערלעכער השכלה, אָבער פון אַן עפּיגאָנישער השכלה און אַן אָפּגעריסענער פון דער ווירקלעכקייט. קעגן דער דאָזיקער אָפּגעריסנקייט פונעם אַקטועלן געזעלשאַפטלעכן לעבן איז דאָס קאָונער אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטן. די פּאָזיטיווע אידעאַל־געשטאַלט, וואָס מענדעלע שטעלט דעמאָלט אויף אין „למדו היטב“—„האבות והבנים“ (זי בלייבט דאַן שוין אויף שטענדיק אויך אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק), איז אַנטשפּרעכנדיק צו דער משכּילישער טראַדיציע, — דער אָרעמער, אַזוי צו זאָגן „ראַזנאָטשינישער“ אינטעליגענט. טראַדיציאָנעל משכּילישע, אָבער איינגעהאַלטענע קריטיק פונעם חסידישן קלעריקאַליזם, פון צבועקישקייט, פון קהלשע מיסברויכן, פון אומגעבילדעטקייט א. אַז. וו. פון איין זייט, און בילדונג־פּראָפּאַגאַנדע פון דער אַנדערער זייט — דאָס זיינען די אידייאישע הויפּט־שטריכן פון מענדעלעס ערשטן פעריאָד. בילדונג און די נאַטורוויסנשאַפטן זיינען דאָס „ווינטשפינגערל“, פון וועלכן מע קאָן באַקומען אַלץ, וואָס מע קאָן זיך נאָר ווינטשן, דאָס הויפּט־מיטל קעגן אַלע געזעלשאַפטלעכע נויטן.

דאָס דאָזיקע אונטערשטרייכן די ראָל פון דער וויסנשאַפט פאַר דער וואויל־איינאָרדענונג פון דער געזעלשאַפט האָט באַטייט, אַז מע מוז באַוואָפּענען דאָס באַוואוסטזיין פון די מאַסן קעגן דער פעאָדאַלישער אָפּגעשטאַנענקייט.

מיר זעען אין דעם פּרט אַ געוויסע אַנאַלאָגיע צום גערדאַנקענגאַנג פּיסאַרעווס נאָכן יאָר 1862. אויב מענדעלע האַלט אין דעם דאָזיקן ערשטן פעריאָד זיינעם, אַז אַלדאָס בייז אין דער געזעלשאַפט קומט פונעם ניט־גענוגנדיקן ניוואָ פון מענטשעלכן וויסן, הערן מיר דעריין אַן אָפּהילך פון פּיסאַרעווס מיינונגען: „דאָס וויסן איז דער שליסל צו דער ליזונג פון געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבעס“ (פּיסאַרעוו). ווי ביי פּיסאַרעוון, איז אויך ביי מענדעלען דעמאָלט די וויסנשאַפט און איר פאַרשפּרייטונג דער אָנהייב און דער סוף פון זיין געזעלשאַפטלעכער פּראָגראַם. פּראָפּאַגירט טאַקע מענדעלע די נאַטורוויסנשאַפט סיי אין אַרטיקלען, סיי אין קאָמפּילאַטיווע ווערק („תולדות הטבע“ טייל 1, 1862, טייל 2, 1867, טייל 3, 1872) און סיי אין זיינע בעלעטריסטישע ווערק („למדו היטב“, 1862, „האבות והבנים“, 1868, „דאָס ווינטשפינגערל“, 1866 א. אַז. וו.). די ענלעכקייט מיט פּיסאַרעוון איז ניט קיין צופאַל. אָן ספק וועט אַ גענויערע אויספאָרשונג אין דעם פּרט, ווי אין אַנדערע, קאָנען פעסטשטעלן אויך אַ דירעקטע ווירקונג פּיסאַרעווס אויף מענדעלעס אָנשויאונגען. שוין איצט קאָן

מען מיט באַשטימטקייט זאָגן, אַז געוויסע אַנשוואונגען פונעם פּאָזיטיוויסט קאָנט און פונעם ענגלישן קולטור־היסטאָריקער באַקל, וואָס זיינען דעמאָלט אין רוסישע אינטעליגענץ־קרייזן פּאָפּולער געווען, האָבן אויף מענדעלען, דירעקט אָדער אומדירעקט (דורך דער פאַרמיטלונג פון דער רוסישער פּובּליציסטיק, דורך פּיסאַרעוון א. אַז. וו.), געהאַט אַ ווירקונג.

אונטער דעם איינדרוק פונעם שאַרפן עקאָנאָמישן קריזיס אָנהייב 60ער יאָרן, און באַזונדערס פון זיינע רעזולטאַטן פאַר די שטעטלדיקע מאַסן, קומט ביי מענדעלען אויף אַ הייסער אינטערעס פאַר די פּאַראַרעמטע שיכטן אין שטעטל און שטאָט. אין יאָר 1863 האָט מענדעלע געגרינדעט אַ פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט אויף צו ברענגען הילף די קרבנות פונעם קריזיס, די פאַראָרעמטע און דעקלאַסירטע אין בערדיטשעוו, אונטערן נאָמען „משכיל אל דל". דער דאָזיקער נאָמען האָט אַ באַדייט פון אַ לאָזונג. „משכיל אל דל" איז אויף אַ משכיליש־מליצהדיקן אופן צווייַדייטיק. דער איינער באַדייט איז: „פאַר־שטענדעניש פאַרן אָרעמאַן"; דער צווייטער טייטש איז: „דער משכיל — צום אָרעמאַן!" דאָ קומט צום אויסדרוק דער קער פונעם אינטעליגענט צום פאָלק, צו דער מאַסע, וואָס ער פלעג אַמאָל פאַרקערפערן אינעם באַגריף „אָרעמאַן". זיין פילאַנטראָפּישע טעטיקייט ברענגט מענדעלען אַריין אין קאָנפליקטן מיט די גביריש־תקיפישע רעדלפירער פון דער שטאָט, פאַרשאַרפט מיט דער צייט אַלץ מער זיין קעגנערשאַפט צו די דאָזיקע מיטלאַלטערלעכע עקספּלואַטאַטאָרס, און עס דערגייט לסוף ביז צו אָפענע און בייזע ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען. צו דעם צוועק איז נייטיק געווען, ער זאָל אָנהייבן צו שרייבן אויף דער שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן, ער זאָל אָנהייבן צו שרייבן אויף יידיש.

4

אין די יאָרן פאַר און נאָך דער פויערישער „רעפאָרם" האָבן באַשטימטע רעכטלעכע פאַרגרינגערונגען פאַר די יידישע בורזשואַ און געוויסע אוממיטל־באַרע רעזולטאַטן פון דער רעפאָרם פאַר דער עקאָנאָמיק פונעם לאַנד גע־ווירקט אויפמונטערנדיק אויך אויף דעם פּראָגרעסיוון טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ. עס האָט זיך געהויבן זייער געזעלשאַפטלעכע שטימונג. זיי האָבן דעם דאָזיקן פעריאָד געהאַלטן פאַר אַ „וועסנע־צייט פון יידישן לעבן".

אין פאַרבינדונג מיט דער פויערישער „רעפאָרם" איז אין די קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ און אין ברייטערע קרייזן פונעם פאָלק אויפ־געקומען די האָפענונג אויך אויף רעפאָרמעס אין דער יידן־פראַגע. וועגן יענער צייט שרייבט דאָס מענדעלע אין יאָר 1888 זיינע ליריש־עלעגישע רעמיניסצענצן (צו מ. מאַרגוליסן אין זיין ווידמונג פון „פישקע דער קרומער"):

„...מיר ביידע, טייערער פריינט, האָבן אָנגעהויבן אונדזער אַרבעט אין דער יידישער ליטעראַטור פונקט אין דער וועסנע־צייט פונעם יידישן לעבן דאָ ביי אונדז אין לאַנד. פונעם זעכציקסטן יאָר אין אונדזער צייט הייבט זיך פאַר יידן אָן גאָר אַ ניי לעבן — אַ לעבן שוין מיט אַ גרינגער געמיט, פול מיט גוטע האָפענונגען אויף שפעטער. דענסטמאָל זיינען מיר געווען ביידע נאָך זייער יונג און האָבן מיט אַ ברען זיך אַ נעם געטאָן צו דער פען, געאַרבעט געשמאַק, איטלעכער אויף זיין גאַנג...“

די געהויבענע שטימונג אין די פּראָגרעסיווע קרייזן אין די יאָרן צווישן דעם פאַלן פון סעוואַסטאָפּאָל ביז צו דער פאַרעפנטלעכונג פון די פויערשע רעפאָרמעס האָט זיך אויך אויסגעדריקט אינעם שטרעבן צו באַפרייען די פּער־זענלעכקייט און דעם שטייגער פון כלערליי פּענטעס, אין דער קריטישער באַציאונג צו אַלע פאַרקריפּלענדיקע רעזולטאַטן פון דער פעאָדאַלישער אָרדע־נונג. פון דעם דאָזיקן שטרעבן איז געבוירן געוואָרן די אַזוי־גערופענע „דעמאָסקירנדיקע ליטעראַטור“. די ברויזנלעך פרייהייט, וואָס דער צאַריזם האָט אויף אַ ווײַלע, געצוואונגען פון די אומשטענדן, צוגעוואָרפן דער אויפ־געברויזטער געזעלשאַפט, כדי זי דערנאָך ווידער קרעפטיק צו אונטערדריקן, האָבן אויך אין דער יידישער סביבה אויפגערודערט די געמיטער און געשאַפן אילוזיעס, וואָס האָבן זיך דאָ לענגער געהאַלטן, איידער אין די פאָרשריט־לעכסטע קרייזן פון דער רוסישער געזעלשאַפטלעכקייט.

אָט ווי־אַזוי עס שילדערט דעם דאָזיקן פּעריאָד אַ פאָרשריטלעכער דעמאָ־קראַטישער פובליציסט פון די 60ער יאָרן, אַ מיטאַרבעטער פון טשערנישעוו־סקיס און דאָבראָליובאָווס זשורנאַל „סאָוורעמעניק“ — מ. אַנטאָנאָוויטש:

„אין דער העלפט 50ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, נאָכן טויט פון צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן, און נאָכדעם ווי אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז אַרויף אויפן טראָן און האָט געשלאָסן שלום נאָך דער קרימער קאַמפּאַניע... האָבן זיך באַוויזן דייטלעכע סימנים, אַז עס הייבט זיך אָן אַ פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער פרילינג. אויפן פראָסט, וואָס האָט ביז דעמאָלט געהערשט, האָט אַ בלאָז געטאָן מיט וואַרעמקייט; אין דער דושנער און שטיקנדיקער אַטמאָספער האָט זיך דערפילט אַ פריש ווינטל...“ „ס׳האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט אָנגעהויבן צו טייען דאָס אייז, וואָס האָט ביז דעמאָלט געפּענטעט יעדע גייסטיקע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג...“ „לויט אַלע סימנים האָט, אַפּנים, אָנגעהויבן אויפצוגיין דער מאָרגנשטערן פון אמתדיקער פרייהייט. ביי אַזאַ פרילינגדיקער וואַרעמקייט און שיין האָט זיך די רוסישע געזעל־שאַפטלעכקייט אויפגעכאַפּט פון אַ לאַנגן דרעמל, האָט צעעפנט די אויגן און האָט דערזען אַ סך אַזעלכעס, וואָס זי האָט פריער ניט באַמערקט, און דעריבער

איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ באַגייסטערטער שטימונג און האָט זיך איבערגעגעבן צו די סאַמע פריילעכסטע האָפענונגען, צו די סאַמע באַצויבערנדיקע און זיסע חלומות. אַ גרונט דערצו האָט זי געזען, צווישן אַנדערע זאַכן, אויך אין אַזעלכע סימפּטאָמען.

„תיכּף נאָכן שלום־אָפּמאַך זיינען די פריער־איינפלוסרייכע און אַפילו אַל־מעכטיקע פירער פון דער אינערן־ און אויסערן־פּאָליטיק אָראָפּגענומען גע־וואָרן פון זייערע פּאָסטנס, און מע האָט זיי פאַרביטן דורך מענטשן, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַן אַנדערן, נייעם גייסט. — אַזוי איז געווען איבערצייגט די דעמאָלטיקע געזעלשאַפטלעכקייט. ס'האָט זיך פאַרשפּרייט ניט קיין אָפיציעלער, אָבער אַן איינגעשפּאַרטער קלאַנג, אַז ס'איז אָנגענומען גע־וואָרן אַ באַשלוס צו באַפרייען די לייב־אייגענע פּויערים, און אַז אויפן אָננעמען דעם דאָזיקן באַשלוס האָבן כלומרשט געווירקט ביים שלום־שליסן אונדזערע דעמאָלטיקע מלוכהשע קעגנער און איצטיקע פאַרבינדעטע. ס'איז אויך זייער פאַרשפּרייט געווען די איבערצייגונג, אַז רוסלאַנד וועט אויך אין דער אויסער־לעכער פּאָליטיק מער ניט מיטהעלפן די רעאַקציאָנערע און לעגיטימיסטישע שטרעבונגען אין די מערב־אייראָפּייאישע מלוכות און וועט זיך אָפּזאָגן פון דעם קנאַפּן כבוד צו זיין דער אַלאייראָפּייאישער זשאַנדאַרם.

„און אַזוי באַלד ס'איז טאַקע פּראָקלאַמירט געוואָרן די באַפרייאונג פון די לייב־אייגענע, איז שוין ביי קיינעם ניט געבליבן קיין ספק, אַז די באַפריי־אונגס־באַוועגונג האָט זיך שוין טאַקע אויף אַן אמתן אָנגעהויבן, אַז נאָך דער דאָזיקער באַפרייאונג פון די פּויערים וועט קומען די באַפרייאונג פון אַלצדינג, וואָס איז ביז איצט געווען אומפריי, פאַרשקלאַפּט. אַלע האָבן שטילערהייט געהאָפט, אַז אין אַ מער ווייניקער ניט־ווייטער צוקונפט וועט סוף־כּל־סוף געקרוינט ווערן דאָס נייע געביי פונעם רוסישן פּראָגרעס, און אין רוסלאַנד וועט סוף־כּל־סוף אָנהייבן הערשן אַ רעכטלעכע אָרדענונג. דער דאָזיקער טערמין („רעכטלעכע אָרדענונג") איז צו יענער צייט געווען דער סינאָנים פון „קאָנסטיטוציע"; אָבער דאָס דאָזיקע וואָרט איז דעמאָלט געווען אַ מורא צו באַנוצן סיי אין אינטימע געשפּרעכן און אַפילו בלויז נאָר אין געדאַנק."

די דעמאָלטיקע פּראָגרעסיווע ליטעראַטן זיינען אויך געווען דורכגענומען מיט פּונקט אַזעלכע הייסע האָפענונגען און טרוימען, ווי די גאַנצע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכקייט. זיי זיינען פולשטענדיק געווען איבערצייגט, אַז נאָך דער „באַפרייאונג פון די לייב־אייגענע וועט תיכּף קומען אויך די באַפרייאונג פון דער פּרעסע". אַפילו אַזעלכע שאַרפזעענדיקע רעוואָלוציאָנערע שרייבער ווי טשערנישעווסקי און דאָבראָליובאָוו האָבן זיך געלאָזט אויף אַ קורצער ווײַלע מיטציען פון דעם דאָזיקן אָפּטימיזם — אמת, טאַקע נאָר אויף אַ גאָר קורצער ווײַלע, און זייער גיך האָבן זיי זיך מיט אימפּעט גענומען באַקעמפן די דאָזיקע

געפערלעכע אָפּטימיסטישע אילוזיעס. אָבער ברייטערע קרייזן פון דער פּראָ־גרעסיווער געזעלשאַפטלעכקייט האָבן ניט אַזוי גיך אויפגעהערט צו גלייבן אין דעם דאָזיקן „פרילינג“. די פּובליציסטן פון יענער צייט האָבן זיך באַ־גייסטערט מיט דער כלומרשטער פרייהייט פון דער פּרעסע און אירע דרייסטע דעמאַסקירונגען. „מיט צופרידנקייט האָבן זיי אָנגעוויזן אויף די דערפרייענ־דיקע פּראָגרעסיווע דערשיינונגען אויך אין אַנדערע געביטן פון רוסישן לעבן, ווי, למשל, אויף דער בויאונג פון אייזנבאַנען, אויף דער אַנטשטייאונג פון פאַר־שיידענע אַקציען־געזעלשאַפטן, פון דאַמשיף־ און אַנדערע געזעלשאַפטן, פון פּריוואַטע בענק, אויף דעם פּראָטעסט, וואָס ס'האָט זיך אָנגעהויבן צו הערן קעגן דעם בראָנפן־אָטקופּ אַפילו מצד די בראָנפן־אָטקופּשטשיקעס גופא. אָנ־ווייזנדיק אויף די דאָזיקע פאַקטן, האָבן זיך די פּובליציסטן באַגייסטערט און זיי געהויבן אין הימל אַריין, זיי אַרויסגעשטעלט אַלס כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער דעמאָלטיקער הערלעכער צייט...“ „מיט דער צייט האָט זיך אויסגעאַרבעט די געוואוינטקייט גאָר שטאַרק צו לויבן „די איצטיקע צייט“. ביי יעדער געלעגנהייט, ווען וואָס אַזאַ פריידיקער פּובליציסט האָט ניט גע־זאָלט רעדן, האָט ער שטענדיק אָנגעהויבן זיין רעדע מיט אַ לויב דער „איצ־טיקער צייט“.*

אין דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער ווערט מענדעלע אייגנט־לעך ערשט געבוירן אַלס שרייבער, אַלס איינער פון די אויסגעצייכנטע פאַר־שטייער פון דער „דעמאַסקירנדיקער ליטעראַטור“, וואָס ניט געקוקט אויף די טונקעלע פאַרבן, מיט וועלכע זי שילדערט די ווירקלעכקייט, איז זי פאָרט געווען דורכגעדרונגען מיט געזעלשאַפטלעכן אָפּטימיזם. די געהויבענע שטי־מונג האָט סוף־כל־סוף אויך אין דער יידישער געזעלשאַפט ניט גאָר לאַנג געדויערט. אויך מענדעלע האָט זיך סוף־כל־סוף אויסגעניכטערט פון די דאָזיקע חלומות. אָבער די כאַראַקטער־שטריכן, וואָס זיין שאַפן אויף יידיש האָט אין אָנהייב באַקומען פון דער „דעמאַסקירנדיקער ליטעראַטור“, זיינען שוין פאַרבליבן אויך אויף ווייטער און אויף שטענדיק.

5

מענדעלעס ווערק „דאָס קליינע מענטשעלע אָדער איין לעבנס־באַשרייבונג פון יצחק אברהם תקיף“ (1864—1865), מיט וועלכן ס'דאַרף באַצייכנט ווערן דער אָנהייב פונעם צווייטן פּעריאָד אין מענדעלעס שאַפן — איז דורכאויס געהאַלטן אינעם גייסט פון דער דעמאָלטיקער „דעמאַסקירנדיקער ליטעראַטור“.

* „די זעכציקער יאָרן אין די דערינערונגען פון מ. אַנטאָנאָוויטש און ג. עליסייעוו“ (רוסיש). „אַקאַדעמיאַ“, מאָסקווע־לענינגראַד, 1938, ז"ז 48-50, 54, 56.

אין דעם דאָזיקן ערשטן יידיש־געשריבענעם בוך זיינעם בילדעט זיך אויס און קומט דייטלעך צום אויסדרוק מענדעלעס דעמאָקראַטישע קעגנערשאַפט צום פעאָדאַלישן גביר און צום גאַנצן פעאָדאַליש־אָפּגעשטאַנענעם לעבן.

מענדעלע גיט דאָ, אַזוי צו זאָגן, די „נאַטור־געשיכטע" פונעם פעאָדאַלישן גביר און תקיף. מענדעלע באַווייזט די ראָל פונעם תקיף און זיין לאַגע צווישן דעם פעאָדאַל, דעם פריץ, פון איין זייט, און די עקספּלואַטירטע מאַסן, פון דער אַנדערער זייט. דער שטעטלדיקער פעאָדאַלישער תקיף ווערט געבוירן אויף דער באַזע פון פּאַראַזיטישער פאַקטעריי צווישן דעם פעאָדאַל און די עקספּלואַטירטע מאַסן. די מאַכט פונעם תקיף באַזירט זיך אויף זיין „קליינ־מענטשלדיקייט", קורץ: אויף דער מאַכט פונעם פּריץ. די דאָזיקע מאַכט ווערט דערגרייכט דורך אכזריותדיקער געוויסנלאָזיקייט, וואָס רעכנט זיך מיט גאָרניט אין דער וועלט אַ חוץ מיט די אייגענע עגאָאיסטישע צילן.

איינע אַ זייט אין דער ראָל פונעם „קליינעם מענטשעלע", זיין ראָל אין דער פעאָדאַלישער עקספּלואַטאַציע פון פּויערטום, שילדערט מענדעלע ניט אין זיין ווערק. ער שילדערט בלויז די עקספּלואַטאַטאָרישע ראָל פונעם תקיף אין דער יידישער סביבה, וואָס קומט געוויינלעך פאַר ניט דירעקט אויף דער באַזע פון פּראָדוקציע, נאָר דער עיקר דורך וואוכערישער טעטיקייט, קהלשע שטייער־מאַניפּולאַציעס און דורך תקיפישן טעראָר. אויף די דירעקטע צו־זאַמענהאַנגען צווישן דער נויט פון די יידישע מאַסן און דעם פעאָדאַליש־אַבסאָלוטיסטישן רעזשים באַקומט זיך, אַזוי־אַרום, בלויז אַן אָנצוהערעניש. די נאַציאָנאַלע איינגרענעצונג שטערט מענדעלען צו זען די אייגנטלעכע לעצטע סיבות פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, וואָס ער קריטיקירט, און קעגן זיי אַרויסצוטרעטן. ער זעט זיי נאַאיוו־ראַציאָנאַליסטיש — אין דער שלעכטער קינדער־דערציאונג, און ניט אין דער געזעלשאַפטלעכער פאָרם, וואָס האָט אַלס רעזולטאַט צווישן אַנדערע זאַכן אויך די שלעכטע קינדער־דערציאונג. דרייט ער זיך דעריבער אין אַ פאַרכישופטן קרייז.

יצחק־אברהם תקיף, דאָס „קליינע מענטשעלע", ווערט געשילדערט אַלס מאָראַלישער בעל־חרטה. אין תוך איז דער שטריך ניט קיין שטייגערישע דער־שיינונג. דער דאָזיקער ניט־ווירקלעכער שטריך איז געוועזן אַ רעזולטאַט פון מענדעלעס ניט זען די אייגנטלעכע סיבות פון די קריטיקירטע געזעלשאַפט־לעכע דערשיינונגען.

יצחק־אברהם איז אורשפּרינגלעך בטבע געווען ניט קיין שלעכטער מענטש. ער איז דאָס געוואָרן דורך דער שלעכטער דערציאונג אין זיין אומגליקלעכער יוגנט. מענדעלע גיט אַ לעצט־אַנטשיידנדיקן באַדייט דעם ענין פון דערציאונג. דאָ באַווייזט זיך דער נאַאיוו־אויפקלערערישער ראַציאָנאַליסטיש־סענטימענ־טאַלער עלעמענט אין זיינע געזעלשאַפטלעכע אָנשויאונגען. פון די בילדער,

וואָס מענדעלע מאָלט אין דעם ווערק, באַקומט זיך — אין ווידערשפרוך צו זיין קאָנצעפּציע — גאָר עפּעס אַנדערש. עס באַקומט זיך, אַז די אכזריותדיקע געוויסנלאָזיקייט פונעם תקיף איז אַ נויטווענדיקער רעזולטאַט פון זיינע צילן און פון זיין ראָל אין דער געזעלשאַפט אומאָפּהענגיק פון זיין אורשפּרינגלעכן כאַראַקטער און פון זיין דערציאונג.

איבער דער דאָזיקער איינשטעלונג ווערט יצחק־אברהם געשילדערט ניט אַלס קינד פון רייכע עלטערן, וואָס באַקומט געוויינלעך אַ „בעסערע דערציאונג" און וואָס זיין יוגנט פאַרלויפט אין גליקלעכע אומשטענדן, נאָר אַלס קינד פון דער אָרעמשאַפט, וואָס ווערט פאַרקריפּלט דורך נויט, פּיין און פאַלשער דערציאונג. פון דער אַנדערער זייט, באַווייזט זיך אין דעם דאָזיקן שטריך נאָך אַן אַנדער אָנצוהערעניש: אַ תקיף אַ בעל־חרטה קאָן נאָר זיין אַזאַ, וואָס שטאַמט אַליין פונעם פאָלק און וואָס האָט אַליין דורכגעלעבט אַלע נויטן פונעם פאָלק. — דאָס אַלץ שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט די עלעמענטן פון סענטימענטאַליזם אין מענדעלעס סאָציאַלע אָנשויאונגען און מיט די באַגרענעצטע פּאָזיטיווע אויספירן, וואָס ער מאַכט פון זיין געזעלשאַפט־קריטיק.

אין דער אייגענער צייט באַמיט זיך אָבער מענדעלע איבערצוגעבן די אמתדיקע ווירקלעכקייט פון זיין צייט. ס'הערן זיך שוין דאָ אינעם ערשטן קליינעם וואַריאַנט פון דער דערציילונג אָנזאָגן און טענער פונעם שפּעטערדיקן גרויסן קינסטלער און רעאַליסט (אָפּגערעדט פון דער איבעראַרבעטונג אין יאָר 1879, וואו ס'געפינען זיך אין אַ היפּשער צאָל מייסטערהאַפטע בילדער פונעם רייפן מענדעלע). מענדעלע וויל אין דעם דאָזיקן ווערק אַנטפּלעקן דעם מהות פונעם מה־יפיתניק, דעם אונטערלעקער פונעם פּריץ, צו וועלכן ער שטעלט אַנטקעגן דעם משכּילישן פּראָנדיאָר און פאָרשטייער פון דער מענטשלעכער ווירדע. דערביי דעקט ער אויף די פאַרקריפּלטקייט פון אַ גאַנצער ריי דערשיינונגען אינעם שטייגער און לעבן. די בילדער, וואָס מענדעלע גיט דאָ פון דער ווירקלעכקייט, וואַקסן אַריבער אין זיין אידייאישער קאָנצעפּציע, און די פּראַקטישע פּאָזיטיווע אויספירן, וואָס מענדעלע אַנטוויקלט ברייט אינעם סוף פונעם ווערק, ווערן אין פאַרגלייך מיט זיינע בילדער אַ נאַאיווע נאָכשלעפּעניש און לעסטיקע צוגאָב. ניט צוליב די דאָזיקע אויספירן איז די קליינע (אינעם ערשטן וואַריאַנט) דערציילונג צו איר צייט אַזוי וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער געזעלשאַפט, נאָר איבער דער אָנקלאָג קעגן דעם פעאָדאַליש־אָפּגעשטאַנענעם שטייגער בכלל, איבער דעם פּראָטעסט קעגן זיינע סיבות, וואָס האָט זיך דאָ באַקומען טראָץ די צוגעקלעפּטע באַלעבאַטיש־דידאַקטישע אויספירן.

6

די אילוזיעס וועגן אַ „וועסנע־צייט פון יידישן לעבן" האָבן ניט גאָר לאַנג געקאָנט דויערן. סוף־כּל־סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די האָפענונגען אויף

בירגערלעכער עמאַנסיפּאַציע פאַר די יידישע פאָלקס-מאַסן זיינען אומזיסטע. די שטעטלדיקע מאַסן זיינען געבליבן, ווי פריער, איינגעקלעמט און צונויפגעפּרעסט אין די דערלויבטע תחומען, וואָס זיינען, אגב, נאָך דער רעפאָרם נאָך מער פאַרמינערט געוואָרן. טראָץ די נייע באַדינגונגען, זיינען די מאַסן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן געבליבן צוגעפּעסטיקט צום שטעטל, זיי זיינען בלויז נאָך מער באַגרענעצט געוואָרן אין דער באַוועגונג-פרייהייט.

אין דער אייראָפּיאישער וועלט זיינען זייט דעם מיטלאַלטער שטעט אַנטשטאַנען און האָבן זיך אַנטוויקלט אינעם קאַמף קעגן די פעאָדאַלן, קעגן דעם לייב-אייגנטום. אינעם אַמאָליקן פּוילן, פון וועלכן רוסלאַנד האָט שפּעטער איבערגענומען יענע פּראָווינצן, וואו ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט די יידישע מאַסן, איז פאַרגעקומען אַ גאַנץ מערקווירדיקער פּראָצעס פון שטאָט-בילדונגען, פונקט פאַרקערט, ווי אין מערב-אייראָפּע. די פּוילישע מאַגנאַטן און שליאַכטשיצן, קעמפנדיק קעגן די אַלטע פרייע בירגערלעכע שטעט און זייער אַנטוויקלונג, האָבן זיך געבויט אייגענע שטעט און שטעטלעך אויף זייער אייגענעם באָדן. אַזוי־אַרום האָט דער פּוילישער פּריץ פאַרמאָגט ניט בלויז אַ לייב-אייגן דאָרף, נאָר אויך לייב-אייגענע שטעט, שטאָטישע לאַטיפונדיעס, וואו ס׳האָבן דער עיקר געוואוינט יידן.

מיטן אַריבערגיין פון אַ גרויסן טייל אוקראַינע און פּוילן צו דער צאַרישער אימפּעריע זיינען די דאָזיקע פאַרהעלטענישן געבליבן אַזוי ווי געווען. סוף זעכציקער יאָרן איז אַ טייל פון די דאָזיקע פּריצישע פּריווילעגיעס אָפּגעשאַפט געוואָרן, אָבער ווייט ניט אַלע. אַזעלכע פעאָדאַלישע לאַטיפונדיע-שטעט און שטעטלעך זיינען נאָך אין די 60ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט געווען אינעם א. ג. „דרום-מערבדיקן קאַנט“ (ד. ה. קיעוושטשינע, פּאָדאָליע, וואָלין) — 347, צווישן זיי אַזעלכע שטעט ווי, למשל, בערדיטשעוו.

דער באָדן, דאָס רעכט צו האַנדלען מיט לעבנסמיטלען האָבן געהערט צום פּריץ, געריכט און פּאָליציע איז געווען אין זיינע הענט. דאָס לעבן אין אַזאַ שטעטל איז געווען געפּענטעט דורך פאַרשיידנסטע באַגרענעצונגען, דורך צענדליקער מיני אָפּצאָלן און שטייערן דעם פּריץ — אַ חוץ די מלוכהשע שטייערן. אָן דעם פּריצס דערלויבעניש און אָן אַן אָפּצאָל האָט דער איינוואוינער ניט געטאָרט טאָן קיין איין טראָט.*

נאָך דער קרימער קאַמפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד אַן אינדוסטריעלע אויפלעבונג. סוף 50ער יאָרן איז געקומען דער קריזיס, דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן די וויטערדיקע קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט. טראָץ דעם קריזיס האָט זיך די אינדוסטריע אין אַלגעמיין ווייטער

---

* זע אי. אָרשאַנסקי: „יעווריעי וו׳ ראָסיאי“, 1872, ז. 43 און ווייטער.

אַנטוויקלט, ס׳האָט זיך פאַרגרעסערט די נעץ אײַזנבאַנען, דער אינעווייניקסטער מאַרק האָט זיך פאַרברייטערט, און רוסלאַנד האָט אַלץ מער אָנגעהויבן ווערן אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. האָבן די שטעטלדיקע יידישע מאַסן געהאַט צו ליידן סיי פון די פעאָדאַלישע רעכט־באַגרענעצונגען און סיי אויך שוין פון די רע־זולטאַטן, וואָס די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם גופא ברענגט פאַר דער עקאָ־נאָמיק פונעם קליינבירגער. דער שווערפּונקט פון דער אַנטוויקלונג האָט זיך איבערגערוקט פונעם שטעטל אין שטאָט. פון איין זייט וואַקסט און אַנטוויקלט זיך דער יידישער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַ, דער עיקר אין דער שטאָט. פון דער אַנדערער זייט, פאַרגרעסערט די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם נאָך מער די פאַראָרעמטקייט פון ברייטסטע קליינבירגערלעכע און האָרעפּאַשנע שיכטן, וואָס לעבן צונויפגעפּרעסט דורך רעכט־באַגרענעצונגען אינעם שטעטל. עס צעוויקלט זיך אינעם שטעטל אַ פּחדימדיקע, משונהדיק־קליינלעכע קאָנקורענץ און גראָד אויפן באָדן פון די „ביז־קאַפּיטאַליסטישע פּרנסות". די נאָך־רעפאָרמישע נייע פאַרהעלטענישן האָבן פאַר די דאָזיקע שטעטלדיקע מאַסן ניט געבראַכט קיין נייע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן. דער קאַפּיטאַליזם פאַרניכטעט אַלץ מער און מער די אַלע ביז־קאַפּיטאַליסטישע פּרנסות. ער ברענגט אָבער דעם שטעטל ניט — אָדער ווייט ניט אין דער אַנטשפּרעכנדיקער מאָס — קיין נייע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן. אויב יידישע בורזשואַ פלעגן צומאָל אין די 60ער יאָרן באַקומען אין שטעט באַשטימטע רעכט, איז פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן אינעם שטעטל אַלץ געבליבן ביים אַלטן, ס׳איז בלויז צוגעקומען דער נייער דרוק פונעם אויפקומענדיקן קאַפּיטאַליזם.

אין די 70ער יאָרן קומט פאַר אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, און באַגלייך דערמיט אַ לאַנג־דויערנדיקער עקאָנאָמישער קריזיס — דער בוילעטער רעזולטאַט פון דער נייער פאַרקנעכטונג, וואָס די רעפאָרם האָט געבראַכט דעם פּויערטום. דאָס האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן אויף דער עקאָ־נאָמישער לאַגע פון די יידישע מאַסן אין שטעטל, ווייל זייער עקאָנאָמיק איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער פּויערשער ווירטשאַפט און אָפּהענגיק פון איר. דער גאַנג צו פּראָדוקטיווער פּראָלעטאַריזאַציע איז פאַר די פאַופּעריזירטע שטעטלדיקע שיכטן געווען אויסערגעוויינלעך פאַרשווערט איבער דער אומ־מעגלעכקייט צו קאָנקורירן מיט דער גאָר ביליקער פּויערשער אַרבעט, איבער די רעכטלעכע באַגרענעצונגען פון אינערלעכער עמיגראַציע פאַר יידן און — אין זייער אַ גרויסער מאָס — אויך איבער דער אָפּוועזנהייט פון סוביעקטיווע פאַר־הנחות. דעם געוויינלעכן ברייטן אויסוועג, די פּראָלעטאַריזאַציע, האָבן, הייסט עס, די פאַופּעריזירטע יידישע מאַסן דעמאָלט כמעט ווי ניט געהאַט. צו די אַלע צרות איז נאָך צוגעקומען אַן אומגעוויינלעכער דרוק פון דער „אינער־לעכער" יידישער פעאָדאַלישער „אָרדענונג" (פון קהל, כלי־קודש, רעקרוטן־

טעראָר, פאַרשיינדערליי טאַקסעס א. ז. וו.), וואָס האָט אויפגעהאַלטן די מאַסן אין אַ מיטלאַלטערלעכן צושטאַנד. דאָס אַלץ האָט אין דער שטעטלדיקער סביבה נאָך מער פאַרשאַרפט די ווירקונג פונעם קריזיס.

7

די דאָזיקע מאַסן זיינען אויף אַן אומנאַטירלעכן אופן איינגעקלעמט געוואָרן צווישן פעאָדאַליזם און קאַפּיטאַליזם. דער אייזנבאַן־פאַרקער, די אינדוסטריע א. אז. וו. פאַרניכטן אינעם שטעטל די קליינע קרעמערלעך, די אַלטע פאַר־מיטלעריי, דאָס קליין־געשעפט מיטן פריץ, זיי שעדיקן די אָרטיקע מלאכה א. אַז. וו. אויפן באָדן פון די אַלטע פרנסות און לופט־געשעפטן קומט פאָר אַ משונהדיק־ראַפינירטע קאָנקורענץ — צוליב נעבעכדיקע, בישטיקע רעזול־טאַטן. די מאַסן אינעם שטעטל דעגראַדירן און ווערן פאַופּעריזירט אין אַ פאַנטאַסטישער מאָס, זיי פאַרלירן די לעצטע שפּורן פון עקאָנאָמישע פונקציעס, וואָס זיי האָבן ביז איצט פאַרמאָגט.

מענדעלע מאָלט דאָס אַזוי („קיצור מסעות בנימין השלישי", ווילנע, 1878, ז. 7): „די איינוואוינער אַליין אין טונעיאַדעווקע זיינען, נעבעך, כמעט אַלע, לא־עליכם, גרויסע אביונים, שטאַרקע דלפנים, נאָר דעם אמת מוז מען זאָגן, זיי זיינען פריילעכע אביונים, לוסטיקע קבצנים, ווילדע בעל־בטחונס. אַז מע זאָל, אַשטייגער, פלוצים אַ פרעג געבן אַ טונעיאַדעווקער יידן: פונוואַנען און ווי אַזוי ער איז זיך מפרנס? בלייבט ער תחילת שטיין, ווי צעמישט, ווייסט, נעבעך, נישט וואָס צו ענטפערן, נאָר שפּעטער אַ ביסל אָבער קומט ער צו זיך און ענטפערט בתמימות:

„— איך, ווי אַרום איך לעב, איך? עט, ס'איז דאָ אַ גאָט, זאָג איך אייך אַט־אָ, וואָס פאַרלאָזט נישט אַלע זיינע באַשעפעניש, ער שיקט צו און וועט מסתמא ווייטער צושיקן, זאָג איך אייך אַט־אָ.

„— פאָרט וואָס טוט איר אַזוינס? האָט איר כאָטש עפּעס וואָס ס'איז פאַר אַ מלאכה אָדער פרנסה אין דער האַנט?

—„געלויבט איז השם־יתברך. איך האָב, ברוך־השם, אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן אַט־אָ, אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען, אַ כלי, אַ קול־נגינה און דאַוון מוספים ימים־נוראים אין דער סביבה, איך בין אַ מוהל און אַ מצה־רעדלער איינער אין דער וועלט, איך פיר אַמאָל אויס אַ שידוך, פיר איך אויס; איך האָב אַ שטאָט, אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן אַט־אָ, אין דער שול. היינט האַלט איך אויך, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, אַ שענקל, וואָס מעלקט זיך צוביסלעך; איך האָב אַ ציג, וואָס מעלקט זיך אָן עין הרע זייער גוט, און האָב נישט ווייט פונדאַנען אַ רייכן קרוב אַט־אָ, וואָס לאָזט זיך אונטער אַ שלעכטער צייט אויך

אַ ביסל מעלקן. היינט חוץ די אַלע זאַכן, זאָג איך אייך אָט־אָ, איז גאָט אַ טאַטע, און די ישראל זיינען רחמנים בני רחמנים, זאָג איך אייך אָטאָ־אָ, ניט צו פאַרזינדיקן...״ (דאָס הייסט, אַז צוביסלעך בעטלט ער צו — מ. וו.). דאָס איז נאָך ניט די סאַמע ערגסטע, נאָר די טיפּישע לאַגע פונעם קליינבירגער אינעם שטעטל פון יענער צייט.

די דאָזיקע שרעקלעכע לאַגע פון די מאַסן אינעם שטעטל איז דאָס טאַקע מענדעלעס אַ הויפּט־טעמע אין דעם פעריאָד 1864—1879.

8

מענדעלע שילדערט דאָס צעטומלטע זוכן פון די דאָזיקע מאַסן נייע וועגן און אויסוועגן.

מענדעלע באַמיט זיך ווייזן די מאַסן דעם „ריכטיקן וועג״. ער טוט דאָס אַ חוץ דער טראַדיציאָנעלער בילדונג־פּראָפּאַגאַנדע, אויף אַ ריין נעגאַטיוויס־טישן אופן — דורך טראַגיש־ביטערן חוזק פון די פאַלשע געגנג, פון די משונה־דיקע אומגליקלעכע אילוזיעס, וואָס ווערן געבוירן אינעם דערשלאָגענעם פאַופּערס פאַנטאַזיע („מסעות״ א. אַז. וו.). ער חוזקט — און בייסט זיך די פויסטן ביז צום בייק, ביז אויסטערלישן וויטיק. ער חוזקט פונעם ביז־קאַפּי־טאַליסטישן מנחם־מענדל, וואָס ווערט פאַרקערפּערט אין דער פיגור פון בנימין דעם דריטן. אין אמתן איז דער פּאָזיטיווער וועג אים, מענדעלען, אַליין ניט קלאָר. אַזאַ פּאָזיטיווער זעלבשטענדיקער וועג איז פאַר קליינבירגערלעכע מאַסן אַלס אַזעלכע אין אמתן גאָר ניט פאַראַן.

און מענדעלע ווייסט דעמאָלט ניט, אַז דער פעאָדאַליש־אָפּגעשטאַנענער, ביז־קאַפּיטאַליסטישער מנחם־מענדל פון יענעם איבערגאַנג־פעריאָד איז סך־הכל בלויז אַ פאַרגייער פונעם שפּעטערדיקן שלום־עליכמישן „קאַפּיטאַליס־טישן״ מנחם־מענדל. ער ווייסט ניט, אַז די נייע בירגערלעכע געזעלשאַפט־פאָרם לייזט די פּראָבלעם פון די דאָזיקע מאַסן בלויז דורך דעם, וואָס זי מאַכט ענדגילטיק זייער פאַראָרעמונג, דעקלאַסירט זיי און פּראָלעטאַריזירט זיי ענדגילטיק.

אַז סע קומט אָבער די צייט, און מענדעלע דערזעט דעם דאָזיקן אַנט־וויקלונג־גאַנג, אַנטוישט ער זיך אַזוי שטאַרק, אַז ער הייבט אָן פאַראורטיילן די צוויליזאַציע בכלל. די ערטער אין „די קליאַטשע״ , וואו ער איז פריער אָנגעפאַלן אויף דער קהלש־תקיפישער עקספּלואַטאַציע און אויפן פעאָדאַליש־אָפּגעשטאַנענעם לעבנס־שטייגער, פאַרבייט ער שפּעטער טיילוויז, אין די לעצטע יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, מיט ביטערע אָנפאַלן אויפן קאַפּיטאַליזם. „די סחורות (פון די „פאַבריקעס״ — מ. וו.) זיינען פאַרשיידן,

די קאָנקורענץ איז גרויס, איטלעכער וויל גילטן בעסער אויפֿן מאַרק, און דורך דעם קומט אַרויס פּיינטשאַפֿט, האַס, געשלעג, גזלה און רציחה" (זע מענדעלע מוכר־ספֿרים, אַלע ווערק, וואַרשע, 1924, ז. 187). מענדעלע זעט איצט די „הויכע קוימענס" פֿון טויזנטערליי פֿאַבריקעס, „פֿאַבריקעס פֿון האַרמאַטן, ביקסן און כּלי־מיני אַנדערע כּלי־זיין אויף צו מאַכן דעם טויט; פֿאַבריקעס מער וויפֿיל מע באַדאַרף אויף צו פֿעלשן אין לעבן נייטיקע זאַכן, און אויך פֿאַבריקעס אַזוינע אויף צו מאַכן שמאַכטעס, וואָס עפּעס ניט אַזוי שטאַרק נייטיק אין לעבן אַריין; פֿאַבריקעס פֿון כּלים און מאַשינעס צו פֿאַרשפּאָרן מענטשנס הענט, פֿאַרוועלוולערן זייער אַרבעט און צונעמען ביי אַ סך די פּרנסה; פֿאַבריקעס פֿון אַזעלכע מיני המצאות, ווי צו פֿאַרקירצן אָרט און צייט און דורך דעם צו פֿאַרקירצן זייער אָפּט טאָקע דעם מענטשנס יאָרן; פֿאַבריקעס צו דרוקן און פֿאַרשפּרייטן אין דער וועלט גיך און געשווינד זייער פֿיל נאַרישקייטן, ליגנס, רכילות, בלבולים, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן, קנאה־שנאה, נאָך און נאָך אַזעלכע מיאוסע זאַכענישן און אַלדאָס בייז איינע אַקעגן די אַנדערע... קורץ און גוט — דאָס איז דער רויך פֿון דער „ציוויליזאַציע", ווי זי הייסט ביי אייך דאָרט..." (ז. 145). אַלס קעגנזאַץ צו דעם מאָלט מענדעלע באַלד דערנאָך אַ אידיליש נאַטור־בילד און שילדערט דעם נאַטירלעכן פֿויערשן לעבנס־שטייגער, ווי אַ מין אַפּאָטעאָז פֿון די פּרימיטיווע לעבנס־פֿאַרהעלטענישן אַ־לאַ רוסאָ. מענדעלע פֿאַרקערעוועט דעמאָלט זיין בליק אויף צוריק און פּרוּווט זיך זען די פֿאַרגאַנגענהייט אין אַן אידעאַליזירטער שייַן, — ער צעשטערט זי אָבער אומקאָנסעקווענט אויף יעדן טריט דורך בייזע און שאַרפֿע אָנפֿאַלן אויף די פֿאַרהעלטענישן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט.

אויך אין דעם דאָזיקן פּעריאָד פֿון זיין שאַפֿן איז די נעגירנדיקע קריטיק פֿון דער געזעלשאַפֿט — דעמאָלט שוין צומאָל פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער — דאָס ווערטפּולסטע. אָפּט אָבער ווערט זי איצט באַגלייט ניט בלויז פֿון הומאַניסטיש־אויפֿקלערערישע קולטור־אידעאַלן, נאָר אומקאָנסעקווענט און ווידערשפּרעכיק אויך מיט טענער פֿון אויסוועגלאָזן יאוש און פֿון טראַדיציאָנעלער רעליגיעזער טרייסט.

9

די אָפּזונדערונג פֿון די שטעטלדיקע מאַסן אין אַ כּמעט מיטלאַלטערלעך־אָפּגעשטאַנענעם צושטאַנד ווערט קינסטלעך אונטערגעהאַלטן פֿון אינעווייניק — דורך דער קהלש־תּקיפֿיש־כּלי־קודשדיקער אָרדענונג, און פֿון אויסנווייניק — דורך די רעכט־באַגרענעצונגען מצד דער צאַריש־גוטבאַזיצערישער רעגירונג. אַ דירעקטן באַוואוסטזיניקן קאַמף האָט מענדעלע געפֿירט דער עיקר

קעגן דער „אינעווייניקסטער" פעאָדאַלישער אָרדענונג.* וואָס שייך דער אױסנ־ווייניקסטער, האָט זיך מענדעלע געווײנלעך געהאַלטן ביים פּרינציפּ פון דער טראַדיציאָנעלער שתדלניש־אַפּאָלאָגעטישער אויפקלערונג (אומדירעקט אָבער האָט זיך פון דער „אינעווייניקסטער" קריטיק און פון מענדעלעס קינסטלערישע בילדער באַקומען אַ שאַרפע פאַראורטײלונג אויך פון דער „אויסנווייניקסטער" פּאָליטישער אָרדענונג).**

קעגן דער „אינעווייניקסטער" פעאָדאַלישער אָרדענונג איז מענדעלע אַרויסגעטראָטן מיט אַ לײדנשאַפט און שלאַגקראַפט, ווי מע האָט זיי ביז איצט נאָך ניט געזען אין דער יידישער ליטעראַטור. אַזעלכע שאַרפע און ביטערע אָנקלאָגן האָבן זיך ביז איצט ניט דערוועגט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין, און אויב עמעצער האָט זיי שוין יאָ אַמאָל פאָרגעבראַכט — געוויינלעך אין דער פאָרם פון ווײ־געשרייען און הילף־געבעטן צו דער רעגירונג, — זײנען זיי געבליבן פאַרהוילן פון דער ברייטער מאַסע, צו וועלכער דאָס האָט געהאַט אַ שייכות, באַגראָבן און אַבסאָלוט רעזולטאַטלאָז אין די מלוכהשע אַרכיוון. די דאָזיקע טראַגישע און נאַאיווע הילף־געשרייען פון די שווער־אונטער־דריקטע, דערשלאָגענע מענטשן, פלעגן דאָך דאַן כאַראַקטעריזירט ווערן אַלס „מסירות" קעגן קהל און האָבן סײ „אינעווייניק", סײ אויסנווייניק ניט געהאַט און ניט געקאָנט האָבן קיין ממשותדיקע ווירקונג.

מיר וועלן דאָ ציטירן אַ טייל פון איינעם אַזאַ אינטערעסאַנטן דאָקומענט, וואָס איז פון אָנהייב ביזן סוף איין דערשיטערנדיק ווײ־געשריי „פון די אָרעמע־לייט פון דער הייליקער שטאָט מינסק" (אַזוי איז אונטערגעשריבן אַ הילף־ביטע פון יאָר 1852 צום מיניסטער פון אינערלעכע ענינים קעגן די אונטער־דריקונגען פון דער גביריש־תקיפישער קהילה־באַנדע): „...מיר בעטן, זאָלסט אָנבייגן דיין אויער צום קול פון יידן אָרעמעלייט פון מינסק... ווייל ס'איז דערגאַנגען דאָס וואַסער ביז דער זעלע, מיר זיינען מיד געוואָרן אַריבערצו־טראָגן, איינהאַלטן זיך נאָך — קאָנען מיר ניט! ס'זיינען דאָך פאַרקויפט געוואָרן די געבוירענע פון מינסק אין הענט פון שלעכטע פירערס, אין הענט פון פּרעכטע לייט און רשעים, ליבהאָבער פון רויב; זיי נעמען כאַבאַר, דעם געשריי

---

* אין „די קליאַטשע", אַפילו שוין אינעם וואַריאַנט פון 1873, לאָזן זיך הערן דײטלעכע ווערטער אַקעגן „דרויסן". פאַראַן דאָ שאַרפע אָנפאַלן אויף די פּאַראַזיטישע פעאָדאַלן, פאַרביטערטע אָנקלאָגן קעגן דער רעכטלעכער אונטערדריקונג פון די יידן. די דאָזיקע דירעקטע אַרויסזאָגונגען אין „די קליאַטשע" האָט מענדעלע מער אין ערגעץ ניט איבערגעחזרט און האָט זיי ניט רעאַליזירט אויף אַן אויספירלעכן קינסט־לערישן אופן.

** כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז מענדעלעס אַרטיקל אין „המליץ", 1867 („משפט עניי עמי"), כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר שפּעטער.

פונעם אָרעמאַן הערן זיי ניט, די קריוודע פון דער אלמנה און פונעם יתום דערגייט ניט צו זיי; ליבהאָבער פון אומרעכט, פיינט פון גערעכטיקייט, זיי זיינען קלוג אויף שלעכטס מיט זייער פאַלשקייט און זיי פייניקן און ראַבעווען אָרעמעלייט מיט דער ביטערקייט פון זייערע הערצער, ווייל זיי טראַכטן יעדן טאָג, ווי אַזוי צו כאַפּן און צווינגען די אָרעמעלייט און אַריבערברענגען אין זייער שטוב אַריין פיל רייכטימער. ווייל פון וועמענס פאַרמעגן זיינען געוואָרן שטאַרק און גרויס די אָנפירער פון דער דאָזיקער שטאָט, אויב ניט פון די אביונימס האַרעוואַניע? אוי־ווי! ווען זיי דערלאַנגען דעם אָרעמאַן אַ העמד, טוען זיי אים אויס און שטעלן אים אָוועק נאַקעט, אַזוי ווי אין טאָג, ווען ער איז געבוירן געוואָרן, מחמת זיי האָבן ביד, ווייל זיי טראַכטן ביי זיך אין האַרצן, ווער איז האַר איבער זיי, ווייל די רייכע זיינען זייער (דער קהילהס — מ. וו.) אָנשפּאַר. אַלע זיינען זיי חניפהניקעס. דער נידערטרעכטיקער געדאַנק זייערער — איז בלויז שלעכטס, ווי אַזוי צו טרעטן און צו דריקן אָרעמעלייט צו דער ערד און אָנזאַמלען גרויס פאַרמעגן... און אָט איז אונדז זייער ענג... ווייל די אָרעמעלייט פון אונדזער שטאָט גייען געשלאָגענע און געפּלאָגטע יעדער טאָג פונעם ליאַרעם און רויב, וואָס מע ראַבעוועט פון זיי פאַר גאָרנישט, ווייל ס׳איז ניטאָ קיין גערעכטיקייט. און מע מאָנט פון זיי צו באַצאָלן ניעדאָאימקעס פון דרייצן יאָר און מער, און וואָס פון יענער צייט איז ניט געבליבן קיין ניע־דאָאימקע אַפילו קיין איין גראָשן ניט...״ * און ווייטער גייט אַ גאַנצער צעטל פון שענדלעכע רויבערייען און אונטערדריקונגען מצד דער גביריש־קהלשער באַנדע.

אין מענדעלעס ווערק באַקומט די דעמאַסקירונג פון די גביריש־קהלשע שטיק אַן עפנטלעכן און שטאַרק־ווירקזאַמען אויסדרוק. אין 1869 דערשיינט זיין פּיעסע „די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט־בעלי־טובות״. די פּיעסע האָט, ווי באַוואוסט, געדאַרפט געשטעלט ווערן אין בערדיטשעוו. די גבירישע מאַכט־האָבערס האָבן דאָס אָבער ניט דערלאָזט. אַן ענלעכער איבהאַלט, ווי אינעם נאָר־וואָס ציטירטן דאָקומענט פון דער מינסקער אָרעמשאַפט, ווערט דאָ אויף אַ מוטיקן פּאַמפלעטיש־סאַטירישן אופן אַרויסגעטראָגן פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט. דער ריכטער דאַרף דאָ זיין ניט די „גנאַדיקע״ רעגירונג, נאָר טאַקע די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסע גופא. אַזאַ אַרויסטרעטונג זעצט פאָר־אויס אַ גלויבן אין די כוחות פון דער פאָלקס־מאַסע, צו וועלכער מענדעלע

---

* איבערגעזעצט פון העברעיִש. געבראַכט ביי אַ. מאַרגאָליס: „געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד״, מאָסקווע, 1930, ז. 347 און ווייטער. ניט ווייניקער אינטערע־סאַנט אין דעם פּרט איז אויך דער דאָקומענט פון ז. 353 און ווייטער, אַ ווענדונג פון „אָרעמעלייט״ אין אַ פּאָדאָלער שטעטל צום אינערן־מיניסטער וועגן די מאַבי־נאַציעס פון קהל ביי דער רעקרוטשינע.

ווענדט זיך מיט זיין ווערק, אַ גלויבן, אַז זי קאָן אַליין עפּעס פּירנעמען קעגן די פּאַרפּוילטע אינעווייניקסטע פּאַרהעלטענישן.

10

וואו ס׳קומען צו רייד די אונטערדריקונגען פון „דרויסן", ווערט מענדעלע אויך אין דעם דאָזיקן, אין אַ געוויסן זינען, שאַרפסטן ווערק זיינעם אָפּהענטיק, און עס הערן זיך אין זיין אָנקלאָג טענער פון טראַדיציאָנעלער סענטימענטאַלער השתדלות:

„זעט, די רעגירונג איז גוט, איז באַרעמהערציק, זי האָט באַפּרייט עטלעכע און צוואַנציק מיליאָן פּויערן. זי ווינטשט איטלעכן גליק, אויך אונדז יידן ווינטשט זי גליק. זי זוכט אַלץ מיטל צו פּאַרבעסערן אונדזער צושטאַנד, זי וויל, יידן, נעבעך, זאָלן עסן, זאָלן געזונט זיין, זאָלן אַ פּנים האָבן ווי מענטשן."
(„די טאַקסע", אויסג. 1872, ז. 80.)

ווען די רעכט־באַגרענעצונגען, וואָס פּרעסן צונויף די פּאַראַרעמטע מאַסן אינעם „תחום" און פעסטיקן זיי צו אויף אַ כמעט לייב־אייגנטימערישן אופן צו די דערלויבטע וואוינערטער, גיט מענדעלע אָנצוהערן מיט טרויעריקער איינגעהאַלטענער תרעומת: „...אַז זיי זיינען, נעבעך, אומגליקלעכע, אַז פון כמה שנים שטיקט מען זיי צונויף אַלע אינאיינעם אין איין אָרט, ווי שאָף, אַז זיי זעען פאַר זיך ניט קיין וועלט און קאָנען ניט אָטעמען קיין פרייע לופט. אַ מענטש מוז דאָך אָבער עסן... דעריבער זוכן זיי שפּע איינער פון דעם אַנדערן, דער שטאַרקער וויל דערקוועטשן דעם שלאַפערן, מע טראַכט אויס כל מיני תחבולות, ווי אַזוי צו דערטאַפּן אַ שטיקל ברויט... די נאַטור איז שטאַרק. זי פּאָדערט אירס, זי סטאַרעט זיך, זי זוכט כלי מיטלען זיך צו דערהאַלטן..." („די טאַקסע", אויסגאַבע 1872, ז. 17.) וואו ס׳קומט אויס דירעקט אָנצורירן פּאָליטישע טאַטזאַכן, ווערט מענדעלע סענטימענטאַל. די פאָדערונג פון עמאַנסיפּאַציע לאָזט זיך הערן אין דער פאָרם פון טראַדיציאָנעלער אַפּאָלאָגיזירנדיקער אויפקלערונג.

דער טראָפּ ליגט דאָ אָבער לחלוטין ניט אויף „אַפּאָלאָגיע" צוליב „דרויסן", נאָר, פאַרקערט, אויף שאַרפסטער קריטיק פון די אינערלעכע פאַרהעלטענישן אינעם יידישן לעבן. אַ באַווייז פאַר דער שלאָג־קראַפט פון זיין אָנגריף זיינען די רעפּרעסיעס קעגן מענדעלען מצד דער אָנגעגריפענער גבירימשאַפט פאַר זיין „טאַקסע". צוליב די דאָזיקע רעפּרעסיעס האָט דאָך מענדעלע געמוזט אַוועק פון בערדיטשעוו.

אין „דאָס קליינע מענטשעלע" גלייבט נאָך מענדעלע, אַפּנים, אין דער ווירקונג פון אויפקלערירישן מוסר אויף די תקיפישע גבירים, — אין דער

„טאַקסע" איז ער שוין פֿריי פֿון דעם דאָזיקן נאַאיוו־ראַציאָנאַליסטישן גלויבן. דעריבער איז דער טאָן פֿון דער „טאַקסע" אַזוי שאַרף פּאַמפֿלעטיש. דאָ ווערן די מאַסן אויפֿגעקלערט ניט וועגן „געבילדעטע זאַכן", נאָר וועגן זייערע „בעלי־טובות", וועגן אַ טייל וויכטיקסטע סיבות פֿון זייער נויט. מענדעלע דערפֿירט דאָ ניט זיינע אַרויסטרעטונגען ביז צו אַן אַלגעמיין־פּאָליטישן ניוואָ — דאָס וואָלט געווען פֿאַרבונדן מיט פּאָליטישן קאַמף קעגן דעם גאַנצן זעלבסט־הערשעריש־גוטבאַזיצערישן רעזשים. פֿאַלט ער דעריבער אַריין אין ספֿקות און אַפֿילו יאוש* בנוגע דער ווירקזאַמקייט פֿון זיינע אַרויסטרעטונגען. ס'בלייבט אָבער אַ פֿאַקט, אַז „דאָס קליינע מענטשעלע" און „די טאַקסע" גע־הערן צו די סאַמע שאַרפֿסטע קאַמף־ווערק פֿון דער דעמאָקראַטיע קעגן דער גבֿירימשאַפֿט אין דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור.

11

אין „דאָס קליינע מענטשעלע" איז מענדעלע נאָכגעגאַנגען נאָך אַן עלטערער סוזשעטיש־פּאָבוליאַרער טראַדיציע. דער זשאַנער פֿון אַ דערציילונג אין דער פֿאָרם פֿון אַ ווידוי, וואו אַ זינדיקער תּקיף האָט חרטה אויף זיינע בייזע טאַטן, איז שוין פֿריער באַנוצט געוואָרן פֿון י. ערטער אין זיין „הצופֿה לבית ישׂראל", קאַפּיטל „גלגול נפֿש", און פֿון י. ב. לעווינזאָן אין דעם א. ג. צווייטן טייל „הפֿקר־וועלט" (ביי לעוויזאָנען: דער גייסט פֿונעם פֿאַרשטאָר־בענעם תּקיף, וואָס ווערט אַרויסגערופֿן דורך „מאַגנעטיזם", דערציילט זיין פֿאַרברעכעריש לעבן; ביי מענדעלען: די לעבן־באַשרייבונג פֿונעם פֿאַר־ברעכערישן תּקיף ווערט געלייענט נאָך זיין טויט אַלס זיין צוואה). די זעלבע פֿאָרם האָט שפּעטער, נאָך מענדעלען, אויך גאָטלאָבער באַנוצט אין זיין סאַ־ציאַלער סאַטירע „דער גלגול — אַ הומאָריסטישע דערציילונג, אַרויסגעגעבן פֿון דעם גבאיס אייניקל" (1871). די דאָזיקע פֿאָרם איז אַ טראַדיציאָנעל־משׂכּילישע פֿאַר דער סאַטירישער אָנקלאָג קעגן דער תּקיפֿיש־קלעריקאַלער אונטערדריקונג. די „טאַקסע", ווידער, ווייזט, דוכט מיר, ווירקונג־שפּורן פֿון אַקסענפֿעלדס פּיעסעס.**

* „...איך, פֿון מיין זייט, האָב אין יענער פֿריילעכער וועסנע-צייט מיר אויך אונטערגעברומט, געשריבן, געשפּילט אויף מיין שטייגער. אין מיין שפּילן האָט גע-וויינגלעך איין סטרונע געברומט טרויעריק און געמאַכט אויף די צוהערער עפּעס אַ שטיקל מרה-שחורה..." (מענדעלע, אין זיין ווידמונג פֿון „פֿישקע" מ. מאַגוליסן.)

** „דער ערשטער יידישער רעקרוט" איז דערשינען ערשט אין 1861, די איבעריקע פֿאַרעפֿנטלעכטע דריי פּיעסעס אַקסענפֿעלדס — אין 1867 ביז 1870 (מענ-דעלעס „טאַקסע" — אין 1869 !). מע דאַרף אָבער רעכענען, אַז מענדעלע האָט זיך

ס'איז אָבער אַ חילוק צווישן לעווינזאָנס און אַקסענפעלדס אָנקלאָגערישע אַרויסטרעטונגען און מענדעלעס שאַרפן אָנגריף. געוויס האָבן לעווינזאָן און אַקסענפעלד הייס און אויפריכטיק געשטרעבט דערצו, אַז עס זאָלן באַזייטיקט ווערן די פעאָדאַלישע אונטערדריקונגען און עוולות בנוגע די ברייטע אָרעמ־שאַפט־מאַסן. דאָס איז פאַר זיי דורכאויס כאַראַקטעריסטיש. לעווינזאָן און אַקסענפעלד לייגן אָבער ניט דעם הויפט־טראָפ אויף אויפקלערן די מאַסן וועגן זייער עקאָנאָמישער נויט — כאָטש זיי טוען עס ביז אַ געוויסער מאָס. זייער אויפקלערערישער קאַמף גייט קעגן דעם חסידיזם, קעגן מיסברויכן ביי דער רעקרוטשינע, קעגן די מניעות ביים פאַרשפרייטן בילדונג, קעגן די אָבסקו־ראַנטן („מורדי אור״), קעגן מיסברויכלעכע קהלשע איינריכטונגען (שטייערן, קאָראָבקע, טאַקסע א. אז. וו.), קורץ: קעגן אַלע פעאָדאַלישע מניעות אויפן וועג צו אַ בירגערלעכער אַנטוויקלונג אין דער יידישער סביבה, — כאָטש מע מוז באַטאָנען, אַז זייער אויפקלערעריי איז פאַרבונדן מיט די אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

אַנדערש מענדעלע. מיט דעם „קליינעם מענטשעלע״ און דער „טאַקסע״ טרעט ער אַרויס דירעקט קעגן גבירים און קהל, טאַקע פונעם שטאַנדפונקט פון די פאַראָרעמטע און שווער אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן. עס איז, אגב, כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָס אָרעם־זיין גופא ווערט דאָ אַוועקגעשטעלט אַלס עפּעס דערהויבנס, אַלס אַ באַווייז פאַר דער ערלעכקייט און אָנשטענדיקייט פונעם מענטשן. לעווינזאָן טרעט ליידנשאַפטלעך אַרויס קעגן דעם גביריש־תקיפישן באַלעבאַטעווען איבער דער אָרעמשאַפט (אין „הפקר־וועלט״, אינעם

באַקענט מיט אַקסענפעלדס ווערק, וואָס ער האָט זייער געשעצט, פריער נאָך איידער זיי זיינען דערשינען — פונעם מאַנוסקריפט. גאָטלאָבער, מענדעלעס לערער און אַקסענפעלדס פאַרערער, האָט מענדעלען מן־הסתם דער ערשטער אָנגעוויזן אויף אַקסענ־פעלדן. דאָס לייענען די משכילישע ווערק אינעם כתב־יד איז גאַנצע צענדליקער יאָרן געווען אַ פאַרשפרייטע שטייגערישע דערשיינונג. יאָאַכים טאַרנאָפאָל דערציילט וועגן יענער צייט אין זיין „אָפּיט סאָווערמעננאַי אי אַסמאָטריטעלנאַי רעפאָרמי״ (רוסיש, 1858—1868 : „...אין אַ סך שטעט פון אונדזער פאָטערלאַנד, ווי למשל, וואַרשע, ווילנע, אָדעס, מאָלעוו, בערדיטשעוו וכדומה, וואו ס'געפינען זיך גאַנצע גרופעס געבילדעטע יידן, עקזיסטירט אין די דאָזיקע אויפגעקלערטע קרייזן אַ באַ־זונדער מין ליטעראַרישע אונטערהאַלטונג: מע פאַרברענגט די צייט מיט פאָרלעזן אויף פשוטן פויליש־יידישן זשאַרגאָן דערציילונגען, דראַמאַטישע סצענעס (פון מיר אונטערגעשטראָכן—מ. וו.), גאַנצע בראָשורן און לידער אָדער פראָזע. אין די דאָזיקע ביכלעך, וואָס מע לייענט פאַרן גאַנצן צונויפגעקליבענעם עולם, ווערן אין אַ זייער שאַרפער פאָרם אויסגעלאַכט פאַרשיידענע נאַרישע מנהגים, פאַרעלטערטע אָבערגלויבנס און פאַלשע חסידישע אָנשויאונגען.״ דאָס האָט — דאַרף מען רעכענען — אין אַ היפשער מאָס אַ שייכות צו אַקסענפעלדס ווערק.

א. ג. צווייטן טייל „הפקר־וועלט", אין „תולדות פלוני אלמוני הכזבי"), אָבער
דער עיקר — אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין קאַמף קעגן קהל, קעגן חסידיזם.
אַקסענפעלד טענהט ביטער קעגן די עוולות ביי דער רעקרוטשינע, חוזקט שאַרף
פון חסידיזם, פון אָפגעשטאַנענקייט — דערביי נעמט ער זיך אָן פאַר דער
אָרעמשאַפט. ביי מענדעלען אָבער ליגט דאָ, שוין אין די דערמאָנטע צוויי ווערק,
דער הויפּט־טראָפ אויפן פּראָטעסט קעגן דער סאָציאַלער אונטערדריקונג פון
די פאָלקס־מאַסן. דאָס איז ביי אים דער עיקר. יצחק־אברהם תקיפס פאַר־
ברעכנס ווערן געשילדערט אין „דאָס קליינע מענטשעלע" אַלס סאָציאַלע פאַר־
ברעכנס אָן שום באַזונדערן באַטאָנען די פאַרבינדונג מיטן קהל און חסידיזם.
דאָ גייט עס ניט דער עיקר וועגן קאַמף קעגן דער אָדער יענער איינצלנער
געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע אָדער אידעאָלאָגיע, קעגן קהל אָדער חסידיזם,
נאָר וועגן קאַמף קעגן אַ סאָציאַלן שיכט.

אין מענדעלעס „טאַקסע" בויט זיך דער סוזשעט גראָד אַרום אַזאַ פעאָ־
דאַלישער, קהלשער אינסטיטוציע. דער הויפּט־טראָפ ליגט דאָ אָבער אויפן
שילדערן דעם קעגנזאַץ צווישן געזעלשאַפטלעכע שיכטן און ניט אויף דער
קריטיק פון איינצלנע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און דערשיינונגען.
מענדעלע טרעט אויך אַרויס, און ביז גאָר שאַרף, קעגן די דאָזיקע איינצלנע
פעאָדאַלישע אינסטיטוציעס און דערשיינונגען, אָבער דאָס איז פאַר אים ניט
דאָס צענטראַלע, ווי ביי לעווינזאָנען אָדער אַקסענפעלדן. דער עיקר איז פאַר
אים געוואָרן דער סאָציאַלער קעגנזאַץ: צווישן דער פעאָדאַלישער פלוטאָ־
קראַטיע און די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן.

אָט דאָס איז דאָס וויכטיקסטע נייס, וואָס מענדעלע האָט געבראַכט אין
דער יידישער ליטעראַטור אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע אויפקלערער.

12

וועגן דער לאַגע פון די שטעטלדיקע מאַסן אין די 70ער יאָרן קאָן מען
זיך שאַפן אַ שטיקל פאָרשטעלונג, אויב מע לייענט אַזעלכע געוויס ניט־
פּניותדיקע אַרויסזאָגונגען פון ניט־יידישע צייט־מענטשן, וואָס אי. אָרשאַנסקי
ציטירט זיי אין זיין בוך „די יידן אין רוסלאַנד" (1872, ז. 19 און ווייטער). מיר
וועלן דאָ ברענגען צוויי פון די דאָזיקע ציטאַטעס אין אָרשאַנסקיס בוך:

„...אָט וואָס סע זאָגט, למשל, ה' באַבראָווסקי וועגן דער לאַגע פון די
יידן אין גראָדנער גובערניע צוריק מיט ניין יאָר (אין יאָר 1863): „דער באַ־
דייטנדיקסטער טייל יידן געהער צו די אָרעמעלייט. לעבנדיק שטענדיק אין
נויט, זיינען די אָרעמע יידן אייביק פאַרטאָן אין זוכן דאָס שטיקל ברויט. באַ־
לאָדן מיט צאָלרייכע פאַמיליעס, לעבן זיי אין ענגשאַפט, וואָס מע קאָן זיך עס

גאָר ניט פאַרשטעלן..." „דאָס לעבן פון דעם דאָזיקן קלאַס יידן גייט דורך אין צער, דחקות און אייביקער פאַרשמייעטקייט..." „גאַנצע פאַמיליעס באַנוגענען זיך אָפט מיט אַ פונט ברויט, אַ הערינג און עטלעכע ציבעלעס. די קליידער זייערע זיינען שטענדיק צעריסן, שמוציק... פאַר 15 קאָפּיקעס וועט אַ ייד אַ פאַקטאָר אַרומלויפן דעם גאַנצן טאָג." * דאָס אייגענע ווערט פעסטגעשטעלט, — דערציילט אָרשאַנסקי ווייטער, — דורך ה' אַפאַנאַסיעוו אינעם יאָר 1861 וועגן קאָוונער גובערניע. וועגן ווייסרוסלאַנד און פּאָלעסיע ציטירט אָרשאַנסקי זעלענסקין: „...אַ העלפט, אויב ניט קיין דריי פערטל, פון דער יידישער באַ־פעלקערונג באַשטייט פון מענטשן, וואָס מע וואָלט זיי געקאָנט באַשולדיקן אין געשעפטמאַכעריי און פאַקטעריי, אין ליידיקגיין און פוסטעפּאַסעווען. אָבער ניט דערפאַר, וואָס די דאָזיקע אייגנשאַפטן זאָלן שטאַמען פון פוילקייט און פון ניט האָבן קיין חשק צו אַרבעטן, נאָר דערפאַר, וואָס די דאָזיקע אומגליק־לעכע מענטשן, וואָס טראַכטן בלויז וועגן אַ שטיקל ברויט, מוטשען זיך פון טאָג צו טאָג, ניט האָבנדיק קיין שום מיטלען און מעגלעכקייטן זיך צו באַ־שעפטיקן מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. די דאָזיקע אומגליקלעכע פאַמיליעס... (לויט זעלענסקין: מינדסטנס אַ העלפט פון דער גאַנצער יידישער באַפעל־קערונג — מ. וו.) פאַרמאָגן גאָרניט, לעבן אין שמוץ און דלות, ניט ווייסנדיק, ביי זייער גאַנצן ווילן צו אַרבעטן, ווי דורכצולעבן דעם מאָרגנדיקן טאָג. די נויט שטויסט זיי זיך צו נעמען פאַר פאַרשיידענע ניט גאָר שיינע מיטלען, און בלויז נאָר כדי צו באַפרידיקן די סאַמע נויטווענדיקסטע באַדערפענישן."

וועגן דער לאַגע פונעם ווייט־גרעסטן טייל יידישער באַפעלקערונג אין בערדיטשעוו, אין יענער שטאָט, וואו מענדעלע האָט אין די 60ער יאָרן געלעבט און פון וועלכער סע שטאַמען די פּראָטאָטיפּן פאַר זיינע פיגורן און בילדער פון זיין דעמאָלטיקן שאַפן, דערציילט אַ סטאַטיסטישע באַשרייבונג פון סוף פערציקער—אָנהייב פופציקער יאָרן:

„אין בערדיטשעוו איז נאָך ניט פאַראַן קיין שטאָטישע וואויל־איינאָרדענונג איבער דעם דלות און דער ניט־ריינלעכקייט פון די יידן. ביי 5,000 פאַמיליעס (אַן ערך 25,000 נפשות) לעבן פון טאָג אויף טאָג פון וואָס גאָט שיקט צו (אַן ערך אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין בערדיטשעוו צו יענער צייט). מע וואוינט זייער ענג (לויט דער אויסרעכענונג באַקומט זיך, אַז די יידישע אָרעמשאַפט וואוינט דריי מאָל ענגער, ווי די איבעריקע באַפעלקערונג — מ. וו.). זייער אָפט טרעפט זיך, אַז עטלעכע פאַמיליעס פאַרנעמען אין אַ חורבה איינס אָדער צוויי קליינע צימערלעך, אַזוי אַז ביינאַכט בלייבט דאָרט

* „אָפּיסאַניע גראָדנענסקאָי גובערניאי" (רוסיש), ב. 1, ז. 858 און ווייטער. ציטירט לויט אָרשאַנסקין.

ניט צווישן די שלאָפנדיקע כמעט קיין פריי אָרט..." * א. אַז. וו. אַזוי איז געווען סוף פערציקער—אָנהייב פופציקער יאָרן. אין די 60ער יאָרן, אין דער צייט פונעם עקאָנאָמישן קריזיס, האָט זיך די לאַגע פון די דאָזיקע מאַסן געוויס ניט פאַרבעסערט. די אייגענע לאַגע שטעלט אָרשאַנסקי פעסט פאַרן גאַנצן א. ג. דרום־מערב־קאַנט בכלל אין די 60ער יאָרן.

די דאָזיקע פאַראָרעמטע שטאָטישע און דער עיקר שטעטלדיקע מאַסן קלערט דאָס מענדעלע אויף וועגן זייער נויט, וועגן די סיבות פון זייער נויט. זייער סאָציאַל שטרעבן איז עס, וואָס מענדעלע ברענגט צום אויסדרוק.

---

* „סטאַטיסטישע באַשרייבונג פון קיעווער גובערניע", אַרויסגעגעבן פון פונדוקלייעם (רוסיש), ציטירט לויט אָרשאַנסקין, ז. 22 און ווייטער.

IV. מענדעלעס ליטעראַרישע אָנשויאונגען

1

אין זיינע רעפאָרם-פאַרשלאָגן „אַ פּרואוו פון אַ היינטצייטיקער און באַ־טראַכטזאַמער רעפאָרם אויפן געביט פון יידנטום" (אָנגעשריבן 1858, אָפּגע־דרוקט 1868) באַטאָנט יאַאַכים טאַרנאָפּאָל, אַ טיפּישער בורזשואַזער טוער פונעם נייעם קאַפּיטאַליסטישן שניט, דעם ווערט און באַדייט פון די יידן אַלס בורזשואַזיע. ער פאַדערט פאַר די יידן עמאַנסיפּאַציע אינעם זכות פון דער יידישער בורזשואַזיע. ער אונטערשיידט „וויכטיקע" און „אומוויכטיקע" יידן, ד. ה. בורזשואַ און אָרעמע. ער רופט די פאַראָרעמטע מאַסן, זיי זאָלן זיך „פאַרענטפערן פאַר אונדזער רעגירונג" און באַווייזן דורך טאָטן, דער עיקר דורך האָרעוואַניע פאַרן קאַפּיטאַליזם, אַז זיי פאַרדינען גלייכבאַרעכטיקונג. ער פאַרלאַנגט באַשטימטע רעכט אויך פאַר די פאַראָרעמטע מאַסן, אָבער ער באַ־טראַכט זיי ווי אַ „נויטוועגדיקע צרה" אין דער נייער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

אויפן פאָן פון אַזאַ שטעלונג צו די פאָלקס-מאַסן, וואָס איז געווען טיפּיש פאַר די בורזשואַזע טוער, ווערט באַזונדערס בוילעט, אַז מענדעלעס אָנ־שויאונגען זיינען ענג פאַרבונדן מיט די שטרעבונגען און שטימונגען גראָד פון יענע שיכטן, וואָס טאַרנאָפּאָל האָט אָנגערופן „אומוויכטיקע יידן". מענ־דעלע שרייבט אין אַ בריוו פון דער זעלבער צייט (1864): „ס'טרעפן זיך ביי מיר צייטן, וואָס דעמאָלט בין איך דערצאָרנט מיט אַ גרויסן גרימצאָרן קעגן די גבירים, וואָס באַהאַלטן זיך אונטערן שאָטן פון געלט, און דעמאָלט טאָר מען פאַר מיר ניט דערמאָנען דעם נאָמען פון אַן עושר, — מיין זעל ווערט צעפלאַמט, ווי אַ וואולקאַן, און איך שפּיי מיט זידלערייען און מיט פלאַמפייער פון גרימצאָרן און איך שריי: „גוואַלד! מע ראַבעוועט!" * די דאָזיקע שנאה צו דער יידישער פּלוטאָקראַטיע,** ניט בלויז צו דער פעאָדאַלישער, נאָר אויך צו דער בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישער, קלינגט מיט דער זעלבער קראַפט אויך

---

* בריוו פון מענדעלע מוכר-ספרים, מינסקער „צייטשריפט", ב. 5, אָפּטיילונג: „פון אונדזער אַרכיוו", ז. 15.

** אין אַ באַמערקונג צו אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ" (1866, נום. 39, ז. 593), וואָס באַקלאָגט זיך אויף די אינטריגעס פון ניט-ערלעכע פילאַנטראָפּן קעגן מענדעלען, דערציילט י. לערנער: „אויף אַ פאַרזאַמלונג וועגן פילאַנטראָפּישע ענינים, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען גבירים, חסידים און משכילים, איז דער הויפּט-גרינדער (פון דעם צענטראַלן וואוילטעטיקייט-פאַראיין „משכיל אל דל" — מ. וו.) ה' אַבראַמאָוויטש ניט געווען אָפּגעהיט אין זיינע רייד און ניט נאָר וואָס ער האָט זיך ניט אָנגעשטרענגט צו איבערצייגן די פּובליקע (געמיינט: די גביריש-

אין אַ בריוו פון 1880: „...און אויף אַן אמתן וואונדערט מיך דאָס גאָרניט (איינע אַ באַשטימטע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונג — מ. וו.), היות ס'איז דאָך שוין לאַנג באַשלאָסן אָנצוואווענדן פאַר אונדז דעם פּרינציפּ: די יידן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן אַנדערן, און אויב ס'איז שוין אויף אונדז יאָ אַזאַ גזרה צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן אַנדערן, וועסטו זיך דאָך מוזן מודה זיין, טייערער, אַז ס'איז אונדז טויזנט מאָל ניחא און אָנגענעמער צו זיין סאָלידאַריש מיט אַזאַ, ווי פּראָפ. באַקשט (ד. ה. מיט אַ געלערנטן — מ. וו.), איידער מיט אַ פּאָליאַקאָוו, מאַלקיעל און זייערס גלייכן...“* מענדעלעס שטעלונג סיי צו דער פעאָדאַלישער און קאַפּיטאַליסטישער גבירימשאַפט און סיי צו די פאַראָרעמטע פאָלקס־מאַסן איז אינגאַנצן גאָר אַן אַנדערע, ווי ביי די בירגערלעך־ליבעראַלע אויפקלערער.

2

דער חילוק צווישן די אָנשויאונגען פונעם דעמאָקראַטישן משכּיל מענ־דעלע און דעם שטאַנדפּונקט פון אַזאַ בירגערלעך־ליבעראַלן אויפקלערער, ווי י. טאַרנאָפּאָל, איז קלאָר. וועלכע זיינען אָבער די מאָמענטן, וואָס האָבן מענדעלען אָפּגעטיילט פון אַזאַ מער קאָנסעקווענטן פאָרשטייער פון דעמאָ־קראַטישקייט, ווי א. קאָוונער?

פאַר ביידע איז כאַראַקטעריסטיש די ליבע צו די עקספּלואַטירטע, אונטערדריקטע און פאַראָרעמטע פאָלקס־מאַסן, די שנאה צו דער פּלוטאָקראַטיע און צום מיטלאַלטערלעך־פעאָדאַלישן שטייגער, און פּונקט אַזוי אויך די קליינבירגערלעכע אומקלאָרקייט אין די פּאָזיטיווע שטרעבונגען.

און ווידער, וואָס שייך דער „צווייפּאַכיקער“ געזעלשאַפט־קריטיק, ד. ה. וואָס שייך דער דעמאַסקירונג פון דער עקספּלואַטאַטאָרישער גבירימשאַפט און דער „זעלבסטקריטישער“ שטעלונג צו דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די אונטער־

חסידישע קהלס־לייט—מ. וו.) מיט ווייכע רייד, נאָר ער האָט זיך באַלד אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג צעקאָכט און האָט געצאָרנט און געשאָלטן — און דאָס איז די הויפּט־סיבה, וואָס האָט צעשטערט זיין בנין ביז צום גרונט... איך אַליין בין דערביי געווען, ווי ה' אַבראַמאָוויטש איז אָנגעפאַלן אויף איינעם פון די גבירים, און איך מוז זיך מודה זיין, אַז ס'איז מיר שווער געווען צו פאַרשטיין, ווי האָט ער דאָס ניט פאָראויסגעזען, אַז אויב די חסידים, וואָס זיינען דאָך אין בערדיטשעוו די מערהייט, וועלן ניט מאַכן מיט אים איין האַנט, וועט זיין גאַנצע מי זיין אומזיסט, וואָרים מיט דער הילף בלויז פון די משכּילים וועט זיך ניט איינגעבן עפּעס אויפ־צוטאָן, ווייל זיי זיינען די מינדערהייט, און אַפילו צווישן זיי זיינען אַ סך אַזעלכע, וואָס זיינען מיט אים ניט צופרידן...“

* מינסקער „צייטשריפט“, דאָרט, ז. 36. פּאָליאַקאָוו, מאַלקיעל — באַוואוסטע גרויס־אונטערנעמער און אייזנבאַן־ספּעקולאַנטן, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט זיך מיט זיי זייער געחנדלט.

דריקטע שטעטלדיקע מאַסן — פירט מענדעלע פאַקטיש אויס דאָס, וואָס קאָוונער פאָדערט פון דער ליטעראַטור. וואָס שייך די דאָזיקע פּרטים, זיינען די אַנטשפּרעכנדיקע מאָמענטן אין דער „טאַקסע", „פישקע", „מסעות" און אַנדערע ווערק דורכאויס „קאָוונעריש". מיר וועלן דאָ ניט אַנאַליזירן, ווי ווייט קאָוונערס קריטיק פון מענדעלעס ווערק פון זיין ערשטן, העברייאישן, פעריאָד * האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף מענדעלעס שאַפן אין זיין צווייטן פעריאָד — כאָטש דער דאָזיקער איינפלוס ליגט אויסער יעדן ספק, אָבער אַ פאַקט איז, אַז, למשל, „פישקע" אָדער „מסעות" זיינען ווערק, אין וועלכע עס ווערן אויסגעפירט קאָוונערס פאָדערונגען צו דער ליטעראַטור.

וואָס סע טיילט אַמדייטלעכסטן אָפּ מענדעלעס אָנשויאונגען — אינעם צווייטן פעריאָד — פון קאָוונערס איז: אַמאָל גרעסערע, אַמאָל קלענערע רעשטן פון פשרה בנוגע דער רעליגיע, דער גראַד קלאָרקייט און קאָנסעקווענט־קייט אין די דעמאָקראַטישע אָנשויאונגען און דער ברייטערער פאַרנעם פון די סאָציאַלע אינטערעסן ביי קאָוונערן. ביי קאָוונערן שפרייזן זיי דייטלעכער אַריבער די נאַציאָנאַלע רעמלעך. אין קאָוונערס אַרויסטרעטונגען הערט זיך דייטלעכער אַן אָפּהילך פון די סאָציאַלע טענות פון פויערטום, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען אָנגעלאָדן מיט גרויסער אויפרייס־קראַפט. קאָוונער איז דעמאָלט קאָנסעקווענטער פאַרבונדן מיט די אידייען פון דער רוסישער רעוואָ־לוציאָנערער אינטעליגענץ. מענדעלעס אויפמערקזאַמקייט איז מער קאָנ־צענטרירט אויף דער שטעטלדיקער באַפעלקערונג. דאָ ליגן די וואָרצלען פאַר די ניואַנסן אין זייערע אָנשויאונגען.

קאָוונער האָט קריטיקירט אַ ווערק, וואָס מענדעלע האָט געשאַפן אינעם ערשטן פעריאָד, און געהאַט טענות פאַר רעצידיוון אין דער זייט פון דעם דאָזיקן פעיאָד. מענדעלע איז דאַן אַרויסגעטראָטן קעגן קאָוונערן — ניט אויף צו פאַרטיידיקן זיין פריערדיקע מליצהדיקייט און אָפּגעריסנקייט פון לעבן, וואָס קאָוונער האָט אים פאַרגעוואָרפן, נאָר דערפאַר, וואָס קאָוונער האָט אגב אָנגערירט געוויסע מאָמענטן אין מענדעלעס וועלט־אָנשויאונג, וואָס זיינען אויך אינעם שפּעטערדיקן פעריאָד געבליבן הינטערשטעליק.

3

אין זיין קריטיק אויף דער רוסישער איבערזעצונג פון מענדעלעס „האבות והבנים" („אָטצי אי דיעטי") שרייבט קאָוונער אין יאָר 1869: „דער דלות און די ווירקונג פון דער אַרומיקער ספערע — דאָס זיינען די איינציקע

* ווי געזאָגט, איז „האבות והבנים" אַן איבעראַרבעטונג פון „למדו היטב", וואָס מענדעלע האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1862; לויטן אידייאישן אינהאַלט גע־הערט דאָס בוך אויך צו יענעם פעריאָד, כאָטש סע פאַלט אַריין אין אַן אַנדער פעריאָד.

סיבות פון אומוויסנדיקייט און דער נעבעכדיקער לאַגע פון דער מאַסע ביי אַלע פעלקער אין אַלע לענדער בכלל און ביי די יידן אין רוסלאַנד בפרט. דער דלות שטייט שטענדיק, ווי אַ כינעזישע וואַנט, צווישן דער מאַסע און דער אויפקלערונג. דער פאַרמעגלעכער קלאַס קויפט זיך בילדונג און אַלע לעבנס־באַקוועמלעכקייטן, דער אָרעמער אָבער דאַרף אַרבעטן אין בלוטיקן שוויס, כדי זיך פאַרזיכערן די עקזיסטענץ — טאָ ווי ליגט אין קאָפּ די בילדונג? מיט איין וואָרט: די יידן־פראַגע אין רוסלאַנד הענגט ניט אָפּ דערפון, צי ס'איז פאַראַן אַ גרעסערע צי אַ קלענערע צאָל צדיקים (אַן אָנווייז אויפן אַנטי־צדיקישן פונקט אין דער פראָגראַם פון דער טראַדיציאָנעלער השכלה — מ. וו.), צי ס'איז פאַראַן אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע צאָל שילער אין די יידישע שולן (אַן אָנצוהערעניש אויף דעם בילדונג־פונקט אין דער משכילישער פּראָגראַם, אַ פונקט, וואָס ווערט אויך נאָך אין מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע" אַרויסגעשטעלט אַלס עיקר פון זיינע פּאָזיטיווע פאָרשלאָגן — מ. וו.), נאָר פון די מער אָדער ווייניקער גינסטיקע אויסערלעכע באַדינגונגען, פונעם פאַר־בעסערן דעם מאַטעריעלן שטייגער ביי די יידן. די יידן־פראַגע איז, אַזוי־אַרום, ניט קיין ספּעציעל־יידישע (קעגן דער נאַציאָנאַלער שמאָלקייט אין סאָציאַלע פראַגעס — מ. וו.), נאָר אַן אַלגעמיינע סאָציאַלע פראַגע, וואָס דאַרף צוציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע אויפגעקלערטע טוער פון דער מענטשהייט."*

דער „רעאַליסט" קאָוונער הוזקט דאָ פונעם נאַאיוון משכילישן טעזיס, אַז די אָרעמקייט איז אַ רעזולטאַט פון עם־הארצות. ער זעט קלאָרער די סאָציאַלע קעגנזאַצן. ער זעט קלאָרער, אַז די אומגעבילדעטקייט פון די מאַסן איז, פונקט קאַפּויער, אַ רעזולטאַט פון זייער אָרעמקייט.

אָבער אויך מענדעלע זעט שוין אין 1867 יאָר גאַנץ גוט, אַז ניט די בילדונג איז דער עיקר, כאָטש ער ווייסט ניט קיין אַנדערן פּאָזיטיוו־קאָנקרעטן וועג, ווי טאַקע די זעלבע בילדונג־פּראָפּאַגאַנדע, אַפּאָלאָגעטישע השתדלותן פאַר דער רעגירונג, זי זאָל געבן „עמאַנסיפּאַציע". אין דער בראַשור „עין משפט" (דערשינען 1867, צום גרעסטן טייל אָנגעשריבן 1864־1865) דערקלערט מענ־דעלע: „מיר לייענען יעדן טאָג אין די צייטונגען: מע דאַרף די יידן בילדן! אַשטייגער, סע פעלט די יידן צו זייער גליק ניט מער ווי בלויז אַ ביסל בילדונג, אַשטייגער ווי אַלע יידן וואָלטן געוועזן קאַלמיקן און פוילענצער" (ז. 37). אין אַ סך ערטער פון זיין אָפּהאַנדלונג ** הערט זיך אַרויס אַ באַשטימטע נאַציאָנאַלע

* „דען", 1869, נומ. 2, ז. 30.

** אין אַלגעמיין זיינען די מיינונגען, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין דער בראָשור, אויך שפּעטער און כמעט אויף שטענדיק געבליבן ניט־געענדערט אין מענדעלעס וועלט־אַנשויאונג.

שמאָלקייט — דאָס, וואָס סע טיילט אים אָפּ פון קאָוונערס שטאַנדפּונקט. אָבער דעם אָפּגאַנג פון דער טראַדיציאָנעלער הוילער קולטור־טרעגעריי, דעם טראָפּ אויף דער געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישער נויט פון די מאַסן באַטאָנט דאָ שוין אויך מענדעלע, פּונקט אַזוי ווי קאָוונער.

4

מענדעלעס געזעלשאַפט־קריטיק בלייבט געווייגלעך אין די גרענעצן פון דער יידישער סביבה. בלויז אין איינעם פון זיינע קינסטלערישע ווערק — אין דער „קליאַטשע" — זעען מיר קלאָר אַ דירעקטע אַרויסטרעטונג קעגן דעם גוטבאַזיצערישן אַדל. אין דעם דאָזיקן הייסן שטרייט־בוך פאַר בירגערלעכער נאַציאָנאַלער עמאַנסיפּאַציע דערגייען די סאָציאַלע טענות, טאַקע „עזאָפּיש" פאַרוואָלירט — ביז צו פראָנדיאָרישקייט קעגן דעם מלוכהשן רעזשים.

מע מוז אָבער פעסטשטעלן, אַז אין די פאַלן, ווען מענדעלעס געזעלשאַפט־קריטיק גייט אַרויס פון די ראַמען פון דער יידישער סביבה, קומט דאָס געווייגלעך אַלס אַפּאָלאָגעטישער ענטפער אויף די אַנטיסעמיטישע טענות, וואָס געוויסע שיכטן פון יידישן קליינבירגערטום (די לופט־מענטשן) לעבן אומפּראָדוקטיוו. פּראָוואָצירט פון דער דאָזיקער טענה, מאַכט מענדעלע מיט גרויס גרימצאָרן די כלומרשטיקע אַנאַלאָגיע צווישן די דאָזיקע אָרעמלייט און די גרויס־פּאַראַזיטישע פּאַנעס — און באַווייזט דעם גוואַלדיקן חילוק צווישן די אומגליקלעכע לופט־מענטשן און דעם פּרעסעריש־רויבערישן אַדל.

אין זיין בראָשור „עין משפט", ז. 30, זאָגט מענדעלע: „און אויב מע (די אַנטיסעמיטן — מ. וו.) וועט אונדז אָנווייזן (אַלס ענטפער אויף דער פאָדערונג פון עמאַנסיפּאַציע — מ. וו.) אויף אַ סך מענטשן צווישן אונדז וואָס זיינען אין אמתן ליידיקגייער און טוען גאָרניט, וועלן מיר קאָנען אָנווייזן אַקעגן זיי (די אַנטיסעמיטן — מ. וו.) אויף די אַדעליקע פון געבוירן און אויף די פילע אַריסטאָקראַטן, וואָס אין יעדן פאָלק און רעגירונג, וואָס זיי זיינען ווי דראָנען אינעם בינשטאָק, וועלכע פרעסן און זויגן דעם זאַפט, וואָס די אַרבעטנדיקע און פלייסיקע בינען ברענגען. וואָס קאָנען מיר טאָן, אויב דאָס איז אַ גזרה פון דער נאַטור (מענדעלע מיינט דאָס איראָניש — מ. וו.) אויף אַלע פעלקער פון דער וועלט, פּונקט אַזוי אויך ווי ביי די ווערעם!... פונדעסטוועגן זיינען מיר זיכער, אַז ווען די צייטן וואָלטן בעסער געוואָרן, וואָלטן זיך פאַרמינערט אונדזערע מיוחסים, פּאַראַזיטן און בטלנים, ניט אַנדערש ווי ביי די יידן אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן (ד. ה. ווען סע זאָל דורך „עמאַנסיפּאַציע" אָפּגעראַמט ווערן דער וועג פאַר אַ ברייטער בירגערלעכער אַנטוויקלונג — מ. וו.). זיי, די יידן, פון די דאָזיקע לענדער, באַווייזן פאַר אונדז מיט זייער פּאָליטישער לאַגע און מאָראַלישן, ווי מאַטעריעלן

צושטאַנד, אַז מיר זיינען פּייאיק זיך צו פֿאַרפּולקומען און מיר קאָנען טויגן פֿאַר דער געזעלשאַפֿט פֿון די פֿעלקער. זיי באַווייזן, אַז חסרונות קומען ניט בלויז פֿון אינעווייניקסטע סיבות, נאָר פֿון אויסנווייניקסטע אויך, דאָס הייסט, אַז די רעכט, וואָס די יידן אין די דערמאָנטע לענדער האָבן באַקומען זייט דער העלפֿט פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָבן דאָס געבראַכט אַזאַ גרויסע ענדערונג אין זייער גייסט און אויפֿפֿירונג. און אין משך פֿון פֿופֿציק יאָר, אַן ערך, האָבן זיי באַוויזן צו מאַכן אַזאַ ריזיקן אַנטוויקלונג־וועג, וואָס אַנדערע פֿעלקער האָבן אים געמאַכט אין משך פֿון פֿינף הונדערט יאָר.״

אויף אַן אַלעגאָריש־פֿאַרהילטן אופֿן האָבן מיר אַן ענלעכן אָנפֿאַל אויפֿן אַדל אין דער „קליאַטשע״. מענדעלע טענהט סאַרקאַסטיש־עזאָפּיש: „אויף דעם פֿעלד, זע איך, פּיטערן זיך פֿאַנסקע צאַפּעס, אייזלען, גאַנצע טאַבונעס פֿערד, וואָס האָבן אַ יחוס־בריוו, אַז זיי שטאַמען אַרויס פֿון איידעלע עלטערן. איינעמס זיידע איז אַן ענגלישער אָגער, וואָס האָט פֿאַרצייטנס, דורכפֿאָרנדיק דורך דעם לאַנד כנען (געמיינט רוסלאַנד — מ. וו.), חתונה געהאַט מיט אַן אַראַבישער שקאַפּע. דעם אַנדערנס באַבע וואַקסט פֿון אַ באַרימטער משפּחה, וואָס האָט אין לעבן געגוג פּולווער געשמעקט, און יענעמס עלטער־באָבע האָט געגאָסן אַ גוטע דערציאונג, אַן עדוקציע, ערגעץ אין אַ באַרימטן זאַוואָד, איז געווען אַ מלומדת און האָט אין איר צייט געגעבן קאָנצערט אין טאַנצן און שפּרינגען איבאייינעם מיט נאָך אַ סך געבילדעטע, געלערנטע פֿערד. דען איר מוזט וויסן, אַז ביי פֿערד שפּילט יחוס אַ גרויסע ראָליע, ביי זיי קוקט מען שטאַרק אויף איידל בלוט, און די, וואָס פֿון אַ גוטן זאַוואָד, הייסט איידל־ אָדער וואויל־געבאָרענע.

„די דאָזיקע איידעלע פֿערד האָבן זיך געפּיטערט פֿראַנק און פֿריי, זיינען אויך געגאַנגען אין שאָדן, קאַליע געמאַכט די תבואות, וועלכע אָרעמע פּויערן האָבן געזייט מיט שוויס, נעבעך, און מען האָט זיך ניט־וויסנדיק געמאַכט, זיי ניט געזאָגט איין אומתרבות־וואָרט.* די פֿערד האָבן געשפּרונגען, געהירזשעט, געדריגעט מיט די פֿיס. זייער כוח, זייער שטאַרקייט און זייער ווילדקייט איז געווען שלא כדרך הטבע! **

„פּלוצים הער איך פֿונדערווייטנס אַ שרעקלעך געשריי, אַ רעש פֿון מענטשן און אַ בילן פֿון הינט. איך האָב תחילת געמיינט, דאָס האָבן די פּויערן זיך צונויפֿגענומען און לויפֿן מיט אַ געשריי אַרויסצוטרייבן די פֿאַנסקע צאַפּעס, די פֿערד פֿון זייערע תבואות. נאָר אָבער ניין. די קולות האָבן זיך אַלץ דער־ווייטערט און זיך פֿאַרטראָגן גאָר אין אַן אַנדער זייט. איך בין געווען ציקאַווע

* אומהעפֿלעך וואָרט.

** אומנאַטירלעך.

און געגאַנגען נאָך דעם קול, געגאַנגען בין איך ביז איך בין געקומען צו אַ גאַנץ גרויסן פּלאַץ, פאַרוואַקסן מיט גראָז. דאָרט האָט פאַר מיינע אויגן זיך פּירגעשטעלט אַ שרעקלעכע סצענע. ייִנגלעך קונדסים * האָבן פון אַלע זייטן זיך געיאָגט נאָך עפּעס אַ דאַרער, מאָגערער קליאַטשע, געוואָרפן שטיינער און אָנגערייצט אויף איר אַ גאַנצע טשאַטע הינט ** פון אַלערליי מינים..." „איך האָב ניט געקאָנט שטיין און צוזען שווייגנדיק אַזאַ מעשה־רע פונדערווייטס..."

„די קונדסים טענהן, אַז די קליאַטשע איז ניט קיין שטאָט־בהמה, אַ פרעמדע, דעריבער האָט זי קיין רעכט ניט זיך צו פּאַשען. „גזלנים! — האָב איך שוין מער ניט געקאָנט מיך איינהאַלטן און אַ געשריי געטאָן מיט כעס. — פאַרוואָס קוקט איר ניט, וואָס דאָרט גייען אַרום פּאַנסקע צאַפּעס,*** גאַנצע טאַבונעס פערד צווישן די תבואות און פרעסן אַרעם בלוט, אַרעם שוויס, געבעך? דאָ פּאַרגינט איר נישט אַ בידנע שקאַפּע **** אַ הויפן גראָז, און עס אַרט אייך כלל נישט, אַז דאָרט טוען פערד אָן אַ ים היזקות און מאַכן אומ־גליקלעך פיל מענטשן." („די קליאַטשע, אָדער צער־בעלי־חיים", אָדעס, 1889, ז. 17—99.)

דייטלעכער נאָך רעדט מענדעלע אין אַן אַנדער אָרט פון „די קליאַטשע" וועגן די „שרעקלעכע ווילדע מיאוסע קונדסים,***** וואָס האָבן פאַרצייטנס גענאָגט, געפּלאָגט דעם עולם, געאַרבעט מעשים און אָנגעטאָן זייער פיל שאָדן. אַליין איז איטלעכער געווען בעזדושנע, ד. ה. אָן אַ זעל, און אויף אים האָבן געמוזט אַרבעטן טויזנטער זעלן; יענע פלעגן עסן דאָס דאַר שטיקל ברויט מיט דעם שוויס פון זייער פּנים, חוץ דעם זיך גאַרנישט פאַרגינען אַפילו דאָס, וואָס זיי האָבן אַליין אַרויסגעבראַכט, אויסגעהאָרעוועט מיט זייער פּראַצע, — און ער האָט זיך געבאָדן אין וואוילטאָג, אויפגעגעסן זייער מי און נאָך גע־שאַסטעט, פאַרשוועגדט. יענע האָבן פון זייַנעטוועגן איינגעלייגט די וועלט, מיט זייער אַרבעט אים פאַרשאַפט מאַיאָנטקעס, דערפער, שטעט; מיט זייער מי אים געמאַכט גרויס פאַרמעגן, און דאָס ביסל עסן, וואָס זיי, נעבעך, פלעגן פון אים אַמאָל באַקומען, טאַקע נאָר אַבי צו דערהאַלטן די נשמה — דאָס האָט געהייסן אַ נדבה. זיי האָבן געהייסן אָרעמע בעטלער, און ער — בעל־רחמים, אַ פריי־געביקער, אַ בעל־צדקה, אַ בעל־תשובה." („די קליאַטשע", 1889, ז. 28.)

די דאָזיקע ערטער זיינען אָבער כמעט די איינציקע אין מענדעלעס שאַפן, וואו ער טרעט דירעקט אַרויס קעגן די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן. מענדעלע

---

* געמיינט: אַנטיסעמיטן, רעאַקציאָנערן.

** געמיינט: פּאָגראָמשטשיקעס.

*** געמיינט: פּריצים און טשינאָווניקעס.

**** די יידישע אָרעמשאַפט.

***** דאָ געמיינט: דער אָדל.

האָט דעמאָלט שוין געוואוסט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער לאַגע פון די פּאַר־אַרעמטע יידישע מאַסן און דעם אַלגעמיינעם מלוכהשן רעזשים, ער האָט אָבער דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג זייער זעלטן געוויזן און אַנטוויקלט אין זיין קינסט־לערישן שאַפן.

5

די בילדער און געשטאַלטן, וואָס מענדעלע שילדערט, גייען אויסערלעך זעלטן אַרויס פון די נאַציאָנאַלע ראַמען.* קאָוונער האָט געטראַכט מיט מער אינטערנאַציאָנאַלע קאַטעגאָריעס. אָבער אין אַלע אַנדערע פּרטים באַגעגענען זיך דעמאָלט זייערע אָנשויאונגען, באַזונדערס, אַז מע האָט אינזינען אַזעלכע ווערק, מענדעלעס, ווי „די טאַקסע", „פישקע", „מסעות".

קאָוונער טענהט: „די בעלעטריסטיק, וואָס אַלע ליטעראַטורן שטאָלצירן מיט איר און באַקרוינען אירע שרייבערס מיט קראַנצן, גיבן זיי אָפּ כבוד אָן אַ שיעור, שטעלן זיי אין שפּיץ פון די, וואָס ברענגען דאָס נייע לעבן, אין דער שפּיץ פון די, וואָס פאַרשפּרייטן בילדונג און נייע אָנשויאונגען, האַלטן זייער ווירקונג פאַר די באַדייטנדיקסטע אינעם לעבן פון די פעלקער, — אַזאַ מין בעלעטריסטיק פאַרמאָגט ניט די ליטעראַטור פון די יידן..." „די שרייבער לייגן ניט קיין אַכט אויפן יידישן לעבן, וואָס קאָן ווערן אַ פּרוכטבאַרער באָדן פאַר טויזנטער ראָמאַנען, שווישפילן, טראַגעדיעס, קאָמעדיעס און דראַמעס, און דערמיט וואָלטן זיי דאָך פאַרבעסערט דעם מאָראַלישן גייסט פון די יידן." ** און מענדעלע גייט — זייט זיין צווייטן פּעריאָד — דורכאויס אויף דעם דאָזיקן וועג, וואָס קאָוונער ווייזט דער ליטעראַטור. מענדעלע נעמט זיך דאָך גראָד דעמאָלט אמתדיק שילדערן די סאַמע געדיכטעניש פונעם „יידישן לעבן".

קאָוונער דערקלערט: כאָטש מע קאָן ניט אָפּלייקענען אינגאַנצן דעם ווערט פון דער „אידעאַלישער" פּאָעטישקייט", איז איר צוועק אָבער בלויז „איינצושלעפערן דעם לייענער", און אַז דער לייענער פון אַזעלכע ווערק כאַפּט זיך אויף פון די פּאָעטישע חלומות, זעט ער, אַז באַקומען האָט ער גאָר־נישט, און זיין געמיט וואַקלט זיך „איבערן אָפּגרונט פון טרויער, ווייל ער זעט, אַז ער קאָן ניט אָנקומען צו די אילוזאָרישע שיינע בערג און אינדזלען". „ניט אַזעלכע זיינען די נייע שרייבער (די רעאַליסטן — מ. וו.). זיי פליען ניט שטאָלץ אין די הימלען, הייבן זיך ניט ביז צו גלענצנדיקע שטערנס, שוועבן אויך ניט אויף פליגלען פון פאַנטאַזיעס צו די אינדזלען פון האָפענונג, נאָר זיי ווענדן זייער בליק אויפן מענטשלעכן לעבן דאָ אויף דער ערד. זיי באַ־

---

* כאָטש סע קאָן קיין שום ספק ניט זיין, אַז מענדעלעס בילדער און געשטאַלטן וואַקסן אַריבער אין אַ הויכער אַלגעמיין-מענטשלעכער ספערע.

** אין זיין בראָשור „חקר דבר", וואַרשע, 1865, ז. 44.

טראַכטן, פּונוואַנען נעמען אַלע מענטשן זייער טאָג־טעגלעך ברויט... זיי קוקן זיך צו צו די פּלאָגן פון זייער פאָלק און באַמיען זיך צו היילן זייערע וואונדן, און זייער גאַנצער שטרעבן איז נאָר גוטס צו טאָן, צו נוצן, צו באַשיצן און העלפן דעם אָרעמאַן." „אַלע גרויסע, געניטע פּאָעטן האָבן אַוועקגערוקט די פּאָעזיע אין אַ זייט און האָבן זיך גענומען „צו פשוטער פּראָזע", וואָס איז אין אונדזערע טעג די הערשנדיקע אין די ליטעראַטורן פון פאַרשיידענע פעלקער. און מיט דער פּראָזע היילט מען די ווילדקייט פונעם פאָלק..." „די גרויסע שרייבער פון דער צייט האָבן באַטראַכט די לאַגע פונעם פאָלק און געזען, אַז זי איז שלעכט. די אַריסטאָקראַטן טוען זיך אָן אַלדאָס גוטס און פאַרברענגען זייערע טעג מיט פרעסן און וועגדן ניט זייער האַרץ צום אומגליק פון זייערע ברידער. זייערע לייב־אייגענע אונטערדריקן זיי מיט אוממענטשלעכער אַרבעט, בכיוונדיק צי ניט, די געריכטן נעמען כאַבאַר... די שלעכטסקייט טוט זיך אָן פּרומע קליידער, כדי אָפּצונאַרן... זיינען אויפגעשטאַנען די שרייבער און האָבן זיך גענומען אָראָפּרייסן די מאַסקעס פון זייערע פּנימער — און זייער העסלעכקייט האָט זיך באַוויזן פאַר יעדערן." *

און אין אַן אַנדער אָרט **: „צום באַדויערן, זיינען נאָך פאַראַן אַ סך דיכטער, וואָס מיינען, אַז דאָס ליבלעכע און די שיינקייט זיינען דאָס דער ציל... דאָס איז טאַקע דער חילוק צווישן די אידעאַליסטן און די רעאַליסטן! די ערשטע האָבן זיך געשטעלט אַלס הויפּט־ציל דאָס ליבלעכע און שיינע, זיי האָבן געבויט פּאַלאַצן פון שפּינוועבס. ניט אַזוי די אַנדערע. זייער ציל איז נאָר, אַז דאָס נוצלעכע זאָל שטאַרק ווירקן, זוכן זיי מיטלען, ווי אַזוי אַריינצופּלאַנצן דאָס נוצלעכע אינעם מענטשנס נשמה. באַקומט זיך, אַז די שיינקייט, וואָס ביי די אידעאַליסטן איז דאָס אַ זעלבסטצוועק, ווערט דאָ אַ גוטער פאַרמיטלער אויף איינצופּלאַנצן דאָס נוצלעכע, וואָס דאָס איז דער ציל פון יעדן אמתן דיכטער..." די אמתע דיכטער נעמען זיך „מאָטיוון פונעם מענטשלעכן טאָג־טעגלעכן לעבן און מאַכן דערפון געשמאַקע דערנערונג פאַרן לייענער, וואָס דערזעענדיק פאַר זיך דאָס נאַקעטע לעבן אָן שום איינהילן, שטעלט ער זיך פאַר אַלע בילדער, וואָס ווערן פאַר אים געשילדערט, און זיי, די בילדער, לאָזן איבער אַ לעבעדיקן און זייער גוטן איינדרוק".

אָבער גראָד דעמאָלט האָט זיך מענדעלע גענומען אויספירן די אייגענע ליטעראַרישע פּראָגראַם. קאָוונער טרעט אין יאָר 1869 שאַרף אַרויס קעגן דער רוסישער איבערזעצונג פון מענדעלעס „האבות והבנים", אָבער די אַרגו־

---

* „המליץ", 1864, נומ. 14, ז. 221.

** „המליץ", 1866, נומ. 39, ז"ז 595-596.

מענטאַציעס, וואָס ער ברענגט, זיינען שוין זייט אַ צייט אַ באַשטאַנדטייל אויך פון מענדעלעס אָנשויאונגען. קאָוונער זאָגט *: „דער דענקענדיקער טייל פובליקע . . . פאָדערט איצט פון אַ ראָמאַן אַ לעבעדיקן געדאַנק, עפּעס אַ נייע אידייע, אַ דערקלערונג פון געזעלשאַפטלעכע פּראָצעס, וואָס אינטערעסירן אין אַ געגעבענעם מאָמענט די געזעלשאַפט, און באַגלייך דערמיט זוכט ער אין אים אַ געזונטן גלייכן שכל, לעבן און אמת... און איצט האָט בלויז אַזאַ ראָמאַן דערפאָלג, וואָס אַנאַליזירט די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, שטעלט אַרויס זייערע טונקעלע זייטן, ווייזט אָן אויף זייערע סיבות און באַמיט זיך צו שילדערן אַ בעסערע אָרדענונג פון די ענינים. פאַרשטענדלעך, אַז וואָס מער לעבנס־פּראָגעס אַ ראָמאַן כאַפּט אַרום, אַלץ אַ גרעסערן באַדייט האָט ער פאַרן לייענער. אָבער אַ חוץ דער הויפּטזאַכלעכער וועזנטלעכער זייט פונעם ראָמאַן, פאָדערט מען אויך נאָך אַ קינסטלערישע באַאַרבעטונג, ריכטיקייט פון די כאַראַקטערן און ווירקלעכקייט פון די טיפּן, וואָס דער אויטאָר כאַפּט אַראָפּ פונעם לעבן אָדער וואָס ער שאַפט זיי אַליין."

קאָוונערס טענות זיינען געריכט בנוגע „האבות והבנים". אין זיינע יידיש־געשריבענע ווערק פירט שוין מענדעלע זייט 1864 באַוואוסטזיניק אויס די דאָזיקע פאָדערונגען. אינעם קאַמף קעגן דעם פריערדיקן מענדעלע באַמערקט דאָס קאָוונער ניט אָדער וויל דאָס ניט באַמערקן. קאָוונער זאָגט **: „די ליטעראַטור פון יעדן פאָלק איז אַ שפּיגל, וואָס אין אים קאָנען מיר זען דאָס אינעווייניקסטע לעבן פונעם פאָלק, זיינע גענג, זיין כאַראַקטער, זיין צושטאַנד... פון דער ליטעראַטור קאָנען מיר כמעט שטענדיק באַקומען אַ ריכטיקע מיינונג וועגן יעדן פאָלק; וואָרים: ניט דאָס פאָלק ווערט געבוירן אויפן שויס פון דער ליטעראַטור, נאָר, פאַרקערט, די ליטעראַטור ווערט געבוירן אויפן שויס פונעם פאָלק..." אויפן יסוד פונעם פאָלקס־לעבן. מענדעלע פּאָלעמיזירט כלומרשט (אין „עין משפט") קעגן דעם דאָזיקן טעזיס (ניט אָנרופנדיק קאָוו־נערס נאָמען) און גיט אַ פולערע פאָרמולירונג, אָבער אין תוך איז ער שוין דעמאָלט מיט קאָוונערס גרונט־געדאַנק מסכים, סיי אין זיין קינסטלערישן שאַפן, סיי אין זיינע טעאָרעטישע אַרויסזאָגונגען — ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען.

6

מענדעלע גיט זיין קינסטלעריש „קרעדאָ", זיין עסטעטיק און ליטע־ראַרישע פּראָגראַם אין דער בראַשור „עין משפט". די דאָזיקע פּרינציפּיעלע

* אין זיין אַרטיקל וועגן מענדעלעס „אָטצי אי דיעטי", אין „דען", 1869, נום. 2, ז"ז 29—31.

** אין זיין באַוואוסטן מעמאָראַנדום פון יאָר 1865; זע „חקר דבר", ז. 38.

אַרויסזאָגונגען באַלויכטן זיין גאַנץ שאַפן. ביי די דאָזיקע אַנשויאונגען איז ער שוין אויף שטענדיק פאַרבליבן. דעריבער איז נייטיק זיך אויף זיי אויספירלעך אָפּצושטעלן.

מענדעלע דערקלערט דאָרט:

„...און ווייל אונדזערע משכילישע שרייבער האַלטן זיך אויך אין דער טראַדיציע און שרייבן נאָר צוליב שרייבן און צוליב אויפהייבן („פאַרן איינציקן" — מענדעלע שרייבט „לשם יחוד" — מ. וו.) פאַרשיידענע הייליקע פסוקים, צו געפינען דערפאָלג ביי אַנגעזעענע מענטשן, — און זיי לייגן גיט קיין אַכט אויף די בויטן פון אונדזער פאָלק, וואָס קומען אַלץ אויף אין פאַרלויף פון דער צייט און וואָס רירן אָן זייער לעבן, דעריבער איז אונדזער איצטיקע ליטעראַטור זייער אַ לויזע און האָט ניט אין זיך קיין לעבן, ווייל די וועלט איז פאַר איר פאַרטונקלט און דער לעבעדיקער גייסט פון דער צייט באַגייסטערט זי ניט. זי זיצט זיך, די דאָזיקע הייליקע העברייאישע ליטעראַטור, אַן עלנטע, ווייט פונעם ליאַרעם פון דער וועלט און פונעם טומל פון מענטשן און אַרום איר הערשט אַ פולקומע רו, אַ רו, וואָס די שרייבער ווילן זי טאַקע האָבן, ווייל זיי ווייסן וואויל, אַז נאָר צוליב דער דאָזיקער רו וועלן זיי באַקומען אַ גוטן נאָמען... און אַז סע טרעפט זיך, אַז די שרייבער הייבן אַמאָל אויף זייער שטים און זיי שעפּטשען עפּעס, פאַרלירט זיך זייער קול אין די ווייטקייטן פונעם רוים און דערגייט ניט צום אויער. און טאַקע אמת — מיט וואָס זאָלן זיי צו זיך צוציען דאָס האַרץ פונעם פאָלק?... יעדע ליטעראַטור, וואָס וואַקסט פון די קוואַלן פונעם פאָלקס־לעבן און פון זיינע איבערלעבונגען, ווירקט טאַקע דערנאָך צוריק אויפן לעבן פונעם פאָלק. און זייענדיק אַ רעזולטאַט, ווערט זי אויף צוריק ווידער אויך אַ ווירקנדיקע סיבה. איך וויל זאָגן: אין יעדן פאָלק, וואָס זיין ליטעראַטור אַנטוויקלט זיך ווי געהעריק... איז פאַראַן אַן אינעווייניקסטע פאַר־בינדונג צווישן אים (דעם פאָלק — מ. וו.) און דעם שרייבער, און יעדער פון די צוויי ווירקט אומבאַדינגט איינס אויפן אַנדערן. באַזונדערס שטאַרק דאַרף זיין די דאָזיקע פאַרבינדונג ביים דיכטער און אינטעליגענט. וואָרים פונקט אַזוי, ווי די ביכער פונעם דיכטער און זיין דיכטונג זיינען אַ צוויגל פונעם פאָלק־שטאַם און וואַקסן פון זיין וועזן און פון זיין אינעווייניקסטן מהות, וואָרים זיי אַנטפּלעקן זיינע געדאַנקען, זיינע שטימונגען און פאָרשטעלונגען און אויך זיינע שטרעבונגען, וואונטשן, האָפענונגען און זיין גאַנץ טראַכטן — פונקט אַזוי בליט און וואַקסט, פון דער אַנדערער זייט, דאָס פאָלק דורך די ווערטער פונעם דיכטער. וואָרים די געדאַנקען פונעם פאָלק, וואָס זיי זיינען ניט אויסגעקלאָרט און גוט פאַרדייטלעכט מיט פולער קענטעניש און באַוואוסטזיניקייט, ווערן דאָס טאַקע אויסגעקלאָרט און אויסגעלייטערט דורכן דיכטער און דורך זיין באַנעם, דורך דעם, וואָס ער שטעלט זיי אַוועק מיט פאַרשטאַנד און וויסן אין פאַסיקע

בילדער, ביז זיי ווערן אָפּן און באַוואוסט, פאַרשטענדלעך יעדערן. דורך דער אויסלייטערונג פון די באַגריפן פאַרפולקומט זיך דאָס פאָלק אַלץ מער, און אַ ריכטיקער גייסט אַנטשטייט אין אים, און סע ווערט אַזוי־אַרום פּייאיק צו דער־גרייכן אַ העכערע מדרגה. און אַזוי גייט דאָס פאָלק (ביי אַ געהעריקער אַנט־וויקלונג פון דער ליטעראַטור — מ. וו.) פאָראויס פון מדרגה צו מדרגה מיט דער הילף פון זיינע שרייבער, וואָס קומען איינער נאָכן אַנדערן צו דער פּאַסיקער צייט, אויף צו פאַרגרעסערן די בילדונג און זי צו שטאַרקן, צו שאַפן נייע באַגריפן פון די אורקוואַלן פונעם פאָלקס־לעבן און זיי אַרויסצופירן פון טונקלקייט צו דער שיין. און לויט דעם וואַקסט די ליטעראַטור און אַנטוויקלט זיך פון זיך אינעווייניק און פון אייגענער אינערלעכער קראַפט...״

מענדעלע זעט דאָ די ליטעראַטור אַלס רעזולטאַט און אַלס פאַקטאָר.

7

און איצט קומט די פּאָלעמיק קעגן קאָוונערס איינזייטיקער פאָרמולירונג. מענדעלע רופט דאָ קאָוונערן ניט אָןביים נאָמען. ער ציטירט בלויז קאָוונערס פאָרמולירונג און פּאָלעמיזירט קעגן איר אויף אַ שאַרפזיניקן אופן:

„...פונקט ווי ס׳איז ניט גערעכט, ווער סע זאָגט (קאָוונער — מ. וו.): „אַ פאָלק ווערט ניט געבוירן אויפן שויס פון דער ליטעראַטור, נאָר פאַרקערט, זי ווערט געבוירן אויפן שויס פונעם פאָלק״ (מענדעלע ברענגט דעם דאָזיקן זאַץ קאָוונערס אין גענדזנפיסלעך — מ. וו.), פונקט אַזוי איז אויך ניט גע־רעכט, ווער סע זאָגט, אַז „דער גייסט פונעם פאָלק ווערט געבוירן אויף איר (דער ליטעראַטורס — מ. וו.) שויס און ניט פאַרקערט״. די דאָזיקעביידע האָבן אַ טעות, — ציט מענדעלע ווייטער זיין געדאַנק, — ווייל זיי אורטיילן איבער דער זאַך איינזייטיק. דער אמת איז, אַז אַ פאָלק און זיין ליטעראַטור פאַרבינדן זיך אינאיינעם צו זיין סיי אַ ווירקונג, סיי אַ באַווירקטס, און זייענדיק אַ רעזולטאַט, ווערט די ליטעראַטור אויך צוריק אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר, ווי געזאָגט, און דערין ליגט איר קראַפט, פון זיך אַליין צו ווערן אַ נויטווענדיקייט און אייגנס פונעם גאַנצן פאָלק (ד. ה. ניט בלויז פון יחידישע „עסטעטן״, נאָר פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן — מ. וו.). אָבער אַ ליטעראַטור, וואָס האָט ניט קיין שייכות צום פאָלק און צו זיין נויט און וואָס ווערט פון דעם ניט באַ־ווירקט, — קאָן אויף קיינעם ניט ווירקן. זי האָט ניט קיין אינטערעס פאַרן פאָלק און זי איז איבעריק אינעם לעבן. די פאָלקס־מאַסע חידושט זיך, וואָס אַזאַ ליטעראַטור איז גאָר פאַראַן, און פרעגט: צו וואָס איז זי, וואָס וויל זי, וואָסער הילף ברענגט זי? — וואָס טוט אויף און וואָס נוצט אַזאַ שרייבער? וואָס טויג אַזאַ סטיליסט? און די דאָזיקע שרייבער ווערן צעטומלט און ווייסן ניט צו ענטפערן עפּעס רעכטס... ווי צו אַזאַ געערטן שרייבער, מיט אָן אַז עק

ביכער, אויב סע באַגעגנט אים אַ מענטש פונעם פאָלק און פרעגט אים פראָסט, אָן חכמות די דאָזיקע פראַגע. אַ שטרויכל־שטיין איז די דאָזיקע פראַגע פאַר אַ סך שרייבער, אָן דער דאָזיקער פראַגע ווערט צעשמעטערט זייער גאַנצע מי און זייער אַמאָליקער כבוד... דאָס איז עס, וואָס מיר האָבן שוין זייט לאַנג געזאָגט, אַז די פראַכט פון דער ליטעראַטור איז נאָר דער מענטשלעכער געדאַנק, וואָס גייט פאָראויס און אַנטוויקלט זיך, נאָר די דערקענטעניש פון דער נאַטור און פונעם לעבן, וואָס אַנטפּלעקן זיך אינעם מענטשלעכן געדאַנק. נאָר דאָס גיט דער ליטעראַטור חן און כוח צו ווירקן מיט איר רייד, נאָר דורך דעם האָט זי דערפאָלג צוצוציען די הערצער פון די לייענער אויף צו פאַרפולקומען זייערע אינערלעכע עמפּינדונגען, צו פילן דאָס מאָראַליש גוטע און שיינע און צו פאַרשטאַרקן זייער וויסן און פאַרשטאַנד. און יעדעס בוך, וואָס האָט ניט דעם דאָזיקן לעבנס־גייסט, איז בלויז ווילדפלייש אין דער ליטעראַטור..." („עין משפט", זשיטאָמיר, 1867, ז"ז 8—11.)

צי איז דאָ אין די דאָזיקע אַרויסזאָגונגען עפּעס אַזוינס, וואָס קאָוונער וואָלט ניט געקאָנט דערמיט מסכים זיין? געוויס ניט. מענדעלע דערגאַנצט דאָ קאָוונערס זאַץ אויף אַ גאַנץ גערעטענעם אופן. פאַרשטייט זיך: דאָס איז פון מענדעלעס זייט דער עיקר אַ פּאָלעמישער גאַנג. קאָוונער האָט מיט זיין פאָרמולירונג געוואָלט שלאָגן די רעאַקציאָנערע עפּיגאָנישע מליצה, די „אידעאַליסטישע" בטלנות און די פון לעבן אָפּגעריסענע אילוזאָרישקייט (אויף וויפיל דאָס האָט זיך געפונען אויך אין מענדעלעס „האבות והבנים" האָט זיך מענדעלע אויך געפילט געטראָפן). דעריבער האָט קאָוונער אין זיין פאָרמולירונג אונטערגעשטראָכן די „דעטערמינירטקייט" פון דער ליטעראַטור. דערמיט איז ער לחלוטין ניט אויסן געווען צו פאַרמינערן דעם ווירקנדיקן באַדייט פון דער ליטעראַטור, פאַרקערט: דער „פונקציאָנעלער" באַדייט פון דער ליטעראַטור איז דאָך גראָד זיין הויפּט־טעזיס. די פּאָלעמיק מענדעלעס קעגן קאָוונערס פאָרמולירונג האָט אין תוך אַלס אַזעלכע קיין ערנסטן באַדייט ניט. וויכטיק אָבער איז פאַר אונדז פעסטצושטעלן, אַז פאַקטיש קומט ער זיך דאָ, אין דער פראַגע וועגן די אויפגאַבעס פון דער ליטעראַטור, דורכאויס צונויף מיט קאָוונערן — און אָן ספק טאַקע אויך אונטער דער ווירקונג פון קאָוונערס קריטיק.

8

קורץ: וואָס שייך אַזעלכע פאָדערונגען צו דער ליטעראַטור, ווי: אידייאישקייט, סאָציאַלע געוועדטקייט, געזעלשאַפט־קריטיק, אָנגריף קעגן די רייכע און פריווילעגירטע, הילף די אָרעמע און עקספּלואַטירטע — שטייט מענדעלע דעמאָלט אויפן זעלבן שטאַנדפּונקט, ווי קאָוונער. אַלס די פאַסיקע פאָרם פאַר

די אויפגאַבעס פון דער ליטעראַטור באַטראַכטן ביידע דעם „רעאַליזם".

אַנטקעגנשטעלנדיק די „רעאַליסטן", די אמתע שרייבער, אַקעגן די מליצה־דיקע ראָמאַנטישע „אידעאַליסטן", זאָגט קאָוונער: „...די פּאָעטן פון דער דאָזיקער גרופּע (די „רעאַליסטן" — מ. וו.) קוקן נאָר אויף דער ערד, זיי טרעטן ניט אָפּ אויף קיין איין טריט פונעם נאַטירלעכן גאַנג. זיי באַשאַפן זיך ניט קיין וועלטן, וואָס קיין מענטשלעך אויג האָט זיי ניט געזען, זיי שילדערן ניט אַזעלכע בילדער, וואָס זיינען בלויז געבוירן פון פאַנטאַזיע און זיינען אין דערווירקלעכקייט ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. אַלץ, וואָס זיי ווייזן אונדז, איז שוין געזען געוואָרן פון מענטשלעכע מאַטעריעלע אויגן. דער גייסט פון זייער פּאָעזיע פאַרקלייבט זיך אונטער פאַרפוילטע שמאַטעס, אין וועלכע עס וויקלען זיך איין אָרעמעלייט. זי קריכט אַריין ביז אינעווייניק און באַווייזט, אַז זייערע געדערים זיינען איינגעשרומפּן פון הונגער־קראַמפּן. זי גייט אין די וואוינונגען פון אָרעמע און שילדערט בילדער, פון וועלכע די האָר שטעלן זיך קאַפּויר. אַט די דאָזיקע פּאָעטן, בשעת דער גייסט פון זייער פּאָעזיע ברענגט זיי אויפן פעלד פונעם פויער, זעען זיי דאָרט אַזעלכע געשטאַלטן: די זון־שטראַלן ברענען, אַ פויער, וואָס איז פאַרשוויצט פון דער זון, פירט מיט איין האַנט זיין אַקער און מיט דער צווייטער האַנט ווישט ער אָפּ פון צייט צו צייט די ריטשקעלעך שוויס, וואָס גיסן זיך פון זיין פּנים... אויפן לייב האָט ער אַ גראָב לייוונטן העמד, וואָס איז פייכט פון שוויס, און זעט אויס ווי אַ זאַק פון קוילן..." א. אַז. וו. „נאָכדעם קומט דער פויער אַהיים — אַ שטוב, וואָס טראָגט בלויז דעם נאָמען שטוב... און סע וואָלט בעסער דערפאַר געפּאַסט דער נאָמען פון אַ שטאַל... און דאָרטן לעבט אַ גאַנצע משפּחה. אויף דער בלאָטיקער פּאָדלאָגע קריכן אַרום פאַרשיידענע שרצים און חיות, און ס'וואַלגערן זיך דריי־פיר קינדער... אויפן איווון קרעכצט ביטער אַן אַלטער פאָטער אָדער מוטער, וואָס טויגן שוין צו גאָרניט..." און קאָוונער באַשרייבט אויספירלעך אין דעם נוסח דאָס לעבן פונעם פויער אין זומער און ווינטער.*

קיינער וועט ניט באַשטרייטן, אַז אין די בילדער פון „דאָס קליינע מענטשעלע" און „טאַקסע" טרעט מענדעלע ניט אָפּ אויף „קיין טריט פונעם נאַטירלעכן גאַנג", אַז אין „פישקע" און „מסעות" פאַרקלייבט זיך דער גייסט פון זיין פּאָעזיע, אַזוי ווי קאָוונער שטעלט פעסט ביי די „רעאַליסטן" — „אונטער פאַרפוילטע שמאַטעס, אין וועלכע עס וויקלען זיך איין די אָרעמעלייט". מענדעלע האָט דאָס געטאָן גאַנץ באַוואוסטזיניק. ער שרייבט מארגוליסן אין זיין ווידמונג צו „פישקע":

„...מיר, אַקעגן, איז באַשערט געווען זיך אַראָפּצולאָזן אויפן נידעריקן

---

* „חקר דבר", ז"ז 9-10.

טרעפל פונעם יידישן לעבן, אונטן אין די קעלערס. מיין „יש־בכאן" איז: שמאַטעס און פוילע סחורה. איך האָב נאָר שטענדיק צו טאָן מיט אביונים, קבצנים, אומגליקלעכע, נעבעך; אויך מיט מענטשעלעך דראַבעס, פּאָקוסניקעס וכדומה אַזעלכע מיני נפשות, קליינישטשקע, נידעריקע פּאַרשוינען. מיר חלומט זיך נאָר בעטלערס. פאַר מיינע אויגן שוועבט תמיד אַ טאָרבע — די אַלטע, גרויסע יידישע טאָרבע הענגט מיר תמיד, ווי יענעם מרה־שחורהניק אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז. וואוהין איך זאָל מיך ניט קערן און ווענדן, זע איך פאַר מיר די טאָרבע; וואָס איך זאָל נישט ווען עפּעס דערציילן אָדער זאָגן, קומט מיר אַפיר די טאָרבע!"

און דווקא פאַר דעם דאָזיקן רעאַליזם זידלט מענדעלען שפּעטער (אין יאָר 1890) דער דעמאָלט נאַציאָנאַל־ליבעראַלער יידישיסט י. לערנער.* ער פאַלט דעמאָלט אָן אויף מענדעלען מיט טענות אַנטליענע פונעם עפּיגאָנישן, סענטי־מענטאַל־זיסלעכן פאָלקיזם: „פישקע דער קרומער — דאָס איז דער פאַר־שטייער פון דעם יידישן ענגן שמאָלן געסל, פונעם מיסט, פון דער בלאָטע, פונעם דלות, פון דער טאָרבע... מיט וואָס פאַר אַן אויגן, פרעגט זיך אָבער, באַטראַכט ר' מענדעלע די יידישע טאָרבע? גיט ער אונדז אַזוינע אמתע טרויעריקע בילדער, וואָס זאָלן דערוועקן אין אונדזערע הערצער געפילן פון רחמנות צו אונדזערע געפאַלענע ברידער? אָ, ניין! שלעפּערס, קאַליקעס, רויטע ממזרים, בלינדע מרשעתן, אָט די זייִנען זייִנע העלדן, און זיי מאָלט ער אונדז מיט אַזאַ שוואַרצער פאַרב, אַז אויסער עקל קאָן עס גאָרניט אַרויסרופן... ווען דעם אייגענעם „יידישן דלות" זאָל אַרייננעמען אין די הענט אַריין אַ קינסטלער, וואָס איז באמת צוגעבונדן צו זיין פאָלק, וואָס די ווייטיקן פון זייִנע ברידער זייִנען אים שטאַרק נאָענט, — וויפיל זיסע, שיינע בילדער וואָלט ער אונדז שוין געשאַפן? דאָס קבצנען אַ גאַנצע וואָך און דער טענוג פונעם אביון, אַז ער האָט שוין דערלעבט מאַכן שבת, דער בטחון פונעם יידישן אָרעמאַן, אַז מסתמא וועט אים גאָט באַשערן זייִנס, דאָס רואיקע און קאָלט־בלוטיקע איבערטראָגן מאַנגל און נויט — דאָס זייִנען אַזעלכע גרויסע זאַכן, וואָס וועלן נאָך ניט איינמאָל אַ ברען טאָן די נשמה פון אַ יידישן שריפטשטעלער און אַ קלעם טאָן דאָס האַרץ פון אַ יידישן לעזער." י. לערנער קאָן ניט פאַר־ליידן די טראַגישע נאָטן אין מענדעלעס שילדערונג. לערנערן, וואָס האָט אַמאָל געהאַט פאָרשריטלעכע אָנשויאונגען, גייט עס דעמאָלט, אין יאָר 1890, שוין ניט וועגן געזעלשאַפט־קריטיק, נאָר, פאַרקערט, וועגן געזעלשאַפט־אַפּאָ־

* י. לערנער (צדוק פרומעס): „וואָס קרום איז ניט גלייך", אין „דער קליינער וועקער, אַ זאַמלונג... אַרויסגעגעבן פון אָדעסער גוטע פריינט פונעם יידישן לשון". אָדעס, 1890, שפּאַלטן 36—43.

לאָגיע. דאָס ווערט קלאָר סיי פון זיינע אַרויסזאָגונגען און סיי פֿונעם גאַנצן גייסט אינעם זאַמלביכל „דער קליינער וועקער".* דאָס מיינט לערנער אויך מיט זיין טענה: „...פון ר' מענדעלעס „פישקע" ווערט אָבער אַזוי קאַלעמוטנע, אַז עס קאָן אַפילו ניט גרינגער ווערן פון די עטלעכע גוטע בלעטלעך, וואָס געפינען זיך דאָרט; אַ שרעקלעכע מרה־שחורה רוקט זיך אַרויף, אַז מע באַטראַכט די גאַנצע כאַליאַסטרע קבצנים, וואָס ר' מענדעלע האָט צונויפגעשלעפּט, כמעט, קאָן מען זאָגן, מיט דער כוונה, צו ווייזן דעם יידן, אַז דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז ניט מער ווי איין אַלטע גרויסע טאָרבע..."

מענדעלע האָט דעם אינעווייניקסטן מהות פון אַזאַ מין קריטיק אויסגעצייכנט באַנומען. ער זאָגט אין יאָר 1888: „...אַ טייל האָבן מיך געהערט גערן מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, ווידער אַ טייל האָבן זיך געקרימט, משונה זיך געקראַצט, נישט צופרידן געווען, וואָס איך ריר זיי אָן ביי דער לעבער און דערמאָן זיי נישט קיין פריילעכע זאַכן..." (אין זיין ווידמונג פון „פישקע דער קרומער" מ. מארגוליסן).

---

* דאָס זעלבע איז אויסן לערנערס טענה צו מענדעלען, אַז „...פונקט דעמאָלט, ווען דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט, ווען אין אונדזער לעבן האָט זיך אָנגעהויבן צו רודעווען פון אַלע זייטן, ווען אונדזערע ברידער האָבן זיך געכאַפּט צו שאלות (לערנער מיינט נאַציאָנאַליסטישע „פּראָבלעמעס" — מ. וו.), וואָס זיינען אַ סך וויכטיקער פון „דער טאַקסע" און פון גלופּסקער „מאַכעריידען", איז ר' מענדעלע אַנטשוויגן געוואָרן (ד. ה. פון אָנהייב ביז העלפט 80ער יאָרן — מ. וו.), ווי אַלדאָס בייז, און אַפילו דער שטורעמווינט, וואָס האָט פיל אומגליקלעכע פאַרטראָגן צו אַלדע רוחות (געמיינט די פּאָגראָמען אָנהייב 80ער יאָרן — מ. וו.) האָט אים ניט געקאָנט אַרויסרייסן פון זיינע דלד אמות, און מע האָט פון אים ניט געהערט קיין וואָרט. סאַמע אין דער רעכטער צייט, ווען אונדזערע יידן האָבן באַדאַרפט זיך דערוואַרעמען מיט אַ „התלהבות" פון אַ היים יידיש האַרץ..." (דאָרט). און אַז מענדעלע האָט שוין יאָ אָנגעהויבן שרייבן, איז ער געקומען מיט „פישקען".

די טענות קלינגען כלומרשט פּראָגרעסיוו, פּונקט אַזוי ווי זיינע טענות וועגן דער „ניט-אַקטועלקייט" פון מענדעלעס טעמעס, וואָס לערנער האָט פירגעבראַכט אין זיין אַרויסטרעטונג אויף אַ באַנקעט אין אָדעס לכבוד ספּעקטאָרן אין יאָר 1889 (דער באַריכט וועגן דעם באַנקעט — „דער קליינער וועקער", שפּאַלטן 57—64). לערנער האָט אָבער מיט די דאָזיקע זאַצן געמיינט אַ רעאַקציאָנערע זאַך. ער האָט געפּאָדערט ביי מענדעלען, אַז ער זאָל אויפהערן מיט זיין אויפקלערעריי און געזעלשאַפט-קריטיק און זאָל זיך שטעלן אויף אַ „פּאָזיטיוון" נאַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט. דאָס מיינט ער מיט זיין פּאָדערונג, מע זאָל זיך נעמען צו „צייט-פראַגן". מיט „די אַלטע אָפּגעריבענע מטבעות" מענדעלעס, פון וועלכע ער חוזקט אָפּ, מיינט ער פּשוט די אויפקלערערישע אידעאַלן, די אויפקלערערישע געזעלשאַפט-קריטיק. און מיט די „אַלטע חכמות" מענדעלעס איז געמיינט דער סאַטיריש-פּאַראָדיסטישער סטיל, אויף וויפיל ער האָט זיך אָפּגעהיט אויך אין די שפּעטערדיקע ווערק (זייט די 80ער יאָרן).

לערנערס טענות װענדן זיך דאָ קעגן מענדעלעס רעאַליסטישן אויפדעקן די „פינצטערע זייטן פון דער געזעלשאַפט". שלום־עליכם האָט צוויי יאָר פריער * גאָר אויף אַן אַנדער אופן אויפגענומען דעם באַדייט פון מענדעלעס „פישקע". ער האָט ריכטיק פעסטגעשטעלט, אַז דער דאָזיקער בוך מיט זיין רעאַליזם רופט אַרויס „סימפּאַטיע, מענטשן־געפיל, רחמנות", און אַז ס׳געפינט זיך דאָרט „אַ סך מער ליבע און פּאָעזיע אַלס אין אַלע טויזנט ראָמאַנען פון דער גאַנצער באַנדע ראָמאַן־מאַכערס" (אין דער דעמאָלטיקער יידישער ליטע־ראַטור — מ. וו.).

9

קאָוונער איז געווען אַ קאָנסעקווענטער קעגנער פון דער רעליגיע. ער האָט זיך באמת אונטערצורייסן איר טראַדיציע ביז צום גרונט. מענדעלע גרענעצט דייטלעך איין זיין קעגנערשאַפט צו דער רעליגיעזער טראַדיציע. ער קריטיקירט זי, ער האַלט אָבער פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז „זאָגנדיק: „טראַדיציאָנעלע מיינונגען", מיינען מיר ניט די געטלעכע טראַדיציע און הייליקע זאַכן. חלילה, זייער כבוד בלייבט אומבאַרירט אויף זייער אָרט, און מיר זיינען אויסן בלויז די טראַדיציע אין וועלט־זאַכן און שטייגערישע ענינים" „עין משפט", ז. 11). די דאָזיקע איינגרענעצונג באַמיט זיך מענדעלע מער אָדער ווייניקער אָפּצוהיטן אין זיין שאַפן, ער באַמיט זיך ניט צו טשעפּען דירעקט דעם תוך פון דער רעליגיע. אַפילו ניט מיט רעפאָרם־פּאָרשלאָגן. עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, אַז זייט די 80ער יאָרן ווערט ביי אים אַלץ מער אָפּגעשוואַכט די פריערדיקע „פּראָנדיאָרישקייט" בנוגע רעליגיע. שוין אין יאָר 1879 וואַרפט ער אַרויס פון זיין נייעם וואַריאַנט „דאָס קליינע מענ־טשעלע" דאָס שטיקל פּאַמפלעט קעגן חסידיזם. שפּעטער מעקט ער שוין אין דער ניי־באַאַרבעטונג פון זיינע ווערק סיסטעמאַטיש אויס יעדן שאַרפערן זאַץ קעגן רעליגיע און כלי־קודש. דוד איינהאָרן, וואָס איז אַ שטיקל צייט געווען מענדעלעס סעקרעטאַר, דערציילט און סמאַקעוועט, ווי סע פּאַסט פאַר אַ בונדיסטישן בעל־תשובה, אַז מענדעלע פלעגט „יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אין פריערדיקן טעקסט באַגעגענען צו־שאַרפע ווערטער קעגן רבנים, ישיבות און לומדי־תורה... מיט אַ גרינג האַרץ נעמען אַ רויטן בלייפעדער, און שטיל, אָן אַ וואָרט צו רעדן, אויסמעקן די פראַזע אָדער ענדערן דעם סטיל. אַ שטימונג איצט ביי אים אַן אַנדערע..." **

* שלום־עליכם: „דער יידישער דלות אין די בעסטע ווערק פון אונדזערע פאָלקס־שריפטשטעלער", ביילאַגע צום „יודישן פאָלקס־בלאַט", 1888, נומ. 39.

** אינעם זאַמלבוך: „מענדעלע מוכר־ספרים, צו זיין 75־יאָריקן יוביליי", וואַרשע, 1910, ז. 52.

קלאָר, אַז די אַלגעמיינע געזעלשאַפט־קריטיק, וואָס באַקומט זיך פון מענדעלעס קינסטלערישע בילדער, האָט אָנגעריִרט דעם גאַנצן מיטלאַלטער־לעכן שטייגער. באַוואוסטזיניק צי ניט, האָט ער מיט זיין קעמפערישער קריטיק פונעם יידישן וועלטלעכן שטייגער, פון דער „טראַדיציע אין וועלט־זאַכן און שטייגערישע ענינים", ממילא אָנגעגריפן אויך אַ גרונט־זייל פונעם מיטל־אַלטערלעכן שטייגער, די רעליגיע. דער וועלטלעכער שטייגער איז דאָך געווען ענג צונויפגעבונדן מיטן רעליגיעזן, און מענדעלעס אַרויסטרעטונגען קעגן דעם ערשטן האָבן געטרייסלט אויך דעם צווייטן. דער דאָזיקער אומדירעקטער אָנגריף אויפן רעליגיעזן שטייגער האָט זיך אָבער זייער אָפט באַקומען אין ווידערשפּרוך צו זיין באַוואוסטזיניקער איינשטעלונג. פאַרשטענדלעך דעריבער, פאַרוואָס ער האָט אין זיין לעצטן שאַפונג־פּעריאָד אויסגעמעקט פון זיינע פריאיקע ווערק אַ טייל קעמפערישע ערטער.

מענדעלע זעט — און זעט ניט גענוג דייטלעך — דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער „יידן־פראַגע" און די אַלגעמיינע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאַר־העלטענישן אינעם לאַנד. די דאָזיקע דערקענטעניש איז ניט אַריינגעדרונגען ביז אין זיין קינסטלעריש פילן און שאַפן. דעריבער טיילט זיך ביי אים, ווי ביי אַ סך אַנדערע משכילים, די „יידן־פראַגע" אין אַן „אינעווייניקסטן" און „אויסנווייניקסטן" טייל. דאָס אָבער ווירקט אַמאָל צוריק אויף זיין קריטיק פון די „אינעווייניקסטע" פאַרהעלטענישן. דאָס שטעלט אים דאָ גרענעצן. סע פירט אים דערצו, ער זאָל אין באַשטימטע פרטים אָפּצאָלן צינז די געוויסע פאַראורטיילן פונעם קליינבירגערטום, ער זאָל איבערלאָזן אין זיין געזעלשאַפט־קריטיק ניט־באַריבאַרע „רעזערוו"־ערטער.

10

דאָס איז דער באַדן פון די איינצלנע געזעלשאַפט־אַפּאָלאָגעטישע מאָמענטן אין די פּובליציסטישע אַרויסזאָגונגען מענדעלעס פון יענער צייט. צו שתדלנות געהער אַפּאָלאָגיע. אין „עין משפט" גיט ער אָפּ אַ געוויס אָרט „צו באַווייזן פאַר די פעלקער די רעכטפאַרטיקייט פון די קינדער ישראל און זייערע גלויבנס־ביכער". ער פאַרטיידיקט מוסר־ספרים, סידורים, דעם תלמוד און אַנדערע רעליגיעזע ביכער, פאָדערט, מע זאָל זיי איבערדרוקן, דערקלערט, אַז זיי זיינען ניט קיין שטערונג פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון בילדונג, און אַז אַלע, וואָס זאָגן אַנדערש, רעדן ניט דעם אמת.

מענדעלע זעט אין יעדן אָנגריף אויף די רעליגיעזע קוואַלן אַן אַנטי־סעמיטישן אָנגריף און דערקלערט: „...אַזוי לאַנג, ווי די באַוואוינער פון דער ערד האַלטן פון דער הימל־מלוכה, וועלן זיי אויך האָבן אַ הייליקע היעראַר־כיע, געזעץ־ביכער, מנהגים־ביכער, פונקט ווי די ערדישע מלוכה, און אַזוי

לאַנג די דאָזיקע זאַכן זיינען פֿאַראַן ביי יעדן פֿאָלק, איז דאָס שפּאָטן פֿון איין פֿאָלק איבערן אַנדערן אַן אומרעכט, פֿאַרשוועכט איין פֿאָלק די הייליקייטן פֿון אַן אַנדער פֿאָלק מיט אומרעכט...״ („עין משפט״). סע טויג ניט, — זאָגט דאָרט מענדעלע, — פֿאַר דער אויפֿקלערונג, אַז מע זאָל פֿאַרניכטן די פֿרומע ביכער. פֿאַרקערט, דאָס וועט אָפּהאַלטן די פֿאַרשפּרייטונג פֿון בילדונג, ווייל עס וועט אַרויסרופֿן אַ פֿאַרשטאַרקטן פֿאַנאַטיזם פֿון דער מאַסע א. אַז. וו. דער דאָזיקער „רעאַל־פּאָליטישער״ מאָטיוו ווערט אָבער תיכּף צונישט־געמאַכט דורך זיין אַפּאָלאָגיע פֿונעם תּלמוד, דורך זיין אונטערשטרייכן דעם ווערט פֿון רעליגיעזקייט פֿאַר דער שול א. אַז. וו. פֿון אינעווייניק צעשטערעריש, אָקעגן דרויסן אַפּאָלאָגעטישע פֿאַרטיידיקונג — דאָס איז דער ווידערשפּרוך פֿונעם יידישן קליינבירגער אין יענער צייט, נאָר אַזוי האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט דעם וועג צו עמאַנסיפּאַציע.

אין די „פּאָזיטיווע״ פֿאָרשלאָגן פֿון זיין רעפֿאָרם־פּראָגראַם „עין משפּט״, ז. 27) גייט מענדעלע דעריבער אַרויס פֿון דער הנחה, אַז „די פֿאַרפֿולקומונג פֿון די יידן איז אָפּהענגיק פֿון צוויי נייטיקע זאַכן״: 1) „פֿון דער רעפֿאָרם פֿון זייער אינערלעכער לאַגע״, ד. ה. די אָפּשאַפֿונג פֿונעם גאַנצן פֿעאָדאַליש־אָפּגעשטאַנענעם שטייגער מיט דער הילף פֿון אויפֿקלערנדיקער בילדונג, פֿאַרשפּרייטונג פֿון קולטור, נייע דערציאונג־אופֿנים, שולן, ליטעראַטור, א. אַז. וו., 2) פֿון דער רעפֿאָרם אין דער פּאָליטישער לאַגע, ד. ה. אָפּשאַפֿן די פֿעאָדאַלישע רעכט־באַגרענעצונגען,—„עמאַנסיפּאַציע״ (דערביי האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז מע קאָן זיך דערשלאָגן די „עמאַנסיפּאַציע״ מיט דער הילף פֿון „אויפֿקלערנדיקע״, ד. ה. אַפּאָלאָגעטיש־שתּדלנישע ווענדונגען)... „די דאָזיקע צוויי זאַכן, — זאָגט ווייטער מענדעלע, — זיינען צונויפֿגעבונדן און צונויפֿגעוויקלט איינע אין דער אַנדערער ווי גייסט און מאַטעריע, אַזוי אַז מע קאָן זיך ניט פֿאָרשטעלן איינס אָן דעם אַנדערן. און ס׳איז זייער נייטיק, אַז די פֿאַרבעסערונג פֿון זייער אינערלעכער לאַגע זאָל געמאַכט ווערן אינעם גייסט פֿון די יידן, אין זייער אייגנאַרט, אינעם גייסט פֿון זייער רעליגיע און זייער שפּראַך און זייערע אָנשויאונגען, און לויט די אינעווייניקע מיטלען („אינעווייניקע מיטלען״ הייסט אָן רעגלאַמענטירעריי — מ. וו.). וואָרים ס׳איז אין דער נאַטור פֿונעם לעבן, אַז דער וואוקס און די אַנטוויקלונג פֿאַרפֿולקומען זיך שטופֿנווייז פֿון אַן אינעווייניקן און אימאַנענטן כּוח. וואָרים די טבע פֿון לעבן באַשטייט פֿון צוויי באַדינגונגען: 1) דער קוואַל פֿון אויסנווייניקסטע עלעמענטן (מענדעלע באַטראַכט דאָ די יידישע פֿאָלקס־מאַסן אַזוי איזאָלירט פֿונעם גאַנצן מלוכהש־סאָציאַלן צוזאַמענהאַנג, אַז פּאָליטישע רעכט פֿאַר יידן באַנעמט ער ווי „אויסנווייניקסטע עלעמענטן״, — דערין ווייזט זיך דער חילוק צווישן זיינע אָנשויאונגען און קאָוונערס — מ. וו.), וואָס דאָס איז עסן און דערנערונג; 2) די

פּיאַיקייט צו פֿאַרדייען די דאָזיקע עלעמענטן לויט אַן אינעוויניקסטן גייסט, און פֿון זיי צו וועבן דעם פֿאָדעם פֿון לעבן — יעדער לויט זיין נאַטור און אייגנאַרט. און דאָס איז אויך די לערע פֿונעם פֿאָלקס־לעבן. דעריבער זאָל די גרויסמוטיקע רעגירונג, וואָס ווינטשט, אַז אונדזער פֿאָלק זאָל לעבן, זיך מיט אונדז פֿירן ווי די נאַטור, די מוטער פֿון אַלצדינג, וואָס סע לעבט. זי זאָל עפֿענען פֿאַר אונדז דעם אוצר פֿון רעכט אין דער פּאָליטישער וועלט, דעם אוצר פֿון די עלעמענטן, וואָס זיינען נייטיק פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון אונדזער לעבן, און זאָל דערלויבן, אַז אונדזער אינעוויניקסטע פֿאַרפֿולקומונג זאָל גע־מאַכט ווערן לויט אינעוויניקסטע מיטלען, לויט אונדזער טבע און פֿאַר־שטענדעניש."

מענדעלע איז אַ קעגנער פֿון מלוכהשער צוואַנג־רעגלאַמענטירונג (זע „עין משפּט", ז. 27) וואָס שייך אינעוויניקסטע רעפֿאָרמעס (בנוגע קליידער, שולן, שטייגער בכלל, דרוק־באַגרענעצונג פֿון רעליגיעזע ביכער א. אַז. וו.) — אין קעגנזאַץ צו די בורזשואַזע משׂכּילים, וואָס האָבן אַזאַ צוואַנג־רעגלאַמענטירונג זייט לעווינזאָן ביז די 60ער און אַפֿילו 70ער יאָרן דירעקט רעקאָמענדירט דער רעגירונג. דאָס איז ביי מענדעלען פֿאַרבונדן ערשטנס מיט זיין דעמאָקראַטיש־קייט, אָבער טאַקע אויך מיט יענע עלעמענטן אין זיין וועלט־אָנשויאונג, צוליב וועלכע ער באַציט זיך — ביי זיין גאַנצער קריטישער שאַרפֿקייט — פֿאַרט איינגעהאַלטן־פֿאַרזיכטיק צו די לעצטע פֿונדאַמענטן פֿון דער „הייליקער טראַדיציע".

די אָנשויאונגען פֿון זיין געזעלשאַפֿטלעכער סביבֿה האָט צומאָל געדריקט אויף מענדעלעס גייסט. אָבער זיין גרויסע ליבע צום פֿאָלק, זיין שטאַרקער טאַלאַנט האָבן אין זיין קינסטלערישן שאַפֿן אָוועקגעשאַרט דעם דאָזיקן דרוק. וויבאַלד מענדעלע פֿאַרגלייכט די לאַגע פֿון די יידישע מאַסן מיט די פֿאַר־שטעלונגען וועגן אַ מענטשלעך־ווירדיק לעבן, מיט די פֿאָרשטעלונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעפֿאָרמירט ביי די פֿאָרשריטלעכסטע מענטשן פֿון די 60ער יאָרן, הייבט ער זיך תּיכּף אַרויס איבער די פֿאַרשיידענע ענגע השׂגות צו דער הייך פֿון אַן אמתדיק פּראָגרעסיוון דיכטער, וואָס דערזעט און שילדערט די לאַגע פֿונעם פֿאָלק, זיינע נויט און וואונטשן אין גרויסע בילדער פֿון שטענדיק־דויערנדיקן ווערט און באַדייט.

V. מענדעלע אין די זיבעציקער יאָרן

1

אין תוך גענומען איז מענדעלעס פּאָזיטיווער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל שטענדיק געווען און געבליבן — אַן אַבסטראַקטער אידעאַל פון „גערעכטיקייט". דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס ער קומט מיט זיינע דעמאַסקירנדיקע אַרויס־טרעטונגען קעגן דער גבירימשאַפט גיך צו אַ טעמפּן ווינקל.

דער אַנגריף קעגן דער גבירימשאַפט הייבט אים אָן אויסזען ווי אויסזיכט־לאָז. דעריבער ווענדט ער איצט, נאָך דער „טאַקסע", זיין בליק אויף די פאָלקס־מאַסן. ער קאָנצענטרירט איצט זיין שאַפן אויף דער שילדערונג פונעם פאָלקס־לעבן. ערשטנס, אויף „זעלבסט־קריטיק" פון די פאָלקס־מאַסן, כדי זיי אויפצוהייבן אויף אַ העכערער געזעלשאַפטלעכער מדרגה, זיי אַזוי־אַרום רייף צו מאַכן פאַר „עמאַנסיפּאַציע". צווייטנס, אויף „אַפּאָלאָגיע" פון די פאָלקס־מאַסן, אויפן ליבעפולן אונטערשטרייכן און באַווייזן זייערע הויכע מענטשלעכע אייגנשאַפטן און דערמיט הייבן זייער מוט און ווירדע אין זייער אייגענעם באַ־וואוסטזיין, און זייער ווערט און באַדייט — אין די אויגן פון די אַנדערע געזעל־שאַפטלעכע שיכטן. דריטנס, אויף דער ביטערער עקאָנאָמישער נויט און אָרעמקייט פון די מאַסן, כדי סע זאָל זיי און אויך אַנדערע קלאָר ווערן די אומדערטרעגלעכקייט פון זייער לאַגע.

דעם דאָזיקן וועג באַטרעט מענדעלע מיט זיין ווערק „פישקע דער קרומער" אין יאָר 1869, אינעם זעלבן יאָר, אין וועלכן עס איז דערשינען זיין „טאַקסע". אין „פישקע" פאַרקלייבט זיך „דער גייסט פון זיין פּאָעזיע" בוכשטעבלעך אונטער „פאַרפוילטע שמאַטעס, אין וועלכע עס וויקלען זיך אין אָרעמעלייט". זיין פאָלקס־ליבע ווענדט זיך צו דער טעמע „פאַראָרעמטע מאַסע" — „טאָרבע" — אויף אַ גראָטעסק־היפּערבאָלישן אופן. ער האָט דאָ אויסגעקליבן אַלס טרעגער פון דער דערציילונג דעם סאַמע אָרעמסטן, פאַרלוירנסטן און לומפּישן טייל פון דער אָרעמשאַפט, — בעטלערס, כדי אַזוי־אַרום דייטלעכער, שאַרפער צו ברענגען צום באַוואוסטזיין פונעם לייענער די לאַגע פון די מאַסן. דער דאָזיקער פיגורן־אָפּקלייב איז אַ רעזולטאַט פון זיינע פאָלקס־אַפּאָלאָגעטישע שטימונגען. אין „דאָס קליינע מענטשעלע" און „טאַקסע" באַווייזט ער די אומ־מענטשלעכקייט פונעם גביר. אין „פישקע" (און אין „מסעות") דעקט ער אויף די נויט און מענטשלעכקייט פון דער אָרעמשאַפט. דער פאַקט, אַז זייער אַ גרויסער טייל פון דער שטעטלדיקער מאַסע איז באַשטאַנען פון דעקלאַסירטע לומפּן און פאַופּערס, ווערט אין „פישקע" דערפירט צו אַ סימבאָלישער היפּער־

באַל, וואָס דערגייט דאַן אין דער „קליאַטשע“ ביז צו אויסגעשפּראָכענער אַלעגאָריע.

אַחוץ דער באַרעכטיקונג פון די פאָלקס־מאַסן, איז אָבער מענדעלע ניט וויניקער אויסן זייער פאַרפולקומונג. די אויפקלערערישע געזעלשאַפט־קריטישע טענדענצן אין זיינע אָנשויאונגען היטן אים אָפּ, אַז ער זאָל ניט דערפירן די באַרעכטיקונג ביז צו אידעאַליזאַציע. ער שטראָפט זיי אויף אַ שטרענגן אופן פאַר זייער אָפּגעשטאַנענקייט און פאַרווילדערטקייט. דער ביז־גאָר פאַרשטאַרקטער ווידערשפּרוך צווישן סענטימענטאַלער באַרעכטיקונג און אָנרחמנותדיקער קריטיק — דאָס איז דער באָדן פאַר די גראָטעסקע שטריכן, וואָס באַווייזן זיך אין מענדעלעס שאַפן.

דער „פישקע“ פון 1869 איז, פאַרשטייט זיך, נאָך ניט דאָס מייסטער־ווערק, וואָס פון דעם בוך איז געוואָרן אין דער איבעראַרבעטונג אין יאָר 1888. די בילדער, וואָס אַסאָציאירן זיך, פון איין זייט, מיטן גראָטעסק פונעם נידער־לענדישן פויערים־מאָלער ברויגל, און וואָס דערמאָנען, פון דער אַנדערער זייט, אויף עפּעס אַ באַשטימטן אופן דעם פּאַטעטישן, וואַרעמען, טיף־מענטשלעכן רעאַליזם אינעם מאָל־שטייגער פונעם גרויסן רעמבראַנדט, — זיינען אינעם ערשטן וואַריאַנט נאָך וויניק אַנטוויקלט.

זיי זיינען שוין אָבער אין דעם דאָזיקן ערשטן וואַריאַנט פאַראַן. מענדעלע האָט די דאָזיקע בילדער אין יאָר 1888 בלויז אויף אַ רייפן געניט־מייסטערישן אופן צעוויקלט. דער עיקר באַדייט פון מענדעלען אין זיין לעצטן פּעריאָד באַשטייט טאַקע אפשר אין דעם, וואָס ער איז, ניט געקוקט אויף זיין געענדער־טער וועלט־אָנשויאונג, פייאיק געווען וואונדערלעך צו אַנטוויקלען זיינע פריערדיקע טעמעס, כאָטש טאַקע מיט באַשטימטע נייע ווידערשפּרעכלעכע צוגאָבן, אָבער פאָרט גלייכצייטיק אין תוך אַנטשפּרעכנדיקע צו דער פריער־דיקער איינשטעלונג, — באַשטייט דערין, וואָס די קראַפט און רעאַלקייט פון זיינע בילדער האָט בייגעקומען זיינע נייע באַוואוסטזיניקע טענדענצן.

אין „פישקע“ האָט מענדעלע אויף אַ באַראָקן * און דערביי שטאַרק רעאַליסטישן אופן געמאָלט בילדער פון דער נויט. ער האָט דעם טאָרבע־סימבאָל מיט גרויסער קונסט אַוועקגעשטעלט כמעט אַלס עפּעס אייביקס. ס׳פילט זיך דאָ דעריבער אַ פאַטאַליסטישע פאַרמשפּטקייט פון די געשטאַלטן.

---

* ס׳איז אַן אומזין צו זען אין באַראָקאָ בלויז צעפאַלונג און צו איגנאָרירן דעם איבערפלייצנדיקן, רייכן כוח פון די פאָלקס-מאַסן, וואָס האָט זיך דאָ מאַני-פעסטירט. ס׳וועט גענוג זיין צו דערמאָנען, אַז דער גרויסער רעמבראַנדט איז געווען אַ באַראָקאָ-קינסטלער און אַז עס פעלן ניט קיין באַראָקאָ-עלעמענטן ביי די ג ר ע ס ט ע רעאַליסטן אין דער ליטעראַטור און קונסט פון דער פאַרגאַנגענהייט (זינט ראַבלע ביז באַלזאַק און ווייטער).

אין די בילדער פון אומשולדיק שווייגנדיקן ליידן אַנטהאַלט דאָס ווערק אַ מעכטיקן אויסדרוק פון פּראָטעסט, דערביי אָבער אויך אַ פאַרצווייפלטע ביטערקייט, פּעסימיזם. די דאָזיקע שטריכן זעען מיר שוין דייטלעך אויך אינעם וואַריאַנט פון 1869 פאַרגעצייכנט. טענער פון געזעלשאַפטלעכן פּעסימיזם זיינען אַ נייס אין מענדעלעס שאַפן.

2

ס׳זיינען אַריבער עטלעכע יאָר זייט דעם דערשיינען פון דער „טאַקסע״, וואָס איז פּאָפּולער געוואָרן ביי די ברייטסטע מאַסן. ס׳איז שוין אַריבער העכער אַ יאָרצענדליק זייט דער פויערים־„רעפאָרם״, אָבער קיין פאַרבעסערונג אין דער לאַגע פון די שטעטלדיקע מאַסן האָט זיך דערפון ניט געפילט. פאַרקערט: אויב די צאַרישע רעגירונג האָט פאַר די רייכע יידישע בירגער אַ ביסל פאַרברייטערט זייערע רעכט, האָט זי די רעכט פון די פאַראָרעמטע מאַסן נאָך מער פאַרשמעלערט.

מענדעלעס גלויבן אין אַ גייסטיקער לייזונג פון דער יידן־פראַגע ביי די געגעבענע פאַרהעלטענישן הייבט זיך אָן צו וואַקלען. צו בפירושן פּאָליטישן קאַמף איז מענדעלע ניט אויפגעלייגט. פאַרקלייבט זיך זיין ביטערקייט און תרעומת צוריק אויף אינעווייניק, און ס׳אַנטבלויזן זיך אין זיין שאַפן איינצלנע מאָטיוון פון קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַליזם. דאָס איז דעמאָלט די פאָרם פון זיין פּראָטעסט איבער דער אַנטווישונג. ס׳איז אַ קליינבירגערלעכער שטריך צו ענטפערן אויף סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג — מיט נאַציאָנאַליסטיש־באַפאַרבטער רעליגיעזקייט.

אין „די קליאַטשע״ (1873), אין וועלכער די סימבאָלישע אַלעגאָריע איז דורכגעמישט מיט שטיגעריש־רעאַליסטישע בילדער, געפינען מיר די זעלבע איינשטעלונג, וואָס מיר האָבן פעסטגעשטעלט אין „פישקע״: שאַרפע „זעלבסט־קריטיק״ און גלייכצייטיק אויך ליידנשאַפטלעכע באַרעכטיקונג פון די מאַסן. מענדעלע מאַכט דאָ זייער אַ וויכטיקן טראָט פאָראויס: ער באַמיט זיך צו עפענען די אויגן פון דער מאַסע אויף דער ווירדעלאָזיקייט פון איר געזעלשאַפטלעכער, פּאָליטישער לאַגע, אויף איר רעכט צו פאָדערן בירגערלעכע באַפרייאונג — עמאַנסיפּאַציע. ער קלערט זי אויף וועגן איר ראָל אַלס „קליאַטשע״, וואָס יעדער באַנוצט זיך מיט איר, נעמט זיך דאָס רעכט זי צו מאַטערן, פון איר אָפּצושפּעטן. מיט בייזער איראָניע פאַלט ער אָן אויפן אַדל, אויף די פריצים, די „פאַנסקע צאַפּעס און טאַבונעס פערד״, און אומדירעקט אַפילו אויף דער רעגירונג. ס׳איז ניט סתם אַ צופאַל, וואָס די צאַרישע צענזור האָט פאַרבאָטן דערשיינען די רוסישע איבערזעצונג פון דער „קליאַטשע״

תיכף נאָך די ערשטע פאַרזעצונגען. „די קליאַטשע״ איז אַ שאַרפע שטרייט־שריפט פאַר די בירגערלעכע רעכט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, אין תוך אַ דורכאויס דעמאָקראַטיש ווערק, אָבער אין איינצלנע ערטער לאָזן זיך דאָ הערן נאַציאָנאַליסטישע טענער, פון וועלכע מענדעלעס שאַפן אין יידישער שפּראַך איז פריער געווען פריי.

מענדעלע שרייבט (1875) זיין פּאָעמע „דאָס יידל״, וואו ס׳ווערט אויף זייער אַ נאַאיוון און קינסטלעריש אומבאַהאָלפענעם אופן באַוויזן דער היסטאָרישער יחוס פונעם יידישן פאָלק. אין דער זעלבער צייט דערשיינען זיינע ביכער „זמירות״ און „פּרק שירה״. ס׳איז באַקאַנט, אַז מענדעלע האָט צו יענער צייט אויך איבערגעזעצט אויף יידיש טיילן פון תהילים און זיך געקליבן איבערזעצן דעם „קרבן מנחה״.

דאָס שטרעבן צו באַרעכטיקן די מאַסן דורך זייער „פאַרפּולקומונג״ גייט דאָ אַריבער אויף רעליגיעז־נאַציאָנאַליסטישע רעלסן. גראָד דעמאָלט, ווען ער שטרייכט מער ווי שטענדיק אונטער די פאָדערונג פון בירגערלעכע פּאָליטישע רעכט, דעמאָלט, ווען ער שטויסט זיך דירעקט אָן אויף דער פּאָליטישער אָרדענונג פונעם זעלבסטהערשעריש־גוטבאַזיצערישן רעזשים,—גראָד דעמאָלט אַנטבלויזן זיך גלייכצייטיק די געוויסע הינטערשטעליקע עלעמענטן פון זיין וועלט־אַנשויאונג. אַזעלכע רעליגיעז־באַלעבאַטישע ווערק, ווי אין 1875 („דאָס יידל״, „זמירות״, „פּרק שירה״), האָט דאָך מענדעלע אַפילו שפּעטער, אינעם פּעריאָד זייט די 80ער יאָרן, שוין קיינמאָל ניט מער פאַרעפנטלעכט. און דאָס איז אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן גראָד מיט זיין באַטאָנען די פּאָליטישע פאָדערונגען (עמאַנסיפּאַציע), וואָס איז דעמאָלט ביי אים שאַרפער געקומען צום אויסדרוק, איידער ווען ניט איז פריער אָדער שפּעטער. די ווידערשפּרעכלעכ־קייט פון דעם דאָזיקן גאַנג האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. ניט קיין חידוש, אַז דאָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ שאַרפע קריטיק, ווי, למשל, לינעצקיס.

פון דער דאָזיקער אידייאישער און קינסטלערישער געפאַלנקייט הייבט זיך מענדעלע אַרויס ערשט דעמאָלט, ווען ער ווענדט זיך ווידער צו געזעלשאַפט־קריטיק אין זיין מייסטער־ווערק „מסעות״ (1878) און אין דעם נייעם גאָר באַדייטנדיק איבערגעאַרבעטן וואַריאַנט פון „דאָס קליינע מענטשעלע״ (1879). כאָטש די געזעלשאַפט־קריטיק האַלט זיך דאָ דווקא אין די „אינעווייניקסטע״ ראַמען און גייט ניט אַרויס ביז צו דירעקטע פּאָליטישע טענות (ווי אין דער „קליאַטשע״), איז אָבער מענדעלע גראָד דאָ קאָנסעקווענטער, איידער אין יענע פאַלן, ווען ער שטויסט זיך צונויף מיט דער אַלגעמיינער פראַגע פון דער פּאָליטישער אָרדענונג. גראָד דאָ, אינעווייניק, אין די „נאַציאָנאַלע ראַמען״, איז מענדעלע פאַרשריטלעכער און שאַרפזיניקער. גראָד דאָ קאָן ער זיך באַ־

ווייזן אַלס דער גרויסער באַקעמפּער פון דער „היסטאָרישער", פאַרגליווערטער אָפּגעשטאַנענקייט. דאָ האָט אים דער געמעסיקטער כאַראַקטער פון זיינע אָנשויאונגען ניט געשטעלט אַזעלכע גרענעצן, ווי דאָרט, וואו ער רירט זיך צו צו פראַגן, דירעקט פאַרבונדענע מיט די אַלגעמיינע פּאָליטישע באַדינגונגען.

3

געזעלשאַפט־קריטישער אָנגריף קעגן די פעאָדאַלישע רעשטן — און מער אָדער ווייניקער רעליגיעז־נאַציאָנאַל געשטימטע אַפּאָלאָגיע זיינען צווי וועזנטלעכע זייטן פון מענדעלעס אידעאָלאָגיע. פאַרשריטלעך אינעם נעגירנ־דיקן — און טיילווייז רעגרעסיוו אינעם פּאָזיטיוון טייל.

דעריבער איז דאָס גאָר ניט איבערראַשנדיק, אַז נאָך דעם ציקל רעליגיעזע און אַפּאָלאָגעטישע ווערק קומט תיכף אַזאַ ווערק ווי „מסעות", די סאַמע שאַרפסטע, סאַמע מייסטערישע און קאָנסעקווענטע סאַטירע מענדעלעס, דער שטאַרקסטער דאָקומענט פון דער געזעלשאַפטלעכער קריטיק און נאַציאָנאַלער „זעלבסט־קריטיק", די בייסיקסטע דעמאַסקירונג פונעם גאַנצן מיטלאַלטערלעכן שטייגער.

די גאַנצע סאָציאַלע פאַרביטערטקייט און בונטאַרישקייט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין מענדעלען, האָט זיך מיט אימפּעט קאָנצענטרירט אויף דער קריטיק פון „אינעווייניק". פונדאַנען שטאַמט די אויפרייסערישע קראַפט פון דעם בוך. קעגן דעם „אויסנווייניקסטן" פּאָליטישן רעזשים האָט מענדעלע ניט געוואָלט אַרויסטרעטן, און אַלס רעזולטאַט פון דעם — אויך ניט קעגן די סאַמע לעצטע „גרונט־זיילן" פון „אינעווייניקסטן" רעזשים (פון דער רעליגיע). האָט זיך דאָ זיין קריטיק קאָנצענטרירט קעגן דעם סאָציאַל־שטייגערישן „אינעווייניקסטן" רעזשים, אַזוי אַז זי האָט סוף־כל־סוף געמוזט אָנרירן סיי די סאַמע לעצטע „גרונט־זיילן" פונעם „אינעווייניקסטן" רעזשים (פון דער „רעליגיע") און סיי דעם פּאָליטישן רעזשים.

ענגעלס זאָגט: „וואָס מער אָנרחמנותדיק („ריקזיכטלאָזער") און אָנפּניות־דיק („אומבעפאַנגענער") עס איז די וויסנשאַפט, אַלץ מער איז זי אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן און שטרעבונגען פון די אַרבעטער." דאָס האָט אָבער אָן ספק אַ שייכות ניט נאָר צו וויסנשאַפט, נאָר אויך צו קינסטלערישע בילדער, ניט בלויז צו די אינטערעסן פון די אַרבעטער, נאָר אויך פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן. אויף וויפיל קינסטלערישע שילדערונגען פון דער ליטעראַרי־שער ירושה זיינען „ריקזיכטלאָז", אָנפּניותדיק, אויף וויפיל זיי שפּיגלען אָפּ די אָביעקטיוועווירקלעכקייט, אויף אַזויפיל זיינען זיי בכלל פאַרשריטלעך. „מסעות" האָט אין זיך „אָנרחמנותדיקייט" און „אָנפּניותדיקייט". דעריבער איז דאָס אַ זייער שטאַרקער קאַמף־בוך — אַלצאיינס ווי וויט דאָס איז געווען

מענדעלעס באַוואוסטזיניקע כוונה, צי ניט — קעגן דער גאַנצער „היסטאָרישער אָפּגעשטאַנענקייט", קעגן אַלע אירע „גרונט־זיילן" און קעגן דעם גאַנצן „טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער". און באַגלייך דערמיט — אַ גאָר בייזע אָנקלאָג אויף דעם גאַנצן רעזשים פונעם צאַרישן רוסלאַנד.

4

„מסעות איז אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור די שאַרפּסטע און מייסטערישסטע סאַטירע אויפן אָפּגעשטאַנענעם לעבן אינעם שטעטל. די דאָזיקע סאַטירע שטייט סיי אידעאָלאָגיש, סיי קינסטלעריש אומפאַרגלייכלעך העכער, ווי למשל, לינעצקיס „דאָס פוילישע יינגל", וואָס איז אַרויס פון דרוק מיט עלף יאָר פריער (1867־1868). ביי לינעצקין גייט די קריטיק אין דער פאָרם פון אַ טאַלאַנטירט אויפגעבויטער כראָנאָלאָגישער ביאָגראַפיע — סוף־כל־סוף אַ געניג פּראָסטע נאַטור־וואוקסיקע מאַניר, וואָס גייט אויף דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד, אַן איינפאַך אָנגעשריבענער „לעבנס־גאַנג". אין „מסעות" האָבן מיר אַ קונסטפול און טיף פאַרטראַכטע פאַבול, מיט גלענצנדיק איינגעפּאַסטע איינפאַלן, וואָס שלאָגן ניט בלויז דירעקט אויף דער אויבער־פלאַך פון שטייגער, אויף איין ליניע, גראָד און אויף איין זייט, נאָר אויך אומ־דירעקט אין דער סאַמע געדיכטעניש פון שטייגער, גלייכצייטיק אין די פאַר־שיידנסטע ריכטונגען.

אין דעם דאָזיקן בוך האָט מענדעלע פאַרסאַכאַקלט זיין גאַנצע פאַר־ביטערטקייט, זיין גאַנצע דערפאַרונג פונעם קאַמף, וואָס ער האָט געפירט זייט אָנהייב 60ער יאָרן. דאָס איז אַ שטאַרקער פינאַל (אַחוץ דעם נאָכקלאַנג אין זיין גרויסער איבעראַרבעטונג פון „דאָס קליינע מענטשעלע", 1879), מיט וועלכן ער פאַרענדיקט זיין צווייטן פעריאָד (1864—1879), זיין קעמפערישן פעריאָד.

אין דעם דאָזיקן בוך איז קאָנצענטרירט דאָס פּראָגרעסיווסטע אין מענ־דעלעס אָנשויאונגען, און כאָטש ס'באַווייזט זיך אין דעם בוך אויך די סענטימענטאַל־לירישע „אַפּאָלאָגעטישע באַרעכטיקונג", באַציט זי זיך דאָ אָבער בפירוש נאָר אויף די אונטערדריקטע אָרעמע מאַסן, און ניט אויף „די כיתה (קלאַס — מ. וו.) כאַפּלאַפּער, סאַמע דער צימעס, וואָס געוועלטיקן ביד רמה" (מיט אויפגעהויבענער פויסט — מ. וו.), ניט אויף „די כיתה בלאַט־האַלטער"... א. אַז. וו. דאָס איז די מייסטער־שאַפונג מענדעלעס, דער בוך, אין וועלכן מענדעלע דערהייבט זיך צו געניאַלישקייט.

אין „דאָס יידל", „זמירות", „פרק שירה" האָט זיך מענדעלע אַראָפּגעלאָזט צו די אָפּגעשטאַנענסטע „טיפענישן" פון דער קליינבירגערלעכער מאַסע. אין

„מסעות" האָט ער זיך הויך איבער איר אַרויסגעהויבן און זיך געשטעלט בעבן די סאַמע אויפגעקלערטסטע און פּאָרשריטלעכסטע פאָרשטייער פון דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט.

צווישן ברייטערע לייענער־קרייזן איז „מסעות" געבליבן ווייניקער פּאָפּו־לער, ווי „דאָס קליינע מענטשעלע", אָדער „די קליאַטשע". די ליטעראַרישע פיינקייטן פון דער פּאַבול, די קאָמפּליצירטקייט פון דער שפּראַך האָט דאָ אויך מיטגעווירקט, אָבער אָן ספק ליגט די הויפּט־סיבה פאַר דער קלענערער פּאָפּו־לערקייט דעריין, וואָס „מסעות" האָט אין די רעאַקציאָנערע 80ער יאָרן לויט זיין אינעווייניקסטן אינהאַלט ניט געקאָנט באַקומען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג. ס'האָבן דעמאָלט געבלאָזן אַנדערע „ווינטן" אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, „פּאָזיטיווע" — נאַציאָנאַליסטישע.

אָן אמתדיק פולע און ברייטע פאַרשטענדעניש פאַר דעם אייגנטלעכן אינ־האַלט פון „מסעות" איז ערשט מעגלעך געוואָרן דורך דער אינטערפּרעטאַציע פון אַ רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט. עס איז דעריבער ניט קיין חידוש, וואָס דער מלוכהשער טעאַטער אין מאָסקווע, איינע פון די אָנגעזעליקע שאַפונגען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט אַדאַנק דער אידעאָלאָגישער ווירקונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט געקאָנט אומפּאַרגלייכלעך בעסער אינטערפּרעטירן, ריכ־טיק טרעפן און אויפדעקן דעם אייגנטלעכן אינהאַלט און מיין פון „מסעות" (ניט פאַרטושירנדיק דערביי די לירישע און טראַגישע מאָמענטן, אויף וויפיל זיי זיינען דאָרט פאַראַן), איידער די הונדערטער „קריטישע" אַרבעטן און אַרטיקלען פון אַלע בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע שרייבער. ערשט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט ענדגילטיק אָפּגעראַמט אַלע מיסטיקע רעשטן פון פּעאָדאַליזם — זיינען אונדז דעריבער אַזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך און נאָענט אַלע קאַמף־ווערק קעגן אים אויך אין דער ליטעראַרישער ירושה.

5

„מסעות" איז אַ סך־הכל פון מענדעלעס צווייטן פּעריאָד, דעריבער איז גראָד „מסעות" דאָס איינציקע צווישן די באַדייטנדיקסטע פּריאיקע דער־ציילערישע פּראָזע־ווערק מענדעלעס, וואָס ער האָט דאָס ניט באַדאַרפט ווידער און ווידעראַמאָל גרינטלעך ביז אין תוך איבעראַרבעטן (ווי „דאָס קליינע מענ־טשעלע", „דאָס ווינטשפינגערל", „פישקע"). דעריבער איז אים דאָס ווערק געראָטן תיכף פון ערשטן „וואָרף". מענדעלע האָט דאָ אינעם ווערק אַמ־קלאָרסטן באַנומען דעם מהות פון זיין טעמע און אויסגעפירט די קינסטלערישע אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט. סע פעלט דאָ אינגאַנצן די פראַגמענ־טאַרישקייט און „געשטוקעווטקייט", וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר באַ־

שטימטע דערציילערישע ווערק מענדעלעס פון זיין שפּעטן פּעריאָד — פּונקט אַזוי פעלט דאָ אויך די „געקינצלטע אינטריגע", וואָס אין „פישקע" און „ווינטשפינגערל" (גרויסער וואַריאַנט), די פאַבול אַנטוויקלט זיך שאַרף און גלאַטיק, ווי אין אַ גוט־געבויטן שוישפּיל, פון אָנהייב ביז צום סוף אויף אַ לאָגישן אופן. די איינגעוועבטע באַטראַכטונגען און לירישע אָדער רעזיאָניאָרישע „אָפּנויגן" פאַרבינדן זיך אָרגאַניש מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פאַבול.

מענדעלע האָט קלאָר באַנומען דעם היסטאָרישן איבערגאַנג־כאַראַקטער פון זיין צייט. ער האָט קלאָר באַנומען, אַז די אויפגאַבע איז דאָ: אַראָפּראַמען רעשטן פון אַן אָפּגעלעבטן, טוכלען, פאַרגליווערטן שטייגער, וואָס איז פאַר־בונדן מיט דער הערשאַפט פונעם אָפּגעלעבטן פעאָדאַלישן קלאַס. דעריבער האָט אים צוגעצויגן די טעמע „דאָן־קיכאָט", וואָס האָט צו איר צייט געדינט צוליב אַן ענלעכער אויפגאַבע. דער דאָזיקער סוזשעט האָט מענדעלען איינער־לעך, אַפּנים, שוין לאַנג באַשעפטיקט. אינעם ערשטן וואַריאַנט פון „ווינטש־פינגערל" (1866) לייענען מיר: „הע! פונדעסטוועגן נעמט זיך אַזוי ניט איבער, האָט ר' סענדערל געשפּאַסט. ביי דער צייט געפינט מען אַ סך פערד, וואָס מע רעדט פון זיי אין ספרים און אין ניי־צייטונג. עט! מען זאָגט, אַ גויאישער שרייבער, איינער עפּעס אַ לעסינג, צי עטינג, וואָס מאַכט עס אויס, זאָל זיין עסעניג, האָט גאָר אָנגעשריבן אַ לויב־ליד אויף איינעם אַן אייזל. אַ דייטשל, וואָס איך האָב אים פאַראַיאָרן אַ ביסל אונטערגעפירט, האָט מיר אַ גאַנצן וועג קראַנק געמאַכט דעם קאָפּ עפּעס מיט אַ סאַנכאָ פּאַנכאָס אַן אייזל, וואָס שטייט באַשריבן אין אַ ספר דאָן סקאָט, קאָט אָדער קישאָט. ביי אונדז יידן איז דאָך פאַראַן פיל באַרימטע אייזל, אַפילו אַזעלכע, וואָס רעדן נאָך אַליין..." די דאָן־קיכאָט־טעמע האָט, אַפּנים, מענדעלען ניט צורו געלאָזט,* ווייל ער האָט געפילט די אַנאַלאָגישקייט צווישן דעם מנחם־מענדל פון דער איבערגאַנג־צייט, וואָס פון פעאָדאַליזם צו קאַפּיטאַליזם — און דעם „ריטער פון דער טרויעריקער געשטאַלט". די אַבסורדע לאַגע, די אויפפירונג און דער שטייגער פון די דאָן־קיכאָטן, פון די „בנימינס" האָט צום טרעפלעכסטן גע־קאָנט באַוויזן ווערן דורך דעם, וואָס די געזעלשאַפט־קריטיק האָט זיך אויף אַ שפּאַס און כלומרשט געשטעלט אויף דער פּאָזיציע פון די בנימינס, צו גיין מיט בנימינען אַ שטיקל פון זיין אומגעלומפּערטן וועג, צו טראַכטן זיין טראַגיש־

---

* ס'איז כדאי צו דערמאָנען, אַז שוין אַקסענפעלד האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט דער דאָן־קיכאָט־טעמע. זיין ערשטער בוך „ספר חסידים" (אַ סאַטירישע אַנטי־חסידישע דערציילונג, וואָס איז פאַרלאָרן געגאַנגען) כאַראַקטעריזירט ער אַליין אַלס אַ פּעריפראַז פון דאָן־קיכאָט.

נאַרישן געדאַנק, צו לאָזן אים אויספירן זיינע פאַנטאַסטישע פּלענער ביזן סוף, און דאָס אַלץ צו שילדערן מיט רעאַליסטישער דייטלעכקייט.

דאָ ווערט די דעטאַלישע שטייגער־קריטיק גרופּירט אַרום אַן „אַמייגנסטן אָנגרייפּבאַרן פּונקט”, דאָס איז די פּוילע ראָמאַנטיש־טרוימערישע פּאַסיווקייט, וואָס האָט איר דייטלעכסטן אויסדרוק געפונען אין דער פאַנטאַסטישער גאולה־טרייסט, מיט האָפענונגען אויף ארץ־ישראל, אויף משיחן, אויף די רויטע יידעלעך הינטער די הרי־חושך און דעם טייך סמבטיון א. אַז. וו. לעבנדיק אין אַ שקלאַפּישער סיטואַציע אין דער פעאָדאַלישער געזעלשאַפט, טרוימען די אָפּגעשטאַנענע מאַסן וועגן פאַרשיידענע פּאַלעסטינעס, וואו זיי וואָלטן כלומרשט געווען באַלעבאַטים, און נאָך מער, וואו אַפילו די בנימינס און סענדערל די יידענעס וועלן ווערן עפּעס אַזוינס ווי פעאָדאַלע הערן. מענדעלע האָט דאָ אָנגעכאַפּט דעם סאַמע אַבסורדישן פּונקט אינעם טראַגיש פאַרקריפּלטן וועלט־באַנעם, און אַרום דעם דאָזיקן פּונקט האָט ער צעוויקלט זיין אָנגריף אויפן „טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער”.

מענדעלע אַליין פילט זיך ניט אַבסאָלוט פריי פון אַזאַ „טרוימערישקייט” (כאָטש צו „אויסגעהאַלטענעם” „חיבת ציון” אָדער ציוניזם איז מענדעלע אַפילו אין זיינע לעצטע יאָרן ניט דערגאַנגען). פונדאַנען שטאַמען אין „מסעות” די עלעמענטן פון סענטימענטאַלן ליריזם. דעריבער שפּעט מענדעלע ניט נאָר איבער די בנימינס און סענדערלעך, נאָר אויף וויפיל ער פילט אין זיך גופא אַ ברייזעלע בנימין — אויך פון זיך. מענדעלע חוזקט איבער די בנימינס — און אין דער אייגענער צייט וויינט ער איבער זיי. אַלס רעזולטאַט פון דער ווידערשפּרעכלעכקייט צווישן קריטיק און ליריזם באַקומען זיך די עלעמענטן פון גראָטעסק און טראַגיק אין „מסעות. אַלס הויפּט־טאָן דאָמינירט דאָ אָבער — פאַרניכטנדיקע קריטיק.

אין „מסעות אַנטיציפּירט מענדעלע דעם אָנגריף אויף די קומענדיקע „חיבת ציון” און דעם ציוניזם, וואָס זיינען אין תוך די אַלטע שקלאַפן־אילוזיע, אָבער שוין אַקטיוויסטיש פאָרמירט לויט דעם נייעם קאַפּיטאַליסטישן שטייגער, — און אינעם לעצטן פעריאָד — אימפּעריאַליסטיש באַאַרבעט. מענדעלע אַנטיציפּירט אין „מסעות די קריטיק פון די רעאַקציאָנערסטע בורזשואַזע אילוזיעס פאַר די מאַסן.

דער מאָסקווער מלוכהשער יידישער טעאַטער האָט אין זיין שטעלונג פון „מסעות” די דאָזיקע מאָמענטן און ווידערשפּרוכן באַנומען, ריכטיק אינטער־פּרעטירט, אונטערגעשטראָכן ווי געהעריק די הערשנדיקע געזעלשאַפט־קריטישע דאָמינאַנטע אינעם ווערק און אויף אַ מייסטערישן אופן, הויפּט־זאַכלעך אין די קינסטלערישע פאַרקערפּערונגען, וואָס סע האָבן געשאַפן די חברים מיכאָעלס און זוסקין, טעאַטראַליש פאַרווירקלעכט.

6

די יידישע באַפעלקערונג אינעם געוועזענעם פּוילן איז זייט עטלעכע יאָר־הונדערט געווען די אָפּגעשטאַנענסטע צווישן אַלע יידישע באַפעלקערונג־גרופּעס אין אייראָפּע, און נאָך מער אין אוקראַינע. דאָס אָרט פון די יידן אין דער עקאָנאָמיק פונעם לאַנד, זייער עקאָנאָמישע ראָל איז געווען דער באָדן פאַר דער דאָזיקער קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט.

ביז צום לעצטן דריטל פונעם 19טן יאָרהונדערט האָט זיך דאָ ווייניק וואָס געענדערט. זייט סוף אַכצנטן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצו־דיפערענצירן אַ שיכט פון בורזשואַ און מיטלבירגער לויטן נייעם קאַפּי־טאַליסטישן שניט. דער דאָזיקער שיכט איז דערווייל געבליבן זייער שיטער און דין, אַפילו אין פאַרגלייך מיט דער פעאָדאַליש־תּקיפישער יידישער גבירימשאַפט. פון דער אַנדערער זייט, קאָן מען אין דער אייגענער צייט פעסטשטעלן אַ דויערנדיקע פּאופּעריזאַציע פון די מאַסן, וואָס פאַרשטאַרקט זיך אַלץ מער און מער און דערגרייכט פאַנטאַסטישע פאַרמען.

דער פעאָדאַלישער לייב־אייגנטימערישער רעזשים האָט געהאַט אַלס איינעם פון זיינע רעזולטאַטן אַן אייגנאַרטיקע „יידן־פּאָליטיק", וואָס האָט צונויפגעטריבן די יידן פון דאָרף אין שטעטל און אין שטאָט אַריין, האָט פאַר־ענגערט די צאָל פון די דערלויבטע וואויך־געגנטן און צונויפגעשטופּט די יידישע מאַסן אויף אַן אכזריותדיקן אופן.

צו דער מיטלאַלטערלעכער פינצטערניש פון דער טעאָלאָגישער קולטור און פּלפּוליסטיק, צו די אַלטע גייסטיקע פאַרקריפּלענישן זיינען צוגעקומען נייע פון די כלערליי חסידישע לערערס, פון די נייע מעגלעכקייטן, וואָס קהל און כלי־קודש האָבן באַקומען דורך דער ניקאָלייאישער „יידן־פּאָליטיק" צו טעראָריזירן די מאַסן, זיי צו עקספּלואַטירן און זיי צו האַלטן אין די פּענטעס פון דער פעאָדאַלישער פינצטערניש (דער רעקרוטן־טעראָר, שטייער־טעראָר, שפּעטער — ביוראָקראַטישער טעראָר: ראַזבאָרן, פּעסער א. אַז. וו., א. אַז. וו.).

ביי דער גאַנצער כלומרשטער פלינקייט אויפן געביט פון זוכן פּרנסה זיינען די מאַסן געווען אויף אַ טראַגישן אופן אָפּגעפרעמדט צום אַרום און אומגלויבלעך אומבאַהאָלפן. אין אַלגעמיין קאָן מען זאָגן, אַז ביז אין 6טן און אַפילו אין 7טן יאָרצענדליק פון 19טן יאָרהונדערט איז די יידישע באַפעל־קערונג אין פּוילן, ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע געבליבן אין אַ קול־טורעלן צושטאַנד, וואָס איז גאָרניט אַזוי וויט פונעם צושטאַנד אין 18טן און אַפילו אין 17טן יאָרהונדערט. אין די יאָרצענדליקער נאָך דער פּויערים־רעפאָרם, ווען דער קאַפּיטאַליזם אַנטוויקלט זיך אין רוסלאַנד מיט געגוג גיכע טעמפּן, אין אַ פּעריאָד, ווען די דעמאָקראַטיש־רעוואָלוציאָנערע קאַמפן קעגן

דעם פעאָדאַליש־גוטבאַזיצערישן רעזשים פון צאַרישן רוסלאַנד האָבן שוין געהאַלטן אין פולן גאַנג און סע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אויסצופאָרמירן די ערשטע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס (70ער יאָרן), האָט די אָפּגעשטאַנענקייט פונעם שטעטל געטראָגן אַ שרייענדיקן כאַראַקטער.

די יידישע באַפעלקערונג איז אין אַלגעמיין געווען שריפטקענעוודיק, באַזונדערס די מענער און אויך אַ גרויסער טייל פרויען. די שריפטקענעוודיקייט האָט זיך אָבער דאָס רוב באַגרענעצט מיט אַ ביסל „עברי", ד. ה. מיט קאָנען לייענען די העברייאישע געבעטן; ביי אַ באַשטימטן טייל מענער אויך אויף אַזויפיל, כדי צו קאָנען פאַרשטיין אויף אַ מאַנגלהאַפטיקן און פאַרקריפּלטן אופן געוויסע ביכער פון דער ביבל אָדער מוסר־ביכער א. אַז. וו. די גאָר געלערנטע, געוויינלעך רבנים און כלי־קודש, האָבן געקאָנט לייענען דעם תלמוד און אַנדערע רעליגיעז־ריטואַלע און טעאָלאָגישע ביכער, זיי האָבן זיך אָבער אין אוקראַינע אַפילו אויף דעם געביט ניט באַזונדערס אויסגעצייכנט. ניט געקוקט אַלזאָ אויף דעם, וואָס די דאָזיקע מאַסן זיינען אין פאַרגלייך מיט די לייב־אייגענע פויערים געווען שריפטקענעוודיקער, און ניט געקוקט אויף דער כלומרשטער „דורכגעטריבנקייט" פונעם לופט־מענטש און די „קענטענישן" אין דער וועלט־פּאָליטיק, וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן אין שול־הויף און אין קלויז הינטערן אויוון, איז די שטעטלדיקע יידישע באַפעלקערונג אין אַלגעמיין געווען משונהדיק אָפּגעפרעמדט צו דער ווירקלעכקייט, צום אַרום, האָט געהאַט וועגן וועלט און ווירקלעכקייט ניט ווייניקער אָפּגעשטאַנענע פאַרשטעלונגען, איידער דער פויער. ערשטנס, — טאַקע אַלס רעזולטאַט פון פעאָדאַליש־לייבאייגנטימערישן רעזשים, צאַרישער יידן־פּאָליטיק און קהלשער עקספּלואַטאַציע און טעראָר — האָט די קליינקרעמעריש־קליינמעקלערישע מאוימדיקע קאָנקורענץ געשאַפן אַ קליינלעכע באַציאונג צו וועלט און ווירקלעכקייט; צווייטנס, האָבן געווירקט די משונה־ווילדע פאָרשטעלונגען פון דער טעאָלאָגיע מיט די נייע צוגאָבן פון חסידיזם; דריטנס, האָט די שטעטלדיקע באַפעלקערונג אַנטשפּרעכנדיק צו איר לאַגע אין דער געזעלשאַפט ניט ווייניק אָנטיילגענומען אין דער א. ג. דאָרפישער „אידיאָטיע". דערביי אָבער האָט זי פונעם פויער אין אַלגעמיין ווייניק איבערגענומען פון זיין מער אינסטינקטיווער, אָבער פאָרט געזונטער באַציאונג צו וועלט און אַרום, די קראַפטפולע בונטאַרישקייט, וואָס דער פויער האָט פאַרמאָגט. די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע לאַגע פון דער שטעטלדיקער באַפעלקערונג אין דער געזעלשאַפט האָט דאָס געוויינלעך ניט סטימולירט.

די דאָזיקע פאַרמיסטיקונג פונעם באַוואוסטזיין האָט זיך מענדעלע, ווי אַ נייער הערקולעס, גענומען אָפּרייניקן. די לעצטע סיבות פון די דאָזיקע פאַקטן און אויך עפּעס אַ רעאַלן וועג, ווי אַזוי זיי צו באַזייטיקן, האָט ער ניט גענוג

דייטלעך געזען, ער האָט זיך אָבער גענומען אויפדעקן די לאַגע אַזוי ווי זי איז. און דאָס אַליין איז שוין געווען אַ גוואַלדיקער אויפטו.

אויך די פריערדיקע משכילים האָבן יעדער אויף זיין שטייגער געקעמפט קעגן דער מיטלאַלטערלעכער פינצטערניש, נעמענדיק אַלס ציל פון זייער אָנגריף פאַרשיידנסטע איינצלנע מאָמענטן. מענדעלעס גרויסע באַדייטונג באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס ער האָט אָנגעטאַפּט דעם תוך, דעם צענטראַלן פונקט פון דער אָפּגעשטאַנענקייט, וואָס ער האָט אין זיינע קינסטלערישע געשטאַלטן אָנגעוויזן אויף דער פאַרקריפּלטער באַציאונג צו דער ווירקלעכקייט, אויף דער אָפּגעפרעמדטקייט צו דער וועלט און אויף דער אומגעלומפּערטער איזאָלירטקייט פונעם אָרום. דאָס האָט מענדעלע מער אָדער ווייניקער געטאָן אין אַלע זיינע בעסטע ווערק. אָבער אַמשטאַרקסטן און אַמטרעפלעכסטן אין זיין „מסעות”. דאָ האָט ער געשאַפן אין סאַמע פינטל, דאָ האָט ער דירעקט, אין קינסטלערישע בילדער פון גרויסער איבערצייגונג־קראַפט, אויפגעדעקט און באַוויזן די שרעקלעכע ניט־אַנטשפּרעכונג פון די פאַרקריפּלטע פאַרשטעלונגען צו דער אמתדיקער ווירקלעכקייט.

ער איז אויסן געווען געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען פון זיין צייט, געטראָפן האָט ער אָבער אויך די כל מיני אָפּגעשטאַנענקייטן, וואָס עקזיסטירן אַלס איבערבלייבענישן סיי אין זייער אורשפּרינגלעכער, סיי אין „מאָדערניזירטער” געשטאַלט ביז אין אונדזער היינטיקער צייט. אַזוינס איז איינער אַ הויפּט־סימן פון אַן אמתדיק מייסטער־ווערק.

7

אין דער הקדמה צו „מסעות” האָט מענדעלע, דרך־אגב, אָפּגעלאַכט אויך פונעם חכמת־היהדותדיקן זוכן די „פאַרלוירענע צען יידישע שבטים”, למשל אין צפון־אַפריקע ביי די נעגרישע טראַגלאָדיטן (היילן־באַוואוינער), אין אַביסיניע,* אין אינדיע, כינע, יעמען א. אַז. וו. מענדעלע האָט געלאַכט פון דער דאָזיקער זוכעניש, וואָס איז אין תוך שטענדיק פאַרבונדן מיט משיחישע האָפענונגען.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז ווען מענדעלע האָט אין יאָר 1911 (אין דער העברייאישער אויסגאַבע פון זיינע ווערק, ב. 2) איבערגעדרוקט זיין העברייאישע איבערזעצונג פון „מסעות”, האָט ער צום סוף פונעם בוך ** צוגעגעבן אַ קליינע צוגאָב, געהאַלטן אינעם גייסט פונעם אורשפּרינגלעכן „מסעות”־טעקסט, און דירעקט פאַרבונדן מיטן אָפּשפּאָט אויפן זוכן די „עשרת־השבטים”,

* זעט דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט, לעאָ מאַרקוס א. אַ.

** כל כתבי מנדלי מוכר ספרים, אודיסא, תרע"א (1911), ב. 2, ז. 164.

און טאַקע אויך אויף אַ געוויסן בטלנישן טייל פון דער חכמת־היהדות — פונקט אַזוי ווי אין דער אַלטער הקדמה צו „מסעות". די דאָזיקע קליינע צוגאָב מענדעלעס וועלן מיר דאָ ברענגען אין אַ יידישער איבערזעצונג.

דערצו דאַרפן מיר אָט וואָס באַמערקן. זייט דעם סוף 19טן יאָרהונדערט האָט זיך, אונטער דער ווירקונג פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען, אין די קרייזן פון דער בורזשואַזער יידישער אינטעליגענץ פאַר־שטאַרקט דער אַלטער אינטערעס פאַר די פאַרשיידענע „פאַרלוירענע טיילן פון יידישן פאָלק" אין אַזיע, אין אַפריקע א. אַז. וו. גראָד אין יאָר 1910, למשל, קורץ פאַרן דערשיינען פון מענדעלעס צוגאָב צו די „מסעות", איז אַרויס זשאַק פייטלאָוויטשעס בוך וועגן די אַביסינישע פאַלאַשאַס (אַ יודאַאיזירנדיקער שבט אין אַביסיניע — דעמאָלט אַן ערך 50 טויזנט נפשות). דער דאָזיקער בוך וועגן די „פאַרלוירענע צווייגלעך פון יידישן פאָלק" האָט אַרויסגערופן אַ שטיקל ליאַרעם אין די יידישע קרייזן אין מערב־אייראָפּע און אויך צווישן די ציוניסטישע קרייזן אין מזרח־אייראָפּע. ס'האָבן זיך דעמאָלט געגרינדעט קאָמיטעטן אויף צו דערנעענטערן די פאַלאַשאַס צו די יידן, אויף אַרויסצושיקן אַ נייע עקספּעדיציע א. אַז. וו. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך עטלעכע גע־לערנטע גענומען אינטערעסירן מיט די כינעזישע „יידן" פון קאַכין־כינע, מיט „יידן"־טראָגלאָדיטן אין צפון־אַפריקע א. אַז. וו. אויף די דאָזיקע און אויף ענלעכע פאַקטן פון פריער גיט דאָס מענדעלע אַן אָנצוהערעניש אין זיין נייער צוגאָב צו „מסעות". ס'האָט זיך דאָ אין אים אָפּגערופן דער אַלטער מענדעלע, וואָס קאָן ניט פאַרלײַדן קיין אומגעלומפּערטע ראָמאַנטיק. דעם טומלדיקן אינטערעס פאַר „יידן" פון אונטער די הרי־חושך, בעת סע דאַרבן און מאַטערן זיך אין אָפּגעשטאָנענקייט און אָרעמקייט ברייטסטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג, גאָר ניט ערגעץ ווייט, נאָר האַרט אונטער דער נאָז. אין דעם דאָזיקן אינטערעס זעט ער אַ ניי־בטלנישע מאָדיפיקאַציע פון בנימין דעם דריטנס זוכענישן.

אָט איז מענדעלעס צוגאָב צו „מסעות" פון יאָר 1911,* איבערגעזעצט פון העברייאיש:

„זאָל זיין באַוואוסט און באַקאַנט

זאָגט מענדעלע מוכר־ספרים: ווי איך האָלט מיר אַזוי אין דרוקן מיינע

---

* מענדעלע האָט, אַפּנים, די צוגאָב אָנגעשריבן פריער, איידער זי איז אין יאָר 1911 געדרוקט געוואָרן. וואַרשיינלעך, קורץ נאָך 1898. אין „אגדות הקדמונים" („לעגענדעס פון פאַרציַיטנס") פאַררופט זיך מענדעלע (1902) אויף פאַקטן, וואָס ווערן דערציילט אין דער דאָזיקער צוגאָב.

מעשיות וועגן די נסיעות פון בנימין דעם דריטן, וואָס דערווייל האָב איך פון זיי אַרויסגעבראַכט, מיט גאָטס הילף, דעם דאָזיקן טייל, וואָס ליגט פאַר אייך, רבותי, האָבן די צייטונגען געבראַכט די ידיעה, אַז אונדזער בנימין דער פאַרער קלייבט זיך איצט אַ צווייט מאָל, אין דער שפּיץ פון אַ גרופּע פאַרשונג־פאַרערס, אין די ווייטע לענדער און אינדזלען אויף יענער זייט הרי־חושך, וואו ער איז שוין איין מאָל געווען. די מעשה דערפון איז אַזוי:

„דער קול פון אַ נייעם בוך הערט זיך אינעם לאַגער פון ישראל — „ספר דרישת כבוד חכמי התורה“ („אַ בוך, וואָס נעמט זיך אָן פאַרן כבוד פון די תורה־געלערנטע“ — מ. וו.), אַרויסגעגעבן דורך די קלאָר־פאַרשטאַנדיקע טוערס דאָ אין דער הייליקער שטאָט ירושלים — אין יאָר תרנ״ח * לפ״ק (לויט דער קליינער יאָר־ציילונג — מ. וו.). די דאָזיקע טוערס זאָגן אָן און טוען צו וויסן: „קדוש ברוך־הוא האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט דעם קוואַל־אויסגאַנג פונעם טייך סמבטיון (וואָס ער איז דאָס דאָך אַ באַוויז, אַז שבת איז פון גאָט, אַזוי ווי אונדזערע לערער זאָגן), און דער דאָזיקער טייערער טייך איז פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט געווען אָט־אָ פאַר אונדזערע אויגן... איז טאַקע כדאי זיך אין דער דאָזיקער זאַך ניט צו פוילן... נאָר זיך צוזאַמלען און צו געפינען אַ פאַרטל, אַז די עזות־פּנימער זאָלן זיך ניט מער דערוועגן גרינג צו שאַצן, חלילה, די ווערטער פון די חכמים... דעריבער האָבן מיר געגרינדעט אַ חברה מיטן נאָמען „פאַרטיידיקערס פונעם כבוד פון די תורה־געלערנטע“ אויף צו מאַכן די נסיעה אַהין און צוריק... און מיר בעטן פון אַלע, וואָס דער כבוד פון גאָט און דער כבוד פון זיינע חכמים איז זיי ציטעריק, אַז זיי זאָלן אונדז העלפן און זאָלן זיין שותפים אין אונדזער חברה אָדער אַלס פאַרערס, אָדער אַלס מיטהעלפערס פון דער נסיעה, יעדער לויט וויפיל זיין האַרץ וועט באַווייליקן צו געבן. דער ענין פאָדערט גרויסע הוצאות אויף צו דערלאַנגען מתנות און אויף געבעט (ד. ה. אויף כאַבאַר פאַר פאַרשיידענע באַאַמטע — מ. וו.)... אויף צו באַצאָלן בילעטן... און שפּייז אויפן וועג... אויף צוצוגרייטן, אַז מיר זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו דאַוונען, ווי געוויינלעך, די תפילות און אויך די וועג־תפילות יעדן טאָג מיט אַ מנין מענטשן... צונויפגעשטעלט פון די פאַרערס, וואָס דאַרפן דעריבער פאָרן צען אירע איינאיינעם.“

„בנימין האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך געפעדערט און גענומען סענדערל די יידענע, זיין טלית און תפילין, זיין שטעקן און זיין קלומעקל, און האָט זיך באַהעפט צו יענע בכבודע טוערס, די קלאָר־פאַרשטאַנדיקע, און איצט פירט ער זיי ווי אַ פערד אין דער שרעקלעכער מדבר, וואָס איז פול מיט

* דער בוך, פון וועלכן מענדעלע האָט דאָ אָפּגעלאַכט, זאָל טאַקע אויף אַן אמתן זיין דערשינען אין ירושלים אין יאָר 1898.

עגדעשן און פּיפּערנאָטערס און טיראַנען פון די פעלקער, ווי פרישא יאָאַן * און קאָפּער אַל טורך. און איך בענטש אים פון טיפסטן האַרצן: זאָל גאָט באַגליקן זיין וועג, און זאָל אים אונדז אומקערן בשלום. און איך וועל זיך באַמיען צו וויסן טאָן צווישן אַלע יידן אויך די מעשיות פון זיין צווייטער נסיעה."

אין זיין פּאַראָדיע „אגדות הקדמונים" (לעגענדעס פון פּאַרצייטנס), וואָס איז אָפּגעדרוקט אין דער זאַמלונג „אחיאסף" פון יאָר 1902, ז"ז 145—147, גיט מענדעלע אַ צוזאָג אויספירלעך צו דערציילן וועגן די וואונדערבאַרע פּאַסירונ־גען, געשעענישן און רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער צווייטער נסיעה בנימינס צו די רויטע יידעלעך אינאיינעם מיט די אויבן־דערמאָנטע „קלאָר־פּאַר־שטאַנדיקע טוערס" פון ירושלים. דערווייל באַנוגנט זיך מענדעלע בלויז מיט אַ קורצן באַריכט אין דער פאָרם פון אַ לעגענדע, אַן אגדה, וואָס בנימין האָט מיטגעבראַכט פון די רויטע יידעלעך. די דאָזיקע לעגענדע איז כלומרשט אור־אַלט. זי אַנטהאַלט אָבער נביאותן אויף דער צוקונפט, דעריבער ווערט אין איר שוין פאָראויסגעזען דאָס אָנקומען בנימינס צו די רויטע יידעלעך. ווי געוויינלעך אַלטע לעגענדעס און דאָקומענטן, זיינען די דאָזיקע אגדות פאַר־הוילן און אומפאַרשטענדלעך, צום טייל פאַרגרייזט, די פאַרשיידענע טיילן דורכגעוואָרפן, דער אָנהייב אין דער מיט א. אַז. וו. דאָס אַלץ קלייבט זיך מענ־דעלע, כלומרשט, קאָרעגירן, אויסטייטשן, אויסשטעלן אויפן ריכטיקן אָרט. די אַלטערטום־פאָרשערס האָבן, דערציילט מענדעלע, דאָס שוין אָפּגעדרוקט אויף דייטש און ענגליש (סאַטירישע אָנצוהערעניש אויף דער „וויסנשאַפט פון יידנטום" אין די פאַרשיידענע שפּראַכן), און מע האַלט דאָס אין איין פאַרשן. דערווייל אָבער, זאָגט מענדעלע, איידער מע וועט דאָס דורכזיפּן דורך דרייצן זיפּן, וויל ער דאָס אָפּדרוקן אין העברייאישן אָריגינאַל בלויז איינמאָל דורכ־געזיפּט. ברענגט מענדעלע דעם כלומרשטן טעקסט פון אַזאַ אגדה מיט אויס־פּאַריכטונגען, קאָניעקטורן, אויסטייטשונגען אונטערן טעקסט און מיט אַלע קונצן פון דער אַרכעאָלאָגישער טעקסט־קריטיק. און די דאָזיקע פּאַראָדיסטישע אגדה אינאיינעם מיט די אויסטייטשונגען אַנטהאַלט אייגנטלעך אין זיך דעם באַריכט וועגן בנימינס צווייטער נסיעה.

דער אינהאַלט פון דעם באַריכט איז אין קורצן אַזאַ:

---

* פּרעסביטער יאָהאַן — לעגענדאַרישער תלמיד און אַפּאָסטאָל פון יעזוס קריסטוס. אין די מיטלאַלטערלעכע קריסטלעכע לעגענדעס פיגורירט דער פּרעסביטער יאָהאַן אַלס קעניג איבער אַ גרויס קריסטלעך קעניגרייך, ערגעץ־וואו אין מיטל־אַזיע. דאָס איז אַ קריסטלעכע אַנאַלאָגיע צו דער יידישער לעגענדע וועגן די צען שבטים הינטער די הרי־חושך.

די עקספּעדיציע פון די „קלאָר־פאַרשטאַנדיקע טוערס" פון ירושלים, אײנ־אײנעם מיט בנימינען און סענדערלען די יידענע, איז אָנגעקומען ביז צום טייך סמבטיון. אָבער דאָ האָבן שוין די „קלאָר־פאַרשטאַנדיקע טוערס" מורא געהאַט װײטער צו גיין, זײ האָבן זיך דערשראָקן פאַר די אומגעהײערע בערג, פאַר די שרעקלעכע שטורעם־װינטן, פאַר דער פינצטערניש און פאַרן סמבטיון, װאָס האָט געפערלעך געראַשט, געטראַסקעט מיט שטײנער א. אַז. װ. זײנען זײ געבליבן טרויעריק זיצן מיט זײער געפּעק און האָבן פונדערװײטנס געקוקט אױפן סמבטיון... בנימין האָט זיך אַנידערגעלײגט בײם ברעג פון דעם טײך, אױפן זאַמד, און האָט אַרײנגעקוקט אין אַ ספר, בעת סענדערל איז לעבן אים געזעסן און האָט געשײלט קאַרטאָפליעס אױף װעטשערע. פּלוצים שפּרינגט בנימין אױף װי אַ לײב און זאָגט מיט באַגײסטערונג:

„— הושענא, סענדערל, װילסט פליען?

"— פליען מיטן קאָפּ אַראָפּ אין טיפער גרוב און ברעכן רוק און לענד, װילסטו, בנימין? — האָט סענדערל קאַלטבלוטיק געפרעגט און זיך ניט אָפּ־געקערט פון די קאַרטאָפליעס, װאָס ער האָט געהאַלטן אין שײלן.

„— נײן, סענדערל, פליען צום הימל און העכער און העכער.

„— מיט בלויזע הענט און פיס?"

ס'האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז בנימין האָט נאָר־װאָס אַרױסגעלײענט פון בנימין טודעלאַס רײזע־באַשרײבונג, װי אַזױ ים־רײזנדע, װאָס זײער שיף װערט דורך שטורעם־װינטן פאַרװאָגלט אין אײז־ים, ראַטעװען זיך אַרױס פון זײער האָפענונגלאָזער לאַגע. זײ קריכן אַרײן אין אַ פעל פון אַ בהמה און נײען זי איבעװײניק צו. דערנאָך װאַרפן זײ זיך, אַזױ אין דער פעל, אַנידער אױפן אײז. קומט תיכף צו פליען אַן אָדלער, װאָס װערט אָנגערופן „גריפון" (ד. ה. „גריף" — „גרײף"), װײל ער מײנט, אַז דאָס איז אַ בהמה, פּאַקט די פעל און פליט מיט איר צו דער טריקעניש, כדי זי דאָרט, די כלומרשטע בהמה, אױף אַ פעלדז־שפּיץ אױפצופרעסן. מוז דעמאָלט דער מענטש גיך אױפשנײדן מיט אַ מעסער די פעל, אַרױסקריכן פון איר און דערהרגענען דעם אָדלער. דערנאָך מוז ער גיין און זוכן די ערטער, װאו מענטשן װאױנען.

בנימין האָט גע'עצהט דער עקספּעדיציע, אַז זײ זאָלן זיך אַלע אױף אַזאַ מין קונציקן אופן אַריבערפליען איבערן טײך סמבטיון און איבער די פינצטערע הױכע בערג צו די רױטע יידעלעך. האָבן די אָנטײלנעמער פון דער עקספּעדיציע מורא געהאַט און זיך אָפּגעזאָגט. בלױז בנימין און סענדערל האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און געטאָן אַזױ װי די פאַרװאָגלטע ים־פאָרערס טוען. קײן בהמהשע פעלן האָבן זײ ניט געהאַט, האָבן זײ זיך באַנוצט מיט זײערע לעדערנע טשעמאָדאַנעס. תיכף האָט זײ דער אָדלער גריפון געפּאַקט און איז מיט זײ אַריבערגעפלױגן צום לאַנד פון די רױטע יידעלעך. װי נאָר

סענדערל איז אַרויס פונעם טשעמאָדאַן, האָט ער פריער פאַר אַלץ אָנגעהויבן שטעלן פּיס און וויזן די רויטע יידעלעך אַ סאָלדאַטישן מאַרשיר, כדי זיי זאָלן זען, אַז ער פאַרשטייט אויך אַ טאָלק אין מלחמה־זאַכן. דאָ איז אים צונויפגעקומען דאָס, וואָס ער איז אַמאָל געווען אַ רעקרוט. די רויטע יידעלעך האָבן זיי ביידע גאָר גרויסאַרטיק אויפגענומען, אָנגעשטאָפּט זיי מיט גאָלד און זילבער און טייערע זאַכן. צוריק זיינען זיי געפלויגן, ווי אַהינצו. אַ טייל פון די זאַכן, וואָס זיי האָבן געבראַכט, זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דעם בריטישן מוזיי אין לאָנדאָן. זיי שטייען דאָרט גאָר אויבנאָן, און אַלע מענטשן חידושן זיך אָן אַן עק. אַזוי, למשל, אַ פלעשל זאַמד פונעם סמבטיון. אַ גאַנצע וואָך שטורעמט און ברויזט דער זאַמד אינעם פלעשל, אָבער שבת — רוט ער. איז דאָס אָן ענין פאַר ניט־יידן! אָבער פאַר יידן האָבן בנימין און סענדערל געבראַכט עפּעס בעסערס: פאַרשיידענע תורות און אגדות פון די רויטע יידעלעך. איינע פון זיי איז דאָס טאַקע די דאָזיקע קונציקע פּאַראָדיע, וואָס אַנטהאַלט אין זיך (אַלס נבואה) דעם באַריכט, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס איבערדערציילט.

מענדעלע חוזקט דאָ סיי פון די בטלנישע רבנים, סיי פון געוויסע קליינלעכע חכמת־היהדותניקעס, פון דער נאַציאָנאַליסטישער ראָמאַנטיק און, אין אַנצוהערענישן, אויך פונעם ציוניזם. מע מוז אָבער אויסדריקלעך פעסטשטעלן, אַז די ציוניסטן גרייפט דאָ מענדעלע אָן פון אַן אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. אין זייער „וועלטלעכן" נאַציאָנאַליזם זעט ער אַ געפאַר פאַר דער רעליגיע. אַזוי מישן זיך צונויף ביי מענדעלען אין יענעם שפּעטן פּעריאָד פון זיין שאַפן זיינע אַמאָליקע אויפקלערערישע טענדענצן (חוזק פון רבנים, פון נאַציאָנאַליסטישער ראָמאַנטיק א. אַ. וו.) מיט באַלעבאַטישער רעליגיעזקייט.

8

אין די זיבעציקער יאָרן קומען אין אָנהייב „די קליאַטשע"—די פּאָליטישע פּאָדערונגען פון די פאָלקס־מאַסן אין פּרט פון בירגערלעכער „עמאַנסיפּאַציע"; צום סוף — „מסעות", די „זעלבסט־קריטיק" פון די פאָלקס־מאַסן; אין דער מיט פון דעם אָפּשניט — „דאָס יידל", „זמירות", „פּרק שירה" — האַלב־רעליגיעזע האַלב־באַלעבאַטיש־נאַציאָנאַליסטישע אַפּאָלאָגיע. מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז דער מהות פון דער „יידן־פראַגע" איז צו יענער צייט דער עיקר די פראַגע וועגן די שטעטלדיקע מאַסן. פון דעם דרינגט אַרויס, אַז דער באַדן פון דעם אַזוי צו זאָגן „המונישן" נאַציאָנאַליזם איז דעמאָלט די לאַגע פונעם זייער פאַראָרעמטן שטעטלדיקן קליינבירגער. דאָס זיינען די אורזאַכן פון די

דערמאָנטע ווידערשפּרעכיקע זייטן אין מענדעלעס אָנשויאונגען פון יענער צייט.

מיט זיין גרויסער איבעראַרבעטונג פון „דאָס קליינע מענטשעלע“ (1879), וואו ער קערט זיך אום צו זיין ערשטן בוך און צעוויקלט אין אויספירלעכע בילדער זיין אָנקלאָג קעגן דער פעאָדאַליש-גבירישער אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע פון די מאַסן, שליסט מענדעלע דעם אייגנאַרטיקסטן פּעריאָד פון זיין שאַפן. ער שרייבט נאָך אַזעלכע מייסטער-ווערק, ווי די גרויסע וואַריאַנטן פון דעם „ווינטשפינגערל“ און „פישקע“ (נאָך „מסעות“ אָן ספק דאָס באַדייטנדיקסטע ווערק מענדעלעס), אָדער „שלמה ר׳ חיימס“ (דער א. ג. ערשטער טייל א. אַ. ווערק. אין תוך אָבער ברענגט דאָס שוין מער ניט אַריין קיין אינהאַלטלעך-נייע שטריכן אין זיין שאַפן. ער חזרט איבער, אַנטוויקלט און באַאַרבעט אַלטע פּלענער, פאַרשאַרפט און פאַרדייטלעכט פאַרשיידענע זייטן פון זיין וועלט-אָנשויאונג, וואָס האָבן זיך שוין אַלס טענדענץ אויך פריער ביי אים באַוויזן, אַנטוויקלט און בילדעט מייסטעריש אויס זיינע קינסטלערישע מיטלען און זיין סטיל-פאַרמעגן — אָבער קיין וועזנטלעכע נייע אָריגינעלע מאָמענטן טראָגט ער שוין אין זיין שאַפן מער ניט אַריין.

9

אין די 80ער יאָרן איז שוין מענדעלע אַנטוישט אין זיינע האָפענונגען אויף דער נייער, מאָדערנער אָרדענונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אַנט-וויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. דערצו זיינען נאָך צוגעקומען די פּאָגראָמען אָנהייב 80ער יאָרן, אַ רעזולטאַט פון די סתירות און קעגנזאַצן, וואָס האָבן באַגלייט די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד און זיינען פון איר אַרויס-גערופן געוואָרן. דאָס האָט געגעבן אַן ענדגילטיקן קלאַפּ אַלע האָפענונגען אַפילו בלויז אויף בירגערלעכער „עמאַנסיפּאַציע“ מצד דער צאַרישער רעגי-רונג. מענדעלע ווערט דעזאָריענטירט און ער שווייגט גאַנצע עטלעכע יאָר: „...יענע שיינע וועסנע-צייט איז אַוועק. אַז אָך און ווי איז דעם יידנס לעבן! און מיר איז פאַר צרות פאַרגאַנגען דער חשק צו שרייבן. עס האָט מיר אַ צייט לאַנג אָפּגענומען דאָס לשון...“ (מענדעלע אין זיין ווידמונג פון „פישקע“ מ. מארגוליסן.)

וועגן מענדעלעס דעמאָלטיקע שטימונג זאָגט עדות זיינע אַ כאַראַקטעריס-טישע אַרויסזאָגונג אין איינעם אַ בריוו* פון יאָר 1881: „...איך בין איצט

---

* „מענדעלע מוכר-ספרים אין זיינע בריוו“. „די צוקונפט“, 1923, נומ. 1, ז״ז 63—71.

פּולקום אייניק מיט רוסאָ, וואָס האָט גערופן די מענטשן אַוועקוואַרפן צום טייוול זייער נאַרישע ציוויליזאַציע און צוריק אומקערן זיך אין די וועלדער." דאָ האָבן מיר שוין די באַוואוסטע בענקשאַפט צו די פּרימיטיווע „אורטימ־לעכע" געזעלשאַפטלעכע פֿאַרהעלטענישן, די רוסאָאישע, טראַדיציאָנעל־קליינבירגערלעכע קעגנערישקייט צו דער „ציוויליזאַציע", צו דער קאַפּי־טאַליסטישער אַנטוויקלונג.

אונטער דעם איינדרוק פון די פּאָגראָמען, וואָס מענדעלע האָט זיי לויט זיין גאַנצער איינשטעלונג געקאָנט דערקלערן נאָר פון אַ ריין נאַציאָנאַלן אַספּעקט, אויסער יעדן צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטישער און סאָציאַל־עקאָנאָמישער לאַגע אינעם לאַנד, פֿאַרשטאַרקן זיך ביי מענדעלען, פּונקט ווי ביים גרעסטן טייל פון דער דעמאָלטיקער יידישער אינטעליגענץ, די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען.

דעם איבערבראָך פון דעמאָקראַטישער אויפקלערעריי צו רעליגיעז־באַפאַרבטן נאַציאָנאַליזם, וואָס איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען ביי אַ היפּשן טייל יידישער אינטעליגענץ, שילדערט איינער אַ בעל־תשובהדיקער פּובליציסט פון יענער צייט אויף אַזאַ אופן: „די פּאָגראָמען האָבן פיל צרות געבראַכט מיט זיך, נאָר דעם כלל, דעם גאַנצן פֿאָלק, דעם יידנטום, האָבן זיי געטאָן אַ גרויסע טובה. דער גרעסטער אומגליק אונדזערער אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פֿאַר די פּאָגראָמען איז געווען, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן לייקענען אין זיך אַליין, פֿאַרגעסן ווער מיר זיינען. מיר האָבן געשריגן אין איין קול, מיר זיינען רוסן, דייטשן, פראַנצויזן, נאָר ניט קיין יידן. דער אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד, די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד האָבן אונדז געעפנט די אויגן און האָבן אונדז דער־מאָנט, אַז מיר זיינען יידן, אַז מיר זיינען אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַן אַלטע היסטאָריע, וואָס האָט אַן אייגענע שפּראַך, וואָס האָט אַ באַזונדערע רעליגיע... דאָס אייביקע פון יידנטום האָט זיך ניט אָפּגעלייקנט... אַ קלאַפּ פון דרויסן האָט אונדז אויפגעוועקט, און מיר האָבן זיך ווידער אומגעקערט צו זיך אַליין..." *

עפּעס ענלעכס אילוסטרירט מענדעלע מיט זיין דערציילונג „אַ גראָע האָר" וועגן אַ נאַציאָנאַליסטיש־רעליגיעז געוואָרענעם „ראַדיקאַל", וואָס איז אַמאָליקע יאָרן זיך צונויפגעקומען מיט יענע „חברה־לייט", „וואָס ווילן פֿאַר־בעסערן די וועלט" (די רעוואָלוציאָנערן — מ. וו.), איז שיער־שיער ניט אַריין מיט זיי „אין אַ צרה" און איז איצט געוואָרן אַ רעליגיעזער חובב־ציון — און ס'הערט זיך דאָ אַ טאָן פון הסכמה מצד דעם אויטאָר. זייט די 80ער יאָרן

---

* ב. בראַנדט: „צייטן ביי̆טן זיך". אין שלום-עליכמס „יודישע פֿאָלקס-ביבליאָ-טעק", צווייטער בוך, 1889, אָפּטיילונג: וויסנשאַפטלעכע... און אַנדערע אַרטיקלען, ז"ז 17-18.

הייבט זיך מענדעלע אַמאָל אָן צוצוהערן צו גאָטלאָבערס * דעמאָלטיקן לאָזונג: „גייט אין שולן אַריין!“

10

מע דאַרף זיך דאָס אָבער ניט פאָרשטעלן אַזוי, אַז מענדעלע האָט אין די 80ער יאָרן אויף אַן אמתן געריסן מיט זיין אַלטער טראַדיציע און מיט זיינע פריערדיקע טענדענצן. אויך אין זיין שאַפן זייט די 80ער יאָרן האָט מענדעלע איבערגעחזרט דעם וויכטיקסטן טייל פון זיינע פריערדיקע טענדענצן: קאַמף קעגן אָפגעשטאַנענקייט און אירע אינסטיטוציעס, קעגן דער עקספּלואַטאַטאָרי־שער גבירימשאַפט, פאַרטיידיקונג פון די עקספּלואַטירטע און אָרעמע פאָלקס־מאַסן. ס'הייבט זיך אָבער אָן ביי אים צו הערן אַ פּעסימיסטישער יאושדיקער טאָן: „טרויעריק איז מיין ניגון אין דער קאַפּעלע פון דער יידישער ליטע־ראַטור...“ ** זיין בליק ווענדט זיך שוין אָפט ניט אויף פאָראויס, נאָר צו דער פאַרגאַנגענהייט, אין וועלכער ער אידעאַליזירט שוין איצט אַמאָל יענע מאָמענטן, וואָס ער האָט פריער באַקעמפט.

אינעם ווערק, מיט וועלכן מענדעלע טרעט אַרויס אין דער עפנטלעכקייט נאָך עטלעכע יאָר שוייגן, אינעם „פריזיוו“ (1884), חזרט מענדעלע איבער אַן אַלטע משכילישע טעמע זיינע — די קהלשע מאַכינאַציעס ביים „פריזיוו“ („רעקרוטשינע“), „טאַקסע“ א. אַז. וו. די ליידנדיקע זיינען שוין דאָ אָבער ניט מער פיגורן פון דער אָרעמשאַפט (ווי אין דער „טאַקסע“), נאָר אַ משכילישער מושלם, אַ קאַנדידאַט אויף ראַבינער. דער ראַבינער־„באַרוף“ ווערט דאָ אידעאַליזירט. דער בעל־טאַקע, אַמאָל אַ סימבאָל פון קהלשער רויבעריי, ווערט איצט געשילדערט אַלס קרבן פון די גבירים, פרנסים און

---

* זע ש. ל. ציטראָן: „די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע“, ב. 1, ווילנע 1923, ז. 139. דער לאָזונג פון דער „יידישיסטישער רעאַקציאָנערער דעקאַדאַנס אינעם פּעריאָד נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע: „צוריק אין שול אַריין“ איז אַפילו לויט דער פאָרם זיינער ניט געווען אָריגינעל און ניי. מיר געפינען אים כמעט בוכשטעבלעך אין גאָטלאָבערס אַ ליד פון אָנהייב 80ער יאָרן (אין „יודישעס פאָלקס־בלאַט“). דאָס ליד האָט דעם טיטל: „גייט אין שול אַריין!“ גאָטלאָבער דער־קלערט דאָרט, אַז פאַר די יידן איז ניט געבליבן קיין שום אַנדער עצה ווי:

טאַקע נאָר וויינען, טאַקע נאָר קלאָגן,
טאַקע נאָר קאָפּ אין דער וואַנט זיך שלאָגן,
פאַסטן און זאָגן תהילים און סליחות,
צו גאָט בעטן און וויינען און שרייען,
ער זאָל אונדז פון די צרות באַפרייען,
פון די פּאָגראָמען, פון די רציחות.
אַזוי, ליבע ברידער, אַזוי מוז עס זיין!
גייט־זשע, ליבע יידן, גייט אין שול אַריין!

** מענדעלע, אין זיין „פישקע“־ווידמונג מ. מאַרגוליסן.

כלי־קודשדיקע מיוחסים. מענדעלע נעמט זיך שוין דאָ אָן פאַר באַשטימטע איצט דעגראַדירטע קרייזן פון יענעם קלאַס, וועלכן ער האָט פריער אַלס גאַנצן גערודפט. פאַראַן אין „פריזיוו״ אַ ריי גלענצנדיקע רעאַליסטישע שילדערונ־גען: פונעם שדכן ר׳ פּיוויש, ר׳ עליע, פונעם אַלטן קאָנטאָניסט, פונעם איב־טריגאַנט ר׳ יויכעניצי, כאַסקל א. אַ. איז אָבער די גרונט־שטימונג ניט קיין קלאָר אויפקלערערישע און די דראַמאַטישע אַנטוויקלונג ניט אינטערעסאַנט. זייט עטינגערס „סערקעלע״ זיינען דאָך שוין אַריבער כמעט זעקס יאָרצענדליק.

מענדעלע ווענדט זיך איצט צוריק צו דער העברייאישער שפּראַך, וועלכע ער האָט אין זיין צווייטן פּעריאָד באַנוצט פון מאָל צו מאָל בלויז אויף צו פאַרענדיקן זיינע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ביכער, ביי געוויסע פּובליציסטישע אַרויסטרעטונגען און ביי דער איבעראַרבעטונג פון זיין עלטערן „למדו היטב״ — „האבות והבנים״. זיין שעפערישע ענערגיע האָט ער אין זיין צווייטן פּעריאָד קאָנצענטרירט אין ווערק, וואָס זיינען געווען געשריבן אין דער וועלט־לעכער, וואָכעדיקער, פאַר די פאָלקס־מאַסן צוטריטלעכער יידישער שפּראַך. איצט ווענדט ער זיך ווידער צו העברייאיש, שרייבט אָן (1886) זיין „בסתר רעם״ און באַמיט זיך זייט דעמאָלט אָנצוטאָן זיין פריערדיקער שאַפונג אַ העברייאיש קלייד, זי אַריבערצוראַטעווען אין דער „אייביקייט״ דורכן איבער־זעצן אויף העברייאיש. אינעם גרויסן וואַריאַנט „ווינטשפינגערל״ פאַר־הערלעכט מענדעלע אַ פיגור (ר׳ אברהם), אין וועלכער ער וואָלט אין פריער־דיקע צייטן אונטערגעשטראָכן די בטלנישקייט פון די „מסעות״־געשטאַלטן. ער פּאָעטיזירט לסוף אַפילו חסידים (אינעם א. ג. צווייטן טייל „שלמה ר׳ חיימס״), קעגן וועלכע די משכילים האָבן אַזוי שאַרף געקעמפט. ס׳טרעפט זיך, אַז ער אידעאַליזירט דעמאָלט צומאָל ניט בלויז דעם סוחר פון מאָדערנעם שניט („ווינטשפינגערל״), נאָר אויך די אַמאָליקע פעאָדאַליש־תקיפישע גבירים (אינעם א. ג. צווייטן טייל „שלמה ר׳ חיימס״) און דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן שטייגער. אין איינער אַ נאָוועלע: „אַ גראָע האָר״, איראָניזירט ער איבער דער נאַאיווקייט פון די דעמאָקראַטישע קעמפער און באַמיט זיך צו ווייזן — ווי בעל־מחשבות דריקט דאָס אויס — „די לינדערנדיקע קראַפט פון זיינע (דעם יידישן פאָלקס — מ. וו.) יום־טובים, ימים־נוראים״. קורץ: ער דרינגט דעמאָלט אַריין אין דער „מאַטעריע ייד, וואו ער פילט זיך אַלס פעדעמל דעריין״ (בעל־מחשבות).

דעמאָלט איז מענדעלע ברייט אָנגענומען געוואָרן פון דער בירגערלעכער אינטעליגענץ. דער ציוניסט בן־עמי דערציילט, אַז „דער גרויסער מפורסם איז ער (מענדעלע) געוואָרן די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר, אַז ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ יידישע נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ״. דאָס איז ריכטיק אויף אַזויפיל, אויף וויפיל עס האָט אַ שייכות צו דער נאַציאָנאַליסטישער איב־

טעליגענץ. ס'איז אָבער דורכאויס ניט אמת, וואָס בן־עמי דערציילט, אַז „דער המון האָט פון אים (מענדעלען) גאָר ווייניק געוואוסט נאָך אַפילו אין די 90ער יאָרן". אמת איז פונקט פאַרקערט: אין די 60ער—80ער יאָרן זיינען מענ־דעלעס ווערק געווען זייער פּאָפּולער צווישן די ברייטסטע מאַסן (מיט זיין „דאָס קליינע מענטשעלע", „די טאַקסע", „די קליאַטשע" א. אַ.), ווייל ער האָט דעמאָלט אַמדייטלעכסטן אויסגעדריקט זייער נויט, זייערע אינטערעסן און שטרעבונגען. גראָד מיט זיין שאַפן נאָך די 80ער יאָרן האָט ער פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן, דעם „המון", ווי בן־עמי זאָגט (און אויך בעל־מחשבות וועגן די 90ער יאָרן), אָנגעהויבן אַ ביסל פרעמדער צו ווערן.

11

ביז אין די 80ער יאָרן האָט אין מענדעלעס סטיל דאָמינירט דער סאַטירישער פּאַטאָס, אַנטשפּרעכנדיק צו זיין געזעלשאַפט־קריטישער אָנצילונג. זייט די 80ער יאָרן און ווייטער ווערט דאָס פירנדיקע אין זיין סטיל — עלעגיש־לירישע עפּיק, אַנטשפּרעכנדיק צום כאַראַקטער פון פאַרסאַכאַקלונג און מעמואַרישקייט אין זיין שפּעטן שאַפן. מענדעלע זעט דעמאָלט שוין ניט קיין ליכטיקע צוקונפט, ער זעט שוין בלויז די פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז געווען פול מיט האָפענונגען אויף דער צוקונפט. ווערט איצט „עפּיק" דאָס, וואָס איז פריער געווען סאַטירע, ווערט צומאָל איצט סטיליזאַציע דאָס, וואָס איז פריער געווען פאַראָדיע. דער פּראָטעסטירנדיקער און דעמאַסקירנדיקער פּאַטאָס ווערט געבראָכן און פאַרוואַנדלט זיך צומאָל אין אידעאַליזאַציע.

אָבער, ווי געזאָגט: ס'וועט זיין אַ טעות צו מיינען, אַז מענדעלע איז אינעם לעצטן פּעריאָד פון זיין שאַפן אויף אַן אמתן אָפּגעגאַנגען פון זיינע אַמאָליקע אידעאַלן. ווען דאָס זאָל זיין אַזוי, וואָלט, אגב, ניט מעגלעך געווען, ער זאָל אָזעלכע ווערק, ווי דאָס „ווינטשפינגערל" און „פישקע", וואָס ער האָט אין אַ פריערדיקן פּעריאָד פאַרטראַכט און אָנגעשריבן און איצט (סוף 80ער יאָרן) גאָר באַדייטנדיק אַנטוויקלט — אַז ער זאָל זיי קאָנען איבעראַרבעטן אויף אַן אופן, וואָס איז אין געוויסע פּרטים ווייט, אָבער וואָס שייך דעם וויכטיקסטן תוך זייער נאָענט צום אורשפּרינגלעכן פּלאַן און צו דער פריערדיקער אָנצילונג.

וואָרים מע מוז פעסטשטעלן, אַז אַחוץ די צוגאָבן, וואָס שטאַמען פון זיינע נייע שטימונגען, חזרן זיך דאָ איבער און ווערן דאָ פאַרטיפט אין די דאָזיקע איבעראַרבעטונגען (וואָס באַקומען ערשט דורך דער איבעראַרבעטונג די פולע באַדייטונג, וואָס זיי האָבן) גלייכצייטיק און סתירהדיק די וויכטיקסטע עלע־מענטן פון זיינע פריערדיקע אָנשויאונגען.

דאָס נײַ־איבערגעאַרבעטע „ווינטשפינגערל" האָט באַדאַרפט ווערן אַ היסטאָריע פונעם יידישן לעבן אין יענער צייט. דאָס האָט זיך מענדעלען ניט

איינגעגעבן. ער האָט ניט געגוג דייטלעך געזען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן די פאַרהעלטענישן אין דער יידישער סביבה און די אַלגעמיינע פאַרהעלטענישן אינעם צאַרישן רוסלאַנד. אָן דעם איז ניט מעגלעך געווען אַווירקלעכע גע־שיכטלעכע אויפפאַסונג. אָבער דאָרט, וואו מענדעלע רירט זיך צו, אויך אין זיין שפּעטן פּעריאָד, צו דער שילדערונג פון דער נויט ביי די מאַסן, באַווייזט זיך תיכף זיין אַמאָליקע שטאַרקייט.

אין זיין שפּעטן שאַפן, באַזונדערס אין די צוגאַבן, וואָס מענדעלע האָט געמאַכט, איבעראַרבעטנדיק „דאָס ווינטשפינגערל״ און „פישקע״ (דאָס וויכ־טיקסטע ווערק נאָך „מסעות״), גיט מענדעלע וואונדערלעכע רעאַליסטישע בילדער פון דער ווירקלעכקייט; געוויינלעך באַווייזט זיך די ווירקלעכקייט, וואָס ער שילדערט רעאַליסטיש, שטאַרקער, ווי זיין נייע איינשטעלונג. אין די גרויסע איבעראַרבעטונגען פון „ווינטשפינגערל״ און „פישקע״ זיינען פאַראַן אַ סך קאַפּיטלען, אין וועלכע ער טרעט אַרויס מיט דער אַמאָליקער שאַרפקייט סיי קעגן דער אַלטער, סיי קעגן דער נייער גבירימשאַפט, סיי קעגן אַלטע, סיי קעגן נייע אונטערדריקונגען פון די כל מיני יידישע בעלי־טובות און שיינע־יידן, און ס׳פילט זיך דאָ אַ ליידנשאַפטלעכער סאָציאַלער פּראָטעסט אינעם אונטערשטרייכן דעם ווערט און די ווירדע פון די אונטערדריקטע און עקס־פּלואַטירטע מענטשן. אויך אין זיין שפּעטן שאַפן געפינען מיר גענוג אָפּט בייסיקן חוזק און שפּאָט אויפן יידישן נאַציאָנאַליזם, העברייאיזם און ציוניזם (אין „אַ שטורעם־צייט״ א. אַ.), כאָטש טאַקע אין סתירה צו אַנדערע זיינע אַרויסטרעטונגען מיט אַ פּונקט קאַפּויערדיקער טענדענץ. אויף דעם באַקלאָגט זיך עס בן־עמי, אַז מענדעלע „איז ניט קיין סיסטעמאַטישער, שטרענג־לאָגישער דענקער, ער האָט אויך אפשר ניט קיין אָפּגעשטעלטע גענויע וועלט־אַנשויאונג״, אַז זיינע „געדאַנקען״ זיינען „אָפט סותר (ווידערשפּרעכן — מ. וו.) איינער דעם אַנדערן״.*

ערשט אַ סך שפּעטער, אַנהייב צוואַנציגער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, ווען מענדעלע שרייבט די געוויסע באַלעבאַטישע קאַפּיטלען אינעם צווייטן טייל פון זיין אויטאָביאָגראַפישן בוך „שלמה ר׳ חיימס״, אָדער די סעריע אידעאַליזירנדיקע בילדער פון די יידישע יום־טובים — ערשט דעמאָלט ווערן זיינע אַמאָליקע אויפקלערערישע טענדענצן אינגאַנצן פאַרנעפּלט.

דער דריטער פּעריאָד פון מענדעלעס שאַפן (80ער יאָרן ביז צו זיין טויט) קאָן אויך, ווי מיר זעען, איינגעטיילט ווערן אין עטלעכע פאַרשיידן־ניואַנסירטע

* אויך דובנאָוו דערציילט תרעומותדיק אין זיינע זכרונות וועגן מענדעלען, וועלכע ער האָט אין די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט, אַז מענדעלע פלעגט זיך אויך אין זיינע פּריוואַטע אַרויסטרעטונגען אַרויסזאָגן אַמאָל פאַר ציוניזם, אַמאָל קעגן, אַמאָל פאַר העברייאיש און פּאַלעסטינע, אַמאָל קעגן, פאַר יידישיזם, קעגן א. אַז. וו.

אָפּשניטן. די גענויע באַהאַנדלונג פון די פאַרשיידענע אָפּשניטן אינעם דריטן פעריאָד מענדעלעס, פון די דעמאָלטיקע פאַרשיידענע זיגזאַגן * און ווידער־שפּרוכן אין זיינע אָנשויאונגען גייט ניט אַריין אין דער אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט מיט דער דאָזיקער אַרבעט. מיר זיינען דאָ בלויז אויסן אונטערצושטרייכן, אַז אינעם דריטן פעריאָד, באַזונדערס אין די 80ער און 90ער יאָרן, — אָבער אויך שפּעטער — איז ביי אַלע ווידערשפּרוכן אין מענ־דעלען ניט אָנטשוויגן געוואָרן דער אויפקלערערישער דעמאָקראַט, וואָס ווייטיקט פאַר די נויטן און באַדערפענישן פונעם פאָלק. און יענע ערטער פון זיינע שפּעטע ווערק, וואו דאָס באַווייזט זיך זייער בוילעט, געהערן צו די גלאַנצפולסטע בלעטער אין זיין שפּעטן שאַפן.

---

* פאַר דער סתירהדיקייט פון זיינע אָנשויאונגען זיינען כאַראַקטעריסטיש די דאָקומענטירטע ידיעות, אַז מענדעלע האָט אין דער צווייטער העלפט 70ער יאָרן (ד. ה. אינעם פעריאָד פון „מסעות“ און פונעם גרויסן וואַריאַנט „דאָס קליינע מענטשעלע“) אַרויסגעוויזן אַ באַשטימטן אינטערעס צו ליבערמאַנס סאָציאַליסטישער טעטיקייט און אויך אַ געוויסע נאָענטקייט צו אַ גרופּע מיטאַרבעטער זיינע (זע ח' א. גור־שטיינס: „אַ נייער ווענד-פּונקט אין דער מענדעלע-פאָרשונג“, וויסנשאַפטלעכע יאָר־ביכער, ב. 1, מאָסקווע, 1929, ז. 223). קאַמיאַנסקי שרייבט דעמאָלט וועגן מענדעלען: „דער פּראָספּעקט (פון ליבערמאַנס „האמת“ — מ. וו.) האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם... ער זאָגט, אַז זיינע אַנזיכטן זיינען די זעלבע ווי די פונעם פּראָספּעקט. אויך דעם „קול לעם“... זאָגט ער, וועל איך פירן אויף דעם דאָזיקן וועג פון אמת, אָבער גאָר אויף אַ לעגאַלן אופן...“ קאַמיאַנסקי האָפט אַפילו, אַז מענדעלע וועט מיטאַרבעטן אין „האמת“, „כאָטש דער (מענדעלע — מ. וו.) באַ־הויפּטעט עקשנותדיק, אַז פאַרן פאָלק מוז מען שרייבן יידיש און ניט העברעיאיש“ (זע מ. בערקאָוויטש: „צוריק מיט 50 יאָר, אהרן ליבערמאַן און זיין „האמת“, „היינט-יובליי-בוך“, 1928, ז. 195). הייסט דאָס: סאָציאַליסטישע שטימונגען קנאַפּ פאַר דעם פעריאָד, וואָס זייט די 80ער יאָרן. אויף דעם גיט אויך אַן אָנ־צוהערעניש די רעמיניסענץ פון זאַרכי אין מענדעלעס דערציילונג „אַ גראָע האָר“, וואָס טראָגט באַשטימטע אויטאָביאָגראַפישע שטריכן: „איך געדענק דאָך נאָך די אַמאָליקע יונגעלייט אין אונדזער צייט, וואָס זיי האָבן געוואָלט און וואָס פון זיי, נעבעך, איז געוואָרן. אַ טייל זיינען געזעסן, אָפּגעקומען אין תפיסה, אַ טייל זיינען פאַרשיקט געוואָרן, אַזש וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט דאָרט, און אַ טייל האָבן הונגעריק, עלנט זיך אַרומגעבלאָנקעט אין דער וועלט. אויך מיר, געדענקסטו, פלעגן זיך צונויפקומען מיט דער דאָזיקער קאָמפּאַניע, און שיער-שיער זיינען מיר אויך ניט אַריין אין אַזאַ צרה...“ (מענדעלעס ווערק, ניינטער באַנד, פאַרלאַג „מענדעלע“, וואַרשע, 1924, ז. 16).

אגב: לויט אַ געוויסער ידיעה האָט מענדעלע אַרום 1903 געהאָלפן איינעם ר. גראַנאָווסקי (אַ תלמיד פון לינעצקי) אַרויסגעבן אַן אַנטי-ציוניסטישע בראָשור „אונדזערע ציוניסטן“ (א. רייזען: „עפּיזאָדן פון מיין לעבן“, צווייטער טייל, ווילנע, 1929).

VI. מענדעלע און דער ליטעראַריש־שפּראַכלעכער סטיל־קאַנאָן

1

מענדעלעס סטיל איז נאָך זייער ווייניק באַהאַנדלט געוואָרן אין אונדזער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־פאָרשונג. אָבער גראָד וועגן דער דאָזיקער טעמע האָט די "יידישיסטישע" קריטיק אַ סך געשריבן, ווייל דורך דער "יידישיסטישער" אינטערפּרעטאַציע פון זיין סטיל, און דער עיקר נאָר דורך דעם, האָט דאָס מענדעלע דער געזעלשאַפט־קריטיקער געדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ "יידישיסטישן" קינסטלער לשם קונסט. די "יידישיסטישע" מענדעלע־קריטיק איגנאָרירט מער אָדער ווייניקער דעם אייגנטלעכן אינהאַלט פון זיין שאַפן און שטעלט געוויינלעך אַוועק אַלס זיין הויפּט־פאַרדינסט זיין שפּראַך און זיין סטיל.

די מענדעלע־קריטיק פאַרמאָגט אַ טראַדיציע פון כמעט זיבעציק יאָר. מעגלעך, אַז וועגן קיין שום עלטערן יידישן שרייבער איז ניט אַזויפיל געשריבן געוואָרן סיי אויף יידיש, סיי אין אַנדערע שפּראַכן, ווי וועגן מענדעלען. מענדעלעס שעפערישע טעטיקייט האָט זיך געצויגן זעכציק יאָר און איז כסדר באַגלייט געוואָרן פון אַ לעבהאַפטיקער קריטיק, וועלכער ער האָט אויפגעגעבן ניט ווייניק פּראָבלעמעס. מיר קאָנען זיך ניט גלאַט אויסדרייען מיט דער פלייצע צו דער דאָזיקער קריטיק־טראַדיציע און זי סתם איגנאָרירן. גראָד דאָס וואָלט באַטייט עפענען טיר און טויער פון אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע פאַר אומקריטיש איבערגענומענע מיינונגען.

מענדעלע האָט טאַקע גאָר באַדייטנדיקס אויפגעטאָן סיי אין פּרט פון שפּראַך און סיי אין פּרט פון סטיל. אָבער זיין אויפטוערישקייט, וואָס שייך פאָרם און אויסדרוק־מיטלען, ליגט אין אַן אַנדער ריכטונג, ווי די, אויף וועלכער עס ווייזן אָן די יידישיסטן. זיין שפּראַך און זיין סטיל, ווי בכלל זיין ליטעראַרישע פאָרם, זיינען אויף אַזויפיל אויפטועריש, אויף וויפיל זיי האָבן צום בעסטן אַנטשפּאָרכן און אויפן ווירקזאַמסטן אופן אויסגעדריקט דעם ווערט־פולסטן תוך און אינהאַלט פון זיין שאַפן.

זיינע פאָרמעלע אויפטוען ליגן אויף דער ליניע פון דער געזעלשאַפט־קריטיק, ד. ה. אינעם באַשאַפן דעם סאַטירישן סטיל פון גרויסן שניט, מיט די אַנטשפּרעכנדיקע סוזשעטן, פאַבולעס, טיפּן, מיט דער אַנטשפּרעכנדיקער שפּראַך פון פאַרשיידנערליי אַנדערע סטיל־מאָמענטן. זיין אויפטו איז דאָ דער געזעלשאַפט־קריטישער סאַטירישער סטיל — און ניט די געזעלשאַפט־אַפּאָלאָגעטישע סטיליזאַציע.

פּרץ האָט צום פינף־און־זיבעציק־יאָריקן יובליי פון מענדעלען (1910) אָנגעשריבן אַ קליין, אָבער זייער קאָנצענטרירט אַרטיקל, אין וועלכן ער פּייערט מענדעלען אַלס ערשטן שפּראַך־מייסטער אין דער יידישער ליטעראַטור. אויף דער דאָזיקער ליניע ליגן, לויט פּרצן, מענדעלעס הויפּט־פאַרדינסטן. ענלעכס שרייבט דעמאָלט נאָמבערג: „מענדעלע, אַלס דער ערשטער יידישער סטי־ליסט"...* נאָך דער דאָזיקער שאַצונג מענדעלעס אין דער ערשטער ריי אַלס שפּראַך־שאַפער און סטיליסט גייען שוין זייט דעמאָלט דאָס רוב „יידישיס־טישע" שרייבער און קריטיקער. אַ שטייגער ווי „שפּראַך" אַליין וואָלט געקאָנט האָבן עפּעס אַ ממשות, ווען עס שטעקן ניט הינטער איר גרויסע בילדער פון דער ווירקלעכקייט און טיפע, דורכגעווייטיקטע אמתן.

פּרץ דערקלערט וועגן מענדעלען, אַז ער איז געווען דער ערשטער ליב־האָבער און פאַרערער פונעם „יידישן וואָרט", אַז ער האָט עס „געהאַלטן און דערצויגן ריין: נישט גערמאַניזירט, ניט רוסיציפירט, נישט אַפילו אייראָ־פּייאיזירט, און ער איז דעריבער דער ערשטער, וואָס האָט אַ יידישן סטיל באַשאַפן, זיין אינדיווידועל־יידישן סטיל." מענדעלע איז אָבער קודם־כל גע־ווען אַ מייסטערישער מאָלער פונעם יידישן לעבן, אַ גרויסער דיכטער, וואָס האָט וואונדערלעך געפילט און געוויזן די טראַגישע לאַגע פונעם אונטער־דריקטן מענטש, פונעם אונטערדריקטן פאָלק. מענדעלע האָט אַ גאַנצן לעבן געקעמפט פאַר יענע הומאַניסטישע אידעאַלן, וואָס זיינען אויך פּרצן געווען טייער. דער אינהאַלט פון מענדעלעס שאַפן איז אָבער אין פּרצעס אויגן אויס־געקומען אַ ביסל פאַרעלטערט. און ער האָט זיך צו זיין שאַפן ניט געקאָנט באַציען מיט דער פולער מאָס פון היסטאָרישער גערעכטיקייט.

2

פּרץ דערקלערט: „מענדעלע איז דער ערשטער, וואָס האָט נאָך אַ קורצער צייט פון זייטיקע פּראָבן אָנגעהויבן שרייבן „לשמה", ריינע קולטור־ווערטן צו באַשאַפן..." וואָס איז געמיינט מיט דער דאָזיקער קעגנשטעלונג פון „זייטיקע פּראָבן" צו „לשמה", „ריינע קולטור־ווערטן"?

קלאָר, אַז פּרץ, וואָס איז צו יענער צייט אַוועק פון זיינע פריערדיקע אויפקלערערישע אידעאַלן, מיינט דאָ פּשוט די פריאיקע ווערק מענדעלעס (1864—1869), זיינע מער קעמפערישע געזעלשאַפטלעכע טענדענצן. דאָס זיינען עס די „זייטיקע פּראָבן", אַקעגן וועלכע עס ווערן געשטעלט די שפּע־

---

* אין „מענדעלע מוכר-ספרים, צו זיין 75-יאָריקן יובילייאום", וואַרשע, 1910, ז"ז 87-88.

טערדיקע ווערק און איבעראַרבעטונגען מענדעלעס (באַזונדערס זייט די 80ער יאָרן).

צי זיינען אָבער ניט אויך די שפּעטערדיקע און בכלל די סאַמע בעסטע ווערק מענדעלעס דורכגעדרונגען מיט „פּובליציסטיק", מיט די סאָציאַלע פּראָבלעמעס, וואָס האָבן אים באַשעפטיקט? צי איז ער ניט שטענדיק געבליבן אָנגעלאָדן מיט געזעלשאַפטלעכע אידייען, טענדענציעז?

מענדעלע האָט, פּונקט אַזוי ווי צו זיין שאַפן בכלל, אויך צו דער יידישער שפּראַך ניט געהאַט קיין „לשמה"־באַציאונג. מענדעלע האָט ליב געהאַט די יידישע שפּראַך און האָט זי פאַרערט, ווי זעלטן אַ יידישער שרייבער. ער האָט באַוואוסטזיניק באַנומען דעם באַדייט פון דער וואונדערלעכער שאַפונג פונעם פאָלק — פון דער שפּראַך. מיר פאַרמאָגן אָבער אַ היפּש ביסל אַרויסזאָגונגען מענדעלעס, וואָס זאָגן עדות, אַז ער איז געקומען צו יידיש ניט צוליב „לשמה" און „ריינע קולטור־ווערטן", נאָר כדי בעסער צו קאָנען ווירקן אויף די מאַסן, פאַר וועלכע ער האָט געשריבן.

ער האָט זיך היפּש לאַנג אין דעם פּרט געוואַקלט. נאָך אַרום 1865—1867 פאַרטיידיקט ער העברייאיש (ניט אויסשליסנדיק די יידישע שפּראַך) אַלס מיטל פון מאַסן־ווירקונג, — „היות, — זאָגט מענדעלע, — ביכער אין דער העברייאישער שפּראַך האָבן מער געדינט דער אויפקלערונג צווישן יידן, איידער ביכער, וואָס זיינען געשריבן אין אַנדערע שפּראַכן." מענדעלע דערקלערט דעמאָלט, אַז „אַפילו די געמיינע לייט צווישן יידן קאָנען לייענען לשון־קודש און לייענען אַמאָל אין מוסר־ספרים. אויב אַזוי, זיינען זיי דאָך אַ ביסל געלערנט" — אין קעגנזאַץ צו די דעמאָלטיקע רוסישע פּויערישע מאַסן. „דעריבער איז קיין שום ספק ניט, אַז ווען מע וואָלט פאַרשפּרייט צווישן די יידישע מאַסן פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע ביכער, געשריבענע אויף העברייאיש און מיט געשמאַק און פאַרשטאַנד, וואָלט מען זיי זייער גוט אויפגענומען, און זיי וואָלטן אַ סך גענוצט. און די דאָזיקע ווערטער אונדזערע זאָגן מיר ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר מיר קאָנען זיי פאַרפעסטיקן מיטן עדות פון טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג." מענדעלע פאַררופט זיך דאָן אויפן דייטשן אָריענטאַליסט פראַנץ דעליטש, אַז „די העברייאישע שפּראַך איז ניט געשטאָרבן" און אַז „זי איז געבליבן די שפּראַך פון אַ פאָלקסטימלעכער ליטעראַטור".* ניט געקוקט אויף זיין יידיש־שרייבן, זעצט ער טאַקע פאַר זיין „תולדות הטבע" אויף העברייאיש ביז צום יאָר 1872. אַנטשפּרעכנדיק צו זיינע דעמאָקראַטישע באַשטרעבונגען, אָן ספק אונטער דער ווירקונג פונעם איידעלן דעמאָקראַט און פילאָלאָג ליפשיץ, און אפשר אויך טאַקע אונטער דער

* „עין משפט", זשיטאָמיר, 1867, ז. 44.

ווירקונג פון אַזעלכע קריטישע אַרויסטרעטונגען ווי א. קאָוונערס, קערט זיך מענדעלע צו דער שפּראַך פון די מאַסן. אין די 80ער יאָרן, ווען ס'פאַרשטאַרקן זיך זיינע נאַציאָנאַלע שטימונגען, ווענדט ער זיך ווידער צו העברייאיש.

דער יידישיסטישער וואַריאַנט פון נאַציאָנאַליזם איז קיינמאָל ניט געווען מענדעלעס זאַך. ביי זיין גאַנצער טיפער ליבע און אַכטונג צו דער יידישער שפּראַך האָט ער אין איר פאַרט שטענדיק געזען דאָס „נוצלעכע" — און אין העברייאיש „דאָס אייביקע".

אין יאָר 1871 ווענדט זיך מענדעלע צו דער רעגירונג מיט אַ ביטע וועגן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל אויף יידיש. צווישן זיינע מאָטיוון רעכנט ער: אַז דורך דער יידישער צייטשריפט וועט מען קאָנען דערגרייכן די „דערנעענטערונג מיטן רוסישן פאָלק" (קעגן דער דייטשער און פּוילישער ווירקונג אויף די יידישע מאַסן) און מאַכן פון די מאַסן „אויפריכטיקע רוסישע פּאַטריאָטן"...* וויפיל מע זאָל דאָ פון דעם אַרגומענט ניט דאַרפן לייגן אויפן חשבון פון דער „פּראַשעניע", איז דאָך אָבער די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע פון די יידן (לויטן טיפּ: יאַהודים פון משהס גלויבן, מיט רעליגיע, העברייאיש א. אַז. וו.) אַן אויפריכטיקער מיין. אַזאַ ווידערשפּרעכיקע באַציאונג צו יידיש איז ביי מענדעלען פּאַקטיש פאַראַן.

מענדעלע דערקלערט דאָס שפּעטער אויספירלעכער — און דווקא אין אַ צייט, ווען זיינע נאַציאָנאַלע שטימונגען האָבן זיך באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט. זיינע שפּעטערדיקע צומאָליקע נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען גייען זיך אַ באַזונדערן וועג — דעם יאַהודיש־העברייאיסטישן (ניט צו פאַרבייטן מיטן שטייגערישן העברייאיזם, וואָס וויל איינפירן העברייאיש אַלס רייד־שפּראַך. — אַזאַ „העברייאיסט" איז מענדעלע קיינמאָל ניט געווען). די שטייגער־שפּראַך פון די מאַסן וועט און דאַרף ווערן רוסיש, און זשורנאַלן אויף יידיש געהערן, לויט מענדעלען, צו די מיטלען אויף צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל. וואָלט מענדעלע אין יאָר 1885 געשטאַנען אויף אַ „יידישיסטישן" שטאַנדפּונקט, וואָלט ער דעמאָלט בשום־אופן ניט געשריבן אַזעלכע ווערטער: „איך בין זיכער, אַז וואָס מער עס וועט זיך רוקן פאַראויס די לייזונג פון דער פראַגע (פון דער „יידן־פראַגע" — מ. וו.), אַלץ מער וועלן פאַלן די קינסטלעכע צוימען צווישן ייד און קריסט, און די רוסישע שפּראַך וועט אַריינדרינגען אין דער יידישער מאַסע; אָבער כאָטש איך ווינטש עס פון גאַנצן האַרצן, באַהויפּט איך — און דאָ איז נישטאָ קיין שום פּאַראַדאָקס, — אַז די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור אין דער ריכטונג, וועגן וועלכער איך האָב אויבן גערעדט (געמיינט איז די אויפקלערונג פון די מאַסן — מ. וו.), קאָן נאָך העלפן צו פאַרגיכערן דעם דאָזיקן

* „צייטשריפט", ב. 5, מינסק, 1931. אַפּטיילונג „פון אונדזער אַרכיוו", ז. 35.

פּאַקט, צוגרייטנדיק אַ דאַנקבאַרן באָדן פאַר די זאַמען פון רוסישער בירגער־לעכקייט. ענדלעך, וואָס איז שייך דער טענה, אַז דער זשאַרגאָן קאָן כלומרשט נאָך געדיכטער מאַכן דעם חושך, וואָס נעמט אַרום אייניקע מאָמענטן פון אונדזער לעבן, — איז דען ניט שפּראַך פּשוט אַ געווער, וואָס קאָן פּונקט אַזוי דינען פאַר דאָס גוטע, ווי פאַר דאָס שלעכטע, פאַר אויפקלערונג, ווי פאַר פאַרפינצטערונג, אָפּהענגיק פון דעם, ווער און ווי אַזוי עס באַנוצט זי?... מיר דוכט, אַז עס טאָר דערביי ניט זיין קיין שום רייד ניט וועגן דער צוקונפט פון זשאַרגאָן, ניט וועגן זיין ווערט נעבן דער רוסישער און דייטשער שפּראַך; די גאַנצע פּראַגע באַשטייט נאָר אין דעם: ווען מיר אָנערקענען דעם אָנצווייפל־דיקן פאַקט, אַז אַ גרויסער דיאַלעקט איז פאַרשפּרייט און הערשט, צי דאַרפן מיר אים דאַן נוצן ווי אַ מעכטיק געווער צו פּאָפּולאַריזירן געזונטע אידייען און באַאיינפלוסן אין דער געהעריקער ריכטונג?..."

דאָס שרייבט מענדעלע אַרום 1885 צו פּ. א. בעזסאָנאָוו, אַ מיטגליד פון דער רעגירונג־קאָמיסיע פאַר דער יידן־פּראַגע, אין אַ בריוו, אין וועלכן מענ־דעלע איז זיך ווידעראַמאָל משתדל צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַרויס־צוגעבן אַ יידישע צייטונג.* אָן ספק דאַרף מען אויך פון די דאָזיקע אַרויס־זאָגונגען אַרויפליינען אַ היפּשן חלק אויף דעם כאַראַקטער פונעם אַדרעסאַט און דעם ציל פון דעם בריוו. אָבער פּונקט אַזוי אָנספּקדיק איז אויך דער פאַקט, אַז דאָס איז ניט די שפּראַך פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַ שייכות צו „יידישיזם". נאָך אַרום 1865—1867 זאָגט מענדעלע („עין משפט"), אַז די אינעווייניקסטע פאַרפולקומונג פון די יידן דאַרף גיין אין „זייער שפּראַך" („בשפתם"). צוואַנציק יאָר שפּעטער זאָגט ער דאָס אייגענע. אַמאָל מיינט ער דערמיט העברייאיש, דערנאָך סיי העברייאיש און סיי יידיש, — אָבער זיינע צומאָליקע נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען גייען דער עיקר אויף דער ליניע פון רעליגיעזקייט, אין וועלכער ס'ווערט אין בעסטן פאַל איינגעשלאָסן אויך די יידישע שפּראַך, פּונקט ווי בכלל יידישע מנהגים, יידישער שטייגער א. אַז. וו. די יידישע שפּראַך אַלס „זעלבסטצוועק", אַלס „נאַציאָנאַלער אינהאַלט"; קורץ, יידיש צוליב „יידישיזם" אינעם אייגנטלעכן באַדייט — איז פרעמד געווען מענדעלעס אידעאָלאָגיע.

3

פּונקט אַזוי איז אויך די באַהויפּטונג, אַז מענדעלע האָט „דאָס יידישע וואָרט" „געהאַלטן און דערצויגן ריין": „נישט גערמאַניזירט, נישט רוסיפיצירט,

* „דער זיידע צווישן אייגענע און פרעמדע, זכרונות פון מענדעלעס טעבטער", וואַרשע, 1928, ז. 22 און ווייטער.

נישט אַפּילו איראָפּיאיזירט" — אַ גוזמא. מענדעלע האָט, צום גליק, זיין שפּראַך יאָ איראָפּיאיזירט — כאָטש טאַקע אין אַ טיפערן באַדייט. מענדעלע האָט זיין שפּראַך אויך „רוסיפיצירט" אין דער מאָס, ווי דאָס איז נייטיק געווען, כדי זי מאַכן צוטריטלעך פאַר די ברייטע מאַסן. די גענויגטקייט צו אַ באַשטימטן פּוריזם קומט ערשט סוף 70ער און ווערט דייטלעכער דער עיקר זייט די 80ער יאָרן.

נאָמבערג שרייבט, אַז „...מענדעלע, ווי אַן עכטער קענער פון יידיש, היט זיך געוויינלעך פון סלאַוויזמען". ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז ביז די 80ער יאָרן היט זיך מענדעלע גאָר וויניק פון סלאַוויזמען. פאַרקערט, אין יענעם פּעריאָד האָט זיך מענדעלע — צוליב רעאַליסטישע מאָטיוון — באַנוצט מיט סלאַוויזמען אויף אַ גאַנץ פרייען אופן. אויך די „אַנטשולדיקונג" נאָמבערגס, אַז מענדעלע באַנוצט נאָר „אַזוינע סלאַווישע ווערטער, וואָס קלינגען ווייך און מוזיקאַליש פאַרן אויער אָדער זיינען ענלעך לויט זייער קלאַנג צו אַ יידיש וואָרט", איז ניט ריכטיק (ס'פאַרשטייט זיך אַליין, אַז די סלאַוויזמען ביי מענדעלען זיינען געוויינלעך ביז צו אַ געוויסער מאָס „יידישיזירט" דורך יידישע פּרעפיקסן, סופיקסן, פלעקסיע א. אַז. וו.). מענדעלע באַנוצט סלאַוויזמען אין די פאַלן, ווען זיי זיינען איינגעפירט ביי די מאַסן און היימיש אין דער שפּראַך, אָדער ווען ער דאַרף אַריינפירן נייע באַגריפן.

שפּעטער ווערט מענדעלע פּוריסטישער. דאָס איז טיילווייז פאַרבונדן מיט דער אָפּשוואַכונג פון זיינע אַגיטיר־באַדערפענישן. איז ער אָבער דאָ ניט קיין ערשטער. צענדליקער יאָרן פריער איז עטינגער געווען זייער אָפּגעהיט פון גערמאַניזמען און סלאַוויזמען. אין אַ באַשטימטער מאָס קאָן מען דאָס אויך זאָגן וועגן אַקסענפעלדן, כאָטש דאָס איז ביי זיי ניט געקומען פון „יידישיזם". זיי האָבן דערמיט געוואָלט אויסמיידן, אַז די שפּראַך, אין וועלכער זיי האָבן זיך געווענדט צום פאָלק, זאָל ניט דיסקרעדיטירט ווערן פון די העברייאיסטישע קעגנער אַלס אַ מאַקאַראָנישער זשאַרגאָן. מיט זייער „פּוריזם" האָבן זיי פּשוט רעאַגירט קעגן אַזעלכע מיני העצעס, ווי די, וואָס דער העברייאישער שרייבער טוביה פעדער און אַנדערע העברייאיסטן האָבן געפירט קעגן דער יידישער שפּראַך אַלס אַ צעקאַליעטשעטן, וויסטן זשאַרגאָן. דערמיט האָבן עטינגער און אַקסענפעלד געוואָלט הייבן דעם אויטאָריטעט פון דער שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן, פון דער שפּראַך, אין וועלכער זיי האָבן געדאַרפט פירן די אויפקלערונג.

דער עיקר אָבער: אויב מענדעלע האָט, באַזונדערס אינעם שפּעטן פּעריאָד, זיך באַמיט „ריין צו האַלטן" זיין שפּראַך פון גערמאַניזמען און סלאַוויזמען — האָט ער זי אָבער ניט „ריין געהאַלטן" פון אַנדערע — פון העברייאישע עלעמענטן. ער האָט זיין „וואָרט" זייער שטאַרק „העברייאיזירט".

דאָס האָט אָן ספק געבראַכט אַ געוויסן שאָדן פאַר דער ווירקונג פון זיינע ווערק אויף די פאָלקס־מאַסן. אויב ס'איז דעם היינטיקן לייענער שווער צו לייענען געוויסע ערטער ביי מענדעלען אָן ווערטער־דערקלערונגען, איז דאָס דעם אַמאָליקן פאָלקס־לייענער געווען אַ סך גרינגער, אָבער פאָרט ניט גרינג.

4

פרץ האָט אין זיין צוויי־זייטלעך־לאַנגן אַרטיקעלע וועגן מענדעלען אַרויסגעזאָגט אומפאַרגלייכלעך שאַרפזיניקערע און אינטערעסאַנטערע געדאַנקען, איידער אַלע זיינע נאָכזאָגערס אין אַלע זייערע אָנצאָליקע אַרטיקלען אינאיינעם גענומען. פרץ האָט דאָרט אויסגעקלאָרט עטלעכע וועזנטלעכסטע מאָמענטן אין מענדעלעס שאַפן און אויף זיי זייער אינטערעסאַנט און ריכטיק אָנגעוויזן. אין דער אייגענער צייט אָבער האָט פרץ דער ערשטער מיט אַזאַ קאַטעגאָרישער פאָרמולירונג באַטאָנט מענדעלעס הויפּט־ווערט אַלס באַשאַפער פונעם „אינדיווידועל־יידישן סטיל", פון דער „לשמה"־קונסט אין דער יידישער שפּראַך. די „יידישיסטישע" אָפּשאַצער מענדעלעס האָבן דאַן שוין וואַריאירט דעם דאָזיקן טעזיס אויף די פאַרשיידנסטע אופנים. וועגן דעם סטיל אין מענדעלעס פּייזאַזש שרייבט יהואש: „אויף אַלע זיינע געמעלן קאָנט איר זען דעם הייליקן גלאַנץ פון סופרישער טינט." מענדעלע איז לויט יהואשן: „יידיש דורך און דורך, אין זיין אַרט פון זען, אין זיין קוק, אין זיין אויפנעמונג און אין זיין באַציאונג און זיין שטעלונג צו דער נאַטור אַזוי ווי צו דער וועלט."* וואָרים ס'איז דאָך טאַקע באַוואוסט, אַז האָבן אַ „באַציאונג צו דער נאַטור" איז צו מענדעלעס צייטן געווען אַ שטאַרק יידישע זאַך, לויטן פּרינציפּ: מה נאה אילן זה, א. אַז. וו. —

ש. ניגער שרייבט: „יעדער שרייבער האָט סימנים, לויט וועלכע מע דערקענט אים. מענדעלען דערקענט מען נאָך זיין שפּראַך. ניט ווייל זי איז אָן אייגנאַרטיקע — וועלכן שרייבערס שפּראַך איז ניט אייגנאַרטיק? — נאָר ווייל זי איז אָן אייגענע (און אויב עמעץ פאַרשטייט ניט דעם חילוק, מאַכט ניט אויס! — מ. וו.). קיינער אַחוץ אים האָט זי ניט. עס האָט זי דאָס פאָלק, וואו איר ערשטער מקור איז. אָבער ביים פאָלק איז זי אַווילדגראָז, ביי מענדעלען אַ „בלום"..." א. אַז. וו.** פון דעם דאָזיקע פּרעטענציעזן שמועס ווערט בלויז קלאָר, אַז ער וויל דאָס אייגענע זאָגן, ווי פּרץ.

בעל־מחשבות דריקט דאָס אַזוי אויס (ענלעך ווי יהואש): „אַבראַמאָוויטש

---

* „נאַטור־שילדערונגען אין דער יידישער ליטעראַטור", „די צוקונפט", ניו־יאָרק, 1911, נומ. 5, ז. 259.

** „וועגן יידישע שרייבער", וואַרשע, 1912, ערשטער באַנד, ז. 85.

(מענדעלע מוכר־ספרים — מ. וו.) איז דער אַנטדעקער פון דער יידישער (גע־מיינט — יידישלעכער — מ. וו.) נאַטור־באַטראַכטונג, ער האָט, קאָן מען זאָגן, מגייר געווען (!—מ. וו.) די נאַטור, ער האָט זי אונדז געשילדערט אין אַ שפּראַך, וואָס איז ביז אים נאָך אויף דער וועלט ניט געווען און וועלכע פּאַסט אַזוי צום פאָלקס־גייסט פון דער גרויסער יידישער מאַסע. מ. ראָזענפעלד, טײלוויז פרוג, און כמעט אַלע היינטיקע אונדזערע פּאָעטן שטייען אין דער נאַטור־שילדערונג אונטער דעם איינפלוס פון אַבראַמאָוויטשעס שפּראַך (לייען: פון מענדעלעס צומאָליקער יידישלעכער „סטיליזאַציע" אין זיין שפּעטן פּעריאָד — מ. וו.). ער האָט ווי אַנטפלעקט פאַר אונדזער ליטעראַטור דעם שליסל צו אַ פאַרמאַכטער טיר, אַ צייט לאַנג פאַרמאַכט פאַר די בעסטע פון אונדזערע ליטעראַטן." *

אַקעגן דעם אַלעם דאַרף מען פעסטשטעלן, ערשטנס, אַז די גאַנצע מעשה מיטן „מגייר־זיין" די נאַטור שטיצט זיך סך־הכל אויף עטלעכע געציילטע מעטאַפאָרן, אַנטליענע פונעם רעליגיעז־ריטואַלן לעבן (לולב, טלית, תחנון א. אַז. וו.), וואָס מענדעלע האָט אַריינגעבראַכט אין זיינע פּייזאַזשן אין אַ שפּעטער־דיקער צייט. סך־הכל קאָן מען אָנציילן אַ פיר־פינף אַזעלכע מעטאַפאָרן אין זיין גאַנצן שאַפן, פון וועלכע אַ טייל זיינען געווען צווייידייטיק און אפשר גאָר פּאַראָדיסטיש געמיינט. די ראָל פון אַ מוהל ביי דער נאַטור, וואָס בעל־מחשבות האָט מענדעלען געוואָלט אָנבינדן, איז, הייסט עס, אויסגעטראַכט. צווייטנס, אויב ס'איז אינעם שאַפן מענדעלעס פון זיין שפּעטן פּעריאָד פאַראַן פאַלן פון יידישלעכער „סטיליזאַציע", שטאַמען די דאָזיקע עלעמענטן אורשפּרינגלעך פון אַ פּאַראָדיסטישן, אַפשפּעטערישן טאָן, וועלכן מענדעלע האָט גע'ירשנט פון דער טראַדיציע אין דער עלטערער העברייאישער פּאַראָדיסטישער ליטע־ראַטור און פונעם משכילישן העברייאישן פּאַראָדיעס־זשאַנר „מגלה טמירין" און אַנדערע).

דריטנס, טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז אַ שטיקל אָנהייב פון אַ מאָדערנעם ערנסטן ליטעראַרישן סטיל־קאַנאָן קאָן מען שוין געפינען ביי עטינגערן. דער דאָזיקער קאַנאָן איז געווען ביי זיין גאַנצער פאָלקסטימלעכקייט באַוואוסטזיניק „אייראָפּייאיזירט". די עטינגערישע סטיל־טראַדיציע האָט געווירקט לפחות אויף דער אויסבילדונג פון אַ וועלטלעכן יידישן (ניט פסעוודאָ־יידישלעכן) אייראָפּייאישן סטיל אין דער עלטערער ליטעראַטור. צווישן אַנדערע אויך אויפן יונגן פּרץ, און אפשר אויך — ווי פּאַראַדאָקסאַליש דאָס זאָל ניט אויסזען — טאָקע אויף מענדעלען גופא.

פערטנס, איז די באַהויפּטונג, אַז די געוויסע עלעמענטן פון יידישלעכער

* ציטירט לויט „קריטיק", קיעוו, 1920, ז"ז 142—144.

„סטיליזאַציע" אין מענדעלעס שפּעטן סטיל האָבן געהאַט אַ באַדייטנדיקע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פונעם סטיל אין דער יידישער ליטעראַטור, — מער ווי איבערגעטריבן. זייער מעגלעך, אַז זיי האָבן געהאַט באַשטימטע ווירקונג אויף דער נאַטור־שילדערונג ביי מ. ראָזענפעלדן אין יענע טיילן פון זיין שאַפן, וואו ס׳קומען בולעטער צום אויסדרוק זיינע נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען; מעגלעך אויך, אַז די דאָזיקע עלעמענטן האָבן געקאָנט האָבן אַ ווירקונג אויף פרוגס פּאָעזיע — ווי בעל־מחשבות וויל האָבן. ריכטיק איז, אַז מענדעלעס העברייאישער „נוסח" האָט „געעפנט אַ וועג" אחד־העמען און ביאַליקן, ווי בן־עמי שטעלט פעסט.* אָבער וואָס שייך פּרצן דאַרף מען זאָגן, אַז ס׳איז ניט פאַראַן אין דער יידישער ליטעראַטור פון יענער צייט קיין גרע־סערע און שאַרפערע סטיל־קעגנזאַצן, ווי מענדעלעס שפּעטע יידישלעכע סטיליזאַציע־עלעמענטן און פּרצעס — באַזונדערס פון זיין ערשטן פּעריאָד — איירעפּייאיזירטער סטיל. פּרץ גייט דעמאָלט נאָך נאָך עטינגערס סטיל־טראַדיציע. שלום־עליכם ווידער האָט פון מענדעלען איבערגענומען ניט די עלעמענטן פון יידישלעכער „סטיליזאַציע", וואָס אין מענדעלעס שפּעטן שאַפן, נאָר די פאָלקסטימלעכקייט פון זיין גרויסן סטיל, די אינטימקייט פון דער פאָלקס־שפּראַך, דעם אָפּשפּעטעריש־סאַטירישן סטיל.

מענדעלעס סטיל איז שטאַרק און ווירקזאַם און פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקן ווערט פאַר דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג דאָרט, וואו ער אַנטשפּרעכט דעם פאַרשריטלעכן אינהאַלט פון זיין וועלט־אַנשויאונג, דאָרט, וואו ער שלייפט, דיסציפּלינירט און קולטיווירט די מאַסעווע פאָלקסטימלעכע שפּראַך, אָדער דאָרט, וואו ער איז אָפּשפּעטעריש־פּאַראָדיסטיש. ער פאַרלירט זייער אַ סך אין יענע איינצלנע פאַלן, ווען ער ווערט אַ פּרעטענציעזער רעליגיעז־באַפּראַב־טער יידישלעכער „נוסח". קאָוונער האָט מיט יאָרן פריער געהאַט טענות צו מענדעלען וועגן זיינע „המצאות וחדודים, אשר יש להם ריח בית המדרש". קאָוונער איז דעמאָלט מיט דער טענה ניט גערעכט געווען. ער האָט דעם דעמאָלטיקן סטיל מענדעלעס ניט באַנומען. אָבער וואָס שייך די פאַלן פון יידישלעכער סתם־סטיליזאַציע אינעם סטיל פון מענדעלעס שפּעטן שאַפן, קאָן מען קאָוונערס זאָץ ניט אינגאַנצן באַשטרייטן. די ווירקונג פונעם דאָזיקן „נוסח" האָט ניט געבראַכט גאָרניט בדייטנדיקס פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם קינסטלערישן ליטעראַרישן סטיל, אויב ניט רעכענען די פרומלעכע „שפּראַך" פון די היינטצייטיקע „יידישיסטן" וויינרייך און אַנדערע.

מענדעלעס שאַפן האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע ווירקונג אויף דער אַנט־

---

* „זכרונות וועגן מענדעלען", ב. 20 פון מענדעלעס ווערק, פאַרלאַג **„מענדעלע"**, וואַרשע, ז. 30.

ווירקונג פון דער יידישער ליטעראַטור־שפּראַך, אָבער מיט גאָר אַנדערע זייטן פון זיין סטיל, מיט גאָר אַנדערע עלעמענטן, איידער די, וואָס די „יידישיסטן" ווילן האָבן, — מיט די עלעמענטן פון המונישקייט אין אים. מענדעלע האָט אויפגעהויבן ריזיקע נייע שפּראַך־פּלאַסטן פון די געדיכטסטע פאָלקס־מאַסן, האָט די דאָזיקע נייע שפּראַך־מאַטעריאַלן גראַמאַטיקאַליש־סטיליסטיש שטרענג דיסציפּלינירט מיט דער הילף פון טיפסטער און אויפמערקזאַמסטער באַ־אַרבעטונג פון דער מאַסן־שפּראַך גופא, דורך אַ טיף־קינסטלערישן און ליבע־פולן אַריינדרינגען אין איר אייגנטלעכסטן געוועב און אין דעם בעסטן, לעבעדיקסטן, וואָס זי פאַרמאָגט, אונטערוואַרפנדיק דאָס אַלץ אונטער די אידייען פון זיינע ווערק.

מענדעלע האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער שפּראַך פון דער ליטעראַטור, און טאַקע אויך אויף פּרצן און שלום־עליכמען, מיט דער וואונדער־לעכער „פלעבייאישער רייכקייט", פילפאַרביקייט, לעבעדיקייט, טרעף־זיכער־קייט, וואָס איז פאַראַן אין זיין שפּראַך־סטיל, און אין איינצלנע פאַלן — טאַקע נעבן, און אין ווידערשפּרוך צו די עלעמענטן פון היפּער־„פאָלקסטימלעכער" יידישלעכקייט. ער האָט געווירקט מיט דער האַרציקער אינטימקייט, עכטקייט און אוממיטלבאַרקייט פון זיין שפּראַך־סטיל, אויף וויפיל די דאָזיקע אַלע אייגנשאַפטן זיינען אַן אויסדרוק פון געזונטער פלעבייאישקייט — פון דער שעפערישקייט פון די פאָלקס־מאַסן. מענדעלע האָט געווירקט גוואַלדיק דער־ציעריש, סיי מיט זיין שטענדיקן אָנזאָג, אַז די יידישע שפּראַך איז ניט קיין הפקר, אַז מע דאַרף איבער איר אַרבעטן, ווי איבער יעדער אַנדער שפּראַך, סיי מיט דעם שטרענגן ביישפּיל, וואָס ער האָט אין דעם פּרט מיט זיין שאַפן געגעבן. אָט דאָס אַלץ זיינען די עלעמענטן פון זיין שפּראַך־שעפערישקייט, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע ווערטפולע ווירקונג אויף דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג. דאָס איז דאָס ווערטפולסטע אין זיין שפּראַך אַלס ירושה פאַר דער סאָציאַליסטישער קולטור, בשום־אופן אָבער ניט עפּעס אַ כלומרשט „מגייר־זיין" (בעל־משחבות) די נאַטור און די „אָריגינעלע, עכט־יידישע חתימה",* ניט די עלעמענטן פון „יידישלעכקייט", פון תנועהלעך און גרי־מאַסעלעך" (בעל־מחשבות), וואָס טרעפן זיך אין מענדעלעס סטיל, ווען ער האָט צומאָל אָנגעהויבן צו פאַרוואַנדלען די לעבעדיקע, קראַפטפולע אָדער פאַראַדיסטישע עלעמענטן אין אַ געגליווערטער נאַציאָנאַלער סטיליזאַציע.

מענדעלע איז געווען דער ערשטער אמתדיק גרויסער קינסטלער אין

---

* רבי קצין (ראַווניצקי) אין זיין אַרטיקל „נייע ביכער", „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", צווייטער בוך, 1889, ז. 276.

דער יידישער ליטעראַטור בכלל, און דער ערשטער ווירקלעכער פּראָזאאיקער בפרט. דאָס איז אַ באַנאַלער אמת, וואָס איז פּאַר יעדן זעלבסטפאַרשטענדלעך. ער איז אויך געווען אַן ערשטער אינעם אופן, ווי ער האָט זיך אַלס קינסטלער באַצויגן צו דער שפּראַך. אַ היפּשער קערן אמת איז אין דער באַטאָנונג פון מענדעלעס פּריאָריטעט אויפן געביט פון קינסטלערישער שפּראַך־פורעמונג יאָ פאַראַן, אָבער אין אַן אַנדערן זינען, ווי די נאַציאָנאַליסטן האָבן דאָס אינ־טערפּרעטירט. מענדעלע האָט דער ערשטער געשאַפן אין דער יידישער שפּראַך הויכע דערציילערישע פּראָזע אין אַ שפּראַך־סטיל, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט זיין באַציאונג צו דער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט און וואָס איז פון דער דאָזיקער באַציאונג מייסטעריש געפורעמט געוואָרן.

אויך אין אַקסענפעלדס פּרימיטיוון רעאַליזם דינט דאָס וואָרט זיין געזעל־שאַפטלעכער אַנצילונג. אויך אין עטינגערס, אין לינעצקיס ווערק. סע גייט אָבער וועגן דער מאָס, אין וועלכער דאָס וואָרט ווערט באַהערשט און קינסט־לעריש ווירקזאַם לטובת דעם אינהאַלט. ביי מענדעלען דערגרייכט די דאָזיקע באַוואוסטזיניקע, מייסטערישע באַהערשונג פונעם וואָרט די אמתדיק קינסט־לערישע מדרגה פון אויסדריקלעכקייט. זיין וואָרט איז ביז די אינטימסטע קנייטשן געפורעמט פון זיין באַציאונג צום געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין דעם פּרט איז ער אויך אַלס מייסטער פון שפּראַך־סטיל אַן ערשטער און אפשר דער גרעסטער אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

5

בעל־מחשבות זאָגט: „מיר שעצן און ליבן אַבראַמאָוויטשן פאַר זיין באַטירלעכן צובונד צו אַלץ, וואָס איז יידיש, צו אַלץ, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ יידישער תנועהלע, גרימאַסעלע און אַ יידישן ריטמוס״ — ניט צוליב זיין, מענדעלעס, קאַמף קעגן דעם „תנועהלע, גרימאַסעלע״, וואָס דאָס איז דאָך געווען דער דייטלעכער אורשפּרינגלעכער ציל פון זיין סטיל, נאָר גראָד צוליב דעם צומאַליקן שפּעטערדיקן אָפּגאַנג פון דער דאָזיקער סטיל־כוונה זיינער.

בעל־מחשבות דערקלערט ווייטער: „וואָס אין דער צייט פון דער השכלה־עפּאָכע האָט אויסגעזען אין די אויגן ווי מיסט (מיר מיינער די יידישע סביבה) — האָט באַקומען ביים יידן אַ באַזונדער אַנציאונג־קראַפט. דער היינטיקער ייד (!) זוכט גראָד „דעם ווינקל״, וואו ער זאָל זיך קאָנען באַהאַלטן, ד. ה. וואו ער זאָל זיך קאָנען פילן, ווי ביי זיך, ווי אינדערהיים.״ * אַזוי ווערט פאַרדרייט אויף קאַפּויר דער אינהאַלט און זין פון מענדעלעס סטיל און שפּראַך.

---

* בעל־מחשבות, „קריטיק״, ז״ז 35-36.

פרעמד און באַדייטונגלאָז בלייבט פאַר די „יידישיסטן" יענער לעבעדיקער סטיל מענדעלעס, וואָס האָט געדינט אויף אַראָפּצורייסן די מאַסקעס פון די פּעאָדאַלישע עקספּלואַטאַטאָרס און פון דעם גאַנצן אָפּגעשטאַנענעם לעבן. מענדעלע אַליין זאָגט וועגן זיך: „און אַ וואונדערלעכע זאַך: ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן לידער און די ערשטע פּרוכט פון פּען, אַ געהייליקטע צו גאָט, — איז צו מיר געקומען דער שטן, דאָס איז דער אָפּשפּעטערישער מלאך, וואָס געוועלטיקט איצט אין מיר אין דער געשטאַלט פון מענדעלע מוכר־ספרים, און האָט מיך אָנגערייצט אָפּצושפּעטן פון מענטשן און אַראָפּ־רייסן די מאַסקע פון זיי" (זע „ספר זכרון", 1889, וואַרשע, מענדעלעס אויטאָ־ביאָגראַפיע, ז. 180). דער אַלטער גרויסער סאַטיריקער זאָגט דאָ אמת: אין דער פּרי־צייט האָט איבער מענדעלעס שאַפן געהערשט די סאַטירע אין דער געשטאַלט פון מענדעלע מוכר־ספרים, וואָס איז כמעט שטענדיק געווען אַ דעמאַסקירנדיקער מעפיסטאָפעל, און בלויז אין זעלטענע פאַל האָבן זיך אין זיין שאַפן אַריינגעכאַפּט טענער פון עלעגיע און תשובה.

אַרום יאָר 1885 האָט מענדעלע אַזוי פאָרמולירט * זיין שרייבערישע אויפגאַבע: „...אינעם יידישן פאָלק, ווי אין יעטווידער געזעלשאַפט, זיינען פאַראַן אייגענע אינעווייניקסטע שטייגער־חולאתן, וואָס דער רוסישער מענטש האָט צו זיי גאָר אַ קנאַפּן שייכות; איך מיין — יענע אַלע קאָמפּליקאַציעס, יענע אומרעכטן און אונטערדריקונגען, וואָס געהערן צום געביט פון באַ־ציאונגען צווישן ייד און ייד; עס איז נאַטירלעך און נויטווענדיק, אַז מענטשן, וואָס האָבן ליב זייערע אייגענע, זאָלן זיי העלפן מיט אַ וואָרט, וואָס זאָל זיין פאַרשטענדלעך אַלעמען און יעדערן, אַ וואָרט, וואָס דערמוטיקט און דעמאַס־קירט" פון מיר אונטערגעשטראָכן — מ. וו.). וואו איז דאָ „דער ווינקל", וואו מענדעלע וויל — לויט בעל־מחשבותן — אויסזוכן פאַרן יידן אויף זיך צו „באַהאַלטן"?

מיט זיין פּאַראָדיסטישן סטיל איז מענדעלע אויסן געווען צו באַקעמפן דעם גאַנצן אָפּגעשטאַנענעם לעבן־„סטיל" אין ברייטסטן זינען פון וואָרט און אויך די סיבות, וואָס האָבן אים אין לעבן אַרויסגערופן. שלום־עליכם האָט אָנגעקניפּט אָן די דאָזיקע טראַדיציעס פון מענדעלעס סאַטירישן סטיל, ווייל ער האָט געדאַרפט אויפדעקן דעם מנחם־מענדל פון דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרמאַציע, פונקט ווי מענדעלע האָט מיט דעם סאַטירישן סטיל אויפגעדעקט דעם מנחם־מענדל פון דער פאַר־קאַפּיטליסטישער פאָרמאַציע. קיין ווייטער־דיקע אַנטוויקלונג האָבן די דאָזיקע עלעמענטן פון זיין סטיל (די שפּראַכלעכע פּאַראָדיע פונעם אַלטן רעליגיעז־באַפאַרבטן רייד־שטייגער), סיי אין דער

---

* אין זיין בריוו צו בעזסאָנאָוון.

פּאַראַדיסטישער, סיי אין זייער פּאַטעטישער ליגאַטור, מער ניט געקאָנט האָבן.

אויסרעכענענדיק די הויפּט־מעלות מענדעלעס, דערמאָנט פּרץ צום סאָמע סוף אויך, אַז מענדעלע „איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערזען און צו זיין דור משכילים און קולטור־טרעגער געזאָגט: „פון רעפאָרמען רעדט איר, פון השכלה, — דאָס פאָלק דאַרף ברויט." און דער ערשטער, וואָס האָט דערזען דעם קהלשן בעל־טובה אין זייןווירקלעכער געשטאַלט, און דעם אינטעליגענט פון זיין דור, „בשעת ער כאַפּט זיך אַרויף רייטן אויף דער „קליאַטשע". דאָס אַלץ איז טיפער אמת. און נאָך מער: דאָס אַלץ איז דאָס וויכטיקסטע אין מענדעלען. דאָס שטייט אָבער אין ווידערשפּרוך צו אַן אַנדערן טעזיס פּרצעס אינעם זעלבן אַרטיקל, אַז מענדעלעס הויפּט־ווערט באַשטייט אין דעם, „וואָס ער האָט נאָך אַ קורצער צייט פון זייטיקע פּראָבן אָנגעהויבן שרייבן לשמה, ריינע קולטור־ווערטן צו באַשאַפן..." אויב איינס איז אַ הויפּט־ווערט, מוז דאָס צווייטע זיין אַ מאַנגל. גרויס איז מענדעלע ניט מיט זיין שרייבן „לשמה", מיט זיין באַשאַפן „ריינע קולטור־ווערטן". אויב פּרץ האָט דערמיט געמיינט „פישקע" און „מסעות", זיינען די דאָזיקע מייסטער־ווערק לחלוטין ניט גע־שריבן געוואָרן „לשמה", אַלס „קונסט צוליב קונסט"; אַפילו אַזעלכע ווערק, ווי „דאָס ווינטשפינגערל" (גרויסער וואַריאַנט) און טיילן פון „שלמה ר' חיימס" האָבן נאָר דערפאַר נאָך היינט אַ זייער גרויסן באַדייט, ווייל ס'איז אין זיי זייער אַ סך פאַראַן פון זיינע פריערדיקע „זייטיקע פּראָבן", זיינע פריערדיקע רעאַליסטישע קריטישע טענדענצן, זיין גרויסע ליבע צום פאָלק.

VII. רעאַליזם און ראָמאַנטיק אין מענדעלעס סטיל

1. ניכטערקייט און סענטימענטאַלישקייט

אין זיין בריוו * צו פ. א. בעזסאַנאָוו (אַ ליבעראַלן מיטגליד פון דער רעגירונג־קאָמיסיע פאַר דער יידן־פראַגע) האָט מענדעלע, כאָטש דאָס איז געשריבן געוואָרן אין די 80ער יאָרן, אויסגעצייכנט געשילדערט זיין שטאַנדפּונקט אין די 60ער און 70ער יאָרן. ער איז דערמיט אויסן געווען צו באַרעכטיקן זיין סאַטיריש־קריטישן גאַנג און אים צו פאַרטיידיקן קעגן אַ טעותדיקער, ליבעראַל־„פילאָסעמיטישער" מיינונג, אַז קריטישע סאַטירע קאָן שעדלעך ווירקן אויף דער לאַגע פון די יידן און דינען אַלס אַרגומענט פאַר אַנטי־סעמיטיזם.

מענדעלע שרייבט: „וואָס נוגע מיר פערזענלעך, איז, אָפן גערעדט, האַלט איך פאַר זיך אויפריכטיקייט — אַחוץ אַלע זייטיקע סטימולן — פאַר אַן עטישן חוב. איך בין ביי דער מיינונג, אַז מיטן אמת, און איינציק אַליין מיטן אמת (דאָס הייסט אין דער ליטעראַטור מיטן „רעאַליזם" — מ. וו.) קאָן מען דערגרייכן די לייזונג פון דער יידן־פראַגע אויף אַ גערעכטיקן יסוד. און אַזוי ווי איך האָב יידן ליב מיטן גאַנצן האַרצן, האָב איך דעריבער אויסגעקליבן אין דער ליטעראַטור דעם וועג פון סאַטירע (פון מיר אונטערגעשטראָכן — מ. וו.), גאָרנישט מורא האָבנדיק צו פאַנאַנדערנעמען און אויפדעקן אונדזערע אינעווייניקסטע פעלערן..."

„אינעווייניקסטע" קריטיק, כדי אויפצוקלערן די „אויסנווייניקסטע" וועלט וועגן דער שעדלעכער עקספּלואַטאַרישער ראָל פון דער יידישער פּעאָדאַלישער גבירימשאַפט, אָבער דער עיקר, כדי אויפצוקלערן וועגן דעם די עקספּלואַטירטע און אָפּגעשטאַנענע מאַסן גופא, צו וועקן זייער זעלבסט־באַוואוסטזיין און זיי צו געבן וואָפן קעגן זייערע אינעווייניקסטע אונטערדריקערס. „גלייכצייטיק מיט דעם (מיטן „אָוועקשטעלן די יידן־פראַגע פון דרויסן" — מ. וו.) איז נויטווענדיק נאָך אַן אינעווייניקסטע אַרבעט. די איבערצייגטע אינטעליגענץ דאַרף וועקן אין איר (אין דער פאָלקס־מאַסע — מ. וו.) זעלבסטבאַוואוסטזיין דורך אויפדעקן אירע נעגאַטיווע זייטן, זי זאָל דאָס אַליין וויסן און סע זאָל אין איר אַריינגעפּלאַנצט ווערן ריכטיקע בליקן צום אָרום. די מאַסע זאָל דאָ ענדלעך באַקומען אַ געוועהר צו באַקעמפן דעם שעדלעכן איינפלוס פון יענע פערזאָנען, וואָס אין זייערע אינטערעסן ליגט, צוליב די

---

* „דער זיידע צווישן פרעמדע און אייגענע, זכרונות פון מענדעלעס טעכטער", ז. 22 און ווייטער. די ציטאַטעס ווערן געבראַכט לויט דער יידישער איבערזעצונג אין דער דאָזיקער אויסגאַבע.

אָדער יענע טעמים, איינצוהאַלטן דעם סטאַטוס־קוואָ סיי אינעווייניק, סיי איבּדרויסן...״ דעריבער, האַלט מענדעלע, איז אין דער ליטעראַטור נייטיק אַ פאַרשטענדלעך און קלאָר וואָרט, „וואָס דערמוטיקט און דעמאַסקירט״...

דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעך־קינסטלערישער „קרעדאָ״ שטימט פּרינציפּיעל מיט זיינע פּראָגראַמאַטישע אַרויסזאָגונגען פון כמעט צוויי יאָרצענדליק פריער („עין משפט״). זיי זיינען דאָ בלויז דייטלעכער פאָרמולירט. זיי קאָנען דעריבער דינען אַלס אויסגאַנג־פונקט ביים אויסקלאָרן מענדעלעס שאַפן ביז די אַכציקער יאָרן.

ווי געזאָגט: זייט דעם איבערבראָך אין מענדעלעס אָנשויאונגען, פאַרורזאַכט פון דער אַנטוישונג אין דער „ציוויליזאַציע״, אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, הייבט אָן ביי מענדעלען צו פאַרשווינדן די געזעלשאַפטלעכע האָפערדיקייט און זיין זיכערקייט וואָס שייך דער פריערדיקער אויפקלערערישער פּראָגראַם. די רעאַקציע אין די 80ער יאָרן און די פּאָגראָמען, וואָס זיינען סוף־כל־סוף אַ רעזולטאַט פון די סתירות אין דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם און איינער פון די אופנים, וואו די דאָזיקע סתירות האָבן זיך אויסגעדריקט אין באַציאונג צו די יידישע מאַסן — האָבן די אַנטוישונגשטימונגען פאַרגיכערט און פאַרשטאַרקט. ווערט זיין אָנצילונג אַלץ מער מטושטש און אַלס איינציק זיכערע טאַטזאַך בלייבן פאַר אים די הוילע פאַקטן: די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, „דער שטילער, דויערנדיקער פּאָגראָם״, די פאַרשטאַרקונג פון רעכט־באַגרענעצונגען, די ווייטערדיקע פאַראָרעמונג פון די פאָלקס־מאַסן. מענדעלע הייבט איצט אָן צו פאַרלירן זיין פריערדיקן ניכטערן קוק אויף דער לאַגע פון דער מאַסע, אויף דער ראָל פון דער אַלטער „פּאַטריאַרכאַלישער״ גבירימשאַפט, אויף דעם טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער. זיין אויפקלערערישער אָפּטימיזם ווערט אַלץ מער פאַרטונקלט, און זייט דעם „פריזיוו״ הייבט זיך אָן אין זיין שאַפן דייטלעכער אַרויסצואווייזן די טענדענץ ניט בלויז צו קריטיקירן, נאָר אויך צו באַרעכטיקן און צו ראָמאַנטיזירן די ביז־קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן. פריער האָט מען אין זיין צוגאַנג געקאָנט באַמערקן נעבן דאָמינירנדיקער „ניכטערקייט״ אויך עלעמענטן פון סענטימענטאַליזם. דעמאָלט איז דאָס געווען אַ סך נעענטער צו דער קאַטעגאָריע „ליבע״, איידער צו סענטימענטאַלישקייט. איצט דאָמינירט שוין אָפט די סענטימענטאַלישקייט, לאָזט זיך ביי מענדעלען אַלץ אָפטער הערן דער איינשלעפערנדיקער סענטימענטאַל־באַקלאָגנדיקער נעבעך־טאָן. אין זיין רעאַליזם באַווייזן זיך אַלץ מער עלעמענטן פון ראָמאַנטיזם. סאַטירע רוקט זיך צומאָל אָפּ אין אַ זייט. אין פאָדערגרונט פון זיין שאַפן שטייט איצט דער עיקר ברייטע, „עפיש־רואיקע״ אָביעקטיוקייט און לירישע פּאָעטיזירונג.

די סתירות אין מענדעלעס קונסט שפּיגלען אָפּ די סתירותדיקייט אין דער געזעלשאַפטלעכער סיטואַציע פון דער פּאַראַעמטער שטעטלדיקער מאַסע, וואָס שטעקט נאָך טיף אין אַזעלכע פּאַרהעלטענישן, וועלכע זיינען ניט ווייט אַוועק פון די פעאָדאַלישע — און דאָס אין אַ פּעריאָד פון לעבהאַפטיקער אַנט־וויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. די דאָזיקע מאַסע געפינט זיך אין קלעם: צווישן די אַלטע, נאָך ווייט ניט אָפּגעשאַפטע צרות פון דער פעאָדאַלישער אָרדענונג — און דעם דרוק פונעם אויפקומענדיקן קאַפּיטאַליזם.

מענדעלע זעט קלאָר די סתירות צווישן די פעאָדאַלישע רעשטלעך און דעם נייעם לעבן. אָבער די אינעווייניקסטע סתירות פון די נייע פּאַרהעלטע־נישן גופא, זייער ווירקונג אויף די ברייטע פאָלקס־מאַסן קאָן ער זיך ניט ריכטיק דערקלערן. אין לעבן שטויסט ער זיך, וואָס שפּעטער אַלץ מער, צונויף מיט די דאָזיקע סתירות פון די נייע פאַרהעלטענישן, ער ווייסט אָבער ניט זייער באַדייט, זיי פאַלן אַרויס אַלס „אומגעזעצלעכע" פון זיין וועלט־באַנעם. אַקעגן זיי שטייט זיין וועלט־אַנשויאונג הילפלאָז און פאַרלאָרן.

די אויפקלערערישע „ניכטערקייט" שטויסט אים אַרויסצוטרעטן קעגן דעם ציוניזם, למשל („אין אַ שטורעם־צייט" א. אַ.), זיין געדריקטע געזעל־שאַפטלעכע שטימונג רופט ביי אים אַרויס סימפּאַטיעס צום ציוניזם („אַ גראַע האָר" א. אַ.). ער באַציט זיך ניכטער־סקעפּטיש צו דער העברייאיש־פּראָפּאַ־גאַנדע און איז אַליין העברייאיסטיש ביז צו רעליגיעזקייט. גענוג אָפט שליידערט ער אויך איצט אַרויס בייזע שטעכווערטער קעגן די אַלטע און „ניי־מאָדישע" שטאָט־בעלי־טובות, גבירים, פאָלק־פאַרזאָרגערס (זע „ווינטש־פינגערל", גרויסער וואַריאַנט), קעגן דעם פאַרקריפּלטן טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער א. אַז. וו. און אין דער זעלבער צייט דערגרייכט זיין אַפּאָלאָגיע פון די דאָזיקע פיגורן און פון דעם דאָזיקן שטייגער ביז צו ראָמאַנטיזירנדיקער אידעאַליזאַציע (אין „אַ גראָע האָר", „ווינטשפינגערל", גרויסער וואַריאַנט, „שלמה ר' חיימס" א. אַ.).

אויך פריער זיינען ביי מענדעלען געווען עלעמענטן פון סענטימענטאַלער געזעלשאַפט־אַפּאָלאָגיע. אָבער סוף־כל־סוף האָט דאָס דעמאָלט געהאַט אַן אַנדערן באַדייט. דעמאָלט זיינען זיי געווײנלעך געווען פאַרבונדן מיט זיין געזעלשאַפט־קריטיק; דער סענטימענטאַל־אַפּאָלאָגישער עלעמענט איז דעמאָלט אויסן געווען צו הייבן דאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין פון דער פאָלקס־מאַסע אין אירע אייגענע אויגן און איר מענטשלעכן ווערט אין די אויגן פון די יידישע און ניט־יידישע מאַכטהאָבערס. אויף אַזאַ אופן זיינען דעמאָלט די עלעמענטן פון דער אַפּאָלאָגיע ניט געשטאַנען אין קיין דייטלעכן ווידער־שפּרוך צו די געזעלשאַפט־קריטישע טענדענצן, נאָר פאַרקערט, זיינען אויסן געווען זיי צו דינען. אין יענעם פעריאָד האָט אין זיינע אַפּאָלאָגעטישע טענער

מיטגעקלונגען אַ שאַרפער טאָן פון קלאַסעווער פּראָנדיאָרישקייט. דעריבער איז זיין דעמאָלטיקער סענטימענטאַליזם געווען אַן אָפּטימיסטישער, וואָס שפּע־טער אָבער האָט אַלץ אָפטער די סאָציאַלע טענה געדאַרפט דינען דער נאַציאָנאַלער אָפּאָזיציע און האָט אין תוך געקראָגן אַ פּעסימיסטישן כאַראַקטער.

דאָס זיינען די הויפּט־סתירות אין מענדעלעס וועלט־אָנשויאונג, און פונ־דאַנען שטאַמט אויך די סתירותדיקייט, וואָס מיר מוזן פעסטשטעלן, סיי אינעם אינהאַלט און סיי אין דער פאָרם פון זיין קינסטלערישן שאַפן. אין דער ווידער־שפּרעכלעכקייט פון זיינע קינסטלערישע פאָרם־מיטלען האָט זיך אויף אַ געוויסן אופן רעפּראָדוצירט די סתירותדיקייט פון זיינע אידייאישע טענדענצן.

2. קריטיק און אַפּאָלאָגיע

מיט דער קינסטלערישער רעאַליזירונג פון דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט־קריטיק זיינען פאַרבונדן די ווערטפולסטע, פרוכטבאַרסטע פאָרם־עלעמענטן אין מענדעלעס שאַפן. די קינסטלערישע רעאַליזירונג פון דער ליבעראַלער געזעלשאַפט־אַפּאָלאָגיע איז — אַחוץ יענע זייער ווערטפולע מאָמענטן, וואָס וויזן אויך דאָ אָן אויף אַ פאַרבינדונג מיט דער געזעלשאַפט־קריטיק, — דער באָדן פאַר די שטערנדיקע פאָרם־עלעמענטן אין דער אַנטוויקלונג פון זיין שאַפן.

צוליב איבערזיכטלעכקייט וועלן מיר דאָ אויסרעכענען די וויכטיקסטע פאָרם־עלעמענטן אין מענדעלעס שאַפן און וועלן זיי דערווייל אַנטקעגנשטעלן אין צוויי גרופּעס. דאָס טאָר, פאַרשטייט זיך, ניט באַנומען ווערן ווי אַ קאַטע־גאָרישע און דאָגמאַטישע סכעמע — איך שטרייך דאָס באַזונדערס אונטער. די אַנטקעגנשטעלונג פון די גרופּעס פאָרם־אייגנשאַפטן איז בלויז אַ דורכאויס באַדינגלעכע, ווייל טראָץ דער ווידערשפּרעכלעכקייט זיינען די גרופּעס אויפן ענגסטן אופן מיטאַנאַנד פאַרבונדן. אַזאַ דערווייליקע אַנטקעגנשטעלונג פון די די צוויי סתירותדיקע גרופּעס פאָרם־אייגנשאַפטן דאַרף בלויז דינען אויף צו פאַרגרינגערן די איבערזיכטלעכקייט ביים אַנאַליז און ביים אויסקלאָרן סיי די סתירותדיקייט, סיי די פאַרבינדונג פון די דאָזיקע גרופּעס פאָרם־אייגנשאַפטן אין מענדעלעס שאַפן.

1. געזעלשאַפט־קריטיק: פּאַמפלעטיק; סאַטירע; פּאַראָדיסטיק; „אָנ־רחמנותדיקייט“ אין דער דעטאַלן־מאָלעריי; לעבעדיקע, קראַפטפולע פאָלקס־טימלעכקייט (אויך דאָרט, וואו ער לאַכט פון דער גוזמאדיקער רעדנסאַרטלעכ־קייט); „שטראָפנדיקע“ (קריטיקירנדיקע) רעזאָניאָרישקייט, פּאַטעטישער ליריזם, שטייגערישער אמת (זאַכלעכער שטייגער־רעאַליזם), רעאַליזם אין דער פאַבול.

דער כאַראַקטעריסטישער הויפּט־שטריך פון דער דאָזיקער גרופּע פאָרם־אייגנשאַפטן איז רעאַליסטישע ניכטערקייט.

דערמיט איז פאַרבונדן: לאָגיק און פּאַרגאַנצטקייט אין דער אַנטוויקלונג פון דער קאָמפּאָזיציע („מסעות" א. אַ.).

2. גרופּע־אייגנשאַפט־אַפּאָלאָגיע: פּאָעטיזירטע אַלעגאָריק, עפּיש־רואיקע „אָביעקטיווקייט"; פּאָעטיזירנדיקע אידעאַליזאַציע; אידילישע זשאַנער־ און פּייזאַזש־מאָלעריי; „יידישלעכע" סטיליזאַציע; באַקלאָגנדיקע, וויינענדיקע רעזיאָניאָרישקייט; סענטימענטאַלקייט; שפּאַנענדיקייט און „סענסאַציאָנעל־קייט" אין דער פאַבול („אינטריגע").

דער כאַראַקטעריסטישער הויפּט־שטריך פון דער דאָזיקער גרופּע פאָרם־אייגנשאַפטן איז ראָמאַנטישע סענטימענטאַלישקייט.

דערמיט איז פאַרבונדן: אָרנאַמענטאַליזם, פראַגמענטאַרישקייט, עפּי־זאָדישקייט און געבראָכנקייט פון דער קאָמפּאָזיציע (צום טייל אין „דער קליאַטשע", אין „פישקע", אין „ווינטשפינגערל" — די גרויסע וואַריאַנטן, — אין „שלמה ר' חיימס", אין אַ ריי קלענערע דערציילונגען א. אַ.).

דער צונויפשטויס פון ביידע גרופּעס פאָרם־אייגנשאַפטן באַווייזט זיך אין זיין הויכפּונקט אַלס גראָטעסק.

ביידע גרופּעס פאָרם־אייגנשאַפטן זיינען ענג פאַרבונדן איינע מיט דער אַנדערער, זיינען אויף אַ באַשטימטן אופן פאַרוואָרצלט אין מענדעלעס אָנ־שויאונגען. דעריבער קאָנען מיר עלעמענטן פון ביידע געפינען אין אַלע פּעריאָדן פון זיין שאַפן. אויף וויפיל די צווייטע גרופּע פאָרם־אייגנשאַפטן איז דאָך אָפּט אויסן צו דינען אויך צו די קעמפערישע טענדענצן פון זיין אויפ־קלערערישער פּראָגראַם, אַנטהאַלט זי אויך אַזעלכע עלעמענטן, וואָס זייער פונקציע ווערט אַסימילירט דורך דער פונקציע פון דער ערשטער גרופּע פאָרם־אייגנשאַפטן. אויף אַזויפיל איז דאָס לחלוטין ניט אויסגעשלאָסן, אַז עלעמענטן פון דער צווייטער גרופּע פאָרם־מיטלען, סתירהדיק צי ניט, פאַרבונדענע מיט פאָרם־דערשיינונגען פון דער ערשטער גרופּע, ווערן אונטערטעניק געמאַכט צו דער טענדענץ פון געזעלשאַפט־קריטיק, זיי פונקציאָנירן דאַן לטובת דער דאָזיקער טענדענץ. און פּונקט אַזוי, פאַרקערט, דאַרף מען דאָס אייגענע זאָגן אויך וועגן עלעמענטן פון דער ערשטער גרופּע פאָרם־אייגנשאַפטן, אַז איבער דער באַגרענעצנדיקער צוריקווירקונג פון די געוויסע ליבעראַלע עלעמענטן אין זיינע אָנשויאונגען (שתדלנותדיקע פּראָפּאַגאַנדע פון עמאַנסיפּאַציע) ווערן צו־מאָל אַ טייל עלעמענטן פון דער ערשטער גרופּע פאָרם־מיטלען אונטערטעניק געמאַכט צו געזעלשאַפט־אַפּאָלאָגיע. כאָטש אינגאַנצן גענומען, זיינען גע־וויינלעך די דאָזיקע פאָרם־פאַקטן ניט קיין כאַראַקטעריסטישע אויסדרוק־מיטלען פאַר אַזאַ טענדענץ. מיר מוזן זיך זייער היטן אין אַזעלכע פאַלן סכע־

מאַטיש צו קאַטעגאָריזירן: אומבאַדינגט אַזעלכע און אַזעלכע אויסדרוק־מיטלען פאַר אַזעלכע און אַזעלכע סאָציאַלע טענדענצן — אויב מיר ווילן ניט אַריינפאַלן אין נאַרישע טעותן.

וואָס מען קאָן אָבער מיט זיכערקייט פעסטשטעלן, איז, אַז אינעם פעריאָד 1864—1879 דאָמינירן אין מענדעלעס קינסטלערישע אויסדרוק־מיטלען מער די פאָרם־אייגנשאַפטן פון דער ערשטער גרופּע, און אינעם פעריאָד זייט די 80ער יאָרן — די פאָרם־אייגנשאַפטן פון דער צווייטער גרופּע.

3. וועגן גראָטעסק

ס'איז אַן אייגנטימלעכע דערשיינונג אין מענדעלעס שאַפן, אַז דאָרט, וואו די סתירהדיקייט אינעם אינהאַלט פון אַ ווערק, די ווידערשפּרעכלעכקייט פון זיינע טענדענצן יורדט אַן צו דער העכסטער מדרגה, וואו דער ניכטער־רעאַליסטישער און דער סענטימענטאַלער באַנעם שטויסן זיך צונויף אין אַ שטאַרקן קאָנפליקט, ברעכט זיך די סאַטירע איבער אין אַ גראָטעסק. דער סאַטירישער טאָן איז אין אַזעלכע פאַלן אָנגעצויגן ביז אויף דער העכסטער, כמעט שוין גרילצנדיקער נאָטע, ער ווערט אָבער אויף זייער אַ סתירהדיקן אופן באַגלייט פון אַ טיף לירישן טאָן, וואָס איז אין יענע פאַלן אָנגעצויגן כמעט שוין ביז צו אַ וויינענדיק־סענטימענטאַלער נאָטע. אַלס רעזולטאַט דער־פון באַקומט זיך דאָס גראָטעסקע.* סאַרקאַסטישער אָפּשפּאָט, אויסגעמישט מיט ווייכהאַרציקער אַפּאָלאָגיע — באַקומט זיך אַ גרימאַס פון גראָטעסק. דאָס דאַרף אין דער אייגענער צייט נעגירן און באַרעכטיקן, אויסלאַכן און אַרויס־רופן מיטגעפיל.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די עלעמענטן פון גראָטעסק געפינען זיך אַמ־געדיכטסטן ניט אין יענע ווערק, וואו ס'דאָמינירט דער אָנגריף אויף די פּריווילעגירטע, נאָר וואו עס האַנדלט זיך וועגן דער אויפקלערנדיקער קריטיק פון די פאַראָרעמטע, אונטערדריקטע, אָפּגעשטאַנענע מאַסן גופא, אין „פישקע", אין „מסעות". עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס אַמשטאַרקסטן באַווייזט זיך דער עלעמענט פון גראָטעסק אין „מסעות", אין דעם ווערק, וואָס גיט אויף אַ קאָנ־

---

* מיט דעם טערמין זיינען מיר אויסן דאָס גראָטעסקע אין ג אָ ט י ש ן זינען, די וויטיקדיק־גרימאַסירנדיקע היפּערבאָלע, וואָס אַנטהאַלט אין זיך מאָמענטן פון העכסטן פּאַטאָס — און שפּילערישקייט, פון שרעק און פרייד, אַזוי ווי דאָס איז פאַרקערפּערט, למשל, אין באַשטימטע גאָטישע סקולפּטורן. די פאַרצוויפלטע, קרענק־לעכע קוויקעניש מיט דער „פולקומער", „מאָנומענטאַלער" העסלעכקייט איז געווען אַן אייגנאַרטיקער, ווידערשפּרעכיקער אופן דורך ווילדער גוזמא צו יוצא־פן אַ שיין פון פּאָעזיע אויף דער פינצטערער ווירקלעכקייט אינעם מיטלאַלטער.

צענטרירטן אופן מענדעלעס באַציאונג צו דער אָפּגעשטאַנענקייט פון שטעטל־דיקן לעבן — און אגב טאַקע האַרט פאַר די 80ער יאָרן, ווען די סתירהדיקייט צווישן קריטיק און אַפּאָלאָגיע איז ביי מענדעלען אָנגעוואַקסן ביז צום העכסטן פונקט.

דער גראָטעסק איז בייזע נאָכקרימעניש מיט חנעוודיקע תנועות, פיינפול גרימאַסירנדיקע קריטיק.

דער גראָטעסק אין מענדעלעס שאַפן איז אין לעצטן סך־הכל, טראָץ דער גוואַלדיק אָנגעצויגענער ווידערשפּרעכלעכקייט, טראָץ דעם שלייער פון לירישן מיטגעפיל, טראָץ דער אינעווייניקסטער געבראָכנקייט, אַן אויסדרוק פון טיפער געזעלשאַפטלעכער אומצופרידנקייט, פון עסעדיקער, ברענענדיקער סאַטירע און קריטיק. דער ערנסט אָנגעשטרענגטער גראָטעסק אין „מסעות" און „פישקע" (און אויך אין יענע ערטער פון דער „קליאַטשע", וואו ער ווערט ניט אָפּגעמעקט דורך אַלעגאָרישקייט), איז סוף־כל־סוף אַ מיטל אויף אויס־צודריקן געזעלשאַפטלעכע קריטיק. אין דער אייגענער צייט אָבער קומט אין אים אויך צום אויסדרוק די געבראָכנקייט און סתירהדיקייט אינעם סאָציאַלן שטרעבן פון די פאָלקס־מאַסן אינעם געגעבענעם היסטאָרישן פּעריאָד. די גראָטעסק־עלעמענטן אין דער סאַטירע ווייזן אָן אויף דער שוואַכקייט פון די סאָציאַלע שיכטן, וואָס דריקן דאָ אויס זייערע טענות און פאָדערונגען אויף אַ קרענקלעך־„געשפּאָלטענעם" אופן.

4. סאַטירע און הומאָר

דער גרונט־טאָן פון מענדעלעס שאַפן איז סאַטירע. זיין אָפּשפּאָט איז געוויינלעך בייז און ביטער. פאַראַן אין זיינע ווערק, ווי ביי יעדן גרויסן סאַטיריקער, אויך אַ סך ערטער פון הומאָר, געוויינלעך אָבער ניט דאָרט, וואו ער טרעט אַרויס קעגן גבירים, קהל א. אַז. וו., נאָר אין יענע ערטער, וואו ער שטראָפט מיט זיין אָפּשפּאָט די שטעטלדיקע מאַסן פאַר זייער אָפּגעשטאַנענקייט און פינצטערניש. דעמאָלט באַווייזן זיך אין זיין אָפּשפּאָט שטריכן פון גוט־מוטיקייט, וואָס מאַכן דעם חוזק פונקט אַזוי ענלעך צו הומאָר, ווי צו סאַטירע.

אין אַזעלכע פאַלן דערלויבט זיך מענדעלע שילדערונגען פון ריינער קאָמיק. איך מיין אַזאַ, ביי וועלכער מע קאָן און מע מוז לאַכן. למשל, ביי דער שילדערונג פון די משונהדיקע געשפּרעכן און מיספאַרשטייענישן צווישן בנימינען, סענדערל און דעם אוקראַינישן פויער, וועלכן זיי באַגעגענען אויף זייערע וואַנדערונגען און רעדן מיט אים אין אַ געבראָכענעם אוקראַיניש־העברייאיש־יידישן קוידערוועלש. אָדער אינעם שלוס־בילד פון „מסעות", וואו די צוויי וועלט־רייזנדע ווערן נאָך אַן „ערנסטן געשפּרעך" מיט דער נאָ־

טשאַלסטווע באַפּרייט פונעם מיליטער־דינסט — אַלס שוואַכזיניקע.

אָבער אויך דאָ איז דער הומאָר ניט קיין לייכטער, קיין פריילעכער, קיין באַפרייענדיקער. די קאָמיק איז שאַרף, און ביי דער גאַנצער גוטמוטיקייט און ליבע, וואָס פילט זיך אין מענדעלעס באַציאונג צו זיינע דאָזיקע העלדן, פעלט דאָ אָבער ניט אויך טיפע ביטערקייט. מענדעלע איז דאָ צופיל אַגיטאַטאָריש באַטייליקט, געזעלשאַפטלעך פאַראינטערעסירט אין די געשטאַלטן, וואָס ער מאָלט, אַז ער זאָל קאָנען „פריי" איבער זיי לאַכן. ער ווייסט גענוי, מענדעלע, וואָס ער וויל מיט דער קאָמישער שילדערונג. אַפילו זיין הומאָר איז ליידנ־שאַפטלעך, איז אַ סאָציאַלע אַרגומענטאַציע פול מיט וויטיק און צאָרן. ער פאַרגעסט ניט אויף קיין איין רגע, ביי דער קאָמישסטער סיטואַציע, די שוידער־לעכע געזעלשאַפטלעכע סיבות פון דער דאָזיקער קאָמיק. דעריבער איז אויך אין זיינע הומאָריסטישע ערטער פאַראַן פּאַטאָס. ס׳פילט זיך אויך אין זיי זייער דייטלעך זיין ליבע און וויי. ווען מענדעלע לאַכט, לאַכט ער מיט טיפער קלעמעניש, ניט מיט אַ „באַפרייענדיקער טרער" אין אויג, נאָר מיט קלעמעניש.

אין אַלגעמיין אָבער איז דער גרונט־טאָן אין מענדעלעס שילדערונגען ניט קיין הומאָריסטישער, נאָר אַ בייז־סאַטירישער, אַ פאַרביסן־דעמאַסקירנדיקער, אָן שום ריקזיכטן. דער באַוואוסטזיניקער געזעלשאַפט־קריטישער מיין דרינגט אַרויס פון יעדן בילד זיינעם, דער אימפּולס פון זיין שאַפן איז געזעלשאַפט־קריטיק. וואו מענדעלע האָט ניט געהאַט וואָס צו קריטיקירן, האָט ער אויך ניט געהאַט וואָס צו שרייבן. דער אימפּולס פאַר זיין שאַפן איז סאָציאַלער צאָרן, אויפגעבראַכטקייט און ליבע צו די אונטערדריקטע מאַסן. ווי קאָן דאָ זיין אַ רייד וועגן געמיטלעכן הומאָר?

ווי געוויינלעך אַן אויפקלערער, פאַרמאָגט מענדעלע עלעמענטן פון ראַציאָנאַליזם, קעגן די נעפּלען פון פּעאָדאַליזם איז נייטיק געווען קלאָרע ניכטערקייט פון פאַרשטאַנד, און פאַרט האָבן מיר ביי מענדעלען, דעם „ליט־וואַק" אין ערגעץ ניט דעם איינדרוק פון טרוקענער ראַציאָנאַליסטישקייט. ביי זיין גאַנצער ניכטערקייט איז מענדעלעס פּראָזע טיף ליריש. זיין מאָלעריש־קייט, זיין אופן שילדערן פּייזאַזש, שטייגער, מענטשן, שטימונגען איז ביי דער גאַנצער ניכטערער פּאָלעמישער שאַרפקייט קיינמאָל ניט נאַטוראַליסטיש. ער וועגט געוויינלעך אָפּ די ווירקונג, וואָס אַ צו־נאַטוראַליסטיש בילד קאָן האָבן ניט בלויז אויף דעם, צוליב וואָס מע קריטיקירט, נאָר, צוריקוואַרפנדיק אַ שיין, אויך אויף דעם, ווער סע ווערט קריטיקירט. דער באָדן פון זיין ליריש־קייט איז זיין ליבע צו די פאָלקס־מאַסן. ער אַנטבלויזט ביז נאַקעט די ווירקלעכקייט אין דער דעמאָלטיקער יידישער סביבה. דערביי אָבער פאַר־געסט ער ניט, אַז די אויפגעבראַכטקייט איבער דער לאַגע פון די מאַסן טאָר זיך ניט אויף זיי אַריבערטראָגן. פונדאַנען נעמט זיך די וואַרעמקייט אין זיין

מאָלעריי. דאָס האָבן מיר געמיינט, ווען מיר האָבן פריער * געזאָגט, אַז אונדז דערמאָנען מענדעלעס שילדערונגען אין „פישקע" אויף עפּעס אַן אופן די ליכט־און שאָטן־מאַניר, מיט וועלכער דער גרויסער רעמבראַנדט האָט מיט האַרצלעכער וואַרעמקייט געמאָלט די נויט און פּיין פונעם אָרעמען המון.

אַמאָל, באַזונדערס אין מענדעלעס שפּעטן פּעריאָד, פאַרוואַנדלט זיך זיין לירישקייט אין סענטימענטאַליזם, אין רחמנות־טענער און פּיליסטערישער קלאָגעניש. אָבער אין זיינע בעסטע ווערק און בילדער באַווייזן זיך זיינע עמאָציעס אין שטרענגער פּאַטעטישער לירישקייט, שטרענג — אין קעגנזאַץ צו דער אָפּגעלאָזן־עלעגישער סענטימענטאַליטעט, וואָס מיר געפינען ביי יענע הומאָריסטן, וועלכע האָבן זיך ניט דערשלאָגן צו אַ קלאָרקייט אין זייערע געזעלשאַפטלעכע געפילן. זיין לירישקייט איז פאַרבונדן ניט מיט הומאָר — נאָר מיט סאַטירע, מיט אַ באַוואוסטזיניקער סאָציאַלער כוונה, דעריבער איז זי שטרענג און פּאַטעטיש.

מענדעלע איז אין זיין פּראָזע אַ גרויסער פּאָעט. זיין פּאָעטישקייט איז ניט אַזוי פילפּאַרביק, ווי אין פּרצעס שאַפן, ניט אַזוי אויסערגעוויינלעך פאַנטאַזיע־פול און רייך אין דערפינדונגען, ווי ביי שלום־עליכמען. געוויס ניט. אָבער זיינע שילדערונגען פון דער ווירקלעכקייט זיינען טיפער דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלע ליידנשאַפטן און עמאָציעס. די דאָזיקע ליידנשאַפטן ווייזן זיך אין זיין שאַפן טיפער, דורכדרינגענדיקער, עקשנותדיקער.

5. פאַמפלעט און פּאַראָדיע

די פאָרם פון דער דעמאַסקירנדיקער סאַטירע דערגייט אַמאָל ביי מענדעלען ביז צו דירעקטן פאַמפלעט, וואָס נעמט די טיפן און פאַקטן דירעקט פון דער ווירקלעכקייט („די טאַקסע"), אַזוי אַז דעם דעמאָלטיקן לייענער זיינען אַפילו באַקאַנט געווען די נעמען פון די פּראָטאָטיפּן פון מענדעלעס פיגורן. דאָס האָט צומאָל גאַראַנטירט די סאַמע שאַרפסטע פּובליציסטישע ווירקזאַמקייט. צוויי צענדליק יאָר נאָכן דערשיינען פון דער „טאַקסע" פלעגט מען זיך נאָך אין שטעט און שטעטלעך איינרוימען די אמתע נעמען און מעשים פון די פאַרשוינען, וואָס מענדעלע האָט אַרויסגעפירט אין זיין אָנקלאָגעריש־פאַמפלעטישער פּיעסע.** די דאָזיקע פאַמפלעטישקייט האָט צוגעגעבן צו זיינע ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען די ווירקזאַמקייט פון עכטער „פּובליציסטיק" אין בעסטן זינען פון וואָרט.

די שנאה צום גביר און צום פעאָדאַלישן שטייגער האָט אויך דיקטירט

* זע אויבן, ז"ז 15 און 16.

** למשל, אין ראָוונע אין די 80ער יאָרן, לויט מינדלעך מיטגעטיילטע זכרונות, וואָס איך האָב באַקומען פון א. ב. גאָטלאָבערס אַ תּלמיד — מ. גאָטליב (טשעבאָקסאַר).

דאָס מיטל פון פאַראָדיע. ניט בלויז ווייל זי, די פאָרם פון פאַראָדיע, איז צוגעפּאַסט צו דער קולטור־טראַדיציע פונעם דעמאָלטיקן יידישן אינטעליגענט, דעם משכילישן שרייבער, וואָס איז געווייגלעך געווען אַן אויפגעקלערט געוואָרענער ישיבה־בחור און קלויזניק (אין באַשטימטע פרטים אַן אַנאַלאָגישע דערשיינונג צום רוסישן אויפגעקלערטן „ראַזנאָטשינישן" סעמינאַריסט). ניט בלויז דערפאַר, וואָס אויף צו צעשטערן די רעשטלעך מיטלאַלטער איז פאַר אַזאַ שרייבער געווען אַמיינסטן צוטריטלעך דאָס מיטל פון „איבערקרימענדיקער רעפּראָדוקציע". נאָר טאַקע אויך דערפאַר, ווייל דאָס דאָזיקע פאָרם־מיטל איז געווען ביז גאָר צוגעפּאַסט און צוטריטלעך פאַר אַ לייענער, וואָס האָט נאָך אַליין גאַנץ היפּש געשטעקט אינעם מיטלאַלטער. פאַראָדיסטישע פאָרם אויף אויסצודריקן אַ קריטישן מיין איז דאָ געווען באַדינגט סיי דורך דער קולטור־לאַגע פונעם לייענער, סיי, ביז צו אַ געוויסער מאָס, אויך דורך די קולטור־טראַדיציעס פונעם שרייבער.

פאַראָדיע איז אַן אַלטע טראַדיציע פון דער השכלה. זייט אירע אָנהייבן האָט זי מיט פאָרליבע אויסגענוצט דאָס מיטל פון פאַראָדיעס אויף באַזונדערס שטאַרק פאַרשפּרייטע רעליגיעזע ביכער. די ליניע פון דער משכילישער פאַראָדיע, וואָס האָט, פון איר זייט, אויסגענוצט העברייאישע פאַראָדיע־טראַדיציעס פון דער רענעסאַנס־צייט און שפּעטער, ציט זיך זייט דעם אַנטי־חסידישן „מגלה טמירין" (1819) פון י. פּערל און ענלעכע ווערק. מענדעלע פירט די פאַראָדיע אַוועק פון דעם מער „למדנישן" גאַנג און נעמט אַלס אָביעקט די פּראָסטערע, מער „פאָלקסטימלעכע" העברייאישע און יידיש־טייטשע ביכער: מעשה־ביכער, ביכער וועגן נסים־ונפלאות, וועגן פאַנטאַסטישע „נאַטור"־דערשיינונגען, וועגן וואונדערלעכע נסיעות, וועגן די „וויסנשאַפטן", וועגן משיחס צייטן, וועגן די רויטע יידעלעך, ווייבערשע תחינות, מוסר־ספרים, מגידישע ספרים, צאינה־וראינה און ענלעכע פאָלקס־ביכער פון מיטל־אַלטערלעכן כאַראַקטער. מענדעלע פאַראָדירט אויך דעם מינדלעכן קלויז־בטלנישן, ישיבה־הכמהדיקן, מגידישן און דעם תחינהדיק־פּירזאָגערישן נוסח. די פאַראָדיע איז אַן אַלט, אויסגעפּרואווט מיטל אויף צו פאַרמיאוסן און צו באַזיגן די מיטלאַלטערלעכע „חכמה" (ביי די הומאַניסטישע אויפקלערער פון דער רענעסאַנס־צייט, למשל ביי עראַזמוס פון ראָטערדאַם א. אַ.). די פאַראָדיע אַרגומענטירט ניט, זי שאַרזשירט, קרימט זיך איבער, ס'איז אין איר פאַראַן איראָניע, אָבער אויך געוויסע עלעמענטן פון שפּילערישן אומערנסט, וואו מע קלייבט זיך ניט צו אַנאַליזירן, אויפצודעקן ביז צום סאַמע סוף, אָדער וואו מע איז ניט ביכולת אויף אַ קלאָר־באַוואוסטזיניקן אופן צו צעשטערן ביז אין די טיפסטע וואָרצלען די געזעלשאַפטלעכע קרענק, דאָרט איז פאַראָדיע איינע אַ שאַרפסטע פאָרם פון דער געזעלשאַפט־קריטיק.

6. די שפּראַך פון מענדעלעס פיגורן

דער פּאַראָדיסטישער שפּראַך־נוסח בכלל איז פאַרן לייענער, צו וועלכן מענדעלע האָט זיך געווענדט, געווען זייער אַ ווירקזאַמער און צוטריטלעכער אויסדרוק פון אָפּשפּאָט. די אָפּשפּעטערישע רעדנסאַרטלעכקייט איז אַ וועזנט־לעכע דעטאַל פון מענדעלעס פּאַראָדיסטיק. און היות דאָס דאָזיקע הויפּט־מיטל פון מענדעלעס סאַטירע געהערט צו די וויכטיקסטע סימנים פון מענדעלעס קונסט, איז דעריבער כדאי גענויער וועגן דעם צו רעדן.

איינע פון מענדעלעס קינסטלערישע הויפּט־געשטאַלטן איז דער פּאַר־קאַפּיטאַליסטישער פּעדאַליש־אָפּגעשטאַנענער מנחם־מענדל, וואָס באַקומט שוין צו שפּירן דעם דרוק פונעם וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם („בנימין השלישי" אין זיין קאָנצענטרירטער געשטאַלט). צו מענדעלעס הויפּט־פיגורן געהער דער „גלופּאַ־טרוסאַ־בעזיאַזיקאַ־קאַפּצאַנער". אין דער צייט, ווען דער קאַפּיטאַליזם וואַקסט שוין אין רוסלאַנד גאַנץ אינטענסיוו, לעבן נאָך די יידישע שטעטלעך און אַפילו שטעט אין אַ פאַרגליווערטן פאַרשלאָפענעם מיטלאַלטער. ס'איז געווען זייער נאַטירלעך זיך אָנצוכאַפּן אָן דעם „וואָרט" פון דער דאָזיקער סביבה" פאַר דער קינסטלערישער קריטיק פון אירע פאַרהעלטענישן. אַזוי אַרום האָט געקאָנט באַוויזן ווערן אויף זייער אַ שאַרפן אופן די פאַרקריפּלונג פונעם לעבן און פונעם געדאַנק אויפן ביישפּיל פון דער שפּראַך.

אין אַזאַ סביבה זיינען די פאַרהעלטענישן (וואָס קאָנען דאָך ניט בלייבן קיין אַבסאָלוט איזאָלירטע פון דער אַנטוויקלונג אין גאַנצן לאַנד) אַ סך קאָמ־פּליצירטער, איידער די פאַראַנענע שפּראַכלעכע אויסדרוק־מיטלען, וואָס טראָגן אויף זיך אין אַ סך פּרטים דעם שטעמפּל פון דער פריערדיקער (פעאָדאַלישער) צייט. דער רייד־נוסח ווערט איינגעדאַרט, אַנטשפּרעכנדיק צו דער פאַרקריפּ־לונג פון דער געזעלשאַפטלעכער לאַגע. דער דאָזיקער נוסח ווערט ניט באַנייט פון די ניי־וואַקסנדיקע פאַרהעלטענישן. ער גליווערט אין חכמהדיקע קאָמ־בינאַציעס, אין אומענדלעכע וואַריאַציעס פון די געירשנטע רעדנסאַרטן, פראַזעס, מליצות, ווערטלעך, אויסרופן א. אַז. וו. מע ניואַנסירט און ניצעוועט זיי איבער אָן אַן עק. די שפּראַך פרעגלט זיך אין אייגענעם שמאַלץ, פּונקט ווי דאָס אָפּגעשטאַנענע לעבן. עס דערגייט אַזוי וויט, אַז אַ מינדסטע פאַר־ענדערונג פון דער מאָדולאַציע גיט אָנצוהערן אויף אַ פאַרענדערונג (כאָטש טאַקע אָפּט אַ גאָרניט זאָגנדיקער) פונעם באַדייט. די שפּראַך ווערט אויסגע־לײדיקט. דאָס דערפירט צו אַ מין כלומרשטער ראַפינירטקייט, צו אַן אייגנ־אַרטיקן אומפּרוכטבאַרן שפּראַך־חכמהנען און שפּראַך־וויצלדיקייט. צוליב עפּעס אַ ווייטער אָנצוהערעניש און אַ קוים דערהערבאַרער קלאַנגען־ענלעכקייט, צוליב אַ „פיינער", אָבער אַבסאָלוט אומפּרוכטבאַרער אַסאָציאַציע ציט מען צו

גאַנצע פראַזעס ווי אין אַ דורכאויסיקן קאַלאַמבור (דער שפּראַך־נוסח פונעם קלויזניק און ישיבה־בחור, למשל).

דערצו דאַרפן מיר נאָך נעמען אין אַכט דאָס באַוואוסטזיין פונעם מענטשן, וואָס רעדט אין אַזאַ נוסח, אַז זיין רייד־שטייגער איז אומזאַכלעך, אַז ניט דאָס איז ער אויסן. עפּעס שמייכלט ער דערביי, פילט זיך ניט אינגאַנצן זיכער און פעסט. דאָס שלעכטע „רייד־געוויסן" באַווייזט זיך אין דער אומערנסטער הומאָריסטישער באַציאונג צו דער דאָזיקער פראַזעאָלאָגיע, וואָס מע באַנוצט זי איבער דער אינהאַלטלאָזיקייט פונעם לעבן. עס מישט זיך אַריין אין די רייד אַ שמייכל, וואָס האַלט אין איין אַנטשולדיקן זיך. דער שפּראַך־טאָן ווערט אַלץ מער און מער פּאַראָדיסטיש געבויגן, פאַרגייט זיך אין וויצלעריי, ביז צו גאַליקער זעלבסט־איראָניע. די שפּראַך גופא ווערט איראָניש־פּאַראָדיסטיש. זי יוירט, ווי צעוואַקסענע קאַרטאָפל אין אַ פייכטן קעלער, וואָס שפּראָצן קרענקלעך אויפסניי, ציענדיק זאַפט ניט פון דער ערד, נאָר פון קעלער־פייכטקייט און פון זיך אַליין.

און אַזוי מאַכט זיך עס, אַז לסוף באַשטייט דאָן אַזאַ מין רייד־נוסח אינגאַנצן פון איין ריזיקער מאַסע לויטער אויסגעריבענע, געדיכט אָנגעדראָלענע רעדנסאַרטן, מליצות, גלייכווערטלעך, שפּריכווערטער, אומבאַדייטיקע „אָפּרו־ווערטער" (נו, מאַלע־וואָס, סטייטש, ווי געשיקט זיך, הקיצור, הם, מע, עט, זאָגט ער, הייסט עס — און ענלעכע), אַפעקט־אויסרופן (קללות, ברכות, זידלערייען, ליב־שפּרוכן א. אַז. וו.). דער שפּראַכלעכער פּאַלקלאָר פאַרוואַנדלט זיך אין סקאַרבאָווער פראַזעאָלאָגיע, אין רעדנסאַרטלעכקייט. אַזאַ רייד־נוסח דריקט שוין מער ניט אויס נאַרמאַל און זאַכלעך, וואָס עס איז נייטיק, ווייל דאָס לעבן פון די מענטשן, וואָס רעדן אין אַזאַ נוסח, איז ניט זאַכלעך און ניט נאָרמאַל. ס'הערט זיך שוין פון אים אַרויס אי טראַגיק, אי טיפּשות, אי שרעקלעכע נויט, אי שגעון. דער דאָזיקער רייד־נוסח איז דאָן מיט זיינע אויסגעריבענע ניואַנסירטע טראַפאַרעטן סיי אויסגעשעפּט און מאָגער — וואָס שייך דעם אינהאַלט, סיי איבערראַפינירט מיט זיינע אַראַבעסקן, מיט זיין ווילד־צעוואַקסענער געציקלטקייט, וואָס קאָן אַלץ אויף אַ חריפותדיק־דיפערענצירטן אופן אַרויסזאָגן, נאָר ניט דאָס, וואָס מע באַדאַרף.

7. דער באַדייט פון איבערגעלאָדענער סקאַרבאָווער פראַזעאָלאָגיע אין דער רייד־שפּראַך

דאָס איז די שפּראַך פון יענער סביבה, וואָס מענדעלע רופט זי אָן „גלופּאָ־טרוסאָ־בעזיאַזיקאָ־קאַפּצאַנער", די שפּראַך, וואָס מענדעלע באַווייזט זי אין זיין רעאַליסטיש־פּאַראָדיזירנדיקן נוסח.

אַזאַ מין שפּראַך, מיט דער גאַנצער אומגעניויקייט, וואָס איז פאַר איר

כאַראַקטעריסטיש, ווערט דעמאָלט אין ווירקלעכן לעבן אויסגענוצט פון אַלע די, וואָס ווילן זייער געדאַנק דורך מליצות, סטערעאָטיפּישע פראַזעס און גאָר־ניט־באַדייטנדיקע שפּראַך־תנועות גיכער באַהאַלטן, איידער אַרויסזאָגן, באַרעדעוודיק רעדן און זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט. אַזאַ שטייגער רעדן איז ניט „באַאיוו", פאַרקערט, ער איז אין העכסטן גראַד „ראַפינירט", כאָטש אין תוך זייער באַגרענעצט. איבערגעשפּיצט און גרינטלעך אויסגעפּרואווט דורך געברויך אין משך פון צייטן, איז אָט־אָ דער פראַזעאָלאָגיש־באַוואָקסענער רייד־שטייגער אַן אינסטרומענט פונעם פאַרקריפּלטן לופט־האַנדל־וואַנדל, פון דינגעניש, אַ רייד־שטייגער, ווי פאַר אַן אָפּמאַך. דער פאַר־קאַפּיטאַליסטישער לופט־מענטש, דער אויסטערליש־פאַראָרעמטער „לומפּן־קליינבירגער" פון די פאַרוואָרפענע טונעיאַדעווקע, גלופּסק, קאַפּצאַנסק, באַמיען זיך חריפותדיק־באַאיוו, איראָניזירנדיק פון זיך און פונעם אַנדערן — וואָס קען די קונץ ניט ערגער ווי ער — מיט דער הילף פון זיין רייד־טאַקטיק, באַהאַלטנדיק זיך אונטער געגליווערטער ווערטלדיקייט, זיך דערשלאָגן צו וועלכן ס'ניט איז שטיקל ריווח, צו אַ שטיקל פּאָזיציע אַקעגן דעם פּאַרטניאָר, ניט אַרויסצורעדן זיך מיט אַן איבעריק וואָרט, אויסצומיידן התחייבותן, זיך מיט גאָרניט צו בינדן, זיך צו זיכערן די מעגלעכקייט אויף כאַפּן צוריק.

אין דעם דאָזיקן רייד־נוסח האָבן אומגליקלעכע אונטערדריקטע אָרעמע מענטשן געפונען אַ פּאַסיק אויסדרוק־מיטל אויף דערינען איינצוהילן דעם שרעקלעך לעכערלעכן, אָבער ביז גאָר ביטערן „פּרנסה־קאַמף". לעבנדיק ענג־צונויפגעפּרעסט אין דער אָפּגעשטאַנענער שטעטלדיקער בלאָטע, אָן פּערספּעקטיוון, וויניק אָנגערירט פונעם נייעם לעבעדיקן שטראָם, אָנגלאָדן מיט פאַרקריפּלטע רעשטן פון הויפּטזאַכלעך רעליגיעזער קולטור, קאָנקורירן זיי מאוימדיק איינער מיטן אַנדערן, מיט גוטנס און מיט בייזנס, מיט מורא און מיט קלוגיטשקייט, מיט אומצוטרוי און מיט פאַרביסענער פאָרזיכטיקייט. עס בילדעט זיך אויס אַזאַ מין „קאָנווענציאָנעלער" נוסח פון רייד, אַז מע זאָל בשום אופן ניט קאָנען כאַפּןביים וואָרט.

„אַז זיי זייגען, נעבעך, אומגליקלעך, אַז פון כמה שנים שטיקט מען זיי צונויף אַלע אינאיינעם אין איין אָרט, ווי די שאָף, אַז זיי זעען פאַר זיך ניט קיין וועלט און קאָנען ניט אָטעמען קיין פרייע לופט. אַ מענטש מוז דאָך אָבער עסן... דעריבער זוכן זיי שפע איינער פון דעם אַנדערן. דער שטאַרקערער וויל דערקוועטשן דעם שלאַפערן, מע טראַכט אויס כל מיני תחבולות, ווי אַזוי צו דערטאַפּן אַ שטיקל ברויט... די נאַטור איז שטאַרק, זי פאָדערט אירס, זי סטאַרעט זיך, זי זוכט כלי מיטל זיך צו דערהאַלטן..." („די טאַקסע, אויסג. 1872, ז. 17). אַזוי מאָלט מענדעלע די סיטואַציע אין דער דעמאָלטיקער שטעטלדיקער סביבה. צו די „כל מיני תחבולות" און „כלי מיטל" זיך צו דער־

האַלטן האָט אויך געהערט די גוזמאדיק־געדיכטע ווערטלדיקייט פון אויסדרוק.

„נאָך דעם ברייטן שלום־עליכם פון בײדע צדדים נעמען מיר זיך איינער דעם אַנדערן אויסצופאָרשן, דאָס הייסט ביי אונדז יידן געוויינלעך: אַ טאַפּ טאָן אין וואָגן, אָדער אַ שמעק טאָן, וואָס הערט זיך.

„— וואוהין פאָרט עס אַ ייד? — גיב איך אַלטערן אַ טאַפּ.

„— וואוהין עס פאָרט אַ ייד? עט... — ענטפערט אַלטער צוריק מיט אַ פרעג, ווי דער שטייגער איז פון יידן ניט צו ענטפערן גלייך, אָפּצופּטרן יענעם מיט „עט“ און אָנצושטויסן זיך אויפן וואונק — די אַלע חכמות, וואָס אין דער מלאכה אָנשמעקן, אַ טאַפּ טאָן, שטעקן... — אַ ייד פאָרט! אין דער ערד מיטן קאָפּ פאָרט ער (אָנשטאָט אַן ענטפער — אַ רעדנסאַרט! — מ. וו.)... און ר׳ **מענדעלע פאָרט עס וואוהין!—טוט ער מיך אַ טאַפּ...“ („פישקע דער קרומער“).**

דאָ האָבן מיר טיפּישע מוסטערן פון דעם מין „רייד־דיפּלאָמאַטיע“.

„— פולע קעשענעס, יאָ! אַ האַרץ פול מיט מכות האָב איך, — זאָגט אַלטער שטאַרק אָנגעברוגזט. — איך זאָג אייך, ר׳ מענדל... נאָר נישט מער גאָרנישט, אַ מענטש אָן מזל זאָל נישט געבוירן ווערן גלייכער. עסקים, עס האָט זיך מיר זיך געגלוסט נייע עסקים! אַן אַנדערער אויף מיין אָרט — הע־הע־הע! ביי מיר אָבער איז גאָרנישט. מיט דער פוטער אַראָפּ. אַזאַ אומגליק! אַ ווייטיק גאָר צו דערציילן. שנייץ די נאָז און שמיר דאָס פנים, נישט מער וואָס גאָרנישט.“ (זע „פישקע דער קרומער“; אומעטום פון מיר אונטערגעשטראָכן — מ. וו.).

אין עטלעכע דרוק־שורות האָבן מיר דאָ זיבן רעדנסאַרטן, ווערטלעך און גאָרנישט באַדייטנדיקע תנועות. אויף אַזאַ אופן באַווייזט זיך דאָ מענדעלעס באַציאונג צום דערציילטן פאַקט וועגן דער נישט איינגעגעבענער שדכנישער „אַרבעט“ און אָט־ דעם גאַנצן אומגליקלעכן שטייגער פון אַ לופט־מענטש.

די שטייגערישע פונקציע פון די אומבאַטייטיקע אָדער פילבאַטייטיקע שפּראַך־תנועות דערקלערט מענדעלע זייער קלאָר און שאַרפזיניק:

„. . . „בע“ איז ביי אונדז יידן אַ טייער וואָרט, וואָס האָט זייער פיל טייטשן און איז אַ תירוץ אויף אַלע קשיות. „בע“ קאָן מען געברויכן אַלע צייט אין אַ שמועס, און עס זאָל תמיד פּאַסן. אַ ייד קאָן מיט „בע“ זיך תמיד אויס־דרייען, ווען ער איז, נעבעך, אין דער קלעם און שטייט שמאָל. מיט „בע“ סילוקט אַ שווינדלער, אַן אָנזעצער, אַז די בעלי־חובות טרעטן צו מיט שטאַרקע טענות. „בע“ שטייט אַ יידן ביי אין דער נויט, ווען עס באַווייזט זיך, אַז ער איז, נעבעך, אַ ליגנער. מיט „בע“ קאָן מען אָפּענטפערן יענעם, וואָס דולט אָן אַ קאָפּ צוויי שעה, נישט צו הערן, נישט צו פאַרשטיין אַפילו איין וואָרט פונעם גאַנצן שמועס. מיט „בע“ קומט אָפּ אַ שיינער, צעבראָכענער ייד, ווען ער דערלאַנגט שטילערהייט אַ ביס; אַ שיינע־מורנו, ווען ער טוט

אָפּ אַ מיאוסע מעשה; אַ דימענטיק מענטשל, אָן חכמות, ווען עס לאָזט זיך גאָר אויס, ער איז געמעלאָכעט, האָט פול פליי אין דער נאָז. הכלל: „בע" האָט אַלערליי טעמים, משונה־ווילדע פירושים, ווי אַשטייגער: רוף מיך קנאַקניסל, לאָד מיך צום נתנה־תוקף, מהיכי־תיתי, קוממיות, געסמאַהע דיר פאַרפול, און נאָך טייטשן אָן אַ צאָל. דאָס יידישע קעפּל שטויסט זיך תמיד אָן, וואוהין דאָס וואָרט „בע" צילט, און פאַרשטייט דעם רעכטן פּשט דערפון, ווי עס פּאַסט צום ענין." („פישקע דער קרומער".)

8. שטייגערישע פראַזעאָלאָגיע אַלס באַשטאַנדטייל פון סאַטירישן רעאַליזם

פון געוואוינטקייט איז דער איבערגעלאָדענער „דיפּלאָמאַטישער" רייד־שטייגער געוואָרן איינער אַ שטראָם אינעם רעדן בכלל, אויך וואו ער איז אינגאַנצן ניט נייטיק, אַ מין פּעכט־שפּיל מיט ווערטער אויך דאָרט, וואו עס קאָן גאָרניט דערמיט דערגרייכט ווערן, אַ פיקטיוו סוחר־מוכרן און מאַסעמאַטעווען אַפילו ביי גלייכגילטיקע פראַגן און ענטפערן, אַ דיפּלאָמאַטישע אַרומריידעניש דאָרט אַפילו, וואו עס גייט בלויז וועגן באַפרידיקן סתם נייגעריקייט. פּונקט אַזוי, ווי ר' אַלטער יכנה"ז און ר' מענדעלע דער פאַקנטרעגער, צוויי אָרעמע מענטשן, הייבן אָן אין אַ הייסן זומער־טאָג, פון הונגער און לאַנגווייליקייט, גלאָט אַזוי זיך, צוועקלאָז, ווייל קיין ווירקלעכע געשעפטן זיינען ניטאָ, בייטן צווישן זיך „מענה־לשונס" אויף „טויזנט און איין נאַכט", סליחות אויף טלית־קטנס, קינות אויף תהילימלעך, כדי כאָטש פאַר זיך אַליין מאַכן דעם אָנשטעל ווי מע וואָלט געהאַנדלט, „פאַרדינט".

אויסגעליידיקט פון צוועקמעסיקייט, באַקומט דער דאָזיקער רייד־שטייגער גראָטעסק־נאַרישע שטריכן. דעם דאָזיקן מאָמענט האָט מענדעלע באַוויזן און קריטיקירט מיט גרויס מייסטערשאַפט. איינע פון די הויפּט־ווירקונגען פון זיין רעאַליזם איז אויפגעבויט אויף דער שילדערונג פון דעם פאַקט, אויפן שילדערן די דיספּראָפּאָרץ צווישן דעם סכום אָנגעשטרענגטער חריפות און „דיפּלאָמאַטיע" אינעם רעדן און אין דער האַלטונג פון געוויסע פאַרשוינען — און דעם נישטיקן, נעבעכדיקן צוועק, וואָס וויל און קאָן דערמיט דערגרייכט ווערן.

דער דאָזיקער עלעמענט פון רייד־פּאַראַדיע איז ביי מענדעלען אַ באַשטאַנדטייל פון זיין רעאַליסטישן סטיל, אַ הויפּט־מיטל פון זיין סאַטירע. דאָס דאָזיקע מיטל איז געווען אַ טראַדיציע אין דער יידישער השכלה־ליטעראַטור (לעווינזאָן, עטינגער, אַקסענפעלד א. אַ.), אָבער קיינער האָט די דאָזיקע מאַניר אַזוי ברייט ניט אויסגענוצט, אַזוי שאַרף, אַזוי דורכדרינגענדיק אַלע ווינקלען

פון לעבן און שטייגער, ווי מענדעלע. די פּאַרדומפּענע סביבה האָט געדאַרפט אויפגערודערט ווערן ביזן גרונט, קריטיש „אָביעקטיוויזירט" ווערן, קינסט־לעריש זיך אַליין אַנטקעגנגעשטעלט ווערן, כדי אַזוי־אַרום ברענגען צום באַ־וואוסטזיין פונעם פאָלק די אומנאָרמאַלקייט, די אָפּגעשטאַנענקייט פון זיין לאַגע. מיט דער הילף און אינעם שפּיגל אויך פונעם רייד־שטייגער ווערט אויפגעדעקט דער פאַרקריפּלטער לעבנס־שטייגער אינאיינעם מיט די פיגורן, וואָס פאַרקערפּערן אים צום בוילעטסטן. אויף צו כאַראַקטעריזירן די צבועקישע, בלוטצאַפּערישע קהלס־לייט, דעם פאַרקריפּלטן טיפּאַזש פון דער „גלופּאָ־טרוסאָ־בעזיאַזיקאָ־קאַפּצאַנער" סביבה, פון די גבירישע און כלי־קודשדיקע בעלי־טובות, די שתדלנישע פאַרזאָרגערס און זייער סביבה: די עזות־פּנימער, אָנכאַפּער, זאָגטערס, קאָכלעפל, שטאָט־פּעטערס, פאַקטוירים, דריי־קעפּלעך, הענטשקע־לשון־ריידער, פאַטשערקע מאַכערס, עצות־געבער, פיינע, לייטישע מענטשן, שיינע־יידן, אויף צו כאַראַקטעריזירן זייער לעבן, טראַכטן, זייערע טאַטן און העוויות — איז זייער פּאַסיק געווען דאָס קינסט־לעריש „אויפכאַפּן", מע קאָן זאָגן, נאָכשפּעטן, נאָכקרימען דעם גערעדטן, מיט פּראַזעאָלאָגיע גוזמאדיק אָנגעדראָלענעם רייד־שטייגער זייערן. צוהערנדיק זיך מיט אַן איידל אויער צו אַלע תנועות, גרימאַסן און קרימענישן פון דעם דאָזיקן רייד־שטייגער, האָט מען דורך פּאַראָדיסטישער רעפּראָדוקציע גע־קאָנט איבערגעבן די גאַנצע אומנאַטיוקייט און אומגליקלעכע אילוזאָרישקייט פונעם טאָן און פונעם טראַכטןביים שטעטלדיקן לופט־מענטש בכלל.

ביי מענדעלען דערהייבט זיך די דאָזיקע פּאַראָדיסטישע מאַניר צו אַ הויכער מדרגה פון קינסטלערישן אמת, וואָס שפּיגלט אָפּ די גאַנצע טראַגיק פונעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן.

9. ביכערישע פּראַזעאָלאָגיע אַלס קעגנשטאַנד פון סאַטירע

פונקט אַזוי ווי די סטערעאָטיפּישע רייד־שפּראַך, פּאַראָדירט מענדעלע אויך די ביכערישע פּראַזעאָלאָגיע, וואָס גייט געוויינלעך לויט די טראַדיציעס פון דער עלטערער יידישער אָריגינעלער און איבערגעזעצטער ליטעראַטור. זיינע ברייט־באַרעדעוודיקע באַטראַכטונגען אינעם סטיל פון דער דאָזיקער טראַדיציע זיינען אָפּט — נישט שטענדיק — טראָץ דער כלומרשט תמימות־דיקער „טיפּזיניקייט" — אָנשפּרינגלעך איראָנישע פּאַראָדיעס, און אַמאָל גאָר בייזע סאַטירעס אויפן גאַנצן מין דענקען אין אַזאַ געגליווערטן טראַדיציאָ־נעלן נוסח.*

---

* עטלעכע ביישפּילן פון איראָניע און פּאַראָדיע בנוגע בילדער, מליצות, רעדנסאַרטן און ווערטער פון דער ביכערישער טראַדיציע:

1 (פון דער עלטערער יידישער טראַדיציע): „אַלמעכטיקער גאָט! — זאָג איך

שפעטער, באַזונדערס זייט די 80ער יאָרן, פאַרוואַנדלט זיך דאָס צומאָל ביי מענדעלען אין ערנסט געמיינטער „סטיליזאַציע". און ווען מענדעלע זעצט איבער זיינע יידישע ביכער אין העברייאיש, ליקווידירט ער דערמיט אַליין שוין אַ היפש ביסל פונעם פריערדיקן סאַטירישן מיין ביי די פאַראָדירטע ווערטער און מליצות. אָבער קיין שום שפּעטערדיקע איבערפאַרטייטשונגען און איבערסטיליזירונגען קאָנען דאָ אין דער דאָזיקער טאַטזאַך אויף צוריק גאָרניט ענדערן.

דאָרט, וואו עס פאַרשטאַרקט זיך אין מענדעלעס אַ ווערק דער קריטישער

אַ געבעט אויף תחינה-לשון — עפן דיינע אויגן און טו לוגען (אויפמערקזאַם קוקן, מיטלהויכדייטש — luogen — מ. וו.) פון דיין האַרבעריק (השקיפה ממעון קדשך — מ. וו.), דאָס איז דער הימל, ווי דיינע פאָרכטצומע (פאָרכטיקע — furchtsame — מ. וו.) יידעלעך זיינען צו שפּאָט און צו שאַנד גייערט וועגן דעם כבוד פון דיין ליבן נאָמען וועגן, ווייל זיי פאָרכטן דיין פאָרכט (יראים יראתך — מ. וו.), זיי אַכפּערן (achtbaren — מ. וו.) דיינע געבאָט, האָפערדיק (hoffährtig, אייגנטלעכער באַדייט — שטאָלץ, מיט גדלות — מ. וו.) מיט וואָרהאַפּטיקייט, דאַרים וועלגער אויף אונדז דיין באַרימהאַרציקייט (יתגוללו רחמיך — מ. וו.) און לאָמיר טאָן געפינען לייטזעליקייט און חן אין דיינע אויגן און אין די אויגן פון אַלע מענטשן. באַשירעם דיינע האָפערדיק געליבטע שאָף, דיין רחמנות זאָל טאָן ברומען (יהמו רחמיך — מ. וו.) אויף דיינע פאַרשטענדיקע פאָרכטער. טו אויך באַגיטיקן מיין מזל פאַר מיין לויבונג, און באַשיינונג היינט דיך באַשיינפּערלעך (scheinbarlich, דער יידישער באַטייט — אויסדריקלעך, אָפן, בפירוש — מ. וו.), מיט אַכפּערקייט..." („מסעות", בנימינס תפילה.)

2 (תנכישע און תלמודישע בילדער און מליצות). „די פעלד-פייגעלעך האָבן געשווינד זיך געטראָגן אין דער לופט, געשפּילט און געזונגען אַרום בנימינען, גלייך ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— קומט, לאָמיר זינגען און שאַלן (schallen, אייגנטלעך—טרומייטערן—מ. וו.) און דערפרייען דעם פיינעם פאַרשוין לעבן ווינטמיל, דאָס איז בנימין אַליין, דאָס איז בנימין דער טונעיאַדעווקער, דער אַלעקסאַנדער מוקדון פון זיין צייט, וואָס ער פאַרלאָזט זיין פאָטערלאַנד, וואַרפט אַוועק זיין ווייב און קינדער און גייט אין שליחות, וואוהין די אויגן טראָגן! אָט שטייט דער גרויסער בנימין, וואָס ער איז ווי די זון אַרויס פון זיין געצעלט און פרייט זיך ווי אַ גיבור צו לויפן אין וועג מיט זיין פּעקל אין דער האַנט! ער איז שטאַרקער ווי אַ לעמפּערט, און גרינג ווי אַן אָדלער צו טאָן דעם רצון פון אונדזער פאָטער אין הימל (אומעטום פון מיר אונטערגעשטראָכן; די לעצטע מליצה איז אַ תלמודישע — מ. וו.). זינגט, שפּילט, טריללי, טריל, טריל! שאַלט, זינגט און דערפרייט זיין האַרץ!..." („מסעות".)

„...איך בין באַלד טאַקע באַהאַרצט אַנטלאָפן, זיך פאַרבאָרגן הינטער דער ווינטמיל, און געלוגט דאָרט ווי אַ לייב לוגט אויף זיין פאַרציקונג" („מסעות").

„ווי אַ אינד, וואָס גלוסט אויף קוואַלן

מיין, פאַרמערט זיך אויך גוזמאדיק די ווערטלדיקייט און רעדנסאַרטלעכקייט.** און פאַרקערט, דאָרט, וואו ער מאָלט פּאָזיטיווע בילדער, געשטאַלטן אָדער געשעענישן, פאַרמינערט זיך באַדייטנדיק די צאָל באַנוצטע רעדנסאַרטן, וואָס דאַרפן דאַן, אָרגאַניש אַריינגעשטעלטע, לעבעדיקער און זאַפטיקער מאַכן דעם אויסדרוק. דאָס באַווייזט קלאָר, אַז מענדעלע איז דערמיט — אין אַ געוויסן פעריאָד פון זיין שאַפן — אויסן געווען אויסצולאַכן און אַזוי־אַרום אָפּצושטויסן

וואַסער, ווי אַ דורשטיקער אין דער מדבר, וואָס געפינט לעבעדיקע, קוועלנדיקע וואַסער, וואָס רינט אַראָפּ פון אַ שפּיץ סקאַלע, אַזוי האָט מיין גלוסטיקע לייב זיך געטאָן טאָן דערפרייען אויף סענדערלען, מיין באַשערטן, מיין געטרייען געזעלן(Gesselle—חבר — מ. וו.; דאָרט).״

„...מיר האָבן אָנגעגורט אונדזערע לענדן און געשווינד ווי הירשן געלאָפן פאַראויס מיט אַ געוואַלד...״ (דאָרט.)

„דען, אַז דער לויתן ווערט אויף דער ווענטקע געכאַפּט, וואָס-זשע, נעבעך, זאָלן שוין טאָן די פּלאָטקעס אין דער בלאָטע?״ (תלמודישע מליצה: „אם לויתן בחכה הועלה מה יעשו דגי רקק״, מס. מועד קטן, דף כ״ה, ע״ב). („מסעות״.)

„גיי נעם פולע הויפנס געווירץ פון בנימינס אוצר און מאַך דערפון פּאַטראָנעס צו דיינע ברידער אַזוי ווי זיי האָבן ליב״ („מסעות״).

**עטלעכע ביישפּילן:

אין דער שילדערונג פון זשוקל דעם הונט („ווינטשפינגערל״, אויסג. קיעוו, „קולטור-ליגע״, ז. 18) געפינען מיר אין פופצן דרוק-שורות קוים צוויי רעדנסאַרטן, כאָטש עס ווימלט אין די פריערדיקע זייטלעך פון פראַזעאָלאָגיע. — דאָרט, וואו עס ווערט (ז״ז 16—23) געשילדערט דאָס יינגל הערשעלע, געפינען מיר אויך ניט קיין גוזמאדיק אָנגעוואַלגערטע רעדנסאַרטן (אַן ערך 10 אויף 100 דרוק-שורות). אינעם ערשטן קאַפּיטל אָבער, וואו מענדעלע שילדערט אין אַלעגמיין די סיטואַציע אין קאַפּצאַנסק, געפינען מיר אַן ערך 40 רעדנסאַרטן אויף 100 דרוק-שורות. אינעם צווייטן קאַפּיטל „ווינטשפינגערל״, וואו עס ווערט דערציילט דער אומגליקלעכער גורל פון ציפּע סאָסיען דער דינסט, פאַרמינערט זיך באַדייטנדיק די צאָל טראַפאַרעטע רעדנסאַרטן; ערשט דאָרט, וואו עס ווערט געשילדערט די העסלעכע באַציאונג פונעם באַלעבאָס צום אָרעמען מיידל, פאַרשטאַרקט זיך אָנזעעוודיק זייער צאָל. דאָס אייגענע זעען מיר אינעם שמועס צווישן ר׳ אָשר און רפאל (ז. 160 און ווייטער). ר׳ אָשר, דער שווינדלערישער מעקלער, מישט אַריין אין זיינע ווערטער אַ היפּש ביסל שפּראַך-תנועות: „עט״, „בע״, „וואָס-האַ?״ „הו-האַ-הו״, „טע, טע״ און אויך סתם רעדנס-אַרטן אין דער וועלט אַריין. רפאל, לויט מענדעלעס כוונה אַ פּאָזיטיווער פאַרשוין, באַנוצט אין זיינע רייד גאָר ווייניק פון אָט די שפּראַך-עלעמענטן.

אין די רעפּליקעס פון די פּאָזיטיווע פיגורן אין דער „טאַקסע״: אין וועקערס און זאַאיקעס, געפינען מיר זייער ווייניק טראַפאַרעטע רעדנסאַרטן. פיקהאָלץ, דער „אָנקלאָגער״ פון דער געזעלשאַפט, באַנוצט זיי דאָרט, וואו ער שילדערט די פאַר-דאָרבנקייט פון אָט דער געזעלשאַפט. דאָס אייגענע באַמערקן מיר ביי רעפּליקעס פון די פּאָזיטיווע פיגורן אינעם „פּריזיוו״, רייזעלע און אַלעקסאַנדער א.אַז.וו., א.אַז.וו.

פונעם געברויך דאָס אומנוציקע שפּראַך־אַלטוואַרג, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט אינעם לעבן, אָפּצושטויסן דאָס אינאײנעם מיטן געגליווערטן שטייגער און מיטן אָפּגעשטאַנענעם דענקען.

די שאַרפקייט פון דעם דאָזיקן נוסח, ווי בכלל די שנאה צום געגליווערטן אַלטן שטייגער, וואָס ווייזט זיך אויך אינעם פּאַראָדיסטישן, איבערקרימענדיקן סטיל, איז באַמערקט געוואָרן פון אַ סך קריטיקער, סיי פון אַזעלכע, וואָס לויבן אים דערפאַר, און סיי פון אַזעלכע, וואָס האָבן דעריבער צו אים טענות. אַזוי, למשל, האַלט ד. פרישמאַן, אַז אין „מסעות" איז די סאַטירע פאַרט אַ ביסל צו שאַרף; הלל צייטלין גאָר דערקלערט מענדעלען און אַלע, וואָס זײַנען מסכים מיט זײַן קריטישער סאַטירע, פאַר — אַנטיסעמיטן!

10. דער פאָלקסטימלעכער אורשפּרונג פון מענדעלעס שפּראַך־מייסטערשאַפט

מיר האָבן אויספירלעך באַהאַנדלט די פּאַראָדיע־עלעמענטן פון מענדעלעס שפּראַך־סטיל, ווײַל מיר האָבן געמוזט אָפּווענדן די „ייִדישיסטישע" באַמיאונג צו פאַרשמירן די פּאַראָדיסטישע כוונות אין מענדעלעס שפּראַך. דאָס אַליין איז אָבער ווײַט ניט דאָס איינציקע כאַראַקטעריסטישע, ווערטפולע און אויפטוערישע אין מענדעלעס שפּראַך.

מענדעלעס שפּראַך איז, אין תוך גענומען, נאָך גאָר ווייניק אויסגעפאָרשט געוואָרן — אַחוץ יענע מאָמענטן, וואָס וואַרפן זיך אָמיינסטן און קודם־כל אין די אויגן. אַזויפיל קאָנען מיר אָבער אויך איצט שוין זאָגן, אַז דאָס בעסטע אין מענדעלעס שפּראַך־סטיל זײַנען יענע אויפטוען, וואָס אַנטשפּרעכן צו זײַן געזעלשאַפט־קריטישן שטרעבן. דאָס דאָזיקע שטרעבן האָט אים אויך דיקטירט אויפצוזוכן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון לעבן אַפילו די קלענסטע דעטאַלן, זיי אויפצודעקן, זיי אָנצורופן אויף אַזאַ פּלאַסטיש־ווירקזאַמען אופן, מיט אַזעלכע נעמען, וואָס זײַנען פאַרשפּרייט און באַוואוסט צווישן די ברייטסטע מאַסן; זיי, די דאָזיקע שילדערנדיקע באַצייכענונגען, אויפצובויען אין זאַצן פון שטרענג־אויסגעהאַלטענער שפּראַכלעכער לאָגיק, וואָס האָט געדאַרפט אײַנצוימען דעם צעבראַסטעטן, נאָך קיינמאָל ניט דורכגעשליפענעם וואָרט־מאַטעריאַל און אויף אים אַרויפּפּרעסן דעם צייכן פון ערנסטער קינסטלערישער פאָרם און פון דעמאָקראַטישן דרך־ארץ פאַר די פאָלקס־מאַסן.

די שטרענג־דיסציפּלינירטע זאַץ־געשליפנקייט איז דאָ באַזונדערס נייטיק געווען טאָקע דערפאַר, ווײַל מענדעלע האָט צוגעצויגן אַ ריזיקן שלל נײַעם, ביז דעמאָלט אין דער ליטעראַטור ניט באַנוצטן וואָרט־מאַטעריאַל, נײַעם מאַסנדיקן שטייגער פון וואָרט־באַהעפטונג, פון זאַצבוי — אַלס קעגנגעוויכט

צום אָפּשטאַרבנדיקן, שטאַמפּירטן, באַזונדערס העברייאיש־ריטואַלן פּראַזעאָלאָגישן רייד־שטייגער און צום ביכעריש געגליווערטן, טראַדיציאָנעלן זאַצבוי.

דאָס דאָזיקע צוציען נייעם „פּלעבייאישן” וואָרט־מאַטעריאַל איז ביי מענדעלען געווען אַן אויסדרוק פון דעמאָקראַטישקייט, פון פאָלקס־ליבע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר אַלע באַדייטנדיקע אויפקלערער. מענדעלע האָט אָבער, דוכט מיר, טיפער* געשעפּט און אויך פון מער „פּלעבייאישע” מאַסן, איידער עטינגער און אַפילו אַקסענפעלד. דערמיט, מיט זיין ליבע צו די פאָלקס־מאַסן, איז פאַרבונדן די טיפע אינטימקייט פון מענדעלעס שפּראַך, אָבער אויך די רייכקייט, די קאָנצענטרירטע טרעפלעכקייט פון זיין וואָרט, וואָס פאַרמאָגט געוויינלעך אַ לייכטן צומיש פון איראָניע. מענדעלע האָט גאָר טיף געשעפּט פונעם פאָלקסטימלעכן שפּראַך־קוואַל, דעריבער איז פאַר אים באַזונדערס שאַרף געשטאַנען די אויפגאַבע, די דאָזיקע נייע וואָרט־מאַטעריאַלן און דעם זאַצבוי גראַמאַטיקאַליש און סטיליסטיש צו דיסציפּלינירן און צו שלייפן, — אויב זיינע זאַצן האָבן טאַקע געזאָלט ווירקן און איבערצייגן. זיי האָבן דאָך געדאַרפט אָנגרייפן די זייט דורות איינגעבאַקענע אויטאָריטעטן, טראַדיציעס און געוואוינהייטן, האָבן זיי דעריבער געמוזט זעלבסטזיכער, געשליפן און דיסציפּלינירט אויפטרעטן.

עטינגער איז, אָן שום ספק, אויך געווען אַ סטיל־מייסטער, זיין שפּראַך־היקוף איז אָבער אַן אומפאַרגלייכלעך שמאָלערער. זיין שלייף־אַרבעט איבער דער שפּראַך איז געגאַנגען דער עיקר אויף דער ליניע פון פאַרגלעטן די „זשאַרגאָנישע” האַרטקייטן, אונטערצושטרייכן איר ליבלעכקייט, זי צו עסטעטיזירן און איידאָפּייאיזירן, זי פּאַסיק צו מאַכן פאַר אַרטיסטיש־אידילישן אויסדרוק. קיין שאַרפע סאָציאַלע פּראָבלעמעס האָט עטינגער ניט געשטעלט, אין עטינגערס שאַפן הערט זיך אַמאָל די זעלבסטצופרידנקייט פונעם באַלעבאָס, וואָס איז צופרידן מיטן היינט און מאַכט זיך ניט קיין דאגות וועגן אויפגאַבעס פון מאָרגן.

אַנדערש מענדעלעס קונסט, וואָס איז געווען, באַזונדערס ביז די 80ער יאָרן, דער אויסדרוק פון גרויסער סאָציאַלער באַאומרואיקונג פון דער פאָלקס־מאַסע. מענדעלעס קינסטלערישקייט בכלל און זיין שפּראַך־סטיל בפרט האָבן אַ סך ערנסטערע און טיפערע וואָרצלען אין דער געזעלשאַפט, איידער עטינגערס שאַפן אין זיין צייט, דעריבער אויך אַ סך און אומפאַרגלייכלעך ערנסטערע, אַ סך און אומפאַרגלייכלעך טיפערע רעזולטאַטן. די אויספאָרשונג

---

* מע קאָן דאָס אויסדריקן אַזוי: מענדעלע האָט זיך מיט אַן איידל אויער צוגעהערט צו דער א י נ ט י מ ע ר האַרצלעכער שפּראַך פון מוטערס, פרויען, קינדער, צו דער שפּראַך פון נויט און פיין, צ ו ד ע ר ש פּ ר אַ ך פ ו ן ה אַ ר צ ן ביים המון.

פון מענדעלעס פּאָזיטיווע שפּראַך־אויפטוען דאַרף — דוכט מיר — גיין לויט דער ליניע פון זייער צוזאַמענהאַנג מיט די בעסטע פאַרשריטלעכסטע עלע־מענטן פון זיין געזעלשאַפטלעכן שטרעבן.

11. רעזאָנאַרישע רעפלעקסיעס

אין יענע פאַלן, ווען מענדעלע גייט אָפּ אין אַ זייט פון זיין פריערדיקן אויפקלערערישן וועג, טרעפט זיך אויך, אַז ער הייבט אָן ערנסט צו נעמען, „סטיליזירן" די רעזאָנאַרישע רעפלעקסיעס. די איראָניע, סאַטירע און פּאַ־ראָדיע פאַרוואַנדלען זיך אין די דאָזיקע פאַלן אין אַ געמאַכטן, יידישלעכן, נאַציאָנאַלן „סטיל" — דאָס, וואָס לינעצקי האָט פון אָנהייב אָן ניט געקאָנט פאַרליידן און מיט וואָס ראַוויניצקי, יהואש, ניגער, בעל־מחשבות א. אַ. קאָנען זיך ניט געגנוג אָפּקוויקן. דעמאָלט באַקומט דאָס, וואָס איז פריער געווען סטילפּול, פּיין, אָנגעזאָפּט מיט קלוג פאַראַרבעטער טראַדיציע און מיט לעבע־דיקער באַאָבאַכטונג — אַ בטלנישן ביי־טעם.

געוויינלעך זיינען מענדעלעס רעזאָנאַרישע „שטראָף־רייד" דורכגעדרונ־גען מיט פאַרשריטלעכער ניכטערקייט, מיט דעמאָקראַטישע געפילן צו די ליידן פון דער מאַסע, מיט שנאה צו די אונטערדריקערס און חוזק פונעם שימלדיקן אַלטן שטייגער. אָבער אין זיין שפּעטן שאַפן טרעפט זיך, אַז זיי ווערן אין באַשטימטע פאַלן אַ יאושדיק און זינלאָז קרעכצן אין דער וועלט אַריין — אַזאַ ווי ווען מע זעט ניט קיין אויסוועג פון אַ שווערער לאַגע. דאָ פאַרוואַנדלט זיך „פובליציסטיק" אין אַ מטושטש פאַראומערט וואָרטשען. דעם קלאַסן־קעגנער האָט שוין דאָ מענדעלע אַרויספאַרלוירן פון אויג — בלייבט בלויז אַ בייז־צערייצטע, ברוגזע אומצופרידנקייט. פון אַ צילבאַוואוסטן שטראָפער און אָנקלאָגער ווערט ער אין די דאָזיקע באַטראַכטונגען אַ „פּיקח־דיקער" טרייסטער, וואָס ציקלט פּרום־באַלעבאַטישע און אין תוך צוועק־ און זינלאָזע רייד־אימפּראָוויזאַציעס וועגן דער האַרבער צייט. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך דעמאָלט אין די דאָזיקע פאַלן ביי מענדעלען רעאַליזירט געוויסע השפעות פונעם „סענטימענטאַל־וויינענדיקן" פאָלקיזם.

12. שטייגער־שילדערונג

מענדעלעס רעאַליזם איז אויסגעמישט מיט עלעמענטן פון ראָמאַנטיזם.

מע קאָן ניט זאָגן, אַז די צענטראַלע פיגורן פון זיינע הויפּט־ווערק („מסעות", „פישקע", „ווינטשפינגערל") זיינען טיפּישע כאַראַקטערן אינעם שטרענגן דירעקטן באַדייט פונעם טערמין. זיי סימבאַליזירן מיט גרויסער קראַפט און פּלאַסטיק טיפּישע כאַראַקטערן, זיי אַליין זיינען אָבער געוויינלעך

ניט קיין סאָציאַל־טיפּישע כאַראַקטערן אין געוויינלעכן זינען. זיי פונקציאָנירן צופיל אַלס סימבאָלן פון סאָציאַלע טיפּן. דאָס איז אַ ראָמאַנטישער שטריך אין מענדעלעס רעאַליזם.

אויך די הויפּט־סיטואַציעס, אין וועלכע ס'אַנטוויקלט זיך די האַנדלונג פון די דאָזיקע הויפּט־פיגורן, זיינען געוויינלעך, שטרענג באַטראַכט, ניט קיין טיפּישע אין געוויינלעכן דירעקטן זינען (אין „מסעות", „פישקע" און צום טייל אויך אין „ווינטשפינגערל"), די הויפּט־סיטואַציעס סימבאָליזירן, גיבן אָנצו־הערן אויף סאָציאַל־טיפּישע סיטואַציעס, אין באַשטימטע פאַלן („מסעות" און „פישקע") אויף אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקן אופן, אין אַנדערע פאַלן טרעפט זיך (ווי טאַקע אויך אין „פישקע" און אין „ווינטשפינגערל"), אַז סע קייקלט זיך אַמאָל די סיטואַציע אַראָפּ ביז צו שפּאַנענדיקער און סענסאַציאָנעלער „אינטריגע", ד. ה. צו „צופעליקייטן". דאָס איז ווידעראַמאָל אַ „ראָמאַנטישער" שטריך.

און אויב מיר וועלן פון דעם שטאַנדפּונקט באַטראַכטן „די קליאַטשע", וועלן מיר דעם סטיל פון דעם דאָזיקן ווערק מוזן פעסטשטעלן אַלס ראָמאַנ־טישע אַלעגאָריע מיט אַ סך רעאַליסטישע בילדער. אין געוויינלעכן זינען רעאַליסטיש איז „דאָס קליינע מענטשעלע", דאָס דאָזיקע ווערק קאָן זיך אָבער וואָס שייך קינסטלערישן כוח פון פאַראַלגעמיינערונג ניט פאַרגלייכן מיט די דערמאָנט דריי הויפּט־ווערק מענדעלעס.

דער ראָמאַנטישער עלעמענט איז ביי מענדעלען אויף אַ באַשטימטן אופן פאַרבונדן מיטן שטראָם „סענטימענטאַליזם" אין זיין וועלט־אָנשויאונג, מיט די געוויסע מאָטיוון פון געזעלשאַפטלעכער „אַפּאָלאָגיע". אויב די קאָנקרעט־קייט נעמט אין דער „טאַקסע" אָן דעם כאַראַקטער פון דירעקטן פּאַמפלעט אויף באַשטימטע קאָנקרעטע פּאַרשוינען און פאַקטן, ווערט זי אין אַנדערע פאַלן פאַרוואַנדלט אין סימבאָלן און דערגייט (אין „די קליאַטשע") ביז צו אַלעגאָרישקייט.

פונדעסטוועגן איז אָבער מענדעלע, טראָץ דער צומישונג פון ראָמאַנטיזם, אין תוך אַן אמתדיק־גרויסער רעאַליסט, ווייל ער האָט מוטיק און וואָרהאַפטיק אויפגעדעקט און אָפּגעשפּיגלט אַ ריזיק שטיק פון דער געזעלשאַפטלעכערווירקלעכקייט אין זיין צייט. ער גיט אָפט סימבאָליזירטע כאַראַקטערן, סימ־באָליזירטע סיטואַציעס אָנשטאָט ביז צום סוף קאָנקרעטע, זיין פאַר־אַלגעמיינערונג גייט אָפט אויף דער ליניע פון גראָטעסקער היפּערבאָליק. אָבער סוף־כל־סוף צילט זיין היפּערבאָליזירט־סינטעטישער טיפּ אויף דער אמתער ווירקלעכקייט, אויף דעם טיפּישן כאַראַקטער. און דאָס איז אַנט־שיידנדיק. די געוויסע עלעמענטן פון געזעלשאַפטלעכער „אַפּאָלאָגיע" האָבן אים דאָס, אָפּנים, געשטערט קאָנסעקווענט און בהדרגהדיק צו אַנטוויקלען

קאָנקרעטע כאַראַקטערן. ער איז צומאָל, אַזוי צו זאָגן, אַריבערגעשפּרונגען איבער עטלעכע פּאַרמיטלונג־שטופן און האָט געפּאַקט די בילדער אין זייער סאַמע ברייטסטן סינטעז, אין זייער גרייטער, פּאַרטיקער סימבאָליק. אַזוי־אַרום איז אַמאָל די סימבאָלישקייט מער אַלגעמיין, אַנטפּלעקט ניט בהדרגהדיק אַלע עטאַפּן פון דער קאָנקרעטיזאַציע, ס׳בלייבט אָרט פאַרן משל־נמשל. ס׳בלייבט, דעריבער, עפּעס־וואָס אַ רעשטל פאַרהילט, ניט פונעם תוך, נאָר פונעם דירעקטן אָנרופן און צעוויקלען דעם אַנטוויקלונגס־וועג פון דער קאָנקרעטער פיגור צום פּאַראַלגעמיינערטן טיפּ. אַ ווידער פּאַרמיטלטער סימבאָל, וואָס צעוויקלט ניט אַלע עטאַפּן פונעם קאָנקרעטן ביז צום פּאַראַלגעמיינערטן און היפּט זיי איבער, ווירקט געוויינלעך אי ווייניקער דייטלעך, אי, גלייכצייטיק, אויך שרייענדיקער, איידער אַ בהדרגהדיק צעוויקלטע קאָנקרעטיזאַציע. היות אָבער דער ציל, דער עפעקט פון די היפּערבאָלישע בילדער איז ביי מענדעלען ניט דאָס פאַרהילן, נאָר דאָס אויפדעקן די געזעלשאַפטלעכע ווירקלעכקייט, די סאָציאַל־טיפּישע כאַראַקטערן און סיטואַציעס, זיינען זיי אין זייער בעסטע ווערק סוף־כל־סוף שטאַרק רעאַליסטיש.

אין אַלע פּרטים רעאַליסטיש איז מענדעלע אין זיין ברייטן שילדערן די אַטמאָספער און די דעטאַלן פונעם לעבנס־שטייגער, וואָס פון זייער צעוויקלונג און סומירונג באַקומען זיך ביי מענדעלען ביז גאָר טיפּישע זייטן פון דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט. אויב די הויפּט־פיגורן און הויפּט־סיטואַציעס זיינען ביי מענדעלען איינגעהילט אין אַ לייכט רויכל פון „ראָמאַנטישער" היפּערבאָליק, איז אָבער זיין שילדערונג פונעם שטייגער ביז צום סוף און אין אַלע פּרטים רעאַליסטיש. ווייל ס׳האָבן אים דאָ ניט דאָס מינדסטע געשטערט די געוויסע „אַפּאָלאָגישע" גרענעצן. דאָ איז ער געווען פריי.

אין קאַמף קעגן דער „פאַנטאַסטיק" פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן און פון די אידעאָלאָגישע איבערגעבייען, וואָס זיינען געווען זייער רעזולטאַט, מוז די קריטיק זיין זאַכלעך־רעאַליסטיש, מוז זי זיך באַמיען אויפצודעקן און צו שילדערן די סיטואַציע און אַלע אירע דעטאַלן, אַזוי ווי זיי זיינען. דאָס אַבסורדע פון דער סיטואַציע איז שוין אַזוי רייך אויסגעוואַקסן, אַז אַפילו בלויז די זאַכלעכע שילדערונג פונעם שטייגער און זיינע דעטאַלן איז שוין גופא אַ ווירקזאַמער בייזער אָנגריף. זאַכלעך שילדערן דעם שטייגער האָט אין דעם פאַל שוין אין גאָר אַ היפּשער מאָס געהייסן אים אַנטבלויזן. די דעטאַל־מאָלעריי איז אין מענדעלעס רעאַליזם געווען אַ שטריך פון „אַנרחמנות־דיקייט" („ריכטזיכטלאָזיקייט") אין דער קריטיק. די דעטאַל־מאָלעריי איז אויסן געווען אַריינצודרינגען אין אַלע אינטימסטע איינצלהייטן פונעם שטייגער און אַרויסצויאָגן דעם שמוץ פון אונטער די פינגער־נעגל, ברענגען צום באַוואוסטזיין די סאַמע איינגעוואוינטסטע, איינגעבאַקנסטע און דעריבער שוין

זעלבסטפאַרשטענדלעכע און כמעט ניט באַמערקבאַרע קליינע פאַקטן, וואָס וויזן אָן אויף דער אַלגעמיינער פאַרקריפּלונג פונעם לעבן.

13. זשאַנר־בילדער און נאַטור־פּייזאַזשן

דער אויסדרוק פון ליריזם דורך אידילישע זשאַנר־בילדער און נאַטור־פּייזאַזשן איז אייגנטימלעך פאַר מענדעלען אויך אין זיין פּריאיקן פּעריאָד. ווען דער גאַנג פון זיין דערציילונג קערעוועט זיך אַוועק פון די „מענטשעלעך" דראָבעס, פאַקוסניקעס, וכדומה אַזעלכע מיני נפשות, קליינישקע, נידעריקע פאַרשווינען" — צו די „אביונים, קבצנים, אומגליקלעכע, נעבעך", באַצייכנט ער דעם איבערגאַנג אויף אַ לירישן אופן דורך שטימונגפולע נאַטור־בילדער. ווען יאַקאָבזאָן פירט יצחק־אברהמען, די הויפּט־פיגור פון „דאָס קליינע מענטשעלע", צום משכיל גוטמאַן, ווערט דער קאָנטראַסט צווישן די צוויי וועלטן (די וועלט פון די „קליינע מענטשעלעך", פון איין זייט, און די וועלט פון די פאַרשריטלעכע, אָרעמע, איידעלע גוטמאַנס, פון דער אַנדערער) און די וויכטיקייט, וואָס די באַקאַנטשאַפט מיט גוטמאַנען וועט סוף־כל־סוף האָבן פאַר יצחק־אברהמען,— אונטערגעשטראָכן דורך אַ שטימונגפולער באַשרייבונג פון אַ נאַטור־צושטאַנד:

„...אויף דער גאַס האָט מען שוין נישט געזען קיין משוגענעם הונט, און אינדרויסן איז געווען אַזוי פינצטער, כאָטש אָן אויג אַרויסצונעמען. איז ער מיט מיר געגאַנגען העט־העט אין עק שטאָט, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן געסל. אין דעם דאָזיקן געסל איז געווען רואיק, שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. עס האָט נאָר זיך געהערט דאָרט אַ רוישן פון ביימער, וואָס דער ווינט האָט מיט זיי געטרעשטשעט, ווי אויך אַ געשושקעריי פון עטלעכע איבערגעבליבענע דאָרע בלעטלעך ערגעץ דאָרט אויף אַ ביימל, און אַ קול פון אַ דריבנע־אָסיענ־דיק רעגנדל, וואָס האָט צוואוילן געקראָפּעט אויף אָראָפּגעפאַלענע בלעטער, אי אויף פאַרטריקנטע גראָז פון אַלערליי מיני גאָרטנוואַרג. איז דער ווינט אויף אַ רגע אָנשוויגן געוואָרן, האָט פונדערווייטנס זיך געלאָזט הערן אַ געקלאַפּעריי ערגעץ פון אַ מיל און אַ ליאַרעם, אַ געררויש פון אַ ביסטרע־פלייצנדיק וואַסער. קוים האָט דער ווינט ווידער אויפדאַסניי אָנגעהויבן, האָבן מיט אים, ביים אָנהייב פון דער שטאָט זיך פאַרטראָגן מטושטשע, פאַרמישטע מיני קולות: אַ קריי פון אַ האָן, אַ מרוקען פון אַ קו, אַ סקריפּ פון אַהין־און־אַהער זיך שליידערנדיקן טויער, אַ געררודער, אַ געטומל פון אַ באַלעגאַלישער פאָרנדיקער יאַזדע, און אַ בילן, אַ האַווקען פון אַ באַלעבאַטישן הונט, אַפנים, אַן אין יענעם געסל זיינען ניט געזעסן קיין יידן, זיסט וואָלט דאָך דאָרט נישט געווען בלעטער, און מיין ייד (ד. ה. יאַקאָבזאָן — מ. וו.) וואָלט דאָך געמוזט

טאָפּן דעם וועג, חלילה, אינדערמיט גאָס נישט אַרויף אויף אַ קו אָדער ניט אָנשלאָגן זיך אָן צעבראָכענע טרעפּלעך פֿאַר איטלעכער טיר...״

אָדער: די באַגעגעניש צווישן דעם „קליינעם מענטשעלע״ יצחק־אברהם און דער איידעלער גאָלדע, יאַקאָבזאָנס טאָכטער, ווערט באַגלייט פֿון אַן אומ־רואיקן נאַטור־בילדל, וואָס זאָגט אָן אַ שטורעם, כדי אויף אַזאַ אופן צו געבן אַ לירישע אָנצוהערעניש אויף די טרויעריקע רעזולטאַטן, וואָס די באַגעגעניש וועט האָבן פֿאַר דער אָרעמער גאָלדע. „אַמאָל בין איך צווישן טאָג און נאַכט גראָד געגאַנגען ערגעץ אין אַ פֿאַרלעגן געסל. דער בלויער לויטערער הימל האָט ביי די ברעגן זיך באַדעקט מיט שוואַרצע מאַסן כמאַרע, אין וועלכער עס האָבן צייטנווייז זיך דורכגעוואָרפֿן בליצן, ווי לאַנגע פֿייערדיקע שרייפֿעלעך...״ א. אַז. וו.

די נאַטור־בילדער זיינען ביים פּריאיקן מענדעלע אַן אויסדרוק פֿון לירישקייט. דאָרט, וואו זיי דינען אַלס קאָנטראַסט צום לעבנס־שטייגער, איז זייער עיקר־פֿונקציע ליבעפֿול צו באַשיינען דאָס לעבן פֿון די „אביונים, קבצנים, אומגליקלעכע, נעבעך״.

14. אַלעגאָריק

אויך די נטיה צו אַלעגאָריק, וואָס שטייט אין אַ געוויסער סתירה צום זאַכלעכן, רעאַליסטישן סטיל, איז פֿאַראַן ביי מענדעלען פֿון סאַמע זיינע אָנהייבן אָן. געוויינלעך באַצייכנט זי די גרענעצן פֿון זיין געזעלשאַפֿטלעכער קריטיק און שטאַמט דעריבער, אין תוך, ניט פֿון זיין קריטישער שטעלונג צו דער געזעלשאַפֿט, נאָר פֿון יענע ווידערשפּרעכיקע מאָמענטן אין זיין וועלט־אָנשויאונג, וואָס שטערן אים צו גיין אין דער קריטיק ביז צום סוף. דייטלעך זעען מיר דאָס אין יענע פֿאַלן, וואו מענדעלע רירט זיך צו אויף זיין אופן צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע (אין די פֿאַרשיידענע רעזאָניאָרישע באַטראַכטונגען און באַזונדערס אין דער „קליאַטשע״, „דאָס יידל״ א. אַ.). די קריטיק פֿון די „אינעווייניקסטע״ פֿאַרהעלטענישן פֿירט ער אויף אַ רעאַליסטישן אופן, וואו אָבער ער רירט זיך צו צו דער פּאָליטישער לאַגע פֿון די יידישע מאַסן, פֿאַר־באַהאַלט זיך זייער אָפֿט זיין הילפֿלאָזיקייט אין דער אַלעגאָריע.

אין דעם צוזאַמענהאַנג דאַרף אויך דערקלערט ווערן די באַשטימטע סימ־באָליסטישע, משל־נמשלדיקע צווידייטיקייט פֿון געוויסע זאַצן, עפּיזאָדן און באַטראַכטונגען מענדעלעס, זיין — „ניט דאָס בין איך אויסן״. אַמבווילעטסטן ווערט דאָס אין דער „קליאַטשע״, וואָס איז פֿון אָנהייב ביז צום סוף איין גרויסער „ניט דאָס בין איך אויסן״. די בירגערלעכע קריטיק האָט אויף דעם

פאַקט שוין לאַנג אָנגעוויזן, כאָטש זי האָט אים, פאַרשטייט זיך, אויף איר שטייגער אויסגעטייטשט.

אין זיין קריטיק פון מענדעלעס „קליאַטשע" באַמערקט ראַוויניצקי (שלום־עליכמס „די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", 2, קיעוו, 1889, ז. 275): „...הייבט האָט ער פיינט צו דערציילן אַ מעשה גלאָט אַזוי זיך אין דער וועלט אַריין, צוליב דער מעשה אַליין. ער זאָגט אַלץ מיט אַ מיין, מיט אַ טיפער כוונה. דאַכט זיך, ער איז דאָס נישט אויסן, יענץ נישט אויסן, אָבער אין דער אמתן איז ער שטאַרק אויסן אי דאָס, אי יענץ... זיינע פסוקים לאָזן הערן צוויי זאַכן מיט־אַמאָל: אויסער דעם פשוטן פשט פון אויבן, ליגן נאָך דאָרט באַהאַלטן אינע־וויניק אַנדערע רמזים און סודות, גלייך ווי אויף צו דערציילן אַ מעשה אַזוי פשוט איז פאַר אים צו פּראָסט, צו וואָכעדיק..."

מענדעלע האָט טאַקע פיינט „צו דערציילן אַ מעשה גלאָט אַזוי זיך, אין דער וועלט אַריין, צוליב דער מעשה אַליין". דאָס איז אמת. מענדעלע אַליין האָט דאָס ניט איינמאָל באַטאָנט. זיינע דערציילונגען זיינען דורכגעדרונגען מיט געדאַנקלעכקייט. דערמיט אָבער קאָן ניט דערקלערט ווערן די באַשטימטע סימבאָליזירנדיקע פילדייטיקייט, וואָס דערגייט אַמאָל ביז צו אַלעגאָריע אין די זאַצן, עפּיזאָדן און אפילו גאַנצע ווערק („די קליאַטשע"). ניט דער „מיין", ניט די „טיפע כוונה", קורץ: ניט די אידייאישקייט דערקלערט דאָס פיל־דייטיקע און אַלעגאָרישע, נאָר פאַרקערט: דאָרט, וואו מענדעלע קאָן ניט אַרויסזאָגן דעם „מיין" אויף אַ קלאָרן, איינדייטיקן אופן, ווייל ער אַליין איז ניט קאָנסעקווענט דערגאַנגען ביז צום סוף פון דעם „מיין", קורץ: דאָרט, וואו די אידייע איז אַ געבראָכענע, ווידערשפּרעכיקע, גראָד דאָרט פאַרשטאַרקט זיך די פילדייטיקייט, דער „ניט דאָס בין איך אויסן" — ביז צו אַלעגאָריע. באַזונדערס האָט דאָס אַ שייכות צו יענע ערטער און פאַלן, וואו מענדעלע באַהאַנדלט די פּאָליטישע לאַגע פון די יידן.

ראַוויניצקי זאָגט ווייטער (ז. 277): „...זיינע דיבורים האָבן אָפט כמה פּנים (אַ סך באַדייטן — מ. וו.) און ער האָט שטאַרק ליב צו שמועסן אַלעגאָריש, מיט באַהאַלטענע כוונות. און אַזוי ווי „די קליאַטשע" איז דאָך אינגאַנצן איין אַלע־גאָריע — נאָך איבער וואָס פאַר אַ הויכן ענין! — דעריבער איז גאָר קיין חידוש ניט, אַז ער ווייזט זיך דאָ אַרויס מיט זיין גאַנצן כח און גלאַנץ." ראַוו־ניצקי טאַפּט דאָ כמעט אָן דעם צוזאַמענהאַנג, וואָס צווישן דער „אָפטער" אַלעגאָרישער פילדייטיקייט פון מענדעלעס „דיבורים" און דעם „הויכן ענין", וואָס ווערט באַהאַנדלט אין דער „קליאַטשע": די נאַציאָנאַלע פראַגע; און ס'איז קיין חידוש ניט, וואָס דער נאַציאָנאַליסט ראַוויניצקי זעט גראָד אין דער דאָזיקער אַלעגאָרישקייט מענדעלעס „כח און גלאַנץ".

אין אמתן אָבער ווייזט זיך גראָד דאָ די גרענעץ פון מענדעלעס „כח".

ס'באַווייזט זיך דאָ, אין דער אַלעגאָרישקייט, ניט דער „גלאַנץ" מענדעלעס — נאָר די געוויסע הילפלאָזיקייט פון זיין באַנעם. דעריבער געהער דער אַלעגאָרישער מאָמענט צו די שוואַכע זייטן מענדעלעס. דער דאָזיקער מאָמענט ווירקט אָפּט אומקינסטלעריש, געפּרירנדיק, סיי דאָרט, וואו ער קומט דורך־אַגב, פאַראיינצלט, און נאָך מער דאָרט, וואו ער איז דאָס קינסטלערישע הויפּט־מיטל. „די קליאַטשע", אַלס גאַנצעס גענומען, געהערט — אַחוץ אַ סך געראָטענע און אויסגעצייכנטע ערטער און עפּיזאָדן — ניט צו די סאַמע בעסטע ווערק מענדעלעס, טראָץ דער גרויסער קינסטלערישער ענערגיע און אידייאישער אָנשטרענגונג, וואָס מענדעלע האָט אין דעם ווערק אָן ספק אַריינגעלייגט.

די „עזאָפּישע שפּראַך" און משלדיקייט אינעם שאַפן פון אַזאַ רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישן שרייבער ווי סאַלטיקאָוו־שטשעדרין איז געווען אַן אויסדרוק פון גרויסן פּאָליטישן מוט, זי האָט געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן ווייט־ווייט מער, וויפיל די צאַרישע צענזור האָט געקאָנט דערלאָזן.

אין מענדעלעס אַלעגאָריע, געבויט אָפּט אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַל באַפּאַרבטער, איז געווען איינגעשלאָסן אויך דער מיין ניט צו מוזן זאָגן דאָס סאַמע קאָנסעקווענטע, זיך צו קאָנען באַהאַלטן אין פילדייטיקייט, זיך צו קאָנען פאַרהילן אין אַ סימבאָלישן נעפּל („יידל", „די קליאַטשע"). מענדעלעס אַלעגאָריע דאַרף מען פאַרשטיין אין יענעם באַדייט, וואָס שליסט אַמאָל אין זיך איין, לויט געוויסע טראַדיציעס פון דער פּאָעטיק, אויך דעם באַגריף פון אַפּאָטעאָז. ניט בלויז „דאָס יידל", נאָר אין אַ געוויסער מאָס אויך „די קליאַטשע" * אַנטהאַלטן

* מע מוז געדענקען: אין „יידל" זאָגט מענדעלע ניט קיין שום „מוטיקע" זאַכן. פאַרקערט, כדי צו קאָנען קומען צום לייענער מיט אַזעלכע באַלעבאַטישע זאַכן, האָט מען זיך ניט געקאָנט באַגיין אָן דער „אַלעגאָרישקייט". אין דער „קליאַטשע" איז כמעט ניט פאַראַן קיין שום זאַך, וואָס וואָלט ניט געקאָנט געזאָגט ווערן — און וואָס איז דעמאָלט פון אַ סך שרייבער יידישע און ניט־יידישע טאַקע געזאָגט געוואָרן — אָן שום אַלעגאָריעס. די באַדייטונג פונעם פאַקט, וואָס די רוסישע איבערזעצונג פון דער „קליאַטשע" אין „וואָסכאָד" איז נאָך די ערשטע פאָרזעצונגען דורך דער צענזור פאַרבאָטן געוואָרן, טאָר ניט צופיל איבערגעשאַצט ווערן. מע מוז געדענקען, אַז די יידישע (און העברעיִשע) אויסגאַבעס פון דער „קליאַטשע" זיינען ק י י נ מ אָ ל ניט, ניט פריער און ניט שפּעטער, ניט פאַרבאָטן געוואָרן. די צאַרישע צענזור אויף יידישע ווערק איז לחלוטין ניט געווען קיין מילדערע, ווי אויף רוסישע. זייער מעגלעך, אַז דעם צענזאָר פון דער רוסישער איבערזעצונג האָט איבער קלעריקאַל־שאָוויניסטישע סיבות געאַרט דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער טאָן פון דער עמאַנציפּאַציע־פאָדערונג (ווער קאָן דערגיין אַן עק ביי די קאַפּריזן פון אַ צאַרישן צענזאָר?). יעדנפאַלס אָבער איז דאָס פאָדערן בירגערלעכע עמאַנציפּאַציע פאַר יידן און דער פּראָטעסט קעגן פּאָגראָמען ניט געווען אַזאַ מין זאַך, צוליב וועלכער מע האָט אומבאַדינגט געדאַרפט אָנווענדן אַזאַ סימבאָליסטישע אַלעגאָריע.

אין זיך עלעמענטן פון אַפּאַטעאָז פון דער „כנסת־ישראל“. דער אַפּאָטעאָז דאַרף טרייסטן.

עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין יענע ווערק מענדעלעס, וואָס דינען אין גרונט גענומען דער „אינערלעכער“ קריטיק, וועלן מיר אַחוץ זעלטענע און געגנוג פּאַראיינצלטע פאַלן (וואו ער רירט זיך צו צו דער „יידל“־טעמע) קיין איבעריקע סימבאָלישע פילדייטיקייט און אַלעגאָרישקייט ניט געפינען. דער רעאַליסטישער דערציילערישער גאַנג ווערט ניט דורכגעבראָכן דורך אַלע־גאָריק ניט אין „דאָס קליינע מענטשעלע“, ניט אין דער „טאַקסע“, ניט אין „ווינטשפינגערל“, ניט אין „מסעות“ א. אז. וו.

15. „עפּישקייט“

זייט די אַכציקער יאָרן ווערט פאַר מענדעלעס דערציילונג־קונסט כאַראַקטעריסטיש אַ מער „רואיקע“, מער „עפּישע אָביעקטיווקייט“. דער עפּיש־דערציילערישער גאַנג איז מענדעלען קיינמאָל ניט פרעמד געווען. זייט די אַכציקער יאָרן ווערט אָבער זיין עפּישקייט „רואיקער“ און „אָביעקטיווער“. טיפּיש פאַר דעם דאָזיקן נייעם גאַנג איז דער גרויסער וואַריאַנט פון „ווינטש־פינגערל“, אַ טייל קליינע דערציילערישע פראַגמענטן און „שלמה ר׳ חיימס“. דער עפּישער גאַנג האָט פריער געדינט דער ליידנשאַפטלעכער סאַטירע; די „רואיק“ און „אָביעקטיוו“ געוואָרענע עפּיק דאַרף געבן די מעגלעכקייט זיך „היסטאָריש־אָביעקטיווער“ צו באַציען צו די פּאַרהעלטענישן פון דער פאַר־גאַנגענהייט, צום לעבנס־שטייגער און די פיגורן, וואָס מענדעלע האָט פריער הייס קריטיקירט.

למשל, מענדעלע האָט זיך אויך אין זיין פריאיקן פעריאָד געקאָנט פריינט־לעך באַציען צום „גוטן“ רב (אין „דאָס קליינע מענטשעלע“). אין זיין אויפ־קלערונג איז מענדעלע קיינמאָל ניט דערגאַנגען (פּונקט אַזוי ווי בכלל דאָס רוב משכילים — חוץ מיזעס, שאָר, גייגער, קאָוונער) ביז צו דירעקטן קאַמף קעגן דער רעליגיע. באַוואוסטזיניק האָט ער זי אַלס אַזעלכע ניט געוואָלט צעשטערן. אָבער, קעמפנדיק קעגן דעם מיטלאַלטערלעכן שטייגער, האָט ער מיט זיין גאַנצער קינסטלערישער טעטיקייט אָנגעגריפן אויך דעם גרונט־פּרינציפּ פונעם מיטלאַלטערלעכן שטייגער, די רעליגיע.

וויפיל ער האָט ניט געזאָלט אויסדריקן זיין סימפּאַטיע צום „לייטישן“ רב אין „דאָס קליינע מענטשעלע“, שטעלט ער אָבער פאָרט אַרויס אַלס דאָס געוויסן פון דער געזעלשאַפט ניט דעם רב, וואָס בלייבט אַ בלאַסע פיגור און אַ סכעמאַטישער אויטאָריטעט, נאָר דעם אָרעמען משכיל גוטמאַן. אָראָפּרייסנדיק אָן אויפהער די מאַניפּולאַציעס פון די כלערליי מינים פרומאַקעס, דעם גאַנצן אַלטן שטייגער, האָט מענדעלע, ווילנדיק צי ניט, אויסגעהאַלטן צי ניט — סיי־

ווי אין אַ היפּשער מאָס אונטערגעריסן אויך די רעליגיע און ממילא אויך דעם אויטאָריטעט פונעם סאַמע „בעסטן" רבּ. אינעם גאַנצן אופן, ווי מענדעלע שילדערט דעם רבּ, ווערט גענוג דייטלעך אונטערגעשטראָכן, אַז דער דאָזיקער רבּ איז אַ מין אויסנאַם. זיינע מעלות, וואָס מענדעלע באַווייזט, זיינען אָבער גראָד: ערשטנס, גוטהאַרציקייט, טאָלעראַנץ און אָרעמקייט, וואָס באַווייזט זיין אָרנטלעכקייט (אַן אַלטע משכּילישע טראַדיציע ביים שילדערן אַן „אָרנטלעכן" פאָרשטייער פון כּלי־קודש; זע אין אַקסענפעלדס „די געגאַרטע וועלט" די פיגור פונעם נאַאיוו־גוטמוטיקן דיין בעניע) און, צווייטנס, זיין צוטרוי צום משכּיל גוטמאַן, מיט וועלכן ער איז גרייט אינאיינעם אויסצופירן די „רע־פאָרמעס" לויט יצחק־אברהמס וואונטש.

די פיגור פונעם רבּ בכלל האָט אין „דאָס קליינע מענטשעלע" די אויפ־גאַבע צו דעמאָנסטרירן איינעם אַ טראַדיציאָנעל־משכּילישן טעזיס, אַז די השכּלה גייט ניט קעגן דער אייגנטלעכער, ראַציאָנאַליסטיש אינטערפּרעטיר־טער, רעליגיע, אַז זי איז דערלויבט פון דער רעליגיע, ווידערשפּרעכט איר ניט און אַז זי קאָן גיין אינאיינעם מיט איר (דער משכּיל גוטמאַן איז פון זיין זייט אַ „וואַרעמער ייד"). די פרומקייט, די רעליגיעזקייט גופא ווערט דאָ ניט אידעאַליזירט, מענדעלע איז דעמאָלט ווייט דערפון צו וועלן אידעאַליזירן דעם רבּ אַלס רבּ. אין בעסטן פאַל בלייבט ער אַ בלאַסע פיגור, אַ צוגעגעבענע נאָכשלעפּעניש צו דער הויפּט־פיגור גוטמאַן.

אַנדערש אין גרויסן וואַריאַנט פון „ווינטשפינגערל", אין דער דערציילונג „אַ גראָע האָר", אין „שלמה ר' חיימס". אין די דאָזיקע ווערק ווערט שוין די רעליגיעזקייט אַלס אַזעלכע אידעאַליזירט. זאָל זיין טאַקע אין ווידערשפּרוך צו אַנדערע ערטער אין די זעלבע אָדער אין דער זעלבער צייט געשריבענע ווערק. דאָ פילט שוין מענדעלע „מתיקות" אין דער רעליגיע גופא. דער קאַמף קעגן דעם מיטלאַלטערלעכן שטייגער און קעגן די קהלשע גבירים פאַר־לירט זיין שאַרפקייט אינעם גרויסן וואַריאַנט „ווינטשפינגערל", אין „שלמה ר' חיימס" פאַרשווינדט ער — אויף גרויסע שטרעקעס — אינגאַנצן. אין „דאָס קליינע מענטשעלע" ווערט רייכקייט גופא כאַראַקטעריזירט אַלס עפּעס אוממאָראַלישס, „קליינמענטשלדיקס". אָרעמקייט גופא ווערט אַרויסגעשטעלט אַלס אַ שטיק באַווייז פאַר אָרנטלעכקייט. אין „ווינטשפינגערל" (גרויסער וואַריאַנט), אין „שלמה ר' חיימס", באַזונדערס אינעם א. ג. צווייטן טייל, איז שוין די באַציאונג צו רייכקייט ניט די אייגענע, וואָס פריער. די בנימינס און אַנדערע קלויז־יידן, בטלנים, פון וועלכע מענדעלע האָט פריער אָפּגעשפּעט, ווערן איצט, אין דער געשטאַלט פון ר' אברהם, געוויזן אין אַ פּאָזיטיווער באַלויכטונג. כּלערליי גבירים, בעל־טאַקסעס, תּקיפים פון דער פאַרגאַנגענהייט ווערן איצט, סתירהדיק צו אַנדערע ערטער און טענדענצן אין די זעלבע ווערק,

דורך ראָמאַנטישער רעטראָספּעקציע „רעאַביליטירט“. די יום־טובים, די מצוות, דעם ריטואַלן צערעמאָניאַל, דעם חסידיזם (דעם טראַדיציאָנעלן אור־שונא פון דער השכלה) שילדערט שוין איצט מענדעלע געגוג אָפּט מיט וואַרעמקייט. דערצו האָט טאַקע אַנטשפּראָכן דער טאָן פון פאַרשטאַרקטער „עפּיש־רואיקער אָביעקטיווקייט“.

16. סוזשעט און פאַבול

סענטימענטאַליזם * איז אַ שטריך, וואָס באַלייט אָפּט די בורזשואַזיע, און באַזונדערס די מעשטשאַניש־קליינבירגערלעכע געזעלשאַפט־קריטיק. דער סענטימענטאַליזם בכלל איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פשרהדיקייט פון די צווישנדיקע קלאַסן, פאַר זייער געוויינלעכער אומפייאיקייט צו זען די אייגנטלעכע סיבות פון זייער לאַגע, דעם אייגנטלעכן קלאַסן־קעגנער זייערן. מיט דער הילף פון סענטימענטאַליזם האָט דאָס קליינבירגערטום ליב צו באַלאַנסירן צווישן די קלאַסן, צו פריידיקן אויבערפלעכלעכע רחמנות־געפילן, פשרה, זיסלעך־ליבלעכע קעגנזייטיקע „פאַרשטענדעניש“. אינעם סענטימענטאַליזם וועלן מיר געוויינלעך אַחוץ דער סאָציאַלער אָנקלאָג געפינען אויך עפּעס־וואָס פון אַ פּרואוו זיך אַרויסצודרייען פון אַן אַנטשלאָסענעם שטאַנדפּונקט. אין תוך באַזירט זיך דער סענטימענטאַליזם אויף אַ ניט־דערזאָגטער פאַר־הנחה, אַז די אורשפּרינגלעך גוטע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג און מענטשן זיינען קאַליע געוואָרן, „געזונקען“, אַז מע דאַרף און קאָן דאָס „פאַרריכטן“, מע דאַרף בלויז „אויפקלערן“, דערוועקן די געפילן, אַזוי־אַרום וועלן שוין די מאַכטהאָבער ווערן ישרנותדיק.

דאָס איז איינע פון די סיבות פאַר די עלעמענטן פון סענטימענטאַליזם אַפילו אין דער סאַטירע ביי באַשטימטע פאָרשטייער פון דער אויפקלערונג.

אין דעם צוזאַמענהאַנג דאַרף אויך דערקלערט ווערן די געוויסע נטיה צו איבערגעטריבענער „אַוואַנטיורישקייט“, צו „סענסאַציאָנעלער אינטריגע“ (וואָס דערגייט אַמאָל ביז צו פאַנטאַסטיק) און צו פאַרוויקלטער, אָרנאַמענטאַל „געשאַכטלטער“ און אָפּט געבראָכענער קאָמפּאָזיציע (טיפּיש, למשל, פאַר דער דייטשער ראָמאַנטיק), וואָס מיר באַגעגענען אין אַזעלכע ווערק, ווי „פישקע“, „ווינטשפינגערל“ (די גרויסע וואַריאַנטן). די פאַבול פון „דער פריזיוו“ איז אויפגעבויט אויף אַן „אַוואַנטיורישער“ צופאַל־אינטריגע אַ־לאַ קאָצעבו. אין „פישקע דער קרומער“ און אין „ווינטשפינגערל“ ווערן אויסגענוצט אַזעלכע „אינטריגירנדיקע“ מאָטיוון, ווי: אָנפאַלן, גנבות, רויבערייען, געשלעגן, פאַרפירעניש אין אַ שאַנד־הויז און שיער ניט מערדערייען.

* דער טערמין מיינט דאָ דעם געוויינלעך אָנגענומענעם באַדייט.

דער סענטימענטאַליזם בכלל געגומען אַנטשפּרעכט ניט צו דער שטאַרקייט פונעם בירגערלעכן רעוואָלוציאָנערן שטרעבן, נאָר צו זיין שוואַכקייט און באַגרענעצטקייט. ער איז אַן אויסדרוק פון צווישנדיקייט אינעם שטרעבן, — דעריבער איז ער אַמיינסטן כאַראַקטעריסטיש פאַרן קליינבירגער.

דער סענטימענטאַליזם האָט צוואויילן די פונקציע „געפילפּול" „צו פאַר־ליבלעכן", איליוזאָריש, זשאַנער־מאָלעריש צו פאַרשענערן און צו רירן אַפילו דאָרט, וואו ער קלאָגט אָן, און נאָך מער דאָרט, וואו ער וויל אומבאַדינגט באַרעכטיקן, פאַרטיידיקן, אַרויסהייבן. דאָס איז אַן „אומהעראָאישער", פיליס־טערישער פּרואוו פון דער בורזשואַזיע זיך און איר באַגרענעצט ווען צו באַרעכטיקן, ניט דורך אַנטלייאונגען פון אַ היסטאָרישער, פרעמדער העראָאיק, נאָר דורך זיך אַליין, אַזוי ווי זי גייט און שטייט, אָבער פאַרליבלעכט און מיט ראַזעווער זעלבסט־רירונג פאַרשענערט. דער פיליסטער קנייפּט זיך אַליין אין זיין אייגן קיילעכיק בעקל, וואָס פאַררויטלט זיך אַזש פון וואַרעמע געפילן איבער דער אייגענער רירונג. דער סענטימענטאַליזם איז אַ סאַמע פיליס־טערישער אופן צו שפּרינגען העכער, ווי מע איז אַליין, זיך אינטערעסאַנטער צו מאַכן, איידער מע איז אין דער אמתן, ניט — זאָל זיין — דורך אויס־געטראַכטע פרעמדע הויכע אייגנשאַפטן, נאָר מיט דער הילף פון באַרימעריש־צופרידענעם „קאַליגראַפיש" אָרנאַמענטירטן אונטערשטרייכן די אייגענע, אין אמתן ניט גאָר וואַזשנע אייגנשאַפטן.

הוילער „געפיל", הוילע זשאַנער־מאָלעריי האָט ניט קיין לאַנגן אָטעם. זיי נייטיקן זיך אין אַן אַנטשפּרעכיקער קאַנווע, וואָס זאָל אונטערשטרייכן און אַרויסהייבן די געפילן, די זשאַנער־מאָלעריי, רירונג א. אַז. וו. הוילע פיליס־טערישקייט קאָן ביי קיינעם ניט און אַפילו דעם פיליסטער גופא ניט זיין געגנוג אינטערעסאַנט — איז דאָ דעריבער נאַטירלעך אַריינצופּלעכטן עלעמענטן פון אויסערגעווייינלעכקייט, פון „אַוואַנטיורע", פון „שפּאַנענדיקער אינטריגע" א. אַז. וו., וואָס ווערן אַנטליען פון עלטערע, נאַאיווע טראַדיציעס. דעריבער באַגעגענען מיר די דאָזיקע פאָרם־מיטלען זייער אָפט אַלס קאַנווע פאַר סענטי־מענטאַליזם אַפילו ביי גרויסע מייסטערס — כאָטש די דאָזיקע מיטלען ווערן פונעם מייסטער געשמאַקפול אָפּגעשליפן, געניט אַרומגעשטעלט מיט פאַר־שיידענע באַפּוצונגען (מייסטערישע נאַטור־שילדערונגען, אַמאָל מיט דיבער איראָניע, מיט דעטאַלע מאָלערייען, מיט רעזאָנאַרישע אָרנאַמענטן א. אַז. וו.), וועלכע נייטראַליזירן יענע וואָלוולקייט, וואָס די „אַוואַנטיורע" פאַרמאָגט ביים שלעכטן שרייבער. אַזוי־אַרום ווערן די דאָזיקע אין תוך ניט זייער הויכע מיטלען אַרויסגעהויבן אין אַ העכערער ספּפערע.

עפּעס־וואָס פון דעם מין זעען מיר צומאָל אויך ביי מענדעלען. אויך אין

די „אומגליקלעכע“ פאַלן, ווען מענדעלע ווערט סענטימענטאַל, זעט זיך, אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער, אַרויס דער גלאַנץ פונעם גרויסן טאַלאַנט, וואָס באַווייזט זיך אין זיינע גליקלעכע ווערק און טיילן פון ווערק. דאָס ענדערט אָבער ניט דעם פאַקט, אַז די דאָזיקע מיטלען, פּונקט אַזוי ווי דער סענטימענטאַליזם בכלל, וואָס זיי ברענגען צום אויסדרוק, ווייזן אָן אויף אַן אינעווייניקסטן בראָך, אויף רעשטן פון ניט־אויפגעקלערטקייט ביים אויפקלערער. אין דער קינסט־לערישער רעאַליזירונג ווירקן די דאָזיקע מיטלען אָפטמאָל ניט פולווערטיק און געהערן צו די שוואַכערע זייטן אין מענדעלעס שאַפן.

17. היפּערבאָליק פון געשטאַלטן און סיטואַציעס

מענדעלע „סימבאָליזירט“ אין זיין מייסטער־ווערק „פישקע דער קרומער“ די פאַראָרעמטקייט פון דער שטעטלדיקער מאַסע דורך דער שילדערונג פון אמתע פשוטע בעטלערס און ברענגט — דוכט מיר — אַריין דורך דער דאָזיקער היפּערבאָלישער גוזמא אַ באַשטימטע פאַרנעפּלטקייט אין דער פּראָבלעם פון דער יידישער אָרעמקייט, — דאָס איז אַ רעזולטאַט פונעם מטושטשן באַנעמען דעם צוזאַמענהאַנג פון דער אָרעמקייט מיט דעם גאַנצן פּאָליטישן סדר.

צו היפּערבאָליק ווענדט זיך מענדעלע דעמאָלט, ווען סע דוכט זיך אים, איבער די געוויסע ווידערשפּרעכיקע אַפּאָלאָגעטישע עלעמענטן אין זיין איינ־שטעלונג, אַז אַ ריין רעאַליסטישע, ניכטערע שילדערונג פון דער נעבעכדיקער לאַגע פון די מאַסן האָט, פאַר זיך גענומען, ניט גענוג אָנקלאָגערישע קראַפט אויף צו ווירקן, ווי ער וואָלט עס געוואָלט האָבן. פּרואווט ער דער שילדערונג צוגעבן אָנקלאָגערישע קראַפט אויף אַ ראָמאַנטישן אופן, דורך אַ גוזמאדיקער היפּערבאָליק. אַזעלכע געשטאַלטן ווי בנימין און סענדערל זיינען אים שוין ניט גענוג, די אָרעמע מאַסן פונעם פאָלק זעט ער שוין אַלס קרומע פישקעס און האָרבאַטע מיידלעך. פון איין זייט היפּערבאָליזירט ער אַזוי־אַרום אַלע שאָטן־זייטן פון דער אָרעמשאַפט בכלל: די נויט, דאָס נעגאַטיווע אין לעבן און שטייגער, אין דער אויפפירונג, אינעם אויסזען, — און שאַפט זיך, פון דער אַנדערער זייט, די מעגלעכקייט „קאָנטראַסטיש“ צו באַשיינען און צו באַלויכטן די פּאָזיטיווע ליכט־זייטן און דעם אינעווייניקסטן מענטשלעך־מאָראַלישן מהות פון די דאָזיקע געשטאַלטן, זיי צו פּאָעטיזירן. אין „בנימין“ ווערט אָפּגעלאָכט פון דער שטעטלדיקער אָפּגעשטאַנענקייט, פון דער פעאָדאַליש־מיטלאַלטער־לעכער „אידיאָטיע“, אין „פישקע“ ווערט זי באַקלאָגט און פּאָעטיזירט, כאָטש דאָס דאָזיקע ווערק בלייבט בנוגע צו די פּריווילעגירטע קלאַסן אַ שאַרפע ביטערע אָנקלאָג און, נאָך „מסעות“, די גרעסטע שאַפונג מענדעלעס.

סענטימענטאַליזם איז אויסן רחמנות, גלייבט, אַז מע קאָן אַ סך ענדערן אין דער געזעלשאַפט דורך דער ווירקונג אויף די געפילן. און דאָס דיקטירט

היפּערבאָליק אינעם שילדערן די סאָציאַל־באַוווּסטע מענטשן, כדי אַזוי־אַרום צו פאַרשטאַרקן די גערעכטיקייט פון דער סאָציאַלער טענה.

און כדי אַרויסצוהייבן און קאָנטראַסטיש צו פּאָעטיזירן אַזאַ פינצטערע, פאַראומערטע סביבה (פון בעטלערס), מוז מען אָנקומען צו ניט־געוויינלעכע מיטלען. דאָס וואָלט אויך מעגלעך געווען צו טאָן מיט „געהויבענעם" סימ־באָליזם אָדער מיסטישער מליצה. די געזעלשאַפט־קריטישע טענדענץ האָלט אָבער מענדעלען פעסט אין די גרענעצן פון רעאַליזם. און אין יענע פאַלן, ווען דער קריטישער רעאַליזם ווערט פאַרבויגן אויף צו דינען דער אַפּאָלאָגיע (פון אַן אָפּגעשטאָנענער סביבה), באַקומט זיך פון דעם אַ סענטימענטאַלער רעאַליזם, אַ „זשאַנר־מאָלערישער" רעאַליזם. רעאַליזם קאָן אָבער לויט זיין אינעווייניקסטער נאַטור ניט געפינען קיין אַנדערע „אויסטערלישקייטן" און „אויסערגעוויינלעכקייטן" — אויב ער דאַרף זיי צוליב עפּעס האָבן — ווי סיידן די „סענסאַציאָנעלקייט און אַוואַנטיורישקייט" פון דער פאַבול.

מענדעלע וויל איבערצייגן, אַז פישקע אָדער אַ הארבאַטע בעטלערקע (וואָס דער לייענער באַגעגנט יעדן טאָג אין דער גאַס און גיט זיי אַמאָל אַ נדבה) האָבן אַחוץ זייער וואָכעדיקער נשמה נאָך אַן אַנדערן, ניט בלויז אַ טיף־מענטשלעכן, רירנדיקן כאַראַקטער, נאָר אויך אַ ראָמאַנטישן מהות, — רוקט ער זיי אַמאָל אַרויס פונעם געוויינלעכן לעבן אין אַ „ראָמאַנטישער" ספערע מיט דער הילף פון „אַוואַנטיוריסטיק" אין דער פאַבול, כדי אַזוי־אַרום אָנ־צוהויכן אויף זיי אַ גלאַנץ פון אויסערגעוויינלעכקייט. ער מוז היפּערבאָליזירן זייער נויט ביז צו בעטלערישקייט, זייער אויסזען — ביז צו פאַרקריפּלטקייט, און זייערע סיטואַציעס, טאַטן און די פּאַסירונגען פון זייער לעבן — ביז צו „סענסאַציאָנעלקייט". אויף דער דאָזיקער קאַנווע לאָזט זיך אַמבעסטן אויס־האַפטן די רירנדיקע, ראָמאַנטישע באַלויכטונג פון די דאָזיקע פיגורן.

גאָר עפּעס אַנדערש זעען מיר אין „מסעות". דאָ איז דער פּאָבולאַרישער אויפבוי דורכאויס רעאַליסטיש, ניט „סענסאַציאָנעל", אָן שום „צופעליקייטן" און „אינטריגירנדיקע" פּאַסירונגען. די הויפּט־פיגור גופא און די סיטואַציע, אין וועלכער זי האַנדלט, זיינען ביז צו אַ געוויסער מאָס היפּערבאָליזירט — אָבער אין דער ריכטונג פון רעאַליסטישן אמת. פאַר די סאַטיריש־קריטישע כוונות פון דעם ווערק האָט אַ ניט־רעאַליסטישע אַנטוויקלונג פון דער פאַבול, אַן אַנדערע, ווי זי איז נאַרמאַל אין ווירקלעכן לעבן, ניט געקאָנט טויגן. אין „מסעות" באַוועגט זיך אַלץ אין אַ דורכאויס רעאַליסטישן גאַנג. אַלץ אַנטוויקלט זיך פּונקט און גענוי אַזוי, ווי ס׳האָט געדאַרפט און געמוזט פּאַסירן אין לעבן מיט אַ בנימין דעם דריטן און מיט אַ סענדערל די יידענע, וויבאַלד זיי האָבן זיך געלאָזט אויף נסיעות צו רויטע יידעלעך. מיט דער קריטישער ניכטערקייט איז אויך פאַרבונדן די שטרענגע לאָגיק און פאַרגאַנצטקייט פון דער פאַבול.

18. ווירקונגען פון דער ליטעראַרישער טראַדיציע אויף „מסעות" און „דאָס קליינע מענטשעלע"

ווי באַוואוסט, איז דער סוזשעט פון מענדעלעס „מסעות" אין זיינע אַל־געמיינסטע שטריכן ענלעך צום סוזשעט פון סערוואַנטעסעס „דאָן־קיכאָט". דער געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער און דער לעבנס־שטייגער פון די פּאַר־שוינען, די קאָנקרעטע היסטאָרישע סיטואַציע און בכלל דער גאַנצער קולטור־היסטאָרישער שטייגער, וואָס ווערט אין די דאָזיקע צוויי ווערק („דאָן־קיכאָט" און „מסעות") געשילדערט, זיינען ביז גאָר פאַרשיידענע. פונדעסטוועגן קאָן מען דאָ פעסטשטעלן אַ באַשטימטע אַנאַלאָגיע אין דער אייגנטלעכער טעמע: קאַמף קעגן דעם אָפּגעלעבטן פעאָדאַלישן שטייגער, קעגן דער אָפּגעשטאַנענ־קייט, וואָס באַמיט זיך דעם דאָזיקן שטייגער ווייטער צו פירן, גלייך סע וואָלט אין דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט ניט פאָרגעקומען קיין שום נייס.

די באַשטימטע אַנאַלאָגיע אינעם אידייאישן אינהאַלט איז די פּאַר־הנחה פאַר דער ווירקונג פון סערוואַנטעסעס גרויסן ווערק אויף מענדעלעס „מסעות". שוין אין יאָר 1866 דערמאָנט מענדעלע אין צוזאַמענהאַנג מיט די יידישע „פערד" און „אייזל" סערוואַנטעסעס „דאָן־קיכאָט". די סוזשעט־ענלעכקייט צווישן די צוויי ווערק וואַרפט זיך אַזוי שטאַרק אין די אויגן, אַז ווען דער פּוילישער שרייבער קלעמענס יונאַשאַ האָט אין יאָר 1885 איבערגעזעצט (איבערגעאַרבעט) „מסעות" אויף פּויליש, האָט ער דעם ווערק אַ נאָמען געגעבן „דאָן קישאָט זשידאָווסקי", ד. ה. „דער יידישער דאָן־קיכאָט".

שוין ביז צו סערוואַנטעסעס צייט (1547—1616) איז אין שפּאַניע פאָר־געקומען אַ בראָך אין די פעאָדאַלישע מיטלאַלטערלעכע פאַרהעלטענישן. די אַנטדעקונג פון נייע וועלט־טיילן, פון די נייע ים־וועגן האָט אַרויסגערופן גרויסע ענדערונגען אינעם לעבן און אין די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. די אומגעוויינלעכע עקאָנאָמישע צעבליִאונג האָט, אמת, צוליב אַ ריי סיבות, ניט לאַנג געדויערט. אָבער אונטער דער ווירקונג פון די נייע באַדינגונגען האָבן זיך שוין געהאַט געשאַפן נייע השגות און אַ נייער שטייגער, באַזונדערס ביים שטאָטישן בירגערטום. לויט די דאָזיקע פאַרשטעלונגען זיינען די רעשטן פון די אַמאָליקע ריטערלעכע „טוגנטן" אויסגעקומען אָדער ווי אַ פּשוטע רויבעריי, אָדער ווי משונהדיק־לעכערלעכע שטיק.

אין דער צייט פון קאַרל דעם פינפטן און פיליפּ דעם צווייטן קומט פאָר דער איבערגאַנג פון פעאָדאַליזם צו אַבסאָלוטיזם; די פּריווילעגיעס פונעם אַדל ווערן שטאַרק באַגרענעצט. די שטאָט פאַרלירט איר אַלטן מיטלאַלטער־לעכן באַדייט, — קיין ענדגילטיק נייעם האָט זי ניט באַקומען. די צייט פונעם עקאָנאָמישן אויפבלי איז פאַרביי, ס'הייבט זיך אָן אַ צעפאַלונג פון האַנדל און

פּראָדוקציע, פון לאַנדווירטשאַפט און פון שיף־נסיעות. די באַפעלקערונג פון שטאָט און דאָרף ווערט פאַראָרעמט. עס באַווייזט זיך אַ גרויסע מאַסע דעקלאַסירטע, ליידיקגייער, „לופט־מענטשן“, שלעפּערס, דינערס א. אַז. וו.

פונעם אַבסאָלוטיסטישן דרוק און פון דער עקאָנאָמישער צעפאַלונג האָט ביי די פּריווילעגירטע שיכטן אַמיינסטן געהאַט צו ליידן דער קליינער אַדעליקער אָן אָדער כמעט אָן ערד־באַזיץ, דער א. ג. הידאַלגאָ. אַחוץ דעם שטאָטישן „לומפּ“ (פּיקאַראָ), האָט זיך מאַסנווייז באַוויזן אַן אַדעליקער מין „לומפּ“, דער דעקלאַסירטער הידאַלגאָ. דעם הידאַלגאָ קומט אָן שווער שלום צו מאַכן מיט דער נייער סיטואַציע. דאָס לעבן פונעם הידאַלגאָ, פּונקט ווי פונעם פּיקאַראָ, ווערט אַן „אַוואַנטיורע“, אָן אַן עקאָנאָמישער גרונטלאַגע — און דעריבער „פאַנטאַסטיש“. דער פּיקאַראָ לאָזט זיך אויף מער רעאַלע אַוואַנטיורעס — געשטויסן פון נויט און געפירט פון אַ המוניש באַוואוסטזיין פאַר רעאַליטעט; דער הידאַלגאָ שטעלט זיך פאַנטאַזיאָריש אַקעגן דער נייער ווירקלעכקייט, קעגן די נייע פאַרשטעלונגען, ווי אַ פאַרביסענער יורד. ער פאַרמאַכט די אויגן, ווייל ניט זען די קעגנוואַרט, ער פאַרהאַקט זיך אין דער ראָמאַנטיק פון דער פאַרגאַנגענהייט און לעבט — באַזונדערס אין דער פּראָווינץ — אַן אַנאַכראָניסטיש פאַרחלומט לעבן. זיין לעבן איז אַן אילוזאָרישע אַוואַנטיורע. אַזאַ מין הידאַלגאָ געהער אָפּט צו די רעזערוון פון דער ריטערלעכער רעאַקציע.

סערוואַנטעס שפּיגלט אָפּ אין זיין שאַפן דעם דאָזיקן גרויסן איבערבראָך אין די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן — פונעם פעאָדאַליזם צום בירגערטום — דורך דער שילדערונג פונעם פּיקאַראָ (נאָוועלן) און פונעם הידאַלגאָ (דאָן־קיכאָט).

אין דאָן־קיכאָט און אין זיינע נאָוועלן רעכנט זיך סערוואַנטעס אָפּ מיטן מיטלאַלטער מיט זיינע פאָרשטעלונגען, אידעאַלן און לעבנס־שטייגער. סערוואַנטעסעס אויגן זיינען געווענדט צו אַ ניי לעבן. ער זעט אָבער די נייע ווירקלעכקייט אַזוי, ווי זי איז. די טעמע פון זיינע גרויסע ווערק איז דער אָרעמער און דעקלאַסירטער, די מאַסן, דאָס פאָלק. ער קעמפט קעגן דעם מיטלאַלטער, אָבער די אַבסאָלוטיסטישע דעספּאָטיע און אונטערדריקונג, פּונקט ווי די נייע, אין טיפסטן תוך בורזשואַזע, אידעאַלן קאָנען אים ניט פאַרבלענדן די אויגן. פונדאַנען — די עלעמענטן פון טראַגיק, וואָס אין דער גרויסער קאָמישער סאַטירע „דאָן־קיכאָט“.

דאָן־קיכאָט האָט זיך אונטערגענומען פאַרווירקלעכן פּרינציפּן פון דער אַלטער ריטערלעכקייט, וואָס זיינען אין אמתן גאָר קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן דורכן ריטערטום. אַזאַ מין ריטערלעכקייט, ווי דאָן־קיכאָט האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, איז געווען בלויז אין דער פאַנטאַזיע פון הויפישע פּאָעטן

אָדער אין די נאַאיווע מעשיות פון זייערע פאָלקסטימלעכע נאָכדערציילערס. אין אַ נייעם פעריאָד פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג איז דאָן־קיכאָט געקומען זוכן און פאַרווירקלעכן פרינציפּן כלומרשט פון דער אַלטער וועלט, וואָס זיינען אָבער קיינמאָל אין איר ניט געווען לעבעדיק און האָבן דאָס אין דער נייער צייט אויך ניט געקאָנט ווערן. ער האָט פון דער אַלטער וועלט גענומען ניט איר ווירקלעכקייט, נאָר איר פון פּאָעטן אויספאַנטאַזירטע אידעאַליזאַציע, און דעם דאָזיקן אידעאַל האָט ער ראָמאַנטיש געזוכט אין דער קעגנוואַרט. און ווייל ער האָט פון דער וועלט אויפגענומען ניט די פעאָדאַלישע ברוטאַלע רויבערישקייט, נאָר דאָס, וואָס די בעסטע פאָרשטייער פון דער פאַרגאַנגענהייט האָבן אויסגעטרוימט — כאָטש ס'איז טאַקע אויסגענוצט געוואָרן אויף צו באַרעכטיקן דאָס ריטערטום, אָבער פאָרט אויסגעטרוימט לויטן איידלסטן, צו וואָס די צייט איז פייאיק געווען, — האָט דאָס צוגעגעבן צו זיין משונהדיקן טאָן און טראַכטן, ביי זייער גאַנצער קאָמיק, אויך אַ הויך פון איידלקייט און טראַגיק. ער האָט געזען אין דער פאַרגאַנגענהייט דאָס, וואָס סע האָט אין איר ניט געקאָנט זיין, דאָס, וואָס איז אין אמתן געווען אַן אומקלאָרער טרוים וועגן אַ ווייטער־ווייטער צוקונפט, אַ טרוים, וואָס האָט, אייגנטלעך, לויט זיין אורשפּרונג, סוף־כל־סוף געשטאַמט ניט פונעם פעאָדאַלן קלאַס, נאָר פונעם האָרעפּאַשנעם, שעפערישן פאָלק. דאָן־קיכאָט איז אַליין געווען אַן אָפּגענאַרטער — דאָס איז די גרונטלאַגע פאַר דער קאָמיק פון זיין געשטאַלט. ער האָט אָבער געשטרעבט צו עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויף אַן אמתן געקאָנט רעאַליזירט און אַפילו זאָל זיין בלויז פול און ריכטיק פאָרמולירט ווערן ערשט נאָך אומגעהייער קאָמפּליצירטע געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען. אָט־אָ דאָס דאָזיקע, אין אמתן ניט בלויז פאַרשפּעטיקטע, נאָר גלייכצייטיק אויך אומגעהייער צו פריאיקע, שטרעבן זיינס איז די גרונטלאַגע פאַר די עלעמענטן פון טראַגיק און אמתער איידלקייט אין זיין געשטאַלט.

ענדגילטיקער קאַמף קעגן דער גאַנצער פעאָדאַלישער פאַרגאַנגענהייט איז נאָך דעמאָלט ניט מעגלעך געווען, אויף דערויף זיינען די פּראָדוציר־כחות און די קלאַסן געווען צו ווייניק אַנטוויקלט. אָבער דער קאַמף קעגן דעם מיטלאַלטערלעך־אָפּגעשטאַנענעם ריטערטום איז שוין רייף געווען. „דאָן־קיכאָט“ איז פון אַלע ווערק, וואָס האָבן געהאַט אַן ענלעכע טענדענץ, די געלונגענסטע, שטאַרקסטע אַרויסטרעטונג.

דער דאָזיקער קאַמף האָט נאָך זייער לאַנג געדויערט, פונדאַנען נעמען זיך די ווידערשפּרעכיקע טראַגישע שטריכן אין דער קאָמיש־סאַטירישער שילדערונג פונעם „ריטער פון דער טרויעריקער געשטאַלט“. די דאָזיקע שטריכן האָט (נאָך שלעגעל) היינע אין זיין אַריינפיר צו אַ דייטשער איבערזעצונג פון „דאָן־קיכאָט“ שוין לאַנג באַמערקט.

ס'איז קיין צופאַל ניט, וואָס אויך אין „מסעות“ געפינען מיר די דאָזיקע אייגנאַרטיקע מישונג פון סאַטירע, סאַרקאַסטישער איראָניע און שטריכן פון טראַגיזם. דער באָדן פון די דאָזיקע ווידערשפּרעכיקע מאָמענטן אין מענדעלעס „מסעות“ איז געווען די לאַגע פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין די 60ער און 70ער יאָרן.

די ווירקונג פון סערוואַנטעסעס „דאָן־קיכאָט“ אויף מענדעלעס „מסעות“ קאָן מען פעסטשטעלן ניט בלויז וואָס שייך דעם סוזשעט, נאָר אויך אין פאַרשיידענע דעטאַלן ביים אויפבוי פון דער פאַבול, פון די כאַראַקטערן א. אַז. וו.

למשל: די משונהדיקע אָפּגעשטאַנענקייט פון די דאָן־קיכאָטס דעמאַסקירט סערוואַנטעס ניט דורך אויפדעקן זיטלעכע חסרונות (גרויזאַמקייט, צבועקישקייט, ליגנערישקייט, גראָבקייט א. אַז. וו.) ביים „ריטער פון דער טרויעריקער געשטאַלט“. פאַרקערט, דאָן־קיכאָט איז דער היפּוך פון אַן עגאָאיסט, ער טענהט שטענדיק נאָר פאַר אַנדערע, וויל שטענדיק עמעצן ראַטעווען פון אַ (געוויינלעך אויסגעטראַכטער) נויט, זיינע געפילן זיינען די סאַמע איידלסטע, פיינסטע, און טאַקע ביי זיין גאַנצער איידלקייט טוט ער אָפּ, מחמת זיין טאַמעוואַטער וועלט־פרעמדקייט, אומגעלומפּערטע שאָדנס, זיך און אַנדערע, צעהאַקט ווינטמילן פון אָרעמע פויערים, צעהרגעט סטאַדעס שעפעלעך א.אַז.וו. ביי זיין גאַנצער איידלקייט ווערט ער באַוויזן אַלס אַן אַנאַכראָניזם אין דער געזעלשאַפט. דער זין פון דער דאָזיקער געשטאַלט איז אַן ערך אַזאַ: מע מוז מסכים זיין, אַז אַ פּאַרשוין ווי דאָן־קיכאָט איז, אַבסטראַקט גענומען, ווייט ניט קיין שלעכטער מענטש, פאַרקערט, סוביעקטיוו האָט ער די איידלסטע כוונות. דאָס ביים אָבער גאָרניט אין דער טאַטזאַך, אַז ער איז אַן אַנאַכראָניזם, אַ שטערנדיקע דערשיינונג אין דער נייער געזעלשאַפט. די דאָזיקע טראַקטירונג פון דאָן־קיכאָטס כאַראַקטער האָט דאָס געגעבן די מעגלעכקייט פאַר די אידעאַליסטישע קאָמענטאַטאָרס אויסצוטייטשן די געשטאַלט פון דאָן קיכאָט אַלס די פאַרקערפּערונג און אַלס אַפּאָטעאָז פונעם טראַגישן אידעאַליסט. דער דאָזיקער „לאָמיר מסכים זיין“, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס דערמאָנט, אַנטהאַלט אין זיך אַן אָנצוהערעניש אויף סערוואַנטעסעס סתירותפולער, געשפּאָלטן־ראָמאַנטישער באַציאונג צום ריטערטום.

דעם זעלבן שטריך וועלן מיר פעסטשטעלן אויך אין דער כאַראַקטערצייכענונג פון בנימינען אין מענדעלעס „מסעות“. בנימין איז ווייט ניט קיין שלעכטער מענטש, ניט קיין שווינדלער, ניט קיין עגאָאיסט, ניט קיין גראָבער נפש, ווי אַנדערע אָפּגעשטאַנענע פיגורן אין מענדעלעס ווערק. פאַרקערט, סוביעקטיוו האָט ער די איידלסטע כוונות (צו ברענגען דורך די „רויטע יידעלעך“ הילף פאַר די גלופּסקער קבצנים), איז מיט זיין נסיעה דורכאויס ניט אויסן זיין אייגענע טובה. ער איז אַן איידעלער טראַגישער טרוימער. שטענדיק

וויזט ער אַרויס גוטמוטיקע, ווייכע געפילן. פאַקטיש אָבער איז ער פאָרט אַ ביטערער אַנאַכראָניזם, אַ דערשיינונג, ביי דער גאַנצער טראַגיק אירער, סוף־כל־סוף ניט בלויז אַן אומגליקלעכע, נאָר אויך אַ שטערנדיקע. מיט דער הילף פון זיין געשטאַלט ווערט באַוויזן, ווי די געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן, וואָס האָבן דעם דאָזיקן כאַראַקטער אויסגעבילדעט, זיינען דער שווערסטער אָפּהאַלט פאַר דער פאָרשריטלעכער אַנטוויקלונג.

אַן אַנדערע אַנאַלאָגיע. דאָן־קיכאָט איז טאַמעוואַטע פאַנטאַסטיש, טרויִמעריש, סאַנטשאָ פאַנסאָ איז טאַמעוואַטע־רעאַליסטיש, פּראַקטיש, וואָס דאַכט זיך פאַר די טעגלעכע באַדערפעניש. די אידעאַליסטישע ליטעראַטור־היסטאָריקער האָבן דעריין געזען אַן אַנטקעגנשטעלונג פונעם גראָבן פּראַקטישן מאַטעריאַליזם צום אַלטרויסטישן אידעאַליזם דאָן־קיכאָטס. אין אמתן קומט דאָ בלויז צום אויסדרוק די טאַטזאַך, אַז די פאַראָרעמטע, דעקלאַסירטע הידאַלגאָס האָבן אַמאָל מיט זייער אָפּגעשטאַנענעם וועלט־באַנעם געפונען אַ באַשטימטן רעזאָנאַנס ביי געוויסע קאָנסערוואַטיווע שיכטן פון פויערטום און פונעם דעקלאַסירטן שטאָטישן המון. סערוואַנטעס פירט אַרויס ביידע מאָדיפיקאַציעס פון דער טאַמעוואַטער אָפּגעשטאַנענקייט, וואָס האָבן זיך פאַרבונדן אין אַ קאָמישן בונד, און שילדערט זיי רעאַליסטיש: איין מאָדיפיקאַציע פון דער אָפּגעשטאַנענקייט אַלס אַן „ערודיסטישע״, געבילדעטע, טאַמעוואַטע־טרוימערישע, די צווייטע אַלס רויע, המונישע טאַמעוואַטע־פּראַקטישע. אַחוץ דער קאָמיק פון יעדער פיגור באַזונדער, באַוויזט נאָך סערוואַנטעס די קאָמיק, וואָס באַקומט זיך פונעם בונד צווישן די דאָזיקע צוויי פאַרשיידענע כאַראַקטערן.

ענלעכס זעען מיר אויך אין מענדעלעס „מסעות״. בנימין שטעלט מיט זיך פאַר דאָס טאַמעוואַטע־טרוימערישע, „געבילדעטע״ אָפּגעשטאַנענקייט. סענדערל די יידענע — די טאַמעוואַטע־המונישע, רוי־פּראַקטישע אָפּגעשטאַנענקייט. אינעם בונד צווישן די דאָזיקע צוויי פיגורן באַוויזט מענדעלע די טראַגישע קאָמיק, וואָס ליגט אין דער פינצטערער, אָפּגעשטאַנענער „פירערשאַפט״. ער וויזט, וואוהין אַזאַ מין „געלערנטקייט״ קאָן פירן די שטעטלדיקע אָרעמע מאַסן — צו די „רויטע יידעלעך״ און אין די קאַזאַרמעס פון די קאַנטאָניסטן.

די „אַנפירונג״ ווערט דאָ פאַרקערפּערט אין אַ טאַמעוואַטער פיגור: „זיי וויסן אַליין ניט, וואָס זיי טוען.״ אָבער עפּעס אַ חילוק צווישן די ביידע פיגורן איז דאָ פאַראַן. אין סענדערלען איז, פונקט אַזוי ווי אין סאַנטשאָ פאַנסאָ (וואָס איז דאָך אַ שטיקל פאָרשטייער פונעם פּיקאַראָ־טיפּ), פאָרט פאַראַן אַ געוויס געפיל פאַר דער רעאַליטעט. כאָטש טאַקע מער אינסטינקטיוו, איידער פאַרבאַוואוסטזיניקט. ער איז פאָרט מער „מענטש״, איידער בנימין. ער איז פאָרט ווייניקער וועלט־פרעמד, ווייניקער איזאָלירט פון דער ניט־יידישער סביבה.

אין אַ געוויסער מאָס איז ער דער פּאַרמיטלער צווישן בנימינען און דער ווירקלעכקייט. אין די דאָזיקע שטריכן קומט צום אויסדרוק אַן אָנצוהערעניש, אַז די „פּלעבייאישע" גשמיותדיקייט פון אַ סענדערל איז פאַרט אַן ערד נעענטער צום ווירקלעכן לעבן, איידער די ערודיציאָנעלע רוחניות פון די בנימינס.

דער בונד צווישן דאָן־קיכאָט און סאַנטשאָ פּאַנסאָ איז אַ רירנדיק פריינט־שאַפטלעכער, פּונקט אַזוי ווי דער בונד צווישן בנימינען און סענדערלען. אין דער דאָזיקער רירנדיקער פריינטשאַפט קומען צום אויסדרוק די עלעמענטן פון סענטימענטאַליזם איןביידע ווערק. גלייכצייטיק דערמיט ווערט אָבער אויך אין ביידע ווערק אויפגעדעקט די קאָמיק און דער אומגעלומפּערטער באָדן פון דער דאָזיקער פריינטשאַפט. אַזוי־אַרום, ווערט אין ביידע ווערק אויך פונעם סענטימענטאַליזם כאָטש טאָקע אויף אַ סענטימענטאַלן אופן — איראָ־ניזירט.

מיר האָבן אויבן דערמאָנט, אַז „דאָס קליינע מענטשעלע" גייט נאָך נאָך באַשטימטע ליטעראַרישע טראַדיציעס אין דער עלטערער משכילישער העבּ־רייאישער ליטעראַטור. אויף אַ משכילישער טראַדיציע בויט זיך דאָס רעמל פון דער דערציילונג (די פאָרם פון אַ ווידוי), אָבער וואָס שייך סוזשעט, פאַבול און איר אויפבוי האָט מענדעלע געשעפּט אָנרעגונגען אויך פון גאָר אַנדערע קוואַלן. ס׳וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז „דאָס קליינע מענטשעלע" אַנטשפּרעכט און וויכטיקע פּרטים צום ליטעראַרישן זשאַנר פונעם אַזוי־גערופענעם שעלמען־ראָמאַן — „פּלוטאָווסקאָי ראָמאַן"—„לאַ נאָוועלאַ פּיקאַרעסקאַ", וואָס איז אור־שפּרינגלעך אויפגעקומען אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור פונעם 16טן יאָר־הונדערט און האָט דערנאָך ביז טיף אין 19טן יאָרהונדערט אַריין געשפּילט אַלס טראַדיציע אַזאַ וויכטיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פונעם רעאַליסטישן ראָמאַן אין די מערב־אייראָפּייאישע ליטעראַטורן און אויך אין דער רוסישער און יידישער ליטעראַטור.

אין „מסעות" האָט מענדעלע פאַר זיין סאַטירע באַוואוסטזיניק אויס־געניצט סוזשעט און פאַבול פון סערוואַנטעסעס „דאָן־קיכאָט". אין „דאָס קליינע מענטשעלע" איז מענדעלע געקומען צו אַ זשאַנר, וואָס שטאַמט אויך פון דער שפּאַנישער ליטעראַטור,* ווען זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל, וואָס פירט פון דער פעאָדאַלישער צו דער בורזשואַזער וועלט, צו אַ זשאַנר, וואָס איינער פון זיינע גרינדערס איז געווען טאָקע אויך סערוואַנטעס אַליין (אין זיינע נאָוועלן און אַפילו צום טייל אין דאָן־קיכאָט גופא). אגב, האָט דאָס אַ שייכות ניט בלויז

* דער זשאַנר איז אורשפּרינגלעך געקומען (דורך דער אַנטיקישער שפּעט־גריכישער און שפּעט־לאַטיינישער ליטעראַטור) פון די מזרח־ליטעראַטורן.

צו „דאָס קליינע מענטשעלע“, נאָר אין אַ געוויסער מאָס אויך צו „פישקע דער קרומער“, וואָס ווייזט אין סוזשעט און פאַבול אַ ריי שטריכן פון דעם דאָזיקן דערציייל־זשאַנר.

אַלס אויסגאַנג־פונקט פאַר דער טראַדיציע פון דער שעלמען־דערציילונג ווערט געוויינלעך באַטראַכט די באַרימטע נאָוועלע „לאַסאַריליאָ פונעם ברעג טאָרמעס“ (פאַרפאַסט פון אַן אַנאָנימען פאַרפאַסער, וואַרשיינלעך אין די 30ער יאָרן פון 16טן יאָרהונדערט, צום ערשטן מאָל אין דרוק דערשינען אין יאָר 1554).

דער דאָזיקער זשאַנר האָט זיך שפּעטער אינעם 17טן און 18טן יאָר־הונדערט זייער רייך אַנטוויקלט סיי אין שפּאַניע, סיי אין פראַנקרייך, איטאַליע, ענגלאַנד, דייטשלאַנד א. אַ. מערב־אייראָפּייאישע לענדער. אַזעלכע באַדייטנ־דיקע ווערק ווי „זשיל בלאַז“ פון לעסאַזש און „סימפּליציסימוס“ פון גרימעלס־האַוזען, זיינען לויט זייער ליטעראַרישן זשאַנר „שעלמען־ראָמאַנען“. פילדינג און סמאָלעט זיינען באַווירקט פון דער דאָזיקער טראַדיציע. פּושקין האָט זיך געקליבן שרייבן אַ ראָמאַן אין דעם זשאַנר. באַדייטנדיקע אָפּקלאַנגען פון דעם זשאַנר געפינען מיר אויך אַ סך שפּעטער, נאָך אינעם שאַפן פון דיקענס, באַ־זונדערס אין זיינע ביאָגראַפישע ראָמאַנען, למשל אין זיין „אָליווער טוויסט“ (1838), „לעבן און אַוואַנטיורעס פון ניקאָלאַס ניקלבי“ (1839; דער דאָזיקער בוך איז געווען געווענדט קעגן דעם דעמאָלטיקן ענגלישן דערציאונג־וועזן, פונקט ווי מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע“ ווענדט זיך קעגן דעם דעמאָלטיקן יידישן דערציאונג־וועזן), „דעוויד קאָפּערפילד“ (1850־1894). אויב מיר נעמען אין אַכט, אַז גראָד אין די 50ער און 60ער יאָרן איז דיקענס זייער פּאָפּולער געווען אין רוסלאַנד, וועט מען קאָנען אויפשטעלן אַ השערה, אַז די שטריכן פונעם שעלמען־ראָמאַן־זשאַנר זיינען אפשר אָנגעקומען צו מענ־דעלען דורך דער פאַרמיטלונג פון דיקענס ווערק (עס וואָלט בכלל כדאי געווען אויסצופאָרשן די ווירקונג פון דיקענס אויף מענדעלען). אָבער אַפילו, אויב סע זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז מענדעלע האָט ניט געהאַט קיין באַוואוסזיניקע באַ־ציאונג צו דער דאָזיקער ליטעראַרישער טראַדיציע,* — און דאָס איז ווייניק וואַרשיינלעך (אין דער רוסישער ליטעראַטור האָבן אַחוץ בולגאַרינען אויך אַזעלכע שרייבער ווי וועלטמאַן און נאַריעזשני און אַפילו גאָגאָל אין זיין „טויטע נפשות“ קולטיווירט די דאָזיקע טראַדיציע), — איז פונדעסטוועגן די פעסט־שטעלונג, אַז מענדעלע האָט פון דעם זשאַנר אַנטליען אַ סך שטריכן פאַר „דאָס קליינע מענטשעלע“, ניט ווייניקער אינטערעסאַנט.

* אגב: אַקסענפעלדס פאַרלוירן־געגאַנגענער ראָמאַן „דער יידישער זשיל־בלאַז“ איז לויט די ידיעות, וואָס מיר פאַרמאָגן וועגן זיין סוזשעט און פאַבול, געווען אַ טיפּישער שעלמען־ראָמאַן.

פאַר דעם דאָזיקן זשאַנר איז כאַראַקטעריסטיש: אויף אַ מין מעמואַריסטיש־אויטאָביאָגראַפישן אופן ווערט הומאָר־פול דערציילט וועגן דעם געשעניש־רייכן, פאַרוואַנדלונג־רייכן און שווערן גורל פון אַ האַלב־לומפּישן שטאָטישן יינגל ביז צו זיינע רייפע יאָרן, ווען ער דערגרייכט צו זיין ענדגילטיקן דערפאָלג אָדער דורכפאַל. כאָטש דער זשאַנר רופט זיך „שעלמען־ראָמאַן", באַטייט דאָס בשום אופן ניט, אַז דער הויפּט־העלד מוז אומבאַדינגט זיין אַ „שעלם" * און פלוט, אומבאַדינגט אַ נעגאַטיווע געשטאַלט.

צו דער טראַדיציע פון דעם זשאַנר געהער אַ באַשטימטע פרייע, גוטמוטיקע באַציאונג צו די דערציילטע „שפּיצלעך" און „פאָרטלען" און אַפילו צו ניט־געזעצלעכע טאַטן פונעם הויפּט־העלד. דערין לאָזט זיך הערן אַ המוניש־בונטאַרישער אָפּשפּאָט אויף דער פיליסטערישער „אָנשטענדיקייט". דאָס גילט אָבער ניט אומבאַדינגט פאַרן גאַנצן זשאַנר בכלל, און גאַנץ אָפט ווערט די גוטמוטיקע באַציאונג צו די ניט־לייטישע טאַטן פונעם הויפּט־העלד באַלייט מיט אַ מאָראַליזירנדיקער, באַלערנדיקער כוונה. דער הויפּט־העלד פונעם שעלמען־ראָמאַן איז גאַנץ אָפט — אַחוץ עטלעכע אין דער יוגנט אָפּגעטאָנענע שפּיצלעך—לחלוטין ניט קיין שעלם, אָפט אַפילו אַ פּאָזיטיווע פיגור.

מיט „נאָוועלאַ פּיקאַרעסקאַ" איז דער עיקר געמיינט: די מעשיות און אַוואַנטיורעס פון אַ המונישן אָרעמען יונג, אין קעגנזאַץ צום ריטערלעכן, הויפישן, אַריסטאָקראַטישן ראָמאַן, וואָס באַריכטעט וועגן די פּאַסירונגען און אַוואַנטיורעס פונעם וואַזשנעם ריטער; כאָטש פון דער אַנדערער זייט, טרעפט זיך אויך אָפט, אַז דער שעלמישער העלד איז טאַקע אויך אַ „שעלם" אינעם אייגנטלעכן באַדייט פון דעם וואָרט.

דער הויפּט־העלד איז דאָ געוויינלעך אָדער אַ דעקלאַסירט פויערים־יינגל אין דער שטאָט, אָדער אַ קינד פון פאַראָרעמטע האַנטווערקער, פון פאַראָרעמטע אַדעליקע, פון פאַרלומפּטע שטעלנלאָזע סאָלדאַטן אָדער פון אַנדערן שטאָטישן „לומפּנטום". קורץ, פון יענעם געזעלשאַפטלעכן שיכט, פון וועלכן סע וואַקסט און דערגאַנצט זיך דאָס שטאָט־בירגערטום אין דער דאָזיקער צייט.

די קלאַסישע סכעמע פונעם שעלמען־ראָמאַן בויט זיך געוויינלעך אויף דער סוזשעטישער דעטאַל, אַז דער הויפּט־העלד הייבט אָן זיין קאַריערע אַלס דינער אָדער אַלס געהילף (דעמאָלט דער איינציקער וועג פאַר פאַראָרעמטן און דעקלאַסירטן אַריינצוקומען אין דער „געזעלשאַפט") און בייט זיינע שטעלעס, מלאכות, זיין שטאַנד א. אַז. וו. זייער אָפט. דאָס גיט די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען די בילדער אויפן ברייטסטן אופן. געוויינלעך פירט דער מחבר דעם הויפּט־העלד (וואָס איז לויטן אויטאָביאָגראַפישן נוסח כלומרשט דער פאַר־

* פּיקאַראָ באַטייט אייגנטלעך אויף שפּאַניש: אַ גאַסן־יונג, אַ באָסיאַק, אַ פאַרשוין, וואָס דרייט זיך פּוסט־און־פּאָס אַרום אויף די ראָגן פון די גאָסן.

שרייבער פון דער דערציילונג גופא) אין די סאַמע געדיכטענישן פונעם לעבן, באַזונדערס פונעם שטאָטישן לעבן. דער שעלמען־ראָמאַן איז דורכגעדרונגען מיט סאַטירע, הומאָר אָדער טראַגי־קאָמיק. זיין גרונט־שטימונג איז — ניט געקוקט אויף צומאָליקן סענטימענטאַליזם אָדער מעלאָדראַמאַטיק — אָפּטי־מיסטיש. אין אַ טייל מוסטערן פון דעם זשאַנער גייט די אַנטוויקלונג־ליניע פונעם הויפּט־העלד באַרג־אַרויף, די דערציילונג ענדיקט זיך מיטן ענדגילטיקן דערפאָלג פונעם „שעלם". אין אַנדערע ווידער, פאַלט דער הויפּט־העלד, צוליב זיינע פעלערן און זיין ניט־לייטישקייט, באַרג־אַראָפּ. דאָס אַלעס ווערט באַליט, — ווען מער, ווען ווייניקער — מיט דידאַקטישע רעפלעקסיעס.

דער שעלמען־ראָמאַן איז אַנטשטאַנען און האָט אין זיינע בעסטע מוסטערן געדינט אַלס אויסדרוק פאַר די אַנטי־פעאָדאַלישע און אַנטי־קלעריקאַלישע טענדענצן פון די פאָלקס־מאַסן. דער שעלמען־ראָמאַן האָט, אין קעגנזאַץ צום אַריסטאָקראַטישן ראָמאַן, געגעבן די ברייטסטע מעגלעכקייט אין פאַרבנרייכע, רעאַליסטישע בילדער צו צעוויקלען אַרום די איבערלעבונגען און פאַסירונגען, וואָס האָבן זיך געטראָפן מיטן „שעלם", שאַרפע קריטיק פונעם געזעלשאַפט־לעכן שטייגער.

די שטריכן, וואָס מיר האָבן דאָ פון דעם דאָזיקן זשאַנער אָנגעוואָרפן, וועלן קלעקן אויף קלאָר צו מאַכן, אַז מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע" איז לויטן זשאַנער אַ „שעלמען־ראָמאַן" (אין אַ געוויסער מאָס אויך „פישקע"). די אַנאַ־לאָגיע אין דער געזעלשאַפטלעכער סיטואַציע, וואָס האָט געפירט צו אַנאַ־לאָגישע ליטעראַרישע פאָרמען, באַשטייט דאָ אין דער פעאָדאַלישער אָפּגעשטאַנענקייט פון פאַראָרעמטע און דעקלאַסירטע שטאָטישע מאַסן אין אַ פעריאָד, ווען סע שפּאַרט פון אַלע זייטן אַ נייע אָרדענונג, אַ ניי באַוואוסטזיין, אַ נייע וועלט־אַנשויאונג.

19. קאָמפּאָזיציאָנעלע סטרוקטור

די בורזשואַזע קריטיקער מענדעלעס (דובנאָוו, ראַווניצקי, און אַמאָל אויך פרישמאַן א. אַ.) האָבן דעם פאַקט פון קאָמפּאָזיציאָנעלער געבראָכנקייט אין אַ טייל ווערק זיינע פאַראַלגעמיינערט און אויפגעשטעלט די באַהויפּטונג, אַז דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאַנץ שאַפן.* די דאָזיקע טראַדיציאָנעלע

* זע „אַלע שריפטן פון ד. פרישמאַן", באַנד 3, וואַרשע 1914, „פון מיין ספרים־טישל", ז"ז 177—185, צוערשט געדרוקט אין „הויז־פריינד", 1888. רעדנדיק וועגן „פישקע", דערקלערט פרישמאַן, אַז „פרעגן קיין לאַנגע קשיות וועגן קאָמפּאָ־זיציעס" איז דאָ ניט שייך, דען „דערפאַר איז עס דאָך מענדעלע". „מענדעלע מוכר־ספרים איז ניט קיין מעשה־דערציילער. ער איז אָבער אַ מייסטער מיט אַ פאָר גוטע

מיינונג, וואָס ציט זיך זייט סוף 80ער יאָרן,* ווערט ביז היינט קריטיקלאָז איבערגעחזרט.

אַזוי קאַטעגאָריש פאָרמולירט איז אָבער די דאָזיקע באַהויפּטונג פּשוט ניט אמת. עס זיינען פאַראַן ווערק אין מענדעלעס שאַפן מיט אַן אויסגעצייכנ־טער, קאָנסעקווענטער קאָמפּאָזיציע. אויב מע קאָן מסכים זיין, אַז די פּראָפּאָרץ פון די עפּיזאָדן און די „האַרמאָניע פון זייערע צווישן־באַציאונגען״ איז אין „ווינטשפינגערל״ (גרויסער וואַריאַנט), למשל, אַ געשלאָגענע, אַז די קאָמ־פּאָזיציאָנעלע ליניע ווערט דאָ אַ סך מאָל געבראָכן, קאָן מען דערפון נאָך ניט דרינגען, ווי סע טוען דאָס אַמאָל פאַרשיידענע קריטיקער מענדעלעס אויך אין די לעצטע יאָרן, אַז דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאַנץ שאַפן.

ס׳איז בלויז אַ „יידישיסטישע״ לעגענדע, אַז דאָס „ווינטשפינגערל״ איז דאָס סאַמע מאָסגעבנדיקע ווערק מענדעלעס. און פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס גראָד דאָס דאָזיקע ווערק, אָדער גאָר לויט דער „העברייאיסטישער״ ווערסיע, „שלמה ר׳ חיימס״.** טאָקע דערפאַר, ווייל מענדעלע פּאָעטיזירט צומאָל אין די דאָזיקע ווערק יענע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, וואָס ער אַליין האָט פריער אַזוי שאַרף קריטיקירט. גראָד אין די דאָזיקע ווערק איז טאָקע די קאָמפּאָזיציע אַ געבראָכענע, ס׳הערשט אין זיי די עפּיזאָדישקייט, די פראַגמענטאַרישקייט. צי איז דאָס אָבער אַזוי אויך אין אַלע ווערק מענדעלעס?

ראַווניצקי שרייבט אין יאָר 1889: „...עס איז גאָר ניטאָ איין שרייבער אויף דער וועלט, וואָס זאָל ניט האָבן אין זיך קיין פעלערן. אַ גרויסער סיפּור ביי אים (ביי מענדעלען — מ. וו.) קומט, אַשטייגער, כמעט קיינמאָל ניט אויס, ווי אויסגעגאָסן אין איין פאָרם, נאָר אַלץ געאַרבעט פון צונויפגעשטעלטע שטיקלעך, פון צוגעקינצלטע אינטריגעס; עס ציט זיך אים נישט איבער דעם סיפּור איין דורכגעשנורעוועטער גלייכער און גלאַטער פאָדעם. עס זעען זיך אַרויס די געמאַכטע קניפּ, אָפּטמאָל גאָר נישט בריהש... אין דער „קליאַטשע״

אויגן און אַ פּאָר גוטע אויערן און ער זעט און הערט אַלצדינג. זיינע שטיקלעך זיינען קולטור־היסטאָריע און כאַראַקטעריסטיק... זיין בוך („פישקע״) האָט איבער דעם נישט דעם ווערט פון אַ דערציילונג, וואָס איז געשריבן לויט די ריכטיקע דינים פון אַ דערציילונג, און נאָר דעם ווערט פון קולטור־בילדער און כאַראַקטער־שילדערונ־גען; אָבער אויך דער אופן פון זיין שרייבן האָט אַ באַזונדערן ווערט...״

* קריטיקוס (דובנאָוו), „וואָסכאָד״, ב. 7, 1889, ז״ז 21-22, זאָגט וועגן „ווינטש פינגערל״: „מיר האָבן דאָ פאַר זיך ניט קיין סיפּור־המעשה, נאָר אויסשליסלעך אַ ריי באַשרייבונגען און בילדער פונעם יידישן שטייגער, פאַרביקע און אמתדיקע אין העכסטן גראַד.״

** אין זיין פאָררעדע צו דער העברייאישער איבערזעצונג פון מענדעלעס ווערק „כל כתבי מנדלי מוכר ספרים״, אָדעס, 1911, ב. 1, ז. 27, כאַראַקטעריזירט ד. פרישמאַן דאָס ווערק „שלמה ר׳ חיימס״ אַלס דעם „בעסטן בוך פון אַלע ביכער״ („ספר הספרים״) מענדעלעס.

אָבער, ווייל זי איז ניט גלאַט קיין סיפּור־המעשה, פעלן די דאָזיקע חסרונות...״ („יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק״, צווייטעס בוך, 1889, ז. 277). ראַוויניצקי וויל זאָגן, אַז דאָ באַקומט דער חסרון „אַ תיקון״, דאָ איז עס אויפן אָרט און פּאַסיק. די פעסטשטעלונג וועגן קאָמפּאָזיציאָנעלער געשטוקעוועטקייט איז אָבער ריכטיק דווקא בנוגע אַזאַ ווערק, ווי „די קליאַטשע״, און האָט אַ שייכות אויך צו „שלמה ר׳ חיימס״ און טיילווייז צו „ווינטשפינגערל״. גראָד פאַר די ווערק זיינען „די דאָזיקע חסרונות״ מער אָדער ווייניקער כאַראַקטעריסטיש.

צי איז דאָס אָבער אמת, אַז אַזאַ ווערק, ווי „דאָס קליינע מענטשעלע״, כאָטש אין אַלגעמיין שטייט עס קינסטלעריש אַ סך נידעריקער, ווי די נאָר־וואָס דערמאָנטע ווערק, איז „געאַרבעט פון צונויפגעשטעלטע שטיקלעך, פון צוגעקינצלטע אינטריגעס״, אַז „עס ציט זיך אים ניט איבער דעם סיפּור איין דורכגעשנורעוועטער גלייכער פאָדעם״? אָפּגערעדט פון אַזאַ ווערק ווי „די טאַקסע״.

„מסעות״, מענדעלעס צענטראַל ווערק, פאַרמאָגט אַ קלאָרע, שטרענגע און דראַמאַטיש־אָנוואַקסנדיקע קאָמפּאָזיציע. דאָס דאָזיקע מייסטערישע ווערק מענדעלעס — אפשר דאָס גרעסטע אין דער יידישער ליטעראַטור — האָט אַ שטרענגע, אויסגעהאַלטענע סטרוקטור.

אין „פישקע דער קרומער״ לאָזן זיך דייטלעך הערן טענער פון „אַפּאָלאָ־געטישן״ סענטימענטאַליזם. ס׳איז אַ ווערק וועגן דער אָרעמשאַפט, אָבער די קעמפערישע צילבאַוואוסטקייט פעלט דאָ. ס׳ווערן דאָ געשילדערט מיט אמת־דיק גרויסער מייסטערשאַפט וויכטיקע מאָמענטן פון די סאָציאַלע צושטאַנדן, אָבער ניט זייער צוזאַמענהאַנג, ניט זייער פאַרבינדונג מיט די סאָציאַלע באַ־וועגערס. בלייבן די געשילדערטע מאָמענטן אין אַ באַשטימטן זינען געברעקלט. דאָס קומט אויך צום אויסדרוק אין דער קאָמפּאָזיציאָנעלער סטרוקטור פונעם ווערק.

„פישקע דער קרומער״ איז טאַקע ניט „ווי אויסגעגאָסן אין איין פאָרם״. ס׳איז פאַראַן אין דעם בוך „צונויפגעשטעלטע שטיקלעך״ און „צוגעקינצלטע אינטריגעס״. די סיבה דערפון ליגט ניט אַזוי ווייט אין אַן אָרגאַניש־קינסט־לערישן „חסרון״ מענדעלעס — אין דער „טאַקסע״, אין „מסעות״ זעען מיר גאָר עפּעס אַנדערש — נאָר גראָד דערין, וואָס ער האָט זיך דאָ אין באַשטימטע פּרטים ניט גענוג הויך אַרויסגעהויבן איבער דער מיט „אינטריגעס צו־געקינצלטער״ וועלט־אָנשויאונג פון די ראַוויניצקיס.

און פונדעסטוועגן קאָן מען אַפילו וועגן „פישקע דער קרומער״ ניט זאָגן, אַז ס׳איז ניטאָ אין דעם דאָזיקן ווערק קיין דורכגעפירטע קאָמפּאָזיציע. זי איז פאַרוויקלט, געדריידלט, געבראָכן, אָבער אויסגערעכנט און דורכגעפירט ביז צום סוף. דער פאָדעם פון דער דערציילונג איז ניט קיין „גלייכער און גלאַטער״,

אָבער ער איז „דורכגעשנורעוועט״, ד. ה. די עפּיזאָדישע טיילן אָרדענען זיך איין, פלעכטן זיך איין אין דער גאַנצער קאָמפּאָזיציאָנעלער סטרוקטור. אויב אויסטיילן אין דעם ווערק די געשיכטע פון פישקען און דעם האָרבאַטן מיידל, וועט מען זען, אַז די דאָזיקע געשיכטע איז קאָנסעקווענט קאָמפּאָנירט. די ראַמען־דערציילונג, וואָס אַרום דעם פישקע־ראָמאַן, האָט אויך אַ גראָדן קאָמפּאָזיציאָנעלן פאָדעם. דאָס „בילד״ (דער פישקע־ראָמאַן) איז דווקא זייער „בריהש״ אַריינגעפּוגעוועט אינעם רעמל (ראַמען־דערציילונג).

בלייבן אַזעלכע ווערק ווי „די קליאַטשע״, „דאָס ווינטשפינגערל״ (גרויסער וואַריאַנט) און אַ טייל פון די קלענערע דערציילונגען. פאַר די דאָזיקע ווערק מענדעלעס איז טאַקע כאַראַקטעריסטיש אַ מער אָדער ווייניקער אויסגעשפּראָכענע געבראָכנקייט אין דער קאָמפּאָזיציאָנעלער און פאַבוליאַרישער ליניע. דער זין און באַדייט פון דער דאָזיקער קאָמפּאָזיציאָנעלער געבראָכנקייט ווערט באַזונדערס קלאָר אין דער „קליאַטשע״.

20. מענדעלעס מייסטערשאַפט

מיר קערן זיך אום צום אויסגאַנג־פּונקט פון אונדזערע דאָזיקע באַטראַכטונגען. די בירגערלעכע קריטיק שעצט מענדעלען הויפּטזאַכלעך אַלס שפּראַך־סטיליסט און „עטנאָגראַף״. מענדעלעס באַדייטונג ליגט אָבער ניט אין דער „עטנאָגראַפיע״ און אויך ניט אין דער „וואונדערלעכער באַרעדעוודיקייט״, וואָס וואָלטן פאַר זיך גענומען — אויסער דעם צוזאַמענהאַנג מיט זיין געזעלשאַפטלעכער טענדענץ — ניט געהאַט דעם דורותדיקן און גרויסן ווערט, וואָס זיי האָבן. די עלעמענטן פון „עטנאָגראַפיע״ אין מענדעלעס שאַפן באַקומען דעם אמתן הויכן ווערט דאָרט, וואו זיי זיינען געווענדט קעגן דעם „עטנאָגראַפישן״ לעבן. וואָס מער זיין „באַרעדעוודיקייט״ ווערט אַ זעלבסטצוועק, אַלץ מער פאַרלירט זי אין ווערט.

ס׳באַקומט זיך גראָד קאַפּויער, ווי די בירגערלעכע קריטיקער מיינען. אַזוי לאַנג מענדעלע פורעמט די „באַרעדעוודיקייט״ און „פיקחות״ צוליב זיינע סאָציאַלע טענדענצן, איז דאָס עכטער, גרויסער קינסטלערישער סטיל. דאָרט אָבער, וואו מענדעלע הייבט אָן אויסצוצאַצקען פון באַלעבאַטישער יידישלעכער באַרעדעוודיקייט אַ „נאַציאָנאַלן נוסח״ און מאַכט דערפון ערנסט געמיינטע „אָרנאַמענטן״, ווערט דאָס אַן אימיטירטע סטיליזאַציע, אַ ניימאָדישער וואַריאַנט פון דער אַמאָליקער העברייאישער מליצה, וואָס קאָוונער האָט איבער איר אַמאָל ביי מענדעלען און ביי אַנדערע משכילים אַזוי טרעפלעך איראָניזירט. מענדעלע איז גרויס, וואו ער נעמט דאָס בעסטע פון די פאָלקס־מאַסן, זיין באַדייט פאַרמינערט זיך אין יענע פאַלן, ווען ער נידערט אַראָפּ צו דער אָפּגעשטאַנענקייט און לאָזט זיך פון איר באַווירקן.

מענדעלעס אמתער באַדייט באַשטייט אין דער רעאַליסטישער „ניכטער־קייט“, מיט וועלכער ער האָט דערזען און מיט גרויסער קונסט געשילדערט די לאַגע פון די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַ וויכטיקן היסטאָרישן איבערגאַנג־פּעריאָד. ער באַשטייט אין דעם, וואָס אין זיין שאַפן איז געקומען צום אויסדרוק די סאָציאַלע אויפרודערונג פון די מאַסן אין זיין צייט. זיין באַדייט ליגט אין דער סאָציאַלער געוועגדטקייט פון זיין שאַפן, אויף וויפיל דאָס האָט אַנטשפּראָכן דערווירקלעכקייט, ד. ה. צו דער היסטאָריש־נויט־ווענדיקער, פּראָגרעסיווער טענדענץ פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

מענדעלע האָט רעפּראָדוצירט אין זיינע בילדער אַ גרויס שטיק דעמאָלטיק לעבן, אויפגענומען דורך אַ דעמאָקראַטישן טעמפּעראַמענט. אין דער גאַנצער יידישער פּראָזע איז מענדעלע געווען דער גרעסטער געזעלשאַפט־קריטיקער, זיינע ווערק — אַמיינסטן אידייאיש אַנגעזאַפּט. זיין ווערט באַשטייט אין דער ריכטיקער אמתדיק־דיכטערישער אָפּשפּיגלונג פון דער דעמאָלטיקער געזעל־שאַפטלעכער סיטואַציע מיט אירע ווידערשפּרוכן און אין זיין שטרעבן צו ענדערן די דאָזיקע סיטואַציע אין אַ פּאָראויסגייענדיקער ריכטונג.

דאָס איז עס, וואָס סע מאַכט מענדעלען פאַר אַ מייסטער. און דערמיט איז אויך פאַרבונדן דער גרויסער ווערט, וואָס מענדעלעס שאַפן האָט פאַר אונדז אויף צו דערקענען אַ באַשטימטן כאַראַקטעריסטישן אָפּשניט פון דער פאַרגאַנגענהייט, און ממילא אויך אויף צו באַרייכערן אונדזער וואָפן פאַרן קאַמף קעגן די עקשנותדיקע געשפּענסטער פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס שטאַרצן אַריין אין אַ מער אָדער ווייניקער איבערגעניצעוועטער געשטאַלט ביז אין אונדזער היינטיקן טאָג.

מאָסקווע, 1933.

אָנמערקונג צום סוזשעט פון מענדעלעס „מסעות״

(צו זייט 150)

פֿאַראַן אין „מסעות״ פֿאַרשיידענע מינים פֿאַראַדיסטישע עלעמענטן. וועגן דעם שפּראַכלעכן פֿאַראָדירן האָבן מיר אויבן (ז. 184 און ווייטער) אויספֿירלעך גערעדט. וועגן דעם פֿאַראָדיסטישן אינעם דערציייל־טאָן איז צו זאָגן, אַז דער־מיט איז מענדעלע באַזונדערס אויסן צו געבן אַן אָנצוהערעניש אויפֿן נוסח פֿון „מסעות בנימין מטודלה״. ווי באַוואוסט, האָט אַן אַנאָנימער שרייבער צונויפֿגעשטעלט דעם דאָזיקן בוך לויט נאָטיצן, וואָס בנימין פֿון טודעלאַ האָט זיך געמאַכט אין פֿאַרלויף פֿון זיינע נסיעות, אַזוי אַז וועגן בנימין פֿון טודעלאַ ווערט אין דער רייזע־באַשרייבונג גערעדט אין דריטער פּערזאָן. נאָכמאַכנדיק דעם דאָזיקן נוסח, שרייבט אויך מענדעלע אין „מסעות״: „אמר בנימין — זאָגט בנימין״ א. אַז. וו., א. אַז. וו.

דער וויכטיקסטער פֿאַראָדיסטישער עלעמענט אין מענדעלעס „מסעות״ איז אָבער דער, וואָס באַציט זיך אויפֿן שטאָף, אויפֿן סוזשעט, אויפֿן פֿאַבו־ליאַרישן אינהאַלט פֿון אַ באַשטימטן זשאַנר אַלטער און עלטערער יידישער ליטעראַטור. אַ ריכטיקע פֿאַרשטעלונג וועגן דעם פֿאַראָדיסטישן כאַראַקטער פֿון מענדעלעס „מסעות״ קאָן מען האָבן נאָר, ווען מע ווייסט כאָטש עפּעס וואָס פֿון די פֿאַנטאַסטישע מעשיות, וועלכע מענדעלע האָט אַזוי דיין פֿאַראָדירט אין „מסעות״ — געבנדיק גלייכצייטיק דורך דער דאָזיקער פֿאַראָדיע אַ געניאַל געמאָלט בילד פֿונעם לעבן אין דער קעגנוואַרט. ווער סע ווייסט גאָרניט פֿון די דאָזיקע אַלטע פֿאַנטאַסטישע מעשיות און פֿון זייער נוסח — פֿאַר דעם גייען פֿאַרלוירן און בלייבן ניט פֿאַרשטענדלעך זייער אַ סך טשיקאַווע מאָמענטן, אָנצוהערענישן און פֿיינקייטן אין „מסעות״. דעריבער איז כדאי וועגן דעם אַ ביסל אויספֿירלעכער צו רעדן, און צו ברענגען אַ גרעסערן כאַראַקטעריסטישן מוסטער גראָד פֿון יענעם מין ביכער, אויף וועלכע מענדעלע צילט דירעקט מיט זיין פֿאַראָדיזירטער פֿאַבול אין „מסעות״.

דער זשאַנר פֿון מיטלאַלטערלעכע אָריגינעלע און איבערגעזעצטע רייזע־באַריכטן, כראָניקן, קאָסמאָגראַפֿיעס (וועלט־באַשרייבונגען) א. אַז. וו. — און דאָס זיינען דאָך די ביכער, וואָס האָבן ביי אונדזער בנימין דעם דריטן גע־שפּילט די זעלבע ראָל, ווי ביי דאָן־קיכאָטן די ריטער־ראָמאַנען — איז אויף העברייאיש און יידיש גענוג רייך. אָבער די פֿאַראָדיע אין מענדעלעס „מסעות״ באַציט זיך ווייניקער פֿאַר אַלץ אויף אַזעלכע רייזע־באַשרייבונגען, ווי בנימינס פֿון טודעלאַ אָדער ווי פּתחיהס פֿון רעגנסבורג. כאָטש דער טיטל פֿון מענ־דעלעס בוך און אויך זיין דערציייל־טאָן האָט אַ פֿאַראָדיסטישע שייכות טאַקע

צו בנימין פון טודעלאָס „מסעות", איז דאָס אָבער דער עיקר בלויז אויסערלעך. פאַנטאַסטיק איז אין די דערמאָנטע ווערק פאַראַן, שפּילט אָבער דאָרט ניט קיין וועזנטלעכע ראָל. דאָס זיינען בכלל געגומען „רעאַליסטישע" באַריכטן וועגןווירקלעכע רייזעס, זיי פאַרצייכענען אַ רייכן מאַטעריאַל און האָבן אַ באַדייטנדיקן ווערט אַלס קוואַלן פאַר דער געשיכטע פון דער דעמאָלטיקער פּאָליטישער געאָגראַפיע, פון די דעמאָלטיקע האַנדלס-וועגן, עקאָנאָמיק און קולטור, — באַזונדערס פאַר דער יידישער געשיכטע. די פּאַראָדיע אינעם סוזשעט פון „מסעות" איז אויסן אָן אַנדער מין ביכער, יענעם מין אויסגעטראַכטע, פיקטיווע רייזע-באַריכטן, וואָס זיינען אין אמתן געווען רעליגיעז-פאַנטאַסטישע רייזע-ראָמאַנען מיט אַ באַזונדערס דייטלעכער משיחישער טענדענץ.

אין דעם דאָזיקן מין ביכער זיינען אויף אַ מער פּאָפּולערן אופן צונויפגעזאַמלט געוואָרן פאַרשיידנבערליי „ידיעות וועגן דער וועלט" — געשעפּטע סיי פון רעאַליסטישע און ניט-רעאַליסטישע (אלדד הדגי, ראובני) רייזע-באַריכטן און קאָסמאָגראַפיעס, סיי פון דער טעאָלאָגישער „געלערנטער" ליטעראַטור (רמב"ן, שלשלת היוחסין, אורחות חיים א. אַז. וו.) און סיי פון דער היסטאָריאָגראַפישער ליטעראַטור („צמח דוד" פון דוד גאַנז א. אַ.).

גרשון בן אליעזר פון פּראָג דערציילט, וואָס ער איז געוואויר געוואָרן וועגן דעם סמבטיון און וועגן די יידישע מלוכות בשעת זיינע וואונדערלעכע וועלט-נסיעות אין די יאָרן 1630—1631

„...איצט וויל איך דערציילן איטלעכע מינדסטע זאַך, וואָס זיי האָבן גערעדט מכוח די צען שבטים, אַז ערגעץ זאָל זיין אַן אָרט, וואו די שבטים וואוינען דאָרט, און אַז זיי האָבן מעכטיקע מלכים איבער זיך, און אַז סע פעלט זיי גאָרנישט מער אַחוץ וואָס זיי האָבן נישט קיין בית-המקדש און די נבואה, און וואו זיי וואוינען — וואוינען זיי אין פולער רו און זיכערקייט. און אַ סך פעלקער זיינען פאַראַן, וואָס מוזן צאָל שטייער די יידן, און ווער סע בונטעוועט קעגן די יידן — האַלטן די יידן מיט זיי מלחמה און מאַכן זיי ווידער אונטערטעניק. און דער זעלביקער אָרט, וואו זיי וואוינען — אַ טייל זאָגן, אַז ער איז ניט ווייט פונעם סמבטיון, און אַ טייל זאָגן, אַז ער איז אויף יענער זייט סמבטיון, אַ טייל זאָגן, אַז ער איז הינטער די בערג גוזאַן, און אַ טייל זאָגן, אַז ער איז הינטער די הרי-חושך...

און אַל-די רייד זיינען מיר עפּעס ניט געווען צו גלויבן, ווייל מיר האָבן גרויס גלות, בעוונותינו הרבים, אָבער איך שווער ביי השם-יתברך, אַז איך וויל ניט זאָגן קיין שקר אויף קיין אות. —

אין יענעם יאָר ש"ץ לפ"ק (1630) בין איך געווען אין אַלעקסאַנדריע פון

מצרים. האָבן דאָרט די לייט אַלץ גערעדט פון די צען שבטים. איינער האָט גערעדט דאָס, דער אַנדערער — אַנדערש, ווי געוויינלעך סע פירט זיך. און איך וואָלט טאַקע דעם שורש פון דער זאַך ניט געוואָר געוואָרן. גראָד דעמאָלט בין איך אָבער געפאָרן אין די הייליקע קהילות פון מצרים, האָבן מיר די לייט געזאָגט, אַז עס זיינען געקומען בריוו פון דער הייליקער געמיינדע סאַלנעק — מיט אַ קאַראַוואַן סוחרים, טאַקע פון דאָרטן. איז אין דעם בריוו געשטאַנען, אַז עס זיינען געקומען פון יענער זייט סמבטיון אַ סך טויזנטער יידן און זיי מאַכן חרוב דאָס גאַנצע לאַנד פון פרישטא יאַן * און אויך דאָס לאַנד פון די ווייסע מאַווערן, וואָס הייסן „פרענקישע מאַווערן" — דאָס זיינען אַ מין טערקן, וואָס זייער לשון איז שפּאַניש. האָבן די יידן מיט זיי מלחמה געהאַלטן, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט צאָלן צינש. ווי איך האָב דאָס געהערט, האָב איך געדאַנקט און געלויבט צו השם־יתברך, וואָס איך האָב זוכה געווען צו הערן גוטע נייס וועגן יידן, אַז ער איז אַן אונדז מקיים דעם פסוק: „לא יסור שבט מיהודה" א. אַז. וו.

און אין יאָר שצ"א לפ"ק (1631) האָט זיך מיר געטראָפן אַ שיף, וואָס איז געפאָרן פון אַלעקסאַנדריע קיין סאַלנעק, בין איך אויך געפאָרן קיין סאַלנעק. און מע האָט מיר געזאָגט, אַז אַ קאַראַוואַן איז געקומען און קויפט איין פיל אייזן. האָב איך געפרעגט, פונוואַנען די שיף איז געקומען. האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז פונעם לאַנד חובש און אַז זי פירט אייזן איבערן סמבטיון.

בין איך געגאַנגען צום קאַראַוואַן־פּאַשאַ, דעם אויבערשטן פון די סוחרים, און האָב אים אַלץ אויסגעפרעגט, ווי ווייט עס איז אַהינצו און ווי טייער עס איז דאָרטן, און וואָס פאַר אַ הוצאות מע דאַרף דערצו מאַכן. האָט ער מיר געזאָגט: ווי ווייט ס'איז — ווייס איין גאָט אַליין, וואָרים מיר פאָרן אַמאָל אַכט חדשים, אַמאָל זעקס, אַמאָל פינף, ס'ווענדט זיך לויט דער צייט. און נאָך האָט ער מיר געזאָגט אַלע וועגן פון איין שטאָט צו דער אַנדערער. האָב איך מיר געטראַכט — די לשונות קען איך, און איך ווייס די וועגן, אַז איך זאָל ניט דאַרפן מחלל־שבת זיין. און איך האָב געפרעגט מענטשן אַן עצה, אויב איך זאָל פירן אייזן מיטן קאַראַוואַן. און די גאַנצע וועלט האָט מיר געראָטן, איך זאָל מיט זיי ציען.

בין איך ווידער געגאַנגען צום קאַראַוואַן־פּאַשאַ און בין מיט אים היימיש געוואָרן. האָט ער מיר תיכף געשוואוירן, אַז אויב איך וועל מיט אים גיין, וועט מיר קיין שלעכטס ניט געשען. און איך בין אים זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט מיט מיר גערעדט אַלע טאָג, אַז איך זאָל מיט אים פאָרן. ובכן בין איך מיט אים געגאַנגען צום טערקישן ריכטער און איך האָב געלאָזט

* אַט פונוואַנען סע קומט צו בנימין דעם דריטן די ידיעה וועגן דעם קריסט־לעך־לעגענדאַרישן לאַנד פונעם פּרעסביטער יאָהאַן. — זע אויבן, ז. 152.

אַריינשרייבן אין אַ בוך, אַז איך פאָר מיט דעם קאַראַוואַן־פּאַשאַ, און אַז ער איז מחויב מיך אָפּשטעלן אין סאַלנעק, אָדער אַהער ברענגען בריוו פון מיר פונעם אָרט, וואו ער וועט מיך אָפּלאָזן. דאָס אַלץ האָב איך געטאָן דערפאַר, כדי איך זאָל זען, וואָס ס'איז די מער מיטן סמבטיון. און אַ סך יידן זיינען אינאיינעם מיט מיר און דעם אויבערשטן סוחר געגאַנגען צום ריכטער, און זיינען אויך געווען דערביי.

איך וויל ניט מאריך זיין, סע וואָלט געווען אַ סך וועגן וואָס צו שרייבן, וועגן דעם וועג, וועגן לענדער, שטעט, ימים און מדבריות אינעם לאַנד פעליציאַ אַראַביאַ (די גליקלעכע אַראַביע) — ביז איך בין געקומען קיין מעקאַ און גודאַ, ניט וויט פונעם רויטן ים. דאָרט ליגט באַגראָבן דער פאַלשער נביא פון די מוכאַמעדאַנער. פון דאָרטן בין איך געגאַנגען אינעם לאַנד סיקיטני איסטרע און דורכן מדבר חביר. און דאָרטן האָב איך געזען אַ מין חיות, וואָס האָבן פינף פיס און דריי אויגן און זיינען זעקס איילן הויך. און אַ סך יידן זיינען דאָרט. עס איז אַ לאַנד, וואָס הייסט באַשאַ מאַראַ, און די בני־רכב וואוינען אינעם לאַנד „גליקלעכע אַראַביאַ״, אין אַלע שטעט און דערפער, און דער אינדישער ים איז ניט וויט פונדאַנען, און אינעם ים זיינען פאַראַן גרויסע בערג אָן אַ צאָל. אויף די אינדזלען זיינען די שטעט באַוואוינט פון יידן, און זיי פאַרמאָגן געווירצן, זילבער און גאָלד אָן אַ שיעור.

איך בין ניט געפאָרן אויפן ים, נאָר איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער טריקעניש דורך מדבריות אין אינדיע ביז צו די בערג, וואָס הייסן די „חיפּזון־בערג״ — ביז איך בין געקומען קיין כייבאַר, און פון דאָרטן בין איך גע־גאַנגען צו דער שטאָט דעבאַדזעבאַןביים טייך גאַנגעס, וואָס דאָס איז דער טייך גויזאָן.

פון דאָרטן בין איך געגאַנגען ביז צו דער שטאָט גינאַ — זי ליגט אויך אויפן ברעג גאַנגעס. דאָס זיינען לויטער חשובע שטעט, פול מיט כלערליי סחורות און מיני עסנוואַרג. און דאָרטן הייבט זיך אָן דאָס לאַנד פון קאַלקוט. און דאָרטן עסן זיי ניט קיין פלייש פון בהמות אָדער פון פויגלען, נאָר כלערליי פירות און קעז, און מילך, און פוטער, און פאַרשיידענערליי אַרבעס און אויך אויבסט מיט צוקער. זייערע געבייען זיינען אָן אַ דאַך, פונקט אַזוי ווי אין מצרים, און זיי גייען אָנגעטאָן אין לויטער זיידענע קליידער, און זיי גלויבן אינעם פאַלשן נביא אַלי. פון דאָרטן שטאַמען די גוטע פערלען און געווירצן.

און איבער די מדבריות פון קאַלקוט גייט דער טייך סמבטיון, וואָס גרענעצט אָפּ גרויס־אינדיע. און דאָרט זיינען פאַראַן אַ סך יידישע לענדער, און זייער צאָל איז — גאָט זאָל זיי אָפּהיטן — ווי דער זאַמד ביים ברעג ים, און זיי וואוינען וויט פונאַנדער אָפּגעשיידט. דהיינו: פון די יידן, וואָס וואוינען אין די געגנטן פון מעקאַ און גודאַ, ביז צו די יידן, וואָס וואוינען אין די מדבריות

פון קאַלקוט, דאָס איז ביים סמבטיון — איז אַ מעכטיק ווייטער וועג, און צווישן זיי וואוינט אַ שטאַרק פאָלק פון ישמאלים, און זיי האַלטן מלחמה איינער מיטן אַנדערן.

אַוודאי: די אינדזלען און שטעט, וואָס זיינען אינעם אינדישן ים, האָבן גאָר קיין צאָל ניט. און איך בין ניט געפאָרן דורך קאַלקוט, ווייל דער וועג איז אַ געפערלעכער, נאָר אויפן ים, און דאָס איז נעענטער. און די שיפן — זייערע טיילן זיינען צונויפגעבונדן מיט שטריק און ניט מיט קיין אייזן. און מיר זיינען געפאָרן, ביז מיר זיינען געקומען אינעם לאַנד פון די ווייסע מאַווערן, די פרענקישע מאַווערן, ביז צו דער שטאָט סעווילי‍אַ — דאָס איז די גרענעץ פון די ווייסע מאַווערן. און פון דאָרט איז שוין בלויז צוויי טעג נסיעה צום סמבטיון.

און אונטערוועגס האָב איך געזען גרויסע פייערן, און אין אַ טייל ערטער אַ גרויסן רויך אינעם ים. האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז דאָס איז דאָס פייער פונעם גיהנום, פונקט אַזוי ווי אין איטאַליע, וואו ס'איז פאַראַן אַ באַרג, וואָס הייסט מאָנטע דע סיציליאַ. דאָרטן גייט אַרויס פונעם געבאַרג הינטער דער שטאָט אַ גרויס פייער, זייער הויך, מע זעט עס פופצן מיילן ווייט, און פערציק מייל פון דאָרטן, אויף אַן אינדזל איז פאַראַן אַ וואַלד מיט איילבירטן, גייט פון דאָרטן אַרויס אַ גרויסער רויך. זאָגן זיי אויך, אַז דאָס איז פונעם גיהנום. און אויפן ים געפינט מען שטיקער שוועבל.

און איידער איך בין געקומען צו דער שטאָט, האָב איך געהערט אַ גרויסן רעש, ווי סע וואָלט געדונערט, און נעענטער צו דער שטאָט האָב איך דאָס נאָך מער געהערט; האָב איך געפרעגט, וואָס איז דאָ די מער? האָט מען מיר געענטפערט: דאָס איז דאָס גערויש פונעם סמבטיון.

און אַז מיר זיינען געקומען אין דער שטאָט, האָט מען מיר געזאָגט, אַז עס איז אַ גרויסע מורא צו וואַנדערן ביז צום סמבטיון, איבער די וואַכטערס, וואָס היטן אויף דער דאָזיקער זייט סמבטיון. די וואַכטערס געהערן צום קיניג פון פרישטאַ־יאָאַן־לאַנד, ער איז אַ מוכאַמעדאַנער און זיי פאַרכטן זיך פאַר די יידן, דעריבער שטעלן זיי אויף דער דאָזיקער זייט וואַכטערס. דעריבער האָבן מיר ניט געקאָנט ווייטער פאָרן. מיר האָבן דאָרטן אין דער שטאָט אָפּ־געלייגט די סחורה און האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן דריי וואָכן.

דערווייל האָב איך זיך אויף אַלץ נאָכגעפרעגט און אויך, צו וואָס טויגן די וואַכטערס — סיי־ווי קאָן דאָך קיין מענטש ניט אַריבער איבערן טייך סמבטיון. האָט מען מיר געענטפערט: אַ גאַנצע וואָך טוען זיי נאָר ראַבעווען און האַלטן זיך ניט אינאיינעם, אָבער פרייטיק, צוויי שעה פאַר שבת, האָבן זיי מורא און זיי קומען זיך אַלע צונויף און האַלטן וואַך, אַז דאָס פאָלק פון די יידן זאָלן ניט אַריבערקומען. און ווען זיי קומען יאָ אַריבער, שלאָגט מען זיך ניט מיט זיי, נאָר מע איז גיך מודיע אין אַלע שטעט און לענדער — און

ס'איז אויף זיי אַ גרויסע פּאַרכט, און זיי פאַרשליסן אַלע שטעט, און שבת היט מען ניט דעם ברעג פונעם סמבטיון, וואָרים מע ווייסט וואויל, אַז שבת וועט קיין ייד ניט אַריבערקומען.

און ווי עס איז געווען צוויי שעה פאַר שבת, האָט דער רעש טאָקע אויפגעהערט. [איך האָב געפרעגט], האָט מען מיר געענטפערט: אַ גאַנצע וואָך וואַרפט דער טייך מיט שטיינער אַ הויז די הייך, און שבת רוט ער. און זיי האָבן מיר געזאָגט און געוויזן, ווי יידן זיינען געקומען אין דער שטאָט און האָבן זי חרוב געמאַכט און האָבן אַלע אירע אוצרות אַוועקגענומען, און אַ טייל מויערן פון דער שטאָט צעשטערט, און אַ טייל הייזער. זיי האָבן מיר געוויזן די חורבות. און די מויערן האָבן די שטאָט-לייט גיך ווידער אויפגעבויט און האָבן אַוועקגעשטעלט גרויסע שאַנצן. האָב איך געפרעגט: וואָס איז די מער מיט די דאָזיקע יידן, און אין וואָס באַשטייט זייער גבורה, אין וואָסער לאַנד האָבן זיי... האָט מען מיר געזאָגט יעדע מינדסטע זאַך, אַז איך האָב אַזש געמוזט וויינען פון פרייד. אָבער איך האָב דאָס ניט געטאָרט אַרויסזאָגן, וואָרים זיי זיינען געווען אין אַ גרויסער קלעם פון מורא פאַר די יידן.

לסוף האָב איך געפרעגט, ווי טייער גילט דאָרט אייזן?

האָט מען מיר געזאָגט, אַז פאַר אַ צענטנער אייזן גיט מען דאָרט אַ צענטנער גאָלד. וואָרים זיי האָבן בערג מיט גאָלד, לויטער גין-גאָלד, — און זיי האָבן ניט קיין מינץ, נאָר שטיקער גאָלד וועגן זיי אָפּ גרויס און קליין מיט געוויכטן.

האָב איך געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ לאַנד?

האָט מען מיר געענטפערט, אַז דאָס איז אַ ברייט און גרויס לאַנד מיט כּלערליי גוטע עסנוואַרג פון פלייש און פון פיש און פייגל אָן אַ שיעור, און פון כּלערליי שיינע קליידער, וואָלענע און זיידענע, און פון אַלערליי שיינע פאַרבן, פון זילבער און גאָלד. און די זעלביקע יידן טוען זיך ניט אָן אין שוואַרצן. און אין דעם לאַנד וואַקסט פעפער און אימבער און צימרינג און כּלערליי בשמים. און זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז פונעם לאַנד פרישטאַ יאָאַן זיינען נאָך צוויי קיניגרייכן ביז צום טייך סמבטיון, און דאָרט פאַרמשפּט מען יעדערן, וואָס ברענגט אום אַ בהמה.

און דער טייך איז זיבן מיילן ברייט און אַ גאַנצע וואָך וואַרפט ער שטיינער אַ הויז די הייך, און מע הערט דעם רעש צוויי טאָג די ווייט, און פרייטיק צוויי שעה פאַר שבת רוט ער און טריקנט גאָר אינגאַנצן איין, און סע בלייבט דאָרט ניט אַפילו קיין שטיינדל, נאָר בלויז אַ שיינער זאַמד, ווייס ווי שניי. און אַז ס'ענדיקט זיך שבת, הייבט ער ווידער אָן ווי פריער. און דאָס האָב איך אַליין געהערט, ווי ער הייבט אָן צו רוישן נאָך שבת.

און די גויים, וואָס וואוינען דאָרט נאָענט צום סמבטיון, טרינקען נישט פון

דעם טייך און גיבן די בהמות אויך ניט דערפון צו טרינקען, וואָרים זיי זאָגן, אַז דער טייך איז הייליק. ער איז גאָטס שליח און טוט שטענדיק זיין געבאָט און רוט שבת, דעריבער טאָר קיין מענטש פון אים ניט טרינקען. אָבער ווער ס'איז קרעציק — באָדט ער זיך אינעם וואַסער און ווערט געהיילט. דעריבער האַלטן אים די פעלקער הייליק.

איך האָב אויך געפרעגט וועגן די יידן. האָט מען מיר געענטפערט: אויף יענער זייט סמבטיון לעבן לויטער יידן, און זיי האָבן איבער זיך פיר און צוואַנציק קיניגן, און זיי זיינען אויך יידן. און איטלעכער מלך האָט זיין באַזונדער לאַנד מיט מעכטיקע שטעט און דערפער, און דער אייבערשטער מלך, וואָס איבער זיי, איז אַ גוואַלדיקער גרויסער גיבור. און ווען ער קלייבט זיך אויס רייטן, באַגלייטן אים הונדערט פופציק טויזנט סאָלדאַטן אין אייזן אָנגעטאָן און מיט פאַנצערס. און איטלעכער האַלט אַ שפּיז אין דער האַנט און דאָס האַלץ דערפון איז רויט געפאַרבט. און די סאָלדאַטן זיינען אויך גוואַלדיק גרויסע שטאַרקע לייט, און די פערד זיינען אויך זייער שטאַרק. ווער ס'דערנעענטערט זיך צו זיי — בייסן זיי אים און שלאָגן פון הינטן און פון פאָרנט.

די דאָזיקע פערד גיט מען צו עסן שעפסן־פלייש, וואָס מע שניידט עס אויף גאָר קליינע שטיקלעך און מע קאָכט עס... אויך גיט מען די פערד וויין צו טרינקען — און גיך פאַרוואַנדלט זיך דאָס אַלץ אין גבורה און זיי שפּרינגען און שלאָגן און שטורעמען. ווער סע זעט זיי אָדער הערט זיי — קלינגט אים אין די אויערן פון פאַרכט. און סע טאָר קיינער צו זיי ניט צוגיין, סיידן דער, וואָס דאָס פערד איז צו אים צוגעוואוינט.

גייען די זעלביקע לייט, זעצן זיך אויף די פערד, זיי בינדן זיי אָבער פריער די פיס און די אויגן מיט אייזערנע קייטן צו פלאָקנס, וואָס שטעקן טיף אין דער ערד.

דערנאָך ברענגט מען דעם מלך זיין פערד און אַ גאָלדענעם לייטער מיט זיבן שטאַפּלען. גייט דער מלך פון ישראל אַרויף און זעצט זיך אויף זיין פערד. און דער זעלביקער מלך הייסט אליעזר — און ער איז געוועזן קיניג אינעם יאָר שצ"א לפ"ק (1631). און סע פירט זיך, אַז ווען ער רייט אין אַ מלחמה, רייטן מיט אים אינאיינעם הונדערט אַכציק טויזנט מאַן אַחוץ פוסגייער אָן אַ צאָל...

און ביים סמבטיון היטן די יידן די גרענעץ אום שבת, אַז די שונאים זאָלן ניט אַריבערקומען, סיידן סוחרים פון די מוכאַמעדאַנער, אָבער ווען סע קומט אַ קריסט, ברענגען זיי אים אום. די פערד זיינען אַזוי שטאַרק, אַז זיי קאָנען שטיין דריי טאָג מיט די שווער־אָנגעלאָדענע לייט אויף זיך, און סע שאַדט זיי ניט. און די יידן האָבן אויף זייערע פערד רענצלעך, אָנגעפילטע מיט זאַנגען, מיט פעפער און מיט אַנדערע בשמים. און דאָס דאָזיקע עסן זיי און בלייבן דערביי זיצן אויף זייערע פערד. און די פיס פון די רייטער זיינען צוגע־

פעסטיקט מיט אַ שלאָס־קייט צום פערד, זיי זאָלן ניט אַראָפּפאַלן בשעת סע לויפט געשווינד.

און דער מלך אליעזר איז אַ שטאַרקער העלד צו שטרייטן, און ער איז זעקס איילן לאַנג — און איטלעכע אייל פון דאָרטן איז זעקס שפּאַן די גרייס — און ער אַליין קאָן פּאַנאַנדערטרייבן אַכט הונדערט מאַן. און דאָס הענטל פון זיין שווערד איז צען מאָל אַזוי לאַנג ווי דער דיקער פינגער, און די ברייט פון דער שווערד איז דריי מאָל אַזוי לאַנג ווי דער דיקער פינגער, און די דיק פון דער שווערד איז ווי אַ פינגער, און די לענג איז דריי איילן. און ווען ער ציט אַרויס די שווערד פון דער שייד — שטעקט ער זי ניט צוריק אַריין גלאַט אַזוי. ער לייגט אַנידער אַלץ, וואָס ער באַגעגנט.

און דאָס פאָלק — יעדער טראָגט זיין שפּיז אין דער האַנט... זיי הייבן אַרויס דעם פיינט פונעם זאָטל און וואַרפן אים הינטער זיך. און ווען די יידן גייען אַריבער איבערן סמבטיון, ברענגען זיי אים מילע־מיליאָסן ווייסע מאַווערן און אויך פונעם פאָלק פרישטאַ־יאַאָן. קיינער קאָן אַקעגן זיי ניט באַשטיין.

און די יידן האָבן פייל־און־בויגן און זיינען מעכטיק שטאַרק. די פייל־און־בויגן זיינען באַגילדט, און די סטרונע, וואָס מע ציט זי אָן, זיינען פון אָקסישע אָדערן, און די פיילן — פון לייכטן האָלץ. און פאַרנט ביים העלצל איז אָן אייזערנע פייל מיט דריי שאַרפן, פיר פינגער די ברייט און אָנגעשמירט מיט סם־המוות, וואָס אַז מע רירט עס בלויז אָן, מוז מען שטאַרבן.

און ווען איינער פון די דאָזיקע בחורים רופט אַרויס אויף קאַמף אַ שטאַרקן מאַן פון די פרישטאַ־יאָאַן־לייט — גיט אים יענער אַזויפיל גאָלד, וויפיל ער וועגט אַליין, כדי דער יידישער בחור זאָל אים לאָזן צורו.

ווען די יידן קומען אַריבער אויף דער זייט סמבטיון, גזלענען זיי און ראַבע־ווען פון זייערע פיינט אַלצדינג, וואָס זיי דערטאַפּן, און זיי מאַכן חרוב דאָס לאַנד און די לייט ביז מע צאָלט זיי צינש. און זיי האַלטן מלחמה מיט זייערע פיינט עטלעכע חדשים ביז זיי נעמען אַלצדינג איין, און דערנאָך גייען זיי צוריק איבערן סמבטיון בשלום. און אויפן וועג היט דער מלך ר׳ אליעזר די אַנדערע דריי און צוואַנציק מלכים, וואָס האַלטן אויך מלחמה מיט זייערע שטאַרקע חיילות.

און ס׳איז פאַראַן איינער אַ מלך אונטער זיין הערשונג, וואָס הייסט דער חסיד דניאל, און ער איז גרויס, ווי אַ ריז. און דער זעלביקער קאָן הרגענען טויזנט מאַן אין איינוועגס. און ער איז זייער באַשיידן און ער וואוינט אין דער שטאָט דם־אפרוח אין אַרמאַניאַ. און זיינע פּאַלאַצן זיינען געבויט פון לויטער איידלשטיינער און פּערלען. און קיין פרעמדער מענטש טאָר ניט אַריינגיין אין די דאָזיקע פּאַלאַצן.

און עס פירט זיך, אַז ווען דער דאָזיקער קיניג גייט אין שול אַריין, גייט אויך די קיניגין מיט אים ביי דער זייט.

און דער קיניג דער פרומער דניאל האָט פיר זין, זיינען זיי גוואַלדיק שטאַרקע בחורים, און פיר טעכטער — איז צו זייער שיינקייט גאָר קיין גלייכן ניטאָ. און די ווייבער זיינען גרויסע צנועות. זיי קוקן ניט אָן קיין פרעמדן מאַנספאַרשוין. און זיי קאָן אויך קיינער ניט אָנקוקן, ווייל זיי טראָגן הייבלעך פון לויטער זייד און זיי ציען זיי איבערן פנים און פאַרבינדן דאָס אונטן ביים האַלדז. און איבערן פנים איז דאָס דורכזיכטיק, קאָנען זיי דורך דעם זען.

און די מאַנען און ווייבער קענען אַלערליי מלאכות, פון וועלכע מע קאָן זיך דערנערן. און זיי האָבן אַלערליי פערלען, איידלשטיינער, גאָלד און זילבער, וואָס האָט גאָר קיין שיעור ניט. עס גייט זיי פון גאָרנישט ניט אָפּ, נאָר בלויז אייזן, וואָס זיי דאַרפן האָבן פאַר וואָפן, אָבער דאָס ברענגט מען פון דער טערקיי.

נאָך האָט מען מיר געזאָגט, אַז דער פרומער קיניג דניאל האָט אין זיין שלאָס איין איידלשטיין, ער הייסט גאַרפונקל און ער גיט ליכט דעם גאַנצן הויז אַזוי ווי די זון. און ווען סע קומט שבת, נעמט מען אַרויס דעם גאַרפונקל כדי מקיים צו זיין דעם פסוק: לא תבערו אש בכל מושבותיכם — און אויך טאָקע לכבוד שבת.

אינדערוואָכן וויקלט מען דעם שטיין איין אין אַ זיידן טיכל און פאַרשליסט דאָס ביז שבת.

אינעם יאָר ש״ך לפ״ק (1360) האָבן די זין געוואָלט גיין מיט זייער פאָטער, דעם קיניג, אויף דער מלחמה. איז דער מלך אין כעס געוואָרן, ווייל זיי זיינען נאָך געווען קליין. זיי האָבן געזען, ווי זייערע חברים זיינען אַנגעטאָן אין אייזן און פאַנצער, האָבן זיי זיך אויך אָנגעטאָן, אַזוי, אַז דער מלך זאָל דערפון ניט וויסן. און זיי האָבן גאָר געשווינד געריטן אויף זייערע פערד איבערן סמבטיון און זיי האָבן באַגעגנט טויזנט מאָן פון זייערע פיינט און זיי האָבן זיי דערהרגעט און זיינען צוריק אַהיים בשלום. דאָ האָט דער מלך געהאַט אַ גרויסע שמחה, וואָס זיי האָבן יונגערהייט אַזאַ גבורה.

מע האָט מיר אויך דערציילט, אַז אין דעם לאַנד, וואו די דאָזיקע יידן וואוינען, וואַקסט שיינער, גרויסער, דיקער ווייץ, און די ערד איז גאָר שוואַרץ, ווי קויל, און זייער פעט... און אין דעם יאָר האָט דער מלך פון אינדיע געשיקט אַ מתנה דעם מלך ר׳ אליעזר און האָט מיטגעשיקט דריי גרויסע פירסטן פון זיין לאַנד. זיינען זיי געריטן איבערן סמבטיון, זיינען געקומען צום מלך און האָבן אים איבערגעבעטן מיט גוטע רייד און מיט מתנות, אַזוי ווי סע פירט זיך, און האָבן שלום געמאַכט צווישן די יידן און, להבדיל, דעם מלכות פון אינדיע. און זיינען בשלום צוריקגעפאָרן אַהיים אין זייער שטאָט סעווילאָ — צוויי טאָג נסיעה פונעם סמבטיון.

בשעת איך בין געווען אין דער אויבן־דערמאָנטער שטאָט, איז גראָד גע־קומען אַ שליחות פונעם מלך פון פרישטאַ־יאָאַנס לאַנד און האָט געוואָלט שלום מאַכן און האָט מיטגעבראַכט אַ גרויסע מתנה, און איך האָב זי געזען. און דאָס איז געווען אַ מאַנספּאַרשוין אָן אַ קאָפּ, נאָר זיין מויל און די אויגן זיינען געווען אויף דער ברוסט, און ער האָט ניט געגעסן גאָרניט, נאָר פיש, און זיין לשון איז געווען אַ מין גריכיש.

אַחוץ דעם האָט דער שליח געבראַכט פאַר אַ מתנה פערציק געלעכערטע, גרויסע, לויטערע פערל, אַ טייל פון זיי קיילעכיק, אַ טייל לאַנג און גרויס ווי אַן אבר. און דער קאַסטן, וואו די פערלען זיינען געלעגן, איז געווען גרויס און הויך און ברייט ווי אַ שפאַן, פון גוטן קרישטאָל. ער האָט אויך געבראַכט אַ גרויסן, חשובן איידלשטיין, וואָס הייסט סאַפּיר, און געלעגן איז דער שטיין אין אַ שקעטל פון קאָרעלן אויסגעשניטן — עס איז געווען דריי פינגער ברייט און דריי פינגער הויך.

דאָרטן האָט מען דעם שליח געזאָגט, אַז ער זאָל דעם מענטש אָן אַ קאָפּ ניט פירן איבערן סמבטיון, ווייל מע וועט אים נאָך אומברענגען, וואָרים אויב ער רעדט דעם לשון פון די גריכן, מוז ער דאָך זיין פון די געצנדינער (קריסטן). ס'איז אָבער פאַראַן אַ גאַנץ לאַנד מיט אַזעלכע לייט (אָן קעפּ) ביים ים אָקעאַנאָס, און זיי זיינען אונטערטעניק צום מלך פון פרישטאַ־יאָאַן.

און מע האָט מיר געזאָגט, אַז אינעם יאָר שפּ"ח (1628) זיינען אַכט יידן אַריבערגעקומען איבערן סמבטיון פון די אַנדערע לענדער. האָט דער מלך פון די יידן זיי געפרעגט: ווי האָט איר עס געקאָנט אַריבערגיין דורך אַזעלכע מדבריות און אַזעלכע פעלקער — ניט אַנדערש איר האָט מסתמא מחלל שבת געווען (און זייט אַריבערגעגאַנגען דעם סמבטיון אום שבת).

האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי האָבן דאָס געטאָן געצוואונגענערהייט: מיר זיינען געווען געפאַנגען ביי די פעלקער, זיינען מיר אַנטלאָפן צו אייך, זיך צו ראַטעווען, וואָרים מיר האָבן געהערט, אַז איר זיינט יידן, און מסתמא וועט איר אין אונדז מקיים זיין דעם פסוק לא תסגיר עבד אל אדוניו (זאָלסט ניט איבער־געבן דעם אַנטלאָפענעם קנעכט צו זיין האַר).

דאָ האָט זיי דער מלך געפרעגט, צי זיי קאָנען עפּעס לערנען.

האָבן זיי געזאָגט, אַז יאָ.

האָט מען געבראַכט אַ ספר, און זיי האָבן געלערנט פאַרן מלך. האָט דער מלך זיי געגלויבט, אַז זיי זיינען יידן, ער האָט זיי געגעבן גרויסע מתנות און זיי האָבן זיך דאָרט גענומען ווייבער.

און מע האָט מיר אויך געזאָגט, אַז אין דער שטאָט דם־אפרוח אין אַרמאַניאַ איז פאַראַן אַ בית־מדרש, געבויט פון איידלשטיינער און פערלען — וואָס אַלע

קריסטלעכע און מוכאַמעדאַנישע קיניגרייכן וואָלטן ניט פאַרמאָגט דאָס צו באַצאָלן...“

דער דאָזיקער אויסצוג איז פונעם „ספר גלילות ארץ ישראל“, געדרוקט אין פירט, 1691. דאָס ביכל איז געשריבן אינעם יידיש פון יענער צייט. מיר האָבן דעם טעקסט פּינקטלעך איבערגעזעצט אויף אונדזער היינטיק יידיש. וועגן דעם ביכל שרייבט מנשה בן ישראל („מקוה ישראל“, קאַפּ. 10), אַז פריער (1635) איז דאָס דערשינען אין לובלין — אָבער מחמת דער העצע פון „די גלחים“ (יעזואיטן ?) האָט מען „דאָס קליינע ביכל אינעם יידיש־טייטשן לשון“ פאַרברענט אין וואַרשע. זעט אויס, אַז צוליב די משיחישע האָפענונגען, וואָס די מעשיות אינעם ביכל האָבן ביי די יידן אַרויסגערופן, אפשר אויך צוליב די עטלעכע ערטער, וואָס ווייזן צו אָפן אַ פאַרביסענע פיינטשאַפט צו קריסטן און קריסטנטום. עס איז שפּעטער אַ סך מאָל — אויך אין העברייאישער איבערזעצונג („אגרת הקדש“) — איבערגעדרוקט געוואָרן און איז געווען פאַרשפּרייט און פּאָפּולער.

די לעגענדע וועגן דעם סמבטיון (דער נאָמען שטאַמט פון „סאַבאַטיאָן“ — דער שבת־טייך) שטיצט זיך אויף אַן אַלטער, שפּעט־אַנטיקישער לעגענדאַרישער ידיעה וועגן עפּעס אַ טייך אין פּאַלעסטינע צי אין סיריע, וואָס טריקנט זיך אויס אין דער וואָכן און הייבט אָן אויפסניי צו שטראָמען יעדן שבת (יוסף פלאַוויוס, „די מלחמות פון די יידן“, בוך 7, קאַפּיטל 24), אָדער פאַרקערט, וואָס שטראָמט אַ גאַנצע וואָך און שבת טריקנט ער אויס (פּליניוס אין זיין „נאַטור־געשיכטע“, בוך 31, קאַפּיטל 2). דער דאָזיקער טייל סמבטיון ווערט דאַן אינעם תלמוד (סנהדרין, פרק י״ז) און אין מדרש (בראשית רבא, האזינו א. אַז. וו.) געבראַכט אין פאַרבינדונג מיט די „פאַרלוירן־געגאַנגענע“ צען יידישע שבטים. אין משך פונעם מיטלאַלטער איז דאַן די דאָזיקע לעגענדע ברייט אויסגעשפּונען געוואָרן, באַזונדערס פון די רייזנדע־אַוואַנטיוריסטן, ווי אלדד הדגי און דוד ראובני, זי ווערט ערנסט באַהאַנדלט פון די טעאָלאָגישע אויטאָריטעטן (רמב״ן, פּרשת האזינו א. אַ.) און אַפילו פון די היסטאָריאָגראַפן („שלשלת הקבלה“, „אורחות חיים“ פון אברהם פאַריסאָל, „צמח דוד“ פון דוד גאַנז און באַזונדערס פון מנשה בן ישראל אין זיין משיחישן בוך „מקוה ישראל“ א. אַ.). די פאַרשיידענע אויטאָרן לאָקאַליזירן געאָגראַפיש דעם סמבטיון אין פאַרשיידענע ערטער און אַפילו אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן: אין מזרח־אינדיע, אין אַביסיניע און אַפילו — אין אַמעריקע (אין מעקסיקע — מנשה בן ישראל).

דער אויטאָר פונעם יידישן ביכל, פונוואַנען מיר ברענגען דעם אויסצוג, — מעגלעך, אַז זיין נאָמען איז אַן אויסגעטראַכטער פּסעוודאָנים, און אַז געשריבן האָט עס אַ פּוילישער ייד — איז מיט זיינע מעשיות ניט אָריגינעל. כמעט אַלץ, וואָס ער דערציילט וועגן זיין כלומרשטער אייגענער נסיעה, וועגן

די סמבטיונער יידן און וועגן פאַרשיידענע אַנדערע קוריאָז־פאַנטאַסטישע „נאַטור־היסטאָרישע״, „געאָגראַפישע״ און „עטנאָגראַפישע״ פאַקטן, איז גענוג גראָבלעך צונויפקאָמפּילירט פון עלטערע קוואַלן. ער פאַרקריפּלט ערטערווייז די טעקסטן פון זיינע קוואַלן — אַפּנים, פון עם־הארצות. ער האָט די משונה־דיקסטע ידיעות וועגן געאָגראַפיע (סאַלנעק—סאַלאָניקי געפינט זיך ביי אים ערגעץ ניט ווייט פון קאַלקוטאַ, סעווילאַ — אויך דאָרט; די מאַוריטאַנער זיינען ביי אים אַ „מין טערקן״, ריידן שפּאַניש און לעבן אויך דאָרט ערגעץ אין מזרח־אינדיע), וועגן „נאַטור־געשיכטע״ (ער האָט געזען פייגלען, וואָס שיסן מיט פייער, מענטשן, וואָס ווערן געבוירן אָן קעפּ, מיט די אויגן אויפן בויך א. אַז. וו.). און אויב דער דאָזיקער גרשון בן אליעזר האָט באַקומען אַ הסכמה אויף זיין ביכל פונעם באַוואוסטן רב יואל סירקיס פון קראָקע — איז דאָס בלויז אַן אָנצוהערעניש אויף דעם, וואָסערע פאָרשטעלונגען און קענטע־נישן עס האָבן געהאַט וועגן וועלט און נאַטור אַפילו געוויסע באַרימטע טעאָלאָגישע אויטאָריטעטן. שווער צו זאָגן, צי איז דער דאָזיקער גרשון געווען אַ נאַאיווער פאַנטאַזיאָר, צי אַ באַוואוסטזיניקער שווינדלער, וואָס שפּעקולירט אויף די משיחישע האָפענונגען ביי די געפּלאָגטע מאַסן פונעם פאָלק און נאַרט אויס פאַר דער סענסאַציאָנעלער טרייסט וועגן עקזיסטירנדיקע יידישע מלוכות דעם גראָשנדיקן מקח פאַר זיין ביכל. ער שווערט אויסדריקלעך ביי גאָט, אַז אַלץ, וואָס ער זאָגט אין דעם בוך וועגן זיין נסיעה, איז אמת. דערביי אָבער קלינגען צומאָל די געאָגראַפישע נעמען, וואָס ער ברענגט („חיפּזון־בערג״, די שטאָט „דם־אפרוח״, ד. ה. פויגל־בלוט), ווי ער וואָלט זיך איזדיעקעוועט איבערן לייענער. —

פונדעסטוועגן איז די דאָזיקע מעשה קולטור־היסטאָריש גענוג טשיקאַווע. דאָס זיינען דאָך די פאָרשטעלונגען וועגן וועלט, פעלקער און זייער לעבן, מיט וועלכע די ברייטסטע מאַסן האָבן געלעבט טאַקע ביז אין דער העלפט אַריין פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. און אין איין פּרט איז דער פאַרפאַסער פון דער מעשה יאָ זעלבשטענדיק. ווען ער קומט דערציילן דעם שטייגער פון די „יידישע קיניגן״, הערט ער שוין אינגאַנצן אויף זיך צו זשענירן, פאַלט אַריין אין אַזאַרט און דערציילט פאַר פייער און פאַר וואַסער, וואָס סע קומט אים אויפן זינען. ס'דערגייט אַזוי ווייט, אַז ערטערווייז רופט דאָס אַרויס דעם איינדרוק פון אַ פּאַראָדיע, ווי ער וואָלט עס אַליין חוזק געמאַכט פון דעם, וואָס ער דערציילט. סע זעט דאַן אויס עפּעס אַזוי, ווי אַ שטיק פון מענדעלעס „מסעות״, אַן אייגנאַרטיקע מישונג פון נאַאיוו־פאַנטאַסטישער מינכענהאַוזענ־יאַדע, פון פרומלעכקייט און פון פרעכער שפּעקולאַציע אויפן באַדערפעניש נאָך סענסאַציאָנעלער משיחישער טרייסט.

באַמערקונג צו ז. 155. די דעטאַל מיטן פלעשל סמבטיון־זאַמד איז אויסן צו פאַראַדירן אַזעלכע ידיעות, ווי די, וואָס מנשה בן ישראל ברענגט אין זיין בוך „מקוה ישראל“ (אמסטערדאַם, 1698, קאַפּ. 10, בל. 38־39) וועגן איינעם, וואָס „האָט געהאַט אַ גלאָז מיט זאַמד פונעם סמבטיון; אַלע זעקס טעג פון דער וואָך האָט דער זאַמד אינעם גלאָז געשטורעמט און אום שבת האָט ער גערוט.“ „איך אַליין (זאָגט מנשה בן ישראל וועגן זיך — מ. וו.) באַשטעטיק דעם פאַקט, לויט ווי איך האָב דאָס געהערט פון מיין פאָטער ז״ל, און דאָס איז אַוודאי אמת, וואָרים, ווי וועט עס אַ פאָטער דערציילן ליגנס זיינע קינדער“ א. אַז. וו. און דאָס האָט געשריבן מנשה בן ישראל — אַ געלערנטער, געניט געבילדעטער און וועלטמענישער מענטש, וואָס רעמבראַנדט האָט גראַווירט זיין פאָרטרעט און אילוסטרירט איינעם פון זיינע ביכער. וואָס קאָן מען זיך שוין חידשון אויף די מאַסן, וואָס זיינען אַזוי דורשטיק געווען נאָך טרייסטנדיקע קוריאָזע אָדער סענסאַציאָנעלע משיחישע ידיעות — און אַז עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן דערויף שפּעקולירט, ווי אונדזער גרשון בן אליעזר? דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז אַן ערך אין יענער צייט האָבן אויך די ביבל־גלויביקע רעפּובליקאַנישע פּוריטאַנער אין ענגלאַנד געזוכט די „צען שבטים“, אַלע האָבן געפונען סמנים, אַז די „צען שבטים“ זיינען טאַקע — די ענגלענדער.

די סאָציאַלע וואָרצלען פון שלום־עליכמס הומאָר

(אַריינפיר צו „מאָטל פייסי דעם חזנס״)

1

„עס איז מערקווירדיק, אַז אין זיינע ווערק האָט שלום־עליכם ווי בכוונה אויסגעמיידט צו באַרירן אויף אַ דירעקטן אופן דעם קרייז פון דער קיעווער יידישער פּלוטאָקראַטיע. ער איז זיכער געווען דער אייבציקער, וואָס האָט געקאָנט געבן קינסטלעריש איר ריכטיקע פיזיאָגנאָמיע — און האָט עס ניט געטאָן. אפשר איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל ער האָט געפילט, אַז דאָ וועט ער מוזן אָנווענדן אינגאַנצן דעם „מידת־הדין״, און זיין וועג איז געווען דער „מידת־הרחמים״. און אפשר האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון זיין אינערלעכער טאַקט (הייסט עס שוין ניט מער דער „מידת־הרחמים״ — מ. וו.) — אָנצורירן פּערזאָנען, וואָס שטייען אויסער דעם יידישן לעבן און קוקן אויפן „זשאַרגאָן״ פון אויבן אַראָפּ, וועלכע וואָלטן אין דעם געזען ניט מער ווי אַ „המונישן״ אַרויסטריט קעגן זייער „אַריסטאָקראַטישער״ הויכקייט. אין זיין שטאָלצער האַלטונג צו די קיעווער גבירים איז אַזאַ זאַך אים ניט געווען צום פּנים. און דעריבער (צוליב דעם דאָזיקן „אינערלעכן טאַקט״ זיינעם — מ. וו.) האָט ער גערנער באַשריבן זייערע קיכן און זייערע „מענטשן״ איידער זייערע פּאַלאַצן אַליין.״

אָט־אָ די זאַצן האָבן מיר אויסגעשריבן פון י. ד. בערקאָוויטשעס אַן אַרטיקל: „מיט פריינט און יידן פון אַ גאַנץ יאָר״, אינעם „שלום־עליכם־בוך״ (ניו־יאָרק 1926, ז. 288).

וואָס שייך דעם דאָזיקן גאַנצן קדיש־בוך גופא מיט זיין אומענדלעך באַנאַלן, באַלעבעסלדיק־משפּחהדיקן כאַראַקטער, דאַרף מען זאָגן, אַז ס'איז ווייניקער פאַר אַלץ מסוגל „צו זיין אַ באַזע פאַר דער באַלייכטונג פון זיין (שלום־עליכמס — מ. וו.) לעבן און שאַפן״ (ז. י״ג). דער צונויפשטעל און אָפּקלייב פון די מאַטעריאַלן, די אויסערגעוויינלעך זיסלעכע און שייך־שרייבערישע, מיט משפּחה־קולט דורכגעדרונגענע אַרטיקלען זיינען גיכער פאַר אַלץ אַ פּרוּאוו אַראָפּצודריקן דעם גרויסן שרייבער צום ניוואָ פון די בערקאָוויטשעס, ביגערס, פּינסקיס, שאַצקיס און חבריה, צום ניוואָ פונעם געלט־„מעצענאַט״, וואָס שלום־עליכם האָט סוף־כל־סוף נאָך זיין טויט זוכה געווען צו באַקומען, און וואָס זיין „ברייטע פינאַנציעלע מיטווירקונג״ האָט מעגלעך געמאַכט „אַרויסצוברענגען דאָס שלום־עליכם־בוך אַזוי שיין און רייך, ווי עס ווערט אַצינד געגעבן פאַרן יידישן לעזער״.

דאָס בוך געהער צום ערגסטן מין משפּחה־געשיכטע און משפּחה־רעקלאַמע.

אייגנטלעך, באַהאַנדלט עס און שטרייכט דער עיקר אונטער די טעמע: שלום־עליכמס משפּחה (פּליוס בערקאָוויטש) — און שלום־עליכם. אַפילו שלום־עליכמס באַציאונג צו די שרייבער־קרייזן ווערט אויך „פאַרמשפּחהוועט" („מיט דער משפּחה פון שריפטשטעלער"). גאָר אַ היפּשער טייל פון די מאַטעריאַלן האָט קיין שום זאַכלעכן אינטערעס ניט פאַר דער עפנטלעכקייט. גאַנץ אָפטלעך באַקומט זיך פון זיי כמעט אַ פּאַמפלעט אויפן גרויסן שרייבער און ציט אים אַראָפּ — אַרויפהייבנדיק די „משפּחה". די דאָזיקע מאַטעריאַלן זיינען פּשוט אַ באַלעסטיקונג פאַרן לייענער און אַ באַלאַסטונג פאַר שלום־עליכמען.

שוין לאַנג האָט מערינג פעסטגעשטעלט דעם שאָדן, וואָס אַזעלכע משפּחה־דיקע אַרויסגעבונגען ברענגען אַמאָל דעם אָנדענק פון אַ שרייבער, און ווי שטאַרק זיי זיינען אַמאָל מסוגל אַריינצוברענגען אַ קאָנפוז אין דער באַלייכטונג פון זיין לעבן און שאַפן, אויב זיי זיינען מער כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַרויסגעבער ווי פאַר אים. ניט געקוקט אויף אַ באַשטימטן טייל וויכטיקע מאַטעריאַלן, איז דאָס גאַנצע בוך, אין אַלגעמיין גענומען, אַ זייער אומגליקלעכע דאָקומענטן־זאַמלונג, און עס לאָזט זיך גאָרניט אויסנווייניק אויסרעכענען, אויפן חשבון פון וואָסערע אמתדיק וויכטיקע מאַטעריאַלן פון שלום־עליכמס אַרכיוו די דאָזיקע זאַמלונג איז אָפּגעקליבן און צונויפגעשטעלט געוואָרן. אָבער אַפילו „אויסנווייניק" קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז בנוגע דעם גרעסטן טייל מאַטעריאַלן און אַרטיקלען וואָלט ווייניקער — געגעבן מער.

2

בערקאָוויטש איז טאַקע געשטאַנען נאָענט צום שרייבער. ווען ניט זיין באַלעבעסלדיקע רעאַקציאָנערע באַגרענעצטקייט וואָלט ער בלי־ספק געקאָנט דערציילן וועגן שלום־עליכמען און זיין שאַפן גענוג וויכטיקע זאַכן. ביי דער געגעבענער סיטואַציע קאָנען מיר טאַקע ניט אויסמיידן צו הערן די ווערטער פון דעם דאָזיקן עדות. מיר מוזן אָבער זייער פאָרזיכטיק צו זיי צוגיין און אַרויסשיילן פונעם סענטימענטאַל־דזשענטעלמענישן געפלוידער דאָס קערנדל ריכטיק באַמערקטן אמת, אַזוי ווייט ס'איז ניט פאַרפלייצט געוואָרן אינעם שלל פון די משפּחהדיק־פאַרגעטערנדיקע פראַזעס.

וואָס איז ריכטיק אין דער אויבנגעבראַכטער ציטאַטע בערקאָוויטשעס? ריכטיק איז, אַז שלום־עליכם האָט די קיעווער יידישע „פּלוטאָקראַטיע" מן־הסתם גאַנץ גוט געקענט, און אַז ער האָט זי פונדעסטוועגן ניט אַריינגעצויגן אינעם תחום פון זיינע שילדערונגען — אָדער גאָר אַלס טעמעס פון געזעל־

שאַפט־קריטישע שילדערונגען. ווייטער איז ריכטיק, אַז שלום־עליכמס „וועג“ איז, בכלל גענומען, געווען, לויט זיין סאָציאַלער איינשטעלונג און פסיכאָלאָגיע, די מידת־הרחמים. ס׳פרעגט זיך נאָר בלויז: בנוגע צו וועמען, און פאַרוואָס זיין קליינבירגערלעכע באַזע האָט אים דיקטירט „רחמים“ ניט בלויז צו יענע ענגערע שיכטן אין זיין קלאַס, וועלכע ער האָט אויפן אייגנטלעכסטן אופן אויסגעדריקט, נאָר אויך צו דער אָרעמשאַפט, צו די דעקלאַסירטע, צו די דעגראַדירטע באַלמעלאָכעס, געזעלן און אַפילו צו אַרבעטער. וועגן דעם וועלן מיר שפּעטער אַ ביסל אויספירלעך רעדן.

אָבער — אַז שלום־עליכם איז געווען „דער איינציקער, וואָס האָט געקאָנט געבן קינסטלעריש איר (דער „פּלוטאָקראַטיעס“ — מ. וו.) ריכטיקע פיזיאָ־נאָמיע“, אָט־אָ דאָס איז שוין מער ווי פּראָבלעמאַטיש. גראָד שלום־עליכם „דער איינציקער“ — און איר „ריכטיקע“ פיזיאָנאָמיע? פון וועמעס שטאַנד־פּונקט „ריכטיקע“? פון בערקאָוויטשעס? אָדער אפשר פון שלום־עליכמס. וואָס באַווייזט דאָ גראָד דורך זיין שווייגן גאָר עפּעס אַנדערש? צי איז טאָקע אמת, אַז שלום־עליכם האָט דאָ געפילט אַזאַ שנאה, אַז ער האָט אַזש געדאַרפט מורא האָבן, זיין כעס אויף דער פּלוטאָקראַטיע זאָל זיך ניט צעשפּילן און זאָל אים חלילה ניט אַרויספירן פון „מידת־הרחמים“ צו „מידת־הדין“, אַ זאַך, וואָס ער האָט געשוואָרן ביי הימל און ערד קיינמאָל און בשום אופן ניט צו טאָן? דאָס איז דאָך אַ פּשוטער אומזין. וואָרים פאַרוואָס עפּעס האָט זיין וועג שטענדיק געדאַרפט זיין דווקא „רחמים“ און ניט אויך אַמאָל „דין“? אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל נאָכדעם, ווי ער האָט זיך מיט דייטלעכער באַוואוסטקייט „קלאַסאָווע זעלבסטבאַשטימט“ — און דאָס איז געשען אַרום דער העלפט פון די ניינציקער יאָרן, אין דער צייט צווישן 1890—1895 — האָט ער לויט דעם מהות פון דער דאָזיקער „זעלבסטבאַשטימונג“ * ניט געוואָלט אָנגרייפן די

* שלום-עליכם האָט אויסגעדריקט די אידעאָלאָגיע צוערשט פון דער גאָר שוואַך דיפערענצירטער קליינבירגערלעכער מאַסע און דערנאָך שוין פון דעם בפירוש די-פערענצירטן קליינבירגערטום לויט דער נייער קאַפּיטאַליסטישער פאָרמאַציע. דעם סוף-פּראָצעס פונעם ווענדפּונקט מאַרקירן מיר אַן ערך פון 1892 (די ערשטע מנחם-מענדל-בריוו) ביז 1894 („יאַקנעהאַז“). מיט אַנדערע ווערטער: שלום-עליכם איז ש ט ע נ ד י ק געווען דער אויסדריקער פון קליינבירגערטום, אָבער דער כאַראַקטער פון קליינבירגערטום אין דער ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט י ש ע ר פ אָ ר מ אַ צ י ע קומט אין שלום-עליכמס שאַפן דייטלעכער צום דורכברוך ערשט אַן ערך אָנהייב 90ער יאָרן און באַשטימט זיך ענדגילטיק אַרום דער העלפט 90ער יאָרן. דאָס איז, פאַר-שטייט זיך, ניט קיין בייט פון דער קלאַסן-באַזע נאָר אַן אויסדרוק פון די ענדערונגען און איבערפאָרמירונגען אין דער קלאַסן-באַזע אונטער דער ווירקונג פון קאַפּיטאַליזם. דערפון ווערט קלאָר, אַז מיר ווילן דאָ לחלוטין ניט פעסטשטעלן אַן איבערברעכנ-דיקן ראַדיקאַלן בייט אין זיין אידעאָלאָגיע, נאָר בלויז ענדערונגען אין באַשטימטע שטריכן פון איר כאַראַקטער, אַנטשפּרעכנדיק צו די ענדערונגען אין דער קלאַסן-

„פּלוטאָקראַטיע“, ד. ה. דאָ די אמתע סאָליד איינגעפונדעוועטע גרויסבורזשואַזיע? אַזוי, און ניט ווי בערקאָוויטש וויל אונדז גוטמוטיק־דזשענטעלמעניש איינרעדן?

וואָרים ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז עפּעס ווען אַמאָל אין אַ פריאיקער צייט איז שלום־עליכם יאָ אַרויסגעטראָטן קעגן עפּעס אַ מין „פּלוטאָקראַטיע“, אויב ניט קיעווער, איז בעלאָצערקווער אָדער פון אַנדערע שטעט. לאָמיר בערקאָוויטשן דערמאָנען אין „סענדער בלאַנק און זיין געזינדל“ און אין „יקנה“ז“ (יאַקנעהאָז), לאָמיר אים דערמאָנען אין פאַרשיידענע מאָמענטן פון אַזעלכע ווערק, ווי למשל „אַ דאָקטאָר“, „סטעמפּעניו“ א. אַנד. פריאיקע ווערק (און וואָס שייך איינצלנע מאָמענטן — טאַקע אויך אין שפּעטערדיקע ווערק) שלום־עליכמס. וואו איז דעמאָלט געווען שלום־עליכמס „מידת־הרחמים“ און זיין „אינערלעכער טאַקט“? אָדער אפשר האָט שלום־עליכם פון די סענדער בלאַנקס און די פּאָסטערנאַקעס דערוואָרט אַן אַנדערן קוק „אויפן זשאַרגאָן“, און דעריבער איז זיין „אינערלעכער טאַקט“ דאָ געווען באַרואיקט, אַז די דאָזיקע פאַרשוינען וועלן אין זיין שאַרפן אָפּחוזקן זען דווקא מער ווי אַ „המונישן“ אַרויסטריט?

אין אמתן האָט דאָ אַהערצו דער „טאַקט“ אין פאַרבינדונג מיטן „זשאַרגאָן“ קיין שום שייכות ניט. אינעם „צייט־אָפּשניט“, ווען שלום־עליכם האָט געשריבן די דערמאָנטע, אינגאַנצן אַלס אָנגריף פאַרטראַכטע, ווערק („סענדער בלאַנק“, „יאַקנעהאָז“ א. אַנד.), האָט ער זיך נאָך ניט געהאַט אויף אַן אַנטשלאָסענעם אופן קלאַסאָווע זעלבסטבאַשטימט לויט די נייע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. פון זיין שאַפערישן אָנהייב אָן איז שלום־עליכם שטענדיק געווען און געבליבן אַ טיפּישער פאָרשטייער פון קליינבירגערטום, אָבער אין דער ערשטער העלפט 90ער יאָרן קומט פאָר אין זיין אידעאָלאָגיע, נאָך פאַרשיידענע וואַקלענישן און זוכענישן, אַ באַשטימטע פאַרענדערונג, אַנטשפּרעכנ־

באַוועגונג פון דער באַזע. קלאָר, אַז דאָס רוב וועזנטלעכע מאָמענטן (צווישן אַנדערע אויך די אַמפּליטודע פון זיינע אידעאָלאָגישע וואַקלונגען) בלייבן פאַר זיין שאַפן כאַראַקטעריסטיש אויך נאָכן אָנגעמערקטן צייט־אָפּשניט. קלאָר אויך, אַז דערמיט מיינען מיר לחלוטין ניט געבן קיין פּעריאָדיזאַציע פון שלום־עליכמס שאַפן. סיי אינעם צייט־אָפּשניט ביז 1895 און נאָך ווייט מער פון 1895—1916 דאַרף מען ערשט אַרויסגעפינען און איינשטעלן אַ געגלידערטע פּעריאָדיזאַציע (באַזונדערס וואָס שייך דעם פּעריאָד אַרום דער רעוואָלוציע פון 1905, דעם פּעריאָד פון די רעאַקציע־יאָרן א. אַז. וו.) אין זיין שאַפן. די דאָזיקע אויפגאַבע האָב איך זיך דאָ ניט געשטעלט. איך האָב דאָ בלויז געוואָלט אָנווייזן אויף איינעם אַ הויפּט־ווענדפּונקט אין זיין שאַפן, אויף איין דאַטע פון אַ קומענדיקער פּעריאָדיזאַציע, אויף יענעם צייט־אָפּשניט, ווען עס קומט אין זיין שאַפן דייטלעכער און לסוף ענדגילטיק צום אויסדרוק דאָס קליינבירגערטום פון דער נייער קאַפּיטאַליסטישער פאָרמאַציע.

דיק צו דער קלאַסן־באַוועגונג פון יידישן קליינבירגערטום אונטער דער ווירקונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין יענעם פעריאָד.

פריער האָט שלום־עליכם דער עיקר אויסגעדריקט די גאָר שוואַך דיפערענצירטע קליינבירגערלעכע מאַסע מיטן טראָפּ אויף די נידעריקסטע שיכטן קליינבירגערטום (מלאכה, קליינהענדלער, אָרעמשאַפט, לומפּן א. אַז. וו.). ס׳האָט זיך דעמאָלט געפילט אין זיין שאַפן אַ לעצטער הויך פון אָנגרייפעריש פאָלקיסטישן ראַדיקאַליזם, דעמאָלט האָט ער נאָך געקאָנט באַזונדערס שטאַרק קאָנצענטרירן זיין שאַפערישע ענערגיע אויף פאַנאַנדערגעוויקלטע אָנגרייפערישע אַרויסטרעטונגען קעגן דעם גראָבן פאַרוועניו און זיין געזינדל. און דאָס דאַרף מען דאָ אונטערשטרייכן, ווייל שלום־עליכם גופא שטרייכט דאָס זייער דייטלעך אונטער: די קריטיק (למשל, אין „סענדער בלאַנק“, פונקט ווי אין „יאַקנעהאָז“ א. אַז. וו.) ווענדט זיך דאָ קעגן די פאַרווענ׳וס, קעגן אַ באַשטימטער פאָרמאַציע אין קאַפּיטאַליסטישן זינען אָפּגעשטאַנענע גראָבע אויפגעקומענע גבירים אַלס אַזעלכע, און ניט קעגן דער מאָדערנער גרויסבורזשואַזיע בכלל. שפּעטער אָבער כאַפּט זיין אייגנטלעכע באַזע דייטלעכער אַרום אויך דעם „סוחרישן מיטלשטאַנד“ אינעם קליינבירגערטום. דער אַמאָליקער „גביר“ אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אין זיין גאַנצער עקאָנאָמישער אומזיכערקייט, ער דערזעט אין אים דעם מנחם־מענדל (ער באַווייזט זיך אין זיין שאַפן זייט 1892 און שמייעט שוין אַרום אויך אין „יאַקנעהאָז“). ער וויל שוין דעם דאָזיקן גאַנצן שיכט אַלס אַזעלכן ניט מער אָנגרייפן, ער פילט שוין צו אים רחמנות און וויל אים בלויז נאָך „טרייסטן“, מיט „מידת־הרחמים“. ניט געקוקט אויף איינצלנע דעטאַלישע מאָמענטן און „אָפּווייכונגען“, פאַרשווינדט דרך־כלל די אָנגרייפעריש פאַרשאַרפטע שטימונג, עס בלייבט בלויז די סאָציאַלע פונקציע צו פאַרטיידיקן, אַנטשולדיקן און „טרייסטן“ דעם אייגענעם קלאַס.

נאָך דער דאָזיקער נייער אינערלעך־קלאַסאָווער זעלבסטבאַשטימונג ווערט אין זיין ווייטערדיקן שאַפן פון דער סענדער־בלאַנק־טראַדיציע — אַחוץ איינצלנע זיגזאַגישע מאָמענטן און צופעליקע „דורכרייסן“ — דרך־כלל דער עיקר בלייבן זיין באַגעטקייט (מיר וועלן ווייטער זען פאַרוואָס) צו דער „קיך“ און צו די „מענטשן“ פון דער „פלוטאָקראַטיע“ און אַ טיף־איינגעוואָרצלטע אַנטיפאַטיע צום פאַרגרעבטן, קאַפּיטאַליסטיש אָפּגעשטאַנענעם, אין אמתן ניט גאָר „אַריסטאָקראַטישן“ פאַרוועניו (די פאַר דעם דאָזיקן פעריאָד טיפּישע קעגנערשאַפט פונעם ראַדיקאַלן קליינבירגערלעכן אינטעליגענט). מיר מיינען דערמיט לחלוטין ניט צו זאָגן, אַז נאָך 1895 וועלן מיר שוין אין שלום־עליכמס ווערק קיינמאָל ניט מער געפינען קיין איינצלנע מער דעטאַלישע מאָמענטן פון אָנגריף קעגן דעם גביר און אַמאָל אַפילו קעגן דעם קליינבירגער־

לעכן „קולאַק“. אָבער בשום אופן איז דאָס שוין ניט מער דאָס כאַראַקטעריסטישע, דאָס פירנדיקע אין שלום־עליכמס אידעאָלאָגיע, בשום אופן איז דאָס שוין ניט מער פונעם זעלבן מין פאַנאַנדערגעוויקלטן אָנגריף ווי אין „סענדער בלאַנק“ און „יאַקנעהאָז“. פאַרקערט, דאָס כאַראַקטעריסטישע און פירנדיקע איז שוין דאַן — „רחמים“: „אַנטשולדיקונג“ און „טרייסט“. און אויף דעם דאָזיקן כאַראַקטעריסטישן פירנדיקן מאָמענט דאַרפן מיר דאָ לייגן דעם טראָפ.

מיט זיין דויערנדיקער אַנטיפּאַטיע קעגן די „אַריסטאָקראַטן“ מיינט שלום־עליכם שטענדיק — דעם ניי־אויפגעקומענעם אָפּגעשטאַנענעם פאַרגרעבטן גביר. די אויסטייטשונג פאַרן באַגריף „אַריסטאָקראַטן“ לאָזט שלום־עליכם זאָגן דעם באָהעמישן באַנקראָט פייפער אינעם פּאַמפלעט „יאַקנעהאָז“, כאָטש זי אַנטשפּרעכט דורכאויס זיין אייגענער מיינונג, פּשוט דערפאַר, ווייל צו אַזאַ „העזה“ האָט ער זיך געמוזט אויסקלייבן אַזאַ באַזונדערס וואוילערישע פיגור. אין זיין בריוו שרייבט פייפער: „אין יעהופּעץ הייסט כינקיס אויך אַן אַריסטאָקראַט. יעהופּעץ איז ברוך־השם אַזאַ שטאָט, וואָס קלייבט ניט איבער. אַבי געלט, אין מען אַן אַריסטאָקראַט. אַשטייגער, ווען מען גייט אָן אין יעהופּעץ, פונוואַנען איז דאָס פּלוצים אויסגעוואַקסן אַזאַ אַריסטאָקראַט, ווי בייגעלמאַן“ א. אַז. וו.

אָבער אַפילו די דאָזיקע אַנטיפּאַטיע ווערט נאָך „יאַקנעהאָז“ שוין קיינמאָל ניט מער רעאַליזירט ווערן אין אַ ברייטערן אַלס דורכאויסיקן אָנגריף פאַרטראַכטן לייוונט. און ווערט שוין אין משך פון צוואַנציק יאָר קיינמאָל ניט אויסוואַקסן אין אַ ברייט פאַנאַנדערגעוויקלטער קעמפעריש־אָנגרייפערישער קעגנערשאַפט צו דער „אמתער“ פעסט איינגעפונדעוועטער מאָדערן־קאַפּיטאַליסטישער „פּלוטאָקראַטיע“ בכלל.

3

אמת איז, אַז דער קלאַס, וועלכן שלום־עליכמס שאַפן דריקט אויס, פילט גאַנץ אָפט מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניק זיינע קעגנזעצלעכקייטן צו דער „פּלוטאָקראַטיע“. שלום־עליכם האָט נאָך זיין נייער אינערלעך־קלאַסאָווער זעלבסט־אָריענטירונג — און דאָ ווילן מיר דער עיקר רעדן נאָר וועגן דעם דאָזיקן שפּעטערן פּעריאָד — די דאָזיקע קעגנזעצלעכקייטן פונקט אַזוי דייטלעך געפילט, ווי געוויינלעך דאָס יידישע קליינבירגערטום פון זיין צייט. דערביי אָבער האָט ער געפילט יראת־הכבוד און דרך־ארץ צו דער אמתער מאָדערן־קאַפּיטאַליסטישער „פּלוטאָקראַטיע“, וועלכע ער האָט אין זיין שאַפן ניט געוואַגט אָנצורירן מיט קיין איין וואָרט.

יענער שיכט סוחריש־פאַרמיטלערישע קליינבירגער, וואָס איז איצט געוואָרן אַ באַשטימענדיקער פאַקטאָר אין שלום־עליכמס באַזע, איז קיין שום זאַך

ניט אַזוי אויסן, שטרעבט צו קיין שום ציל ניט מיט אַזאַ ענערגיע, האָפט אויף קיין שום זאַך ניט אַזוי שטאַרק, ווינטש זיך קיין שום זאַך ניט אַזוי פעסט, — ווי אַליין צו ווערן „בראָדסקיס", און טאַקע, ווען מעגלעך, מיט דער הילף פון די „בראָדסקיס", אַרומשמייענדיק אַרום זיי. דער וועג צו „בראָדסקין" איז דאָך דעם דאָזיקן שיכטס שטרעבן, זיין חלום, זיין אידעאַל. אויף דעם דאָזיקן איליוזאָרישן וועג טאַנצט ער דאָך זיין מנחם־מענדלשע עקוויליבריסטיק. ווי אַזוי־זשע זאָל זיין אידעאָלאָגישער אויסדריקער אויף אַן אמתן אָנפאַלן אויף די זעלבע „בראָדסקיס"? אָפּזעגן דעם צווייג, אויף וועלכן זיין „באַזע" זיצט, און דער עיקר, אויף וועלכן זי וויל מיט אַלע כחות זיצן? פונוואַנען זאָל דער פאָרשטייער פון אַזאַ שיכט נעמען דעם נייטיקן „מידת־הדין", אויב ער גופא און זיין סאָציאַלע באַזע זיינען גאָרניט אויסן צו מאַכן פון די קעגנזאַצן, וואָס זיינען בלי־ספק פאַראַן, אַזעלכע אויספירן?

שלום־עליכם האָט געמעגט און געוואָלט „המוניש" אַרויסטרעטן פאַר די „קיכן" און די „מענטשן" פון דער „פּלוטאָקראַטיע", פונקט ווי שפּעטער דער נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישער קליינבירגער האָט ליב זיך אָנצונעמען מיט „וואַרעמע געפילן" פאַר די אָרעמע שיכטן אין זיין קלאַס, פאַר דעקלאַסירטע, דעגראַדירטע באַלמעלאָכעס, פאַר געזעלן און אַפילו אויף אַ באַשטימטן אופן פאַר אַרבעטער — אויב און אויף וויפיל דאָס שטייט אין אַ נאָענטער באַציאונג צו זיינע קלאַסן־אינטערעסן. זיין „רחמים" קאָן און מעג זיך ווענדן אין באַשטימטע סיטואַציעס און אין אַ באַשטימטער פאָרם צו די דאָזיקע שיכטן — אָבער געוויינלעך ניט אַזוי, אַז ס'זאָל ווערן דערפון אַן אמתער קאַמף, מיט „מידת־הדין", קעגן דער מאָדערנער גרויסבורזשואַזיע.

און דאָס באַטייט טאַקע דער „טאַקט", וועגן וועלכן בערקאָוויטש רעדט אין דער צווייטער אָנגעגעבענער סיבה, פילנדיק, אַז די ערשטע קאָן ניט אויסהאַלטן קיין מינדסטע קריטיק. דאָ באַשטייט דער „טאַקט" פון דעם קליינבירגער אין דעם, ער זאָל ניט אויף אַן אמתן אָנגרייפן די זיילן (די דאָזיקע זיילן וואָלטן מיט רעכט דאַרפן געזען אמתן קאַמף פונעם המון קעגן זייער קלאַס), וואָס שטיצן די פוילע מנחם־מענדלשע עקאָנאָמיק. וואָרים דער גאַנצער חסרון פון דער דאָזיקער עקאָנאָמיק באַשטייט דאָך פאַרן קליינבירגער בלויז אין דעם, וואָס זי איז ווייניק „ווירקלעך", שטאַרק איליוזאָריש. וואָלט זי געווען רעאַל — וואָלט ער אין איר קיין חסרון ניט געזען. דעמאָלט וואָלט מנחם־מענדל געווען בראָדסקי. איז ווי אַזוי־זשע פלוצים קאַמף, ווי אַזוי־זשע „מידת־הדין"?

4

אין אַ בריוו צו ראַווניצקין שרייבט שלום־עליכם: „צוליב די אומשטאַנדן איז מיר באַשערט אַרומצודרייען זיך אין אַזאַ סביבה, וועלכע קאָן ווייניקער

פאַר אַלץ סימפּאַטיזירן מיט מיין שרייבערישער נויגונג. די דאָזיקע סביבה — דאָס איז אונדזער געהויבענע אַריסטאָקראַטיע, דער סוחרישער שטאַנד, מענטשן פון קאַפּיטאַל, וואָס שעצן פיל העכער מיינע פינאַנסן איידער מיין ליטעראַרישן טאַלאַנט, וועגן וועלכן זעלטן ווער עס האָט אַ באַגריף... און אויפן קאָמערציעלן באָדן באַגעגענען מיר זיך ווי גלייכע, ווי יאַגעדעס פון איין פעלד, מיט איינע און די זעלבע ענגע באַגריפן וועגן לעבן און דעם אינהאַלט פון לעבן." („שלום־עליכם־בוך", ז. 287.)

שלום־עליכם באַגעגנט זיך אויף אַ באַשטימטן געביט מיט דער „פּלוטאָקראַטיע". און ניט בלויז, אַזוי צו זאָגן, פיזיש, נאָר, לויט זיין אייגענעם עדות־זאָגן, אויך אידעאָלאָגיש. ער באַגעגנט זיך מיט איר „ווי גלייכע, ווי יאַגעדעס פון איין פעלד, מיט איינע און די זעלבע ענגע באַגריפן וועגן לעבן און אינהאַלט פון לעבן". דער דאָזיקער געביט איז „דער קאָמערציעלער באָדן". און היות ס'רעדט זיך דאָך דייטלעך מכוח „באַגריפן וועגן לעבן און דעם אינהאַלט פון לעבן", דאַרף דער „קאָמערציעלער באָדן" פאַרשטאַנען ווערן אין אַ ברייטערן אויסטייטש. ווי ווייט שלום־עליכמס באַגריפן בכלל וועגן לעבן און דעם אינהאַלט פון לעבן האָבן ניט געזאָלט זיין ברייטער ווי ביי „אונדזער געהויבענער אַריסטאָקראַטיע, דעם סוחרישן שטאַנד, מענטשן פון קאַפּיטאַל" — אָבער אויף אַ באַשטימטן סאָציאַלן עקאָנאָמישן פּונקט האָט ער זיך מיט זייער וועלט־באַנעם פאַרט באַגעגנט. לפּחות אויף אַזויפיל, ער זאָל ניט קאָנען קעגן זיי אַרויסטרעטן, אַז זיין „פּראָטעסט" קעגן זיי זאָל בלייבן מטושטש, ניט ציל־געווענדט און זאָל זיך אויסדריקן אין בעסטן פאַל אין סימפּאַטיעס צו זייערע „קיכן", „מענטשן" און צום אָרעמען טייל קליינבירגערטום בכלל.

דאָס איז אַן אויטאָביאָגראַפישער מאָמענט, אַ זעלבסטצייגעניש, וואָס האָט עפּעס וואָס צו זאָגן. ס'איז אָבער מער ווי בלויז אַ ביאָגראַפישער מאָמענט. ס'איז אויך אַ גבית־עדות וועגן דער אידעאָלאָגיע פון דער געזעלשאַפטלעכער באַזע, וועלכע שלום־עליכמס שאַפן דריקט אויס. בערקאָוויטש דערציילט (דאָרט, ז. 288), אַז „שלום־עליכם האָט פאַר זיין לעבן געהאַט אַ היפּשע צאָל חסידים־לעזער (געמיינט: אָנהענגער־לייענער — מ. וו.) פון די וואוילהאָבנדיקע, צומייסטן פון דעם סוחריש־משכילישן שטאַנד, וואָס האָבן זיך שטאַרק געקלעפּט צו אים". דער דאָזיקער שיכט איז אָבער אין דעם פאַל געווען ניט בלויז אַ היפּשער טייל פון זיינע אָנהענגער־לייענער, נאָר טאַקע אויך אַ היפּשער טייל פון דער געזעלשאַפטלעכער באַזע, וואָס האָט באַקומען אַן אויסדרוק אין זיין שאַפן, — ניט געקוקט דערויף, וואָס טאַקע דער דאָזיקער פאַקט האָט דערלאָזט און אַפילו דיקטירט אַריינצונעמען און אויסצודריקן, אין די תּהומען פון זיינע סאָציאַל־אידעאָלאָגישע באַשטרעבונגען, אויך די פאַר־

שיידענע אַנדערע שיכטן פון דריבנעם קליינבירגערטום ביז אַראָפּ צו דער דעקלאַסירטער אָרעמשאַפט.

דער דאָזיקער שיכט קליינבירגערטום, קרעמעריש־פאַרמיטלערישע, „וואוילהאָבנדיקע, צומיינסטן פון דעם סוחריש־משכילישן שטאַנד" האָט זיך אָבער ביי אַלע קעגנזאַצן און ביי אַלע צומאָליקע סימפּאַטיעס צום אָרעמען און אָרעמסטן קליינבירגערטום — פּאָרט „אויפן קאָמערציעלן באָדן", ד. ה. אין זייער וויכטיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּרטים באַגעגנט מיט דער גרויס־בורזשואַזיע „ווי גלייכע, ווי יאַגעדעס פון איין פעלד מיט איינע און די זעלבע ענגע באַגריפן וועגן לעבן און אינהאַלט פון לעבן". איז ווי אַזוי־זשע זאָל זייער קינסטלעריש־אידעאָלאָגישער פאַרשטייער זיך פּלוצים אָנגורטן מיט צאָרן און קעמפעריש אָנפאַלן מיט „מידת־הדין" אויף דער פּלוטאָקראַטיע? אַזאַ אויפגאַבע איז שוין פאַר שלום־עליכמען אין יענער צייט, וועגן וועלכער מיר רעדן, גאָרניט געשטאַנען.

5

די עקאָנאָמישע אומזיכערקייט, וואַקלדיקייט און איליוזאָרישקייט פונעם קליינעם און מיטעלן קרעמער, פונעם בירזשע־האָז און מעקלערישן ספּעקולאַנט, פונעם קאָמיסיאָנער, קאָמי־וואָיאַזשאָר, אַגענט פון לעבנספאַרזיכערונג א. אַז. וו. רעאַליזירט און פאַרשפּיצט זיך קינסטלעריש ביי שלום־עליכמען אין דער זאַמל־פיגור מנחם־מענדל. שלום־עליכם גופא האָט דאָך אָגב דעם באַרג־אַראָפּיקן וועג פון מנחם־מענדעליי, פון מיטל־אונטערנעמערישער פאַרמעגלעכקייט ביז צו נויט און דחקות פון אַ דעקלאַסירטן אינטעליגענט — זייער גרינטלעך דורכגעלעבט.

זייט די אַכציקער יאָרן, דעם נייעם אויפגאַנג־פּעריאָד פונעם רוסלענדישן קאַפּיטאַליזם, האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן צו פאַרשטאַרקן די אינעווייניקסטע עמיגראַציע פון באַשטימטע יידישע קליינשטעטלדיקע „מאַסן" אין די גרעסערע שטעט אַריין. יענע עקאָנאָמיש־אַנטוואָרצלטע קליינבירגערלעכע שיכטן, וואָס זיינען שוין אינעם שטעטל געווען „לופט־מענטשן", האָט עס געצויגן אין אַזעלכע „גרינדער"־שטעט, ווי אָדעס און קיעוו („יעהופּעץ"). דאָרט זעצן זיי פאָר אַ שטיקל צייט־לאַנג זייערע „לופט"־באַשעפטיקונגען אויף אַ „גרינדערישער" אַמעריקאַניסטישער עקאָנאָמישער באַזע, רייבן זיך אַרום „די מיליאָנען" און חלומען צו ווערן אין איין חי־וקים — „בראָדסקיס". און „פּאָליאַקאָווס". נאָך פאַרשיידענע טראַנספאָרמאַציעס ווערן לסוף די דאָזיקע מנחם־מענדלס פּאופּעריזירט, דעקלאַסירט און צום טייל אויך פּראָלעטאַריזירט, סיי נאָכדעם ווי זיי וואַנדערן אויס אַנטוישטע קיין אַמעריקע, סיי אויך אין רוסלאַנד גופא.

אָבער פון די דאָזיקע פּראָלעטאַריזירטע געלינגט אַ באַשטימטן, כאָטש

גענוג קליינעם טייל, סיי אין אַמעריקע סיי אין דער „אַלטער היים", זיך עקאָ־נאָמיש צוריק אַרויפצודראַפּען צו דער מדרגה פון אַ קליינבירגער, וואָס „מאַכט אַ לעבן", אָדער וואָס ווערט גאָר אַן „אַלרייטניק". געווינלעך איז די דאָזיקע פאַרבעסערונג ווידעראַמאָל באָר אַ צייטווייליקע, סוף־כל־סוף דראָט דעם דאָזיקן שיכט, ווי דעם גאַנצן קלאַס, שטענדיק די אויסזיכט פאַראָרעמט און פּראָלע־טאַריזירט צו ווערן.

דער „געפּרואווטער" און אַנגעלערנטער „סאָליד געוואָרענער" מנחם־מענדל מוז זיך שוין איצט אַ ביסל אויפמערקזאַמער באַציען צו דער גוזעל־שאַפטלעכער סיטואַציע, וואָס דראָט אים, ער מוז מיטפילן יענע שיכטן פונעם גאָר דריבנעם בירגערטום, פון דער אָרעמשאַפט און אַפילו פון די אַרבעטער, צווישן וועלכע ער קאָן זיך אַ ליאַדע טאָג פלוצים געפינען. פון זיין לאַגע ביז צו דער לאַגע פון די דאָזיקע שיכטן איז דאָך שטענדיק נאָר אַ שפּאַן די ווייט. ער לעבט נאָך אַלץ אַרומשמייענדיק אַרום די „מיליאָנען", אַרום דער גרויס־בורזשואַזיע, זיי זיינען זיין „חלום", ער טיילט אין באַשטימטע וועזנטלעכע פּרטים זייערע „ענגע באַגריפן". אָבער זיין „וואוילהאָבנדיקייט" איז אַ קורצ־אָטעמיקע, מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם ווערט זיין לאַגע אַלץ וואַקל־דיקער און אומזיכערער. דער דאָזיקער שיכט קליינבירגערטום ווענדט דערי־בער זיין קוק צום באַרגאַראָפּיקן שטח פון זיין קלאַס, ביז צום דעקלאַסירטן, ביז צו דער אָרעמשאַפט, ביז צו דער דינסט און דעם „מענטש" און אַפילו ביז צו אַ באַשטימטן טייל פון די אַרבעטער. אַזוי וואַקלט זיך דער דאָזיקער קליינבירגער אין זיין סאָציאַל־אידעאָלאָגישער אַנצילונג פון דעם איינעם עק אין דעם סאָציאַלן לייטער, פונעם גרויסבורזשואַ, ביז צום אַנדערן — ביז צום אַרבעטער.

6

צו שלום־עליכמס ביאָגראַפיע באַמערקט בערקאָוויטש („שלום־עליכם־בוך", ז. 156) : „ס'איז ניט געווען בלויז אַ צופאַל פון אומשטאַנדן, וואָס שלום־עליכם האָט די בעסטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין קיעוו, ווייט פון אַ ליטעראַרישער סביבה. אַחוץ וואָס קיעוו, די מעטראָפּאָליע פונעם אוקראַאינישן יידנטום, דער קיבוץ־גליות פון אַלע מיני וואָלינער קאָסרילעווקעס איז פאַר אים געווען דאָס נאָענטסטע באַאָבאַכטונג־פעלד, וואו ער האָט זיך אַזוי היימיש און אינטים געקאָנט אָריענטירן, איז די דאָזיקע שטאָט, מער פון אַלע אַנדערע שטעט אינעם יידישן תחום פון רוסלאַנד, געווען צוגעפּאַסט צו זיין לעבעדיקן רירעוודיקן טעמפּעראַמענט, צו זיין טעטיקן, שטענדיק זוכנדיקן און שטענדיק דערוואַרטנדיקן (וואָס ? — מ. וו.) גייסט. די שטאָט פון ברייטן יידישן (!)

פאַרנעם, פון וואַגנדיקן יידישן (!) אונטערנעמונגס־גייסט, פון רייכע מעגלעכקייטן און דערגרייכונגען, פון גרויסע עליות און ירידות — איז ווי לכתחילה (!) באַשאַפן געוואָרן צו זיין שלום־עליכמס רעזידענץ. דאָרט האָט ער אי פיל געלעבט, אי געקאָנט געבן אַ פולן אויסדרוק צו זיין טעטיקן שאַפנדיקן קינסטלער־גייסט.״

אין דעם דאָזיקן עסטעטיש־דזשענטעלמעניִשן מישמאַש איז פאָרט דאָ אַ ריכטיקע באַאָבאַכטונג. ס'איז טאַקע ניט קיין צופאַל, וואָס שלום־עליכם האָט די „בעסטע יאָרן פון זיין לעבן״ פאַרבראַכט אין קיעוו, כאָטש לחלוטין ניט צוליב דעם, וואָס קיעוו איז געווען „די מעטראָפּאָליע פון אוקראַיִנישן יידנטום״. אָדעס איז בלי־ספק געווען ניט וויניקער „מעטראָפּאָליע״, און שלום־עליכם האָט טאַקע געמאַכט פאַרשיידענע ניט־איינגעגעבענע אָנשטרענגונגען זיך אַריבערצוציען קיין אָדעס. אין אַנדערע פּרטים ווידער זיינען אַזעלכע שטעט ווי בערדיטשעוו, למשל, געווען אַ סך מער „מעטראָפּאָליעס פון יידנטום״ — לויטן טעם פון דער דאָזיקער באַשטימונג. דאָרט אַהינצו האָט עס שלום־עליכמען, לפחות אין דער צייט, ווען וועלכער מיר רעדן, גאָר וויניק געצויגן. ריכטיק איז, אַז די דעמאָלטיקע „גרינדערישע״ שטאָט קיעוו, דער קיבוץ־גליות פון אַלע מינים וואָלינער קאַסרילעווקעס מיט די רייכע מעגלעכקייטן א. אַז. וו., האָט שלום־עליכמען מיט זיין „לעבעדיקן רירעוודיקן טעמפּעראַמענט א. אַז. וו.״ צוגעצויגן פּונקט אַזוי ווי טויזנטער אַנדערע, ניט אַזוי ווייט צוליב די „ירידות״, ווי צוליב די מעגלעכקייטן פון „גרויסע עליות״. דאָס איז דער באַשיידענער, פּשוטער, אָבער היסטאָרישער אמת, וואָס ווערט ניט קיין געהויבענער דורך עסטעטיש־דזשענטעלמעניִשן קוואַטש פון אַ משפּחהדיקן ביִאָגראַף. ניט די שטאָט איז אַלזאָ לכתחילה באַשאַפן געוואָרן צו זיין שלום־עליכמס באַאָבאַכטונג־פעלד, נאָר אַ סך גיכער איז שלום־עליכם געווען „ווי לכתחילה״ צוגעפּאַסט צו זיין דער שילדערער און סאָציאַלער אויסדריקער פון באַשטימטע אירע קליינבירגערלעכע יידישע שיכטן. ריכטיקער: די עקאָנאָמישע סיטואַציע אין דער דאָזיקער שטאָט האָט אין שלום־עליכמען אויפגעוועקט און ברייט אַנטוויקלט זיינע קלאַסאָווע שאַפונג־מעגלעכקייטן.

און דאָ איז נייטיק דערמאָנען דאָס, וואָס מאַרקס זאָגט וועגן פאָרשטייער פון קליינבירגערטום: „...פּונקט אַזוי דאַרף מען ניט מיינען, אַז אַלע פאָרשטייער פון קליינבירגערטום זיינען קרעמער אָדער אַנהענגער פון קרעמער. לויט זייער בילדונג און פערזענלעכער לאַגע קאָנען זיי זיין ווייט פון קרעמער ווי דער הימל פון דער ערד. פאַר פאָרשטייער פון דער קליינבורזשואַזיע מאַכט זיי דער פאַקט, וואָס זייער געדאַנק גייט ניט אַרויס איבער די גרענעצן און דעם לעבנשטייגערישער אַטמאָספער פון קליינבירגערטום, און דערפאַר קומען זיי צו די זעלבע אויפגאַבעס און לייזונגען אין דער טעאָריע, צו וועלכע

עס קומט אָן אין דער פּראַקטיק דער קליינבירגער צוליב זיינע מאַטעריעלע אינטערעסן און צוליב זיין געזעלשאַפטלעכער לאַגע. דאָס זיינען אין אַלגעמיין די באַציאונגען פון די פּאָליטישע און ליטעראַרישער פאָרשטייער פון אַ געגעבענעם קלאַס צו דעם דאָזיקן קלאַס גופא.״

דער קליינבירגערלעכער שרייבער קאָן לויט זיין פּערזענלעכער לאַגע ווייט זיין פון זיין באַזע, ווי דער הימל פון דער ערד, עס קאָן זיך אָבער טרעפן, אַז אויך אין דעם דאָזיקן פּרט איז ער צו איר נאָענט. דעמאָלט באַקומט דער דאָזיקער פאַקט אַ באַזונדערן באַטייט. דאָ אין אונדזער פאַל וועלן מיר נאָך דאַרפן אינזינען האָבן, אַז שלום־עליכם איז לויט זיין „פּערזענלעכער לאַגע״ גאָרניט אַזוי שטאַרק ווייט געווען פון זיין באַזע, ווי ווייט ער האָט פון איר ניט געזאָלט זיין אין באַשטימטע פּרטים פון זיין בילדונג, פון זיין לאַגע און פון זיין באַוואוסטזיניקייט. ס'וואָלט, פאַרשטייט זיך, גאָרניט נייטיק געווען זיך צו האַלטן אין שלום־עליכמס ביאָגראַפיע כדי צו קומען צו אונדזערע אויספירן וועגן דעם סאָציאַלן מהות פון זיין שאַפן. אויב אָבער די ביאָגראַפישע מאָמענטן שטימען אַזוי דייטלעך מיט דעם סאָציאַלן מהות און דער סאָציאַלער אָנצילונג ווי ביי שלום־עליכמען, וואָלט עס געווען דורכאויס פאַלש די דאָזיקע איינשטימיקייט בלויז איבער דער בוילעטער דייטלעכקייט אינגאַנצן צו איגנאָרירן.

7

די פּערספּעקטיוון פונעם מנחם־מענדל־שיכט ווייזן אָן פאַרן ווייט גרעסטן טייל אויף אַ פריערער אָדער שפּעטערער פאַראָרעמונג, דעקלאַסירונג און פּראָלעטאַריזאַציע. וואָס מער ס'אַנטוויקלען זיך די באַדינגונגען, וואָס שאַפן און רופן אַרויס דעם מנחם־מענדל, ד. ה. וואָס ווייטער ס'אַנטוויקלט זיך דער קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד, אַלץ ענגער און אָנרחמנותדיקער ווערן אַרומגעצייכנט די גרענעצן פון פּערספּעקטיוו פאַרן מנחם־מענדלשן שיכט.

דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמישער סטרוקטור צווינגט דעם מנחם־מענדל־שיכט, דעם „באַהעמישן״ שיכט פון קליינבירגערטום — אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — צו קאָרעגירן זיינע פאָרשטעלונגען וועגן די גיכע גרויסע גליקן. ער באַנוגנט זיך שוין מיט פּאַמעלעכערע און קלענערע גליקן. ער באַנוגנט זיך שוין באַשיידן „צו מאַכן אַ לעבן״ מיט דער הילף פון מער „רעאַלע״ וועגן און מיטלען, צו דערגרייכן דורך רעאַלערער אָנשטרענגונג און אַמאָל אַפילו דורך אַרבעט אַ רעלאַטיוו סאָלידערע איינגעפונדעוועטקייט. אַ גרויסער טייל פון די אַמאָליקע מנחם־מענדלס פּראָלעטאַריזירט זיך, צייטווייליק אָדער אויף שטענדיק, אין רוסלאַנד גופא אָדער אין אַמעריקע, לאָנדאָן א. אַז. וו. דעם „צייטווייליקן״ פּראָלעטאַרי־

זירטן קליינבירגער געראָט אַמאָל זיך צוריקצוכאַפּן צו מער קליינבירגערלעכע באַשעפטיקונגען, אָדער גאָר צו דערגרייכן די מדרגה פון אַן „אָלרייטניק". די צוקונפט בלייבט אָבער אַלץ פאַר אים אַ דראָענדיקע.

אויב מנחם־מענדל האָט זיך פריער אין זיין אומגעוויינלעך אומזיכערער אילוזאָרישער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ געוויצלט און געחוזקט איבער זיך פון שרעק און האָפענונג, דערלויבט ער זיך שוין איצט, אַלס „אָלרייטניק", וואָס איז סאָלידער געוואָרן, דורכגייענדיק אַ שווערע שול, צוריקצוקוקן אויף זיין מנחם־מענדלשער פאַרגאַנגענהייט ווי אויף צרות, וואָס מע דערציילט זיי „אין פריידן". זיין איצטיקע וויצלעריי האָט שוין אַן אַנדערן כאַראַקטער. ס'איז דאָ צוגעקומען אַ היפּשער טראָפּן ביטערקייט און אַנטוישונג.

דער אַמאָליקער מנחם־מענדל האָט זיך אין זיין מנחם־מענדל־פּעריאָד שטאַרק געמאַטערט, איז געווען דאָס רוב אונטערן וואָגן, אַמאָל אָבער אויך אויפן וואָגן. ער האָט געליטן נויט און דחקות, אָבער אין „גרינדערישע" מאָמענטן פון רוסישן קאַפּיטאַליזם האָט מנחם־מענדל געהאַט ריזיקע האָפענונגען אַליין צו ווערן אַ גרויסבירגער — און איינעם אָדער דעם אַנדערן איז דאָס טאַקע אויך געלונגען. איצט, מיט יאָרן שפּעטער, און בפרט אין אַמעריקע ביי באַדינגונגען פון הויך־אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם, וואָס גייט מיט גיכע טעמפּן צו דער אימפּעריאַליסטישער פאַזע, קאָן זיך די דאָזיקע קליינבירגער־מאַסע ניט מער מאַכן אַזעלכע האָפענונגען. ניט געקוקט אויף דער רעלאַטיווער „סאָלידקייט" פון זיין לאַגע, זעט אַפילו דער „אָלרייטניק" שוין פאָרט גענוג קלאָר די שאַרפע גרענעצן פאַר זיינע מעגלעכקייטן און די סכנות, וואָס לאָקערן אויף אים אין דער צוקונפט. קוקט ער צוריק צו יענער האָפענונגפולער צייט מיט „געמישטע געפילן". ער שמייכלט איבער די דאָזיקע אַמאָליקע האָפענונגען מיט איראָניע און אַנטוישטער ביטערקייט, און פאָרט דערמאָנט זיך אים די דאָזיקע צייט אין אַ ראָזעווער שיין. ער זעט זי, אַזוי צו זאָגן, „ראָמאַנטיש" און אַפילו אידיליש. ער באַציט זיך צו איר סענטימענטאַל. בפרט אין יענע פאַלן, ווען זיין סאָציאַלע לאַגע איז אין דער „אַלטער היים" געווען העכער, כאָטש ניט סאָלידער איידער אין אַמעריקע. דאָס זיינען די וואָרצלען פון דעם דאָזיקן עמיגראַנטס „לירישער" באַציאונג צו דער „אַלטער היים" און אַלטער צייט, אַ באַציאונג, וואָס שלאָגט זיך דורך, אַפילו ווען ער וויצלט זיך איבער זיי.

אין די דערציילונגען פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס" געפינען מיר אַ געטרייען אויסדרוק פון די דאָזיקע שטימונגען. זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט שלום־עליכמס געוויינלעכער שטימונג בנוגע דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט בכלל. מער אָדער ווייניקער „ראָמאַנטישע" אָדער „לירישע" בענקעניש נאָך דער פאַרגאַנגענהייט, ווי שלעכט זי האָט אין אמתן ניט געזאָלט זיין, איז דאָך

איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון קליינבירגערלעכער פּסיכאָלאָגיע אין פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס שלום־עליכם האָט אין 1908, אינעם יאָר, ווען ס׳האָבן זיך געענדיקט דרוקן די ערשטע סעריעס פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס״, אָנגעשריבן די ערשטע קאַפּיטלען „פונעם יאַריד״, אַ בוך, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט דער „ראָמאַנטיק״ פון קינדער־זכרונות. פּונקט אַזוי ווי ס׳איז ניט קיין צופאַל, וואָס אינאיינעם מיטן צווייטן טייל „מאָטל״ שרייבט שלום־עליכם אויך דעם דריטן טייל „פונעם יאַריד״. דאָס איז אויך די סיבה, פאַרוואָס עס געפעלן אים שטאַרק קאָטיקס „זכרונות״ („איך לייען אָט דעם יידנס „זכרונות״ און ווער משוגע פאַר תענוג״ — „שלום־עליכם־בוך״, ז. 245, אין אַ בריוו פון 1913).

8

„מאָטל פּייסי דעם חזנס״ ווייזט אָן אַנטשיידנדיקע באַווירקונג פון די איינדרוקן, וואָס שלום־עליכם האָט באַקומען ביי זיין נסיעה אין אַמעריקע אין יאָר 1907. די אייגנטלעכע טעמע איז דאָך דאָ: די אויספּירלעכע געשיכטע פון די קליינשטעטלדיקע שטאַרק פאַרקליינלעכטע און שאַרזשירטע מנחם־מענדלס און זייער וועג צום סאָלידן „אָלרייטניק״, וואָס מאַכט אַ לעבן. צום „אָלרייטניק״, וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט שוין איצט און דאָ קורץ־באַשניטענע פליגלען, וואָס האָט אָבער נאָך אַלץ ליב זיך צו דערמאָנען זיין מנחם מענדלשע יוגנט מיט אירע חלומות, האָפענונגען, אָרעמקייט און נויט — אין אַ ראָזעווער שיין. די שטימונג אינעם דאָזיקן בוך אַנטשפּרעכט געטריי צו די שטימונגען פון דער עמיגראַנטן־מאַסע אין אַמעריקע פון יענער צייט.

די איינדרוקן פון אַמעריקע האָבן דעם גרויסן שרייבער קלאָרער געמאַכט דעם גאַנצן שטח און פאַרנעם אין דער אַנטוויקלונג פון מנחם־מענדלס וועג. ער האָט דייטלעכער דערזען און באַנומען דעם „דערוויילִיקן״ סוף פון מנחם־מענדלס טראַנספאָרמאַציע. דעריבער באַקומט זיך אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס״ אַ פאַרסאַכאַקלטער סינטעז פון זיינע פיר הויפּט־טעמעס: מנחם־מענדל, טביה, „קינדער״ און „פאַרלוירענע טאַלאַנטן״ (די סאָציאַלע פּרעטענזיע און טענה פונעם קליינבירגער, בפרט פונעם קליינבירגערלעכן אינטעליגענט, האָט ליב אָנצואווייזן אויף די „טאַלאַנטן״. אַ נאַטירלעכע דערשיינונג דאָרט, וואו מע קאָן ניט אָנווייזן ניט אויף קאַפּיטאַל און ניט אויף שאַפערישער פּראָדוקטיווער אַרבעט; דאָרט, וואו „דער טאַלאַנט״ איז די איינציקע שאַנס).

אין דעם בוך ווערט אַרויסגעפירט ניט דער מנחם־מענדל פון דער אַנטוויקלטער גרויסשטאָטישער פאָרמאַציע, וואָס דרייט זיך אַרום „גרויסע געשעפטן״, נאָר די סאַמע ברייטסטע שטעטלשע מנחם־מענדל־מאַסע. דער מנחם־מענדל־באַגריף ווערט דאָ פאַרברייטערט און פאַראַלגעמיינערט פאַרן

גאַנצן קליינבירגערטום בכלל. די גרויסשטאָטישע מנחם־מענדעליי באַליכט דעם אויפבלי פון קאַפּיטאַליזם, שטייענדיק צו אים אין אַ דירעקטער באַציאונג. די קליינשטעטלדיקע מנחם־מענדעליי איז שוין אַ ווייטער־דיקער רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וואָס דערפירט צו דער דעגראַדאַציע פון שטעטלדיקן קליינבירגערטום. אין אַמעריקע באַקומט שלום־עליכם אַ קלאָרער איבערזיכט איבער דער לאַגע פון קליינבירגערטום. דעם שטעטלשן נגיד ר׳ יאָסי, יונה דעם „רייכן״ בעקער, פּיני דעם מעל־הענדלער, מנשהן דעם „וואוילהאָבנדיקן״ רופא, בערקען דעם שוסטער, הערש־בערן דעם חזן, ביבערן דעם פעלדשער, משהן דעם איינבינדער, די מעכאַניקעס, די זייגערמאַכערס, די שניידערס, דעם דערפינדער פון טינט, מויזן־סם און קוואַס עליען א. אַז. וו., און אַז. וו. — קורץ, דאָס גאַנצע שטעטלשע קליינ־בירגערטום דערזעט איצט שלום־עליכם אין זיין דעגראַדירטער מנחם־מענדלשקייט.

9

שלום־עליכם מאַכט אָבער אויך אַ זייער איינגעהאַלטענעם פּרואוו צו געבן אין „מאָטל״ — סתירהדיק צו זיין גרונט־שטימונג — אַ שטראַלעכל אָפּטימיזם: וואָס שייך די מעגלעכקייטן, אַז דאָס קליינבירגערטום זאָל זיך פּאָרט עקאָנאָמיש פאַרפעסטיקן און וואַקסן; אַנטשפּרעכנדיק צו באַשטימטע קליינבירגערלעכע טענדענצן פון יענער ציים, וועלכע מיר געפינען אַפילו ביי דעמאָלטיקע רעפאָרמיסטישע „סאָציאַל־דעמאָקראַטן״. דער יידישער קליינ־בירגער איז דעמאָלט געצוואונגען צו זען מניעות פאַר זיין אויפשטייגן בלויז אין די אַנטיסעמיטישע באַגרענעצונגען פון צאַרישן רוסלאַנד; וואו די באַציאונגען זיינען אין דעם פּרט גינסטיקער, למשל, אין אַמעריקע, האָפט ער, אַז זיין לאַגע וועט זיך באַדייטנדיק פאַרריכטן. אמת, ניט אין אַזאַ מאָס, ווי מנחם־מענדל האָט אַמאָל גערעכנט, אָבער פּאָרט אויף אַ סאָלידן אופן. שלום־עליכם שטעלט זיך דאָ דעריבער די אויפגאַבע דערציילעריש צו שילדערן די טראַנס־פאָרמאַציע פונעם טרוימער מנחם־מענדל אין אַ סאָלידן „אָלרייטניק״, וואָס קאָרעגירט זיינע פריערדיקע באַגריפן. דער בוך האָט אין זיך יענע מינימאַלע מאָס אָפּטימיזם, וואָס אַנטשפּרעכט צו דער שטימונג פונעם עמיגראַנט, וועלכער „מאַכט אַ לעבן״ — ביט געקוקט אויף זיין אַנטוישונג און אויף די דראַאונגען פון דער צוקונפט.

זעלטן איז אַ שרייבער געווען אַזוי שטאַרק פּילבאַר צו יעדן מינדסטן ריר און באַוועגונג פון זיין באַזע און פון זיין „סאָציאַלן באַשטעלער״, ווי דער גרויסער קליינבירגערלעכער שרייבער שלום־עליכם. זעלטן האָט עמעץ אַזוי אינטענסיוו קאָנטראָלירט די אַנטשפּרעכונג צו זיין באַזע דורך דער רעאַקציע

פונעם לייענער. דאָס דערגייט ביי אים ביז צו אויסנווייניקסטע קליייניקייטן. ער באַמיט זיך צוצופּאַסן אַפילו צו דער דיאַלעקטישער לעקסיק, צו די שטייגערישע השגות און באַגריפן פון קלאַסן־נאָענטע לייענער אין די פאַרשיידנסטע לענדער (דאָס אייגענע באַמערקט זיך אויך אין זיין דעטאַלישן קאָנטראָל ביי די איבערזעצונגען פון זיינע ווערק אויף רוסיש).

וועגן דער אייגנטלעכער לייזונג פאַר די פּראָבלעמעס פון קליינבירגערטום האָט שלום־עליכם ניט געהאַט קיין פעסט אויסגעפורעמטע און שטאַנדהאַפטיקע מיינונג, האָט ער זיך באַמיט נאָכצוגיין נאָך יעדן זיגזאַגישן קער און ווענד — אַפילו דעם סאַמע אויבנאויפיקסטן — פון זיין סאָציאַלער באַזע. אין דעם פּרט האָט ער טאַקע געוויזן אַן אומגעהייערע פּייאיקייט, ער האָט זיין סאָציאַלע באַזע פאַרשטאַנען אויפן וואונק. — מיר דאַרפן אַלזאָ פעסטשטעלן, אַז אַ סך וועזנטלעכע שטריכן אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס" — אַזוי, למשל, אויך אַ לעצטע שפּור פון רעלאַטיוון אָפּטימיזם, וואָס מיר פילן אין דעם בוך — ווערן מיטבאַשטימט גראָד דורך דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע פונעם יידישן קליינבירגער אין אַמעריקע פון יענער צייט.

10

די עמיגרירטע קליינבירגער פּראָלעטאַריזירן זיך אין אַמעריקע. דער גרעסטער רוב — ענדגילטיק און בלייבנדיק, אַ טייל אָבער בלויז צייטווייליק, ביז עס גיט זיך אים איין אָנזאַמלען יענעם מינימום מיטלען, וואָס איז נייטיק, כדי זיך ווידער צוצוכאַפּן צו די קליינבירגערלעכע באַשעפטיקונגען. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז סיי די אָרעמע קליינבירגערלעכע מאַסע, סיי אַפילו דער „אַלרייטניק" קאָנען ווייזן אַ באַשטימטע „פאַרשטענדעניש" פאַרן פּראָלעטאַריאַט. זיי זיינען דאָך אַליין דורכגעגאַנגען, זאָל זיין צייטווייליק, די עקזיסטענץ פון אַרבעטער. די סיטואַציע פון דער דאָזיקער קליינבירגער־מאַסע איז זעלטן אַמאָל אויף אַזויפיל פעסט, אַז די מעגלעכקייט ווידער צו ווערן אַרבעטער זאָל זיי ניט שטיין פאַר די אויגן — כאָטש זייער שטרעבן גייט לחלוטין אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

דעריבער קאָנען זיי אויף אַ באַשטימטן אופן און ביז צו אַ באַשטימטן גראַד, וואָס אַנטשפּרעכט צו זייער קלאַסן־כאַראַקטער, אַמאָל אַפילו „מיטפילן" די קאַמפן פון דער אַרבעטערשאַפט „אויף צו פאַרבעסערן די טאָג־טעגלעכע לאַגע". דאָס דאָזיקע קליינבירגערלעכע מיטגעפיל שילדערט שלום־עליכם אויף זיין אייגנאַרטיקן שטיגער דורכאויס ריכטיק. ער לאָזט מאָטלען זאָגן: „מיר דאַכט, אַז ס'איז גאָר ניטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אַז מע שטרייקט. דאָס האָט אַזאַ פּנים, ווי אַז איר לערנט ביי אַ רבין, וואָס שלאָגט זיך צו שטאַרק, נעמט מען אָפּ ביי אים די קינדער און מע זוכט אַן אַנדער

מלמד.״ (שלום־עליכם פאָלקס־אויסגאַבע, טייל 2, ז. 117). ניט געקוקט אויף דער וויצלדיקייט, מיט וועלכער שלום־עליכם לייגט אַריין די דאָזיקע ווערטער אין מאָטלס מויל, און ווי „באַאיוו״ און פיליסטעריש אַזאַ דערקלערונג וועגן דעם מהות פון שטרייק זאָל ניט זיין, איז דאָס אָבער סיי די מיינונג פון שלום־עליכמס סאָציאַלער באַזע, סיי זיין אייגענע גופא. מע דאַרף בלויז אויסזוכן אַ מלמד, וואָס שלאָגט זיך ניט צו שטאַרק — און אַלץ איז גוט און וואויל.

דער שיכט, וועלכן שלום־עליכם דריקט דאָ אויס, האָט עפּעס אַ באַשטימטן שייכות צו שטרייקן, און שלום־עליכם רופט זיך אָפּ אויך אויף דעם דאָזיקן מאָמענט. „איך הערט זיך דאָרט (אויף שטרייק־מיטינגען — מ. וו.) אָן אַזעלכע ווערטער, וואָס איך האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט: „דזשענעראַל סטרייק״... „יוניאָן״... „אָרגאַניזירט״... „אַכט און פערציק שטונדן״... „העכערע וויי־דזשעס״... „בעסערע באַהאַנדלונג״... „סקעבס״... „סטרייק־ברעכערס״... „פּיקעטס״... און נאָך כדומה אַזעלכע ווערטער, וואָס איך פאַרשטייט זיי ניט. מיין חבר מענדל זאָגט, אַז ער פאַרשטייט זיי יאָ. נאָר געבן זיי מיר צו פאַר־שטיין קאָן ער ניט. „ווּעסט עלטער ווערן, זאָגט ער מיר, וועסטו אַליין פאַר־שטיין.״ עס קאָן זיין.״ (דאָרט, ז. 118). ס׳קאָן טאַקע זייער זיין, אַז מאָטל וועט אויסוואַקסן אַ פּראָלעטאַריער, אַ רעוואָלוציאָנער און וועט דאָס אַלץ טאַקע לויטן אינעווייניקסטן תוך פאַרשטיין, און אַפילו קאָנען געבן צו פאַרשטיין אַ סך בעסער ווי שלום־עליכם גופא. וואָרים ניט געקוקט אויפן וויצלדיק־שמייכלענ־דיקן אופן, ווי שלום־עליכם רעדט דאָ וועגן דעם „ניט־פאַרשטיין״ — איז דאָס דאָזיקע „ניט־פאַרשטיין״ דווקא זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן קליינבירגער און פאַר זיין אידעאָלאָגיע. וואו שלום־עליכם באַהאַנדלט אַן ענין, וואָס איז פאַר אים אין תוך ניט געלייזט, דרייט ער זיך אַרויס מיט אַ וויצל.

עליע, דער צייטווייליק פּראָלעטאַריזירטער „מנחם־מענדל״, איז אויפן שטרייק־מיטינג מיט יעדערן, וואָס מע זאָל ניט זאָגן, מסכים. און פיני, וואָס איז שוין דווקא יאָ פייער און פלאַם פאַר שטרייקן, אַז ער טרעט אָבער אַרויס און רעדט צו דער אַרבעטער־מאַסע, פלוידערט ער ווילדע און בטלנישע נאַרישקייטן. די אמתע פּראָלעטאַריער חוזקן פון אים:

„— וואָס דאַבערט ער? — וואָס האַקט ער אַ טשייניק?״ און רייסן אים אַראָפּ מיט גוואַלד פון דער עסטראַדע. דער סוף איז טאַקע געווען, אַז אין רעזולטאַט פונעם שטרייק האָבן זיך די דאָזיקע צוויי קליינבירגער געכאַפּט צו מער קליינבירגערלעכע פּרנסות, וואָס פירן אַוועק פונעם פּראָלעטאַריער צום „אָלרייטניק״.

11

די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט גייען דאָ אָן דעם קליינבירגער אויף אַזויפיל, ווי זיי האָבן אוממיטלבאַר אַ שייכות צו זיינע אייגענע קלאַסן־אינ־

טערעסן. ער באַנעמט ניט זייער טיפערן תוך ביז צום סוף, נאָר דאָס, וואָס רירט אים אוממיטלבאַר אָן, אָדער אויף וויפיל עס דוכט זיך אים, אַז עס קאָן אים פריער אָדער שפּעטער אוממיטלבאַר אָנרירן. די דאָזיקע באַציאונג קומט צום אויסדרוק אין שלום־עליכמס קליינבירגערלעכן, וואוילגעגויגט־דעמאָ־קראַטישן פאַרהעלטעניש צום פּראָלעטאַריאַט און זיינע קלאַסנקאַמפן. שיל־דערונגען פון עקספּלואַטאַציע און נויט פונעם פּראָלעטאַריער געהערן ניט צו שלום־עליכמס אייגנטלעכע טעמעס. ער דערוואָרעמט זיך ערשט דעמאָלט, ווען ער מאָלט בילדער פון דחקות און נויט ביים פאַראָרעמטן קליינבירגער. אָבער אַפילו די דאָזיקע בילדער דערגרייכן ניט קיין אָנקלאָגערישע שאַרפקייט, ווייל ער זעט ניט דייטלעך קיין קעגנער און שולדיקן און ווייל סוף־כל־סוף פאַרלאָזט אים קיינמאָל ניט די וואַקלדיקע האָפענונג אויף בעסערע צייטן און באַדינגונגען. דעריבער, אַז ער באַקלאָגט, למשל, די נויט און די דחקות פון קינדער — און דאָס איז אים זייער אַ נאָענטע טעמע — שילדערט ער דאָס ניט אַלס דעם טיפּישן גורל פון קינדער פון עקספּלואַטירטע, נאָר אַלס אַן אומגליק, וואָס שטאַמט סוף־כל־סוף — פון נאַציאָנאַלע סיבות: „דיעטי טשערטי!“ — פון אַן עקאָנאָמישער לאַגע, אין וועלכער ס'איז דער עיקר שולדיק דער אַנטי־סעמיטיזם. —

רעדנדיק וועגן פּרודאָנען, כאַראַקטעריזירט מאַרקס דעם קליינבירגערלעכן אידעאָלאָג אַזוי: „דער קליינבירגער ווערט אין דער היינטצייטיקער פאַר־געשריטענער געזעלשאַפט פּשוט צוליב זיין סיטואַציע גופא פון איין זייט אַ סאָציאַליסט — און פון דער אַנדערער אַן עקאָנאָמיסט (ד. ה. אַן אָנהענגער פון דער בורזשואַזער עקאָנאָמיק — מ. וו.), ד. ה. ער איז פאַרבלענדט פון דער גרויסאַרטיקייט פון דער גרויסער בורזשואַזיע און פילט דערביי אויך מיט די ליידן פון דער מאַסע פונעם פאָלק. אין איינער און דער זעלבער צייט איז ער סיי בורזשוא, סיי מאַסע (פאָלק). אין טיפן האַרצן גרויסט ער זיך דערמיט, וואָס ער איז אַן אומפּאַרטייאישער, אַז ער האָט געפונען דעם אמתן גלייכ־געוויכט, וואָס האָט אַ פּרעטענזיע זיך אויסצוטיילן פון דער געוויינלעכער דורכ־שניטלעכקייט. אַזאַ קליינבירגער פאַרגעטערט די סתירה, ווייל די סתירה איז דער גרונט פון זיין עקזיסטענץ. ער אַליין איז ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ געזעלשאַפטלעכער ווידערשפּרוך, אַ פאַרקערפּערטער אין טאַט. ער דאַרף באַ־רעכטיקן אין דער טעאָריע דאָס, וואָס ער איז אין דער פּראַקטיק, און פּרודאָן פאַדינט צו זיין דער וויסנשאַפטלעכער קאָמענטאַטאָר פון פראַנצויזישן קליינ־בירגערטום; דאָס איז — אַ ווירקלעכער פאַרדינסט זיינער, ווייל דאָס קליינ־בירגערטום דערשיינט אַלס אַ באַשטאַנד־טייל פון אַלע קומענדיקע סאָציאַלע רעוואָלוציעס.“ (אינעם בריוו צו אַנענקאָוון וועגן פּרודאָנס פילאָסאָפיע פון אָרעמקייט“). די דאָזיקע ביז גאָר טיפּע כאַראַקטעריסטיק פונעם קליינבירגער־

לעכן אידעאָלאָג פּאַסט, ווי מיר זעען, ביז אין אַלע פּרטים אויך אויף שלום־עליכמען.

שלום־עליכמס מיטגעפיל צום פּראָלעטאַריער איז געווען זייער אויפריכטיק. ער האָט אים אָבער, דורכאויס טעותדיק, געהאַלטן פאַר אַ טייל, פאַרן אָרעמסטן טייל, פון זיין, פונעם קליינבירגערלעכן, קלאַס. ער האָט אים צונויפגעמישט מיט זיין קלאַס. „פּראָסטע יידן" — דערמיט מיינט ער דורכשניטלעכע קליינבירגער — זיינען פאַר אים געווען דאָס אייגענע ווי „אַרבעטער", און אַלע אינאיינעם האָט ער געהאַלטן פאַרן „אמתן פאָלק". זיין מיטגעפיל צו דער אַרבעטערשאַפט האָט שלום־עליכם טיף־רירנדיק, אָבער הילפלאָז דעמאָנסטרירט מיט די ווערטער פון זיין צוואה, וואָס דאַרפן, אויף זיין שטייגער, זיין אַ סימפּאַטיע־באַוויז פאַר די אַרבעטער און אַ פּראָטעסט קעגן דער בורזשואַזיע ביז איבערן טויט אַריבער: „וואו איך זאָל ניט שטאַרבן, זאָל מען מיך באַהאַלטן ניט צווישן אַריסטאָקראַטן, מיוחסים, אָדער גבירים, נאָר גראָד צווישן פּראָסטע יידן אַרבעטער, מיטן אמתן פאָלק."

דער גרויסער שרייבער האָט דעם פּראָלעטאַריאַט מיטגעפילט אַזוי ווי אַ „ראַדיקאַלער" קליינבירגער, וואָס וויל זיך ניט אָפּרייסן פון זיין קלאַס. קאָן אים מיטפילן. אויף אַזאַ קליינבירגערלעכן רעאַקציאָנערן שטייגער האָט זיך שלום־עליכם אָפּגערופן אויף דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905. אויף אַזאַ שטייגער האָט ער געמאָלט דאָס אַרבעטער־לעבן און שטרייק־בילדער אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס", אין „יוסף" און אין אַנדערע ווערק. סימפּאַטיזירנדיק, אָבער מיט אַ שמייכעלע — כאָטש דער עיקר איבער זיינע קליינבירגערלעכע „מיטלויפערישע" פיגורן — וואַקלענדיק און מטושטש. דעם אַרבעטער האָט ער באַנומען און באַוויזן ווי דעם סאַמע אָרעמסטן שיכטן פונעם קליינבירגערלעכן קלאַס.

„און אויב מיר האָבן פאַר זיך אַן אמתן גרויסן קינסטלער, איז גאָרניט מעגלעך, אַז ער האָט ניט געזאָלט אָפּשפּיגלען אין זיינע ווערק כאָטש עטלעכע וועזנטלעכע זייטן פון דער רעוואָלוציע." אַמאָל טאַקע זייער סתירהדיק און קלאַסנפרעמד, „אַלס אויסדרוק פון די קעגנזעצלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען דאָס רוסישע לעבן אין לעצטן דריטל פון 19טן יאָרהונדערט." די ציטאַטעס זיינען פון לענינען וועגן טאָלסטאָיען. מיר מיינען אָבער ניט צו מאַכן דעם מינדסטן פאַרגלייך צווישן דעם ווערט און באַטייט פון טאָלסטאָיען און שלום־עליכמען — דאָס וואָלט אַוודאי געווען מער ווי אומגעלומפּערט — אויב מיר שטעלן פעסט, אַז דעם לענינשן טעזיס דאַרף מען אויך אַן אַנטשפּרעכנדיקן אופן אויך אָנווענדן בנוגע שלום־עליכמען.

שלום־עליכם גיט אויך אַ באַשטימטן אופן אַ גלענצנדיקע קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג פון דער לאַגע און דער ראָל פון יידישן קליינבירגערטום אין פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע, פון דער ראָל און באַטייט פון זיין „אַנטייל" אין

איר. מיט גרויסן פאַרנעם און מיט אויסשעפּנדיקער און אויסשליסלעכער פול־קאָמקייט, אין אַן אייגנאַרטיקער פאָרם, וואָס אַנטשפּרעכט צום קלאַסאָוון אינהאַלט און דריקט אַזוי אַרום אַמדייטלעכסטן אויס דאָס, וואָס זי וויל אָפּ־שפּיגלען — שילדערט ער דעם אומאויפהערלעכן און ניט אָפּצושטעלנדיקן פּראָצעס פון פאַרעלנטונג און פאַראָרעמונג פון קליינבירגערטום אין פּעריאָד פון אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם. און טאַקע באַגלייך דערמיט שפּיגלט ער אָפּ די הילפלאָזיקייט פון דעם קלאַס, אַפילו פון זיינע ראַדיקאַלע פאַרשטייער — דורך טאָט און טעאָריע זיך צו אָריענטירן און צו געפינען אַן אויסוועג. דעריך, אויף וויפיל שלום־עליכם האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיינע ווערק באַשטימטע מאָמענטן פון דער רעוואָלוציע, באַשטייט דער וויכטיקסטער הויפּט־ווערט פון זיין שאַפן אַלס ירושה פון פּראָלעטאַריאַט. דעם וועג, וואָס פירט אַרויס פון די ווידערשפּרוכן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, האָט שלום־עליכם ניט געזען, ער איז אָבער דורכאויס קלאָר פאַרן רעוואָלוציאָנערן פּראָלע־טאַריאַט. ער האָט בלויז אויסגעדריקט די פּראַגע, דער פּראָלעטאַריאַט ווייס אָבער אויך דעם פולן און ריכטיקן ענטפער. דעריבער איז אויך דאָ אַ ריכטיקע און פולע פאַרשטענדעניש און אָפּשאַצונג פון זיין שאַפן מעגלעך בלויז ווען מע שטייט אויפן בליק־פונקט פונעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. —

12

אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס" פאַרסאַכאַקלט שלום־עליכם זיין קינסט־לערישע אויפגאַבע, סיי וואָס שייך דעם אידעאָלאָגישן אינהאַלט בכלל, סיי וואָס שייך דער טעמאַטיק און סיי וואָס שייך דער פאָרם (שפּראַך־סטיל, לעקסיק, זאַצבוי, קאָמפּאָזיציע, פאַבולע, „אינטריגן"־קרייז א. אַז. וו.) בפרט. דאָ זיינען דערפירט אַלע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון שלום־עליכמס שאַפן ביז צו זייער אויסגעשפּראָכנסטער העכסטער מדרגה. אָבער אויך זיינע פעלערן אַנט־פּלעקן זיך דאָ זייער בוילעט: די נעבעכדיקע אָרעמקייט, וואַקלדיקייט און צע־טומלטע מטושטשקייט פון זיין וועלט־באַנעם און פון זיין קוק אויף די גע־שעענישן פון זיין צייט און אויף דער געזעלשאַפט. און אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם — זיין אומפייאיקייט צו געבן אַן אָרגאַניש געבונדן און דינאַמיש אַנט־וויקלט ברייט בילד וועגן די פּראָצעסן, וואָס דער קלאַס, וועלכן ער שילדערט, מאַכט דורך.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין אַ הערה צו די פאָרזעצונגען פון דעם דאָזיקן בוך, וואָס זיינען דערשינען אין דעם „פריינד", באַטאָנט שלום־עליכם גופא זייער דייטלעך, אַז די איינצלנע קאַפּיטלעך פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס" זיינען דורכאויס זעלבשטענדיקע און אומאָפּהענגיקע דערציילונגען. צו דעם קאַפּיטל „די וואַסערשטוב" (זע „נאַכוואָרט"), וואָס איז דערשינען אין „די־

יידישע וועלט״ 1914 (2טער בוך, ז. 315), שרייבט שלום־עליכם אַן ענלעכע הערה: „דער ערשטער טייל איז דערשינען אין אַ באַזונדער בוך אונטערן זעלבן נאָמען, באַשטייט פון אַ סעריע זעלבשטענדיקע דערציילונגען; אויף דעם זעלבן אַרט גייען אויך די ווייטערדיקע דערציילונגען, נישט געבונדן איינע מיט דער אַנדערער, אויף אַ סעריע (!).״

די דאָזיקע באַמערקונגען זיינען בלי־ספק אַרויסגערופן געוואָרן פון רייך־„פּאַרלעגערישע״ סיבות; זיי וואָלטן אָבער ניט געמאַכט געוואָרן, אויב זיי וואָלטן אין אַ גרויסער מאָס טאַקע ניט אַנטשפּראָכן דערווירקלעכקייט. די דערציילונגען „מאָטל פּייסי דעם חזנס״ זיינען אויף אַ באַשטימטן אופן יאָ געבונדן „אויף אַ סעריע״. זיי גייען נאָך אַ ביאָגראַפישן פאָדעם און באַציִען זיך כראָנאָלאָגיש־פאַקטיש שטענדיק אויף פריער דערציילטן. ס'איז אָבער אויך אמת, אַז זיי זיינען יעדע באַזונדער „זעלבשטענדיק״, „נישט געבונדן איינע מיט דער אַנדערער״. ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס ער האָט זיי עטלעכע מאָל אין זיינע בריוו אויך אָנגערופן „פעליעטאָנען״, כאָטש אין תוך זיינען זיי ביז גאָר פאַרשיידן פון דעם דאָזיקן זשאַנר.

אומזיסט ווילן מיר אין דעם דאָזיקן בוך זוכן אַן אינעווייניקסטע נויט־ווענדיקייט פון דער אַנטוויקלונג, אַנטשיידנדיקע הייך־פונקטן, אַן אָנזאַמלונג פון די געשעענישן און זייער אויפלייזונג, יענע דראַמאַטיק, וואָס איז כאַראַק־טעריסטיש פאַר אַן איינהייטלעך אָרגאַניש און דינאַמיש בילד פון סאָציאַלן לעבן. מיר געפינען דאָ בלויז קליינינקע אַנעקדאָטן (אין דער סאַמע העכסטער און קינסטלעריש געלייטערטער פאָרם פון דעם זשאַנר) ביז גאָר מייסטעריש אויפגעשנירלט אויף אַ ביאָגראַפישן פאָדעם. די באַוועגונג פאַרלויפט דאָ אָן שום דינאַמישע איבערקערענישן אין אַ מעכאַניש־כראָנאָלאָגישן אומעטום גלייכמעסיקן נאָכאַנאַנד. אַלע טיילן פון דעם בוך פאַרנעמען אַ גלייכמעסיקן און אַלצאיינסן אָרט, קיינער פון זיי איז ניט קיין צענטראַלער און באַהערשנ־דיקער, איז ניט קיין באַזונדערס וויכטיקער פאַרן גאַנצן איבעריקן בוך — פונקט אַזוי ווי די פאַרשיידנסטע „אידייען״ האָבן זיך אין שלום־עליכמס אידעאָלאָגיע זייער בשלומדיק געלעבט איינע לעבן דער אַנדערער. כאָטש זיי זיינען געווען אונטערגעוואָרפן צו אַ קליינבירגערלעכער דאָמינאַנטע, זיינען זיי אָבער ניט באַהערשט געוואָרן ביז צום גרונט פון אַן איינהייטלעכער שטאַנד־האַפטיקער וועלט־אַנשויאונג. . . .

עס לאָזט זיך ניט מיט זיכערקייט זאָגן, צי האָט טאַקע שלום־עליכם אַליין געפילט דעם באַטייט פון דעם דאָזיקן בוך, אַז ער גיט דאָ זיינס אַ קינסטלערישן סך־הכל. עס אַנטשפּרעכט דורכאויס צום גאַנצן סאָציאַלן מהות פון דעם דאָזיקן גרויסן שרייבער, אַז ער האָט געמאַכט די משונהדיקסטע טעותן ביי דער אָפּ־שאַצונג פון זיינע אייגענע ווערק און אין זיין באַציאונג צו זיי. אין תוך איז

דעריבער דאָס אַלץ זייער וויניק מאָסגעבנדיק. עס איז אָבער פּאַרט אינטערע־סאַנט, אַז אין אַ בריוו פונעם יאָר 1910 רייסן זיך אים אַרויס אַזעלכע ווערטער וועגן „מאָטל פּייסי דעם חזנס״: „איך האָב געזאָגט, איך גיי געבן עצם מעצמי ובשר מבשרי״ (ד. ה. „ביין פון מיין געביין, פלייש פון מיין לייב״ — מ. וו., זע „שלום־עליכם־בוך״, ז. 296). עס איז אויך ניט קיין חידוש, אַז די דעמאָלטיקע ליטעראַטור־קריטיקער פונעם קלאַס, וועלכן ער האָט אויס־געדריקט, האָבן דעם דאָזיקן פאַקט באַנומען אויפן וואונק. אין 1913 שרייבט שלום־עליכם אין אַ בריוו צו ניגערן: „און איך האָב געקוועלט, וואָס איר האָט געטראָפן ווי אַ נביא, אַז מיין געליבט קינד איז מאָטל פּייסי דעם חזנס. אמת, ווי די תורה איז אמת.״ („שלום־עליכם־בוך״, ז. 245). אין זייער וויניק ווערק האָט שלום־עליכם דערגרייכט אַזאַ אויסגעהאַלטענע מייסטערשאַפט, ווי אין דעם בוך, און טאָקע דערפאַר באַווייזט זיך דאָ זיין אידעאָלאָגישע געשלאָגנקייט און געדריקטקייט באַזונדערס פּילבאַר. אין דעם דאָזיקן בוך זאַמלען זיך ווי אין אַ ברענשפּיגל די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון שלום־עליכמס שאַפן.

13

„מאָטל פּייסי דעם חזנס״ איז דורכאויס ניט קיין „קינדער־בוך״. ס׳איז לחלוטין ניט געשריבן געוואָרן פאַר קינדער. אין אַ בריוו פון 1907 שרייבט שלום־עליכם („שלום־עליכם־בוך״, ז. 218): „באַר־וואָס איז מיר איינגעפאַלן אַ מאָדנע מחשבה: פאַר אַ צווייטער קאָלעקציע העברייאישע מעשיות פאַר קינדער זאָלט איר נעמען מיינע מעשהלעך פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס יינגל״, זיי זיינען פאַר אייך ווי געוואונטשן. אַ פאַר שיק איך אייך פון זיי דאָ, אין דעם בריוו, נאָך וועל איך אייך שיקן שפּעטער — איך האָב זיי ניט אונטער דער האַנט. געדרוקט זיינען פון זיי זיבן, זיין וועט 12 אָדער 15. כאַפּט אַ קוק, איר וועט האָבן הנאה. ביאַליק וועט איינגעמען אַ מיתה־משונה. אָך, ווען ער זעצט זיי איבער אויף לשון־קודש!״ דאָס איז טאָקע געווען אַ „מאָדנע מחשבה״, איינרעדן, אַז „מאָטל פּייסי דעם חזנס״ זיינען קינדער־מעשיות. אַליין רופט זיי שלום־עליכם עטלעכע מאָל אָן „פעליעטאָנען״ (זע „שלום־עליכם־בוך״, ז״ז 130־131, 296), און גראָד ניט בלויז דערפאַר, ווייל זיי דרוקן זיך „אונטער דעם שטריך״ — און פלוצים גאָר: מעשיות פאַר קינדער! אַזאַ מאָדנע מחשבה האָט שלום־עליכמען געקאָנט איינפאַלן נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין רע־אַקציאָנערער ציוניסטישער חפציה, אַז זיינע ווערק זאָלן איבערגעזעצט ווערן אויף העברייאיש. וואָרים טאָקע — אויב אַפילו קינדער דאַרפן האָבן גראָד העברייאיש — איז פאַרוואָס ניט אויך „מאָטל פּייסי דעם חזנס״?

אין אמתן איז דאָס בוך סיי פון אָנהייב און סיי שפּעטער ניט פאַרטראַכט, ניט געשריבן און אויך ניט באַשטימט געוואָרן פאַר קינדער. ס׳איז אויך לויט

זיין תוך גאָרניט צוטריטלעך געווען פאַר קינדער. ניט די טעמע, ניט דער מיין פונעם בוך, ניט די פאַקטן און בילדער, ניט די פאַרשיידענע חנדלעך, אַנעקדאָטן, פיינקייטן און איראָניעס. דאָס אַלץ זעצט פאָראויס אַ זייער דער־וואַקסענעם לייענער. ס'איז אַ דערציילונג כלומרשט וועגן קינדער (אין אמתן געהערן דערוואַקסענע, ווי עליע, פיני א. אַנד., ניט ווייניקער ווי קינדער צו די הויפּט־פיגורן) און כלומרשט דערציילט פון אַ קינד. כלומרשט, ווייל שלום־עליכם באַמיט זיך גאָרניט צו זיין אין דעם פרט איבעריק אויסגעהאַלטן. אין מאָטלס באָמען גיט שלום־עליכם גענוג אָפט אַזעלכע דעטאַלן און באַאָבאַכטונ־גען, וואָס וואַקסן ווייט אַריבער דעם קינדערישן באַנעם. שלום־עליכם פּרואווט דאָס אַלץ פאַרענטפערן דורכן אָנווייז, אַז זיין מאָטל איז אַ באַזונדערס שטאַרק טאַלאַנטפול קינד. מיר אָבער זיינען לחלוטין ניט מחויב די דאָזיקע ווייניק איבערצייגנדיקע פאַרענטפערונג אָנצונעמען, בפרט אַז מיר זעען אַזוי דייטלעך, ווי די מאָסן און מעגלעכקייטן פון מאָטלס באַגאַבטקייט ווערן אַזוי אָפט צע־זעצט פון די גאָר גרויסע מאָסן, וואָס שלום־עליכמס טאַלאַנט האָט פאַרמאָגט.

וואָס איז שלום־עליכם אויסן מיט דעם, וואָס ער דערציילט וועגן זייער דערוואַקסענע ענינים דווקא כלומרשט דורכן אַספּעקט פון אַ קינד? פאַרוואָס האָט שלום־עליכם געדאַרפט אַרויסזאָגן דורכאויס דערוואַקסענע דערפאַרונגען אין דער פאָרם פון אַ סטיליזירונג, וואָס טראָגט אַ בכיוון קינדערשן כאַראַק־טער? ס'וועט זיין אַ טעות צו מיינען, אַז דערמיט איז שלום־עליכם אויסן פאַרצושפּיגלען די פרישקייט פון די איינדרוקן, וואָס דאָס „קינדער־אויג“ כאַפּט אויף. אַזאַ ענטפער ליגט זייער אויבנאויפיק און דערקלערט גאָרניט. וואָרים: פאַרוואָס האָט ער די דאָזיקע זעלבע „פרישקייט“ ניט געקאָנט געבן אין זיין אייגענעם באָמען און פאַרוואָס איז דאָס דאָזיקע מיטל פאַסיק און נייטיק געווען גראָד פאַר דער טעמע עמיגראַציע און ניט אויך פאַר אַנדערע טעמעס, וואו מיר געפינען ניט מער און ניט ווייניקער „פרישקייט“ פון איינדרוקן ווי אין דעם ווערק?

אַז מיר וועלן זיך גוט איינקוקן אינעם כאַראַקטער פון דער „קינדערשקייט“ אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס“, וועלן מיר זען, אַז דער עיקר באַשטייט זי אין דער מאַניר אויסצודריקן כלומרשט נאַאיוו־אומבאַוואוסטזיניק „טראַגישע“ זאַכן. פון דעם באַקומט זיך אַ הומאָריסטישער עפעקט. דער עיקר באַשטייט די „קינדערשקייט“ אינעם „פאַרענגערן“ און „פאַרשמעלערן“ דעם פאַרנעם פון די דערציילטע פאַקטן, פון וועלכע עס ווערט אַרויסגעטרייסלט יעדע פאַר־טיפונג פונעם אינהאַלט. אַזוי אַרום דרייט זיך דער שרייבער אַרויס פונעם התחייבות זיך איינדייטיק קלאָר אַרויסצוזאָגן וועגן דעם זין און באַטייט פון די דערציילטע פאַקטן און צו זיי שטעלונג צו נעמען. אַזוי אַרום שאַפט זיך דער שרייבער די דערלויבעניש גרינג צו שפּרייזן איבער פאַקטן, וואָס מע

וואָלט אַנדערש מיט אַזאַ „לייכטקייט" ניט געקאָנט באַהאַנדלען. דאָס „קינדער־מויל" פאַרשאַפט די מעגלעכקייט צו באַהאַנדלען באַשטימטע טעמעס אויף אַזאַ „לייכטן" אופן, ווי שלום־עליכם וואָלט דאָס אין זיין אייגענעם נאָמען בשום אופן ניט געקאָנט טאָן. שלום־עליכם האָט די דאָזיקע טעמע געקאָנט באַהאַנדלען — אַנטשפּרעכנדיק צו זיין סאָציאַלן מהות, — אָדער סענטימענטאַל־„טראַגיש" אָדער „הומאָריסטיש". ער האָט אויסגעקליבן דאָס לעצטע אַלס דאָס פּאַסיקסטע אין דעם פאַל, ווייל די טראַגיק פונעם קליינבירגער פאַרוואַנדלט זיך ביז גאָר גרינג אין באַנאַלישקייט און קאָמיק. די דאָזיקע דערפאַרונג האָט שלום־עליכם אַליין אין זיין שאַפן גענוג אָפט געמאַכט. דאַרפן אַנדערע פונעם קליינבירגער לאַכן — לאַכט ער בעסער אַליין פון זיך, אַזוי אַרום פאַרמינערט זיך זיין קאָמיק, און זי באַקומט גאָר צוריק אַ „טראַגישן" אויסזען. אָפענער הומאָר איז אָבער דאָ צוליב די טראַגישע פאַקטן ניט מעגלעך געווען — האָט דעריבער שלום־עליכמס קינסטלער־באַוואוסטזיין זייער צוועקמעסיק צוגעצויגן אַהערצו דאָס „קינדער־מויל".

דער „הומאָריסטישער", לייכטער, אויב ניט לייכטזיניקער, צוגאַנג צו דער טעמע דאַרף דאָ פאַרענטפערט ווערן דורכן „קינדער־מויל", דאָס איז עס, וואָס שלום־עליכם וויל מיט דער דאָזיקער מאַניר אַנטשולדיקן און צודעקן. די פאַקטן ווערן געוויזן ביי דער אַראָפּגעשרויפטער שיין פון קינדערשן אַספּעקט, כדי אַזוי אַרום איינצוהילן די אידעאָלאָגישע הילפלאָזיקייט, וואַקלדיקייט און דעזאָריענטירטקייט און איינצוהאַלטן ביי אַלדעם אַ לעצט רעשטל פון אָפּטימיזם — די אויפגאַבע, וואָס שלום־עליכם האָט זיך געשטעלט אין דעם דאָזיקן ווערק.

14

דער זשאַנר פון דער קינדער־מעשה בכלל איז שלום־עליכמען היימיש. ער איז דאָך אַ מייסטער פון קליינבירגערלעכע מעשיות פאַר און פון קינדער. די דאָזיקע געניטקייט איז שלום־עליכמען גוט צונוץ געקומען דאָ, ביי דער כלומרשטער קינדער־מעשה. גרויסע הומאָריסטן האָבן זייער אָפט געמאָלט זייערע שילדערונגען אינעם אַספּעקט פון אַ קינד. אַפּנים, אַז דאָס איז איינער פון די כאַראַקטער־שטריכן פון די קליינבירגערלעכע הומאָריסטן. אַחוץ אַלעם אַנטשפּרעכט דאָס צו זייער סענטימענטאַל־משפּחהדיקן צוגאַנג און באַנעם, אַפילו ווען זיי דאַרפן באַקלאָגן די סיטואַציע פון זייער קלאַס. אומצופרידנקייט און טרויער זיינען ביי זיי געוויינטלעך שטאַרק פאַרבונדן מיט אויסדרוקן פון משפּחהדיקער סענטימענטאַליטעט.* דער העכסטער אויסדרוק פון „רחמנות צו

* דער קליינבירגער איז געוויגט צו זען אין דער משפּחה די הויפּט־באַזע און דאָס וויכטיקסטע קעמערל פון דער געזעלשאַפט, אויף וועלכער עס בויען זיך אַלע איבעריקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע דערשיינונגען. אויב

דער משפחה״ פאַרשפּיצט זיך ביי זיי אינעם „רחמנות צום קינד״. דאָס איז, אגב, דער אינעווייניקסטער באַטייט פון דער „נאַאיווער״, „הומאַנער״ קליינבירגערלעכער פאָרמולירונג וועגן דעם „יאָרהונדערט פונעם קינד״. — אַלע דערציילטע פאַקטן און געשילדערטע פיגורן ווערן מיט דער הילף פון דער קינדערשער „פּריזמע״ אַריינגעצויגן אין דער ספערע פון משפּחהדיקער סענטימענטאַליטעט. אַזוי אַרום דאַרף אויך די סענטימענטאַליטעט גופא פאַרדעקט און פאַרענטפערט ווערן.

אין זיינע בעסטע ווערק רעדט שלום־עליכם זעלטן פון זיך־אויס, מיט זיין „אייגענער צונג״. געוויינטלעך, לאָזט ער עמעצן רעדן אין יענעמס נוסח, אָדער ער סטיליזירט זיין אייגענעם דערצייל־נוסח, לויטן סטיל פון זיינער אַ פיגור. דאָרט, וואו ער פּרוואוט רעדן און דערציילן אין זיין אייגענעם נאָמען, אין די „יידישע ראָמאַנען״, אין „מבול״, „בלאָנדזשענדע שטערן״ א. אַנד. פאַלט ער געוויינטלעך דורך. דאָס איז אין די דערמאָנטע ווערק איינע פון זייערע וויכטיקסטע שוואַכקייטן. אין זיין אופן רעדן און דערציילן אַנטפּלעקט זיך דאָ אַזאַ סענטימענטאַליטעט, נאַאיווקייט פון באַנעם און אַפילו באַנאַלישקייט, אַז דאָס צעשטערט אין אַ היפּשער מאָס אויך דעם ווערט פון באַשטימטע מער געראָטענע ערטער אין די דערמאָנטע ווערק.

דער גרויסער קינסטלער פילט מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניק, אַז מיט דעם, וואָס ער האָט צו זאָגן, אַז מיט דעם אופן ווי ער באַנעמט און דערקלערט די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, אַז מיט דער אָרעמקייט און וואַקלדיקייט פון זיין אידעאָלאָגישער קאָנצעפּציע טאָר ער זיך ניט אַליין אַרויסשטעלן. ער מעג נאָר רעדן הינטער די פּלייצעס פון זיינע פיגורן, פון זיינע מנחם־מענדלס, טביהס, מאָטלס א. אַז. וו. זיי מעג ער אויפּציען, זיי מעג ער לאָזן רעדן, מיט זייער לשון און לויט זייער באַנעם. צו די מנחם־מענדלס און טביהס וועט מען קיין טענות ניט האָבן. זיינע פיגורן ווירקן דאַן אין ערגסטן פאַל קאָמיש, אָבער ניט דער שרייבער און ניט די אידעאָלאָגיע, וואָס פאַקטיש דריקט ער זיך אויס דווקא דורך די רייד פון זיינע פיגורן. אויף אַזאַ אופן שאַפט זיך די אילוזיע, אַז זיין אידעאָלאָגיע שטייט העכער און איבער דער אידעאָלאָגיע פון זיינע פיגורן; רעדט ער אָבער אַליין און אין זיין נאָמען, פאַלט זי, זיכטבאַר פאַר יעדערן, אַראָפּ צום ניוואָ פון יענע.

שלום-עליכם וויל אין „סענדער בלאַנק״ און „יאַקנעהאָז״ קריטיקירן אַ באַשטימטן שיכט — און די דאָזיקע צוויי ווערק געהערן דאָך צו זיינע סאַמע „שאַרפסטע״ געזעלשאַפט-קריטיקירן — טוט ער דאָס דורך אַן אילוסטראַציע פון זייער אייגנטלעכן משפּחה-לעבן אין ענגסטן באַטייט פון וואָרט. מאַרקוס, דער „פּאָזיטיווער״ רעזאָניאָר פון שלום-עליכמס „יאַקנעהאָז״, קאָנצענטרירט זיין אָנקלאָג אין די ווערטער: „וואו איז ער, דער גלאַנץ פון אונדזער אומה, אונדזער גרעסטע, אונדזער שענסטע און אפשר איינציקע מעלה, מיט וועלכער מיר שטאָלצירן קעגן אַנדערע פעלקער: דאָס יידישע פ אַ מ י ל י ע נ ל ע ב ן!״ (שלום-עליכמס קורסיוו — מ. וו.).

מיט אַנדערע ווערטער: שלום־עליכם קאָן זיך ניט אויפהייבן צו אַן אויסגעאַרמירטער פאַרגאַנצטער איינהייטלעכער און שטאַנדהאַפטיקער היס־טאָרישער קאָנצעפּציע, לויט וועלכער ער זאָל קאָנען באַנעמען און אויסטייטשן די געשילדערטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, דעם מהות פון די פאַקטן און די פיגורן. ער לאָזט אין זיינע ווערק אַנדערע טאָן און רעדן לויט זייער סטיל און באַנעם און אויף זייער אַזוי צו זאָגן אייגענעם אחריות — אַזוי אַרום וויל ער זיך אַליין באַפרייען פונעם אחריות. אפילו די געזעלשאַפטלעכע קריטיק, אויף וויפיל זי איז דאָ, באַקומט זיך טיילווייז אַן זיין אחריות. דערביי דאַרפן דאָך די פיגורן אַרויסרופן מיטגעפיל און סענטימענטאַליטעט — אָבער ווידעראַמאָל אויף זייער אייגענעם אחריות. מע איז זיי מוחל די קריטיקירטע פעלערן צוליב זייער קאָמישקייט. דאָס קאָמישע ווערט אָפּגעשוואַכט דורך די טראַגישע פאַקטן — באַקומט עס זיך אין רעזולטאַט סענטימענטאַליש. ווען ס׳וואָלט אָבער געווען דורכגעפירט דער אויטאָר גופא און אַליין פאַרטייטשט די טראַגיק אין דער שיין פון זיין קאָנצעפּציע, וואָלט זיך באַקומען „קאָמיש״ אויף גאָר אַן אַנדערן אופן ווי ער האָט דאָס געוואָלט און גאָר אַקעגן זיינע כוונות. קיין סענטימענטאַלע געפילן וואָלט דאָס ניט אַרויסגערופן.

15

שלום־עליכמס שפּראַך־סטיליזאַציע איז אַ שפּראַך־קאָסטיומירונג, אַ שפּראַך־פאַרשטעלעניש, וואָס דאַרף אָפּוועגדן די אויפמערקזאַמקייט אַוועק פונעם מחבר צום ריידער צו. אויב שרייבער מיט אַ דייטלעך באַוואוסטזיניקער, אויסגעפורעמטער און שטאַנדהאַפטיקער אידעאָלאָגיע האָבן אַמאָל צו קעמפן מיט דער שווערקייט, אַז זייער אייגן קול זאָל זיך ניט צו גראָב דורכרייסן דורך די ווערטער פון זייערע פיגורן, איז ביי שרייבער ווי שלום־עליכם די שווערי־קייט אַ פונקט פאַרקערטע: אַפילו אין זייערע אייגענע ווערטער גופא רייסט זיך זייער דייטלעך דורך דאָס קול פון זייערע פיגורן. די שפּראַך־פאַרשטעלע־ניש נעמט אַראָפּ פונעם שרייבער דאָס התחייבות אָפּשאַצנדיק שטעלונג צו נעמען. דער לייענער מעג דאָן אַליין אָפּשאַצן ווי ער וויל, דער שרייבער רעזערווירט זיך די מעגלעכקייט סיי צו אַ יאָ, סיי צו אַ ניין מסכים צו זיין. אַז מע שמייכלט סתם באַטייט דאָס דאָך ניט יאָ און ניט ניין — אָדער פאַרקערט.

די דאָזיקע שפּראַך־פאַרשטעלעניש גייט ביי שלום־עליכמען ניט לויט דער ליניע פון אינדיווידועלער דיפערענצירונג, ניט לויט אינדיווידועלע כאַראַקטערן, נאָר לויט גאַנצע סטיל־טיפּן. פון דער שפּראַכלעכער כאַראַק־טעריזירונג באַקומט זיך ניט אַ באַשטימטער פּערזענלעכער כאַראַקטער, נאָר גיכער פאַר אַלץ דער שפּראַך־כאַראַקטער פון גאַנצע באַשטימטע סאָציאַלע

גרופּעס: פון מנחם־מענדלס, פון טביהס, פון די אַרקאַדי שווייצערס, פון די פּאָסטערנאַקעס, פון די קאַסריליוועקער, פון קאָמי־וואָיאַזשאָרן א. אַז. וו. דער „כאַראַקטער" אינעם אייגנטימלעכן באַטייט פונעם וואָרט קאָן לויט שלום־עליכמס סאָציאַלן מהות, לויט דער טבע פון זיין באַזע ניט זיין קיין אויפגאַבע פון זיין שאַפן. שלום־עליכם איז שוואַך וואָס שייך כאַראַקטער־שילדערונג, ווי בכלל וואָס שייך אייגנטלעכער „שילדערונג" און „מאַלעריי". ער איז אָבער גוואַלדיק שטאַרק אינעם שפּראַך־שילדערן, אינעם שילדערן דעם רייד־נוסח פון באַשטימטע גרופּעס אינעם יידישן קליינבירגערטום. ס'באַקומט זיך כלומרשט, אַז ניט די טעמע איז דער עיקר און דער שפּראַך־נוסח בלויז אַ מיטל, נאָר פאַרקערט, די טעמע איז דאָס מיטל, וואָס גיט געלעגנהייט אויס־צופּאַקן שפּראַך — דעם עיקר. דאָס אַלץ איז נאָר כלומרשט אַזוי. אַזוי אַרום באַקומט זיך דער איינדרוק פון אַ „שאָטנדיקער" קונסט, אַן „אומווירקלעכער", פון אַ „ווערטער־קונסט", קורץ: די כלומרשטיקייט איז דאָ אַן אויסדרוק פון אַ סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע, וואָס אַנטשפּרעכט צו דער איליוזאָרישקייט אין דער סיטואַציע פון דער באַזע, וועלכע קומט דאָ צום אויסדרוק.

אַזאַ כלומרשטיקע ווערטער־קונסט וויל עפּעס אויסבאַהאַלטן, און דער עיקר אויסבאַהאַלטן דעם פאַקט, אַז דאָס, וואָס מע באַהאַלט אויס, איז זייער נעבעכדיק און אָרעם. זי רעדט וויצלדיק און אַ סך, זי וויל פאַררעדן די ציין. נאָר אַזוי אַרום קאָן די דאָזיקע קונסט אויספירן איר פונקציע פון „מידת־הרחמים", פון „טרייסטן".

פון יוגנט אָן איבט זיך שלום־עליכם אין דעם דאָזיקן כלומרשטן פאַראַ־דירן די שפּראַך. נאָך פון יענער צייט, ווען ער האָט זיך מיט דובנאָוון דורכ־געשריבן העברייאיש אינעם סטיל פון „מגלה טמירין", ד. ה. אין אַ סטיל, וואָס פּאַראָדירט אַ פּאַראָדיע. פּאַראָדירן אַ פּאַראָדיע הייסט אָבער צום מינוס צוגעבן אַ מינוס און דעמאָלט באַקומט זיך דאָך אַ פּליוס. דובנאָוו כאַראַק־טעריזירט דאָס דאָזיקע שפּיל מיט פּיעטעטפולער וותרנות, ווי אַ נאַריש־מאַכעריי, ער האַלט אָבער, אַז שוין דאָ האָט שלום־עליכם צוגעגרייט און געשאַרפט זיין קומענדיקן ליטעראַרישן סטיל. און אין דער דאָזיקער באַ־מערקונג איז דער אַלטער נאַציאָנאַל־פאַשיסט גראָד גערעכט, כאָטש אַ ביסל אַנדערש ווי ער מיינט. שלום־עליכמס שפּראַך־קינסטלערישקייט אַנטהאַלט אין זיך שטענדיק אַחוץ — און טאַקע צוליב — דער סענטימענטאַלישקייט אויך כלומרשט אַ נאָטע פון חוזק, פון פּאַראָדיע, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט זיך אַרויסצוהעלפן פון פאַרשיידענע פאַרלעגנהייטן. ווען מע האָט ניט צו זאָגן עפּעס קלאָרס און איינדייטיקס, פעסט פאָרמירטס און שטאַנדהאַפטיקס, און מע מוז פונדעסטוועגן פאָרט זאָגן און טרייסטן — רעדט מען אָפט אַ סך, באַ־רעדעוודיק און כלומרשט פּאַראָדיסטיש.

16

די דאָזיקע טאַטזאַך טאָר ניט פאַרפירן צו דעם טעות, אַז שלום־עליכם איז אַ שרייבער אָן אַן אידייע. דאָס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען דורכאויס ניט ריכטיק. אַזאַ שרייבער איז בכלל ניט פאַראַן. די „אידייע" קאָן זיין פאַלש, ניט דייטלעך און פעסט אויספאָרמירט, ווייניק אַנטוויקלט, סתירהדיק, צע־פלאָסן, מטושטש, וואַקלדיק, עקלעקטיש א. אַז. וו. און דאָס איז דאַן אויך אַן אויסדרוק פון אַ באַשטימטער אידעאָלאָגיע. אָבער אַן „אידייע" האָט יעדער שרייבער. אין דעם פּרט איז שלום־עליכמס גרונט־שטריך ניט באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין אידייע, נאָר וואָס ער האָט געהאַט אַ גאַנצע ריי קליינבירגערלעכע ווידערשפּרעכלעכע געשטוקעוועטע און פאַלשע אידייען, פון וועלכע איינע האָט אונטערגעריסן די אַנדערע; וואָס זיין אידעאָ־לאָגיע איז געווען קליינבירגערלעך, עקלעקטיש, וואַקלדיק, ניט פעסט אויס־פאָרמירט, אַזוי אַז ער האָט ניט געקאָנט מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניק ניט דערפילן איר „אומהעראָאישקייט", איר נעבעכדיקייט, און האָט זי דערי־בער פאַרוואַלגערט אין אַ קופּע רייד. און ווייל זיין אידעאָלאָגיע איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער גאַנצער קליינבירגערלעכער פּיליסטערישער באַלע־בעסלדיקייט פון זיין סאָציאַלער באַזע, איז דעריבער אַמאָל אַזוי שווער פּינקטלעך צו אידענטיפיצירן זיין אייגנטלעכן מיין. וואָרים ס'קומט ניט גרינג אָן צו דערקענען שלום־עליכמס „אידייע" אין מנחם־מענדלס, טביהס אָדער מאָטלס ווערטער, ס'לאָזט זיך אָפט שווער גלויבן, כאָטש ס'איז אין אמתן געווענג אָפט דווקא אַזוי. פון דעם קאָנען מיר זען, ווי גוט די פאַרמאַסקירונג און דער „אָנשטעל" האָבן זיך שלום־עליכמען איינגעגעבן — און טאַקע עפּעס דרינגען וועגן דער פונקציע פון דער דאָזיקער פאַרמאַסקירונג.

אויב מיר ברענגען עטלעכע מאָל אין אונדזער אַרבעט אַרויסזאָגונגען פון זיינע פאַרשוינען אַלס אַנטשפּרעכנדיק צו זיין אייגענער מיינונג, ווילן מיר דערמיט לחלוטין ניט פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן שלום־עליכמען פאַר די ווערטער פון זיינע פאַרשוינען. זיי זיינען פאַר אונדז אויך אין קיין פאַל ניט דער עיקר־באַווייז אָדער בכלל אַ באַווייז. מיר נעמען בלויז יענע פאַלן, וואו די אַרויס־זאָגונגען פון זיינע פאַרשוינען אַנטשפּרעכן אין תוך דורכאויס — ניט געקוקט אויף זייער בכיוונדיקער אוטריטעטקייט און אויף אַנדערע תמימותדיקע „אָנ־שטעלן" — צו שלום־עליכמס אייגענע מיינונגען, וועלכע מיר האָבן אַרויס־באַקומען דורך אַן אַלגעמיינעם אַנאַליז פון זיין שאַפן; דעמאָלט באַנוצן מיר בלויז די דאָזיקע אַרויסזאָגונגען אַלס טרעפלעך אילוסטרירנדיקע „פאָרמו־לירונגען".

און דער בעסטער „אָנשטעל" איז טאַקע אַמאָל אַרויסצוזאָגן גראָד די אייגענע מיינונג און זי באַווייזן אויף אַזאַ תמימותדיק אָפענעם אופן — דערביי,

פאַרשטייט זיך, דורך אַזאַ מין שליח, וועלכן מע קאָן זייער גרינג „דעזאַוואָאירן“, — אַז ס׳לאָזט זיך אָפּט אין פלוג שווער גלויבן, דאָס זאָל זיין דעם שרייבערס מיינונג גופא. אויב אַזאַ אַרויסזאָגונג אַנטשפּרעכט צו דעם אַלגעמיינעם אידעאָלאָגישן כאַראַקטער פון שלום־עליכמען, טאָרן מיר זי ניט איגנאָרירן בלויז צוליב דעם, וואָס זי איז צו אָפן, צו פּראָסט און וואָס זי ווערט אָפּט אַרויסגעזאָגט דורך אַ ניט זייער מאָסגעבנדיקן „פּערסאָנאַזש“. דאָס וואָלט געהייסן „אַריינפאַלן“ אויף אַ שרייבערישן „טריוק“. מיר וועלן זיך דערמאָנען אין שלום־עליכמס אַן אַנעקדאָט. „דער גרעסטער שווינדל, זאָגט מען, איז דער אמת. איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה. צוויי יידן מעקלערס פאָרן אויפן באַן קיין שפּאָלע, ביידע צו איין פּריץ און ביידע וועגן איין געשעפט. מעשה־שטן באַגעגנט מען זיך אָבער אין איין וואַגאָן. מילא, באַגעגנט איז כאַרפּאַלן. — „גוט־מאָרגן“, „גוט־יאָר“. „וואוהין פאָרט דאָס אַ ייד?“ „וואוהין איך פאָר? קיין שפּאָלע.“ „אַ ייד איז דיר קיין קאַטאָוועס ניט: איר זאָגט דאָך מיר בכיוון, אַז איר פאָרט קיין שפּאָלע, בכדי איך זאָל מיינען, אַז איר פאָרט קיין בויבעריק, איך ווייס דאָך אָבער, אַז איר פאָרט טאַקע קיין שפּאָלע, הייַנט וואָס דרייט איר אַ מוח?“ („יאַקנעהאָז“).

פאַראַן באַשטימטע היסטאָרישע סיטואַציעס, ווען גרויסע טיילן פון קלייַנבירגערטום פילן אַן אמתן שרעק פאַר שאַרף געשטעלטע פּראָבלעמעס. זיי אַנטלויפן און מיידן זיי אויס. קלאָר און דייטלעך געשטעלט די פראַגע — וואָלט זי זיי געוויזן זייער אמתע לאַגע צווישן קאַפּיטאַל און פּראָלעטאַריאַט, און אַ קלאָרע פראַגע צווינגט צו קלאָרע פעסטע ענטפערס, אַנטהאַלט שוין אין אַ באַשטימטער מאָס אַן ענטפער. גרויסע טיילן פונעם קלייַנבירגערטום האָבן דעמאָלט מורא פאַר אַ קלאָרן ענטפער. זיי לאָזן זיך מער אָדער ווייניקער פּאַסיוו באַשטימען פון די היסטאָרישע פאַקטן, לאָזן זיך שטופּן פון די פאַקטן אַמאָל אַהין, אַמאָל אַהער, פּרוּאוון ווי ווייט מעגלעך ווייך אַרומצובעטן די האַרטע און שאַרפע עקיקע קאַנטן פון דער קלאַסנקעמפערישער ווירקלעכקייט אויף וויפיל זי רירט זיי אוממיטלבאַר אָן — אָבער זיי באַמיען זיך אויסצומיידן און זיך ניט אַריינצוטראַכטן ביז צום גרונט פון די דאָזיקע פאַקטן.

אַז ס׳גייט מנחם־מענדלען שלעכט אין איין פּרנסה, נעמט און מוז ער זיך נעמען צו אַן אַנדערער; באַקומט ער אַ זעץ פון איין זייט, בייגט ער זיך אַריבער אויף דער אַנדערער זייט. ער שטייט ניט פעסט, ער איז צעשרויפט, צעיאַכמערט, צעוואָרפן, און זיין לאַגע זעט טאַקע גאָרניט „העראָאיש“ אויס. דאָס יידישע באַלעבעסל, וואָס מאַכט אַ לעבן אין אַמעריקע אָדער אין אייראָפּע, וויל זיך ניט שטעלן קיין פּראָבלעמעס, וואָס גייען אַרויס פון די סאַמע שמאָלסטע גרענעצן פון זיינע אוממיטלבאַרע און מאָמענטאַנע אינטערעסן. ער וויל ניט וויסן דעם טיפערן באַטייט פון זיין נויט און אָרעמקייט אין דער „אַלטער היים“

און וועגן דער אומזיכערקייט פון זיין איצטיקער „סאָלידערער" לאַגע. ער וויל זיך ניט טיפער אַריינטראַכטן אין דעם אייגנטלעכן באַטייט פון די פּאַגראָמען, למשל, וואָס האָבן אַ היפּשן טייל פון זיין אינערטן קלאַס געגעבן אַ שטויס צו עמיגרירן, ער וויל זיך ניט אַריינטראַכטן וועגן זייערע אייגנטלעכע סיבות און וועגן די אויספירן, וואָס מע דאַרף פון זיי מאַכן. ער וויל ניט קוקן גלייך און שאַרף אין דער צוקונפט אַריין און אויף דעם, וואָס זי מוז און וועט ברענגען פאַר זיין גאַנצן קלאַס. פון דעם אַלעם אַנטלויפט ער — אין זיין „היים" אַריין, אין זיין נאָענטסטער משפחה אַריין, אין דער סענטימענטאַליטעט אַריין. אויב ער וויל זיך טרייסטן, פּטרט ער דאָס אַלץ אָפּ זיפצנדיק מיט אַ וויצל, מיט סענטימענטאַלן הומאָר.

דער פאַרשטעלטער רייד־שטייגער ביי שלום־עליכמען דאַרף, ווי דרך־כלל זיין הומאָר, וואָס בויט זיך פאָרמעל אויף אַזאַ מין פאַרשטעלעניש, פאַר־באַהאַלטן אַ טיפן טרויער און אומצופרידנקייט, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון דער סאָציאַלער דעפּרעסיע פון זיין באַזע. אויך דער דאָזיקער „סוד" האָט געדאַרפט אויסבאַהאַלטן ווערן דורך דעם מאַניר. שלום־עליכמס סאָציאַלע פונקציע איז געווען „טרייסטן" דעם קליינבירגער און אים געבן מוט. דער לייענער־ און הערער־עולם האָט פון זיין וואָרט־הומאָר געלאַכט. אָבער

> און דווקא דעמאָלט, ווען דער עולם האָט
> געלאַכט, געקלאַטשט (געקוועלט)* און פלעגן זיך פרייען,
> האָט ער געקרענקט (געוויינט)*, דאָס ווייס נאָר גאָט,
> בסוד, אַז קיינער זאָל ניט זעען.

דאָס האָט שלום־עליכם אויסגעזאָגט וועגן זיך אין דער אויפשריפט, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר זיין מצבה. דאָס איז געווען זיין „סוד", וועלכן ער האָט געהאַט צו באַהאַלטן, כאָטש ער האָט ניט קלאָר פאַרשטאַנען די געזעל־שאַפטלעכע סיבות פאַר זיין „קרענקען" און „וויינען". דער הומאָר און זיין וויצלדיק חוזקל האָבן מיט זייער כלומרשטער סקעפּסיס געדאַרפט צודעקן די טיף־דערפילטע אויסוועגלאָזיקייט. אַנטשפּרעכנדיק צו דעם גראַד „מוט" און „פעסטקייט", וואָס שלום־עליכמס באַזע האָט פאַרמאָגט, קלעקט דאָ די האָפער־דיקייט אין בעסטן פאַל נאָר אויף אַזויפיל, אַז מע זאָל זיך קנייפּן די באַק די פאַרב זאָל שטיין, ניט אָפּן צו באַווייזן די פאַרלאָרנקייט, און זיך צו וויצלען.

17

שלום־עליכם האָט, געוויינטלעך, ליב צו שאַרזשירן זיין באַציאונג צו די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון קליינבירגערטום. עס פעלט

---

* אין אַ פריערדיקן וואַריאַנט.

אים אַפּילו די אַנטשלאָסנקייט זיך איבערצוגעבן צו די אַמדייטלעכסטן פאַר־מירטע אַנשויאונגען אין זיין אייגענעם קלאַס; און אָפט גענוג ניט אַזוי די אַנטשלאָסנקייט און דער מוט, נאָר טאַקע אויך, און אפשר דער עיקר, די באַגרענעצטקייט, וואָס איז דערצו נויטיק. שלום־עליכם שאַרזשירט זיין באַ־ציאונג צו באַשטימטע קליינבירגערלעכע געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיעס, כדי זיך דורך דעם לאָזן אַ פריי֯ען וועג אויף אָפּצוטרעטן צוריק, מע זאָל ניט קאָנען דערקענען אויף פעסט, וואָס ער גופא האַלט אויף אַן אמתן פון זיי. שלום־עליכמס וועלט־באַנעם הייבט זיך אויף אַזויפיל אַרויס פון דער באַגרענעצטקייט פון זיין באַזע, אַז ער זאָל זיך ניט קאָנען אויף אַן אמתן און דויערנדיק איבער־געבן דעם ציוניזם, למשל (ניט געקוקט אויף זיינע געלעגנטלעכע אַגיטאַציע־בראָשורן). ער האָט זיך אָבער ניט אויף אַזויפיל באַפרייט פון זיין קלאַסאָווער באַגרענעצטקייט, אַז ער האָט געזאָלט באַנעמען און איבערנעמען די סאָציאַ־ליסטישע אידעאָלאָגיע, ניט געקוקט אויף באַשטימטע זשעסטן פון וואויל־געניגטקייט און מיטגעפיל צום אַרבעטער.

שלום־עליכמס אידעאָלאָגיע איז זייער אַ „ברייטע“. אירע תחומען ציִען זיך ‟טאָלעראַנט“ פון דער רעאַקציאָנערסטער בורזשואַזיע ביז צום קאָמפּערישן פּראָלעטאַריאַט. דער דאָזיקער ברייטהאַרציקער „עקלעקטיציזם“ און די דאָזיקע מטושטשקייט זיינען דאָך טאַקע כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם שיכט קליינבירגערטום, וועלכן שלום־עליכם דריקט אויס אין זיין שאַפן. דורך שלום־עליכמס רייד־הומאָר דאַרף אויך דער דאָזיקער פאַקט פאַרטושירט ווערן. קוים ווערט אַרויסגעזאָגט אַ „מיין“, ווערט ער צוריק אָפּגעמעקט דורך דער וויצל־דיקער פאָרם. נאָר אַזוי אַרום האָט שלום־עליכם, ביי דער געגעבענער לאַגע, געקאָנט בלייבן אַ „טרייסטער“ פון זיין קלאַס, נאָר אַזוי אַרום האָט ער געקאָנט קינסטלעריש רעאַליזירן זיין סאָציאַלע פונקציע, וועלכע ער האָט שוין דווקא מיט גרויסער באַוואוסטזיניקייט געפילט און אויסגעפירט.

18

שלום־עליכמס „ליריזם“ האָט אין זיך אַ היפּשע דאָזע סענטימענטאַליטעט. עכטע קליינבירגערלעכע סענטימענטאַליטעט. דער נעגאַטיווער איינדרוק, וואָס קאָן זיך באַקומען פון דעם דאָזיקן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער־שטריך, דאַרף אויך געמילדערט ווערן דורך רייד־הומאָר. דורך אַ וויצל ווערט זיטלעכע סענטימענטאַליטעט אַמבעסטן „פאַרטושירט“ און „אויסגעגליכן“.

די צייט, ווען דעם קליינבירגערס סענטימענטאַליטעט האָט געמעגט דירעקט און איינדייטיק קומען צום וואָרט, איז שוין לאַנג פאַרביי. זי האָט זיך נאָך בלויז אין בעסטן פאַל געקאָנט באַהאַלטן אין די קנייטשלעך און פעלבלעך פון דער שפּראַך. די דאָזיקע סענטימענטאַליטעט דאַרף רחמנותדיק פאַרהיטן

די לעכערלעכע הויקערס פונעם קליינבירגער, זי דאַרף אויספועלן פאַר אים „רחמים". זי דאַרף דאָס כלומרשט־דעמאַסקירטע — אַנטשולדיקן.

שלום־עליכם איז — זיין שאַפן אין אַלגעמיין באַטראַכט, ד. ה. אַחוץ זיין פריאיקן פעריאָד — ניט קיין געזעלשאַפט־קריטיקער אין אייגנטלעכן באַטייט פון וואָרט. ער קריטיקירט ניט די קעגנערישע קלאַסן און ניט דעם קליינבירגער, נאָר ער אַנטשולדיקט אים. און ווי גוטע אַדוואָקאַטן אין זייערע פאַרטיידיקונגען, ברענגט ער קודם־כל די טענות, וואָס מע קאָן האָבן צום קליינבירגער, כדי זיי דורך פאַרשיידענע קינסטלערישע מיטלען, טאַקע דורך דעם אופן ווי ער ברענגט זיי פאָר — אָפּצואווישן.

ער פּרואווט זיך אַמאָל אויך צו גיין אויפן וועג פון דירעקטער אייננדייטיקער סענטימענטאַלישקייט — דאָרט, וואו ער טרעט אַרויס דירעקט דערציילנדיק, ניט דורכן מויל פון אַ פיגור זיינער, למשל, אין אַ טייל פון זיינע ניט־געלונגענע ראָמאַנען. אין אַלע דאָזיקע פאַלן איז ער אָבער וואָס שייך דער סענטימענטאַליטעט טאַקע אויך גרינטלעך דורכגעפאַלן. זי האָט זיך באַקומען זיסלעך און באַנאַל. אַמבעסטן דערגרייכט ער אויך אין דעם פּרט זיין ציל, ווען ער גייט אויפן וועג פון „אַנטוואָפענען דעם קעגנער דורך אַ וויץ".

די סענטימענטאַלישקייט איז דאָ דער עיקר אויסן אַרויסצורופן וותרנות צו די שוואַכקייטן און פעלערן פון דעם קלאַס, וועלכן מע שטעלט פאָר. די כלומרשטע „קריטיק", וואָס מע קאָן זען אין דער אָפטמאָל איבערגעטריבענער שאַרזשירונג, האָט דאָ אין אמתן אַ „סענטימענטאַלע" פונקציע: אויסצוכאַפּן דעם גערעכטן בייזן חוזק פון אַ קעגנער. דער „הומאָר" וויל דאָ פאַרכאַפּן דעם חוזק, וויל אים איבערשפּיצן ביז צום אַבסורד. דער הומאָר כאַפּט דאָ פאָראויס דעם גרימאַס, קרימט זיך אַליין נאָך, איבערטרייבט ביז צום גראָטעסק, לאָזט ניט איבער פאַרן קעגנער קיין שום מעגלעכקייטן אויף איבערצויאָגן דעם חוזק — כדי דער קעגנער זאָל דעם גרימאַס ניט קאָנען אויסנוצן ערנסטער, שאַרפער, בייזער און פילבאַרער. דער גרימאַס ווערט דאַן אויסגעקערעוועט אויף „ליריש", ד. ה. אין דער סענטימענטאַלישער ריכטונג, „מיט רחמים". די פעלערן ווערן צוליב דעם שאַרזשירט ביז איבער אַלע גרענעצן, באַקומט זיך דאַן ביים לייענער די נויטווענדיקייט דעם שאַרזש צו רעדוצירן ביז צו דער ריכטיקער מאָס. און אַז ס'איז שוין איינמאָל נייטיק צו רעדוצירן, דאַרף שוין דורכן איינפלוס פון סענטימענטאַליטעט אַלץ אַראָפּגענומען ווערן. ס'דאַרף אַזוי אַרום אַרויסגערופן ווערן יענע סענטימענטאַלע שטימונג, וואָס איז געבויגט, אויב זי באַנעמט אין אַן ענין אַלץ, — אויך אַלץ מוחל צו זיין. וואָרים טאַקע: אויב דאָס בילד איז אַן איבערגעטריבענער שאַרזש און ס'זיינען שוין דאָ אין אים עלעמענטן פון „אויסגעטראַכטן בלבול" אַזוי צו זאָגן — טאָ דאַרף מען שוין, אונטערגעקויפט פונעם אונטערטעניקן שמייכל און פון דער

„זעלבסטבאַשולדיקונג", די איבעריקע אמתע גוואַלדיקע חסרונות אויך אויס־מעקן און מוחל זיין.

אויב מיר זאָלן זיך קאָנקרעט אָפּשטעלן בלויז אויף „מאָטל פּייסי דעם חזנס", דאַרפן די גראַטעסקן, וואָס באַקומען זיך כלומרשט פון מאָטלס קינ־דערישן, „ניט ריכטיקן" באַנעמען, אַרויסרופן יענעם שמייכל, וואָס זאָל וותרנותדיק שטימען צו די געמאָלטע דעגראַדירטע און פאַרקריפּלטע פיגורן (פּיני, עליע, הערש־לייב דער מעכאַניק א. אַז. וו., א. אַז. וו.) און זייערע פעלערן. זיי דאַרפן אַרויסרופן די שטימונג אויף מוחל זיין און מיטפילן. דאָס מיטל פון „קינדערשער פּערספּעקטיוו" האָט דאָ, הייסט עס, אויף אַזאַ אויפן אומ־דירעקט אויך די פונקציע פון „רחמים".

19

אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס" קומט צום אויסדרוק דעם עמיגראַנטס סענטימענטאַלע באַציאונג צו דער „אַלטער היים", ניט געקוקט אויף זיין אַמע־ריקאַנער „פּאַטריאָטיזם". סענטימענטאַליטעט צו דער אַלטער שטעטלשער היים איז אָבער בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום־עליכמען. דאָס אַנטשפּרעכט דורכאויס צו דער שטימונג פונעם קליינבירגער, וואָס איז אויסגעוואַנדערט אין דער גרויסער שטאָט, בנוגע זיין קליינשטעטלדיקער „אַלטער היים", פונ־וואַנען ער איז געקומען. דאָרט האָט ער געלעבט טאָקע אין דחקות, אָבער מיט אַזעלכע האָפענונגען, וועלכע ער האָט שוין דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, פאַרלוירן. דאָרט האָט ער די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע לאַגע פון זיין קלאַס טאָקע ניט באַקומען; איצט אין דער גרויסער שטאָט, אָדער גאָר אין אַ ניו־יאָרק, קלויבט ער זיך אין איר אויך ניט פאַנאַנדער, אָבער אירע גרענעצן זעט ער שוין קלאָרער, און די פּערספּעקטיוו דריקט אויף זיין שטימונג. קומט דעריבער די בענקעניש נאָך די פּראָסטערע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, וועלכע ער האָט לייכטער געקאָנט איבערבליקן, כאָטש ניט באַנעמען. די צע־רייבנדיק אומרחמנותדיקע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקע שרעקט אים ביז גאָר, באַקומט זיך אין זיין זכרון די פאַרשטעלונג וועגן דער אַלטער היים מיט איר אָרעמקייט, באַדערפענישלאָזיקייט און פּראָסטערע פאַרהעלטע־נישן — אידיליש. „פון דיין בריוו זע איך אַרויס, אַז ווען מיר האָבן דאָ די קאָנסטיטוציע, וואָס מיר מיינען, באַדאַרפן מיר שוין קיין שום אַמעריקע נישט. דעמאָלט האָבן מיר דאָ אַ בעסער אַמעריקע, ווי איר דאָרט... יאַנקל! זאָלסט גאָר קיין יסורים נישט האָבן, אַזאַ שטיק גאָלד מיר, און אַזאַ מכה קרושעוואַנען, וואָס פאַר אַ קאָנסטיטוציע מיר וועלן אם־ירצה־השם האָבן" (אין „נישטאָ קיין נייס"). אַזוי לאָזט שלום־עליכם שרייבן „אַ שניידער פון דער היים" „צו זיינעם אַ פריינט אין אַמעריקע". אין אמתן קומט דאָ ווידער־

אַמאָל צום אויסדרוק, ניט געקוקט אויפן וויצלדיקן טאָן, שלום־עליכמס אַ שטימונג — און דווקא פון יאָר 1907 — ווען ער איז געווען אין אַמעריקע און האָט פון דעם לאַנד באַקומען זייער אַ שטאַרקן פּאָזיטיוון איינדרוק. אין שלום־עליכמס שטימונג איז דאָ, ווי אָפט און געוויינלעך ביי שלום־עליכמען, אַ געטרייער אָפּהילך פון איינער אַ שטימונג ביי זיין קלאַסאָווער באַזע.

די דאָזיקע שטימונג ווערט אָבער געשטערט פון קלאָרע דערמאָנונגען וועגן אומגעוויינלעכער אָרעמקייט און נויט, וועגן פּאָגראָמען און באַדריקונגען פון צאַרישן רעזשים, מישט זיך אַריין אין די אידילישע זכרונות אַ היפּשלעך ביטערער טראָפּן. ווערט דעריבער אינעם סך־הכל די באַציאונג צו דער אַלטער היים אַ צווייאיקע, אַ „געשפּאָלטענע“ — און דאָס אַלץ ווערט אַמבעסטן אויפגעלייזט אין אַ וויצלדיקן הומאָריסטישן טאָן. אויף אויסצודריקן אַזאַ מין צווייאיקע געשפּאָלטענע באַציאונג צו דער „אַלטער היים“ אין דער געשיכטע פונעם עמיגראַנט — פון זיין שטעטלשער יוגנט ביז צו זיין „אויפגאַנג“ צום „אַלרייטניק“ — האָט אויך ניט געקאָנט צוגעקליבן ווערן קיין פּאַסיקערער קינסטלערישער מיטל ווי דאָס דערציילן „דורכן קינדער־מויל“. מאַטלען קאָן מען לאָזן דערציילן די סאַמע ביטערסטע זאַכן מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, אַזוי אַז ס'זאָל זיך באַקומען אי קאָמיש־וויצלדיק, אי סענטימענטאַל־אידיליש, אי טרויעריק, אי סאַרקאַסטיש: קורץ, די באַרימטע „לאַכנדיקע טרער“. דער קינדערישער אַספּעקט דערלויבט אַלזאָ, ערשטנס, דעם אויטאָר ניט איינדרייטיק שטעלונג צו נעמען צו די באַהאַנדלטע פיגורן און פאַקטן; צווייטנס, גיט זי דאָ די בעסטע מעגלעכקייט אויסצודריקן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע שטימונגען פון אַ באַשטימטער גרופּע אויפן פּאַסיקסטן אופן; דריטנס, מיידט זי אויס דערמיט די סענטימענטאַלע באַנאַלקייט, וואָס מאַכט קאָמיש, בעת דאָ ווערט די קאָמיק — טראַגיש, דאָס הייסט, זי „אַנטשולדיקט“ דורך „רחמים“; פערטנס, קאָן טאַקע ערשט אַזוי אַרום די קאָמיק קומען צו איר „טרייסטנ־דיקער“ ווירקונג, וואָס איז דאָ אינאיינעם מיט דער „פאַרטיידיקונג“ אַן עיקר פון איר פונקציע.

20

די אָרט־באַגרענעצונג פאַרווערט אונדז דאָס אַלץ אויספירלעך צו אילוס־טרירן מיט קאָנקרעטן און דעטאַלישןביישפּיל־מאַטעריאַל. אָבער עטלעכע דעטאַלישע ביישפּילן וועלן מיר פאָרט אָנמערקן.

„פון די אַלע זאַכן, וואָס מיר האָבן אויספאַרקויפט פון שטוב, האָט מיר קיינע פון זיי ניט צוגעשטעלט אַזויפיל פאַרגעניגן ווי די גלעזערנע שאַפע. אמת, די זילבערנע עטרה א. אַז. וו.“ דאָ ווערן דערציילט די סאַמע טרויעריק־סטע פאַקטן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פונעם פאַראָרעמטן און דעקלאַסירטן

קליינבירגערטום אינעם קליינעם שטעטל. דער פּאַראַעמטער קליינבירגער האַלט שוין דערבײַ, אַז ער פאַרקויפט אַלץ אַרויס פון זיין שטוב. מאָטלען איז אָבער דערלויבט צו רעדן וועגן דעם מיט קינדערשער נאַאיווקייט ווי וועגן אַ גרויסן „פאַרגעניגן". די דאָזיקע דיספּראָפּאָרץ צווישן דעם אינהאַלט פונעם דערציילטן פאַקט און צווישן דער פאָרם, דעם אופן ווי ער ווערט דערציילט, ווירקט דאָ דווקא קאָמיש, „ביטער" — אָבער קאָמיש. די דאָזיקע קאָמיק דאַרף פאַרגלעטן און צודעקן. די צווייאיקייט פון דער שטימונג ווערט צוגעדעקט מיט אַ ווייצל.

פונקט אַזוי: ווען מע האָט פאַרקויפט די שאַפע, האָבן זיך ביים אַרויס־טראָגן באַוויזן באַשטימטע „טעכנישע שוועריקייטן". מאָטל דערציילט וועגן דעם אַזוי: „איין מינוט איז געווען אַזעלכע, וואָס איך האָב מורא געהאַט פאַר דער שאַפע. דאָס הייסט, איך האָב געמיינט, זי בלייבט ביי אונדז." ער האָט „מורא געהאַט"! דעם זעלבן מין בכיוונדיקע, אויף קאָמיק באַרעכנטע דיס־פּראָפּאָרץ צווישן אינהאַלט און פאָרם קאָנען מיר אויך באַמערקן אַפילו שוין אין אַזאַ טיטל פון אַ קאַפּיטל ווי: „מיר איז גוט — איך בין אַ יתום."

מאָטל דערציילט, ווי די מאַמע וויינט, ווייל מע פאַרקויפט אַלץ אַרויס פון שטוב. דער קראַנקער שטאַרבנדיקער פאָטער פרעגט אַרויס פון אַנדערן צימער, וואָס סע טוט זיך דאָ אייגנטלעך. „גאָרניט, ענטפערט אים די מאַמע און ווישט די רויטע אויגן, און די אונטערשטע ליפּ מיט איר גאַנצן פּנים טרייסלט זיך אַזוי, אַז מע דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן, מע זאָל ניט פּלאַצן פאַר געלעכטער." און אַז אַלץ איז שוין אַרויספאַרקויפט געוואָרן פון שטוב און מ'האַלט שוין ביים סאַמע לעצטן חפץ, דערציילט מאָטל: „די בעסטע שמחה פון אַלע שמחות איז געווען ביי מיר, אַז ס'איז געקומען צו מיין ברודער עליעס קאַנאַפּע און צו מיין בעטל."

אַ ביישפּיל פון אַן אַנדערן מין. די צאַרישע פּאָגראָמען אין דער צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע האָבן זייער שטאַרק אויפגערודערט די יידישע קליינבירגערלעכע מאַסן אין רוסלאַנד און האָבן אויך געהאַט אַ באַשטימטן באַטייט פאַר זייער ווייטערדיקן געשיכטלעכן גורל. דער קליינבירגער איז אָבער אין אַלגעמיין ניט געניגט צו שטעלן די פראַגע וועגן די פּאָגראָמען אין צוזאַמענהאַנג מיט די קלאַסאָווע קאַמפן אין צאַרישן רוסלאַנד און מאַכן פון אַזאַ פראַגע־שטעלונג אַנטשפּרעכנדיקע אויספירן. ער פאַרענטפערט זיך די דאָזיקע פראַגע אָדער אויפן סאַמע אויבערפלעכלעכסטן אופן, פאַטאַליסטיש, מיטן ערשטן בעסטן ענטפער, וואָס קומט אים אונטער דער האַנט, אָדער „טיפער", באַלעבעסלדיק־נאַציאָנאַליסטיש: „פּאָגראָמירט האָבן „גויים". גע־ליטן האָבן „יידן"; דער אויספיר איז: „גויים" האָבן פיינט „יידן", דאַרף מען אַנטלויפן פון די „גויים" און זיך אויסזוכן אַ לאַנד, וואו ס'איז ניטאָ אָדער ווייניק דאָ „גויים" (פּאַלעסטינע), אָדער, וואו די „גויים" האָבן די „יידן" ניט

אַזוי שטאַרק פּיינט (אַמעריקע, ענגלאַנד א. אַז. וו.). דער קליינבירגער אַנט־לויפט פון דער פּראָבלעם פּונקט אַזוי ווי פאַרן פּאָגראָם גופא, ווייל אַ טיפערע שטעלונג צו דער פראַגע וואָלט אים געעפנט די אויגן אויפן קלאַסנקאַמף אינעם לאַנד און אויף דער פּערספּעקטיוו פון זיין קלאַס בכלל אין דער גאַנצער וועלט. אויף זיינע באַלעבעסלדיק-נאַציאָנאַליסטישע אויספירן ענטפערט אַ רעוואָ־לוציאָנערע פאָלקלאָר-ליד:

„...צו וואָס טויג אונדז ירושלים,
אַז מיר זאָלן דאָרט סטראַדאַיען?
לאָמיר בעסער בלייבן אין רוסלאַנד,
דעם אַרבעטסמאַן צו באַפרייען."

צו דער דאָזיקער איינציק ריכטיקער לייזונג האָט דאָס קליינבירגערטום ניט געקאָנט קומען. ווייל עס בעסער וועגן דער דאָזיקער פראַגע וואָס ווייניקער „טראַכטן".

אויף אויסדריקן אַזאַ באַציאונג צו דער „פּראָבלעם פון פּאָגראָמען", וועלכע ניט מע וויל ריכטיק שטעלן און אַוודאי ניט ריכטיק לייזן, איז קיין זאַך ניט אַזוי פּאַסיק געווען ווי לאָזן צו איר שטעלונג נעמען — אַ קינד. דאָס, וואָס ס'וואָלט ביי אַ דערוואַקסענעם אויסגעקומען מאָדנע — פּאַסט פּאָרט בעסער פאַר אַ קינד.

שלום-עליכם גיט ניט אין זיין „מאָטל פּייסי דעם חזנס" קיין שילדערונגען פון פּאָגראָם-בילדער. ער מיידט אויס שילדערונגען אויף דער דאָזיקער טעמע. ער לאָזט בכיוון מאָטלען און זיינע אייגענע אויסוואַנדערן אַ קורצע צייט פאַר די פּאָגראָמען (דאָס אַנטשפּרעכט, אגב, דער היסטאָרישער ריכטיקייט אויף אַזויפיל, אַז די פּאָגראָמען האָבן פאַר אַ באַשטימטער צייט בלויז פאַרשטאַרקט די אויסוואַנדערונגען, בשום אופן אָבער ניט — ווי אַ טייל שרייבער ווילן האָבן — זי אַרויסגערופן). שלום-עליכם קען ניט אויסמיידן וועגן די פּאָגראָמען צו דערמאָנען. איז ווי אַזוי-זשע טוט ער דאָס אין דעם דאָזיקן בוך? גענוג מערקווירדיק — אויף אַזאַ אופן, „אַז מע דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן, מע זאָל ניט פּלאַצן פאַר געלעכטער". שלום-עליכם שטייט אויף אַזויפיל העכער פונעם דורכשניט אין זיין קלאַס, ער זאָל ניט קאָנען איבערצייגט און פול־שטענדיק באַפרידיקט אָננעמען און שטאַנדהאַפטיק אויסדריקן די געוויינלעכע נאַציאָנאַליסטישע אויסטייטשונג און לייזונג, כאָטש אין אַלגעמיינעם נעמט ער טאַקע די דאָזיקע נאַציאָנאַליסטישע אויסטייטשונג אָן. קיין אייגענעם קלאָר־אויספאָרמירטן שטאַנדהאַפטיקן ענטפער אָבער האָט ער דאָ ניט. באַקומט זיך עס ביי שלום-עליכמען אַזוי:

„...זיי זיינען געווען, זאָגט ער, אַמאָל גרויסע נגידים, דאָס הייסט, ניט אַמאָל, טאַקע אָט דאָ ניט לאַנג, פאַרן פּאָגראָם. איך פרעג אים, ווי אַזוי איז דאָס

אַ פּאָגראָם? איך הער אַלץ פֿון די עמיגראַנטן, מע זאָגט: „פּאָגראָם״, „פּאָ־גראָם״, נאָר װאָס דאָס איז — װײס איך ניט. רופֿט זיך אָן צו מיר קאָפּל:

„— אַ פּאָגראָם װײסטו ניט? ע, ביסטו דאָך גאָר אַ נאַנקעלע! אַ פּאָ־גראָם איז אַ זאַך, װאָס איז הײַנט אומעטום. הײבן הײבט זיך עס אָן כּמעט פֿון גאָרניט, און אַז עס הײבט זיך אָן, ציט זיך עס אַװעק דרײַ טעג...

„— װאָס זשע, זאָג איך, איז דאָס? אַ יאַריד?

„— װאָסער יאַריד? אַ שײנער יאַריד! מע שלאָגט פֿענצטער! מע ברעכט מעבל! מע טרענט קישנס! פֿעדערן פֿליען, אַזױ װי שנײ.

„— אַקעגן װאָס?

„— נאַ דיר גאָר אַקעגן װאָס! אַקעגן שמערלען! אַ פּאָגראָם איז ניט נאָר אױף הײַזער אַלײן. אַ פּאָגראָם איז אױף קלײטן. מע צעשלאָגט אַלע קלײטן, און מע װאַרפֿט אַרױס פֿונדאַנען די סחורה אױף דער גאַס, און מע צעטראָגט, און מע צעראַבעװעט, און מע צעשיט, און מע באַגיסט מיט גאַז, און מע צינדט אונטער, און מע ברענט.

„— גײ שױן, גײ!

„— װאָס דען מײנסטו? איך װעל דיר אױסטראַכטן? נאָכדעם, אַז ס'איז נישטאָ שױן װאָס צו ראַבעװען, גײט מען איבער די הײַזער מיט העק, מיט אײַזנס און מיט שטעקנס, און פּאָליציע גײט נאָך פֿון הינטן. מע זינגט און מע פֿײַפֿט און מע שרײַט: „אײ, רעביאַטאַ, בײ זשידאָװ!״ און מע שלאָגט, מע הרגעט, מע קױלעט, מע שטעכט מיט שפּיזן...

„— װעמען?

„— װאָס הײסט װעמען? ייִדן!

„— פֿאַרװאָס?

„— נאַ דיר גאָר פֿאַרװאָס! ס'איז דאָך אַ פּאָגראָם!

„— און אַז אַ פּאָגראָם איז װאָס?

„— גײ אַװעק, דו ביסט אַ קעלבל! איך װיל מיט דיר ניט רעדן!

„אַזױ זאָגט צו מיר קאָפּל, שטופּט מיך אָפּ פֿון זיך און לײגט אַרײַן די הענט אין די קעשענעס, װי אַ גרױסער.״ (שלום־עליכם פֿאָלקס־אױסגאַבע, ז״ז 212—214.)

דאָ רעדן כּלומרשט קינדער אױף אַ קינדערשן אופֿן. דאָ איז כּלומרשט זײער „ניט־װיסן״ — אַ קינדערש „ניט־װיסן״. מע קאָן אין דעם דאָזיקן „ניט־װיסן״ אַרױסהערן די „נאַציאָנאַלע טענה״, דעם נאַציאָנאַליסטישן אױסטײַטש פֿון די פּאָגראָמען אױף אַ פֿאַרבאַהאַלטענעם אופֿן. אָבער פֿאָרט בלײַבט כאַראַק־טעריסטיש, אַז שלום־עליכם װיל זיך דאָ ניט װעגן דעם דײַטלעך אַרױסזאָגן. שלום־עליכם לאָזט די קינדער ניט װיסן די סיבה פֿון די פּאָגראָמען, װײַל ער קאָן זיך אַלײן ניט אַנטשליסן צו אַ פֿעסטן און אײנדײַטיקן ענטפֿער. אַנדערע

זאָכן באַאָבאַכטן און פֿאַרשטייען די קינדער יאָ, כאָטש זיי זיינען נאָך קינדער, דאָרט שטערט אים ניט די רעאַליסטישע אויסגעהאַלטנקייט. זי וואָלט אים אויך דאָ ניט געשטערט, ווען ער וואָלט אין דעם פֿאַל ניט אַליין געווען הילפֿ־לאָז, פֿאַרלוירן און וואַקלדיק. העלפֿט ער זיך אויך דאָ אַרויס מיט אַ „הומאָ־ריסטישער" שילדערונג פֿון דעם זייער טרויעריקן געשפּרעך. דער פֿאַקט פֿון די פּאָגראָמען האָט שלום־עליכמען טיף אויפֿגעטרייסלט, אָבער ניט בלויז קאָפּל וויסט דאָ ניט קיין ריכטיקן ענטפֿער, נאָר אויך ניט דער שאַפֿער פֿון דער דאָזיקער פֿיגור, וואָס מיידט אַפֿילו אויס, ווי ווייט מעגלעך, די דאָזיקע טעמע צו באַרירן. שלום־עליכם לאָזט מאָטלען זאָגן: „פֿריער, אַז איך פֿלעג הערן מע דערציילט וועגן אַ „פּאָגראָם" — האָב איך אָנגעשטעלט מויל און אויערן. היינט, אַז איך דערהער דאָס וואָרט „פּאָגראָם" אַנטלויף איך, איך האָב בעסער ליב פֿריילעכע מעשׂיות." שלום־עליכם לאָזט זיך ניט שטערן אין זיין „טרייס־טערישער" סאָציאַלער פֿונקציע דורך „אומלייזבאַרע" פּראָבלעמעס — „אומ־לייזבאַרע" דורכן בליק־פּונקט פֿון דעם קלאַס, וועלכן ער וויל אויסדריקן. פֿונדאַנען נעמט זיך זיין קינסטלעריש־אידעאָלאָגישער שלאָגוואָרט: „איך האָב פֿיינט טרויעריקע בילדער, מיין מוזע טראָגט ניט קיין שוואַרצן שלייער אויפֿן פּנים; מיין מוזע איז אַן אָרעמע, נאָר אַ פֿריילעכע" („אַ וויגרישנע בילעט"). די דאָזיקע „פֿריילעכקייט" איז אַ דורכאויס כלומרשטע פֿריילעכקייט.

21

די סאָציאַלע פֿונקציע פֿון שלום־עליכמס קינסטלערישן שאַפֿן איז: „טרייסטן" דעם קלאַס, וועלכן ער דריקט אויס. אין זיין קינסטלערישן שאַפֿן שפּיגלט זיך אָפּ אַזאַ מין, אַזאַ כּוונה, אַזאַ ווילן. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז שלום־עליכמס שטענדיק וויצלדיקער הומאָר איז אַן אויסדרוק פֿון אַ גע־הויבענער, מונטערער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע, אַז ער אַנטשפּרעכט צו אַ האָפֿערדיקער שטימונג פֿון זיין סאָציאַלער באַזע. דער דאָזיקער הומאָר איז אפֿשר ביז צו אַ געוויסער מאָס טאַקע אויסן מע זאָל באַקומען אַזאַ איינדרוק; אַזאַ איינדרוק אַנטשפּרעכט אָבער ניט דער אמתערווירקלעכקייט, און אים גלויבן הייסט זיך לאָזן אָפּנאַרן. אַ קריטישער צוגאַנג דאַרף דאָ זיין באַזונדערס געהיט.

בייזע סאַטירישע געזעלשאַפֿט־קריטיק, שאַרף אָנגרייפֿנדיקע איראָניע און אַפֿילו ביטערער „גאַלגען־הומאָר" (היינע) האָבן אין זיך עלעמענטן פֿון סאָציאַלער קעמפֿערישקייט; און אַפֿילו אין יענע פֿאַלן, ווען דער הומאָר באַזירט זיך אויף אַ צווייאיק־געשפּאַלטענער שטאַרק סתירהדיקער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע, קאָן ער פֿונדעסטוועגן פֿאַרט אין תּוך אויסדריקן אַ געזונטן סאָציאַלן שטרעבן פֿון אַ קלאַס, וואָס פֿילט, אַז די צוקונפֿט געהער אים, כאָטש

ער געפינט זיך דערווייל אין אַ געדריקטער לאַגע. פאַראַן אויך אַ מער גוט־מוטיקער הומאָר, וואָס קאָן פּאַרט אַנטשפּרעכן צו אַ געפעסטיקטער מונטערער קלאַסאָווער פּסיכאָלאָגיע,— אויב זיינע פיילן זיינען געווענדט קעגן קעגנערישע קלאַסן, קעגן באַשטימטע שיכטן אינעם אייגענעם קלאַס ביי אַן אינעווייניק קלאַסאָוון קאַמף (אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, למשל, אין אַקסענ־פעלדס ווערק) אָדער קעגן באַשטימטע צייטווייליקע, פרעמדע, געירשנטע שטריכן אינעם אייגענעם קלאַס, וואָס קאָנען דורך אַ קלאַסן־באַוואוסטזיניקער דערציאונג גרינג אויסגעוואָרצלט ווערן, ווייל זיי אַנטשפּרעכן ניט אין תוך צו דער ווירקלעכקייט פון דעם קלאַס.

אַ הומאָר אָבער, וואָס איראָניזירט ניט, וואָס גרייפט ניט אָן, וואָס דאַרף בלויז פאַרענטפערן און פאַרטיידיקן דעם קלאַס, וועלכן ער דריקט אויס, אַ הומאָר, וואָס דאַרף מיט אַ ווּיצלדיקייט, אַלצאיינס ווי מייסטעריש און קינסט־לעריש דאָס זאָל ניט „אויפגעהויבן" ווערן, פאַררעדן די ציין און „טרייסטן" — איז שוין בשום אופן נישט קיין אָפּשפּיגלונג פון קלאַסאָווער האָפערדיקייט. זייער מעגלעך, אַז דאָס אייגענע וועט מען דאַרפן זאָגן ניט בלויז וועגן שלום־עליכמס הומאָר, נאָר אויך וועגן אַ סך אַנדערע פאַלן פון שפּראַך־וויצלדיקן הומאָר, ד. ה. פון אַ הומאָר, וואו דאָס קאָמישע ליגט דער עיקר ניט אין די געשעענישן, פאַקטן, סיטואַציעס, פיגורן און זייער שילדערונג, נאָר דער עיקר אין די „רייד", דורך וועלכע זיי ווערן געשילדערט. איך רעכן, אַז אַפילו ביטער־סקעפּטישער הומאָר באַווייזט מער סאָציאַלע פעסטקייט איידער דער דאָזיקער מין לייכט־וויצלדיקער באַרעדעוודיקער שפּראַך־הומאָר.

אין אמתן איז דער דאָזיקער כלומרשט לייכט־וויצלדיקער הומאָר אַן אויסדרוק־פאָרם פון אַ רעזיגנירנדיקער, אויסזיכטלאָזער און זייער געדריקטער קלאַסאָווער שטימונג. זי איז דורכאויס ניט פאַרשיידן, נאָר בלויז אַן אַנדערע זייט פון דער זעלבער שטימונג, וואָס ווערט אַמאָל אויסגעדריקט דורך אַן איינדייטיק טרויעריקן טראַגישן טאָן. אַ פעסימיסטיש־מעלאַנכאָלישער נוסח און אַזאַ וויצלדיקער שפּראַך־הומאָר קאָנען אין תוך אָפּשפּיגלען די אייגענע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש. דער הומאָר שלום־עליכמס קאָן פונקט אַזוי אויסדריקן אַ טיפן סאָציאַלן פעסימיזם, ווי למשל, די באַשטימטע ראַעליסטיש־ראָמאַנטישע פעסימיסטישע דערציילונגען פרצעס וועגן נויט און אָרעמקייט (אָדער ווי די אַנטשפּרעכנדיקע באַוועלעס רייזענס, נאָמבערגס * א. אַז. וו.).

* אַ גלייכצייכן צווישן דעם סאָציאַלן פעסימיזם ביי פרצן, רייזענען און נאָמ־בערגן קאָן מען אין אַלגעמיין נאָר אויף אַ ז ו י פ י ל שטעלן, אויף וויפיל ער איז אין תוך אַן אויסדרוק פון קליינבירגערטום. אַחוץ דעם אָבער מוז מען דאָ, פאַרשטייט זיך, דעם אויסדרוק פון דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע ביי יעדן פון די דערמאָנטע שרייבער ק אָ נ ק ר ע ט אויפדעקן, דיפערענצירן און דערקלערן.

אין תוך ווערט איןביידע פאַלן אָפּגעשפּיגלט די זעלבע סיטואַציע פונעם צעטומלטן דעגראַדירנדיקן קליינבירגערטום. דער חילוק באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס שלום־עליכם דריקט אויס די דאָזיקע שיכטן קליינבירגערטום אין זייער „וואָנדערנדיקן" עטאַפּ: פון שטעטל אין שטאָט, פון רוסלאַנד קיין אַמע־ריקע, לאָנדאָן א. אַז. וו. פּרץ זעט די דאָזיקע מאַסע אַלס אַ פּעסטיזיצנדיקע, פאַרגליווערטע אויף איין אָרט — קאָן ער זיך „העלפן" בלויז נאָך דורך דער ראָמאַנטישער שיין פון דער „פאַרגאַנגענהייט", צו וועלכער ער קומט טאַקע אָן. שלום־עליכמס באַזע איז אין אַ גרויסער מאָס די „וואָנדערנדיקע" קליינ־בירגער־מאַסע. דאָס גיט אים פאַרט די מעגלעכקייט פאַר עפּעס אַ שפּור פון אַ וויטער אילוזיע אין דער צוקונפט. דאָס דערלאָזט אים ניט דערפירן די „טראַגיק" פון דער סיטואַציע ביז צום סוף; עפּעס אַ שפּעלטל פון אויסזיכט איז פאָרט אָפן, די האָפענונג אויף דער אויסוואַנדערונג. אַ קאַלאַמוטנע האָפע־נונג, אַ ספּקדיקע, אָבער פאָרט אַ שטיקל האָפענונג, אויף וועלכער דער שיכט, וואָס ער דריקט אויס, האַלט זיך און וואַקלט זיך געגנוג לאַנג אַהין און אַהער. די האָפענונג איז ספקדיק, ווילצלט מען זיך איבער איר, זי לאָזט אָבער ניט אַריינפאַלן אין אַ פולער „טראַגישער" שטימונג. דעריבער איז די פאָרם פון שלום־עליכמס סאָציאַלער „טרייסט" — דער אילוזאָריש־ווילצלדיקער רייד־הומאָר; פונקט ווי ביי פּרצן — די ראָמאַנטיק פון דער פאַרגאַנגענהייט.

22

מיר האָבן דאָ, הייסט עס, צו טאָן בלויז מיט פאַרשיידענע אויסדרוק־פאָרמעס פאַר כמעט דער זעלבער סאָציאַלער סיטואַציע. ס'איז ניט קיין וועזנטלעכער חילוק צי מע באַשיינט אַזאַ סיטואַציע מיט ראָמאַנטישער מעלאַנ־כאָליע, אָדער אויב מע ווילצלט זיך איבער איר ווי שלום־עליכם.ביידע אופנים אַנטהאַלטן אין זיך געגנוג אַ סך פּעסימיזם. און ס'איז טאַקע פאַראַן שרייבער, וואָס באַנוצן פאַרן אויסדרוק פון אַן אַנאַלאָגער סאָציאַלער סיטואַציע אין פאַר־שיידענע ווערק סיי דעם, סיי יענעם אופן (טשעכאָוו, למשל).

די האָפענונג פון באַשטימטע שיכטן פאַראָרעמטע און „איבערוואָנדערנ־דיקע" קליינבירגער ליגט דער עיקר אויפן וועג פון די קליין־ספּעקולאַנטישע, פאַרמיטלעריש־מעקלערישע פּרנסות אָרום די „מיליאָנען". די קבצנישע קאָ־מיסיאָנערן, קאָמי־וואָיאַזשאָרן, געשעפטן־מעקלערס, אַגענטן פאַר לעבנס־פאַרזיכערונג, בירזשעהאַזן, אַט־אָ די אַלע, וואָס זיינען אויסגעקאָכט אין אַלע ספּעקולאַנטישע קונצן און וואָס זעען די איינציקע מניעה צו ווערן גבירים אין איין אויגנבליק בלויז אינעם „מזל" און אין זייער קאַפּיטאַללאָזיקייט, האַלטן דאָס דערגרייכן מיליאָנען אי פאַר זייער נאָענט אי פאַר זייער וויט. זיי זעען, ווי גרינג די „אויסדערוויילטע" געווינען און „פאַרדינען". גיך רייך צו

וועלן האַלטן זיי אויך פאַר דורכאויס מעגלעך. זייערע האָפענונגען וועלן גע־בראָכן דורך סקעפּסיס, די סקעפּסיס וועט געלייזט אין האָפענונג. באַהאַלט זיך דער ערנסט און די געדריקטקייט פון זייער סיטואַציע אונטער אַ וויצל. דער אָרעמער צוקוקער ביים קאָרטנשפּיל פון רייכע וויצלט זיך. פון אַזאַ מין פּסיכאָלאָגיע בויט זיך דער עיקר יענע וויצלעריי, וואָס ווערט צוגעשריבן אַ באַשטימטן מין „פריילעכן קבצן".

עס איז אָבער קלאָר, אַז אַזאַ צווייזייטיק וויצלדיקער פּעסימיזם פאַרמאָגט פאָרט אין זיך מער עלעמענטן פון סאָציאַלער „טרייסט" איידער דער איינ־זייטיק מעלאַנכאָלישער פּעסימיזם, ווי שטאַרק ער זאָל ניט געמילדערט ווערן דורך ראָמאַנטיק. די אויסזיכטלאָזיקייט איז דאָ פאָרט ווייניקער אַבסאָלוט. אַ שפּור פון אַן אילוזיע בלייבט דאָ פאָרט נאָך, ווי מנחם־מענדלש זי זאָל ניט זיין. וואָרים ס'האָבן זיך דאָך טאַקע פאָרט געטראָפן פאַלן, ווען מנחם־מענדלס האָבן זיך „אַרויפגעכאַפּט" און זיינען געוואָרן באַהערשערס פון דער בירזשע, פון דער אינדוסטריע און פון האַנדל. און דעמאָלט איז דאָך דער אַמאָליקער מנחם־מענדל — געוואָרן אויס מנחם־מענדל. טליעט דאָ נאָך אַ האָפענונג, אַ וויטע, אַ מאָגערע, אַן אילוזאָרישע און אַפילו אַ קאָמישע, אָבער פאָרט אַ האָפענונג. די דאָזיקע שטימונגען באַקומען אַן אויסדרוק אין שלום־עליכמס הומאָר. קיינער איז ניט געווען אַזאַ שאַרפער צעשטערער פון די מנחם־מענדלשע אילוזיעס ווי שלום־עליכם. אָבער שטענדיק האָט ער זיי ווידער און ווידער צו ביסלעך צוריק אויפגעבויט. אין דעם באַשטייט דאָך זיין „ראָמאַנ־טיק אויף פאָראויס", זיין „סאָציאַלע טרייסט", זיין „סאָציאַלע באַשטעלונג". דערין ליגט דאָך אויך די סיבה פון זיין אומגעוויינלעכער פּאָפּולאַריטעט אין די ברייטסטע שיכטן פון קליינבירגערטום.*

שלום־עליכם צעשטערט מנחם־מענדלס אילוזיעס, אָבער געוויינלעך ניט ביזן גרונט, ער בויט זיי צוריק אויף, סקעפּטיש און צוביסלעך, אָבער פאָרט. ער צעשטערט זיי ווידער און ווידער, און בויט זיי ווידער און ווידער אויף. און צו דעם אַנטשפּרעכט זיין וויצלדיקע האַלטונג, וואָס קאָן זייט העלפט 90ער יאָרן ניט מער אויסוואַקסן צו אַ דורכאויס קריטישער, צעשטערערישער, אָנ־גרייפערישער סאַטירע, ווייל ער וועט דאָך ווידער תיכף דאַרפן צוריק אויפ־בויען. אויפבויענדיק די אילוזיעס — טוט ער עס ניט מיט פולן גלויבן און האָפערדיקייט, ווייל ער וועט זיי דאָך באַלד דאַרפן צעשטערן. קאָן ער זיך ניט אַרויפכאַפּן צו אַ פאַרפעסטיקטן אָפּטימיזם, מוז ער דעריבער סיי דאָס אויפבויען, סיי דאָס צעשטערן די אילוזיעס אַרויסזאָגן בלויז „אין שפּאַס". ער

* אַ באַזונדערע פראַגע איז דער אופן ווי שלום־עליכמס שאַפן איז אויסגענוצט געוואָרן דורך דער בורזשואַזיע אויך (אויף פאַרלעזונגען, דורך איבערזעצונגען א. אַז. וו.).

קאָן דעריבער אין דעם פּעריאָד זײַנעם ניט אויף אַן ערנסט חוזק מאַכן, נאָר זיך בלויז וויצלען. ער קאָן ניט אויף אַן ערנסט גלויבן און אָנווייזן — נאָר בלויז זיך וויצלען. וועגן די סאַמע ערנסטע ענינים קאָן ער בלויז „שפּאַסן", ווייל ער וויל בלייבן וואַקלדיק, ווייל ער וויל זיך מיט גאָרניט בינדן.

23

דעריבער איז שלום-עליכמס הומאָר — לויט דער פאָרם — אין אַזאַ גרויסער מאָס דער עיקר אַ וואָרט-הומאָר, להיפּוך צו אַ הומאָר, וואָס דריקט זיך אויס אין בילדערישן שילדערן פאַקטן, זאַכן, געשעענישן, סיטואַציעס. זיין הומאָר איז גיכער ענלעך צום הומאָר פון אַ נעסטרוי, פריץ רויטער און אַפילו פון סאַפיר (פון וועלכן ער איז אויף אַזויפיל העכער, ווי אַ גרויסער קינסטלער פון אַ באַגרענעצטן ווערטל-זאָגער) איידער צום הומאָר פון אַ סטערן, דיקענס, גאָנטשאַראָוו, גאָטפריד קעלער. די דאָזיקע הומאָריסטן לאַכן אויס דער עיקר שילדערנדיק, מאָלנדיק פאַקטן, זאַכן, סיטואַציעס, געשעענישן, כאָטש זיי קומען אָן אויך צום וואָרטלעכן הומאָר. שלום-עליכם שילדערט דער עיקר דאָס רעדן, ער הומאָריזירט דער עיקר רעדנדיק, ריכטיקער: לאָזנדיק די פיגורן רעדן און ניט אַזוי די פאַקטן א. אַז. וו.

דער אופן פון רעדן איז ניט בלויז אַ מיטל, נאָר אויך די פּריזמע, דורך וועלכער עס קומט צום אויסדרוק דאָס קאָמישע אויך פון די פאַקטן א. אַז .וו. דאָרט, וואו שלום-עליכם הערט אויף צו לאָזן רעדן, דאָרט הערט אויף אויך שלום-עליכמס כח צו קאָמיק. די קאָמישסטע סיטואַציע באַקומט ביי אים די קאָמישע באַפאַרבונג דער עיקר דורכן אופן ווי זי ווערט דערציילט פון זיינע פיגורן אָדער ווי זיי רעאַגירן אויף איר מיט זייערע רייד.

די עקאָנאָמישע פונדירטקייט פונעם מנחם-מענדלשן שיכט איז אילוזאָריש, די גאַנצע אַטמאָספער פון דער דאָזיקער סביבה, איר סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע און בכלל אַלע אירע אידעאָלאָגישע אויסדרוקן ווערן באַשטימט דורך דער דאָזיקער אילוזאָרישקייט. ביי דעם שיכט באַקומט „דאָס רעדן", די „באַרעדעוור-דיקייט" (אין קעגנזאַץ צו „טאָן", צו שאַפערישער טעטיקייט און בכלל צו רעאַליטעט) גאָר אַ באַזונדערן באַטייט. זיין עיקר „אַרבעט" איז „רעדן". מיט אַלע באַלייט-דערשיינונגען, וואָס געהערן צום אינטענסיוון רעדן און איבער-רעדן: מאַכן מיט די הענט, מאַכן איבעריקע תנועות מיט דער שטים, מיטן פּנים, מיטן גאַנצן קערפּער. אין דער באַרעדעוודיקייט באַשטייט זיין „כח", זיין „אַרבעט". זי איז אומפּראָדוקטיוו, „אומווירקלעך", „פאַנטאַסטיש" און דאַרף גיכער פאַרשטעלן די „ווירקלעכקייט" איידער זי אַנטפּלעקן. צו די דאָזיקע שטריכן אין דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע פון דעם שיכט אַנטשפּרעכן די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון שלום-עלימס דער עיקר ווערבאַלן הומאָר.

שלום־עליכם האָט געגוג אָפּט געפּרואווט אַרויסגיין פון די גרענעצן, וואָס זיין רייד־הומאָר האָט אים געשטעלט. געוויינלעך — אַחוץ אויסנאַמעס — איז ער דאַן אין יעדן פּרט דורכגעפאַלן. די דאָזיקע ווערק געהערן אין אַלגעמיין ניט צו זיינע מייסטער־שאַפונגען. ביים מאָלן און כאַראַקטעריזירן פאַקטן, זאַכן, געשעענישן, סיטואַציעס אָדער גאָר ביים שילדערן געדאַנקען איז שלום־עליכם הילפלאָז און שוואַך. אין זיינע „ראָמאַנען" פאַלט ער רעגלמעסיק דורך. ערשט דאָרט, וואו ער לאָזט זיינע פיגורן הומאָריסטיש רעדן, אָדער, וואו ער נעמט אַליין איבער דעם טאָן פון זיינס אַ פיגור, באַקומען זיך אַפילו די העכסט „אומווירקלעכע" פאַקטן, געשעענישן און סיטואַציעס איבערציינגנדיק און ווירקלעך, ווייל וואָס שייך דעם אידעאָלאָגישן און טעמאַטישן אינהאַלט — און דאָ ממילא אויך פון פאָרם־מהות — פון זיין שאַפן וועט ניט זיין קיין פּאַראַדאָקס צו זאָגן, אַז זייער ווירקלעכקייט באַשטייט אין זייער „אומווירקלעכקייט".

דערמיט קאָן מען דערקלערן שלום־עליכמס נטיה צו דער דיאַלאָגישער און בכלל געשפּרעכמעסיקער פאָרם. און אויך די נטיה צו זיין ספּעציפישער שלום־עליכמישער „פעליעטאָן"־פאָרם, וואָס איז געוויינלעך אין אמתן אַ שמועס אינעם „אונטערגעכאַפּטן" טאָן און נוסח פון זיינס אַ פיגור. פונדאַנען נעמט זיך, אַז אַפילו וועגן אַזעלכע מייסטערווערק זיינע ווי „מאָטל פּייסי דעם חזנס" קאָן זיך ביי אים אַרויסכאַפּן די באַצייכענונג „פעליעטאָן"; און פון דער אַנדערער זייט, אַז אַפילו זיינע ווירקלעכע פעליעטאָנען, וואו ער נעמט דירעקט שטעלונג צו טאָג־פראַגן, זיינען אויך ניט געשריבן אין אַ פּערזענלעך־פּריוואַטן סטיל, נאָר אין אַ סטיליזירטן נוסח, וואָס איז סינטעטיש צונויפגעשטעלט פון פאַרשיידענע עלעמענטן אינעם רייד־שטייגער פון פאַרשיידענע זיינע פיגורן.

פאַר זיין פּערזענלעכן באַדאַרף, ד. ה. פאַר יענע פאַלן, וואו שלום־עליכם גופא דאַרף אין זיין אייגענעם נאָמען אָדער פון זיך אויס אַרויסטרעטן, סיי אין זיין שאַפן, סיי אין זיינע בריוו א. אַז. וו., האָט זיך שלום־עליכם צורעכט געמאַכט אַ גאַנץ באַשטימטן באַוואוסטזיניק סטיליזירטן נוסח. דער דאָזיקער נוסח איז אין זיינע הויפּט־שטריכן אַראָפּגענומען פון אַ קליינשטעטלדיק־וואָוויליונגערישן, באַהעמיש־„פאָלקסטימלעכן" וויצלדיקן פיגאַראָ, צוגעמישט מיט אַ קאַפּ — קלויזנישער יידישלעכקייט. ער איז אַ מין סינטעז פון די רייד־שטייגערס ביי זיינע וויכטיקסטע פיגורן פון דעגראַדירטן קליינבירגערטום. אונטער דעם דאָזיקן באַוואוסטזיניק סטיליזירטן נוסח פאַרשטעלט זיך שלום־עליכם ווי אונטער אַ שירמע אין אַלע פאַלן, וואו ער מוז אַרויסטרעטן פון זיך־אויס. וועגן די סיבות האָבן מיר שוין אויספירלעך גערעדט. דער דאָזיקער סינטעטיזירטער נוסח כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אַפילו אין יענע ערטער, וואו ער לאָזט רעדן אַ פיגור מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם אייגענעם גרופּן־נוסח, גע־

ווינלעך אין באַשטימטע שילדערנדיקע צווישן־מאָמענטן צווישן רייד און רייד, דער עיקר אָבער דאָרט, וואו די רעדנדיקע פיגור קאָן לויט איר טבע ניט האָבן קיין געגנוג שאַרף אויסגעפורעמטן אייגענעם רייד־שטייגער, למשל: אַז מאָטל גיט איבער פעסיס, ברכהס אָדער פיניעס ווערטער, טוט ער דאָס מיט זייער רייד־שטייגער, אַז ער דאַרף אָבער אַליין רעדן אָדער גאָר אַרויסזאָגן „געדאַנקען", מישט זיך אָפט אַריין אין זיין סטיל אַריין — וואָס האָט אַחוץ „קינדערישקייט" ווייניק אייגענעם כאַראַקטער — דער דערמאָנטער סינטעטי־זירטער רייד־נוסח שלום־עליכמס גופא. און אין אמתן זייַנען געוויינטלעך טאָקע מאָטלס „געפילן און געדאַנקען" — שלום־עליכמס אייגענע געדאַנקען, ניט געקוקט אויף דער טאָפּלטער שירמע, אונטער וועלכער זיי האָבן זיך דאָ באַהאַלטן.

24

אַנטשפּרעכנדיק צו דער פונקציע פון דער רעדעוודיקייט איז אין איר וויכטיק געווען ניט בלויז דאָס וואָרט אַליין, נאָר אויך די אינטאָנאַציע און מאָדולאַציע פונעם וואָרט, די טיפּישע תנועות און זשעסטן, וואָס באַלייטן עס געוויינלעך. דאָס וואָרט האָט געדאַרפט געבן אַן אָנווייזונג, ווי אַזוי צו רעפּראָדוצירן דעם גאַנצן באַוועגלעכן אילוזאָריש־אויסדרוקפולן, שמייענדיקן, וויכטיק־טועריש ן רייד־שפּיל, אַנטשפּרעכנדיק צום כאַראַקטער פון דערווירק־לעכקייט, וועלכע ס'האָט באַדאַרפט אָפּשפּיגלען. שלום־עליכם האָט טאָקע מיט באַוואוסטזיניקייט און גרויס מייסטערשאַפט אָט די אַלע באַלייט־מאָמענטן פונעם רעדן אַריינגעפּרעסט אין די ווערטער גופא. ריכטיק באַנומען, גיבן שוין די ווערטער גופא אַלע אָנווייזונגען פאַר אינטאָנאַציע, תנועות פונעם פּנים און זשעסטיקולאַציע פונעם גאַנצן קערפּער. שלום־עליכם בויט אַזוי דעם זאַץ, אַז פון די בלויזע רייד זאָל מען דאָס אַלץ שוין הערן און זען.

איך זאָג: „באַוואוסטזיניק", ווייל שוין אין יאָר 1884 שרייבט שלום־עליכם („שלום־עליכם־בוך", ז. 326), „אַז אונדזער זשאַרגאָן האָט אין זיך מער שטאָף צו דער סאַטירע (ליצנות) אַלס אַנדערע שפּראַך (ן); דאַמיט האָט ער צו דאַנקען דער טעכניק פון דער שפּראַך; מיט אַ קנייטשעלע אין דער זייט, מיט אַ „מאמר המוסגר", מיט אַ נאָמען, מיט אַ קליין שטריכעלע ווערט שוין די פּראָזע סאַטיריש און רופט אַרויס אַ שמייכל ביים לעזער ניט ווילנדיק; און ווער שמועסט, אַז מע קאָן נאָך נאָכמאַכן יעדער מענטשן מיט זיין לשון (יעדער ייד כמעט האָט זיך זיין לשון) און מיט דער זשעסטיקולאַציע (מאַכן מיט די הענט, מיט די פּיס, מיט די פּלייצעס בשעת רעדן...)." שלום־עליכם שרייבט דאָ צו דער שפּראַך גופא דאָס, וואָס ס'איז געווען זיין גרויסע קינסטלערישע

פּייאיקייט, אַחוץ דעם פאַרבייט ער דעם טיפּישן רייד־נוסח פון זיינע פיגורן מיט דער יידישער שפּראַך בכלל געװנומען. אָבער פון די דאָזיקע זאַצן איז קלאָר צו זען, ווי באַוואוסטזיניק שלום־עליכם איז שוין דעמאָלט צוגעגאַנגען צו דער אויפגאַבע, איבערגעבן אינאַיינעם מיטן וואָרט, און נאָר דער עיקר דורכן וואָרט, אויך די באַוועגונגען, וואָס באַלייטן דאָס רעדן.

דער רייד־שטייגער דאַרף דאָך ביי שלום־עליכמען געשילדערט ווערן אין זיין גאַנצן „דראַמאַטישן" פאַרנעם, אויב ער זאָל טאַקע איבערגעבן דעם פולן כאַראַקטער פון זיין אילוזאָרישקייט. דאָס איז דאָך ניט יענער רייד־אופן, וואָס איז אויסן איבערצוגעבן „פאַקטן", „ווירקלעכקייט", דער עיקר שפּילט דאָך דאָ אַ ראָל דאָס רעדן גופא און זיין ווירקונג: דאָס איבעררעדן און פאַררעדן. דעריבער זיינען דאָ באַזונדערס וויכטיק אַלע יענע מאָמענטן, וואָס פאַרשטאַרקן די ווירקונג פונעם רעדן אַלס אַזעלכן: אינטאָנאַציע, תנועות א. אַז. וו. — שלום־עליכמס הומאָר באַקומט זיך ניט בלויז פון דער רייד־קאָמיק, נאָר אויך פון די פאַרשיידענע באַלייט־מאָמענטן, וואָס ווערן אַסאָציאירט בשעת מע לייענט די רייד פון זיינע פיגורן.

דעריבער באַקומען שלום־עליכמס מייסטערווערק זייער אייגנטלעכע און פולע ווירקונג ניט ביים שטומען לייענען אין זיך, נאָר ערשט דעמאָלט, ווען מע לייענט זיי הויך, ערשט דעמאָלט אַנטפּלעקט זיך זייער גאַנצער „הומאָר" און „קאָמיק", זייער גאַנצער באַטייט לויט דער אידעאָלאָגיש־קינסטלערישער כוונה, אַ סך מייסטערישע ערטער באַמערקט מען אַלס אַזעלכע אין זייער גאַנצן פאַרנעם ערשט דעמאָלט, ווען מע לייענט זיי אויפן קול.

שלום־עליכמס קינסטלערישקייט ווענדט זיך דאָך ניט אַזוי זייער צו „פאַקטן־פאַנטאַזיע", ווי דער עיקר צו דער „וואָרט־פאַנטאַזיע", אויב מע קאָן זיך אַזוי אומפּינקטלעך אויסדריקן (אומפּינקטלעך — ווייל ביידע מינים „פאַנטאַזיעס" האָבן אַ דורכאויס קאָנקרעטן אידעאָלאָגישן אינהאַלט). ער שילדערט דער עיקר „רייד" און דורך „רייד" ערשט דעם אינהאַלט. און „רייד" אַלס אַזעלכע קאָן מען אין זייער פולער סטיל־ספּעציפישקייט באַנעמען ערשט ביים הויכן לייענען. שלום־עליכמס בעסטע ווערק זיינען דעריבער אין תוך „דעקלאַמאַטאָריש" אין דעם זינען, אַז זיי זיינען באַשטימט פאַרגעלייענט צו ווערן, „געשפּילט" צו ווערן. פונדאַנען נעמט זיך שלום־עליכמס נטיה זיינע ווערק עפנטלעך אַלס „דעקלאַמאַטער" פאַרצולייענען. די מאַטעריעלע סיבות זיינען צוגעקומען אַלס נעבן־רעזולטאַט. די לייענערישע אילוסטראַציע האָט ער געדאַרפט האָבן כדי צו דערפירן דעם מיין, דעם אייגנטלעכן אינהאַלט פון זיין קינסטלערישקייט ביז צום תוך. ער האָט דערמיט געוואָלט וויזן דער פובליקע, ווי אַזוי מע דאַרף זיינע ווערק לייענען כדי מע זאָל זיי באַנעמען ביז צום גרונט פון זייער אינהאַלט. און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס קיין

שום יידישן שרייבערס ווערק זיינען ניט אַזויפיל און אַזוי אָפט הויך געלייענט געוואָרן (פאַר ענגערע און ברייטערע צוהערער־קרייזן), ווי שלום־עליכמס. פאַר דערווירקנדיקער רעאַליזירונג פון זייער אייגנטלעכן אינהאַלט איז דאָס פונקט אַזוי נייטיק געווען ווי פאַר אַ פּיעסע, אַז זי זאָל געשפּילט ווערן.

שלום־עליכמס בעסטע ווערק זיינען דעריבער אַ מין רייד־שפּילן. די „הויכע קאָמעדיע" איז אין תוך אַ דורכאויס געזעלשאַפט־קריטישער זשאַנר. דעריבער איז די „הויכע קאָמעדיע", ניט געקוקט אויף אַ ריי מער אָדער ווייניקער געלונגענע פּיעסעס און דראַמאַטיזירונגען, ניט געווען שלום־עליכמס אייגנטלעכער זשאַנר. זי האָט ניט אַנטשפּראָכן צום סאָציאַלן מהות פון זיין שאַפן, וואָס האָט געדאַרפט „אַנטשולדיקן" און „טרייסטן". דאָ האָט ניט גע־פּאַסט דאָס אַרויספירן פיגורן אויף אַ „הויכער" ערנסטער טעאַטער־טריבונע פאַרן „געריכט" פון די מאַסן. דער קינסטלערישער רעאַליזירונג פון דער דראַמאַטיק אין זיינע דערציילערישע רייד־שפּילן האָט אַמבעסטן אַנטשפּראָכן אַ געמיטלעך פאַרלייענעני אין אַן ענגערן אָדער גאָר ברייטן „משפחה"־קרייז, אַלצאיינס, צי ער איז באַשטאַנען פון צען קעפּ אָדער פון פינף טויזנט קעפּ. דער סאָציאַלער מהות פון זיין שאַפן האָט אויך אין דער רעפּראָדוצירנדיקער „אויפפירונג" געקאָנט נאָר אַזוי אַמבעסטן קומען צום פאַסיקסטן אויסדרוק: אין אַן אַנצוהערעניש אויף אַ שפּיל, וואָס שילדערט — אַלס זיין טעמע — אַן אילוזאָריש „שפּיל".

קיעוו, 2 נאָוועמבער 1931.

וועגן שלום־עליכמס הומאָר

„דאָס פאָלק באַדאַרף וויסן, וואָס פאַר אַ כוחות עס געפינען זיך ביי אים, וואָס פאַר אַנטיקלעך עס וואַלגערן זיך צווישן אים און גייען אין „ניוועטש", ווי מע זאָגט."
(ש ל ו ם - ע ל י כ ם: „אַ בריוו צו אַ גוטן פריינט", „די יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק" 2, ז. 308.)

„שרייבנדיק פאַרן פאָלק און רעדנדיק מיט אים אויף זיין שפּראַך, מוז מען אים געבן אַזעלכע בילדער און פאָרשטעלן אים אַזעלכע פאַרשוינען, וואָס זי נען אים גוט באַקאַנט; דאָס הייסט: די העראָיען באַדאַרפן זיין גענומען פון זיין ספערע, דאָס הייסט: פון זיין גראַד, ט אַ ק ע פ ו נ ע ם פ אָ ל ק אַ ל י י ן. און ווער עס איז באַקאַנט מיט אונדזער פאָלק, דער ווייסט, אַז העלדן געפינען זיך צווישן אונדזער המון-עם אַ סך מער, אַלס ביי אונדזער העכערן קלאַס, וואָס מע רופט דאָס אָן אינטעליגענציע."
(דאָרט, ז. 307).

עכטער הומאָר איז אַ זעלטענע זאַך ניט בלויז אין דעם אָדער יענעם פעריאָד פון אַ באַשטימטער ליטעראַטור, נאָר אין אַלע צייטן און אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. אין אונדזער יידישער ליטעראַטור שטייט איין גראַד אַזאַ עכטער גרויסער דיכטער פון הומאָר. דאָס פאָלק האָט שלום־עליכמס שאַפן תיכף אויפגענומען און געהעריק אָפּגעשאַצט. פון דער קריטיק קאָן מען דאָס ניט זאָגן. צום גרויסן טייל האָט זי אַ לאַנגע צייט פאַר דעם דאָזיקן געבענטשטן אוצר ניט געוויזן דעם רעכטן פאַרשטאַנד.

ס'איז נאַטירלעך, אַז אין אונדזער סאָציאַליסטיש לאַנד צעעפנט זיך אַלץ קלאָרער דער פולער היסטאָרישער באַטייט פון שלום־עליכמס שאַפן. ס'קומט אויס צו רעווידירן אויך די אייגענע פריערדיקע מיינונגען, אויפסניי צו שטודירן זיינע ווערק, טיפער אין זיי אַריינדרינגען.

דער סוד פון שלום־עליכמס הומאָר — די דאָזיקע פראַגע האָט אונדז אין זיינע ווערק שטענדיק אַמייסטן באַשעפטיקט.

ווי באַוואוסט, ווערט יעדע קאָמישע ווירקונג אַפילו פון די באַדייטנדיק־סטע ווערק פאַרמינערט, — אויב דער לייענער איז ניט באַקאַנט פון אייגענער דערפאַרונג מיט דער סביבה, וואָס ווערט געשילדערט, ווייל ער איז דאַן ניט

אימשטאַנד אויפצונעמען די פאַרשיידענע אַנצוהערענישן אויפן שטייגער. אין פאַרלויף פון דער צייט גייט דעריבער פאַרלוירן — מחמת די ענדערונגען אינעם שטייגער — אַ היפּשער טייל דירעקטע קאָמישע ווירקונג פון די גרויסע הומאָריסטישע ווערק. זייער באַטייט פאַרוואַנדלט זיך אויף עפּעס אַן אופן.

געווען אַ צייט, ווען מע האָט זיך טאַקע בוכשטעבלעך געקאַטשעט פאַר געלעכטער פון די אַוואַנטיורעס פון דאָן קיכאָט. היינט וועט זיך דאָס זעלטן עמעצן איינגעבן. דער באַטייט פונעם ווערק איז ניט געמינערט געוואָרן אויף אַ האָר. ער האָט זיך בלויז דער עיקר אויסערלעך עטוואָס געביטן. אַ סך קאָמישע עפעקטן ווערן דורך דער צייט קאָנדענסירט. דער קאָמיזם שפּאַרט דאַן אַרויס אין אַ מער פאַראַלגעמיינערטער, סך־הכלדיקער, פאַרטיפטער פאָרם און ווערט ניט צעשפּליטערט דורך צופיל איינצלנע, אָפט צופעליקע שטייגער־דעטאַלן, וואָס ווענדן אָפּ פונעם תוך.

הומאָר אָן שטייגער איז ניט מעגלעך (אַפּנים, אַז פאַרקערט אויך ניט). דאָס וואָרט „הומאָר" באַטייט, אגב, ריין לעקסיקאָלאָגיש, ניט בלויז: שטימונג, לוינע, נטיה, אייגנשאַפט פון כאַראַקטער, שפּאַס, שפּיצל, קאָמישער שטריך א. אַז. וו. — נאָר אויך: זיטן, שטייגער. אין אַ מייסטעריש ווערק זיינען אַלע דעטאַלן נייטיק און אומפאַרמיידלעך, מע קאָן זיך אָן זיי ניט באַגיין, ס'איז אָבער ניט אומבאַדינגט נייטיק, אַז די אויפמערקזאַמקייט פונעם לייענער זאָל זיך דווקא אויף זיי פאַרהאַלטן מער ווי סע דאַרף צו זיין צוליב דעם תוך פון דער זאַך.

אַזוי־אַרום רוקט זיך מיט דער צייט דער תוכיקער צענטער פונעם ווערק אַ ביסל אַוועק אין אַן אַנדער אָרט, איידער ווי דער אָדער יענער לייענער האָט עס אפשר פריער געמיינט. און געוויינטלעך, דאַרף מען רעכענען, אַז איצט — אויפן ריכטיקן אָרט; אויף יענעם אָרט, וואו דער שרייבער גופא האָט געטרוימט דעם טראָפּ צו שטעלן און צו זען — אויב זיינע ווערק געהערן טאַקע צו די אמתדיק גרויסע.

פון דער ענדערונג אינעם אופן אויפנעמען, וואָס קומט מחמת דער דיסטאַנץ פון צייט, קאָן אַן אמתדיק מייסטערווערק גאָרניט אָנווערן. וואָס מער עס האָט צו זיין צייט באַוועגט און אויפגערעגט דעם לייענער, וואָס מער עס האָט גערעדט צום טיפסטן אין זיין געמיט — און דאָס הייסט דאָך: וואָס מער עס קלינגען אָפּ אין אַ ווערק דער אייגנטלעכער תוך, די טענדענץ פון דער צייט — אַלץ מער דויערנדיק און שטאַנדהאַפטיק איז זיין ווירקונג און באַטייט אויך אין שפּעטערדיקע צייטן, וויפל די פּערספּעקטיוו זאָל זיך ניט פאַרענדערן.

געלעכטער געהער צו די זיכערסטע קאָנטראָל־מיטלען ביים שאַצן דעם איינדרוק פון אַ ווערק. דאָס עכטע האַרצלעכע לאַכן, וואָס רעגט אָן דאָס געמיט

און די געדאַנקען, איז דאָך אַן אוממיטלבאַרע רעאַקציע פון די עמאָציעס. כדי אַרויסצורופן געלעכטער מוז די קינסטלערישע אידייע פאַרקערפּערט ווערן אויף אַ זייער פּינקטלעכן אופן, דער קינסטלער מוז טרעפן אין פּינטל, אַ מינדסט פאַלשעווען צעשטערט די קאָמישע ווירקונג. זעלטן האָט מען ביי ליטעראַרישע קונסטווערק אין די פאַרשיידנסטע שיכטן און לענדער טאַקע „אויף אַן ערנסט" אַזויפיל געלאַכט, ווי ביי די ווערק שלום־עליכמס. דאָס איז אַ גרויסע גאַראַנטיע פאַר דעם דויער פון זייער באַדייטונג.

אַרויסבאַקומען דאָס דויערעוודיקע, בלייבנדיקע, שטאַנדהאַפטיקע אין זיין הומאָר, דעם תוך, וואָס מע דערזעט אים דייטלעכער דורך דער דיסטאַנץ פון צייט, און דווקא ווען אַ סך איינצלנע צופעליקע מאָמענטן, גענומען פונעם שטייגער, זיינען שוין היסטאָריש פאַרמעקט געוואָרן — אָט־דאָס איז אייגנטלעך די אויפגאַבע, די טעמע, פון די דאָזיקע פאַרצייכענונגען.

גראַציע און קלוגשאַפט

ביטערע אמתן דערציילט שלום־עליכם, זיי הערן זיך אָבער אַזוי, ווי ער וואָלט געגלעט מיט סאַמעטענע צערטלעכע פינגער. ער האָט פינגער פון אַ כישופמאַכער. ער נעמט אַ פּאָר אונטערגעהערטע זאַצן, אַ פאַקט, אַן אַנעקדאָטישע פּאַסירונג, מאַכט מיט זיינע פינגער עטלעכע גיכע, כמעט ניט־באַמערקטע באַוועקונגען — און ס׳וואַקסט אויס אַ ווירטואָז ווערק. זיינע „באַוועגונגען" זיינען גראַציעז, כמעט קאָקעטיש — אָבער דערביי פעסט און זיכער. זיינע פינגער זיינען פיין און נערוועז ווי ביי אַ מייסטער אַ פידלער, אַ פּיאַניסט, — דערביי אָבער באַהאַוונט און גרויזאַם געניט ווי ביי אַ געניאַלן כירורג, וואָס טוט זיין מייסטערישע מלאכה ווי דרך־אגב, מיט אַ ווערטל אויף די ליפּן.

שלום־עליכם איז אַ ווייכער טרוימער און פאַנטאַסט, אין דער אייגענער צייט אָבער אומברחמנותדיק אָביעקטיוו. ער מאָלט זיינע געשטאַלטן און בילדער מיט אינערלעכן טענהן, כלומרשט אַזוי „לייכט" און אַרטיסטיש שוועבנדיק, אַז אויב מע קוקט זיך ניט גוט צו, קאָן מען, באַצויבערט פון דער אויסטערלישער ווירטואָזקייט, פאַרזען דעם דערשיטערדיקן אינהאַלט פון זיין קונסט.

די כלומרשטע און אויך ווירקלעכע באַרעדעוודיקייט פון זיין סטיל שפּיגלט אָפּ דעם „מעשה־לשון" פון זיינע געשטאַלטן, כאַראַקטעריזירט זייער נערוועזע צעפאָרנקייט און צעשרויפטקייט. אָבער מערקווירדיק: יעדעס ברעקעלע זאַץ אין זיין, אין שלום־עליכמס, „באַרעדעוודיקייט", וואָס אַמאָל איז עס כלומרשט ווי צופעליק און אַמאָל אפילו כלומרשט ווי זינלאָז, גלאַט אין דער

וועלט אַריין — האָט דווקא אַ פעסטן מיין. יעדער ברעקעלע זאַץ דערציילט, שילדערט און פירט די דערציילונג אויף פאָראויס, אַנטוויקלט די האַנדלונג, כאַראַקטעריזירט, אָדער עס באַווייזט — דירעקט צי אומדירעקט — די תנועה, דעם זשעסט, דעם טאָנפאַל און אַזוי־אַרום דאָס געמיט, די שטימונג פון אַ געשטאַלט.

שלום־עליכמס מייסטערווערק פאַרשאַפן אונדז יענע אומגעהייערע הנאה, וואָס מיר פילן ביים הערן אומענדלעך שווערע מוזיקאַלישע שטיק, ווען זיי ווערן אויסגעפירט מיט באַצויבערנדיקער לייכטקייט. דאָ איז פאַראַן פון יענעם מין פאַרגעניגן, וואָס מיר פילן קינדוויז, ווען מיר זעען און גלויבן, אַז פאַר די שעפערישע מעגלעכקייטן, איבערראַשונגען, פאַרוואַנדלונגען, טרוימען, וויזיעס, כישופדיקע קונצן פון אַ שוואַרץ־קינסטלער אָדער אַקטיאָר — איז גאָר קיין גרענעצן נישטאָ. דער פאַרגעניגן פון בייזיין ביי מעשה־בראשית.

אַ גרויסער זוניקער לירִיקער מיט אומגעווייגלעך אידעלער ווייכקייט פונעם געמיט — בונטעוועט קעגן יעדן מיט טיראַנסטווע פונעם לעבן. אַ סאָ־לאָווי אין אַ שטייג זינגט און טרעלערט און לאַכט — לידער פון אומגליק, פון טרויער, פון אַ פאַראומערט לעבן, פון געפענגעניש און טויט. איז דאָס אַ טרויעריקער אומהיימלעכער פראָטעסט. פול מיט חן, מיט גראַציע, מיט רירנ־דיקן פאָרוואורף — און דעריבער נאָך מער אומהיימלעך, אימהדיק.

וויפל חן, גראַציע איז דאָ אין זיינע געשטאַלטן, ניט געקוקט אויף זייערע אומגעלומפערטע, לעפּישע און אומגליקלעכע באַוועגונגען. וויפל חן, גראַציע — ביי די מאַסן פון אַ פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין אַזעלכע מוראדיק־וויסטע אומשטענדן. שלום־עליכם לערנט אונדז אַחוץ אַלעם איינע אַ זאַך, עמעץ וועט זאָגן אַ זייטיקע, אין אמתן אַ גוואַלדיק וויכטיקע, זייער אַ שיינע זאַך: גראַציעז פילן, גראַציעז אויסלאַכן.

די דאָזיקע גראַציע און לייכטקייט שלום־עליכמס האָט ניט בלויז אַ סך שיינקייט, נאָר אויך אַ טיפן זין. דאָס איז ניט קיין לאַכן פון יאוש, ניט קיין לאַכן מיט קריצנדיקע ציין, נאָר עפּעס אַזוינס ווי אַן אַדערויף אויף דעם, ווי מע וועט זיך פילן „דערנאָך“, ווען דאָס לעבן וועט ווערן קליגער. דער אומזין פון אַ פאַרדרייט לעבן, פון אַ פאַרקריפּלטער געזעלשאַפט ווערט אויסגעלאַכט, ווייל ס'איז דאָ אַ טיפער גלויבן אינעם זין, אין דער מעגלעכקייט, אין דער נויטווענדיקייט פון אַ גלייך, ריכטיק, קלוג לעבן, וואָס מוז אומפאַרמיידלעך קומען.

די אַנטיקע גריכישע דענקער האָבן געהאַלטן, אַז דורך דעם, וואָס מע זעט די טראַגיק אויף דער בינע, ווערט די מענטשלעכע נשמה עטיש פאַראיידלט.

די דאָזיקע פּאַראַיידעלונג האָבן זיי אָנגערופן „קאַטאַרזיס״ * (פּלאַטאָן, אַריסטאָטעלעס). די קאָמיק אין דער דיכטונג און אויף דער בינע האָבן זיי געהאַלטן פאַר אַ נידעריקערן זשאַנר, ווייל די קאָמיק קומט פונעם געוויינלעכן, וואָכעדיקן, שטייגערישן לעבן, וואָס איז ניט פריי און איז געפּענטעט פון די באַדינגונגען. דאָס באַטייט: ווייל די קאָמיק קומט פונעם וואָכעדיק־רעאַלן — און ניט פונעם געהויבענעם, אידעאַלן, דאָס הייסט סוף־כל־סוף אַבסטראַקט אויספאַנטאַזירט לעבן. זיי האָבן געהאַלטן דאָס טריוויאַלע — פאַרן קוואַל פון דער קאָמיק.

מע האָט זיך דעמאָלט ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דורך דער קאָמיק קאָן דאָס טראַגישע אויסגעדריקט ווערן ניט ווייניקער שאַרף, ניט ווייניקער פול — און אפילו קאָנקרעטער, רעאַליסטישער. די אמתע טראַגיק פון דער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט, וואָס קומט סוף־כל־סוף פון דער קלאַסעווער אָרדענונג, קאָן דורך דער קאָמיק אָפּגעשפּיגלט ווערן אין דער גאַנצער טיפקייט און פולקייט מיט אַלע ווידערשפּרוכן. ניט געטער האָבן פּראָמעטייען געפּענטעט, נאָר די באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפט — און קעגן זיי בונטעוועט ער. און אויב ס׳איז פּאָעטיש צו באַזינגען זיין קאַמף און פּיין — מוז אויך זיין פּאָעטיש צו דעשיפרירן — פון וואָס אייגנטלעך עס באַשטייען זיינע פּענטעס. יענע קאָמיק, וואָס צילט אויפן תוך פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן קאָן אין זיך אַנטהאַלטן ניט ווייניקער פּראָמעטייאישן בונט, ווי די סאַמע דערהויבנסטע, פייערלעכסטע טראַגיק. אויף דעם זאָגט עדות די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור זייט דער רענעסאַנס.

שלום־עליכמס הומאָר געהער צו יענעם גרויסן „קאָמעדישן״ סטיל, וואָס אַנטהאַלט פאַר די מענטשן פון דער נייער צייט רעאַליסטישן „קאַטאַרזיס״, רעאַליסטישע פּאַראַיידעלונג פון די געפילן, פונעם געמיט, פונעם באַוואוסטזיין, פונקט אַזוי ווי די אידעאַליסטיש אויסגעטייטשטע טראַגיק האָט אַמאָל אין די אַנטיקע צייטן אַנטהאַלטן פאַרן אַנטיקישן דענקען אידעאַליסטישן „קאַטאַרזיס״ פון דיליידנשאַפטן און פון דער נשמה.

הומאָר — דאָס איז אַזאַ פאַרשטאַנד, וואָס מאַכט חוזק פון זיינע אייגענע פעלערן. אין שלום־עליכמס ווערק מאַכט דאָס יידישע פאָלק קלוג חוזק פון

---

* לויט דער טראַדיציע באַטייט דאָס וואָרט: „לייטערונג״ פונעם פּסולת, וואָס אין די אַפעקטן. לויט נייערע פאָרשונגען באַטייט עס אַן ערך: דאָס באַפרייענדיקע ציטוווילקע אויסשפּאַנען פון צו שטאַרק אָנגעצויגענע אַפעקטן, וואָס ווירקן דעריבער שטערנדיק (בערנייס, איבערזעצונג א.אַ.) אָדער: דאָס אויפשטעלן די אינערלעכע אָרדענונג דורך אויפטרייסלונג (פינסלער). אַזוי צי אַנדערש האַנדלט זיך עס אָבער וועגן דעם זעלבן רעזולטאַט. וועגן דער פּאַראַיידעלונג פונעם געמיט און זיין עטישער אויסבילדונג.

זיינע אייגענע פעלערן. שלום־עליכמס הומאָר איז אַן אייגנאַרטיקער אויסדרוק פון טיפער באַדאַכטזאַמער און שיינער קלוגשאַפט פונעם פאָלק.

„נאַטירלעך, ווי די נאַטור"

שלום־עליכם האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעך רייכע פאָרשטעלונגס־קראַפט, זיין פאַנטאַזיע שפּריצט מיט פונקען, איינפאַלן, בליצן. ווער ס׳ע שאַפט איינפאַלן בלויז פון דער פאַנטאַזיע קאָן קיין רעאַליסט ניט זיין. די פאָרשטעלונגס־קראַפט איז בלויז דאָס געפעס, אָן וועלכן ס׳איז נישט מעגלעך קינסטלערישׂ אויפצונעמען פאַקטן פון דער ווירקלעכקייט, די פאָרשטעלונגס־קראַפט איז דער קינסטלערישער פּראָצעס גופא. זי קאָן קאָן אָבער נאָך דעמאָלט ווי גע־העריק ברענען און לייכטן, ווען זי באַקומט „סובסטאַנץ" פון די פאַקטן, וואָס אין ווירקלעכן לעבן.

שלום־עליכם איז אַ גרויסער פאָרשער, זוכער, יעגער, אַנטדעקער, סיס־טעמאַטיזירער און אויסטייטשער פון ווירקלעכע פאַקטן, געשעענישן, כאַראַק־טערן, שטריכן, באַגעגענישן, פּאַסירונגען, קאַזוסן, געפילן, איבערלעבונגען. ווי אַלע גרויסע שילדערער פונעם לעבן און פון שטייגער, ווייסט ער, אַז ביי דער סאַמע גרעסטער איינפאַלערישקייט — איז ניט שייך, איז ניט מעגלעך עפּעס אמתדיקס אויסצוטראַכטן.

ער ווייסט אָבער אויך, אַז ווי פּינקטלעך מע זאָל ניט קאָפּירן אַ פאַקט, וועט ער ניט אַרויסקומען אמתדיק, עכט, אויב ער ווערט ניט באַהערשט פונעם געדאַנק, פונעם פאַראַלגעמיינערטן תוך, וואָס מע דאַרף אין די דעטאַלן אַרויס־געפינען און אויף זיי אַרויפפּרעסן ווי אַ שטעמפּל.

שווער צו געפינען אין דער ליטעראַטור געשטאַלטן און סיטואַציעס, וואָס זאָלן זיין מער „נאַטור־עכט", זינלעך, פּלאַסטיש, ווי ביי שלום־עליכמען. זייער נאָענטקייט צו דער ווירקלעכקייט איז אויסערגעוויינלעך. פון דער אַנדערער זייט, פאַרמאָגן אָבער די דאָזיקע געשטאַלטן און סיטואַציעס אַ סך סימבאָלישן באַטייט. זיי זיינען היימיש באַקאַנט ווי אויסגעריבענע שילינגער — און פאָרט משונה פאַנטאַסטיש, ביז צו גראָטעסק. דאָס אַלץ אינאיינעם איז אַ סימן, אַז די כאַראַקטערן און סיטואַציעס זיינען ניט קיין צופעליקע, אַז אין זיי ווערן באַרירט תוך־זאַכן פונעם לעבן, וואָס ער שילדערט. און אַזוינס איז שוין ממילא אַ „סימבאָל", אַ צייכן פאַר אַ גאַנצן צוזאַמענהאַנג פון דערשיינונגען. ס׳אַנטהאַלט אין זיך שוין ממילא אַ סך מער ווי דאָס שטיקל קאָנקרעטע לעבן, וואָס דער קינסטלער האָט דערויף אַרויפגעלייגט זיין האַנט.

גערעכט איז דעריבער דער, וואָס לייענענדיק זיינע ווערק, דערלויבט ער

זיין אויפנעמענדיקער פאַנטאַזיע ברייט צו צעוויקלען און אויסצוטייטשן דעם אינהאַלט אפילו פון שלום־עליכמס סאַמע קלענסטער מייסטער־נאָוועלע.

געוויס זיינען ביי שלום־עליכמען באַשטימטע שטריכן אין די כאַראַקטערן און סיטואַציעס פאַרגרעסערט און אונטערגעשטראָכן, אָבער ניט אַלס גוזמא, וואָס ענדערט דעם אמת, נאָר אַלס פאַרדייטלעכונג, וואָס העלפט דערזען דעם אמת. ער פאַראייניקט בלויז מאָמענטן, וואָס זענען אויסערלעך אויס צו זיין פאַרשיידענע און וואָס זיינען אין אמתן פאַרבונדן דורכן וועזן זייערן. דורך אַזאַ פאַרגרעסערן — פאַרטייטשט, דערקלערט, דעקט ער אויף, אַז אַזאַ און אַזאַ גרופּע דערשיינונגען — למשל די כל־המיני מנחם־מענדלשע דערשיינונגען פונעם סאַמע פאַרשיידנסטן אויסזען — האָט אייגנטלעך איין און דעם זעלבן תוך. דורך זיין טיף רעאַליסטישן סימבאַליזירן געשטאַלטן און סיטואַציעס ווערן זיינע ווערק „נאַטירלעך, ווי די נאַטור".

„מיט וואָס־זשע אייגנטלעך האָט דער דאָזיקער יונגער אַרטיסט גענומען דעם עולם? ... „נאָר מיט איין זאַך: מיט דעם, וואָס ער איז אומעטום און אַלעמאָל ערנסט, פּראָסט, נאַאיוו, אמתדיק, ווי דער אמת אַליין, נאַטירלעך, ווי די נאַטור."

„פונדעסטוועגן האָט כמעט יעדער געפילט, אַז ער זעט פאַר זיך עפּעס אַ נייס, עפּעס אַן אומגעהייערן כוח, אַן אויסערגעוויינלעך פאַרבאָרגענע קראַפט. טרעט אויף פאַר אייך אַ מענטש, וואָס רעדט מיט פּשוטע ווערטער, דאַכט זיך, אַזוי פּראָסט, אַזוי נאַטירלעך, אָן קונצן רירט ער אָן אַלע אייערע סטרונעס, וועקט אויף אין אייך פאַרבאָרגענע געדאַנקען, פאַרשלאָפענע געפילן, און אַ גרינג פרעסטל לויפט דורך איבער אייער לייב, און איר פילט מיט אים, און איר לעבט מיט אים, און איר קאָנט ניט אָפּרייסן פון אים אייער אויג."

שלום־עליכם זאָגט דאָס וועגן דער הויפּט־געשטאַלט אין „בלאָנדזנדע שטערן". דאָס איז געווען שלום־עליכמס אידעאַל פון קונסט.

ווירדע און צאָרן

פאַראַן אַ מין הומאָר, וואָס זאָגט עדות, אַז מע פאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ אין אַ צייט פון אומגליק, אַז מע האַלט זיך העכער פון די וויסטע אומשטענדן, אַז מע פאַרמאָגט מוט און זעלבסטבאַהערשונג. אַזאַ מין הומאָר ווייזט אָן אויף איידלקייט פונעם געמיט. דאָס איז אַ נאָבלער, גראַציעזער אופן בייצוקומען אַן אומווירדיקע לאַגע, אין וועלכער מע געפינט זיך ניט איבער אייגענער שולד.

ווער סע לאַכט אַליין פון זיך — איז שוין ניטאָ וואָס פון אים צו לאַכן. ער הערט אויף צו זיין קאָמיש. ס'איז דאָך אַ מערקווירדיקע אייגנשאַפט פון שלום־

עליכמס הומאָר, אַז זיינע געשטאַלטן גופא האָבן אַ טיפן חוש פאַר הומאָר, אָפּט וויסן זיי וועגן זייער קאָמישקייט און לאַכן אַליין פון זיך אָפּ.

אָן ווירדע, אָן אַ לויטער געמיט, אָן קלוגשאַפט פון האַרצן איז אַזאַ איידע־לער הומאָר נישט מעגלעך. אַזאַ הומאָר לייזט דאָס האַרצקלעמעניש אין אַ פאַרצווייפלטן, אין אַ דערנידעריקטן צושטאַנד — דורך אינערלעכער זעלישער קראַפט, וואָס קומט פונעם גלויבן אין דער ווירדע פונעם מענטשן, אינעם פרינציפּ פון גערעכטיקייט און אין איר זיג אין דער צוקונפט. אַזאַ הומאָר מאַכט אין אַ סאַמע טרויעריקן צושטאַנד אַ שפּילערישן אָנשטעל פון אַ זיגער — כדי בוילעטער צו באַטאָנען די זינלאָזיקייט, די עוולה, די אומנאַטירלעכקייט פון דעם דאָזיקן צושטאַנד, און אַזוי־אַרום ניט בלויז סאַרקאַסטיש צו פּראָטעסטירן, נאָר אויך זיך און אַנדערע צוצוגעבן מוט און שטאַנדהאַפטיקייט.

אין שלום־עליכמס הומאָר באַווייזט זיך דער כאַראַקטער פון אַן עכטן פאָלקס־מענטש, וואָס צעקראַכענע קלאַג איז אים פרעמד, און ער באַלייט כל־ערליי צרות און פורעניות מיט אַ גלייכווערטל, וויל פון זיי ניט מאַכן קיין וועזן. פון זיין ווערטל און שפּאַס ווערט דער איינדרוק פון טראַגיק ניט געמינערט, נאָר פאַרגרעסערט. „איך זאָג אייך, ס'איז אַ מיאוסע, בייזע וועלט און נאָר אויף צו־להכעיס דאַרף מען ניט וויינען! אויב אירווילט וויסן, איז דאָס דער אמתער קוואַל, די אמתע אורזאַכע פון מיין שטענדיקן(קער) גוטן(ער) לוין(ע), פון מיין, ווי זיי רופן דאָס, „הומאָר", אויף צו־להכעיס ניט געוויינט! אויף צו־להכעיס נאָר לאַכן!" (פון אַ בריוו פון יאָר 1911, „שלום־עליכם־בוך", ז. 298).

שלום־עליכם דערציילט וועגן דער מוראדיקער טראַגיק פון אַ פאָטער, וואָס די צאַרישע תלינים האָבן דערהרגעט זיין זון, אַ רעוואָלוציאָנער, און וואָס זיין ווייב, די מוטער פון דעם יונגן רעוואָלוציאָנער, איז מחמת דעם פאַר האַרצווייטיק געשטאָרבן. דעם דאָזיקן איוב — לאָזט שלום־עליכם דער־ציילן אַ וויציק־קאָמישע מעשה. אים אַליין כאַראַקטעריזירט ער אַזוי: „יונגע אויגן, גרויע האָר, אַ געקנייטשער שטערן, אַ שמייכלענדיק־וויינענדיק פנים"... „און אויגן... אַך, אויגן! אַזעלכע אויגן, ווען איר זעט אײן מאָל, וועט איר זיי שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן"... „וואָלט ער כאָטש באַקלאָגט זיך, וואָלט ער כאָטש געלאָזט אַ טרער. איז ניין! דווקא פריילעך און לעבעדיק — אַ מאָדנער, מאָדנער נפש!" (פון דער נאָוועלע „דער צענטער").

אין דער נאָוועלע „דריי אלמנות" דערציילט שלום־עליכם אַן ענלעכע מעשה וועגן דעם, ווי די צאַרישע קנעכט האָבן אומגעבראַכט אַ יונגן רעוואָ־לוציאָנער. אָבער כאָטש גראַד די דאָזיקע דערציילונג איז געבויט — אַ זעל־טענע דערשיינונג ביי שלום־עליכען — אויף „שטימונג" און „פסיכאָלאָגיע" —

וויל ער אָבער ניט, בכיוון ניט, אויספּירלעך באַשרייבן דעם טרויער פונעם אומגעבראַכטן רעוואָלוציאָנערס יונגער אַלמנה און פון זיינע נאָענטע. ער לאָזט בלויז זאָגן, אַז אין דער דאָזיקער שטוב האָט געהערשט „אַזאַ טרויער, וואָס באַשרייבן אים הייסט פּראָפאַנירן; אַזאַ טרויער, וואָס ווען אַ שרייבער פון אייערע שרייבערס דירט זיך צו צו דעם, וואָלט איך אים איבערגעבראָכן די פינגער!... אַזאַ טרויער, וואָס מע דאַרף נישט און מע טאָר נישט פון אים רעדן"...

אַ קראַנקער אָרעמער קאַסרילעווקער קומט אין אַ גרויסער שטאָט זיך היילן ביי דאָקטוירים. ביינאַכט איז אַן „אַבלאַווע" אויף מענטשן אָן „פּראַוואָ־זשיטעלסטוואָ", און סע דראָעט דעם קראַנקן קאַסרילעווקער, מע זאָל אים אָפּשיקן מיטן עטאַפּ אין זיין שטעטל. בייט זיך מיט אים זיין שוואָגער מיט די פּאַספּאָרטן — און אָנשטאָט אים שיקט מען אָפּ דעם שוואָגער מיטן עטאַפּ. ווען שלום־עליכם לאָזט דעם קאַסרילעווקער דערציילן וועגן זיינע געפילן, בשעת די „אָפּגעגאַרטע" צאַרישע פּאָליציע פּאַקט דעם שוואָגער זיינעם, — לייגט ער אים אַריין אַזעלכע ווערטער אין מויל אַריין:

...„און אינווייניק אין האַרצן שטיקט מיך און ווער שיר ניט צעשפּרונגען פון געלעכטער" („רוף מיך קנאַקניסל"). דער מוראדיק דערנידעריקטער און אומגליקלעכער קאַסרילעווקער לאַכט!

שלום־עליכם וויל נישט, קאָן נישט דירעקט קלאָגן אויפן וויסטן גורל פונעם מענטש, פונעם פאָלק אונטער די קאָפּעטעס פון צאַר און קאַפּיטאַל. וועגן אומענדלעכן טרויער רעדט ער כסדר, אָן אויפהער, אומעטום אין זיינע ווערק, — אָבער אין דער וואונדערלעכער פאָרם פון זיין הומאָר.

אַזאַ מין געלעכטער דערלאָזט נישט, אַז מע זאָל זיך דעם אויפגעבראַכטן צאָרן אַראָפּרעדן פון האַרצן דורך קלאָגעניש.

דער צאָרן ציטערט, וויברירט אינעם ביטערן איראָנישן קערן פון שלום־עליכמס „מילדן" הומאָר.

דער זיג איבער דעם מענטשלעכן פּחד

מוטיקע קינדער, ווען ס'איז זיי אומהיימלעך, ווען זיי האָבן מורא, אַריינ־גייענדיק ביינאַכט אין אַ טונקעלן צימער — זינגען זיי זיך אונטער פריילעכע לידלעך. דאָס איז אַ משל, און ווי געוויינטלעך איז ער אויף אַ באַשטימטן אופן ענלעך צום נמשל, כאָטש ער איז ווייט ניט דאָס אייגענע. פאַראַן אַ הומאָר, וואָס אַנטהאַלט אין זיך עפּעס וואָס פון דעם מין האָפערדיקן אונטערזינגען.

אין שלום־עליכמס הומאָר איז טאַקע אַחוץ אַלעם, אַחוץ לאַכן און טרויער, פאַראַן אויך יענע פריילעכקייט, וואָס קומט פונעם צוימען און באַזיגן דעם

געזעלשאַפטלעכן פּחד פאַרן „תוהו־ובוהו" (כאַאָס), פאַרן צעקאַליעטשעטן, צערודערטן, צעטומלטן און פאַלש איינגעאָרדנטן לעבן. דאָס דאַזיקע גע־וועלטיקן איבער דער שרעק פאַר דער טראַגיק פונעם לעבן פאַראיידלט און פאַרטיפט דעם הומאָר, גיט אים שטריכן פון דערהויבנקייט. דאָ איז פאַראַן פון יענער מונטערקייט אינעם געמיט, וואָס העלפט באַהערשן די סטיכיע פון פּאַניק און פאַרלוירנקייט אינעם געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין, העלפט עס פירן אויפן וועג פון פּרוכטבאַרער אַקטיווקייט.

שלום־עליכם דערציילט וועגן דעם דלות פון די ברייטסטע שטעטלדיקע און שטאָטישע מאַסן אינעם פּעריאָד פון אימפּעריאַליסטישן קאַפּיטאַליזם. ער גיט זיך אָבער ניט אונטער דער געדריקטער שטימונג, דער קלאָג, וואָס רייסט זיך פון האַרצן. מאָטל פּייסיס פאַראָרעמטע משפחה האָלט שוין דערביי, אַז מען פאַרקויפט אַלץ אַרויס פון שטוב. און שלום־עליכם לאָזט מאָטלען דער־ציילן וועגן דעם אויף אַזאַ אופן: „פון די אַלע זאַכן, וואָס מיר האָבן אויספאַר־קויפט פון שטוב, האָט מיר קיינע פון זיי ניט צוגעשטעלט אַזויפיל פאַרגעניגן, ווי די גלעזערנע שאַפע." ווען מע האָט שוין פאַרקויפט די שאַפע, האָבן זיך ביים אַרויסטראָגן זי באַוויזן באַשטימטע „טעכנישע שוועריקייטן". און מאָטל דערציילט: „איין מינוט איז געווען אַזעלכע, וואָס איך האָב מורא געהאַט פאַר דער שאַפע. דאָס הייסט, איך האָב געמיינט, זי בלייבט ביי אונדז", אָט פאַרוואָס דאָס ייִנגל מאָטל האָט מורא געהאַט!

דאָס קינד מאָטל דערציילט, ווי די מאַמע וויינט, ווייל מע פאַרקויפט אַלץ אַרויס פון שטוב. דער קראַנקער שטאַרבנדיקער פאָטער מאָטלס פרעגט אַרויס פונעם אַנדערן צימער, וואָס סע טוט זיך דאָ, אייגנטלעך, אין דער וואויִנונג. „גאָרנישט, ענטפערט אים די מאַמע און ווישט די רויטע אויגן, און די אונ־טערשטע ליפּ מיט איר גאַנצן פּנים טרייסלט זיך אַזוי, אַז מע דאַרף זיין שטאַר־קער פון אייזן, מע זאָל ניט פּלאַצן פאַר געלעכטער." און ווען אַלץ איז שוין אַרויספאַרקויפט געוואָרן פון דער שטוב און מע האַלט שוין ביים סאַמע לעצטן חפץ, דערציילט מאָטל: „די בעסטע שמחה פון אַלע שמחות איז געווען ביי מיר, אַז ס'איז געקומען צו מיין ברודער עליעס קאַנאַפּע און צו מיין בעטל."

דער הויפּט־פּונקט פון גרויל און שוידער אינעם לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן זיינען געווען די צאַרישע פּאָגראָמען. שלום־עליכם איז געווען מוראדיק דערשיטערט פון די דאָזיקע געשעענישן. מערקווירדיק, ווי אַזוי ער באַהאַנדלט די דאָזיקע טעמע אין זיין שאַפן. די טראַגעדיע פון די פּאָגראָמען הערט זיך אין אַ סך ווערק זיינע. אָבער ווי וויים מעגלעך מיידט ער אויס —

אין זיינע קינסטלערישע * ווערק — דירעקטע שילדערונגען. און אויב ער רירט זיך שוין יאָ צו צו באַשרייבונגען — טוט ער עס אויף אַ משונה „לייכטן", כמעט „הומאָריסטישן" אופן. און וויפל אימהדיקע טראַגיק איז דאָ גראָד אין דעם „לייכטן", כמעט הומאָריסטישן אופן! וואָסער גרויסער מאָראַלישער בראָך און שרעק און ווייטיק ווערט דאָ באַהערשט דורך הומאָר!

געווען ניט ווייניק שרייבער, וואָס האָבן דווקא ליב געהאַט צו סמאַקעווען און זיך צו גריבלען אין דער גרויל פון פּאָגראָם־בילדער. באַשטימטע מאָמענטן אין ביאַליקס שאַפן האָבן געגעבן דעם טאָן. די קאָנסעקווענץ איז געווען ל. שאַפּיראָס „דער צלם". אָבער אויף וועמען האָט זיך געווענדט דער צאָרן? אַז מע קוקט זיך גוט צו, זעט מען: אין זייער אַ היפּשער מאָס אויך אויף די קרבנות פון די פּאָגראָמען.

אין דעם דאָזיקן מין ביאַליקישן „צער און צאָרן" ווערן דער עיקר באַטאָנט די נאַציאָנאַלע קעגנזאַצן.

שלום־עליכמס וואָרט רודערט אויף דאָס געוויסן, ווייל סע ווענדט זיך צום מענטשלעכן איבעם מענטשן, מיט גלויבן איבעם מענטשן און זיין צוקונפט. עס פירט אַוועק פון דער אומפּרוכטבאַרער, מענטשנפיינטלעכער שרעק צו גע־לייטערטן לעבנסמוט, צו דער דאָזיקער וויכטיקער פאַראויסזעצונג פאַרן שטרעבן צו אַן אַנדערער, בעסערער מענטשלעכער אָרדענונג. דאָס איז אויך דאָ די „פאַראיידלענדיקע", „לייטערנדיקע" ווירקונג פון זיין הומאָר.

מאָטל זאָגט: „פריער, אַז איך פלעג הערן מע דערציילט וועגן אַ „פּאָ־גראָם" — האָב איך אַנגעשטעלט מויל און אויערן. היינט, אַז איך דערהער דאָס וואָרט „פּאָגראָם", אַנטלויף איך, איך האָב בעסער ליב פריילעכע מעשות."

„איך האָט פיינט" — זאָגט שלום־עליכם — „טרויעריקע בילדער, מיין מוזע טראָגט ניט קיין שוואַרצן שלייער אויפן פּנים; מיין מוזע איז אַן אָרעמע, נאָר אַ פריילעכע" („אַ וויגרישנע בילעט"). וויפל ליבע צום געפּלאָגטן מענטשן איז פאַראַן אין דער דאָזיקער שנאה צום שוואַרצן שלייער — און וויפל טרויער אין דער דאָזיקער „אָרעמער" פריילעכקייט.

שלום־עליכם שילדערט אַ געשפּרעך צווישן קינדער, וואָס עמיגרירן נאָכן פּאָגראָם מיט זייערע עלטערן קיין אַמעריקע.

---

* פובליציסטישע „בריוו" מיט דעטאַלישע שילדערונגען האָט ער יאָ געשריבן. אָבער פאַרלעזונגען מאַכן וועגן די פּאָגראָמען האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט (זע: „שלום-עליכם-בוך", ז. 213).

...„איך פרעג אים, ווי אַזוי איז דאָס אַ פּאָגראָם? איך הער אַלץ פון די עמיגראַנטן, מע זאָגט: „פּאָגראָם", „פּאָגראָם", נאָר וואָס דאָס איז — ווייס איך ניט. רופט זיך אָן צו מיר קאָפּל:

— אַ פּאָגראָם ווייסטו ניט? ע, ביסטו דאָך נאָך גאָר אַ נאַרעלע! אַ פּאָגראָם איז אַ זאַך, וואָס איז היינט אומעטום. הייבן הייבט זיך עס אָן כמעט פון גאָרנישט, און אַז עס הייבט זיך אָן, ציט זיך עס אַוועק דריי טעג...

— וואָס־זשע, זאָג איך, איז דאָס? אַ יאַריד?

— וואָסער יאַריד? אַ שיינער יאַריד! מע שלאָגט פענצטער, מע ברעכט מעבל! מע טרענט קישנס! פעדערן פליען אַזוי ווי שניי.

— אַקעגן וואָס?

—נאַ דיר גאָר אַקעגן וואָס! אַקעגן שמערלען! אַ פּאָגראָם איז ניט נאָר אויף הייזער אַליין. אַ פּאָגראָם איז אויף קלייטן. מע צעשלאָגט אַלע קלייטן, און מע וואַרפט אַרויס פון דאָרטן די סחורה אויף דער גאַס, און מע צעטראָגט, און מע צעראַבעוועט, און מע צעשיט, און מע באַגיסט מיט נאַז, און מע צינדט אונטער, און מע ברענט.

— גיי שוין גיי!

— וואָס דען מיינסטו? איך וועל דיר אויסטראַכטן? נאָכדעם, אַז ס'איז בישטאָ שוין וואָס צו ראַבעווען, גייט מען איבער די הייזער מיט העק, מיט אייזנס און מיט שטעקנס, און פּאָליציע גייט נאָך פון הינטן. מע זינגט און מע פייפט און מע שרייט: „עי, רעביאַטאַ, בעי זשידאָוו!" און מע שלאָגט, מע הרגעט, מע קוילעט, מע שטעכט מיט שפּיזן...

— וועמען?

— וואָס הייסט וועמען? יידן!

— פאַרוואָס?

— נאַ דיר גאָר פאַרוואָס! ס'איז דאָך אַ פּאָגראָם!

— און אַז אַ פּאָגראָם איז וואָס?

— גיי אַוועק, דו ביסט אַ קעלבל! איך וויל מיט דיר ניט רעדן!

אַזוי זאָגט צו מיר קאָפּל, שטופּט מיך אָפּ פון זיך און לייגט אַריין די הענט אין די קעשענעס, ווי אַ גרויסער."

דאָס רעדן כלומרשט קינדער אויף אַ קינדערשן אופן — אָבער דאָס זיינען עכטע שלום־עליכמשע רייד. והא־ראיה: — דער אופן, ווי שלום־עליכם באַהאַנדלט די פּאָגראָם־טעמע אין אַנדערע ווערק זיינע, למשל, אין דער נאָוועלע „די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשלעך". אינטערעסאַנט, אגב, אַז שלום־עליכם האָט אינעם ענדגילטיקן טעקסט פון דער דאָזיקער נאָוועלע אויסגע־

מעקט און איבערגעאַרבעט יענע ערטער פונעם פריערדיקן וואַריאַנט.* וואו דער נוסח דערנעענטערט זיך צו אַ מער דעטאַלישער באַהאַנדלונג פון די פאַקטן. דער טראָפּ פון דער דערציילונג ווערט געלייגט אויפן ביטער־איראָנישן גראָטעסק: די קאַסרילעווקער אַנטלויפן פאַרן פּאָגראָם קיין קאָזאָדאָיעווקע, און די קאָזאָדאָיעווקער — קיין קאַסרילעווקע, ווייל וואוהין זאָלן זיי לויפן און זיך ראַטעווען?

דער אייגענער מאָטיוו חזרט זיך איבער ביי שלום־עליכמען עטלעכע יאָר שפּעטער (1906) אינעם קאַפּיטל „שפּרינצע" פון „טביה דער מילכיקער": „אָפּנים, אַז דאָרט איז די „קאָנסטעטוציע" (אַן איראָנישער אויפעמיזם פאַר פּאָגראָמען — מ. וו.) נאָך שטאַרקער, ווי ביי אונדז אין יעהופּעץ, וואָרעם מע לויפט, מע הערט ניט אויף צו לויפן. איי די קשיא: וואָס לויפן זיי עפּעס צו אונדז? איז דער תירוץ: למאי אונדזערע לויפן צו זיי? ס'איז שוין ביי אונדז געוואָרן, ברוך־השם, אַזאַ מנהג, אַז עס קומט די צייט, וואָס מע הייבט אָן רעדן פון פּאָגראָמען, הייבן יידן אָן צו לויפן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, ווי אין פּסוק שטייט: ויסעו ויחנו, ויחנו ויסעו — איז די דייטש: פאָר דו צו מיר, וועל איך פאָרן צו דיר..."

און ווידער נאָך יאָרן באַגעגענען מיר דעם זעלבן טאָן ביי דער באַהאַנד־לונג פון דער פּאָגראָם־טעמע אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס".

אין די דאָזיקע רירנדיקע כלומרשט זייער נאַאיווע, קינדערשע ווערטער ווערט מיט אַ סך מער ביטערקייט אויפגעדעקט די זינלאָזע חיהשקייט פונעם שוואַרץ־מאהדיקן קין — איידער ווי אין די „נביאישע" געשרייען ביאַליקס. אין זיי איז פאַראַן מער טרויער, מער ליבע צום פאָלק, מער פאַרבונדנקייט מיט אים.

די פאַראויסזעצונג פאַר די ביאַליקישע שטראָף־רייד — איז דער גלויבן אין אַ שוואַרץ־מאהאישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, אַ גלויבן, אַז די רעאַקציאָנערע כוחות זיינען אָן אייביקער נאַטור־געזעץ. דער ביאַליקישער שטראָף־ און שעלט־פּאַטאָס קומט פון אַן אָריענטאַציע אויף אידעאַליסטישער פאַנטאַסטיק, אויף אַן אייביק אירראַאַלן פּרינציפּ פון דער גאולה־שאפט. דער דאָזיקער פּאַטאָס פירט סוף־כל־סוף צו קליינלעכן נאַציאָנאַליזם, צו אַ כמורנעם פּעסימיסטישן וועלט־געפיל.

שלום־עליכמס קאָמיש־איראָנישער פּאַטאָס טרעפט אין פּינטל — כאָטש ער איז דער היפּוך פון אויפגעבלאָזנקייט. ער איז אָן אָן ערך רעאַליסטישער, הומאַנער. די טיפסטע פאַראויסזעצונג איז דאָ דער גלויבן אין דער אַנטוויק־לונג פונעם מענטשלעכן געשלעכט, די האָפענונג אויף אַ בעסערער, קליגערער

* אין באַזיץ פונעם מענדעלע-מוזיי אין אָדעס.

געזעלשאַפטלעכער איינאָרדענונג. דער דאָזיקער הומאָרישער פּאַטאָס איז דורכ־געדרונגען מיט זוניקער קלוגער מענטשן־ליבע, מיט דורשט נאָך פרייד, נאָך הרחבה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. ער עפנט דאָס געמיט פונעם לייענער פאַר אַ ליכטיק שטרעבן.

זיך ניט לאָזן איינברעכן פון די פאַרהעלטעניש, זיך איינבייסן אינעם לעבן, אַרבעטן, מאַנען. מיכאָעלס האָט אין זיין טראַקטירונג פון טביהס גע־שטאַלט טיף געפּאַקט און אויסגעצייכנט פאַרקערפּערט ניט בלויז דעם תוך פון טוביהס וועזן, נאָר אויך דעם זין און באַטייט פון שלום־עליכמס הומאָר בכלל.

באַמערקונגען וועגן „טביה"

די טעמע פון „טביה דער מילכיקער" איז אין פלוג אַ יידיש־היימישע: צער גידול בנים. אָבער דורך דעם דאָזיקן ציקל „בילדער פונעם פּריוואַטן לעבן" ווערט געוויזן ניט גלאַט משפּחה־אומגליק, ניט גלאַט קאָנפליקטן צווישן איין דור און דעם אַנדערן — נאָר ווי סע ברעכן זיך די געזעלשאַפטלעכע גרונטלאַגן אין אַן איבערגאַנגס־צייט פון איין היסטאָרישן פּעריאָד צום אַנ־דערן. די פאַרגעקומענע און פאָרגעפילטע נאָך גרעסערע היסטאָרישע ענדע־רונגען ווערן געשילדערט אין זייער אייגנאַרטיקער אָפּשפּיגלונג אויף דער יידישער סביבה. די משפּחה איז דאָ בלויז דער קאָנקרעטער מאַטעריאַל, וואָס באַווייזט תוך־זאַכן פון דער געזעלשאַפט און דער צייט בכלל.

די משפּחה־עמאָציעס שפּילן אין דעם ווערק אַ גרויסע ראָלע, „וואָרעם די קללה פון קינדער איז די ערגסטע קללה פון דער תוכחה" („טביה דער מיל־כיקער, קאַפּיטל: „שפּרינצע"). די משפּחה־אידעאַלן קומען דאָ ניט פון דער געוויינלעכער בורזשואַזער נטיה — אינדיווידואַליסטיש ברעקלען, אַטאָמיזירן די געזעלשאַפט. זיי זיינען אַ היסטאָרישער רעזולטאַט פון דורותדיקע רדיפות און געזעלשאַפטלעכער אונטערדריקונג, וואָס האָבן געפירט דערצו, אַז מע זאָל זיך באַהאַלטן אין דער משפּחה און אין איר זוכן די איינציקע טרייסט. דאָס לעבן פירט טביהן אַרויס — מיט געוואַלט, מיט טראַגישן בראָך — פון דער משפּחה צוריק צו דער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט. און דאָס האָט דאָך שוין אַ שייכות צום אַלגעמיינעם תוך פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דער סוזשעט פון „טביה" איז גענוג פּראָסט, דורכזיכטיק. ס'קומען פאָר קאָליזיעס, קאַטאַסטראָפעס, אָבער ניט קיין קאָמפּליצירטע געשעענישן אָדער האַנדלונגען. גרויסער הומאָר קאָן ניט ליידן קיין כיטרע געענג.ביים אָנהייב פון יעדן קאַפּיטל קאָן מען זיך אַן ערך משער זיין דעם סוף. קיין גרויסע איבערראַשונגען קומען ניט פאָר. נאָך דער ערשטער העלפט פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער פּאָעמע קאָן מען שוין קיין ספק ניט האָבן, וואוהין דער סוזשעט

צילט. און פאַרט איז דאָ פאַראַן אַזויפיל טיפע נייס, אַזויפיל אומגעריכטס. אין דער פראַקטיקייט פון אויפבוי פילט זיך די גרויסע קלאַסישע ליניע.

די צענטראַלע מאָטיוון — אָנגעהויבן פון „היינטיקע קינדער" ביז צום סוף — זיינען ניט קיין ניי־צוגעטראַכטע. אַ טאַכטער קלייבט זיך אויס אַ מאַן קעגן דעם ווילן אָדער וואונטש פון די עלטערן (די מניעות זיינען סאָציאַלע אָדער אידייאישע), דער קאָנפליקט מיט די עלטערן און די טראַגישע רעזול־טאַטן. די דאָזיקע טעמע ווערט פינף מאָל וואַריאירט.

דער פאָבוליאַרישער קערן פון די דאָזיקע וואַריאַציעס איז אויך ניט ניי: מעזאַליאַנס (אַ שידוך ניט לויטן אייגענעם גראַד און יחוס — צייטל, שפּרינצע,ביילקע), פאַרשיידנקייט פון וועלט־אָנשויאונג אָדער גאָר נאַציע (רעליגיע) צווישן די עלטערן און די טעכטערס (האָדל און חוה) געליבטע. די דאָזיקע אַלע מאָטיוון זיינען שוין ביז צו דער צייט, ווען שלום־עליכם האָט געשריבן די אַנטשפּרעכנדיקע קאַפּיטלען, אַזוי אָדער אַנדערש באַהאַנדלט געוואָרן. אויך דער מאָטיוו פון לך־לך (געשריבן 1914). און טאַקע אויך אין דער יידישער ליטעראַטור.

שלום־עליכמען אַרט דאָס ניט. ניט די נייקייט פון די מאָטיוון איז ער דאָ אויסן. פאַראַן מאָטיוון כמעט אומפאַרמיידלעכע, זעלבסטפאַרשטענדלעכע — אויב מע וויל שילדערן דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דער צייט, גייענדיק אויפן הויפּט־שליאַך און ניט אויף ווינקלדיקע סטעזשקעס. די דאָזיקע מאָטיוון זיינען אַזוי טיפּיש, אַז ס'איז ניט קיין שום אויפטו זיי צו געפינען. דאָס זיינען, אַזוי צו זאָגן, די נאַטירלעכע מאָטיוון פון דער צייט. אָבער לעבעדיק און טיף באַ־האַנדלען גראַד די דאָזיקע מאָטיוון איז דווקא דאָס סאַמע שווערסטע, דערצו גראַד געהער די גאָר גרויסע אמתע מייסטערשאַפט. אַניט באַקומען זיי זיך „געוויינלעך", באַנאַל — כאָטש אינעם לעבן גופא זיינען זיי זייער ווייט פון באַנאַלקייט. אויפהייבן די „גאַנגבאַרע" מאָטיוון פון „היינטיקע קינדער" צו אַזאַ וואונדערלעכער הייך ווי אין „טביה", ניט מורא האָבן פאַר פינף וואַריאַ־ציעס פון דעם זעלבן מאָטיוו אין איין ווערק — דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן שלום־עליכמס פראָסטע געניאַלישקייט.

געטעס האָט גע׳עצהט עקערמאַנען זיך צו ווענדן צו סוזשעטן, וואָס האָבן שוין פריער אַמאָל געשפּייזט די פאַנטאַזיע פון דיכטערס. מע האָט שוין, דער־קלערט געטע, אַ סך מאָל געשריבן וועגן איפיגעניע (און ער וואָלט געקאָנט צוגעבן, וועגן פאַוסט, וועגן דאָן זשואַן און אַן אַ שיעור אַנדערע געשטאַלטן) — און אַלע אַנדערש, ווייל יעדער האָט זי געזען אויף זיין שטייגער („געשפּרעכן מיט עקערמאַן", — פונעם 18טן סעפּטעמבער 1832). דער דייטשער פילאָסאָף לאַטצע האָט געהאַלטן, אַז די נטיה פון גרויסע דיכטער צו באַהאַנדלען סוזשעטן,

וואָס זיינען שוין פריער באַאַרבעט געוואָרן, קומט פון אַ געניאַלן פּאַעטישן אינסטינקט.

דאָס רעדט זיך אַלץ וועגן אַלטע, אין פאַרלויף פון צייטן אויסגעפּרואוווטע סוזשעטן. אָבער כדי צו נעמען פאַרשפּרייטע, גאַנגבאַרע און דורך אומבאַהאָל־פענע שרייבער באַנאַליזירטע מאָטיוון פון דער לעבעדיקער קעגנוואַרט און זיי אַזוי איבערשאַפן, אַז מע זאָל דערפילן בחוש אַ לעבעדיק שטיק פון דער ווירק־לעכקייט, אַז מע זאָל אין זיי געפינען דעם טעם, טיפסטע תוך־זאַכן פון דער צייט — דערצו געהער ניט בלויז גענ יאַלער פּאָעטישער אינסטינקט, נאָר אויך גרויסע קינסטלערישע אומיטלבאַרקייט, פרישקייט, גענ יאַל נאַאיווער זיגערי־שער מוט. —

און דעם אמת גערעדט, זיינען דאָך די „גאַנגבאַרע", פּאָפּולערע מאָטיוון — די סאַמע עכטסטע. זיי רעדן וועגן די טיפישסטע געשעענישן פון דער צייט. דאָס זיינען אין אמתן די גרויסע מאָטיוון. און אויב ס'דוכט זיך אַמאָל, אַז זיי האָבן אַ באַנאַלן ביי־טעם, שטאַמט דאָס, ווי געזאָגט, פון די שלעכטע שרייבער, וואָס האָבן די טעמעס קאַליע געמאַכט. אין „טביה" באַהאַנדלט שלום־עליכם פּראָסטע, אַלגעמיין־גילטיקע מאָטיוון — און דאָס גיט דעם ווערק די גרויסע קלאַסישע ליניע.

„טביה" איז אַ האַרבע פּאָעמע. אָבער עס רוט אויף איר אַ דינער הויך פון ליריזם. מערקווירדיק, ווי שלום־עליכם פירט טביהן אין וואַלד אַריין. ער גיט אים אַלס פּאַן — די „נאַטור", אַ וואַלד־פּייזאַזש. אַזאַ הינטערגרונט און ביט גאָר טיפּיש פאַרן יידישן האָרעפּאַשניק. דאָס דאַזיקע אָרעמע ברייזעלע אידיליק איז אומאַבדינגט נייטיק געוואָרן פאַר דער געשטאַלט פון טביהן און פון זייערע טעכטער.

זייער אייגנאַרטיק באַהאַנדלט שלום־עליכם די אַלטע טעמע פונעם האָ־רעפּאַשנעם ישובניק דעם עם־הארץ. אָבער וואָס דערזעט אין אים שלום־עליכם! ווער האָט אַזוינס אין אים געקאָנט דערזען! אגב — אַמאָל דוכט זיך, אַז טביה מיט זיינע ווערטלעך, פּסוקים איז גאָר ניט אַזאַ עם־הארץ, ווי ער מאַכט זיך, אַז זיינע טייטשן זיינען בכיוונדיק פאַרדרייט, אַ מין וויציקע ווערט־לעריי און גייסטרייך שפּיל. ס'זעט אָפּט אויס, אַז ניט בלויז שלום־עליכם, נאָר אויך טביה גופא סטיליזירט דאָ דעם ענין.

מאָלעריי

דיקענס און מענדעלע האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף שלום־עליכמס סטיל. אָבער אַז מע פאַרגלייכט זייער שאַפן, וואַרפט זיך אין די אויגן צווישן

אַנדערע אויך אַזאַ אונטערשייד. דיקענס איז געווען זייער אַ ליידנשאַפטלעכער מאָלער און באַשרייבער. מענדעלע מאָלט און באַשרייבט גערן, וואו סע לאָזט זיך נאָר, ס׳געהערט צו זיין סטיל. אָבער שלום־עליכם מאָלט און באַשרייבט ניט אָפט און געוויינלעך בלויז אין גיך־אָנגעוואָרפענע שטריכן.

די דעטאַלן אינטערעסירן אויך שלום־עליכמען זייער, ער שילדערט זיי אָבער, אַזוי צו זאָגן, ניט פונעם אָפּטישן אַספּעקט (ניט ווי אַזוי סע זעען אויס זאַכן, נאַטור, מענטשן), נאָר פונעם אַקוסטיש־וואָרטלעכן שטאַנדפּונקט: ווי אַזוי רעאַגירט דער מענטש מיט רייד אויף אַ שטייגעריש־אינדיווידועלער אָדער געזעלשאַפטלעכער געשעעניש.

ס׳איז באַוואוסט, ווי מייסטעריש שלום־עליכם וואַרפט אָן אַן אויסערלעכן פּאָרטרעט פון אַ מענטשן מיט צוויי־דריי שטריכן, אַז דייטלעכער קאָן שוין גאָר ניט זיין. מע האָט אַמאָל געזאָגט, אַז פּאָרטרעטן — יאָ, נאַטור קאָן ער ניט מאָלן. דאָס איז ניט אמת.

„...און דער וואָגן, ווי אויף צו־להכעיס, גייט פּאַוואָליע, וואָרעם אײדער מע קומט צו צום דניעפּער, באַדאַרף מען דורכמאַכן נאָך אַ זאַמד און נאָך אַ זאַמד, געל און געדיכט און טיף, טיף ביז די קניעס. פּאַוואָליע, טריט ביי טריט, שלעפּן זיך די פערדלעך, קוים וואָס זיי רייסן אַרויס די פיס פון זאַמד. טיף שניידן די רעדער, און דער וואָגן קרעכצט, און נעענטער און נעענטער באַווייזט ער זיך, דער דניעפּער, מיט זיין גאַנצער ברייטקייט און שיינקייט...“

„...אַ הויכער, גרינער, ערטערווייז פאַרגעלטער אָטשערעט ביים ברעג טייך צעלאָזט מיט די לאַנגע, שאַרפע, שפּיציקע בלעטער, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין וואַסער, גיט אים צו, דעם אַלטן, אַ באַזונדערן חן. ס׳איז שטיל.

„לאַנג און ברייט האָט ער זיך צעוואָרפן, ווי אַ ים, אַהין און אַהער. און דאָס וואַסער לויפט ערגעץ, לויפט, גאָר שטיל. וואוהין? ס׳אַ סוד. דער בלויער הימל קוקט אַראָפּ פון אויבן און שפּיגלט זיך אָפּ אין וואַסער אינאײנעם מיט דער זון, וואָס האַלט נאָך ניט ביים אונטערגיין. ריין דער הימל. ריין דאָס וואַסער. ריין דאָס זאַמד. ריין די לופט. און שטיל. אַ שטילקייט פון גאָט. ברייט. אַ ברייטקייט פון גאָט. און עס דערמאָנט זיך פון תהילים: „למרחב יה“... פררר! דאָס איז אַרויסגעפלויגן פון אָטשערעט אַרויס מיט אַ געשריי אַ פויגל. דורכגעשניטן, ווי אַ פייל, די ריינע שטילע לופט, לאָזט ער זיך מיט אַ זיגזאַג שוועבן ווייט־ווייט, נאָך ער האָט באַלד חרטה, קערט זיך אום צוריק מיט אַ זיגזאַג און ווערט פאַרשוואונדן ווידער צוריק אינעם געל־גרינעם אָטשערעט.“ („פונעם יאַריד“, קאַפּ. 36.)

דאָס איז אַ זייער שיין און דין געצייכנטער פּייזאַזש — אַ מין יאַפּאַנישע גראַפיק. שלום־עליכם קאָן מאָלן און באַשרייבן — אויך נאַטור. ער טוט עס

זעלטן. ס׳געהער ניט צו זיין סטיל. די גרויסע עקזאַלטאַציע פון באַשרייבן און מאָלן ביי דיקענסן — איז ביי שלום־עליכמען פאַראַן נאָר ביים רעפּראָדוצירן רייד. זיין קינסטלערישע אויפמערקזאַמקייט איז דער עיקר קאָנצענטרירט אויף די דעטאַלן פון דער געפילס־באַוועגונג, וואָס קומען צום אויסדרוק אינעם וואָרט.

דער מענה־לשון פון שלום־עליכמס פאַרשוינען

שלום־עליכמס הומאָר איז אַ זעלבשטענדיקע קאַטעגאָריע אין דער וועלט־ליטעראַטור. מע קאָן אַרויסגעפינען די איינפלוסן פון פאַרשיידענע קוואַלן, וואָס האָבן געווירקט אויף דער אויסבילדונג פון זיין הומאָרישן סטיל, אָבער זינט שלום־עליכם, איז צוגעקומען אין דער פּאָעטיק, אינעם קאַפּיטל „וועגן דעם קאָמישן״, אַ נייע אָפּטיילונג מיט דער באַצייכענונג „שלום־עליכמישער הומאָר״ — אַזוי ווי ס׳איז שוין דאָרט פון פריער פאַראַן: אַריסטאָפאַניש געלעכטער, דיקענסישער הומאָר, היינישע איראָניע, גאָגאָלס סאַטירע א. אַז. וו.

אויב די אָפּשפּיגלונג פון דערווירקלעכקייט אין דער קונסט איז פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטן „נאָכמאַכן״ (נאָכבילדן), רעפּראָדוצירן די ווירקלעכקייט, איז שלום־עליכמס סטיל סיי אין דירעקטן און סיי אין אומדירעקטן זינען אַ געוואַלטיק „מימישער״.* אין אַלע פּרטים, אַפילו אין פּרט פון זשעסטיקולאַציע, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין די רייד און ווירקט ביים לייענען אויף אַ סוגעסטיוון אופן. אין יעדער מייסטער־דערציילונג שלום־עליכמס שטעקט דאָך אַן אַקטיאָר דערינען, וואָס שפּילט זיין ראָל, אַפילו ווען מע לייענט בלויז מיטן אויג.

דער סטיל פון שלום־עליכמס פּראָזע איז אַ ספּעציפיש „קאָמעדישער״. אַלע געוויינלעכע מיטלען פון דער פּאָעטיק זיינען ביי אים פאַרוואַנדלט אין פאַרשיידענע עלעמענטן פון ריידעוודיקייט. די קאָמיק ליגט ניט אַזוי ווייט אין די מאָטיוון, אין די פאַבולאַרישע געשעענישן, ווי אינעם נוסח, אין וועלכן זיי ווערן דערציילט — אין די פיל פאַרשיידענע „מענה־לשונס״. דאָס זיינען די הויפּט־מיטלען פון שלום־עליכמס פּאָעטיק, אַזוי צו זאָגן, זיינע מעטאַפאָרן, זיינע טראָפּן, זיינע אַרכאַיזמען, סטיליזירונגען, אָרנאַמענטן א. אַז. וו.

זיינע זאַצן ווענדן זיך אין דער ערשטער ריי ניט אַזוי ווייט צום אויג, צו דער אָנשוילעכקייט, ווי צום אויער, צו דער „הערעוודיקייט״. זיין פאָרם באַשטייט געוויינלעך פון „רעפּליקעס״, פון געשפּרעכן אין צווייען (דיאַלאָג), אָדער

* די ווערטער מימיק, מימיש א. אַז. וו. שטאַמען פונעם גריכישן „מימעזיס״ — ד. ה. נאָכמאַכונג, נאָכבילדונג, און באַציען זיך אויף יעדער קינסטלערישער רעפּראָדוקציע בכלל, אָבער אין דער ערשטער ריי אויף דער שוישפּילערישער, אַקטיאָרישער.

צו זיך אַליין (מאָנאָלאָג) — יעדנפאַלס, ווי אין אַ פּיעסע. זיינע נאָוועלן זיינען אייגנאַרטיקע קאָמעדיעס אין פּראָזע — און זיי לאָזן זיך פאַרוואַנדלען אין סצענישע קאָמעדיעס.

אין „ווען איך בין רויטשילד" (1902) זיינען אַפילו פאַראַן צוויי דירעקט־אַריינגעשטעלטע רעמאַרקעס. און טאַקע אויך טיפּאָגראַפיש אַלס אַזעלכע אויסגעטיילט: „(שטעלט זיך אָפּ)", „(פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע)". דאָס איז אַן אָנווייזונג ניט דווקא בלויז פאַרן פאָרלייענער, נאָר אַפילו שוין פאַר דעם, וואָס לייענט מיטן אויג. די דאָזיקע מאָדנע רעמאַרקעס זיינען אַ מין רודימענט, אַ פאַרבליבן רעשטל פון דעם נאָפּל־שנור, וואָס פאַרבינדט שלום־עליכמס פּראָזע־סטיל מיט דער אייגנטלעכער קאָמעדיע.

ביי קיינעם פון די יידישע שרייבער איז די שפּראַך און דער דערציילנוסח ניט אַזוי נאָענט צו שפּראַך און נוסח פונעם „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" ווי ביי שלום־עליכמען. קיינער האָט ניט אַזוי פּינקטלעך רעפּראָדוצירט די שפּראַך פונעם האָרעפּאַשניק, פונעם אַמכאָ, דעם באַלמעלאָכע, באַלעגאָלע, פונעם אָרעמאַן, פון דער דינסט, פון כל־מיני קאַסרילעווקער, פונעם באָהעמע־לופט־מענטש און פונעם סתם לופט־מענטש, די שפּראַך פון מנחם־מענדלשע מאַניאַקן, די שפּראַך פונעם פריילעכן קבצן און פון דער פאַרביטערטער דער־שלאָגענער יידענע, די פיבערהאַפטיקע נערוועזע צעיאָכמערטע שפּראַך פון מאַרק־זיצערינס און די גזעצטע, מיושבדיקע שפּראַך פון קלוגער און טיפער לעבנס־דערפאַרונג — טביהס שפּראַך, די ליריש־האַרציקע צאַרטע שפּראַך פון קינדערלעך, די שפּראַך פון אומגליקלעכע מאַמעס, פון אַקטיאָרן, פון פרומע יידן, פון קאָרטנשפּילערס, די שפּראַך פון כלערליי פּראָפעסיעס, געגנטן, דיאַלעקטן — אומגעהייערע אוצרות פון שפּראַך, און דורך איר — די פּיל־געשטאַלטיקייט פונעם לעבן...

דאָס פון איין זייט. ווער סע מיינט אָבער, אַז שלום־עליכם גיט די שפּראַך „פונעם לעבן" רויערהייט, אַזוי ווי זי גייט און שטייט, — האָט אַ גרויסן טעות. זי איז טאַקע אַזוי נאָענט צו דער שטייגער־שפּראַך, אַז סע דוכט זיך אונדז, מיר הערן זיינע פאַרשוינען רעדן. זאָגן טאַקע דעריבער די געוויסע „מבינים", אַז דאָס איז גאָר קיין ליטעראַטור ניט, — כלומרשט איז דאָס מער און צוגלייך אויך ווייניקער ווי ליטעראַטור, ווייל ס'איז אויפגעכאַפּט פונעם לעבן און ס'איז דאָס לעבן אַליין — און ענלעכע חידושים. און צוליב דער אייגענער הנחה מיינען נאַאיווע מענטשן, אַז ס'איז ניט פאַראַן קיין לייכטערע זאַך, ווי שרייבן אַזוי ווי שלום־עליכם: מע פאַרשרייבט, וואָס מע הערט, און פאַרטיק. וואָס פון אַזאַ נאָכמאַכן שלום־עליכמען קומט אַרויס, איז באַקאַנט.

שלום־עליכמס שפּראַך איז געוואַלטיק נאָענט צו דער שפּראַך פון ווירק־

לעכן שטייגער — אָבער ווייט און ווייט ניט דאָס אייגענע. געוואַלטיק ענלעך — און גאָר עפּעס אַנדערש. דיווירקלעכע שפּראַך גייט דורך ביי שלום־עליכמען דורך אַן אייגנאַרטיקער קינסטלערישער פּריזמע — און ווערט גרינט־לעך פאַרוואַנדלט. מע האָט געמאַכט די באַאָבאַכטונגען, אַז געוויסע מענטשן, באַזונדערס אַזעלכע, וואָס זיינען לויט זייער וועזן נאָענט צו די שלום־עליכמישע געשטאַלטן, נאָך דעם ווי זיי באַקענען זיך מיט שלום־עליכמס ווערק — הייבן זיי אָן צו רעדן און צו שרייבן אַ־לאַ שלום־עליכם. וואָלטן זיי פריער אויך אַזוי גערעדט, וואָלט מען ביי זיי קיין שום ענדערונג ניט באַמערקט.

און די פאַרוואַנדלונג פון דער שפּראַך ביי שלום־עליכמען קומט פאָר אויף אַזאַ אופן, אַשטייגער ער וואָלט דאָס ספּעציפישע איבעם נוסח פונעם ווירקלעכן מנחם־מענדל, פונעם ווירקלעכן טביה, דעם נוסח פון פאַרשיידענע שיכטן, קרייזן, שטייגערישע גרופּעס א. אַז. וו. לויט זייער כאַראַקטער און טענדענץ אין דער זעלבער ריכטונג קאָנסעקווענט און העל־זעעריש ווייטער אַנטוויקלט, כדי זיי זאָלן באַקומען יענעם אויסזען, וואָס זיי וואָלטן געהאַט, ווען די אַנט־שפּרעכנדיקע שיכטן און גרופּעס וואָלטן, למשל, נאָך אַ סך דורות ווייטער עקזיסטירט ביי געניי די זעלבע באַדינגונגען.

אין אַזאַ כאַראַקטעריש־פאַרשפּיצטער פאָרם גייען די דאָזיקע נוסחאות דורך אַ ליבעפול און דיכטעריש געמיט, זיי באַקומען לירישע ווייכקייט, אַרטיסטישן גלאַנץ, חן און שיינקייט, און עס ווערט דערפון שלום־עליכמס סטיל.

די מענטשן און געשעענישן, וועגן וועלכע שלום־עליכם דערציילט אין „פונעם יאַריד", זייגען דאָך אָפט די פּראָטאָטיפּן פון אַ סך מענטשן און גע־שעענישן אין זיינע בילדער פון קאַסרילעווקע און מאַזעפּעווקע. אָבער כאָטש די קינסטלערישע אויטאָביאָגראַפיע האַלט זיך ווייט ניט ביי קאָנקרעט־היס־טאָרישער פּינקטלעכקייט — איז פאָרט פאַראַן אַ גאַנץ באַדייטנדיקער מהלך צווישן די געשטאַלטן און סיטואַציעס אין דעם ווערק און די בילדער אין זיינע אַנדערע ווערק.

דער זעלבער מהלך, וואָס פון דער שטייגערישער קאָנקרעטער ווירקלעכ־קייט ביז דער פאַראַלגעמיינערטער ווירקלעכקייט אין זיינע קינסטלערישע בילדער, איז אויך פאַראַן צווישן דער ווירקלעך־גערעדטער שטייגערישער שפּראַך און שלום־עליכמס נוסח.

רייד־שפּיל

שלום־עליכמס הומאָר איז אין אַ גרעסערער מאָס פאַרבונדן מיט „רייד", איידער ווי יענער הומאָר, וואָס לייגט דעם טראָפּ אויף דער קאָמיק פון פאַקטן גופא, פון געשעענישן, סיטואַציעס גופא.

דער תוך און זין פון שלום־עליכמס געשטאַלטן ליגט, פאַרשטייט זיך, אויך אין די פאַקטן, געשעענישן, סיטואַציעס, אָבער זיי זיינען דאָס רוב מער טראַגיש ווי קאָמיש. די קאָמיק איז דאָ ווייט ניט אַזוי צווינגענדיק ווי אינעם וואָרט, דורך וועלכן זיי ווערן דערציילט. שלום־עליכם הומאָריזירט דער עיקר רעדנדיק, ריכטיקער: לאָזנדיק רעדן זיינע פיגורן.

די קאָמישסטע סיטואַציע באַקומט ביי אים די קאָמישע באַאַרבונג דער עיקר ערשט דורכן אופן, ווי זי ווערט דערציילט פון זיינע פיגורן, ווי זיי רעאַגירן אויף איר מיט זייערע רייד. אין זיינע בעסטע ווערק רעדט שלום־עליכם זעלטן פון זיך אויס, מיט זיין „אייגענער צונג". געוויינטלעך לאָזט ער עמעצן רעדן אין יענעמס נוסח אָדער ער סטיליזירט זיין אייגענעם דערצייל־נוסח לויטן סטיל פון זיינער אַ פיגור.

די געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע פונדירטקייט פון די שלום־עליכמישע געשטאַלטן איז „אילוזאָריש". די גאַנצע אַטמאָספער פון דער דאָזיקער סביבה, איר האַנדלען, איר פסיכאָלאָגיע, איר טראַכטן און פילן ווערט באַווירקט פון דער דאָזיקער אילוזאָרישקייט. די „ריידעוודיקייט", דער „מענה־לשון" (אין קעגנזאַץ צו רעאַלער טעטיקייט) באַקומט דאָ גאָר אַ באַזונדערן באַטייט, ער פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין דער „טעטיקייט" פון די דאָזיקע כאַראַקטערן.

די דאָזיקע ריידעוודיקייט מיט אַלע אירע באַגלייט־דערשיינונגען, וואָס געהערן צום אינטענסיוון רעדן, איבעררעדן און פאַררעדן: מאַכן מיט די הענט, איבעריקע תנועות מיט דעם שטים, מיטן פנים, מיטן גאַנצן קערפּער א. אַז. וו. — האָט אינעם לעבן ווייניק רעאַלע רעזולטאַטן, זי איז זייער „אומ־ווירקלעך" „פאַנטאַסטיש".

אָט די דאָזיקע שטריכן, וואָס שלום־עליכם האָט טיף אויפגעכאַפּט און פאַרצייכנט, האָבן אויך אייגנאַרטיק געווירקט אויף דער אויספורעמונג פון זיין סטיל. וואו שלום־עליכם פּרוּווט אַריבערשפּרייזן די ראַמען פון דעם סטיל (באַזונדערס אין די ראָמאַנען), דערגרייכט ער ניט די שפּיצן פון זיין מייסטערשאַפט. ערשט דעמאָלט, ווען ער נעמט אַליין איבער דעם טאָן פון זיינער אַ געשטאַלט, קומען אַרויס אַפילו די העכסט „אומווירקלעכע" פאַקטן, געשעענישן, סיטואַציעס — איבערצייגנדיק און ווירקלעך.

וואָס שייך דעם לעבן, וואָס שלום־עליכם שילדערט, וועט ניט זיין קיין פּאַראַדאָקס צו זאָגן, אַז זיין, דעם לעבנס, ווירקלעכקייט באַשטייט פון „אומ־ווירקלעכקייט". דער רעאַליזם פון שלום־עליכמס בילדער באַשטייט אינעם אויפדעקן די „אומווירקלעכקייט" פון דעם לעבן, וואָס ער שילדערט, און פון זיינע יסודות און השגות.

דערמיט קאָן מען דערקלערן שלום־עליכמס נטיה צו דיאַלאָג, מאָנאָלאָג

און בכלל צו דער געשפּרעכמעסיקער — אין תוך קאָמעדישער פאָרם. און אויך די נטיה צו זיין ספּעציפישער, שלום־עליכמישער, כלומרשטער „פּעליע־טאָן"־פאָרם, וואָס איז געוויינטלעך אַ שמועס אינעם „אונטערגעכאַפּטן" טאָן פון זיינער אַ פיגור. פונדאַנען נעמט זיך, אַז אַפילו זיינעווירקלעכע פעליע־טאָנען, וואו ער נעמט דירעקט אַ שטעלונג צו טאָג־פראַגן, זיינען געוויינטלעך אויך ניט געשריבן אין אַ פּערזענלעך־פּריוואַטן סטיל, נאָר אין אַ סטיליזירטן נוסח, צונויפגעשטעלט פון פאַרשיידענע עלעמענטן אינעם רייד־שטייגער פון זיינע פאַרשיידענע פיגורן. דער שפּראַך־נוסח איז דאָ ניט סתם אַ מיטל, נאָר כמעט אַ טייל פון דער טעמע גופא. ער שפּיגלט אָפּ די שאַטנהאַפּטיקייט פונעם געשילדערטן לעבן.

דעריבער איז פאַר זיין סטיל וויכטיק ניט בלויז דער באַטייט פונעם וואָרט אַליין, נאָר אויך פון דער אינטאָנאַציע און מאָדולאַציע פונעם וואָרט, דער באַטייט פון די טיפּישע תנועות און זשעסטן, וואָס באַגלייטן עס געוויינטלעך. דאָס וואָרט גופא האָט געדאַרפט אין זיך אַנטהאַלטן אַן אָנווייזונג ווי אַזוי צו רעפּראָדוצירן דעם גאַנצן באַוועגלעכן אילוזאָריש־אויסדרוקפולן, שמייענדיקן, וויכטיק־מאַכערישן אַרטיסטישן רייד־שפּיל. שלום־עליכם האָט טאַקע מיט גרויס מייסטערשאַפט אָט די אַלע באַגלייט־מאָמענטן ביים רעדן אַריינגעפּרעסט אין די ווערטער גופא. ריכטיק באַנומען, גיבן שוין די ווערטער גופא אַלע אָנווייזונגען פאַר אינטאָנאַציע, תנועות פון פנים און זשעסטיקולאַציע פונעם גאַנצן קערפּער. שלום־עליכם בויט אַזוי דעם זאַץ, אַז פון די בלויזע רייד זאָל מען דאָס אַלץ שוין הערן און זען.

שלום־עליכם טוט דאָס באַוואוסטזיניק, — וואָרעם שוין אין יאָר 1884 שרייבט שלום־עליכם („שלום־עליכם־בוך", ז. 326), „אַז אונדזער זשאַרגאָן האָט אין זיך מער שטאָף צו דער סאַטירע (ליצנות) אַלס אַנדערע שפּראַכ[ן]; דאַמיט האָט ער צו דאַנקען דער טעכניק פון דער שפּראַכע: מיט אַ קנייטשעלע אין דער זייט, מיט אַ „מאמר המוסגר", מיט אַ נאָמען, מיט אַ קליין שטרעכעלע ווערט שוין די פּראָזע סאַטיריש און רופט אַרויס אַ שמייכל ביים לעזער ניט־ווילנדיק; און ווער שמועסט, אַז מען קאָן נאָך נאָכמאַכן יעדן מענטשן מיט זיין לשון (יעדער ייד כמעט האָט זיך זיין לשון) און מיט דער זשעסטיקולאַציע (מאַכן מיט די הענט, מיט די פּיס, מיט די פּלייצעס בשעת רעדן)..."

שלום־עליכם שרייבט דאָ צו דער שפּראַך גופא דאָס, וואָס איז געווען זיין אייגענע קינסטלערישע פעיִקייט, אַחוץ דעם פאַרבייט ער דעם רייד־נוסח פון די פיגורן, וואָס האָבן דערנאָך פאַרנומען אַזאַ גרויס אָרט אין זיין שאַפן, — מיט דער יידישער שפּראַך בכלל. אָבער פון די דאָזיקע זאַצן איז

קלאָר צו זען, ווי באַוואוסטזיניק שלום־עליכם האָט שוין דעמאָלט געזען די מעגלעכקייט איבערצוגעבן אינאיינעם מיטן וואָרט און דער עיקר דורכן וואָרט — אויך אַלע באַוועגונגען, וואָס באַגלייטן דאָס רעדן, און אַזוי־אַרום סוגעסטיוו צו באַווייזן די געמיטס־באַוועגונגען, וואָס רופן אַרויס דאָס דאָזיקע וואָרט.

דעם רייד־שטייגער וויל דאָך שלום־עליכם שילדערן אין זיין גאַנצן דראַמאַטישן פאַרנעם, כדי ער זאָל טאַקע פול איבערגעבן די אילוזאָרישע פאַרהעלטענישן, אויף וועלכע ער וואַקסט. דאָס רעדן גופא שפּילט דאָך אין דעם דאָזיקן לעבן, אין וועלכן מנחם־מענדל קאָן אַזוי ווינציק טאָן און אויפטאָן, — אַ הויפּט־ראָל. דעריבער זיינען דאָ וויכטיק אַלע יענע מאָמענטן, וואָס פאַרשטאַרקן די ווירקונג פונעם רעדן אַלס אַזעלכן. די קאָמיק פון שלום־עליכמס דערציילן באַקומט זיך ניט בלויז פון דעם באַטייט, וואָס ליגט אין די רייד, נאָר אויך פון די פאַרשיידענע זשעסטיקולאַציעס, וואָס ווערן אַסאָציאירט, בשעת מע לייענט די רייד.

דעריבער האָבן שלום־עליכמס מייסטער־ווערק זייער פולע ווירקונג ניט ביים לייענען מיט די אויגן, נאָר ערשט דעמאָלט, ווען מע לייענט זיי אויפן קול. ערשט דעמאָלט באַמערקט מען אַ סך מייסטערישע פיינקייטן, וואָס מע האָט זיי ביים „שטילן" לייענען ניט דערזען.

שלום־עליכמס שאַפן ווענדט זיך דאָך ניט בלויז צו דער „פאַקטן־פאַנטאַזיע", נאָר נאָך מער צו דער „וואָרט־פאַנטאַזיע", אויב מע קאָן זיך אַזוי אומפּינקטלעך אויסדריקן (אומפּינקטלעך — ווייל ביידע מיני „פאַנטאַזיע" האָבן אַ קאָנקרעטע און אין תוך די זעלבע גרונטלאַגע אין די „פאַקטן" פון דער ווירקלעכקייט).

„רייד" אַלס אַזעלכע קאָן מען אין זייער פולער אייגנטימלעכקייט באַנעמען ערשט ביים געהערטן רעפּראָדוצירן. פונקט ווי אַ שטאַרק סצענישע פּיעסע, מוזן אויך שלום־עליכמס דערציילונגען אויפגעפירט ווערן, כדי זיי זאָלן באַקומען זייער פולן קלאַנג. זיי דאַרפן פאַרגעלייענט, געשפּילט ווערן. פונדאַנען שטאַמט שלום־עליכמס נטיה עפנטלעך פאָרצולייענען זיינע ווערק. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס קיין שום יידישן שרייבערס (און זעלטן אַ ניט־יידישן שרייבערס) ווערק זיינען אַזויפיל און אָפט פאַרגעלייענט געוואָרן ווי שלום־עליכמס.

שלום־עליכמס ווערק, אַפילו די קלענסטע מייסטער־דערציילונגען, זיינען דעריבער אַ מין רייד־שפּילן, וואָס שילדערט אַן אילוזאָריש, „שפּילעריש" לעבן. דאָס איז אַן אייגנאַרטיק נייער זשאַנר אין דער וועלט־ליטעראַטור. אויסערלעך איז דאָס פּראָזע און אין תוך איז דאָס זייער נאָענט צו דער הויכער קאָמעדיע.

די טראַגיק פון אילוזיעס

„וואָס ליגט דאָס אַזעלכס אינעם יידישן זינגען מיטן יידישן שפּילן, וואָס תּמיד רופט דאָס אַרויס נאָר טרויעריקע מחשבות?"* — סע ליגט אין זיי דאָס לעבן פונעם פאָלק.

שלום־עליכמס „פריילעכע מעשיות" זיינען איין גרויסע סאַטירישע עלעגיע אויף דער אונטערדריקטער נאַטור פונעם מענטש, אויף זיין דער־נידעריקונג דורך אָרעמקייט, דורך פיינטשאַפט צווישן פאָלק און פאָלק, דורך דער הינטערשטעליקייט פון לעבן און דענקען, דורך דער פאַרקריפּלונג פון זיין שעפערישן כוח — און דאָס אַלץ איבער דער לעפּיש־גרויזאַמער אָרדענונג, אין וועלכער איין מענטש ווערט אויסגענוצט דורכן אַנדערן. פרייער שעפע־רישער שוואונג קומט פון הרחבה, אָבער ביי די עקספּלואַטאַטאָרישע פאַר־העלטענישן ווערן אַ סך מענטשן איינגעזונקען אין דער קליינלעכקייט פונעם לעבן. זיי ווערן „קליינע מענטשן מיט קליינע השגות".

די באַוועגונגען פון דעם מין „קליינעם מענטש" זיינען קאָמיש, ער זוכט, שטרעבט, שמייעט אַרום, ווענדט אָן אָנשטרענגונגען אין לשער, שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות, רייסט איין וועלטן — צוליב אַ נישטיק אומגליקלעך ברייזעלע „גליק", דערצו נאָך אָן אויסגעטראַכטס, און ווען ניט, האָט עס סיי־ווי די ווערט אַ גראָשן. די דאָזיקע פאַרשווינען האָבן ווייט ניט קיין העראָאישן כאַראַקטער — אָבער אויף זייערע דאָנקיכאָטישע אַוואַנטיורעס גייען זיי מיט זעלטענעם, כמעט העלדישן מוט.

די קליינקייט פון די השגות גופא אַנטהאַלט שוין אין זיך טראַגיק, אָבער נאָך מער — דאָס, וואָס די אוממענטשלעכע אָנשטרענגונגען גייען אומזיסט לאיבוד. די קאָמיק ליגט אינעם אויסערלעכן אויסזען: אין די תּנועות, אין די רייד, אין די דעטאַלישע סיטואַציעס; די טראַגיק — אינעם אינהאַלט, אינעם רעזולטאַט: אין דער פאַבולע, אין דער לייזונג פונעם סוזשעט, אינעם סוף, וואָס איז ביי שלום־עליכמען כמעט שטענדיק אַ טרויעריקער.

אין שלום־עליכמס צייטן האָט יעדער לייענער געדאַרפט דערפילן דאָס וואָרט פון זאָראַציוס: „וואָס זשע לאַכסטו? בייט די נעמען — און פון דיר טאָקע דערציילט דאָך די מעשה."

אין די הויפּט־געשטאַלטן שלום־עליכמס שטעקט שטענדיק אַ שטיק שלי־מזל. אָפט איז דאָס אַ ליבהאַרציקער, חנעוודיקער, איידעלער, און אָפט בלויז אַ טרויעריקער און לעפּישער מענטש — אָבער שטענדיק אַ שלימזל. שלום־עליכם דערציילט כמעט קיינמאָל ניט וועגן גליק, וועגן דערגרייכטע צילן.

---

* „יאַסעלע סאָלאָוויי", פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1937, ז. 247.

די אידעלע געשטאַלט פון טביהן איז לויט איר מהות העכער פון יעדן מין לעכערלעכקייט. די געוויסע בכיוונדיקע הומאָריסטישע שטריכן פון זיין „מענה־לשון" דאַרפן בלויז פאַרשטאַרקן דעם טרויעריקן תוך פון דער מעשה. אויך דאָ קומט דאָס לאָכן ניט פון הרחבה, וואָרעם אויך דאָ איז ניטאָ קיין קאַפּעלע פרייד, קיין קאַפּעלע גליק.

קיינער האָט ניט אַרויסגערופן אַזוי פיל געלעכטער ווי שלום־עליכם, און ביי קיינעם איז ניט אַזוי ווי ביי אים די איינציקע טעמע פון זיין שאַפן — די פריידלאָזיקייט פונעם פאָלקס לעבן אין יענער צייט. אפשר דערפאַר האָט פרץ ניט זייער ליב געהאַט שלום־עליכמען, כאָטש ער האָט געפילט זיין קינסט־לערישן כוח. פרץ לויבט אים: „שימל־אַפּקראַצער". דאָס הייסט — סאַטירי־שער דערציער. אָבער דער עיקר מיינט ער דערמיט: צעשטערער פון אילוזיעס.

שלום־עליכם האַלט אין איין דערווייזן די פאָלקסמאַסן, אַז גליק און פרייד זיינען אין דער געזעלשאַפט, אין וועלכער זיי לעבן, — אַן אילוזיע. אַז אַזאַ מין לעבן בכלל איז אַ שטיק אילוזיע. אַז ווירקלעך, רעאַל איז אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט בלויז איין זאַך: מע זאָל ווערן אָפּגענאַרט. אין זיינע ווערק האַלט ער ווי אין איין טענהן צו די פאַרשיידענע גליקלעכסטע מענטשן פון די כלערליי קאַדנים: וואָסער שמחה איז אויף אייך, מישטיינסגעזאָגט, מיט אייערע גליקן?

די אילוזאָרישקייט פון דעם גאַנצן מין לופט־לעבן, פון דעם גאַנצן מין אָפּנאַרערישער לופט־וועלט, די פאַנטאַסטיק פון דער פאַרקריפּלטער, צע־קאַליעטשעטער ווירקלעכקייט — דאָס איז די הויפּט־טעמע פון זיין שאַפן.

שלום־עליכם האָט פייַנט צו פאַרענדיקן מיט אַ „פריילעכן סוף". ס'וואָלט געווען אַ ליגן, ניט רעאַליסטיש. ס'וואָלט געווען אַ ווידערשפּרוך צום תוך פון זיין שאַפן. זיין הומאָר וואָלט דערפון געוואָרן טריוויאַל.

די מעשה וועגן דעם פאַרכישופטן שניידער, וואָס איז געבויט ווי אַ זוניקער שפּאַס און איז דורכגעדרונגען מיט לירישע און אידילישע טענער, — איז אין אמתן אַ שווערע, מעלאַנכאָלישע, וואונדערלעכע פּאָעמע מיט אַן אומ־ענדלעך טרויעריקן סוף. און אייגנטלעך האָט זי גאָר קיין סוף ניט, ווייל דער טרויער איז דאָ אָן אַ ברעג. זי פאַרענדיקט זיך מיטן דיכטערס אַ טרויעריקן מאַך מיט דער האַנט:

„און דער שניידער, נעבעך?... און דער היוצא לנו מזה? און דער מאַי־קאַ־משמע־לן פון דער מעשה? — וועט פרעגן דער לעזער. צווינגט מיך נישט, קינדער! דער סוף איז געווען נישט קיין גוטער סוף. אָנגעהויבן האָט זיך די מעשה זייער פריילעך, און אויסגעלאָזט האָט זי זיך, ווי דאָס רוב

פריילעכע געשיכטעס, אוי־ווי, זייער טרויעריק... און מחמת איר קענט דעם מחבר פון דער געשיכטע, אַז ער איז בטבע ניט קיין מרה־שחורהניק און האָט פיינט קלאָגעדיקע און האָט ליב בעסער לאַכנדיקע מעשיות, און מחמת איר קענט אים און ווייסט, אַז ער האָט פיינט „מאָראַל" און זאָגן מוסר איז ניט זיין דרך, — לכן געזעגנט זיך מיט אייך דער פאַרפאַסער מתוך שחוק, לאַכנדיק, און ווינטשט אייך, אַז יידן און גלאַט מענטשן אויף דער וועלט זאָלן מער לאַכן איידער וויינען. לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן."

מע דאַרף האָבן אַ בערישע הויט, מע זאָל ניט דערפילן פונעם גאַנצן צוזאַמענהאַנג די ביטערע איראָניע פון דעם דאָזיקן לעצטן באַרימט־געוואָרענעם זאַץ שלום־עליכמס.

כאַראַקטעריסטיש איז די געשיכטע פונעם סוף אינעם ראָמאַן „די בלאָנ־דזשענדע שטערן". דער בוך איז לכתחילה געשריבן געוואָרן אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען דערשיינען אין אַ צייטונג אַלס „פעליעטאָן־ראָמאַן". דער גרויסער שרייבער האָט דעמאָלט געלעבט אין זייער געענגטע פאַרהעלטענישן און ער האָט זיך מיט געוואַלט געצוואונגען צו ליב טאָן, אויב מעגלעך, געוויסע וואונטשן פון די באַשטעלער.

שלום־עליכם שילדערט דאָ די קאָלאָריטע אַטמאָספער, וואָס אינעם דעמאָלטיקן האַלב־„באַלאַגאַנישן", האַלב־פּאָלקסטימלעכן יידישן טעאַטער. ער מאָלט אַ גאַנצע ריי פּולבלוטיקע, אייגנאַרטיקע געשטאַלטן פון אַקטיאָרן, קאָמעדיאַנטן, דירעקטאָרן און זייערע גורלות. ס׳פילט זיך דאָ די לופט פונעם טיפּישן טעאַטער־ראָמאַן לויט דער טראַדיציע, וואָס זינט סקאַראָנס „קאָמישן ראָמאַן" ביז זשאָרזש זאַנדס „דער שיינער לאָראַנס" און ווייטער. פאַראַן אין דעם ווערק זייטלעך — אמתע פּערלען פון שלום־עליכמס קונסט. אָבער אויך גאָר שוואַכע, גאָר ניט קיין שלום־עליכמישע קאַפּיטלען. אינגאַנצן גענומען געהער דער דאָזיקער ראָמאַן געוויס ניט צו שלום־עליכמס מייסטער־ווערק.

אינעם טעקסט, ווי ער איז געדרוקט אין אַן אַמעריקאַנער צייטונג אַלס „פעליעטאָן אין פאָרזעצונגען", האָט זיך דער ראָמאַן געענדיקט, לויטן געשמאַק פון יענער סביבה, מיט אַ „העפּי ענד" (אַ גליקלעכן סוף). אָבער ביי דער לעצטער רעדאַקציע פונעם בוך האָט זיך שלום־עליכם צו אַזאַ סוף שוין ניט געקאָנט אַנטשליסן.

ער האָט אים אַרויסגעוואָרפן. דער שלוס־אַקאָרד פונעם בוך איז אַנט־האַלטן אין די ווערטער: „אָפּנים, אַז קיין גליק איז גאָר ניטאָ אויף דער ערד. עס איז נאָר פאַראַן דאָס שטרעבן צום גליק. דאָס גליק אַליין איז אָבער נישט מער ווי אַ חלום, אַ דמיון." אַזאַ סך־הכל שטעלט שלום־עליכם פאַר יענעם פעריאָד אין דער מענטשלעכער געשיכטע, „כל־זמן מענטשן וועלן געוועלטיקן

אויף מענטשן, כל־זמן מענטשן וועלן אַרויסוויזן פון צייט צו צייט, אַז אין זיי געפינען זיך נאָך סימנים פון חיות...״ — ווי ער זאָגט אין אַן אַנדער אָרט פון דעם זעלבן בוך.

און כל־זמן דאָס איז אַזוי, איז דאָך אַפילו דאָס שטרעבן, דאָס קליין־השגהדיקע שטרעבן פון די „קליינע מענטשן״ קאָמיש, ווייל זיי טאָפּטשען זיך אילוזאָריש אויף איין אָרט. און דער גרויסער טרוימער שלום־עליכם האָט אין אײן צעשטערן די קליין־השגהדיקע טרוימען, אין איין אַרויסרופן „אַנטוישונג״, אין איין אַראָפּרייסן נאַאיווע אילוזיעס. און דערמיט טאָקע איז ער געוועזן דער גרויסער „שימל־אָפּקראַצער״ — ווי פּרץ האָט אים גערופן.

אַ סך קלוגע באַאָבאַכטונגען זיינען געזאָגט געוואָרן פון דער קריטיק וועגן שלום־עליכמען. אָבער אויך ניט ווייניק נאַרישקייטן. און — את חטאי אני מזכיר! — אויך פון מיר. אַז איך לייען איצט איבער מיינע אַמאָליקע ניט־ריכטיקע באַהויפּטונגען, טוט מ׳יר פון האַרצן באַנג. בפרט, אַז איך לייען זיי איבערגעחזרטע און פאַרגרעבטע אין פרעמדע אַרטיקלען, זיינען זיי מיר נאָך נמאסער.

אַזוי, למשל, האָב איך אַמאָל צווישן אַנדערע ריכטיקע און זייער אומ־ריטיקע און אומגערעכטע זאַכן געשריבן, אַז שלום־עליכם איז געווען „אַ טרייסטער״ סתם. סאַראַ אומזין!

ווי לייכט וואָלט עס פאַר אים געווען צו פאַרענדיקן כאָטש אַ טייל פון זיינע ווערק — ניט מיט אומגליק, און נאָך דערצו מיט לעפישן אומגליק, נאָר מיט אַ געמיטלעך אויסגעטראַכטן „גליקלעכן סוף״, די קאָמישע אַוואַנטורעס צו פאַרענדיקן „אין פריידן״. דאָס וואָלט ניט געמינערט די קאָמיק — און געלינדערט, געטרייסט דאָס געמיט פונעם באַלעבעסל. דאָס וואָלט אָבער אויך באַנאַליזירט דעם זין פון זיין שאַפן. דאָס וואָלט גיכער געפּאַסט פאַר יענער ראָל פון אַ גרויסן מאַרשעליק, וואָס געוויסע קריטיקער ווילן אים אָנבינדן און וואָס איז געווען אַזוי אויסטערליש פרעמד און קעגנזעצלעך צו זיין טראַגישן באַוואוסטזיין.

דאָס וואָלט געווען געמיטלעכער, „לייכטער״, אָבער ניט רעאַליסטיש. עס וואָלט פאַרקריפּלט דעם אמת פונעם דעמאָלטיקן לעבן פון די פאָלקסמאַסן. דער דורשט, דער פאַרלאַנג, דער באַגער, דער טרוים פון די אונטערדריקטע פאָלקסמאַסן האָט אין די דעמאָלטיקע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען שטענדיק געמוזט בלייבן ניט באַפרידיקט, ניט באַרואיקט. די מענטשן פון די אונטער־דריקטע קלאַסן זיינען דעמאָלט שטענדיק געבליבן באַוואולהט, פאַרקלעמט, אָפּגענאַרט, צעקאַליעטשעט און צעטאָפּטשעט. אַזוי איז געווען, און אַזוי שילדערט דאָס שלום־עליכם.

אויסמעסטונגען

די קאָמפּאָזיציע פון שלום־עליכמס דערציילונגען איז אַ מייסטערישע, אָבער געוויינלעך — פאָלקסטימלעך־פּראָסט און „איינפלאַניק“, זיי האָבן איין „אויסמעסטונג“, זיי זיינען געוויזן אין איין פלאַך. וואו ער האָט געפּרואווט אַנדערש — דער עיקר אין די ראָמאַנען — האָט ער די געוויינלעכע הייך פון זיין שאַפן ניט דערגרייכט. ער גיט, געוויינלעך, אין זיינע ווערק ניט די גרויסע סיטואַציע, נאָר אין תוך טיילן פון איין אַלגעמיינעם צושטאַנד. אין תוך — אָן אַ שיעור וואַריאַציעס אויף איין גרונט־מאָטיוו. דאָ איז ער דער גרויסער מייסטער.

מענדעלען האָט זיין סאָלידער ראַציאָנאַליזם געגעבן יענעם רואיקן איינ־הייטלעכן צענטער, אַרום וועלכן ער האָט געוועבט זיינע גרעסערע ווערק. שלום־עליכמס וועלט־עמפּינדן און באַוואוסטזיין איז צעדריבלטער, וויניקער איינהייטלעך און שטאַנדהאַפטיק, אומרואיקער, אויף עפּעס אַ געוויסן אופן ווייזט זיך דאָ גופא אַרויס אַ שטריך פון דער געזעלשאַפט, וואָס ער שילדערט. ניטאָ ביי אים דער גרויסער צענטער, אַרום וועלכן עס וויקלען זיך פאַנאַנדער ברייטע לייוונטן.

שלום־עליכם דרינגט אַריין אין די געדיכטעניש פונעם לעבן, אָבער דעם אויסשניט, וואָס ער מאַכט, שטעלט ער אַרויס — און ווייזט אונדז — בלויז מיט איין פלאַך. זיין שילדערונג איז אַ פּראָנטאַלע. אין אַ לערנבוך פאַר אַרכיטעקטור אָדער אין אַן אַרכיטעקטאָנישן פּלאַן ווערט אַ קווערשניט פון אַ געביי געוויזן און באַדינגלעך געצייכנט אויף אַזאַ אופן, אַשטייגער ווי דאָס וואָלט געווען אַ פאַסאַד. דער משל איז, פאַרשטייט זיך, ווידער בלויז אין איין פּרט ענלעך צום נמשל, אי דאָס זייער ווייט ענלעך. ער וויל בלויז פאַר־דייטלעכן דעם געדאַנק, אַז ווען שלום־עליכם פּאַקט אַ צאַפּלדיק שטיק פון דער סאַמע מיט לעבן — שטעלט ער עס אַוועק מיטן פּנים, מיטן פאַסאַד אויף פאָרנט, און ער באַמיט זיך ווייניק דאָס אויסצומאָלן פּערספּעקטיוויש מיט אַ הינטערגרונט און פאָדערגרונט, וואָס סוגעסטירן רוים אין אַלע אויסמעסטונגען.

כאַראַקטערן און ליידנשאַפטן

די קאָמישע זשאַנרען האָבן געוויינלעך צו טאָן מיט נאַראָנים, שלימזלס, פאַנטאַזיאָרן, מאַניאַקן, מיט אומגליקלעכע, ניט־געראָטענע אָדער גאָר פאַלשע, שלעכטע מענטשן. זיי שילדערן נאַרישע, שלימזלדיקע, פאַנטאַסמאַגאָרישע, מאַניאַקאַלישע, אומגליקלעכע, ניט־געראָטענע אָדער גאָר פאַלשע, שלעכטע האַנדלונגען. וויבאַלד די געשטאַלטן און האַנדלונגען הערן אויף צו האָבן אַזאַ כאַראַקטער — הערן זיי אויף צו זיין קאָמיש.

אויב אַזוי וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו זוכן אין די סאַטיריש־קאָמישע זשאַנרען — קיין באַדייטנדיקע כאַראַקטערן, קיין „הע־ראָאישע" ליידנשאַפטן, קיין שטרעבן פון די פיגורן צו הויכע צילן אָדער גאָר גייסטיקע אינטערעסן. און אַוודאי, אַז מע דאַרף דאָ ניט זוכן קיין פּראָבלעמען פון וועלט־אַנשויאונגען.

אין אמתן איז דאָס ווייט ניט אַזוי.

אין דער אַריסטאָפאַנישער קאָמעדיע ווערן גראָד באַהאַנדלט אַפילו פילאָ־סאָפישע טעמעס.

דאָן קיכאָט איז אַ נאַר, אַ שלימזל, אַ פאַנטאַזיאָר, אַ מאַניאַק, אָבער מע קאָן ניט לייקענען, אַז אַחוץ די קאָמישע שטריכן אין זיין כאַראַקטער זיינען דאָרט פאַראַן אויך אַזעלכע, פאַר וועלכע מיר פילן אמתן דרך־ארץ; אין זיינע משוגענע שטיק ווייזן זיך עלעמענטן פון „העראָאישער" ליידנשאַפט, אין זיין שטרעבן זעען מיר — טאַקע ווי אין אַ קרומען שפּיגל — אָבער פאָרט עפּעס אַזוינס ווי הויכע צילן און גייסטיקע אינטערעסן.

די שעקספּירישע מאַרשעליקעס זיינען פילאָסאָפישע שפּאַסמאַכערס.

ראַבלעס גאַרגאַנטיואַ און פּאַנטאַגריעל זיינען קאָמיש־העראָאישע דענ־קערישע געשטאַלטן.

מאָליערס „דער איינגערעדטער קראַנקער" אָדער „דער בירגער אַלס אַדעליקער", זיינען ריינע נאַראָנים מאַניאַקן, אָבער דער העלד פון זיין „מיזאַנ־טראָפּ" אַלצעסט, איז אַ באַדייטנדיקער כאַראַקטער מיט „העראָאישע" ליידנ־שאַפטן און הויכע גייסטיקע אינטערעסן. די טעמע פון דער דאָזיקער קאָמעדיע איז אַ טיף־פילאָסאָפישע. דער קאָמיזם אין דער קאָמעדיע שפּינט זיך אייגנטלעך דער עיקר אַרום דעם מיזאַנטראָפּ, אָבער ער גופא איז קאָמיש בלויז דורך דער עקסטרעמקייט פון זיין דענקען און האַנדלען, דורך די שטריכן פון דענקערישן דאָנקיכאָטיזם. דער קאָמיזם פון דער דאָזיקער געשטאַלט איז אַזוי טיף פאַרבאָרגן, אַז ער איז פאַר אַ היינטצייטיקן לייענער גאָר ניט לייכט צו באַמערקן.

מאָליערס „דאָן זשואַן" פאַרמאָגט קאָמעדישע עלעמענטן, דער הויפּט־העלד איז אַ פאַרדאָרבענער מענטש, אָבער פאָרט אויך אין געוויסע פּרטים אַ באַדייטנדיקער כאַראַקטער, די טעמע — אַ פילאָסאָפישע (פּראָבלעם פון גע־וויסן). מאָליער האָט אין אַ טייל בעסטע קאָמעדיעס אָפּגעשפּיגלט ניט בלויז דאָס לעבן, נאָר אויך דירעקט דאָס גייסטע שטרעבן פון זיין צייט.

אונדזער מענדעלעס „בנימין" איז אַן אומגליקלעכער נאַר, אַ שלימזל, אַ פאַנטאַזיאָר און מאַניאַק, זיין פּירעכץ איז משונה־אומגעלומפּערט, זיין ציל איז אַן אויסגעטראַכטע איינרעדעניש, אָבער מע קאָן ניט באַשטרייטן די אידלקייט

פון זיין כוונה און ממילא געוויסע — זאָל זיין פאַרדרייטע, קאָמישע — עלע־מענטן פון „הערואיק“ אין זיין דאָנקיכאָטישן שטרעבן.

די אַלע און ענלעכע קאָמיש־סאַטירישע געשטאַלטן זיינען מער אָדער ווייניקער אויף עפּעס אַן אופן געבראָכן, צעקאַליעטשעט, אָבער זיי פאַרמאָגן פאָרט אויך באַדייטנדיקע שטריכן אינעם כאַראַקטער, פאַראַן עפּעס משונהדיק־העראָאישס אין זייערע ליידנשאַפטן און שטרעבונגען. —

און אויב עמעץ וועט וועלן זאָגן, אַז דאָס האָט אַ שייכות נאָר צו סאַטירע און ניט צו הומאָר, וועט ער ניט זיין גערעכט. די פאַנאַנדערגרענעצונג פון סאַטירע און הומאָר איז זייער אַ נוצלעכע, פּרוכטבאַרע, ריכטיקע — אָבער, ווי שוין געזאָגט, ניט קיין אַבסאָלוטע. „דאָן קיכאָט“ איז איינע פון די גרעסטע סאַטירעס אין דער וועלט־ליטעראַטור, אָבער אויך איינס פון די גרעסטע מייסטערווערק פון הומאָר. אַ הויפּט־מיטל פון דער סאַטירע איז דער הומאָר, און דער ציל זיינער — די סאַטירע. ווען הומאָר וואָלט ניט אויסן געווען צו דערוויַיזן אַ גרויסן אמת, צו אַנטוויקלען אידייען, ווען ס'זאָלן ניט זיין אינעם הומאָר קיין שום שטריכן פון דערהויבנקייט, וואָלט דאָס טאַקע געווען אַ נידעריקער זשאַנר, אַ טריוויאַלער.

פון פאָראויס קאָן מען ניט זאָגן, אַז הומאָר שליסט אויס די שילדערונג פון פאַרטיפטע כאַראַקטערן, גרויסע ליידנשאַפטן, און אַפילו די דירעקטע באַהאַנדלונג פון די אידייאישע שטרייטן פון דער צייט (שעקספּיר, סערוואַנטעס, ראַבלע, מאָליער א. אַז. וו.). דער קאָמיזם מוז ניט ליגן בלויז אינעם אומגעלומפּערטן רעזולטאַט פון אַן אומגעלומפּערטער אויפפירונג, ער קאָן באַוויזן ווערן אויך אינעם געוועב פונעם כאַראַקטער גופא, פון די ליידנשאַפטן גופא, פון די אָנשויאונגען גופא, אין די קאָמפּליקאַציעס, וואָס קומען פונעם ווידער־שפּרוך צווישן די פאַרשיידענע עלעמענטן אין זיי גופא.

באַדייטונג באַקומט אַ כאַראַקטער דורך ליידנשאַפטן, אין וועלכע ס'איז דאָ, זאָל זיין אין אַ קאָמיש־קרומער, ווידערשפּרעכלעכער פאָרם — כאָטש עפּעס וואָס פון גרויסקייט. טביה איז אַ באַדייטנדיקער כאַראַקטער.* אָבער מיר זעען אין אים מער ליידן (פּאַטאָס), איידער ווי ליידנשאַפטן, — וואָס זיינען

* עפּעס אַזוינס ווי אַ מין תלמיד-חכמישע וואַריאַציע פון טביהן האָט שלום-עליכם געפּרואווט שאַפן אין דער געשטאַלט פון ר' יוזעפל. דאָס אָרעמע, געשלאָגענע, באַליידיקטע, טיף פאַרוואונדעטע באַשעפעניש פאַרקריכט זיך אין אַ פינצטערער נאָרע טיף אין דער ערד, — „יענע-וועלט“, — וויל ניט מער זען די ליכטיקע שיין און באַוויזט אינעם אָפּווענדן זיך פונעם לעבן אָן אַ שיעור זינלאָזן מוט, אויסטערלישע עקשנות און שטילע ווילדע פעסטקייט. „פון אונדז — זאָגט ר' יוזעפל — איז ניטאָ וואָס צו לאַכן, נשמה מיינע, פון אונדז דאַרף מען וויינען און זיך אַ מוסר אָראָפּנעמען. אַ מוסר, וואָס מיר זיינען געווען און וואָס מיר זיינען געוואָרן.“

ניט דענקבאַר אָן אַ באַשטימטער אַגרייפערישקייט — דעם פּאַטאָס פון ביטער-און טרויעריק-קלוגן פּאַסיון ווידערשטאַנד קעגן די בושעוועדיקע כוואַליעס פונעם לעבן.

די קינסטלער-געשטאַלטן סטעמפּעניו, יאָסעלע סאָלאָוויי, ראַפּאַלעסקאַ פּאַרמאָגן געהויבענע שטריכן. דאָס זיינען אָבער ניט שלום-עליכמס מייסטער-געשטאַלטן, זיי זיינען אויך ניט אַנטוויקלט אינעם קאָמישן פּלאַן.

אין אַלגעמיין האָט שלום-עליכם אין זיינע כאַראַקטערן גופא ניט געלאָזט שפּילן דעם ווידערשפּרוך צווישן געהויבנקייט און נישטיקייט. אין דער מאַ-טעריע פון זיינע כאַראַקטערן זיינען ניט אַריינגעוועבט קיין פעדעם פון הויך-שטרעבנדיקע ליידנשאַפטן. ניט די אינדיווידואַליזירונג פונעם כאַראַקטער שטייט אין צענטער, נאָר די סיטואַציע, די לאַגע, דאָס געשעעניש. דער כאַראַקטער, געוויינלעך, אַזוי צי אַנדערש דער מנחם-מענדלשער, איז כמעט נאָר אַזויפיל אינדיווידואַליזירט, וויפיל ס'איז נייטיק פאַר דער וואַריאַציע פון זיין, שלום-עליכמס, אייביקער טעמע. אָן אַ אייגנאַרטיקער כאַראַקטער מוז האָבן עפּעס-וואָס פון געהויבנקייט, זאָל זיין פון אַ פאַרדרייטער, אַ פאַרקריפּל-טער — אָבער פאַרט. דאָס דאָזיקע „עפּעס-וואָס" וועט מען טאַקע געפינען אַפילו אין מנחם-מענדלען. מיר האָבן עס (זע וויי טער) געפּרואווט אויספירלעך באַווייזן. אָבער דאָס שטראַלעכל גלאַנץ בלייבט האַרט ביי דער ערד. אין פאַרגלייך מיט מנחם-מענדלען איז דאָן קיכאָט — אַ העראָאישע פיגור פון הויכער גייסטיקייט.

פאַראַן גאָר-גאָר ווייניק שרייבער אין דער גאַנצער וועלט-ליטעראַטור, וואָס רייצן אויף שריט און טריט אַזוי אָפט צום לאַכן, ווי שלום-עליכם, ניט צו שמייכלען, נאָר טאַקע אויפן קול אָדער אין זיך צו לאַכן. און דאָס געהער צו די הויכע געניאַלע גאָבן, דאָס איז ניט מעגלעך אָן זייער טיפע סיבות, וואָס מע האָט זיי נאָך אַפילו ניט אָנגעהויבן צו דערגרונטעווען.

אָבער אויב מיר וועלן ניט פיקסירן אַלע פאַקטן, אַזוי ווי זיי זיינען, וועלן מיר זיך אין דער אויספאָרשונג פון שלום-עליכמען ניט קיין רוק טאָן אויף קיין איין טריט. אַלע פאַקטן: אַ חסרון צי ניט — אָבער אויך דעם פאַקט, אַז שלום-עליכמס הומאָר באַהאַנדלט כמעט ניט קיין כאַראַקטערן מיט הויך-שטרעבנדיקע ליידנשאַפטן, אין וועלכע עס זאָלן אַפּהילכן — אין אַ גלייכן אָדער קאָמיש-קרומען אַספּעקט — די אידייאישע קאַמפן, וואָס זיינען טיפּיש פאַר דער צייט. ער גיט ניט קיין כאַראַקטערן, וואָס זאָלן זיין די וואָרטזאָגערס פון די וועלט-אָנשויאונגען אין זיין צייט.

שלום-עליכמס הומאָר בויט זיך אויף אַ טיף אמתן אידייאישן גרונט-מאָטיוו: די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, וואָס הערשן אין זיין צייט,

צעקוועטשן און קאַליעטשען דעם מענטש און מאַכן אים ניט בלויז אומגליק־לעך, נאָר אויך לעכערלעך. דאָס איז די גרונט־שטימונג אין זיין וועלט־עמפּינדן, די גרונט־הנחה פון זיין שאַפן. דעם קאָמיזם פונעם זינלאָז־ און פּאַסיוו־ליידנדיקן מענטש אינעם פּעריאָד פון אימפּעריאַליזם האָט ער גע־ווינלעך — אויב ניט רעכענען טביהן — אילוסטרירט אויף כאַראַקטערן, וואָס זיינען דורך דער אַלטער און נייער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און נאַציאָ־נאַלער אונטערדריקונג אַזוי וויט דערשלאָגן און אַראָפּגעפירט פון דער פאַרשטאַנדיקער נאָרם, אַז עס דערגייט צו זיי אַפילו ניט דער רעש פונעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער וועלט.

די טראַגיק פון די מנחם־מענדלשע געשטאַלטן ליגט אויך אין דער אָפּ־וועזנהייט פון גרויסע — זאָל זיין אילוזאָרישע, פאַרדרייטע — שטרעבונגען. דאָס צעדולטע אַרומשמייען מנחם־מענדלס און זיין איינרייסן וועלטן — איז ניט קיין ליידנשאַפט אין אייגנטלעכן באַטייט. ניט דער ציל מנחם־מענדלס און אַוודאי ניט דער וועג צום ציל איז אַן אמתע ליידנשאַפט. ער איז אַ לייכטער, כאַטש פאַרברענטער שפּילער. און ווען ער וואָלט דורך אַ צופאַל יאָ געווינען, ווייסן מיר פון „ווען איך בין רויטשילד", וואָס ער וואָלט דאַן געטאָן. נערוועזער אימפּעט איז ניט דאָס אייגענע ווי ליידנשאַפט.

שלום־עליכם ווייזט מענטשן, וואָס זייער פּערזענלעכקייט איז צעטראָטן און וואָס קאָנען זיך ניט באַפרייען פאַר גרויסע ליידנשאַפטן. זיין אמתדיק און ליבעפול אויג געפינט אַרויס בלענדנדיקע בריליאַנטענע קערנדלעך אין די דאָזיקע צעריבענע מענטשן, אָבער דער אַקצענט פון זיין שילדערונג ליגט ניט — און אַנדערש קאָן ניט זיין — אויפן אַנטוויקלען „העראָאישע" (קאָמיש־העראָאישע) זייטן אין זייערע כאַראַקטערן.

ליידנשאַפטן מוזן פאָרט אויף עפּעס אַן אופן זיין פאַרוואָרצלט אינעם רעאַלן לעבן. זאָל זיין טעותדיק, פאַרדרייט, אומגעלומפּערט — אָבער פאָרט. אַניט איז עס גלאַט משוגעת. דאָן קיכאָטס טעות באַשטייט טיילוויז דעריך, וואָס זיינע פאַרשטעלונגען זיינען ניט מער רעאַל, אָבער פריער, אַמאָל זיינען זיי כאָטש אין אַ געווויסער מאָס געווען רעאַל. הונדערט אָדער גאָר צוויי הונ־דערט יאָר פריער וואָלט ער געווען אַן ערך ווייניקער קאָמיש. דער גרויסער מהלך, וואָס פון זיינע פאַרשטעלונגען ביז צו דערווירקלעכקייט, איז פאָרט געווען קלענער איידער דאָס אייגענע ביי מנחם־מענדלען. דער טעות, וואָס דאָן קיכאָט האָט געהאַט ביים אָפּשאַצן זיינע אידעאַלן, איז פאָרט געווען קלענער ווי דער אייגענער טעות ביי מנחם־מענדלען. און — צי קאָן מען בכלל זאָגן, אַז די „צילן" פון מנחם־מענדל, אָדער פון שמעון עליען, אָדער פונעם גליקלעכסטן פון קאָדני — זיינען געווען זייערע אידעאַלן? (זיי האָבן

געהאַט אידעאַלן, אָבער ניט דאָס איז שלום־עליכם אויסן. ניט דאָס איז זיין טעמע, נאָר דאָס מנחם־מענדלשע אין זיי.)

מנחם־מענדלס ציל האָט קיינמאָל ניט, אויך פריער ניט, ניט פאַרמאָגט קיין ברעקל רעאַלקייט — דער עיקר אָבער, ער איז זייער אַ נעבעכדיקער „ציל". צווישן די פאַרשיידענע געפילן, וואָס דער גורל פון די כלערליי מנחם־מענדלס רופט אין אונדז אַרויס — איז אויך פאַראַן, ביי אונדז לייענער גופא, אַ געפיל פון נאָגנדיקער ניט־באַפרידיקטקייט. אַזעלכע ריזיקע אָנשטרענגונגען, אַזעלכע גרויסע באַוועגונגען, אַזאַ הייסע באַגייסטערונג — און אַלץ צוליב אַ נישטיקן ציל — און דערצו נאָך דערגרייכן זיי עס ניט און פאַרלירן דאָס לעצטע, וואָס זיי האָבן. אויך דער לייענער פילט זיך עפּעס אַזוי ווי אָפּגענאַרט אין זיינע דערוואַרטונגען.

אין פלוג קאָן מען דעם דורכפאַל פון אַזאַ ציל ניט באַדויערן, און אָפּגערעדט, אַז ס'איז דאָ אין דעם אַליין קיין שום טראַגיק ניטאָ, ממילא איז אויך דער קאָמיזם אַזוי לאַנג ניט פאַרטיפט, ביז אונדזער באַוואוסטזיין דערקלייבט זיך ניט צום תוך — צו די באַדינגונגען, וואָס האָבן אויסגעהאָדעוועט אַזעלכע מענטשן און אַזעלכע גורלות. ערשט דעמאָלט ווערט דער לייענער גערירט פון דעם אומגליקלעכן לעבן, וואָס מאַכט פון מענטשן — מנחם־מענדלס, און ערשט דעמאָלט לייכט אויף די קאָמישע טראַגיק פון דער געשטאַלט, דער פולער מיין פונעם דיכטער.

עלעמענטן פון געהויבנקייט אין די קאָמישע געשטאַלטן וואָלטן צעשטערט דעם אייגנאַרטיקן שלום־עליכמישן הומאָר, דאָס, וואָס שלום־עליכם וויל זאָגן מיט זיינע מנחם־מענדלשע געשטאַלטן אָדער איינצלנע שטריכן, דער טראַגיזם פון די מנחם־מענדלס וואָלט ניט אַרויס אַזוי בוילעט, ווען ער גיט זיי דייטלעך „טראַגישע" („העראָאישע") כאַראַקטער־שטריכן. אין הומאָר ווערט יעדע מינדסטע זינד קעגן דעם שטרענגן רעאַליזם אַ סך האַרבער און גיכער באַשטראָפט איידער ווי אין יעדן אַנדערן זשאַנר. ס'ווערט תיכף אויס קאָמיש. ס'איז דאָ אַ וועזנטלעך שטיק פון מנחם־מענדלס טראַגישן קאָמיזם, וואָס סיי זיין שטרעבן, סיי זיין ציל זיינען פאַראומערט און נישטיק, וואָס ער קאָן ניט האָבן קיין הויכשטרעבנדיקע צילן. שלום־עליכם האָט דערציילט אַזוי, ווי עס איז, אָבער קיין גליק פאַרן דיכטער איז דאָס ניט. דער אומגליק פון יענע שיכטן, וואָס שלום־עליכם שילדערט זיי, פאַלט אין עפּעס אַ מאָס אויך אויפן שאַפן פונעם דיכטער גופא. מיר פילן דאָ עפּעס־וואָס פונעם קליינבירגערלעכן וועלט־עמפינדן.

רעאַליסטישע איראָניע

דער טעאָרעטיקער פון דער ראָמאַנטיק פרידריך שלעגעל האָט אין זיין

אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ראָמאַן געגעבן אַזאַ דעפיניציע פון הומאָר: „וויץ" („איך מיין: „אַסטראַאומיע") באַטייט, אַז מע נעמט ניט ערנסט די אויסערלעכע (ד. ה. אָביעקטיווע) דערשיינונגען; איראָניע באַטייט, אַז מע נעמט ניט ערנסט די אייגענע (ד. ה. סוביעקטיווע) פאָרשטעלונגען; הומאָר באַטייט, אַז מע נעמט ניט ערנסט די אייגענע געפילן.

דאָס דאָזיקע „ניט־ערנסט־נעמען" איז ביי שלעגעלן אַ גרויסע מעלה. אויף דעם האָט ער געבויט זיין באַוואוסטע ראָמאַנטישע קאָנצעפּציע (וואָס איז געבויט אויף פּיכטעס „איך"־פילאָסאָפיע) וועגן דער „איראָניע", זיין פאָדערונג, אַז „די געשעענישן, די מענטשן, קורץ: דאָס גאַנצע שפּיל פונעם לעבן — זאָל טאַקע אויפגענומען און געשילדערט ווערן ווי אַ שפּיל". די אויסערלעכע וועלט איז נאָר אַ דיכטעניש, בלויז דער „איך" שאַפט שפּילעריש און צעשטערט שפּילעריש און רעאַליזירט זי דורך דער קונסט. אויף דעם האָט ער אויך געבויט זיין ראָמאַנטיש־אידעאַליסטישע קאָנצעפּציע וועגן דער אַנטוויקלונג פונעם איראָפּייאישן (רעאַליסטישן) ראָמאַן.

ווי געוויינטלעך אַן אידעאַליסט, שטעלט ער דעם אמת אויפן קאָפּ. און דאָ — ווי סע טרעפט זיך — אַ טיפן אמת. דעם שאַרפן רעאַליזם, וואָס אין דער סאַטירע פון סערוואַנטעס, סוויפט, סטערן, זשאַן פּאָל, דערקלערט ער אַלס „איראָניע" און דאָס באַטייט ביי אים — יענע שעפערישע „שפּילעריש־קייט", וואָס ברענגט צום אויסדרוק די אילוזאָרישקייט פון דער אָביעקטיווער וועלט.

היינע האָט שלעגעלס קאָנצעפּציע, לפּחות וואָס שייך דער געשטאַלט פון סערוואַנטעסעס „דאָן קיכאָט", איבערגענומען און, דוכט מיר, צוריק אויפ־געשטעלט אויף די פיס.

מע דאַרף בלויז פאַר דעם זאַץ „אַז מע נעמט ניט ערנסט..." צושטעלן דאָס וואָרט „כלומרשט" — און די שלעגעלישע דעפיניציע פון הומאָר וועט זיך היפּש דערנענטערן צום אמת. וויץ — אויב סע האַנדלט זיך ניט וועגן טריוויאַלער וויצלעריי — נעמט כלומרשט ניט ערנסט די אָביעקטיווע דער־שיינונגען; איראָניע — אויב סע האַנדלט זיך נאָר ניט וועגן קליינע שטעכ־ווערטלעך — נעמט כלומרשט ניט ערנסט די אייגענע פאָרשטעלונגען און געדאַנקען; הומאָר — אויב סע האַנדלט זיך נאָר ניט וועגן טריוויאַלן שפּאַס — נעמט כלומרשט ניט ערנסט די אייגענע געפילן.

דער גרויסער הומאָריסט נעמט געוואַלטיק ערנסט זיינע אייגענע געפילן. זיין ניט־ערנסט־נעמען איז בלויז כלומרשט. און דער „כלומרשט" פאַר־שטאַרקט דעם ערנסט, די רעאַליסטישקייט, דאָס געפיל פון טראַגיק.

אויב מע טיילט אויס אין באַזונדערע קאַטעגאָריעס: סאַטירע, איראָניע,

הומאָר, וויץ, איז דאָס, פאַרשטייט זיך, בלויז באַדינגלעך. ס׳רעדט זיך בלויז אַזוי. ניט פאַראַן קיין ריינער „וויץ", קיין „ריינע סאַטירע" א. אַז. וו. אָן צו־מיש. אין סאַטירע איז פאַראַן וויץ, אין הומאָר — איראָניע א. אַז. וו. אין יעדן ווערק פון אַ קאָמישן זשאַנר זיינען זיי געוויינטלעך אויסגעמישט. אַן אַנאַליז קאָן בלויז פעסטשטעלן, אַז אין פאַרשיידענע ווערק פון די „קאָמישע" זשאַנרען פאַרמאָגן די איינצלנע קאַטעגאָריעס פון „קאָמיק", ווי למשל: סאַ־טירע, איראָניע, הומאָר, וויץ — ווייט ניט די זעלבע וואָג. אויך ניט די זעלבע פּראָפּאָרץ.

אין קינסטלערישער איראָניע פון גרויסן שניט איז פאַראַן טראַגישער פּאַרדראָס. אין דער „איראָניע" פון אידעאַליסטישע ראָמאַנטיקער קאָנצענט־רירט זיך דער דאָזיקער פּאַרדראָס — קעגן די גרענעצן פונעם מענטשלעכן לעבן און פון מענטשלעכע מעגלעכקייטן בכלל, און טאַקע געוויינטלעך אַבסטראַקט און ניט זייער פּרוכטבאַר. אין דער איראָניע פונעם רעאַליסט ווענדט זיך דער טראַגישער פּאַרדראָס קעגן דער אומגעלומפּערטקייט פון אַן אָפּגעלעבטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, פון אָפּגעלעבטע פאַרשטעלונגען, וואָס פאַרשאַפן אַזויפיל פּיין און ליידן.

שלום-ליכמס סטיל איז דער עיקר הומאָר, אַוודאי, אָבער זיין הומאָר איז דורכגעדרונגען מיט איראָניע. פון יעדן פריילעכן וואָרט זיינעם לייכט אַרויס טרויעריק-ביטערע איראָניע. ניט אינעם ראָמאַנטישן, נאָר אינעם רעאַליסטישן באַטייט.

שלום-עליכם ווייסט, פאַרוואָס דער אויסגעדייוועטער, געיאָגטער און גע־פּלאָגטער אָרעמער קאַסרילעווקער האָט ליב אַ ווערטל ווי דאָס חיות. סע קומט ניט פון אַ פריילעך לעבן. שלום-עליכם פאַרקערפּערט אין זיינע אייגנאַרטיקע קונסטווערק די דאָזיקע פאָלקסטימלעכע איראָניע. ער ווייסט ביז צום סוף, וואָס זי באַטייט. און וויפיל ער זאָל זיך אַמאָל איבער דער דאָזיקער איראָניע גופא ניט ווערטלען — איז זי אים געוואַלטיק טייער.

„עס מאַכט זיך אַמאָל אַן אָנצוהערעניש, וואָס איז ערגער צען מאָל ווי אין טאָטן אַריין געשאָלטן, און פאַראַן ווערטער, וואָס זיינען ערגער טויזנט מאָל פון פּעטש..." „פּאַר אַ גלייכוואָרט (און דאָ מיינט מען טאַקע איראָניע און סאַרקאַזם — מ. וו.) וועט אייך אַ קאַסרילעווקער, ווי עס איז שוין באַוואוסט אויף דער גאַנצער וועלט, ניט זשאַלעווען גיין צען מייל צופוס, ריזיקירן מיט פּרנסה, איינשטעלן כמעט דאָס לעבן. אַ קאַסרילעווקער עני, אַ מקבל, דער, וואָס גייט איבער די הייזער, אַז ער קומט נאָך אַ נדבה און מע גיט אים ניט, בעט ער, מע זאָל אים כאָטש לאָזן זאָגן אַ משל... און סע מאַכט זיך אָפּטמאָל,

אַז ער באַקומט פאַר אַזאַ משל אַ מיאוסן פּסק; ער עפנט טאַקע מיטן קאָפּ די טיר. ס׳איז אָבער אַלץ כדאַי — אַבי אויסגעבראַכט אַ גלייכוואָרטל. אַט אַזעלכע לייט זיינען מיינע קאָסרילעווקער, און איר האָט אַ טעות, אויב איר רעכנט, אַז מע וועט זיי איבערמאַכן, און אויב איר מיינט, אַז איך טו מיך מיט זיי שעמען...״ („די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלעך״.)

פראַגמענטן וועגן לאַכן

לויט דער אַריסטאָטעלישער דעפיניציע איז „דאָס לעכערלעכע״ — אַ רעאַקציע אויף עפּעס אַ מין טעות אָדער העסלעכקייט, און די דאָזיקע רעאַקציע אַנטשטייט אין אונדז אָן ווייטיק און אָן שאָדן. — צי איז טאַקע די רעאַקציע אויף אַ קאָמישער דערשיינונג אינגאַנצן אָן אומבאַטייליקטע און „אינטערעס־לאָזע״ — ווי מע קאָן אויסטייטשן די קלאַסישע דעפיניציע? צי איז ניט מעגלעך, אַז אַ דערשיינונג זאָל זיין קאָמיש, זאָל אונדז רייצן צום לאַכן, — כאָטש זי ברענגט אונדז סיי ווייטיק סיי שאָדן? צי איז ניט מעגלעך, אַז דער קאָמישער איינדרוק זאָל זיין געמישט מיט אַ געפיל פון ווייטיק, פון שאָדן?

העגעל רעדט וועגן דער „ראָמאַנטישער קונסט פון שמייכל דורך טרערן״. דאָס איז טאַקע געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ טייל ראָמאַנטיקער. אָבער דאָס באַזיניקטע לאַכן, הויכער הומאָר איז שטענדיק געווען אויסגעמישט מיט ווייטיק.

פאַראַן געלעכטער פון פרייד — אָבער אויך פון צאַרן; פון הרחבה, אָבער אויך פון פאַרדראָס; פון שאָדנפרייד און פון וואוילגעניגטקייט; אויף יענעמס חשבון און פון צופרידנקייט מיט זיך; פון אַ טעות און ביי אַ ריכטיקן טרעפן; פון פאַרצווייפלונג און פון האָפערדיקייט; פון פאַראַכטונג און פון דרך־ארץ; פון שנאה און פון ליבע; פון אַן איבעראַשונג און פון אַ לאַנג־דערוואַרטער געשעעניש; אין אַ שלימזלדיקער לאַגע און אין אַ גליקלעכער; ביי אַ נישטיקן צופאַל און ביי אַ סאַמע פאַטעטיש־פייערלעכן; ביי אַ קליינער אַנטוישונג און ביי אַ גרויסן אומגליק. דאָס געלעכטער קאָן אויך זיין אַ רעזולטאַט פון גע־מישטע, קעגנזעצלעכע עמפינדונגען. און געוויינלעך איז דאָס טאַקע אַזוי — אויב סע האַנדלט זיך ניט וועגן פרימיטיוון קאָמיזם.

געלעכטער איז אַן אומיטלבאַרע רעאַקציע, אמתדיק לאַכן איז ניט מעגלעך לויטן באַפעל פונעם ווילן. דאָסטאָיעווסקי, יעדנפאַלס אַ מעכטיקער פאָרשער פונעם מענטשלעכן געמיט, האַלט דאָך, אַז אַמבעסטן קאָן מען אַ מענטשן דער־קענען דורך זיין לאַכן, אַז מיט לאַכן קאָן מען ניט אָפּנאַרן. דער מינדסטער

פאַלשער טאָן אינעם לאַכן הערט זיך תיכּף אַרויס, — אינעם לאַכן אַ סך דייט־לעכער ווי אינעם וויינען. אַן אויפריכטיק ריין געלעכטער איז אוממעגלעך נאָכצומאַכן.

דאָס שליסט אָבער ניט אויס קיין עלעמענטן פון צוועק, אינטערעס און באַזיניקונג אינעם לאַכן. איינע און די זעלבע דערשיינונג איז ניט פאַר אַלעמען און אַפילו ניט פאַר איינעם און דעם זעלבן מענטשן שטענדיק אַלצאיינס לעכערלעך. די לעכערלעכקייט איז אין אַ היפשער מאָס אָפּהענגיק אויך פונעם סוביעקטס ווילן און צילן. אָפּגערעדט דערפון, אַז דאָס קינסטלערישע רע־פּראָדוצירן קאָמיזם איז פאַרבונדן מיטן קינסטלערס דענקען, פילן און שטרעבן. אַ דערשיינונג קאָן אַרויסרופן געפילן פון וויטיק און פון שאָדן — און פאָרט זיין לעכערלעך.

פאַראַן קאָמיזם פון אַ גאָר פרימיטיוון מין. אַ קינד הערט אומגעוואוינטע קלאַנגען אָדער אויסגעטראַכטע ווערטער — און ס׳איז אים קאָמיש. אַ קינד לאַכט פון אַ גרימאַס, פון אַן אומגעריכטן זשעסט, פון אַ שפּרונג אָדער אַ קאַזיאָלעק. דאָס איז מער „פּאַטיעכע״ איידער לעכערלעך — די סאַמע עלע־מענטאַרסטע קאָמיק. אָבער די דאָזיקע אַטאָמען פון קאָמיזם גיבן אַ סך אָנצוהערן אויף די מער קאָמפּליצירטע פאָרמעס פונעם לעכערלעכן.

אַ בער טאַנצט, אַ מאַלפּע מאַכט באַוועגונגען ווי אַ מענטש, אָבער דער זין דערפון און אויך דער רעזולטאַט איז אַן אַנדערער ווי ביים מענטשן. אַ נאַר מאַכט אַזעלכע באַוועגונגען, וואָס אַנטשפּרעכן ניט צו זייער באַשטימונג. אַ מענטש גליטשט זיך אויס, זיין פּאָזע ווידערשפּרעכט דעם נאָרמאַלן אויסזען. עמעץ יאָגט זיך מיט אַן ערנסטער מינע און בלויזן קאָפּ נאָך אַ היטל, וואָס דער ווינט האָט אים אַראָפּגעכאַפּט פונעם קאָפּ. אַ טויבער ענטפערט ניט צו דער זאַך. אַ בלינדער אָדער אַ צעשטרייטער מענטש מיינט, אַז ער רעדט צו זיין פּאַרטניאָר, בעת יענער איז שוין אַוועקגעגאַנגען. דאָס און ענלעכס שטייט אויף דער גרענעץ פון „פּאַטיעכע״ און לעכערלעכקייט, ס׳איז פרימיטיווער קאָמיזם. די לעכערלעכקייטן פון אַ מאַלפּעס גרימאַסן זיינען צוטריטלעך פאַר אַ קליין קינד, דער קאָמיזם פון דאָן קיכאָט, פון כליעסטאַקאָוו, פונעם גליק־לעכסטן פון קאָדני האָט אַלס פאַר־הנחה אַ זייער קאָמפּליצירטע אַנטוויקלונג פונעם אינטעלעקט. און פאָרט איז די סיבה פון דער לעכערלעכקייט, די מעכאַניק פון איר אַנטשטיין אויף עפּעס אַן אופן אין ביידע פאַלן ענלעך.

אַ פראַנצויזישער ראָמאַניסט, גאָר ניט קיין נאַר, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אויב מיר וויינען — אַלצאיינס צי צו פיר יאָר, צו דרייסיק אָדער צו פופציק — וויינט נאָך אַלץ אין אונדז דאָס קינד. אין דעם ווערטל איז אַ שטיקל אמת

פֿאַראַן, אויך ווען מע ווערט עס וואַריאירן און זאָגן: אויב מיר לאַכן — אַלצ־איינס צי צו פֿיר יאָר, צי צו דרייסיק אָדער צו פֿופֿציק — לאַכט נאָך אַלץ פֿון אונדז אַרויס דאָס קינד. סיי אין געוויין, סיי אין געלעכטער איז פֿאַראַן עפּעס קינדעריש — אינעם באַטייט פֿון אורשפּרינגלעכקייט, אומיטלבאַרקייט, אויפֿריכטיקייט און אינטענסיווקייט פֿון געפֿילן.

דאָס לעכערלעכע איז שטענדיק פֿאַרבונדן מיט אַ טעות, מיט אַ מיספֿאַר־שטייעניש, מיט אַן אילוזיע, מיט אַ קווי־פּראָ־קוואָ. יעדע לעכערלעכקייט איז באַדינגט פֿון אַ געוויסער זינלאָזער ניט־אַנטשפּרעכונג צווישן האַנדלונג און צוועק, צווישן טאַט און מיין, צווישן אויסזען און תּוך, צווישן דעם, וואָס מע איז אויסן, און דעם רעזולטאַט א. אַז. וו., א. אַז. וו.

יעדע לעכערלעכקייט איז שטענדיק אַן אָפּנייג פֿונעם ריכטיק־זינפֿולן, פֿאַרנונפֿטיק־געאָרדנטן, נאָרמאַל־געוואויינטן — און זי דערשיינט אַלס אומ־געריכטע זינלאָזיקייט, טעותדיקע איינרעדעניש, טשודנע אילוזיע און צוועק־לאָזע אומאָרדענונג.

דאָס, וואָס סע שרעקט אונדז, קאָן ניט זיין לעכערלעך, סיידן מיר האָבן, לפּחות אינעווייניק ביי זיך, די שרעק בייצוקומען און זיינען געוואָרן אַ באַלע־באָס איבער איר. אויב אַ סיטואַציע איז ענלעך צו דער, אין וועלכער מיר געפֿינען זיך, אויב אַ האַנדלונג איז ענלעך צו די, וואָס מיר אַליין טוען, — איז זי פֿאַר אונדז ניט אויף אַן אמתן לעכערלעך — סיידן מיר פֿילן זיך העכער פֿון דעם, פֿריי דערפֿון, לפּחות אינערלעך ביי זיך אין האַרצן, לפּחות אינעם מאָמענט פֿון לאַכן. ווער סע לאַכט אַליין פֿון זיך, פֿון דעם איז שוין קנאַפּ פֿאַראַן וואָס צו לאַכן. געלעכטער באַטייט אויך פֿרייד איבער אַ בייגעקומענעם עטאַפּ, איבער דער בייגעקומענער אומאָרדענונג און ניט־אַנטשפּרעכונג אינעם לעבן, אַלצאיינס צי טאַקע פֿאַקטיש בייגעקומען, צי דערווייל בלויז אינערלעך סוביעקטיוו.

די קאָמישע מאָמענטן אין אַ טראַגישער געשעעניש — דאָס זיינען יענע דעטאַלן אין איר, פֿאַר וועלכע מיר האָבן ניט קיין מורא, קעגן וועלכע מיר פֿילן זיך באַוואָרנט. די טראַגישע מאָמענטן אינעם הומאָר — ווייזן אָן אויף יענע פֿאַקטן אין דער ווירקלעכקייט, וואָס מיר האָבן זיי נאָך ניט בייגעקומען, וואָס דריקן אויף אונדזער געמיט. וואָרעם הויכער הומאָר באַשטייט שטענדיק פֿון זייער קאָמפּליצירטע און געמישטע געפֿילן.

דער הויכער הומאָר גופֿא איז דאָס שטרעבן בייצוקומען די טראַגיק, — דעם ווייטיק, שאָדן און שרעק, — צו באַרואיקן דאָס טראַגישע געפֿיל ווי ווייט ס'איז מעגלעך און אויפֿצומונטערן דאָס געמיט צו טאַט.

„ס'טרעפט זיך אָפט, אַז אַ קלוגער מענטש זאָגט לאַכנדיק עפּעס אַזױנס, װאָס ער קלײבט זיך דערנאָך איבערחזרן אין ערנסט" (לעסינג, „האַמבורגער דראַמאַטורגיע", דאָס פיר־און־צװאַנציקסטע שטיק).

טראַגיק שטיצט זיך מער אױפן כמורנעם פּרינציפּ פונעם אומפאַרמײד־לעכן, אומדערבאַרעמדיק־געזעצמעסיקן גורל. קאָמיק שטיצט זיך מער אױפן זוניקן פּרינציפּ פון פרײער טאַט, װאָס ברעכט די פאַרהעלטענישן, ענדערט און פאַרריכט דאָס לעבן. מער — װײל סײ די טראַגעדיע, סײ די קאָמעדיע קאָנען ניט פאַרװירקלעכט װערן אָן אַ פאַרמישונג פון בײדע פּרינציפּן.

מע זאָגט, אַז חיות קאָנען עפּעס אַזױנס װי װײנען, אָבער נאָר דער מענטש אַלײן קאָן לאַכן. גרױסע מענטשן זײנען שטענדיק געװען גרױס אין גרימצאָרן, אָבער אױך גרױס אין לאַכן.

„נידעריקע" און „געהױבענע" זשאַנרען

אין דער קלאַסישער אַנטיקער פּאָעטיק האָט געהערשט די מײנונג, אַז די קאָמעדישע זשאַנרען זײנען װאולגאַרער, װי די „טראַגעדישע", אַז דאָס איז אַ נידעריקערער מין דיכטונג, אַ מער מגושמדיקער. די טראַגעדיע איז באַטראַכט געװאָרן אַלס דער געביט פונעם דערהױבענעם, די קאָמעדיע — פונעם גע־װײנלעכן. „די פּאָעטן פון אַ מער דערהױבענער דיכטונג — זאָגט אַריסטאָטעל אין זײן פּאָעטיק — האָבן רעפּראָדוצירט האַנדלונגען פון גוטע מענטשן, און די מער מגושמדיקע פּאָעטן — די האַנדלונגען פון שלעכטע מענטשן; זײ האָבן עס די ערשטע צונױפגעשטעלט סאַטירעס, בעת יענע האָבן געשאַפן הימנען און לױב־געזאַנגען."

סאַטירע און קאָמעדיע שטרעבן בטבע צו אַ רעאַליסטישער, שטײגערישער, װאָכעדיקער שפּראַך. און אַריסטאָטעל באַהױפּטעט: „גוט איז אַ סטיל, אױב ער איז קלאָר און ניט נידעריק. דער סאַמע קלאָרסטער סטיל איז דער, װאָס באַשטײט פון אַלגעמײן־באַנוצטע װערטער, אָבער דאָס איז אַ נידעריקער סטיל." . . . „דער געהױבענער סטיל, װאָס איז פרײ פון מגושמדיקײט, באַנוצט זיך מיט אַזעלכע װערטער, װאָס זײנען פרעמד דעם געװײנלעכן רײד־שטײגער." . . . „די װערטער, װאָס װערן ניט באַנוצט אינעם געװײנלעכן געברױך, גיבן דעם דיכטערישן אױסדרוק אַ דערהױבענעם כאַראַקטער."

כאָטש די דאָזיקע פאָרשטעלונג איז אַפילו אין דער אַנטיקער צײט ניט געװען קײן אױסשליסלעכע הערשערין און כאָטש איר אַנזען האָט זיך לפּחות זײט דער רענעסאַנס־צײט אַלץ מער פאַרמינערט און אַנגעװאָרן די אַמאָליקע גילטיקײט — געשפּענסטערט זי נאָך אַלץ אַרום.

די פאָרשטעלונג װעגן דעם פּרימאַט פונעם טראַגישן, פונעם ניט־געװײנ־

לעבן, פּאַטעטיש־געהויבענעם — איבערן „קאָמישן‟, קאָנקרעט־שטייגערישן שטאַמט פון אידעאַליסטישע הנחות און אַנטהאַלט אין זיך אַ געוויסן ווידער־שפּרוך צו דער אַנטוויקלונג פונעם רעאַליסטישן גאַנג אין דער קונסט.

מיר דוכט, אַז אַפילו אַריסטאָטל גופא, ווייל ער איז אַ גרויסער רעאַליסטי־שער דענקער — איז ווי נאָר ער הייבט אָן צו רעדן וועגן דעם טראַגישן און קאָמישן אין אַ קאָנקרעטן היסטאָרישן אַספּעקט, שטעלט ער תיכף פעסט אַזעלכע זאַכן, וואָס שטייען ניט אין איינקלאַנג מיט זיין אָפּשאַצן די דאָזיקע ליטעראַרישע קאַטעגאָריעס. ער האַלט דאָך, אַז די טראַגישע דראַמע, די טראַ־געדיע און די דיאַלאָגישע פאָרם בכלל האָט זיך היסטאָריש אַנטוויקלט פון דער עלטערער אורשפּרינגלעכער סאַטירישער דראַמע. דאָס באַטייט, אַז די אורעלטסטע דראַמאַטיש־דיאַלאָגישע זשאַנרען בכלל זיינען צונויפגעבונדן דווקא מיטן סאַטירישן און אַפילו מיטן קאָמעדישן שפּיל. אויב אַזוי, ליגן דאָך די וואָרצלען פון דער טראַגעדיע, פונעם אמתדיק דערהויבענעם — אינעם רעאַליסטיש־קאָנקרעטן און זיי גרייכן ביז אַראָפּ צום וואָכעדיקן שטייגער.

אין די סאַטיריש־קאָמעדישע, קריטיש־אָפּלאָכנדיקע זשאַנרען זיינען גע־וויינלעך געקומען צום אויסדרוק די נויטן פונעם פאָלק, זיין שעפערישע קריטיק, וואָס פירט די מענטשלעכע געשיכטע אויף פאָראויס. סאַטיריק און קאָמיזם האָבן שטענדיק געהערט צו די וועזנטלעכסטע שטריכן פון יענער וואָרט־קונסט, וואָס קומט פונעם פאָלק און ווערט אומיטלבאַר פון אים געשאַפן.

די קאָמיש־סאַטירישע זשאַנרען זיינען דער אייביקער, אַלט־נייער אור־קוואַל, וואָס שפּרודלט שטענדיק אויפסניי פון די טיפעניש פונעם פאָלק און באַפרישט די ליטעראַטור, ווען עס האַלט מיט איר שמאָל, ווען זי ווערט פאַר־גליווערט, ביכעריש, אינטעלעקטואַליסטיש, אַבסטראַקט און אָפּגעפרעמדט פון וועלט און געזעלשאַפט. דער דאָזיקער באַנייענדיקער שטראַל קומט פונעם לעבן גופא, פון דערווירקלעכקייט גופא — פונעם פאָלק גופא.

די כלומרשט „נידעריקערע‟ זשאַנרען זיינען „נידעריק‟ בלויז אין דעם זינען, וואָס זיי פליען ניט אין די הימלען פון אַבסטראַקציע, וואָס זיי ציען חיות פונעם אומיטלבאַר־קאָנקרעטן לעבן, זיינען דורכגעדרונגען מיט זיינע כוחות און זאַפטן, מיט אַלע זיינע ווידערשפּרוכן, באַדערפעניש, נויטן און אידעאַלן — מיט דער פרוכטבאַרער שאַפערישקייט פונעם פאָלקס־לעבן.

סאַטירע און הומאָר זיינען דער גרויסער באַלעבנדיקער פּרינציפּ אין דער דיכטונג פון יעדן מין, וואָס וועקן זי, ווען זי פאַלט אַריין אין חלשות, אין הוילער טרוימעריי, ווען זי טאָפּטשעט זיך אויף איין אָרט; מיט עטלעכע קרעפ־טיקע וועסלע־קלעפּ גיבן זיי דער בלאָנדזשענדיקער שיף פון דער ליטעראַטור די ריכטונג צום האַפן פון לעבן.

אין גליקלעכע ליטעראַרישע פּעריאָדן גייט שטענדיק לעבן דעם טראַ־געדיש־פּאַטעטישן שטראָם — אַ רייכער סאַטיריש־קאָמישער, לאַכנדיקער, בורלעסקער שטראָם, אין יעדער אמתדיק גרויסער טראַגעדיע געפינט זיך, אַמאָל באַשיינפּערלעך, אויף דער אויבערפלאַך, אַמאָל מער פאַרבאָרגן, אַ סאַטירישע אָדער הומאָרישע ליניע.

דער אייראָפּייאישער רעאַליזם איז אַלע זשאַנרען וואַקסט (ליטעראַטור־היסטאָריש) אויפן באָדן פון די פאָלקסטימלעך־פאָלקלאָרישע „סאַטירישע" זשאַנרען: טעאַטראַלע שפּילן, וויציקע און בורלעסקע, פאַבליאָס, שפּאַסן, אַנעקדאָטן, פאַצעציעס, פּיקאַראַ־מעשיות און אַנדערע מיני מעשיות, וויציקע און איראָנישע לידער, רעטענישן, שפּריכווערטער א. אַז. וו. דער צוזאַמענהאַנג צווישן דער שאַפונג פון שעקספּיר און מאָליער מיט די פאָלקסטימלעכע שפּילן איז גענוג באַוואוסט, פּונקט אַזוי ווי דער צוזאַמענהאַנג פון דער רעאַליסטישער פּראָזע זינט דער רענעסאַנס — מיטן פאָלקסטימלעכן דערציילן.

ווען די ליטעראַטור גייט צו ווייט אַוועק פון דעם דאָזיקן קוואַל, דאַרט זי איין, זי ווערט אַן אויסגעטראַכטע און אין בעסטן פאַל אַן ערודיציאָנעלע, ביכערישע. פּרואווט זי דעמאָלט שאַפן סאַטירע און הומאָר פון דער אייגענער פאַנטאַזיע, אָן באַהעפטונג מיטן לעבן פונעם פאָלק און זיינע קינסטלערישע (פאָלקסטימלעכע, פאָלקלאָרישע) פאָרמעס — און ס'קומט דערפון אַרויס אַ פּאַפּירן געלעכטער, מער ענלעך אויף ליטעראַרישע פּאַראָדיעס איידער אויף לעבעדיקער רעפּראָדוקציע פון דערווירקלעכקייט.

ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס באָקאַטשאָ איז פּונקט אַזאַ מייסטער אין זיינע פריילעכע מעשיות ווי אין די טראַגישע, וואָס שעקספּיר איז ניט ווייניקער גרויס אין זיינע קאָמעדיעס ווי אין זיינע טראַגעדיעס, וואָס אַפילו אין זיינע טראַגעדיעס איז כמעט שטענדיק פאַראַן אַ מעכטיקער קאָמעדישער אונטער־שטראָם פון סאַטירע, סאַרקאַזם, איראָניע, הומאָר, בורלעסק — פון פאָלקס־טימלעך־פאָלקלאָרישן אָפּשטאַם. ס'איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס כמעט אין אַלע קאָמעדיעס פונעם גרויסן מאָליער איז פאַראַן אַ טראַגישער אונטער־שטראָם. אַ סך קאָמעדיעס זיינען ביי אים ענלעכער צו טראַגעדיעס („מיזאַנ־טראָפּ", „דאָן זשואַן" א. אַז. וו.) איידער צו „פריילעכע" שוישפּילן.

זעלטן טרעפט זיך עכטע „טראַגיק" — אָן אַ קערן סאַטירע, איראָניע און הומאָר. גרויסע טראַגישע אַקטיאָרן זיינען כמעט שטענדיק אויך גרויסע קאָמי־קער, ס'איז כמעט אַ געזעצמעסיקייט. סאַטירע, איראָניע און הומאָר זיינען אַ שטיק נשמה פון יעדער טראַגעדישער שאַפונג, וואָס העלפט, אַז זי זאָל ניט ווערן אַבסטראַקט, אידעאַליסטיש, אויפגעבלאָזן, אומרעאַל. דער טראַגישער

קערן אין סאַטירע, איראָניע און הומאָר היט זיי אָפּ, אַז זיי זאָלן זיך ניט פאַרוואַנדלען אין מיזאַנטראָפּישער וואָרטשעניש, אין פּיליסטערישער געמיטלעכער שפּילעריי, זיי זאָלן ניט אַריינפאַלן אין טריוויאַלן שפּאַס.

די פאָראויסזעצונג פון טראַגיזם איז דער פּרינציפּ פון גערעכטיקייט, איר טעמע — די מענטשלעכע ליידן. דאָ איז אָבער פאָרט גיכער מעגלעך אַ באַשטימטע אַבסטראַקציע איידער אין קאָמיזם. אָן קאָנקרעטער קענטעניש און רעפּראָדוקציע פון דער ווירקלעכקייט איז ניט מעגלעך צו דערגרייכן דעם איינדרוק פון קאָמיזם. מע וועט ניט לאַכן. הוילער טראַגיזם שליסט ניט אויס פאַרצווייפלונג און אַ געוויסן אָפּווענדן זיך פונעם לעבן און פונעם מענטשן. קיין שום קאָמיזם איז ניט מעגלעך אָן גרינטלעכן אַריינדרינגען אין די געדיכטענישן פונעם לעבן, אָן דעם באַוואוסטזיין וועגן דער ווירדע פונעם מענטשן און אָן טיפער ליבע צום לעבן און צום פאָלק.

דעם באַוואוסטן ענגלישן אַקטיאָר גאַריק (1717—1779) האָט אַמאָל איינער אַן אַקטיאָר דערציילט, אַז ער וואָלט חשק געהאַט שפּילן אין אַ קאָמעדיע. אויף דעם האָט אים גאַריק געענטפערט אַזוי: „אַלס טראַגיקער קאָנט איר נאָך יאַקאָש אַ שטיק צייט דרייען אַ קאָפּ דעם עולם און האָבן דערפאָלג. אָבער קאָמעדיע — איז אַן ערנסטע זאַך. איז טשעפּעט דערוויל ניט...“

טעמאַטישער קרייז

שלום־עליכם פאַקט זיינע פאַרשוינען געוויינטלעך אין איינער אַ באַשטימטער לאַגע, אַן אויסערגעוויינלעך כאַראַקטעריסטישער — אין דער מנחם־מענדלשער, אַנטוישטער, שלימזלדיקער, — אָבער פאָרט געוויינטלעך נאָר אין איינער אַ לאַגע, אָפט כמעט נאָר אין איינער אַ פּאָזע.

שלום־עליכם ווייזט ניט די כאַראַקטערן פון אַלע זייטן, אין פאַרשיידענע סיטואַציעס. ער כאַפּט אויף מאָמענטן, וואָס כאַראַקטעריזירן. ביים גליקלעכסטן מענטשן פון קאָדני זעען מיר בלויז דעם איינעם מאָמענט, וועלכער איז „דער גליקלעכסטער“. די אויספירלעכע שילדערונג פון זיין לעבן מיט זיין קראַנקן זון — ליגט ניט אין שלום־עליכמס סטיל.

זיין אויפמערקזאַמקייט איז שטענדיק וואַך, אָבער שטענדיק געווענדט אויף איין פּונקט. ער גיט צענטראַלע מאָמענט־אויסשניטן — אויב מען קאָן אַזוי זאָגן. זיין אויסערגעווינלעכע עמפּינדלעכקייט און זיין געלעכטער זיינען שטענדיק מאָביל, ער האָט אָבער ניט די געוויסע פאַרהאַלטענע „עפּישע“ רו, וואָס באַטראַכט די דעטאַלן אין דער אַנטוויקלונג פונעם געשילדערטן לעבן. ער כאַפּט סך־הכלען, טרעפלעך, געניאַל, אָבער כמעט שטענדיק נאָר סך־הכלען, ניט צעוויקלטע אין דער גאַנצער לענג. ער וואַרפט אָן די צייכענונגען מיט

מייסטעריש־זיכערע גיכע נערוועז־עמפּינדלעכע שטריכן, אָן קליינלעכער פּע־דאַנטעריע, מיט ברייטקייט, אָבער קאָנצענטרירט אויף איין מאָמענט, אויף איין זייט, געוויינטלעך אָן באַזונדערער נייגעריקייט אַריינצוקוקן אין אַלע פּעלבעלעך פון אַ לעבן, אין אַלע ווינקעלעך פון אַ נשמה און זיך אויף די וויכטיקסטע פון זיי אַלע אָפּצושטעלן.

די מענטשן — אפשר אַחוץ טביה — זיינען ביי אים פון אָנהייב אָן פאַרטיקע, סטאַבילע, זיי ענדערן זיך ווייניק און האָבן כמעט ניט קיין אינער־לעכע אַנטוויקלונג. זיי ווערן געבראָכן, גייען צו גרונט, אָבער דאָס הייסט נאָך ניט אַנטוויקלונג.

שלום־עליכם איז אַ רייכער פאַבולירער, זיינע טעמעס און וואַריאַציעס האָבן גאָר קיין ברעג ניט. ער בויט זיינע פאַבולעס מיט גרויסער מייסטער־שאַפט. און די „פאַבולע דער עיקר — זאָגט לעסינג — איז דאָך דאָס, וואָס עס מאַכט דעם דיכטער פאַר אַ דיכטער" („האַמב. דראַמ. 38 שט."). אָבער אַלע זיינע טעמעס באַוועגן זיך פאַרט אין איינעם אַ באַשטימטן גענוג ענגן קרייז. צו אַלזייטיקער שילדערונג פון זיינע געשטאַלטן האָט שלום־עליכם ניט גע־שטרעבט. מיר באַקומען פון זיינע מייסטער־ווערק אַן אויסערגעוויינלעך בוילעטע און סוגעסטיווע פאַרשטעלונג פונעם יידישן לעבן אין זיין צייט, זייער אינהאַלטרייכע סך־הכלען, געוואַלטיק כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן, אָבער ניט קיין פּילזייטיקע אָדער גאָר אַלזייטיקע פאַרשטעלונג (פּילזייטיקייט אין דער שילדערונג פון אַ געשטאַלט האָט שלום־עליכם דערגרייכט נאָר אין טביהן).

מיט וואָסער אָפּשיי מע זאָל זיך ניט באַציען צו דער געשטאַלט פון טביה — איז דאָך אָבער פאָרט קלאָר, אַז מיט טביהס אָנשויאונגען איז נאָך ווייט ניט אָפּגעשפּיגלט דאָס דעמאָלטיקע גייסטיקע לעבן פונעם פאָלק, זיינע פאַר־שיידנאַרטיקע שטרעבונגען און שטימונגען, זוכענישן און בלאָנדזשענישן. דאָס אַלץ ווערט אין טביהן באַרירט ערגעץ־וואו אין דער סאַמע מיט. אָבער דער טראָפּ ליגט אויפן טביהשן דענקען און פילן, בלויז דאָס ווערט אַנטוויקלט און טיף געשילדערט. אויף אַלעם איבעריקן ווערט אָנגעוויזן אין זייער אַלגעמיינע שטריכן אַזויפיל, ווי ס'איז נייטיק פאַר דער טביה־געשטאַלט. אין טביהן איז פאַרקערפּערט די מאַסע פונעם פאָלק אין אַלגעמיינסטן פאַרנעם — אָבער פאָרט ניט, למשל, יענע מענטשן אינעם פאָלק, וואָס גייען אין סאַמע פאָרנט.

פון די מנחם־מענדלשע געשטאַלטן איז דאָך שוין אָפּגערעדט, אַז אין זיי ווערט ניט געשילדערט די אַנטוויקלונג און דאָס לעבן פון די צייט־אידייען.

אָבער אַחוץ מנחם־מענדלען און אַפילו טביהן זיינען דאָך אין יענער צייט געווען נאָך גאָר־גאָר אַנדערע מיני מענטשן ביי יידן, צום טייל ניט וויניקער כאַראַקטעריסטישע, צום טייל — היסטאָריש אָן אַן ערך וויכטיקערע. שלום־עליכם האָט זיך צו זיי קוים־קוים צוגערירט. זיי האָבן ניט געגעבן קיין „שטאָף" פאַר זיין הומאָרישן פּאַטאָס. און וואו ער האָט עס געפּרוּאווט אויספירלעך טאָן — אין אַ טייל ראָמאַנען — איז דערפון ווייניק אַרויסגעקומען.

דאָס אַלץ קאָן דערקלערט ווערן ניט בלויז דורך אַלגעמיינע היסטאָרישע באַדינגונגען, נאָר טאָקע אויך דורכן שעפערישן ציל, וואָס דער דיכטער האָט זיך געשטעלט. אָבער די גרענעצן פונעם דיכטערס שעפערישן אַמפּלואַ דאַרפן אַרומגעצייכנט ווערן. ווער סע מיינט, אַז מע קאָן אַרויסבאַקומען ענלעכקייט אין אַ פּאָרטרעט דער עיקר דורך אונטערשטרייכן און איבערטרייבן די באַגרענעצנדיקע קאָנטורן, — דער האָט אַ גרויסן טעות. פון אַזוינס קומט בלויז אַרויס קאַריקאַטור, וואָס מע טאָר ניט פאַרבייטן מיט כאַראַקטער. אָבער אַ ליטעראַרישע אָפּשאַצונג, אין וועלכער מע וויל אומבאַדינגט אויסמיידן דעם קריטישן אמת, — פאַרוואַנדלט זיך אין פאַנעגיריק, וואָס פאַרדינט ניט, אַז מע זאָל זי נעמען ערנסט.

דאָס קינסטלערישע וועלט־עמפּינדן פונעם דיכטער שלום־עליכם איז לויט דער טבע פאַרשריטלעך, און אויך די ווירקונג פון זיין שאַפן, — אָבער די רעוואָלוציאָנערע אידייען פון זיין צייט זיינען ניט געלעגן אין זיין דיכטערישן שאַפונגס־קרייז. דאָס לעבן פון אַ ריי סאַמע וויכטיקסטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט איז געבליבן אויסער די גרענעצן פון זיין בליק־פעלד, זייערע שטרעבונגען האָבן געפונען אין זיין שאַפן בלויז אַ ווייטן שוואַכן אָפּהילך. אויך דערין דאַרפן מיר זען די ווירקונג פונעם קליינבירגערלעכן וועלט־באַנעם.

הומאָר אין דער יידישער קולטור

די קונצנמאַכערס פון דער אַנטיסעמיטישער „טעאָריע" האָבן אויף זייער עם־האַרציש־שווינדלערישן אופן „פעסטגעשטעלט", אַז היות ס'איז כלומרשט ניט פאַראַן אין די אורעלטסטע און בכלל אַלטע יידישע ליטעראַרישע דענקמאָלן קיין הומאָר — איז פונדאַנען געדרונגען, אַז סע פעלט דער „יידישער ראַסע" בכלל ניט מער און ניט וויניקער ווי איינער אַ גאַנצער וויכטיקער אָרגאַן אין דער נשמה: די פייאיקייט און דער חוש פאַר הומאָר.

איי דאָס ווידערשפּרעכט דאָך די סאַמע באַשיינפּערלעכסטע פאַקטן: ווער ווייסט עס ניט פון דער אויסערגעוויינלעכער באַגאַבונג און דעם אינטערעס פון די יידישע פאָלקסמאַסן פאַר וויץ, הומאָר, איראָניע און סאַטירע? איי

פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ היינע, אַזאַ מענדעלע, אַזאַ שלום־עליכם, וואָס געהערן דאָך צו די סאַמע גרעסטע מייסטערס פון איראָניע, סאַטירע און הומאָר אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור? די אַנטיסעמיטישע קרעטינען מיינען אויף אַן אמתן, אַז זייער גאַוועריי האָט מער וואָג ווי דער אמת און די ווירקלעכקייט.

הומאָר און בכלל דאָס לעכערלעכע, באַזונדערס ווען מיר באַטראַכטן דאָס פונעם אַספּעקט: צי רופט עס טאַקע ממש אַרויס ביי היינטיקן טאָג געלעכטער צי ניט — איז זייער ענג פאַרבונדן מיטן אינטימסטן שטייגער, מיט די פאָרשטעלונגען, מיטן געשמאַק פון דער אַנטשטייאונגס־צייט. אויף די גרויסע קאָמעדישע און הומאָרישע מייסטער־ווערק, וואָס האָבן צו זייער צייט אַרויסגערופן געלעכטער, רעאַגירן מיר היינט גאַנץ אָפט מיט אַנדערע עמאָציעס — יעדנפאַלס שוין ניט מיט יענעם געלעכטער, וואָס אַמאָל. די גרופּע „פריילעכע" דערציילונגען אין באָקאַטשאָס „דעקאַמעראָן" איז אַמאָל באַטראַכט געוואָרן אַלס אייגנטלעכע הומאָריסטישע ווערק, מע האָט זיך ביי זיי געקאַטשעט פון געלעכטער. אַנו, זאָל עמעץ פּרוּוון היינט ביי זיי לאַכן! זיי זיינען פריילעך, רופן אַרויס רייכע שטימונגען, געפילן און געדאַנקען — אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט קיין געלעכטער. די פּריוואָלע נאָוועלן פון מאַזוטשאָ, טשאָסערס „קענטערבערער דערציילונגען" און די רענעסאַנס־נאָוועלע בכלל (אַחוץ די נאָוועלעס מיט אַ טראַגעדישן אָדער דידאַקטישן אינהאַלט) זיינען אויסן דאָס, וואָס מיר רופן „הומאָר", אויף אונדז ווירקן זיי פריילעך, מונטער — אָבער קיין לאַכן רופן זיי ניט אַרויס. שעקספּירס „דער סוחר פון ווענעציע"* איז

* ווי באַוואוסט, האָבן די אַנטיסעמיטישע אויסטייטשערס אָפּגעטאָן מיט דעם דאָזיקן גרויסן שוישפּיל אַ פּיין שטיקל אַרבעט. נאָך ערגער זיינען יענע יידן-פאַרטיידיקערס, וואָס לאָזן זיך פּראָוואָצירן פון די אַנטיסעמיטישע חקירות און פילן גאָר ניט, אַז זייער ענטפער גופא איז פאַרגיפטעט פונעם אידיאָטישן אַנטיסעמיטישן „געדאַנקענגאַנג". אויב יענע האָבן אין שיילאָק דווקא געוואָלט האָבן די פאַרקערפּערונג פונעם יידישן פאָלק, האָבן געוויסע טיפזיניקע פילאָסאָפן געפּרוּווט מאַכן עפּעס כמעט אַזוינס ווי אַ מיסטיש-דערהויבענע טראַגישע געשטאַלט, און פונעם שוישפּיל — אַ מין מיסטעריע וועגן דעם יידישן פאָלק. אָבער אַ ליאַדע שעקספּיר-קענער וואָלט סיי די אַנטיסעמיטישע, סיי די פילאָסאָפישע אינטערפּרעטאַטאָרס געקאָנט געבן עטלעכע ליטעראַטור-היסטאָרישע אינפאָרמאַציעס, וואָס צעשטערן די אַלע ווילדע חקירות.

די פאַבולע פון „דער סוחר פון ווענעציע" איז גענומען פון גאָר אַן אַלטן, אַ סך מאָל באַאַרבעטן מיטלאַלטערלעכן אַנעקדאָט. אין די לעצטע ווערסיעס פון דער דאָזיקער פאַבולע איז דער בייזער געלט-לייער ניט קיין ייד, נאָר דווקא אַ קריסט. אין איין פאַל גאָר — אַ מאָנאַך. אין יענע באַאַרבעטונגען פון דער דאָזיקער פאַבולע, וואָס זיינען פאַרהעלטניסמעסיק אַמנאָענטסטן צו שעקספּירס צייט, איז דער געלט-לייער אויך אַ קריסט און ניט קיין ייד. אַזוי, למשל, אינעם דאָלאָפּאַטאָס (פערטע דערציילונג) און אין די „געסטאַ ראָמאַנאָרום" (דייטשע ווערסיע — זע

פֿאַרטראַכט אַלס קאָמעדיע, מע האָט פֿון שײַלאָקס דורכפֿאַל אַ סך געלאַכט. די צומאָליקע נײַע פּרואוון צו מאַכן פֿון דעם שױשפּיל אַ טראַגעדיע זײַנען אַוודאי אַ טעות — אָבער לאַכן דערבײַ וועט זיך הײַנט זעלטן עמעצן אײַנגעבן.

איז ווער זשע, אַחוץ די פֿריקרע שונד־„חכמים", קאָן עס אַזוי פּינקטלעך אָפּשאַצן, וואָס אין די ווערק פֿון די אוראַלטע אָדער אַלטע ייִדן איז הומאָריש און וואָס ניט?

פֿאַר די אוראַלטע און אַלטע ייִדישע רעליגיעז־ליטעראַרישע דענקמעלער איז טאָקע איראָניע, סאַטירע און הומאָר אין אַלגעמיין ניט דווקא כאַראַקטעריסטיש. פּונקט אַזוי ווי ס׳איז ניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די ליטעראַרישע דענקמעלער פֿון יעדער אַנדערער רעליגיעזער קולטור. דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך און פֿאַרשטענדלעך. סאַטירע, איראָניע און הומאָר פֿון גרויסן שניט זײַנען ניט מעגלעך, כּל־זמן סע הערשט אַן אָרטאָדאָקסאַלע דאָגמאַטיק אינעם באַוואוסטזײַן און אינעם וועלט־געפֿיל, וואָס דערלאָזט ניט, אַז סע זאָל אויפֿקומען דער מינדסטער צווייפֿל אין די באַשטייענדיקע פּרינציפּן פֿונעם דענקען און פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג. סאַטירע, איראָניע און הומאָר זײַנען קאַמף־מיטלען קעגן פֿאַרעלטערטע און אײַנגעוואָרצלטע אָנשויאונגען און פּרינציפּן.

עלעמענטן און מאָטיוון פֿון סאַרקאַסטישער איראָניע, פֿון סאַטירע און הומאָר געפֿינען מיר בײַ יענע נביאים, וואָס האָבן געקעמפֿט קעגן די רעליגיעזע אָנשויאונגען און קעגן די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטענישן אין זייער צײַט. אַזוי למשל — ישעיהו 1, קאַפּ. 3, פֿערזן 6־7 קעגן דער דראָענדיקער אַנאַרכיע אָדער אינעם שאַרפֿן חוזק אויף דעם דעמאָלטיקן ייִדישן געצן־דינסט — 1, קאַפּ. 44, פֿערזן 9—21. נאָך מער ערטער זײַנען בײַ אים און אַנדערע נביאים פֿאַראַן, וואָס זייער איראָנישער, סאַטירישער אָדער הומאָרישער באַטײַט איז מיט דער צײַט פֿאַרגעסן געוואָרן און פֿאַרלוירן געגאַנגען. טיפֿערע איראָנישע שפּורן געפֿינען מיר אַ היפּשע צײַט שפּעטער אין „קוהלת" — אַלס רעזולטאַטן פֿון שעפֿערישער סקעפּסיס, וואָס רעווידירט די אַנטיקע רעליגיעזע הנחות

די איבערזעצונג פֿון גראַססע, דרעזדען—לייפּציג, 1842, ב. 2, ז. 163). ערשט דער פּראָפֿעסער פֿונעם אַזוי־גערופֿענעם „פּעקאָראָנע" (אַ זאַמלונג פֿון פּופּציק נאָוועלן לויטן שטייגער פֿון באָקאַטשאָס „דעקאַמעראָנע, אַנטשטאַנען סוף 14טן יאָרהונדערט און צוגעשריבן איינעם אַ פֿלאָרענטינער — סער דזשיאָוואַני) מאַכט פֿונעם אכזריות־דיקן קריסטלעכן געלט־לייער — אַ ייִד. און טאַקע פֿונעם „פּעקאָראָנע" איז די דאָזיקע ווערסיע, דירעקט אָדער ניט, אַריבערגעגאַנגען צו שעקספּירן. דער נאָמען „שײַלאָק" דערמאָנט ניט אין קיין שום ייִדישן נאָמען, און בײַ שעקספּירן (און אפֿשר אויך ביים א. ג. סער דזשיאָוואַני) איז די געשטאַלט מער צופֿעליק אײדער ווי בכיוון אַ ייִד. וועגן אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן כאַראַקטער האָט זיך שעקספּירן אַפֿילו ניט געחלומט.

בכלל. קיין אַנטשפּרעכנדיקע אַנטוויקלונג האָט די דאָזיקע הויכע פילאָסאָפישע איראָניע ניט געקאָנט באַקומען איבער דעם אייגנאַרטיקן פאַרלויף פון דער געשיכטע פון די יידן אין דער אוראַלטער צייט, וואָס האָט ניט דערלאָזט צו אַ פרייער אַנטוויקלונג פון דער מלוכהשאַפט, קולטור און וועלט־אָנשויאונג. דער פרישער גייסטיקער שטראָם, וואָס גייט פון „קוהלת״, פאַריזנעט אויף לאַנג אין די זאַמדיקע סטעפּעס פון די אָרטאָדאָקסאַלע השגות.

דערביי טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז פון דער אוראַלטער העברייאישער ליטעראַטור האָבן זיך אָפּגעהיט דער עיקר די רעליגיעזע ווערק אָדער ווערק פון אַ רעליגיעז־פּאָליטישן באַטייט. אַרום די ווייניקע וועלטלעכע ווערק, וואָס האָבן זיך יאָ אָפּגעהיט פון דער אַנטיקער יידישער ליטעראַטור, איז, ווי באַוואוסט, אָנגעגאַנגען אַ גרויסער קאַמף, אַז מע זאָל זיי ניט פאַרניכטן און אַז זיי זאָלן אַריין אינעם קאַנאָן. ס׳קאָן ניט זיין קיין מינדסטער ספק, אַז זייער אַ גרויסע צאָל וועלטלעכע, הערעטישע און פּאָלעמישע ווערק און צווישן זיי — מיט אַ סאַטירישן און קאָמישן אינהאַלט — זיינען פאַרניכטעט, פאַרגעסן געוואָרן און פאַרלוירן געגאַנגען. אָפּהילכן פון זיי געפינען זיך אין די יאָ־אָפּגעהיטע ווערק אַ היפּש ביסל. ניט אומזיסט וואָרנט דער סאַמע ערשטער זאַץ פון תהילים פאַר דער „חבריה פון שפּאַסמאַכערס״ (מושב לצים). דאָס איז אַן אָנצוהערעניש אויף אַ פאַקט פון שטייגער.

רעליגיע פאַרטראָגט ניט קיין איראָניע און קיין הומאָר, האָט פאַר זיי ניט קיין חוש. דאָס איז אַ כלל. ווער סע זוכט הומאָר אין דער הלכה, וועט ער אים דאָרט פונקט אַזוי געפינען, ווי אין עגיפּטישע, באַבילאָנישע, גריכישע און קריסטלעכע און בכלל רעליגיעזע ווערק. אַ טשודאַק אָדער אַ טיפּש איז דער, וואָס זוכט אין דער קאַזויסטיק און סכאָלאַסטיק פונעם תלמוד אָדער פון דער פּאַטריסטיק (די ווערק פון די קריסטלעכע קירכן־פּאָטערס) — הומאָר. וויץ — יאָ, שאַרפזין — יאָ, אָבער הומאָר וואַקסט ניט אויפן באָדן פון ווילדער און בלאָנדזשענדיקער אַבסטראַקציע.

פונדעסטוועגן איז אַ פאַקט, אַז שפּורן פון איראָניע און הומאָר געפינען מיר אַפילו אין געוויסע הלכהשע דיסקורסן פונעם תלמוד; פאַרשטייט זיך, אין יענע זעלטענע פאַלן, וואו ס׳איז דורך אַ צופאַל אָדער ניט־פאָרזיכטיקייט פון די תלמוד־רעדאַקטאָרן געבליבן פאַרפיקסירט דווקא דער פּראָטעסט פון זייערע קעגנער קעגן דעם סכאָלאַסטיש־דאָגמאַטישן תלמודישן גייסט. למשל: אין די איראָניש־כיטרע, סאַרקאַסטישע קאַזואיסטישע פראַגעס פון רבי ירמיהו, וואָס איבער זיי האָט מען דעם דאָזיקן בונטאַר אַרויסגעוואָרפן פון דער תלמודישער אַקאַדעמיע. דער דאָזיקער ירמיהו איז געוויס געווען אַ „מין״ — דאָס הייסט אַ סעקטאַנטישער הערעטיקער. אפשר אַן אָנהענגער פון קריסטנטום (צוליב דעם האָט ער זיך געקאָנט באַציען קריטיש לפּחות צו די פּרינציפּן

פון דער יידישער סכאָלאַסטיק), יעדנפאַלס אַ צווייפלער, — מעגלעך, אַז פון אַ גריכיש־פילאָסאָפישן שטאַנדפּונקט — אין געוויסע גרונט־פּרינציפּן פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער רעליגיע. סאַטירישע איראָניע הערן מיר אין די ווערטער פון רבי שמלאי: „כיצד החכם יושב ודורש בצבור ואומר: לא תלוה ברבית, והוא מלוה ברבית, לא תגזול, והוא גוזל, לא תגנוב, והוא גונב" — „ווי אַזוי זיצט עס אַ געלערנטער און דרשנט פאַרן פאָלק: זאָלסט ניט לייען אויף פּראָצענט, און אַליין איז ער אַ וואָכערער, זאָלסט ניט גזלנען, און אַליין גזלט ער, זאָלסט ניט גנבענען, און אַליין גנבעט ער" (מדרש רבה, ואתחנן). דאָס איז דער זעלבער שמלאי, וועגן וועלכן ס'ווערט אינעם תלמוד דערציילט: „שמלאי מזלזל במצות חכמים" — „שמלאי האָט גרינג־געשעצט די געבאָטן פונעם תלמוד" (עבודה זרה, ל"ו). פון אים ווערט איבערגעגעבן די סענטענץ „תורה — תחלתה גמילת חסדים וסופה גמילת חסדים" — „די תורה — זי הייבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס מיט גוטס טאָן מענטשן". וואו מיר געפינען סאַטירישע און הומאָריסטישע ערטער אינעם תלמוד, איז דאָס מער אָדער ווייניקער פאַרבונדן מיט אַנטי־דאָגמאַטישקייט, מיט פריידענקעריי. דאָס איז ניט קיין צופאַל. באַזונדערס זעט מען דאָס אין געוויסע סאַטירישע, סאַרקאַסטישע סענטענצן, ווי למשל: „דאיכא בפומך לא ידעת, דאיכא ברקיע ידעת?" — „דו ווייסט ניט, וואָס סע טוט זיך אין דיין אייגן מויל, און וואָס סע טוט זיך אינעם הימל ווייסטו יאָ?" (סנהדרין, ל"ט).

ווער קאָן אָפּשאַצן, וויפיל וויץ, איראָניע, סאַטירע, אָפּשפּעטעריי, הומאָר און סאַרקאַזם סע שטעקט אין די פיל טויזנטער אגדות, לעגענדעס און פאָלקס־מעשיות, וואָס האָבן זיך דווקא יאָ אָפּגעהיט פון זיבעט די לעצטע צוויי יאָר־הונדערטער פאַר אונדזער ערע און ביז אין שפּעטן מיטלאַלטער? ביי אַ גע־וויסן טייל פון די דאָזיקע אגדות איז זייער הומאָרישער כאַראַקטער גענוג דייטלעך. למשל, אין די געוויסע איראָנישע פאָלקסטימלעכע שפּרוכן („משלי הדיוט")* און משלים (פון דער אגדה) אָדער אין די משונהדיק־גוזמאַדיקע

* למשל: „אוכל סריות, לוקה, ומשלם מאה מנה" — „עסט פוילע פיש, כאַפּט שמיץ און באַצאָלט הונדערט גילדן" (מכלתא בשלח, פ"א און תנחומא, דאָרט). דער משל ווערט אַזוי דערקלערט: „איינער האָט געזאָגט צו זיין קנעכט: גיי און ברענג מיר פון מאַרק אַ פיש. האָט ער געבראַכט אַ פאַרשטונקענעם פיש. האָט דער האַר געזאָגט: איך באַפעל דיר, אָדער זאָלסט אויפעסן דעם פיש, אָדער זאָלסט באַקומען הונדערט שמיץ, אָדער זאָלסט מיר געבן הונדערט גילדן. האָט אים דער קנעכט גע־ענטפערט: כ'וועל עסן. האָט ער אָנגעהויבן עסן און האָט ניט באַוויזן פאַרטיק ווערן און ער האָט שוין געשריען: בעסער וויל איך שמיץ. האָט מען אים אַריינ־געלייגט זעכציק, האָט ער אָנגעהויבן שרייען: בעסער וויל איך געבן הונדערט גילדן."

„נפל כיפא על קידרא — ווי לקידרא, נפל קידרא על כיפא — ווי לקידרא, בין

מעשהלעך פון רבי בר־בר־חנא (אַ מין מינכהאַוזעניאַדע — אין די צייטן פונעם תלמוד; דער נאָמען פונעם פאַרפאַסער איז, פאַרשטייט זיך, אַן אַפּאָקריפישער — צוגעשריבענער; — ס'האַנדלט זיך וועגן רעשטן פון אַ גאַנצן זשאַנר, וואָס ווערט פונעם פאָלק צוגעשריבן איינעם אַ פּאָפּולערן מעשיות־דיכטער). ביי אַן אַנדערן סאַמע גרעסטן טייל שפּרוכן, אגדות, מעשיות און פאַנטאַזיעס איז דער הומאָריש־סאַטירישער שפּיץ דורך דער צייט אָפּגעמעקט געוואָרן, ווייל מיר פאַרשטייען שוין ניט מער די צייטמעסיקע אָנצוהערענישן. וואָס אונדז קומט אויס טשודנע, משונה, — האָט דעמאָלט געקאָנט ווירקן, און האָט טאַקע געווירקט ווי קאָמיש, ווי הומאָר!

די געשטאַלטן פון הומאָרישער קונסט זיינען מער באַדינגט פונעם צייט־שטייגער איידער ווי די געשטאַלטן פון דער טראַגעדישער קונסט. דאָס, אויף וואָס מע וויינט, איז מער „אַלגעמיין גילטיק" פאַר פאַרשיידענע צייטן איידער דאָס, וועגן וואָס מע לאַכט. די א. ג. מילעטישע מעשיות, אַפּולייאוס „גאָלדענער אייזל", „דאַפניס און כלאָע" פון לאָנגיס, העליאָדאָרס עטיאָפּישע מעשיות א. אַז. וו. — זיינען געווען די הומאָרישע ווערק פון זייער צייט, זיי האָבן גע־רייצט צום לאַכן. פאַר אונדז זיינען די דאָזיקע ווערק אַלץ, וואָס איר ווילט אין דער וועלט, — נאָר ניט „קאָמיש", נאָר ניט הומאָריש. פּונקט אַזוי קאָנען מיר זיך וועגן אַ סך מעשיות, לעגענדעס און פאַנטאַזיעס פון דער אגדה משער זיין, און טאַקע כמעט מיט זיכערקייט משער זיין — אַז פאַר זייער צייט האָבן זיי אַנטהאַלטן אויך הומאָר און קאָמיזם. דער קוואַל פאַר דעם דאָזיקן מין הומאָרישער אגדה, פון וועלכן דער סאַמע גרעסטער טייל איז, פאַרשטייט זיך,

---

כך ובין כך — ווי לקידרא!" — „פאַלט אַ שטיין אויפן טאָפּ, איז אַז ווייי דעם טאָפּ, פאַלט דער טאָפּ אויפן שטיין — איז אַז ווייי דעם טאָפּ, סיי־ווי־סיי איז אַז אָך און ווייי דעם טאָפּ" (אסתר רבה פ"ז).

„גולירין מתגרין במלחמה וגברין נוצחין" — „סאָלדאַטן פירן מלחמה — און די אָפיצערן זיינען די „זיגער" (ד. ה. דער זיג ווערט אָנגערופן אויף זייער נאָמען) (ברכות נ"ג).

אָדער: „כי רחימתין הות עזיזא אפותיא דספסירא שכיבן, השתא דלא עזיזא רחימתין פוריא בת שתין גרמידין לא סגיא לן" — באַטייט: „ווען אונדזער ליב־שאַפט איז געווען שטאַרק, זיינען מיר אינאיינעם געלעגן אויף דער שאַרף פון אַ שווערד און ס'איז אונדז ניט ענג געווען, איצט ווען אונדזער ליבשאַפט איז אויס־געוועפּט — קלעקט אונדז ניט אַפילו אַ בעט פון זעכציק איילן" (סנהדרין, ז').

„כומריא גנבין, אלהיא מאן מומי ביה או מן מקרב?" — „ווען די כוהנים גופא באַגנבענען די געצן — איז ווער זשע וועט אין זייער נאָמען שווערן און זיי ברענגען קרבנות?" געמיינט: ווען די רבנים אַליין באַגנבענען גאָט — ווי זשע קאָנען זיי פאַרלאַנגען, אַז מע זאָל זיין פרום? (בראשית רבא, פ', כ"ו).

„שבקיה לרוויא דמנפשיה נפיל" — „טשעפּע ניט דעם שיכור, ער וועט שוין אַליין פאַלן" (שבת ל"ב).

פאַרלוירן געגאַנגען און האָט זיך ניט אָפּגעהיט, — איז בלי ספק די דעמאָלטיקע פאָלקסטימלעכע פאַנטאַזיע (לויט דער דעמאָלטיקער טערמינאָלאָגיע — די „עם־הארצישע") און די פאָלקסטימלעכע אַנטי־דאָגמאַטישע („הערעטישע") צוויפלערישקייט.

אין די צייטן פון דער פריאיקער רענעסאַנס, ווען די פאַרגליווערטע רעליגיעזע ראָמאַנטיק שטויסט זיך צונויף מיט די פרישע הומאַניסטישע פאַר־שטעלונגען וועגן וועלט, מענטש און געזעלשאַפט, הייבן זיך אָן אין די יידישע ליטעראַרישע דענקמעלער אַלץ אָפטער צו באַווייזן סאַטירישע, איראָנישע און הומאָריסטישע מאָטיוון.

אברהם אבן עזרא (סוף עלפטן — ערשטע העלפט צוועלפטן יאָרהונדערט), וואָס שפינאָזאַ האָט אים אַזוי שטאַרק געשעצט סיי אַלס פילאָסאָף סיי אַלס ביבל־קריטיקער — האָט געשריבן שאַרפע סאַטירישע לידער קעגן די תלמודיסטן פון רוים א. אַ. ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ גאַנצע ריי גראַציעזע הומאָריסטיש־עפּיגראַמאַטישע לידער, ווי, למשל, דאָס ליד וועגן אַ דעמאָלטיקן מנחם־מענדל („גלגל ומזלות") — ער מיינט זיך אַליין — און אין וועלכן ער דערציילט, אַז „ווען איך זאָל האַנדלען מיט ליכט, וואָלט ביז צום טויט מיינעם די זון ניט אונטערגעגאַנגען", „ווען איך זאָל האַנדלען מיט תכריכים — וואָלטן די מענטשן אויפגעהערט צו שטאַרבן" א. אַז. וו. אָדער דאָס וויציקע ליד קעגן די גבירישע בעל־גאווהס („כבודי במקומי") און אַנדערע.

וועגן דעם דיכטער יהודה אלחריזי (די אַנדערע העלפט צוועלפטן און ערשטע יאָרצענדליקער פונעם דרייצנטן יאָרהונדערט) האָט היינע געזאָגט,* אַז ער איז געווען „אַ וואָלטעריאַנער פינף הונדערט יאָר פאַר וואָלטער". בעסער נאָך פּאַסט די דאָזיקע באַצייכענונג פאַרן ליבלעכן און גרויסן רענעסאַנס־דיכטער עמנואל פון רוים, וואָס האָט געלעבט אין איין צייט מיט דאַנטע און איז, ווי ס'זעט אויס, געווען מיט אים באַקאַנט. אַמבעסטן וועט זיין אים כאַראַקטעריזירן אַלס „היינע פינף הונדערט יאָר פאַר היינען". אין זיינע „מחברות" זיינען פאַראַן פערלען פון הומאָרישער דיכטונג — דורכגעדרונגען מיט פיינער איראָניע, ליבלעכקייט און הומאַניסטישער גראַציע. ער לאַכט פונעם גלויבן אינעם גיהנום (דער סאָנעט „נפשי בקרבי"), פון צבועקיש־צניעותדיקע פרויען („נדיבי עם") א. אַז. וו. אַפילו די זייער שיינע עלעגיע „הה לזמני" איז דורכגעדרונגען מיט אַ דינעם פריוואָל־גראַציעזן הומאָר אינעם גייסט פון באָקאַטשאָ.

די פּראָוואַנסאַליש־יידישע דיכטער האָבן געשריבן זייערע הומאָריסטישע לידער וועגן פרויען, ליבע און ווייך, און איינער פון די לעצטע פון זיי, שוין

* זע פאָגעלשטיין־ריגער: „געשיכטע דער יודען אין ראָם", ב. 1, ז. 427.

אין אַ פּעריאָד פון ירידה — קלונימוס בן קלונימוס, סוף דרייצנטן אָנהייב פערצנטן יאָרהונדערט — האָט אין זיין „אבן בוחן" אָנגעצייכנט אַ גאַנצע ריי שאַרפע סאַטירעס: אויף די פרומע לייט, „וועלכע פרייען זיך מקיים זיין אַזעל־כע מצוות, וואָס גייען דורכן מויל", קעגן מיוחסים, פרומאַקעס און געלערנטע, קעגן דאָקטוירים, אַסטראָלאָגן, גראַמאַטיקער, קעגן פּאָעטן, זייער באַרימעריי און גרויסהאַלטעריי, קעגן רעדנערס, למדנים א. אַז. וו. די סאַטירעס אַנט־האַלטן אַ דידאַקטישן שפּיץ, אָבערביים סוף פונעם בוך ווענדט ער זיך צו גאָט מיט אַ תפילה: „און ווי אַזוי זשע, גאָט פון די מענטשן־קינדער, ווילסטו מיך פאָרשן, כדי מיך צו כאַפּן ביי אַ זינד? אויב דו האָסט מיר געגעבן די דאָזיקע נשמה פונעם ביטערן בוים — וואָס זשע שטראָפסטו מיך מיט דיין גרימצאָרן?" . . . „לאָז מיך אָפּ, וואָרעם נישטיק זיינען מיינע טעג; פון דער מוטערס טראַכט אָן שלעפּ איך זיך אַלץ כסדר צום קבר די גאַנצע צייט, וואָס איך לעב..." (אויסג. לעמבערג, 1865, ז"ז 101־102.)

צוליב פאַרשיידענע היסטאָרישע סיבות (נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונגען און אַלס רעזולטאַט — איינגרענעצונג אין די פיר איילן פון רעליגיע) איז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון סאַטירע און הומאָר ניט געגאַנגען אין דעם הויכן סטיל, וואָס אברהם אבן עזרא, אלחריזי און עמנואל האָבן פאַר די דאָזיקע זשאַנרען צוגעגרייט. זי שפּרייזט ניט אַריבער די גרענעצן פונעם ערודיציאָ־נעלן, ביכערישן, און באַווייזט זיך דער עיקר אין דער פאָרם פון (אגב זייער צאָלרייכע) ליטעראַרישע פּאַראָדיעס. דער גרויסער קוואַל פון אמתדיקער סאַטירישער און איראָנישער באַטראַכטונג און פון לעבעדיקן רעאַליסטישן הומאָר — די פאָלקס־מאַסן, זייער שעפערישקייט, זייער פילן און דענקען, זייער לעבן און שטייגער איז פאַר דער העברייאישער ליטעראַטור פון יענער צייט דרך־כלל געבליבן פאַרשלאָסן.

קרעפטיק און לעבעדיק ווערט דער הומאָר ערשט אינעם פאָלקסטימלעכן טייל פון דער ליטעראַטור אויף יידיש זינט דעם 16טן און באַזונדערס 17טן יאָרהונדערט. דאָס פאַרשטענדעניש פון די פאָלקסמאַסן פאַר הומאָר באַווייזט זיך סיי אינעם איבערזעצן אויף יידיש הומאָרישע מייסטער־ווערק אין דער דעמאָלטיקער וועלט־ליטעראַטור, ווי למשל, נאָוועלן פון באָקאַטשאָ, פון סער־וואַנטעס,* די פוקס־משלים, די מעשיות וועגן טיל־אולענשפּיגעל, וועגן „די זיבן קלוגע מייַנסטערס" א. אַז. וו. — און סיי אין אַ זייער רייכער אָריגינעלער סאַטיריש־הומאָריסטישער ליטעראַטור פון כל־מיני זשאַנרען: פאָלקס־

* אגב: א. שולמאַן אין „שפת יהודית-אשכנזית וספרותה" רעדט וועגן דער מעשה „שפּאַנישע הײדן אָדער ציגיינערס", אָדער ווי זי רופט זיך צומאָל: „פּרע-ציאָזאַ", — ער פאַרצייכנט ניט, אַז דאָס איז אַן איבערזעצונג פון דער באַוואוסטער נאָוועלע פון סערוואַנטעס.

מעשיות, פֿאַבליאָס, פֿאָלקס־שפּילן און באַזונדערס פֿאָלקס־לידער, אימפּראָוויזאַציעס פֿון מאַרשעליקעס, אַפֿאָריזמען, שפּריכווערטער, וויצן, שפּאַסן א. אַז. וו., א. אַז. וו., ווי, למשל, דער „צוכט־שפּיגל" פֿון זעליקמאַן געניצבערגער מיט זיינע שאַרפֿע און זייער וויציקע אַפֿאָריזמען; „מעשה ניסים" פֿון יוזפּא פֿון וואָרמס; „דער קליין בראַנט־שפּיגל" פֿון יהודה־לייב שיבערל (אַ טייל מאָטיוון זיינען אין דעם בוך גענומען פֿון אלחריזיס „תחכמוני"); „מעשה־בוך" פֿון אַן אומבאַקאַנטן צונויפֿשטעלער און פֿאַרפֿאַסער, „איין שיין ניי הויז־האַלטונג־בוך" א. אַז. וו., א. אַז. וו.

ביזן סוף 18טן יאָרהונדערט איז דער הומאָר אין דער פֿאָלקסטימלעכער יידישער ליטעראַטור זייער בורלעסק, גראָטעסק, מיט אַ נטיה צו גוזמאדיקער קאַריקאַטור, צו זידלעריי און אָפֿט אויך צו אַ גראָבלעך בילד און וואָרט. דער הומאָר איז דאָ קרעפּטיק, עזותדיק, פֿלעבייאיש, אָבער נאָך ניט אויף אַן אמתן רעאַליסטיש.

וויבאַלד אָבער די יידישע ליטעראַטור באַגעגנט זיך זינט סוף 18טן יאָרהונדערט מיטן באַפֿרייענדיקן דענקען פֿון דער אויפֿקלערונג — אין דער השכלה — הייבט תיכף אָן ברייט צו שטראָמען די סאַטירישע און הומאָריסטישע שעפֿערישקייט אויף אַ קינסטלערישן און רעאַליסטישן שטייגער. זינט אייכל, וואָלפֿזאָן, ערטער, פּערל, אַקסענפֿעלד, עטינגער — ביז צו מענדעלען, וואָס גיט אין זיינע ווערק די העכסטע אַנטוויקלונג פֿון דער דעמאָקראַטיש־אויפֿקלערערישער סאַטירע און איראָניע אין דער יידישער ליטעראַטור.

די באַגעגעניש פֿון די פֿאָרגעשריטנסטע יידן אין אייראָפּע מיט די דעמאָקראַטיש־רעוואָלוציאָנערע אידייען פֿונעם 19טן יאָרהונדערט האָט געבראַכט אַלס רעזולטאַט איינעם פֿון די גרעסטע מייסטערס פֿון פּובליציסטישער און דיכטערישער סאַטירע, איראָניע און הומאָר — היינריך היינע.

די באַגעגעניש מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַטמאָספֿער אינעם פּעריאָד פֿון אימפּעריאַליזם ברענגט דער יידישער ליטעראַטור די העכסטע אַנטוויקלונג פֿונעם טראַגיש־פֿאַרטיפֿטן דערציילערישן הומאָר — שלום־עליכמס הומאָר, וואָס געהער צום בעסטן פֿון דעם זשאַנר אין דער וועלט־ליטעראַטור.

און ס'איז ניט קיין חידוש, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט אַרויסגעבראַכט גרויסע מייסטערס פֿון סאַטירע און הומאָר. דאָס יידישע פֿאָלק האָט געהאַט און האָט נאָך איצט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער באַזונדערס פֿיל און שרעקלעכס אויסצושטיין פֿון פֿינצטערע פֿאָראורטיילן, פֿון סאָציאַלער אונטערדריקונג, פֿון נאַציאָנאַלע רדיפֿות. קעמפֿנדיק פֿאַר אַ פֿריי ליכטיק לעבן, האָבן זיינע בעסטע זין זיך געמוזט אָנשטויסן אויף די שאַרפֿע קאַמף־מיטלען פֿון סאַטירע, איראָניע און הומאָר.

באַלעבאַטישע ליטעראַטור־מבינות

(פּאָלעמיק)

אַז מע זאָגט „הומאָר“ — מיינט דער פּיליסטער, אַז דאָס איז דאָס אייגענע ווי „הומאָרעסקע“, „שפּאַס“, „וויץ“, „אַנעקדאָט“, וואָס מע לאַכט זיך דערפון אָן, וואָס מע ווערט דערפון גוט אויפגעלייגט און וואָס העלפט גוט פאַרדייען. ווען שלום־עליכם רעקאָמענדירט דאָס לאַכן, ווייל „לאַכן איז געזונט — דאָקטוירים הייסן לאַכן“, האָבן פאַרשיידענע היימישע מבינים ניט אַרויסגעהערט די ביטערע איראָניע פון זיינע ווערטער. ווי אַזוי זשע האָבן זיי געזאָלט אַרויסהערן דעם טראַגישן קערן, וואָס אין זיין הומאָריסטישן דערציילן?

פון צייט צו צייט שווימט נאָכאַמאָל אַרויף אויף דער אויבערפלאַך די טעמפּע השגה, אַז שלום־עליכם „איז גאָרנישט ניט אויסן געווען“ מיט זיין דערציילן, אַז ער האָט ניט געהאַט „קיין שום אידייע, קיין שום געזעלשאַפטלעכע כוונות“. ערשט ניט לאַנג איז איינער אַ קלוגער מבין, — ער האָט אַמאָל איבערגעזעצט שלום־עליכמס אַ זאַך אויף רוסיש, — מיט גרויס עקשנות אַרויסגעטראָטן אין דער עפנטלעכקייט מיט אַזאַ איינפאַל: היות שלום־עליכם האָט ליב זיינע געשטאַלטן, די מנחם־מענדלס, די קאַסרילעווקער, אַזוי ווי זיי גייען און שטייען — איז דערפון געדרונגען, אַז ער וויל גאָרניט, זיי זאָלן זיין אַנדערש, ווי זיי זיינען. הייסט עס, אַז זיין שאַפן האָט ניט קיין שייכות צו סאָציאַלער קריטיק, אַז די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן גייען אים ניט אָן. שלום־עליכם לאַכט — אַזוי ווי אַ פייגעלע זינגט אין די צווייגן, און אַ סוף, אַן עק!

אין יעדער זאַך זיינער גיט שלום־עליכם אַזאַ שפע פון לעבן, אַז יעדער קאָן דאָרט עפּעס פאַר זיך געפינען. און מער נאָך — אַפילו עפּעס פון זיך אַליין אָדער גאָר זיך איינגאַנצן. יענער מין באַלעבאַטישער קריטיקער — אויך. און ווייל ער געפינט זיך אַליין אין שלום־עליכמס דערציילונגען, מיינט ער, אַז שלום־עליכם האָט דאָס אייגענע געמיינט, וואָס ער, — ממילא איז ער שוין אַ גאַנצער שמעלקע איבער שלום־עליכמס שאַפן, זאָגט ווילדע חקירות אין דער וועלט אַריין, האַלט, אַז ביי איבערזעצונגען דאַרף מען שלום־עליכמען קירצן א. אַז. וו. וואָס הייסט, ער, דער קריטיקער, האָט דאָך אויך געלאַכט, לייענענדיק שלום־עליכמען, מיינט ער, אַז ס'איז ניט פאַראַן קיין לייכטערע זאַך, ווי זיין אַ מבין אויף זיין שאַפן.

אין אמתן אָבער איז שלום־עליכם צווישן אַלע קלאַסיקער אין דער יידישער ליטעראַטור די סאַמע שווערסטע און קאָמפּליצירטסטע טעמע פאַר קריטיקער. העגעל, אַן אמתדיק טיפער מבין און קענער פון דער וועלט־ליטעראַטור, האָט אַמאָל דערקלערט, אַז „עכטער הומאָר טרעפט זיך אין אַלע צייטן זייער

זעלטן". שלום־עליכמס שאַפן געהער צו די דאָזיקע זייער זעלטענע דערשיינונ־גען אין דער וועלט־ליטעראַטור. דער באַלעבעסלדיקער קריטיקער פאַרמאָגט אָבער אַ היפּשלעך אַלטע, וואַלוול־איינגעהאַנדלטע און גרינג־אָנגעקומענע סברה — פּאַקט ער זי אויפסנײַ אויס מיט גרויסן אַפּלאָמב. קורץ: איך לאַך און אַלע לאַכן דאָך — קלאָר, שלום־עליכם איז אַ פרײַלעכמאַכער, אַ שפּאַס־מאַכער און פּאַרטיק. דער דאָזיקער סאָרט ליטעראַטור־קענער וויל דווקא אָנטאָן שלום־עליכמען אַ היטל מיט גלעקלעך, אַ היטל פון אַ מאַרשעליק, — אויב ניט אַנדערש, זאָל שוין באַדײַ זײַן פונעם גרויסאַרטיקסטן, אייבערשטן מאַרשעליק אין דער וועלט, — אַבי נאָר פון אַ מאַרשעליק. אַשטייגער דער געניאַלער שלום־עליכם האָט שוין טאַקע געאַרניט געהאַט עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן, ווי פאַרשאַפן וואָלוועלע הנאות דעם טעמפן באַלעבעסל נאָך אַ געשמאַקן מיטאָג.

שלום־עליכמס הויפּט־געשטאַלט איז דער באַגאַבטער, ביז משוגעת אַר־טיסטישער, אָבער צעקאַליעטשעטער און טיף־אומגליקלעכער מנחם־מענדל אויף אַלע געביטן פונעם לעבן. דאָס איז אַ לעבנס־דאַרשטיקער, אין תוך לעבנס־פרײַדיקער, לירישער טרוימער און פאַנטאַזיאָר, וואָס ווערט צעבראָכן און צעטראָטן פון דער קליינלעכער און באַרבאַרישערווירקלעכקייט. די דאָזיקע געשטאַלט איז כלומרשט קלוג, פלינק, כיטרע, אַ געדרייכערטע ליולקע, כמעט אַ מין פיגאַראָ — און אין אמתן — נאַאיוו ביז קינדישקייט און אויסטערליש אומבאַהאָלפן. דאָס איז אַן אומגעלומפּערטער מענטש, ער פאַרמאָגט אָבער אויך רירנדיקע און אַפילו שיינע שטריכן.

און ווידער: דעם באַוועגלעכן, נערוועזן, גײַסט־רײַכן, האַרציק־קלוגן פאָלקס־מענטש קאָן מען ווײַזן זײַן אומגליק און זײַנע פעלערן — אָבער נאָר מיט אַ צאַרטן שמייכל. דער נאַאיווער גלויבן אין דער אַלמעכטיקער קראַפט פון השכלה האָט אין דער צייט פון אימפּעריאַליסטישן קאַפּיטאַליזם שוין לאַנג פאַרלוירן יעדן באָדן. דער צענטער פון דער געזעלשאַפט־קריטיק ווערט אַריבערגערוקט אויף די סאָציאַלע עוולות. דער צענטראַלער אָביעקט קאָן שוין ניט מער זײַן בלויז די פאַרעלטערטקייט פון די השגות ביי די מאַסן. אַז מע שטראָפט אַ שמעון־עלי שמע־קולנו („דער פאַרכישופטער שנײַדער"), די קאַס־רילעווקער, די כל־מיני גליקלעכסטע מענטשן פון די פאַרשיידענע קאָדניס, די פעטער פיניעס, די פעטער עליעס און אַפילו די מנחם־מענדלס — קאָן מען שוין ניט זײַן בלויז סאַטיריש, ווײַל די שטראָף־רייד באַציען זיך אָן אָן ערך מער און שאַרפער אויף די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן איידער ווי אויף זייערע קרבנות.

יאָ, שלום־עליכם האָט ליב די מענטשן, וואָס ער דערציילט וועגן זיי,

זייער גורל גייט אים בלוטיק אָן, ביז טיף אין האַרצן. אָבער די טרויעריקע לאַגע, אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען, די פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן געמאַכט פון אַ מענטשן — אַ „קאַסרילעווקער", אַ „מנחם־מענדל", האָט שלום־עליכם ביטער פיינט.

לאַכנדיקע טראַגיק איז אפשר די סאַמע ביטערסטע טראַגיק. דער טראַגי־שער הומאָר איז דער אמתדיקער הויכער הומאָר. דאָס איז מעגלעך נאָר ביי אַן אויסערגעוויינלעך שאַרפן דערזען און דערפילן די ווירקלעכקייט, אַזוי ווי סע קאָן נאָר די קלוגשאַפט פונעם פאָלק, די פאָלקסטימלעכע געניאַלקייט.

טביה שמועסט געלאַסן און שמייכלט נאָך דערביי — און דורך זיין שמייכל ווערט ערשט רעכט קלאָר די גרויזאַמקייט פון דיליידן, וואָס די פאָלקסמאַסן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין שלום־עליכמס צייט. טביה, דער שמייכלענ־דיקער איוב * מיט זיינע בנעימותדיקע וואַכעדיקע רייד, איז פונקט אַזוי טראַגיש, ווי דער וויינענדיקער איוב מיט זיינע פאַטעטישע רייד. דורך דעם הומאָר ווערט די טראַגיק משונה, אויסטערליש גרויזאַם, אַזוי ווי אינעם לעבן.

אין שלום־עליכמס הומאָר האַנדלט זיך ניט וועגן „טראַגי־קאָמיק" אינעם געוויינלעכן באַטייט פונעם וואָרט, וואו דער טראַפ ליגט אויף דער קאָמיק. דאָ איז שווערע טראַגיק אייגנאַרטיק געוויזן דורך קאָמיזם (אין טביהס לעבן איז גאָרניט קאָמיש, אַלץ איז דאָ טראַגיש — אַחוץ זיינע בכיוונדיק הומאָריסטישע רייד). דאָס איז אַ קאָמפּליצירטער און אומדירעקטער וועג אויף אויסצודריקן טראַגיק — און דערביי געניאַל פּראָסט, טרעפנדיק אין פינטל אַריין. די טראַ־גיק איז דער קערן פון יעדן ווערק שלום־עליכמס און האָט אַ שייכות צום אַלגעמיין־מענטשלעכן; די קאָמיק איז בלויז אַן אויסערלעך מלבוש און איז דער עיקר פאַרבונדן מיט באַשטימטע מאָמענטן פון דער שטייגערישער ספּעציפיק.

אַן אמתער קינסטלער ווייסט, וואָס ער טוט

(פּאָלעמיק)

געוואָרן אַזעלכע לעפּישע טעאָריעס, אַז שלום־עליכם האָט געשאַפן כמעט ווי אומבאַוואוסטזיניק, כמעט ווי פון זיך אַליין, עפּעס אַזוי ווי אינסטינקטיוו, אַז דעם טיפן זין אין זיינע ווערק האָט דאָרט אַריינגעלייגט ניט דער דיכטער, נאָר דער קריטיקער. דאָס איז העזה און נאַרישקייט.

---

* דער פאַרגלייך מיט איובן שטאַמט פון שלום־עליכמען גופא: „און אַז איך האָב מיך גוט אויסגעוויינט און געזעסן אויף דער בריטשקע און איינגעטוילט מיין פערדל, נעבעך, וויפיל ס'איז אין אים אַריין, האָב איך ערשט דעמאָלט געפרעגט ביי גאָט אַ קשיה, אַזוי ווי איוב האָט אַמאָל געפרעגט: וואָס האָסטו, גאָטעניו, אַזעלכעס דערזען אין דעם אַלטן איוב, וואָס דו לאָזט אים ניט אָפּ אויף קיין מינוט?" („טביה", קאַפּיטל „שפּרינצע".)

אויב מע וויל זיך דאָ שטיצן אויף מענדעלעס אַ וואָרט וועגן דער לייכטקייט פונעם שאַפונגס־פּראָצעס ביי שלום־עליכמען, — האָט דאָס אַהערצו קיין שום שייכות ניט. די דאָזיקע „לייכטקייט" קאָן אויף עפּעס אַן אופן זיין אָפּהענגיק פון דער מאָס, פונעם גראַד, וואָס די באַוואוסטזיניקע אַנשויאונגען נעמען יאָ אָדער ניט אָנטייל אין דער אויסבילדונג פון דער קינסטלערישער געשטאַלט. אָבער דער עיקר איז די לייכטקייט אָפּהענגיק פון גאָר עפּעס אַנדערש, פון דעם — אויף וויפיל דאָס בילד, די געשטאַלט איז אינערלעך אין דער פאָר־שטעלונג פּלאַסטיש אַנשוילעך, אויסגערייפט, אויף וויפיל דער דיכטער פאַר־מאָגט די פיזיאָקייט רייך, שאַרף און מיט חריפישער גיכקייט צו באַאָבאַכטן, אויפצונעמען, צו פאַרקניפּן דעטאַלן און צו מאַכן אויספירן, — גיך אין זיך אויסצוטראָגן און פּלאַסטיש אויסצורייפן.

דער אידייאישער אינהאַלט, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ בילד, קאָן זיין ריכטיק און טיף, אָדער ווייניקער ריכטיק, אויבערפלעכלעך, אָדער גאָר טעות־דיק. אַן אמתדיק־קינסטלעריש בילד קאָן שאַרף אַנטשפּרעכן דערווירקלעכ־קייט, עס קאָן אָבער אַמאָל שטיין אין אַ ווידערשפּרוך צו דער אידייע, וואָס דער דיכטער וויל דערמיט פאַרבינדן, — דעמאָלט, ווען די דאָזיקע אידייע אַנטשפּרעכט ניט דער ווירקלעכקייט. דעמאָלט ליגט די אידייע ניט דאָרט, וואו דער דיכטער מיינט, נאָר דאָרט, וואוהין סע פירט די לאָגיק פונעם בילד גופא, וואָס ווייזט זיך דאַן שטאַרקער אַרויס, ווי דער געדאַנק, וואָס דער דיכטער וויל פון זיין וועלט־אַנשויאונג דעם בילד אָנבינדן.

שלום־עליכמס וועלט־אַנשויאונג שטייט ווייט ניט אומעטום אויף דער זעלבער הייך ווי דער רעאַליזם פון זיינע בילדער און געשטאַלטן. זיי, די בילדער און געשטאַלטן גופא, גיבן אונדז צומאָל אַ סך מער שטאָף אויף צו דערקלערן זייער אייגענעם מהות, איידער ווי די דירעקטע דערקלערונגען, מיט וועלכע שלום־עליכם האָט זיי באַגלייט און אויסגעשטאַט. דאָס איז אמת.

שלום־עליכם איז אין זיין וועלט־אַנשויאונג ניט געווען פריי פון באַ־שטימטע ענגע השגות, וואָס שטאַמען פון דער קליינבירגערלעכער ספערע. באַזונדערס אין זיינע פאַרשיידענע און ווידערשפּרעכיקע פאַרשטעלונגען וועגן דער קאָנקרעטער לייזונג פון די געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וועגן די קאָנ־קרעטע אויסוועגן פון דער לאַגע, אין וועלכער די געזעלשאַפט האָט זיך געפונען.

אָבער די דאָזיקע קאָנקרעטע לייזונגען, די קאָנקרעטע אויסוועגן זיינען ניט די טעמע פון זיין קינסטלערישן שאַפן. זיין טעמע איז די טראַגיק פון דער לאַגע און די נויטווענדיקייט אַרויסצוגיין פון דער לאַגע. און די פאַראויס־זעצונג פאַר דער דאָזיקער טעמע איז דאָך דער גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַ בעסערער, גערעכטער, פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט. דאָס איז אויך אמת.

דער עיקר אין זיין וועלט־עמפּינדן, די גרונט־איינשטעלונג צו די מענטשן

און צו זייער לעבן אין דער געזעלשאַפט, וואָס ער האָט געשילדערט, איז אין תוך פריי פון יענער געענגטקייט. דער דאָזיקער עיקר איז אין תוך טאַקע דער זעלבער, וואָס מיר זעען און באַוואונדערן אַלס טיפסטן באַטייט פון זיינע קינסטלערישע געשטאַלטן: די אַפּלייקענונג און קריטיק פון די פאַרהעלטע־נישן אין דער פאַרשקלאַפּטער געזעלשאַפט, די טראַגיק פונעם לעבן אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט.

די דאָזיקע גרונט־איינשטעלונג האָט שטענדיק דייטלעך און שאַרף גע־לעבט אין זיין באַוואוסטזיין, און דעריבער איז זי אויך דייטלעך און שאַרף געקומען צום אויסדרוק אין זיין שאַפן.

אָן דער הילף פונעם באַוואוסטזיניקן טראַכטן איז קיין שום קונסט־ווערק, ווער שמועסט גרויס מייסטער־ווערק, ניט מעגלעך. דעם בילדערישן מאַ־טעריאַל מוז דער דיכטער באַהערשן צוליב דעם אידייאישן ציל, דאָס הייסט צוליב דעם אינהאַלט, וואָס ער איז אויסן צו זאָגן. און אויב אַ בילד איז גאָרניט אויסן, — קאָן עס אונדז גאָרניט געבן.

און אויב די פאַרשיידנסטע ווערק פון אַ קינסטלער, זיינע מייסטער־ווערק, פירן אונדזער געדאַנק און געפיל כסדר צו איינעם אַ באַשטימטן אידייאישן ציל — איז דאָס אַ סימן, אַז אָט דער ציל, דער אינהאַלט האָט בשום־אופן ניט געקאָנט זיין פרעמד דעם דיכטער, אַז דאָס, אָדער אין תוך און אייגנטלעך דאָס, איז טאַקע דער קינסטלער אויסן געווען.

ס'איז „אומגעלומפּערט צו מיינען, אַז אַזעלכע פּאָעמעס ווי די האָמערישע, זיינען דורכן דיכטער געשאַפן געוואָרן אין חלום" (העגעל). אומגעלומפּערט— אַלצאיינס, צי מע מיינט דאָס טאַקע ממש אָדער בלויז סימבאָליש. „אָן באַ־טראַכטקייט, אָפּקלייב און אונטערשיידונג — זאָגט העגעל ווייטער — איז דער קינסטלער ניט אימשטאַנד צו באַהערשן זיין מאַטעריאַל, וואָס ער דאַרף אויסבילדן, און ס'איז נאַריש צו מיינען, אַז אַן אמתער קינסטלער ווייסט ניט, וואָס ער טוט" (פון מיר אונטערגעשטראָכן — מ. וו.).

און העגעל איז טויזנט מאָל גערעכט. אויך שלום־עליכם האָט געוואוסט, וואָס ער טוט, און ווען מיר געפינען אין זיינע ווערק אַ טיפן זין, האָט ער, און ניט העזהדיקע קריטיקער, אים דאָרט אַריינגעלייגט, — כאָטש סע קאָנען זיך מיט דער צייט אַרויסווייזן אין זיין שאַפן אויך אַזעלכע מאָמענטן, וואָס דער שרייבער האָט זיי בשעת שרייבן גאָר ניט באַזונדערס אין זינען געהאַט.

דער דערציילערישער אָטעם

אין זייער אַ פיינער און ערטערוויז טיפער — כאָטש אין אַנדערע ערטער איינזייטיקער — אָפּשאַצונג פון דיקענסעס שאַפן שטעלט ה. טען אַרויס צום

גרויסן ענגלישן שרייבער אויך אַ ריי טענות. ער זאָגט וועגן דיקענסעס ביל־דער, אַז „אַפילו ווען זיי זיינען צונויפגעזאַמלט אינאיינעם, בלייבן זיי אין תוך צעדריבלט און בילדן ניט קיין אמתדיק־גאַנצע זאַך. „איר (טען ווענדט זיך מיט זיינע טענות דירעקט צו דיקענסן — מ. וו.) האָט אָנגעהויבן פון פראַג־מענטן, און אייערע גרויסע ראָמאַנען בלייבן פראַגמענטן, וואָס די עקן זייערע זיינען בלויז צונויפגעטשעפּעט. דער איינציקער אופן צו שאַפן עפּעס פאַר־גאַנצטס, נאַטירלעכס און גרינטלעכס — איז צו רעפּראָדוצירן די געשיכטע פון דער אָדער יענער ליידנשאַפט, פון דעם אָדער יענעם כאַראַקטער, כאַפּן זי ביים אַנטשטייך, נאָכשפּירן נאָך זייער וואוקס, נאָך זייערע פאַרענדערונגען און זייער אונטערגאַנג, באַנעמען די אינערלעכע נויטווענדיקייט פון זייער אַנט־וויקלונג. איר שפּירט ניט נאָך נאָך דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, איר האַלט דעם העלד שטענדיק אין איינער און דער זעלבער לאַגע...״ וועגן דעם העלד פון דיקענסעס ווערק — זאָגט טען, — אַז ער „האָט ניט קיין געשיכטע״; „איר קאָנט בלויז בייטן די אומשטענדן, אין וועלכע ער געפינט זיך, איר ענדערט ניט אים גופא, ער בלייבט אומפאַרענדערט, און ביי אַלע קלעפּ, וואָס שיטן זיך אויף אים — גיט ער אַרויס דעם זעלבן טאָן. די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די געשעענישן, וואָס איר דערפינדעט, איז בלויז אַן אונטערהאַלטנדיקע פאַנטאַסמאַגאָריע, אין זיי איז ניטאָ קיין פאַרבינדונג, ניטאָ קיין סיסטעם — דאָס איז אַ קופּע אַ צונויפגעוואָרפענע אָן שום אָרדענונג. איר שרייבט בלויז לעבנס־באַשרייבונגען, פּאַסירונגען, מעמואַרן, עסקיזן, זאַמלונגען פון פאַר־שיידענע סצענעס, אָבער איר זייט ניט אימשטאַנד צו שאַפן האַנדלונג.״

טען איבערטרייבט דאָ די פאַקטן גופא, און די אָפּשאַצונג, וואָס ער גיט זיי, איז אינגאַנצן ניט גערעכט. ער נעמט ניט אין אַכט די אייגנאַרט פונעם זשאַנר און פון דער טעמע, ער שאַצט דאָ אָפּ פון אַן „אַנטי־סאַטירישן״, „אַנטי־הומאָרישן״ שטאַנדפּונקט. די זעלבע טענות וואָלט מען געקאָנט שטעלן אין אַזאַ אָדער אַן אַנדערער מאָס צו סערוואַנטעסן, ראַבלע, וואָלטער, סטערן, זשאַן פּאָלן, גאָגאָלן, טשעכאָוון א. אַז. וו. און די טענות וואָלטן, וואָס שייך דער פעסטשטעלונג פון פאַקטן, טיילווייז געווען ריכטיק, אָבער אינגאַנצן — ניט גערעכט.

דאָס אייגענע אויך, ווען מע וואָלט זיי, די דאָזיקע טענות, אָנגעווענדט צו שלום־עליכמען. ווען שלום־עליכם וואָלט אַריינגעבראַכט אינעם לעבן פון זיינע מנחם־מענדלדיק אומגליקלעכע געשטאַלטן אַ „גרויס״ (זאָל זיין קאָמיש־העראָאיש) שטרעבן, „גרויסע״ האַנדלונג — וואָלט דאָס דאָ געווען אויסגע־טראַכט, אידעאַליזירט, — ניט אמת. די טעמע איז דאָך דאָ גראָד די פאַר־

קליינלעכונג און טראַגישע צעדריבלטקייט פונעם לעבן. די איינהייט און גאַנצ־קייט פונעם מענטשלעכן שטרעבן ווערט דורך דער פאַלשער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג צעקאַליעטשעט און צעבראָכן. — כדי דאָס צו ווייזן, טויגן, אָפּנים, ניט די ברייטע לייוונטן.

שלום־עליכם האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן חוש פאַר קאָמפּאָזיציע. זיינע מייסטער־ווערק — טביה, זייער אַ סך נאָוועלן — זיינען אויסגעבויט און פאַר־ענדיקט מיט זעלטענער מייסטערשאַפט. אָבער זיין דערציילערישער אָטעם איז צעדריבלט, ווי ביי דיקענסן אָדער ביי מענדעלען. און אַנדערש האָט ניט געקאָנט זיין, ניט געטאָרט זיין. די שיינקייט פון ברייטער פאַרגאַנצטער איינ־הייט, פון גרויסער האַנדלונג האָט פאַר זיין טעמע ניט געטויגט, איז געשטאַנען אין ווידערשפּרוך צו דעם, וואָס ער האָט געוואָלט שילדערן. אָן דעם דאָזיקן „פעלער" וואָלטן דיקענס און שלום־עליכם ניט געשאַפן זייערע גרויסע מענטש־לעכע קאָמעדיעס. דאָס איז אמת, אָבער קיין גליק פאַר זייער קונסט איז דאָס ניט. אויך דאָ הערט זיך אינעם שאַפן פון די גרויסע שרייבער גופא אַן אָפּהילך פון יענער טראַגיק, וואָס זיי האָבן געשילדערט אין זייערע געשטאַלטן.

די „יידישע ראָמאַנען"

„סטעמפעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי" האָט שלום־עליכם אויסגעשטאַט מיטן אונטער־טיטל „אַ יידישער ראָמאַן". דעם באַטייט פון דער דאָזיקער באַצייכענונג האָט ער געפּרואווט דערקלערן אין זיין ווידמונג מענדעלען, וואָס שטייט אַלס פאָרוואָרט צו „סטעמפּעניו". דאָס האָט אויסגעזען ווי אַ ליטע־ראַרישע פּראָגראַם. זי האָט אַרויסגערופן אינטערעס, מיספאַרשטייענישן און פּאָלעמיק. אין „אַ בריוו צו אַ גוטן־פריינט" („יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", 2, ז. 304) האָט שלום־עליכם נאָכאַמאָל און אויספירלעך געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס ער מיינט מיט דעם דאָזיקן שלאָג־וואָרט. און פּאָרט באַגעגענען מיר מיס־פאַרשטייענישן און פאַלשע טייטשן פון שלום־עליכמס טערמין „יידישער ראָמאַן" אַפילו נאָך ביי היינטיקן טאָג.

די אַנטשטייאונג פון דעם דאָזיקן שלאָג־וואָרט קאָן מען אָן ערך אויפ־שטעלן לויט מענדעלעס בריוו צו שלום־עליכמען און לויט פאַרשיידענע אַרויס־זאָגונגען שלום־עליכמס. אין זיינע בריוו רעדט מענדעלע זייער זעלטן וועגן אייגנטלעכע ליטעראַרישע פראַגעס, אָבער ווען ער שרייבט שוין יאָ אַמאָל אַ וואָרט וועגן ליטעראַטור, ס'מעג זיין טאַקע ממש איין זאַץ, איין פראַזע — נעמט דאָס שלום־עליכם אויף זייער ערנסט, זייער אויפמערקזאַם, עס האָט אויף אים אַ גרויסע ווירקונג. וואָרעם די דאָזיקע ווי דרך־אגב אַנגעוואָרפענע באַמערקונגען זיינען טאַקע ווערט געווען אַז אַזאַ גרויסער שרייבער ווי שלום־

עליכם זאָל זיך צו זיי צוהערן. זיי זיינען באַדייטפול, טיף און טרעפן מיט זיכערקייט אין סאַמע פּינטל. מעגלעך, אַז צו דער „טעאָריע״ וועגן „יידישן ראָמאַן״ האָט שלום־עליכמען אָנגערעגט איינס אַזאַ וואָרט מענדעלעס. שלום־עליכם ציטירט עס אין זיין ווידמונגס־פאָרוואָרט צו „סטעמפּעניו״ אַ ביסל געענדערט, אַ ביסל רעדאַגירט. אין זיין בריוו פונעם 18טן יוני, 1888, שרייבט מענדעלע צו שלום־עליכמען אַזוי:

„איך וואָלט אייך געראָטן קיין ראָמאַנען נישט צו שרייבן. אייער זשאַנר איז גאָר עפּעס אַנדערש. איר זייט דאָך (ווי איר זאָגט אַליין) מיין אייניקל. איר פאַרשטייט, וואָס דאָס הייסט ?... פאַרשטייט זשע טאַקע און פאָלגט דעם זיידן, וועט איר, אם־ירצה־השם, זיין אַ כלי שלמה. איבערהויפּט טויגן אַלע יידישע ראָמאַנען אויף כפּרות. עס גלוסט זיך מיר ברעכן פון זיי. אויב ס'איז דאָ ביי אונדזער פאָלק (ד. ה. אין דערווירקלעכקייט פונעם יידישן לעבן — מ. וו.) ראָמאַנען, זיינען זיי עפּעס גאָר אַנדערש (פון מיר אונטערגעשטראָכן — מ. וו.) ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער. מע מוז עס פאַרשטיין און גאָר אַנדערש שרייבן.״

און דאָס איז אַלץ. מע האָט זיך נאָך העכסטנס געקאָנט משער זיין, אַז אין „פּישקע״ דאַרף מען זען אַ מוסטער פון דעם, ווי אַזוי מענדעלע שטעלט זיך דעמאָלט פאָר אַ יידישן ראָמאַן. די דאָזיקע מיינונג מענדעלעס האָט געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פאַר שלום־עליכמס אַנטוויקלונג. ער האָט מענ־דעלען געפאָלגט אין אַלע פּרטים. ער איז טאַקע זייער גיך אַוועק פונעם בריטן ראָמאַן־זשאַנר צום פראַגמענטאַריש־נאָוועליסטישן דערציילן־שטייגער און האָט ווייטער אַנטוויקלט מענדעלעס פּראָזע — אַלס זיין געניאַל „אייניקל״. עס האָט זיך אין זיין האַרץ טיף איינגעקריצט די פאָדערונג, אַז די ליטעראַטור דאַרף שילדערן ניט קיין אויסגעטראַכטע העלדן און סיטואַציעס לויט אַ טראַדיציאָ־נעל־ראָמאַנהאַפטיקער סכעמע, נאָר די אמתע עכטע ווירקלעכקייט פונעם פאָלקס־לעבן. די דאָזיקע פאָדערונג האָט שלום־עליכם ניט גענוג קלאָר רעזומירט דורכן שלאָג־וואָרט „יידישער ראָמאַן״, ער האָט אָבער די דאָזיקע פאָדערונג מיט דער צייט טויזנט מאָל קלאָרער און טרעפלעכער אילוסטרירט דורך זיינע וואונדערלעכע דערציילונגען און נאָוועלן, איידער ווי דורך זיינע פריאיקע נאָך ניט אינגאַנצן רייפע „יידישע ראָמאַנען״.

וועמען מיינט מענדעלע מיט זיין בייז וואָרט וועגן די „יידישע ראָמאַנען״ ? שמ״רן און זיינע נאָכמאַכערס האָט ער ניט געקענט, ניט געלייענט. ער מיינט, אַפּנים, דעם אופן, ווי ס'ווערט געשילדערט אַ ליבע ביי יידן אין דער העבר־רייאישער שפּעט־משכילישער ליטעראַטור און אין דער אַזוי־גערופענער יידיש־רוסישער בעלעטריסטיק פון יענע יאָרצענדליקן. מענדעלעס נעגאַטיווע באַציאונג איז אויסן ניט יענע דערציילערישע ווערק בכלל, נאָר דעם „ראָ־

מאָן" אין זיי, די ליבע־געשיכטע. ס'האָט אים אָפּגעשטויסן די ניט־עכטקייט, ניט־שטייגערישקייט, די אויסגעטראַכטקייט פון די ראָמאַן־סיטואַציעס.

שלום־עליכם ווידער האָט געהאַט אין אויג קודם־כל די דעמאָלטיקע שונד־ראָמאַנען אין יידישער שפּראַך פון שמ"רן, בלאָוושטיינען, בוכבינדערן, בוד־זאַנען א. אַז. וו., קעגן וועלכע ער האָט געפירט אַ בייזן קאַמף אין זיין „שמ"רס משפט". און ער שטעלט אַרויס זיינע רעאַליסטישע פאָדערונגען צו דער ליטעראַטור אונטער דעם שלאַג־וואָרט „יידישער ראָמאַן". מיט דעם וואָרט „יידישער" — וויל ער זאָגן ניט מער, ווי בלויז דאָס: אויב מע מאַכט פון כאַצקל דעם בעלפער אַ פאַל־דע־קאָקישן העלד, אָדער אויב מע שטעלט אים אַוועק אין אויסגעטראַכט־ראָמאַנהאַפטיקע פאַנטאַסטישע סיטואַציעס — האָט דאָס ניט קיין שום שייכות צום יידישן לעבן. אַלץ און ממילא אויך די מעשה וועגן אַ ליבע דאַרף דערציילט ווערן אַזוי, ווי עס קומט פאָר אינעם לעבן פון די יידן. „אַז דאָס יידישע לעבן איז אַן אַנדער מין לעבן — דאָס זיינען זיי מודה אַלע; פאַרוואָס זשע זאָל מען ניט וועלן פאַרשטיין, אַז דער ראָמאַן, אין וועלכן עס ווערט אָפּגעמאָלט דאָס דאָזיקע לעבן, מוז אויך האָבן גאָר אַן אַנדער פּנים? פאַרוואָס זאָל מען ניט וועלן פאַרשטיין, אַז יעדער ראָמאַן באַדאַרף האָבן אין זיך זיין אייגענע מראה, זיין אייגענע פיזיאָנאָמיע, בכדי מיר זאָלן געפינען אין אים אַן אמתן אָפּשיין פונעם פאָלקס־לעבן, וואָס ווערט אין אים באַשריבן, מיט זיינע אייגענע כאַראַקטערן און מיט זיינע אייגענע טיפּן? ווי־באַלד די הויפּט־פאַרשוינען, אָדער, ווי מע רופט זיי, די העראָיען, וועלן זיין גענומען פונעם אמתן יידישן לעבן, וועלן זיי מוזן האָבן זייער אייגענעם יידישן אַנבליק, וועט שוין דער ראָמאַן, דאָס הייסט דאָס „פאַרליבעניש" (דער ליבע־מאָטיוו — מ. וו.) ביי זיי ממילא (פון מיר אונטערגעשטראָכן — מ. וו.) אויס־קומען יידיש." („אַ בריוו צו אַ גוטן־פריינט").

די מאָטיווירונג פון זיין טעאָריע וועגן דעם „יידישן ראָמאַן" איז ערטער־ווייז און אויסערלעך אָנגעהויכט פון דער נאַציאָנאַליסטישער פּראָזעאָלאָגיע אין יענער צייט (אין די אַכציקער יאָרן). אָבער טאַקע נאָר פון דער פּראָזעאָ־לאָגיע. אין תוך איז שלום־עליכם אויסן מיט דער פּראָגראַם פונעם „יידישן ראָמאַן" גאָר פּשוט: — אַז די שרייבער זאָלן ניט פליען אין דער לופטן פון וואָלוועלער אַוואַנטורע און פאַנטאַסטיק, זיי זאָלן ניט דערציילן וועגן ניט־געשטויגענע געשטאַלטן און גורלות, זיי זאָלן שילדערן דאָס פאָלק גופא און דערציילן וועגן זייןווירקלעך לעבן, אַזוי ווי עס איז, מיט זיין גאַנצער נויט, מיט זיין גאַנצן אומגליקלעכן, פאַראומערטן שטייגער, מיט זיין גאַנצער טראַגיק — און דערביי באַווייזן די רייכע שעפערישע כוחות, וואָס ליגן באַהאַלטן אין די מאַסן פונעם פאָלק.

„שרייבנדיק פאַרן פאָלק און רעדנדיק מיט אים אויף זיין שפּראַך, מוז מען אים געבן אַזעלכע בילדער און פאַרשטעלן אים אַזעלכע פאַרשווינען, וואָס זיינען אים גוט באַקאַנט, דאָס הייסט די הערויען באַדאַרפן זיין גענומען פון זיין ספערע, דאָס הייסט פון זיין גראַד, טאַקע פונעם פאָלק אַליין. און ווער עס איז באַקאַנט מיט אונדזער פאָלק, דער ווייסט, אַז העלדן געפינען זיך צווישן אונדזער המון־עם אַ סך מער, אַלס ביי אונדזער העכערן קלאַס, וואָס מע רופט דאָס אָן „אינטעליגענציע" („אַ בריוו צו אַ גוטן־פריינט"). דערביי דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז מיט „אינטעליגענציע" מיינט שלום־עליכם דאָ ניט דווקא דאָס, וואָס מיר פאַרשטייען מיט דעם וואָרט, נאָר טאַקע אַלע באַלעבאַטישע „גראַדן" בכלל. און ווייטער זאָגט דאָרט שלום־עליכם: „דאָס פאָלק באַדאַרף ווּיסן, וואָס פאַר אַ כוחות עס געפינען זיך ביי אים, וואָס פאַר אַנטיקלעך עס וואַלגערן זיך צווישן אים און גייען אין „ביוועטש", ווי מען זאָגט." אָט דאָס און ניט עפּעס אַנדערש איז שלום־עליכם אויסן מיט זיין באַצייכענונג „יידישער ראָמאַן".

די אויסטייטשונג, וואָס שלום־עליכם גיט דאָרט צו די געשטאַלטן פון יידישע פרויען רחלע („סטעמפעניו") און אסתר („יאָסעלע סאָלאָוויי"), קאָן זיך עמעצן אויסווייזן ווי אַן אַפּאָלאָגיע פון זייער פּאַטריאַרכאַלישער פרום־יידיש־לעכקייט. אין אמתן אָבער ווערן זיי געשילדערט ווי קרבנות פונעם פרום־קאָנסערוואַטיוון שטייגער. שלום־עליכם דערקלערט, אַז די פאַראומערטע דריקנדיקע השגות און פּראַקטיק פונעם פּאַטריאַרכאַליש־יידישלעכן „דאָמאָ־סטראָי" פירן די פרויען, וואָס רייסן זיך צום לעבן און צו דער ליכטיקער שיין — סך־הכל דערצו, אַז זיי „גייען אויס ווי אַ ליכט", אָדער אַז „זי בייט זיך איבער ביז גאָר און ווערט אַ ווייבל גלייך מיט אַלע ווייבעלעך, אַ יידענע גלייך מיט אַלע יידענעס", איינגעזונקען אין דער גרויער פאַראומערטער קליינ־שטעטלדיקער פיליסטערישקייט. און אויב שלום־עליכם פאַרענדיקט דעם געדאַנק: „אָט ווי אַזוי עס לאָזט זיך אויס צום מיינסטן אַ יידיש פאַרליבעניש, אָט דאָס הייסט, נאָך מיין מיינונג, אַ יידישע הערויִנע" — הערט זיך דאָ אַ ביטערע און טרויעריקע איראָניע איבער דער „הערויִשקייט" פון ראָכעלען אָדער אסתרן. פון אידעאַליזירן די פרום־פּאַטריאַרכאַלישע השגות און די לאַגע פון דער פרוי אין דער געזעלשאַפט — איז דאָס געוויס זייער ווייט.

מענדעלען איז שלום־עליכמס טראַקטירונג פונעם ליבע־מאָטיוו אין „סטעמפעניו" ניט געפעלן. „איבערהויפּט איז „סטעמפעניו" אַ געראָטענע זאַך, עס זיינען אין אים שטעלן אַזעלכע, וואָס ווייזן באַשיינפערלעך, אַז גאָט האָט אייך געבענטשט מיט אַ פילנד האַרץ, אַז איר האָט אין אייך דעם ברען, דאָס

פינטעלע פּאָעזיע...״ „נאָר פיל שטעלן אָבער זיינען דאָ זייער אָפּגעבליאַקע־וועטע, אַזעלכע, וואָס מע באַדאַרף זיי גוט אויסבעסערן, אויך אַזעלכע, וואָס מען באַדאַרף זיי אינגאַנצן אַרויסוואַרפן. פיל שטעלן זיינען געניייט מיט שבת־שטעך, און עס זעט זיך אין זיי אַרויס די פּאַסטריגעס, דערינגען איז שוין שול־דיק דאָס, וואָס איר זייט פון די אחשתרנים״ (געמיינט: ווייל דאָס ווערק איז געשריבן אין איילעניש — מ. וו.). „פאַלט ביי אייך פונדעסטוועגן נישט אַראָפּ, איר האָט אַ טאַלאַנט, אַ גרויסן טאַלאַנט. איך זאָג אייך נאָכאַמאָל טאַקע בפירוש, ראָמאַנען שרייבן איז נישט פאַר אייך, אייער זשאַנער איז גאָר עפּעס אַנדערש. וואו איר באַשרייבט דאָס לעבן, איז אַ פאַרגעניגן צו לייענען. ס׳איז דאָ וויץ, הומאָר, אָבער וואו איר שפּילט אַ ליבע, קומט אויס גאָרנישט״ (מענדעלעס בריוו צו שלום־עליכמען פונעם 17טן יאַנואַר, 1889).

די ליבע־געשיכטע צווישן סטעמפּעניון און רחלען איז אין מענדעלעס אויגן אויסגעקומען אָנגעצויגן, ניט גענוג איבערצייגנדיק. ס׳איז אים אויך ניט געפעלן די גראַדליניקע סכעמע אינעם אויפבוי פונעם ראָמאַן, וואָס מיידט אויס יעדע קאָמפּליקאַציע, יעדע פּאַבולאַרישע פאַרטיפונג און וואָס אַנטוויקלט זיך שטרענג לויט דער „פּראָגראַם״. דאָס ברענגט אַריין אַ באַשטימטע מאָנאָ־טאָנישקייט אינעם סיפור־המעשה.

געשטערט האָבן מענדעלען דאָ אויך געוויסע קינסטלעכע פאַרקניפּונגען און צעצויגנקייטן. די מאָטיוון פאַר דער אויפפירונג פון רחלען (און אויך פון אסתרן אין „יאָסעלע סאָלאָוויי״) זיינען פאַרוואָרצלט אין אַ גענוג־באַלע־באַטישער וועלט־אָנשויאונג. (היות חתונה געהאַט, זאָל זיין קעגן דעם ווילן, זאָל זיין פאַר חסידישן כניאַק אָדער אַלטן וואָכערער — איז פאַרפאַלן און מע מוז זיך מיט דעם מאַן אָפּמאַטערן אַ לעבן). אַחוץ אַלעם קומט פאַר דער פּסיכאָלאָגישער איבערבראָך ביי די דאָזיקע פרויען, זייער באַשלוס צו בלייבן געטריי דער פרומער טראַדיציע — פּלוצים, ניט מאָטיווירט, בלויז דורך אינערלעכע באַטראַכטונגען.

דאָס מיינט מענדעלע מיט זיין קריטיק פון „סטעמפּעניו״ — און ענלעכס האָט ער שלום־עליכמען, מסתמא, געזאָגט אויך וועגן „יאָסעלע סאָלאָוויי״, און אויפן סמך פון מענדעלעס קריטיק האָט דאָס, אפּנים, שלום־עליכם אַזויפיל מאָל איבערגעאַרבעט דעם דאָזיקן ראָמאַן (ס׳הייסט, אַז פינף מאָל), כאָטש שלום־עליכם פלעגט פריער ביז צו „סטעמפּעניו״ קיין שום זאַך זיינע ניט איבעראַרבעטן און זי פאַרעפנטלעכן אַזוי, ווי זי איז אַרויס צום ערשטן מאָל פון זיין פעדער.

מענדעלע האָט זיך לויט זיינע קינסטלערישע אָנשויאונגען און נטיות באַצויגן סקעפּטיש צו ליבע־מאָטיוון אין שילדערונגען פונעם יידישן לעבן, יעדנפאַלס, צו ליבע־מאָטיוון, וואָס ווערן דערציילט לויט דער מאַניר פון דער

אַלגעמיינער ליטעראַטור (די „ליבע“ אין „פישקע“ איז גאָר אַן אַנדערע). זיין אָפּשאַצונג פונעם ליבע־מאָטיוו אין „סטעמפעניו“, אַז „ס׳קומט אויס גאָר־נישט“, ווערט מען ניט קאָנען האַלטן פאַר אַ גערעכטע. מענדעלע אַליין רעדט אין דעם זעלבן בריוו וועגן דעם „פילגדן האַרץ“, וועגן דעם „ברען“, וועגן דעם „פינטעלע פּאָעזיע“, וואָס ער געפינט אין „סטעמפעניו“ — און דאָס אַלץ קאָן זיך דאָך באַציען נאָר אויפן ליבע־מאָטיוו אין דעם ראָמאַן. אויף וואָס דען אַנדערש? אין דער ליבע־שילדערונג אין „סטעמפעניו“ און „יאָסעלע סאָלאָוויי“ איז פאַראַן אַ סך עכטע יוגנטלעכע פרישקייט פונעם געפיל, ריינ־דיקע פראָסטקייט, ס׳איז דאָ פאַראַן עלעמענטן פון אמתער פּאָעזיע.

אָבער זעלבשטענדיקייט, אָריגינעלקייט, מער פונעם שפּעטערדיקן גרויסן קינסטלער שלום־עליכם איז פאַראַן אין יענע ערטער, וואו ער שילדערט שטייגער („וואו איר באַשרייבט דאָס לעבן“), וואו ער שילדערט די רייד (דעם „מענה־לשון“) פון זיינע פיגורן. באַזונדערס אין „יאָסעלע“ איז שוין דאָ אין די רייד פון די פאַרשוינען די וואונדערלעכע רעאַליסטישע עכטקייט, וואָס ווייזט אונדז דורך די תנועות און קנייטשלעך פון אַ וואָרט ניט בלויז דאָס אויסזען, די זשעסטן און דעם כאַראַקטער פון אַ מענטשן, נאָר אויך זיין לאַגע און זיין גאַנצן שטייגער.

אַמיינסטן רייף אין די דאָזיקע ווערק זיינען יענע ערטער, וואו ס׳ווערן אויפגעכאַפּט קליינע שטייגער־סיטואַציעס (בילדער פון חתונות, דוואָסיע־מלכה קויפט קאַרעלן ביי פריידל, די געשפּרעכן פון גדליה באַס, פון יענטל, פון ברײנע א. אַז. וו.), וואו ס׳ווערן איבערגעגעבן די רייד פון „שטייגערישע“ כאַראַקטערן. דאָס אַלץ דערנעענטערט זיך צו דעם, וואָס מענדעלע האָט גע־פאָדערט פון יידישער פּראָזע און וואָס שלום־עליכם האָט דערפירט ביז צו גאַניאַלער פולקומקייט אין זיינע מייסטער־נאָוועלן, וועלכע זיינען אַזוי עכט, נאַטירלעך און שיין ווי אַ בוים אין וואַלד, ווי גראָז אויפן פעלד.

ביים באַטראַכטן די געשטאַלטן אין די דאָזיקע צוויי קינסטלער־ראָמאַנען וואַרפט זיך אין די אויגן דער מאָדנער פאַקט, אַז דווקא די פּאָזיטיווע הויפּט־העלדן סטעמפעניו און יאָסעלע (פונקט אַזוי ווי ראַפאַלעסקאָ אינעם דריטן קינסטלער־ראָמאַן שלום־עליכמס) זיינען מענטשן מיט אַ שוואַכן, פּאַסיוון כאַראַקטער, טרוימעריש, פאַנטאַזיעפול, געפילפול, ברייטהאַרציק, גוטמוטיק, אָבער לייכטזיניק און אָן ווילן, הילפלאָז. די פּאָזיטיווע פרויען־געשטאַלטן צייכענען זיך דער עיקר אויס מיט זייער שוויגנדיק־ליידנדיק טיף געפיל און מיט אונטערטעניקייט צו דער שטייגערישער טראַדיציע און צו זייער אייגענעם טרויעריקן גורל. די לעבעדיקסטע געשטאַלטן אין די דאָזיקע ביכער זיינען, אַחוץ סטעמפעניו — די נעגאַטיווע שטייגער־פיגורן: פריידל, צפּורה —

פריידלס מוטער, דוואָסיע־מלכה, גדליה באָס, פערעלע די דאַמע, בערל־אייזיק, קלמן שדכן, יענטל, בריינע, אַלטער א. אַז. וו. אין זייערע רייד קאָן שלום־עליכם אויסשפּרייטן זיין וואונדערלעכן וויסן און קענען און באַוויזן, וואָס סע טוט זיך אין די פֿאַרבאָרגנסטע פּעלבלעך פון זייער געמיט. דורך זייערע רייד (און ניט דורך זייערע האַנדלונגען) ווייזט זיך שלום־עליכם אַלס שאַרפזיניקער קענער פונעם מענטשלעכן געמיט.

דער עיקר־באַטייט פון די דאָזיקע צווײ פּריאיקע ווערק שלום־עליכמס ליגט אָבער ניט אין זייער פּאָעטישקייט, ניט אין זייער ערטערווייז זייער טרעפלעכער שטייגער־מאָלעריי, ניט אין דער אויסגעצייכנטער רעפּראָדוקציע פונעם רייד־שטייגער ביי באַשטימטע כאַראַקטערן, ניט אין די שאַרפע בליצן פון עכטן הומאָר און וויץ, וואָס ווייזן זיך שוין דאָ אַרויס, ניט דערין, וואָס די דאָזיקע ווערק זיינען וויכטיקע קוואַלן אויף צו דערלערנען די אַנטוויקלונגס־געשיכטע פונעם גרויסן שרייבערס שאַפן — און שוין לחלוטין ניט אין זיין פּראַקטישן רעאַליזירן דעם קאַמף קעגן דעם שמ״ריזם. דאָס אַלץ איז אין זיי פֿאַראַן, אָבער זייער עיקר־באַטייט ליגט גאָר ערגעץ אַנדערש, ער ליגט אינעם שטרעבן צו דערגרונטעוועט און אַנטפּלעקן די גרויסע שעפערישע כוחות פונעם פאָלק, אויפצודעקן די מניעות פאַר זייער צעבליאונג. די אייגנטלעכע טעמע איז דאָ — די טראַגיק פונעם מענטשן, וואָס זיין שעפערישער כוח ווערט דורך אונטערדריקונג, נויט און אָפּגעשטאַנענע השגות — טאָקע אויך דורך יענע „אייגנאַרטיקע“, כלומרשט „נאַציאָנאַלע“ פרום־פּאַטריאַרכאַלישע השגות — דערפירט צום אונטערגאַנג. אין תוך — די טראַגיק פון די אונטערדריקטע שעפערישע פאָלקסמאַסן. די רעאַליסטישע שילדערונג פון דער דאָזיקער טראַגיק איז ניט מעגלעך אָן אַ קעמפערישער געמיטס־שטימונג קעגן די געזעל־שאַפטלעכע אומשטאַנדן, וואָס רופן אַרויס די פאַרקריפּלונג פונעם לעבן.

די דאָזיקע גרונט־שטימונג, וואָס לייכט אומעטום דורך אין די צוויי ליבלעכע יוגנט־ראָמאַנען שלום־עליכמס, גיט זיי אַ טיפערע באַדייטונג און מאַכט זיי אונדז באַזונדערס טייער.

וועגן די קינדער־דערציילונגען

1. קינד און דערוואַקסענער ביי די מייסטערס פון הומאָר

ווען גרויסע סאַטיריקער און הומאָריסטן, אָפּלאַכערס פון דער מענטש־לעכער נאַרישקייט, האָבן דווקא ליב צו דערציילן וועגן קינדער — זעט דאָס אויס מאָדנע. חוכא־וטלולא פון דערוואַקסענע מענטשן — און אַ צערטלעכער שמייכל וועגן אַ קינד! אַפּנים אָבער, אַז ס'איז דאָ קיין ווידערשפּרוך ניטאָ. דער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם גאָר ניט קאָמישן קינד און דער דער־

וואַקסענער קאָמישער געשטאַלט ליגט, אָפּנים, אין דער טבע פונעם קלאַסישן הומאָר גופא.

וועגן די קינדער־מעשיות פון דיקענסן זאָגט היפּאָליט טען *: „מענטשן פונעם פאָלק זיינען ענלעך צו קינדער: זיי זיינען אָפּהענגיק, ניט אַנטוויקלט, לעבן מיט דער נאַטור, זיי זיינען אויך קרבנות פונעם דרוק. דיקענס הייבט זיי אויף...״ „די קינדער־טעמע גייט פון רוסאָ, אָבער דורך דער פעדער פונעם ענגלישן שרייבער באַקומט זי אַ באַזונדערע פאַרביקייט.״

אין דער דאָזיקער אַנאַלאָגיע צווישן קינד און מענטש פונעם פאָלק איז יעדנפאַלס ריכטיק: די אָפּהענגיקייט, דער דרוק פון די סאָציאַלע פאַרהעלטע־נישן און די גרעסערע נאָענטקייט צום „נאַטירלעכן״, צו דער ניט־צעקאַליע־טשעטער „נאַטור״ בכלל — איידער ווי ביי מענטשן פון עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן.

דיקענס האָט געווירקט אויף שלום־עליכמען — כאָטש שלום־עליכמס הומאָר איז ניי און אייגנאַרטיק, גאָר עפּעס אַנדערש און אינגאַנצן פאַרשיידן ווי ביי דיקענסן. ווי סע זאָל ניט זיין, קאָן אָבער טענס דערקלערונג פונעם צוזאַמענהאַנג צווישן די געשטאַלטן פונעם קינד און דערוואַקסענעם ביי דיקענסן דינען אַלס אויסגאַנג־פּונקט פאַר אַ דערקלערונג פון אַן ענלעכן צו־זאַמענהאַנג ביי שלום־עליכמען, — כאָטש מיר מאַכן דערפון גאָר אַנדערע אויספירן, וואָס שייך זין און באַטייט פון הומאָר בכלל און פון דער קינדער־מעשה בפרט.

העגעל דערקלערט, פאַרוואָס באַשטימטע עפּאָכעס — ער האַלט זיי פאַר די „מער אידעאַלע״ — קלייבן אויס פאַר קינסטלערישע געשטאַלטן „דעם שטאַנד פון קיניגן״. ניט צוליב עפּעס אַן אַריסטאָקראַטישער נטיה, וואָס ציט זיך צו חשובע מענטשן, נאָר צוליב דעם שטרעבן צו שילדערן „פולע פרייהייט אינעם ווילן און האַנדלען, וואָס באַוויזט זיך רעאַליזירט אין דער פאָר־שטעלונג וועגן קיניגלעכקייט״.

די האַנדלענדיקע געשטאַלטן פון דער אַנטיקער טראַגעדיע האָבן גע־ווינטלעך אַ שייכות צום „קיניגלעכן שטאַנד״, ווייל אַזעלכע האָבן ברייטערע מעגלעכקייטן צו האַנדלען, ווי זיי ווילן, צו צעוויקלען זייער וועזן, זייערע ליידנשאַפטן.

דער געביט פון דער קאָמעדיע זיינען — לויט דער דאָזיקער דערקלערונג — די ווייניקער פרייע אָדער גאָרניט פרייע אָפּהענגיקע מענטשן. צו באַווייזן די אילוזאָרישקייט פון זייער פאַרשטעלונג וועגן זייער אייגענער פרייהייט — טאָקע דאָס איז די טעמע פון דער קאָמעדיע.

* אין זיין צוגאָב־באַנד צו דער געשיכטע פון דער ענגלישער ליטעראַטור.

העגעל זאָגט — און דאָס האָט ביי אים אַ שייכות אויך צו סאַטירע, קאָמיזם, הומאָר בכלל, כאָטש ער דערמאָנט דער עיקר די אַנטיקע גריכישע קאָמעדיע: „אין די פיגורן אָבער, וואָס געהערן צו די אונטערגעאָרדנטע שטאַנדן, באַמערקן מיר שטענדיק אַ געדריקטקייט, ווען זיי הייבן אָן צו האַנד־לען אין די ראַמען פון די באַגרענעצטע באַדינגונגען פון זייער לעבן, ווארעם אין די באַדינגונגען פון די אַנטוויקלטע פאַרהעלטענישן פון אַ שפּעטערדיקער מלוכהשאַפט געפינען זיי זיך טאַקע אין אַן אַלזייטיקער אָפּהענגיקייט, זיי זיינען געדריקט, און מיט זייערע ליידנשאַפטן און אינטערעסן אונטער אַ שווערן מאַטערנדיקן יאָך פון אַן אויסערלעכער — אין זייערע אויגן — נויטווענדיקייט, היות סע שטייט הינטער זייערע פּלייצעס די קראַפט, וואָס ניט בייצוקומען, די קראַפט פון דער בירגער־געזעלשאַפט, וואָס זיי קאָנען דאָ גאָרניט פועלן, און אַחוץ דעם האָבן זיי אַפילו אויסצושטיין די ווילקיר פון די העכערע שטאַנדן דאָרט, וואו דאָס האָט אַ געזעצלעכע פאַרענטפערונג. דער דאָזיקער דרוק פון די פאַראַנענע באַדינגונגען מאַכט צו נישט יעדע אומאָפּהענגיקייט. דעריבער פּאַסט די לאַגע און דער כאַראַקטער פון די פאַרשוינען, וואָס געהערן צו די דאָזיקע (נידעריקערע — מ. וו.) קרייזן מער פאַר דער קאָמעדיע און בכלל פאַר דער שילדערונג פונעם קאָמישן, ווארעם אין קאָמישע שילדערונגען האָבן די אַרויסגעפירטע פאַרשוינען דאָס רעכט אויף באַרימעריי, וויפיל סע גלוסט זיך זיי און וויפיל ס'קלעקט זיי כוחות; אין זייער פאַרשטעלונג, וואונטש און מיינונג קאָנען זיי זיך גרויסהאַלטעריש צושרייבן אַ זעלבשטענדיקייט, וואָס פאַרשווינדט תיכף ווידער אין זייער באַוואוסטזיין, צוליב זיי אַליין גופא מחמת זייער אינערלעכער און אויסערלעכער אָפּהענגיקייט. אָבער דער עיקר: צו אַזאַ אַנטליענער כלומרשטער זעלבשטענדיקייט (ד. ה. אומאָפּהענגיקייט — מ. וו.) קומט תיכף אַ בראָך מחמת די אויסערלעכע באַדינגונגען און מחמת דער פאַלשער לאַגע, אין וועלכער די דאָזיקע פאַרשוינען שטעלן זיך צו די דאָזיקע באַדינגונגען.* די קראַפט פון די דאָזיקע באַדינגונגען עקזיסטירט פאַר די נידעריקערע שטאַנדן אין אַ מאָס אָן אַ ערך אַ גרעסערער, איידער ווי פאַר די הערשער און קיניגן.״ **

אינעם רעזולטאַט פונעם צוזאַמענשטויס צווישן דער איינגערעדטער פריי־הייט פונעם פאַרקנעכטעטן מענטש און דעם בראָך, וואָס קומט אַרויס פון דער אינערדעניש — דעריין זעט העגעל דעם קוואַל פון קאָמיזם. אינעם שילדערן דעם דאָזיקן רעזולטאַט — דעם צוועק פון דער קאָמעדיע און פון די קאָמישע זשאַנרען בכלל. אָבער אויב אַזוי, דרינגט אַרויס אַן אַנדער אויספיר פאַרן

* פון מיר אונטערגעשטראָכן — מ. וו.

** העגעלס „עסטעטיק״, רוסישע איבערזעצונג, 1938, בוך 1, ז. 196.

אָפּשאַצן דעם באַטייט פון די קאָמישע זשאַנרען, אײדער ווי העגעל האָט געמאַכט, נאָכגייענדיק צום טייל נאָך די טראַדיציעס פון דער אַנטיקער אַריסטאָטעלישער פּאָעטיק.

געוועכט איז העגעל, ווען ער שטעלט פעסט, אַז דאָס געביט, די ספערע פון דער קאָמעדיע, פון די קאָמישע זשאַנרען בכלל איז היסטאָריש, לויט דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג, פאַרבונדן מיט די „אָפּהענגיקע שטאַנדן", מיט די מענטשן, וואָס געהערן צו די אונטערדריקטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, וואָס זײַנען ניט פריי אין זייערע באַוועגונגען און וואָס אויב עמעץ פון זיי פירט זיך ווי ער וואָלט געווען פריי צו טאָן, וואָס ער וויל, באַקומט זיך פון זיין טעות אַ משונהדיקע קאָליזיע. דערביי טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז די אָפּהענגיקייט קאָן קומען אויך פון אָפּגעשטאַנענע פאַרשטעלונגען אָדער פון זייערע רעשטן אינעם באַוואוסטזיין.

ניט ריכטיק איז אָבער פונדאַנען צו דרינגען — אַזוי ווי אין דער אַריסטאָטעלישער פּאָעטיק און אַזוי באַקומט זיך עס — דוכט מיר — אויך לויט העגעלן, — אַז די געפּענטעטקייט איז דער יחוס פונעם הומאָר, און אַז דער היסטאָריש־רעאַלער אינהאַלט און ציל פונעם קאָמעדישן איז אין גרונט אַן אַנדערער ווי אין דער טראַגעדיע. ס'איז ניט ריכטיק צו מיינען, אַז אויב דער אורשפּרונג פון די קאָמישע זשאַנרען שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשקלאַפונג פונעם מענטשן — מוזן זיי, די זשאַנרען, בלייבן שטעקן אין דער דאָזיקער ספערע.

פאַרקערט. דער ציל פון די דאָזיקע זשאַנרען איז פון אָנהייב אָן — בייצוקומען די אָפּהענגיקייט און אומפרייקייט. און דאָס איז זייער אייגנטלעכער אורשפּרונג און סיבה.

דער זין און אינהאַלט פונעם קאָמעדישן באַגעגנט זיך מיטן זין און אינהאַלט פונעם הערויִשן און טראַגישן.

פאַרשטייט זיך: ווען ס'וואָלט ניט געווען קיין אָפּהענגיקייט און קנעכטשאַפט, וואָלטן ניט געווען קיין קאָמישע זשאַנרען אין דער פאָרם, ווי די האָבן זיך היסטאָריש רעאַליזירט. אָבער זיי גופא זײַנען ניט אַ פּראָדוקט פון אָפּהענגיקייט און קנעכטשאַפט, נאָר אַ רעזולטאַט פונעם פּראָמעטייאישן שטרעבן אינעם מענטשן צו פרייהייט, צו מענטשלעכער אומאָפּהענגיקייט, צו דער אַנטוויקלונג פון דער גרויסער שעפערישער פערזענלעכקייט.

אינעם הומאָר קומט אומיטלבאַר — און אָפט אַפילו כמעט „אינסטינקטיוו"

— צום אויסדרוק דאָס שטרעבן פון דער מענטשלעכער נאַטור זיך צו באַ־פרייען פון די פעינטענדיקע קאַשמאַרן, וואָס אין דערווירקלעכקייט און אין די פאַרשטעלונגען.

דער אומיטלבאַרסטער, אַמיינסטן פאַרשפרייטער און אָפט אויך ערשטער רעפלעקס פון פּראָטעסטביים פאָלק איז קודם־כל דאָס וויציקע וואָרט. הומאָר איז אפשר די סאַמע פאָלקסטימלעכע פאָרם אויף אויסצודריקן די ניט־צופרידנ־קייט, די ניט־איינשטימיקייט פון די מאַסן מיט פאַרקנעכטנדיקע געזעלשאַפט־לעכע פאַרהעלטעניש, מיט זייער אייגענער אָפּהענגיקער לאַגע, דער פאָלקס־טימלעכער אופן פאַר עקסעלאַנס פון קריטיקירן אינסטיטוציעס, אייגנשאַפטן, מענטשן, השגות און זיך אַליין.

דאָס הייסט, אַז אינעם הומאָר, אין די קאָמישע זשאַנרען, קומט צום אויס־דרוק דאָס שטרעבן צו אַ פרייִ, העל לעבן.

די קאָמישע דערשיינונג איז אינעם לעבן אַ פאַרקריפּלטע אָפּוייכונג פונעם „נאָרמאַלן״, פונעם ריכטיקן, פונעם פאַרשטאַנדיקן; דאָס קאָריגירנ־דיקע לאַכן שטיצט זיך אויפן פּרינציפּ פון ריכטיקער פאַרשטאַנדיקייט און שטעלט איין אָרדענונג אין דער פאַרקריפּלונג און פאַלשקייט פון די פאַר־העלטעניש.

דאָס רעפּראָדוצירן אין דער קונסט די קאָמישע דערשיינונג באַווייזט די „אַנאָמאַליע״, — אָבער ניט זי איז דער ציל, נאָר גראָד דאָס פאַרשטאַנדיקע, דאָס נאָרמאַלע, דאָס גערעכטע.

הומאָר זעצט פאָראויס דעם אידעאַל פון אַ גערעכטער, ווירדיקער, ניט־פאַרקריפּלטער, פאַרשטאַנדיקער געזעלשאַפט און דאָס שטרעבן צו דעם אידעאַל. דער אייביקייטס־ווערט פון גרויסע הומאָרישע געשטאַלטן אין דער קונסט — איז גראָד די קעמפנדיקע באַשטעטיקונג פון דעם אידעאַל, וואָס איז אַנטהאַלטן אַלס ציל אין די הומאָרישע קינסטלערישע בילדונגען.

די אָפּהענגיקייט פונעם דערוואַקסענעם אין דער אומפרייער געזעלשאַפט ווערט אייגנאַרטיק וואַריאירט און רעפּראָדוצירט אין דער אָפּהענגיקייט פונעם קינד, וואָס מיינט, אַז זיינע באַוועגונגען זיינען פרייִ, און קומט דעריבער, סיי צוליב דער ניט־רייפקייט פון זיינע פאַרשטעלונגען, סיי צוליב די פאַרהעלטע־נישן אין דער געזעלשאַפט, אין אַ קאָליזיע מיט דער ווירקלעכקייט און ליידט דערפון פיין. די געשטאַלט פונעם קינד איז ביים הומאָריסט אַ פאַרשטאַרקנ־דיקער משל.

פונדאַנען שטאַמט דער צוזאַמענהאַנג צווישן קינד און דערוואַקסענעם ביי די גרויסע מײַסטערס פונעם הומאָר.

2. דער קאָמיזם פון שלום־עליכמס קינדער־געשטאַלטן

דער קאָמיזם פון אַן אויסערגעוויינלעך בוילעטער ניט־אַנטשפּרעכונג צווישן פאָרשטעלונג אוןווירקלעכקייט („דאָן קיכאָט", „בנימין השלישי", „מנחם־מענדל" א. אַז. וו.) אַנטהאַלט אויך עפּעס פון קלעמענדיקן פּאַרדראָס. ער שטערט, גרייפט אָן אונדזער געפיל פאַר זינפולער אָרדענונג, פאַר לאָגיש־שיינער באַגרינדעטקייט, פאַר קלוגן צוזאַמענהאַנג. אויף עפּעס אַן אופן פילן מיר זיך אינאיינעם מיט די העלדן אַ ביסל באַעוולהט און אָפּגענאַרט.

ענלעכע באַוועגונגען און האַנדלונגען ביים קינד — זיינען טאַקע אויך קאָמיש, אָבער די קאָמיק איז דאָ פון אַ מילדערן מין, ווייל די זינלאָזיקייט פון די האַנדלונגען ווערט אין אַ היפּשער מאָס פאַרענטפערט דורך אַ געזעצמעסיק ניט־וויסן, דורך נאָך ניט־וויסן.

ס'הייבט דאָ גאָר ניט אָן אויסצואוואַקסן דאָס קלעמענדיקע געפיל, מחמת מיר זעען פאָראויס, אַז דאָס איז בלויז דערווייל אַזוי און אַז אינאיינעם מיט דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג פונעם קינד וועט דאָ אויך פאַרשווינדן די קאָמישע ניט־אַנטשפּרעכונג פון פאָרשטעלונג און ווירקלעכקייט, פון האַנדלונג און ציל. די ניט־אַנטשפּרעכונג איז דאָ בלויז אַ דערווייליקע.

קאָן מען זיך דאָ, ביי דער קינדערשער קאָמיק, מיט אַ גרינג געמיט איבער־געבן דעם איינדרוק פון קאָמיק, אַזוי ווי מע גיט זיך איבער צו אַ שפּילערישער דיכטערישער פאַנטאַזיע. די לעכערלעכקייט איז געמישט מיט הנאה.

דער סאַטירישער, איראָנישער, הומאָרישער דיכטער קאָן זיך דאָ אָפּרוען פון זיין ווייטערדיקן חוזק, וואָס ווערט דאָ איידעלער, טיפער, מענטשלעכער, האַרצלעכער.

דאָס קינד שטעלט זיך פאַר „בויטוועגדיקייטן", „צוזאַמענהאַנגען", וואו זיי זיינען ניט פאַראַן. מיר זעען דעם טעות און פילן זיך און דאָס קינד פריי פון די און יענע נויטווענדיקייטן און צוזאַמענהאַנגען. דער פאַרגלייך פון דעם קינדס ערנסטן גלויבן אין זיינע פאָרשטעלונגען — מיט דער שטאַרק־באַשיינפּערלעכער טעותדיקייט זייערער פאַרשאַפט אונדז אַ געפיל פון שפּילע־רישער פרייקייט.

אין תוך איז דאָ די לעכערלעכקייט גופא אַ כלומרשטע, ווייל די ניט־אַנטשפּרעכונג גופא איז דאָ דווקא יאָ באַרעכטיקט, געזעצמעסיק.

די קאָמיק ליגט דאָ ניט דירעקט אינעם געגנשטאַנד. כדי זי זאָל דאָ קאָנען אַנטשטיין, מוז אונדזער פאַנטאַזיע דורכמאַכן אַ באַשטימטן פּראָצעס. מיר מוזן זיך אויף אַ רגע פאָרשטעלן, אַשטייגער, ווי דאָס וואָלטן געווען ניט קינדער — נאָר דערוואַקסענע. אין אונדזער פאַנטאַזיע שפּילן דאַן אין דער רגע די קינדער די ראָל פון דערוואַקסענע, מיר שטעלן אויף זייער אָרט —

דערוואָקסענע. אָן דעם וואָלט דאָ גאָרנישט ניט געווען קאָמיש און לעכערלעך.

ס'קומט דאָ פאָר אַן ענלעכער פּראָצעס, ווי ביים באַטראַכטן קאָמישע באַוועגונגען פון אַקטיאָרן אָדער פון ליאַלקעס אין אַ ליאַלקע־טעאַטער. ערשט דעמאָלט, ווען מיר אידענטיפיצירן זיי מיט די געשטאַלטן, וואָס זיי שטעלן פאָר, רופן זיי אַרויס די אַנטשפּרעכיקע איינדרוקן.

די לעכערלעכקייט און קאָמיק ביים קינד באַציט זיך אין תוך ניט אויפן קינד, נאָר אויף די געשטאַלטן פון דערוואָקסענע, וואָס מיר „רוקן דאָ אונטער" ביי די האַנדלונגען און באַוועגונגען פונעם קינד.

קורץ: אין דער קינדער־מעשה איז פאַראַן אויך עפּעס אַזוינס ווי אַ משל אויף דערוואָקסענע.

די קינדער־מעשות האָבן ביי שלום־עליכמען אַ דירעקטע שייכות צו זיינע דערוואָקסענע געשטאַלטן, וואָס אין זיין גאַנצן איבעריקן שאַפן. די קינדער־מעשות טייטשן אויס דעם זין און מהות פון דערוואָקסענע פאַרשוינען און זייער ראַליע. „יידישע מעשות לאָזן זיך אויס צומייסטנס טרויעריק! פאַראַן ביי אונדז אַ ווערטל, אַז אַ ייִד, בפרט אַן אָרעמאַן, טאָר קיין הנאה ניט האָבן." וואו געפינען מיר די דאָזיקע ווערטער שלום־עליכמס? דווקא אין אַן עכטער קינדער־מעשה („די פּאָן").

אין די באַוועגונגען, האַנדלונגען, רייד פונעם קינד איז פאַראַן פרישקייט, צוטרוי, אויפריכטיקייט אָן אַ ברעג, אוממיטלבאַרקייט, אומשולד. דאָס איז יענע „נאַאיווקייט", וואָס מע געפינט זי אין אַ הויך־פאַראיידלטער פאָרם צווישן די שטריכן פונעם שעפערישן געני. די דאָזיקע „נאַאיווקייט" איז ניט בלויז, וואָס זי רירט, באַוועגט דאָס געמיט צו צערטלעכקייט, נאָר זי רופט אויך אַרויס אַ געפיל פון אַפּשיי.

אָט־די דאָזיקע פאַרשיידענע געפילן: רירונג, צערטלעכקייט, אַפּשיי און לעכערלעכקייט גיבן דעם קאָמיזם פונעם קינד אַן אייגנאַרטיקע באַפאַרבונג. גרויסע הומאָריסטן לאָזט זיך אַריין אין דער ספערע פון קינדערשן קאָמיזם, כדי צו פאַראיידלען און צו פאַרטיפן זייערע שילדערונגען פון „דערוואַקסענעם קאָמיזם".

אמתדיק גרויסע הומאָריסטן זעען אויך אין דער קאָמיק פון דערוואָקסענעם שטריכן — זאָל זיין צעקאָליעטשעטע, פאַרקריפּלטע, צעדרייטע — פון קינדערשער נאַאיווקייט. און דאָס פאַרשטאַרקט, פון איין זייט, דעם קאָמיזם, וואָס אינעם הומאָר וועגן דערוואָקסענע, ווייל עס מאַכט נאָך בוילעטער די „ביט־אַנטשפּרעכונג" צווישן האַנדלונג און ציל, — פון דער אַנדערער זייט אָבער פאַרשטאַרקט עס אויך דעם טראַגישן קערן פונעם הומאָר. די געוויסע פּאָזיטיווע שטריכן, וואָס זיינען פאַראַן נעבן די נעגאַטיווע, כמעט אין יעדער נאַאיווקייט — לייגן זיך אויף דער וואָג לטובת דער אויסגעלאַכטער פיגור.

כמעט אַלע דערוואַקסענע געשטאַלטן פון שלום־עליכמס הומאָריסטישער שאַפונג פאַרמאָגן אין זיך שטריכן פון קינדערשער נאַאיווקייט. אַמאָל ווידערשפּרעכיק צו אַנדערע שטריכן אין זייער כאַראַקטער, און אַמאָל אין איינקלאַנג מיט זיי.

ניט בלויז אַזעלכע געשטאַלטן ווי טביה אָדער דער פאַרכישופטער שניידער שמעון־עליע, ניט בלויז די פאַרשיידענע „גליקלעכע" און אומגליקלעכע מענטשן פון קאָדני, קאַסרילעווקע, מאַזעפּעווקע א.אַ.וו., — נאָר אפילו די מנחם־מענדלס, ווי מיר האָבן שוין אויבן אַמאָל געזאָגט.

אַלע מנחם־מענדלשע געשטאַלטן פאַרמאָגן אין זיך, ניט געקוקט אויף זייער כיטרער און חריפשער פלינקייט, — אָן אַ שיעור נאַאיווקייט. דערמיט ווערט געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז זיי זיינען ניט בלויז לעכערלעך און אומגליקלעך, נאָר אויך צום גרעסטן טייל אומשולדיק. דערמיט ווערט אַראָפּגענומען אַ היפשער טייל טענה פונעם לופט־מענטש און אַרויפגעלייגט אויף דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס פון איר וואַקסן אַזעלכע פאַרזעענישן.

דער גרויסער לאַכנדיקער פּאָעט גופא פאַרמאָגט, ווי בכלל יעדער אמתדיק גרויסער הומאָריסטישער און קאָמעדישער שרייבער, אַ היפשע דאָזע פון קינדערישקייט און „נאַאיווקייט" — אינעם הויכן באַטייט פון דעם וואָרט, אַזאַ נאַאיווקייט, וואָס איז פּיאַיק אפילו ביים וויינען צו באַמערקן מיט אַ שאַרפן, פרישן, ניט אָפּגעניצטן חוש — אַ קאָמישן שטריך, און דערביי מיט טרערן אויף די באַקן אַ לאַך צו טאָן.

3. „אַן אָרעמאַן טאָר קיין הנאה ניט האָבן"...

אָבער אויך אין דער קינדער־דערציילונג איז שלום־עליכמס הומאָר ניט ביז צום סוף קיין פריילעכער. אויך דאָ אַנטהאַלט דער קאָמיזם אַ טראַגישן קערן. די „ניט־אַנטשפּרעכונג" צווישן האַנדלונג און ציל איז דאָ טאַקע ווייניקער לעכערלעך ווי ביי דערוואַקסענע, מער פאַרענטפערט, דעריבער איז די קאָמיק מילדער. דערפון אָבער ווערן די רעזולטאַטן פונעם צוזאַמענשטויס, וואָס צווישן דעם קינדעריש־מענטשלעכן באַגערן און דער האַרבער ווירקלעכקייט אין דער פאַרשקלאַפטער געזעלשאַפט, — ניט ווייניקער ווייטיקדיק.

די סיבה ליגט דאָ ניט אַזוי ווייט אין דער באַגרענעצטקייט פון דער קינדערישער השגה, ווייל די טעותדיקייט פון דער דאָזיקער השגה איז באַרעכטיקט און נאַטירלעך, און דאָס נאַטירלעכע, נאָרמאַלע, געזעצמעסיקע איז ניט קאָמיש. זי ליגט מער אין דער „טעותדיקייט" פון דער אָרדענונג, אין דער קלאַסן־געזעלשאַפט. דערפון אָבער ווערן די ליידן פונעם קינד ניט ווייניקער פּיינפול. אויף דער קאָליזיע, וואָס צווישן דעם העלן, דורשטיקן, נאַטירלעכן צאַרטן

קינדערשן געמיט — און דער מגושמדיקער, אכזריותדיקערווירקלעכקייט, רעאַגירט דאָס קינד מיט אויסטערלישע יסורים, און דער „קאָמיזם", וואָס באַווייזט זיך דערביי אַרויס, איז טאָפּלט טראַגיש.

שלום־עליכמס קינדער־מעשׂות — געוויינלעך זיינען עס דער עיקר מעשׂות וועגן קינדער — כאָטש זיי זיינען אָנגעהויכט מיט ליבלעכן ליריזם און אָפט מיט קינדעריש־אידילישער שטימונג, האָבן כמעט שטענדיק אַ טיף־טרויעריקן אינהאַלט. ניט בלויז, וואָס זיי ענדיקן זיך געוויינלעך מיט אַן אומגליקלעכן סוף, נאָר זייער גאַנצער אינהאַלט איז אין תוך אַ טרויעריקער.

דאָס זעען מיר שוין תיקף אין דער ערשטער קינדער־מעשׂה שלום־עליכמס, טאַקע אין דער ערשטער מייסטער־דערציילונג זיינער, אין „דאָס מעסערל". דאָס אייגענע שטעלן מיר פעסט אין אַזעלכע פּערלען ווי „די פאָן", „דאָס דריידל", „דער ייִנגסטער פון די מלכים", „ראַבטשיק", „אויפן פידל", „אַ פאַרשטערטער פּסח", „באַשעפעניש", „צער־בעלי־חיים", א.אַ.וו. אַ סך ביטערקייט איז פאַראַן אין דער וואונדערלעכער דערציילונג „ביים קיניג אחשורש", וואו עס פילט זיך אַזויפיל נאַעווקייט צו די מענטשן פונעם פאָלק און אַזויפיל איראָניע צו דער גראָבקייט פון די נגידישע מיוחסים.

שלום־עליכם קלייבט זיך דערציילן אַ פריילעכע מעשׂה „לכבוד דעם פריילעכן יום־טוב פורים" — און דערציילט די עלעגישע געשיכטע „אסתּר" — וועגן דער פאַרשקלאַפונג פון די מענטשלעכע געפילן דורך דער קלאַסעווער אָרדענונג און דורך היגטערשטעליקע אינטערעסן און פאַרשטעלונגען. פון יוצא־וועגן ענדיקט ער די טרויעריקע מעשׂה מיט אַן איראָניש־פריילעכער באַטראַכטונג.

אַפילו די שטיפערישע מעשׂה „גזלנים" האָט אַ טראַגישן אונטערשלאַק. קינדער שטרעבן בטבע צו פריד, צו פרייהייט, צו ליכט. ס'קומט זיי ניט גרינג אָן אונטערצובייגן דעם קאָפּ אונטער דעם וויסטן יאָך פון דער פאַראומער־טער, זינלאָזער טראַדיציע. ווען זיי קומען אין באַרירונג מיט דער אומגעלומ־פּערטער היגטערשטעליקייט, פּראָטעסטירן זיי אויף זייער אופן, און ס'קאָסט אַ סך אָנשטרענגונג, ביז זיי ווערן איינגעבראָכן. פון דער דאָזיקער קאָליזיע באַקומט זיך קאָמיק, אָבער געוויינלעך אויך טראַגיק סיי פאַר זיי, סיי אויך פאַר די דערוואַקסענע, וואָס ווילן זיי איינשפּאַנען אין דעם זעלבן יאָך, וואָס זיי אַליין טראָגן אויפן האַלדז־און־נאַקן. דאָס איז עס, וואָס סע ווערט דערציילט אין „גזלנים".

און די „פריילעכקייט", וואָס אין דעם וואונדער־שיינעם בוך „מאָטל פּייסי דעם חזנס ייִנגל"! דער אייגנטלעכער אינהאַלט פון שלום־עליכמס דערציילונג וועגן קינדער איז דאָך אומעטום דער אייגענער: דאָס אומשולדיקע, צאַרטע קינדערשע געמיט לעכצט און איז דורשטיק נאָך אַ ביסל פרייד, אָבער אויך

דאָס נישטיקע אָרעמע ביסל פרייד ווערט אומעטום און אכזריותדיק פאַרשטערט דורך די אומגעלומפּערטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. די קליינע קינדערשע באַגערן, אַזוי גרינג צו פאַרווירקלעכן, אַך, זיי ווערן אויך ניט מקוים, און דאָס קינדערשע האַרץ ווערט גרויזאַם אַנטוישט. אומעטום אין די קינדער־דערציילונגען הערט זיך די ביטערע טענה: „גוואַלד! רבונו של עולם! פאַרוואָס קומט דאָס מיר? און פאַר ווען?...“ („די פאָן“).

אויף דער שיינקייט, אויף דעם חן, אויף דער פּאָעזיע פונעם קינדערשן נפש וויזט שלום־עליכם מיט האַרצווייטיק: די דאָזיקע וואונדערלעכע בלומען וואַקסן אין טורמע־הויף אויפן מיסט און קומען דאָרט אום! (זע „דריי קעפּלעך“). זיינע קינדער־מעשות זיינען אייגנאַרטיק־„פריילעכע“ קלאָג־לידער אויף דעם דרייפאַכיק אונטערדריקטן געטאָ־קינד: אונטערדריקט פון סאָציאַלער אומרעכטיקייט און נויט, פון באַרבאַרישער נאַציאָנאַלער שנאה, פון אָפּגעשטאַנענע טראַדיציעס און פאָראורטיילן.

אַז מע וויל, איז די געשטאַלט און די ראָלע פונעם קינד אויך אַ קינסטלערישער סימבאָל פונעם גאַנצן לעבן אין דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט. און ווי געוויינלעך אין אמתע קונסטווערק — אַ טיף רעאַליסטישער סימבאָל, וואָס הייבט אויף אפילו כלומרשט „טריוויאַלע“ שטייגער־מאָמענטן צו אַלגעמיינע אויספירן.

וועגן שלום־עליכמס קינדער־מעשות האָב איך אַמאָל (1931) אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ זייער איינזייטיקער, דעריבער פאַלשער איינשטעלונג געשריבן עטלעכע אומריכטיקע באַהויפּטונגען און אויך די סאַמע אומגערעכטע פון זיי: אַז שלום־עליכם האָט אין דער קינדער־מעשה געוויזן די פאַקטן פונעם לעבן „ביי דער אַראָפּגעשרויפטער שיין פונעם קינדערשן אַספּעקט“. דער אמת איז פונקט פאַרקערט. אין זיינע קינדער־מעשות ברעכט זיך איבער ווי אין אַ פאָקוס און באַווייזט זיך באַזונדערס שאַרף דאָס גאַנצע קאָמפּליצירטע לעבן פון די דערוואַקסענע, פון די פאָלקסמאַסן בכלל. דורכן קינדערשן געביט באַווייזט זיך שאַרפער די טראַגיק פון די דערוואַקסענע.

דאָס מינערט אָבער ניט קיין האָר אין דער אָביעקטיווער עכטקייט און זשאַנרישער זעלבשטענדיקייט פון שלום־עליכמס קינדער־שילדערונגען. שלום־עליכם האָט אין זיך אָפּגעהיט אַ באַשטימטע איידעלע נאַאיווקייט פונעם קינדערשן געמיט, וואָס האָט אים געגעבן די וואונדערלעכע פעיִקייט — אַזאַ ווי עס פאַרמאָגט יעדער גרויסער פאָלקסטימלעכער דיכטער אָן אויסנאַם — זיך איבטים איינצולעבן אין דער קינדערשער וועלט, צו זען, צו באַאָבאַכטן און צו רעאַגירן מיט דער פרישקייט פון די קינדערשע ניט אָפּגעטעמפּטע חושים,

עמפינדלעך צו רעאַגירן, אוממיטלבאַר און קאָנקרעט, אויפּצונעמען גלייכצייטיק איינדרוקן פון קאָמיק און טרויער, פון פּאָעזיע און שטייגער. שלום־עליכמס דערציילונגען זיינען פאַרן פאַרשער פונעם קינדער־געמיט אַ גאַנצער אוצר.

ביי דיקענסן, ביי מענדעלען איז די דירעקטע מאַלעריי פונעם הינטערגרונט און דער אַטמאָספער אַרום דעם קינד — טיפער. ביי שלום־עליכמען איז דאָס קינד — קינדערשער, אָן אַן ערך עכטער, גראַציעזער, און — ביי דער גאַנצער טראַגיק — אויך זוניקער, געמאָלט מיט מער וויסן וועגן דעם, ווי אַזוי אַ קינד פילט און רעאַגירט אין פאַרשיידענע אומשטענדן. און דעריבער זיינען זיינע קינדער־געשטאַלטן מייסטערישער, פולקומער.

די גרויסע אימפּראָוויזאַציע

די קונסט פון אימפּראָוויזאַציע איז אַמאָל געווען פאָלקסטימלעך און פאַרשפּרייט. נאָך אינעם 19־טן יאָרהונדערט האָט מען אין אייראָפּע געקאָנט באַגעגענען מערקווירדיק באַגאַבטע אימפּראָוויזאַטאָרן פון לידער, פּאָעמעס און אפילו דראַמעס. באַזונדערס אין איטאַליע, אָבער אויך אין דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער. זיי פלעגן אויפטרעטן אויף קאָנצערטן און אימפּראָוויזירן אויף אויפגעגעבענע טעמעס.

כאָטשע געטע און העגעל, פּושקין, טורגעניעוו, הערצען רעדן וועגן באַשטימטע אימפּראָוויזאַטאָרן פון זייער צייט מיט אויפמערקזאַמקייט און פאַרוואונדערונג, — האָט דעמאָלט די אימפּראָוויזאַציע שוין געהאַלטן אין אָפּגאַנג און איז געווען מער קונץ ווי קונסט, איר עיקר־אויפטו איז שוין באַשטאַנען אינעם פאַקט פון שאַפן עקספּראָמפּט, אָן צוגרייטונג. צווישן די יידישע בדחנים פלעגן זיך אויך טרעפן אַזעלכע דיכטעריש באַגאַבטע אימפּראָוויזאַטאָרן. מסתמא זיינען אימפּראָוויזאַטאָרן אויך נאָך איצט פאַראַן אין די פאַרשיידנסטע לענדער, באַזונדערס אָבער ביי די מזרחדיקע פעלקער, אויך אין אונדזער פאַטערלאַנד.

אָבער אין תוך איז דאָך דער דאָזיקער אופן פון קינסטלערישן אויסדרוק אַ ווייניק מאָדיפיצירט רעשטל, וואָס האָט זיך דערהאַלטן ביז היינט פונעם אורשפּרינגלעכן און אורערשטן שטייגער פון פּאָעטישן שאַפן. דער דיכטער פונעם אוראַלט צינדט זיך אָן פון אַ געפיל און רעדט באַגייסטערט, באַזעסן, אָן שום צוגרייטונג דיכטערישע ווערטער אין אַ געבונדענער פאָרם . זיי שטראָמען פון אים אוממיטלבאַר.

זינט לאַנג אָנגעזאַמלטע געדאַנקען, געפילן, בילדער, דערפאַרונגען, קריסטאַליזירן זיך מיטאַמאָל אין פערזן ביי אַ קאָנקרעטער געלעגנהייט, וואָס באַ־

גייסטערט דעם דיכטער. פאַרשטייט זיך: די באַגייסטערונג, וואָס דער אַנטי־קער מענטש האָט אין איר געזען אַ „געטלעכן״, העכער־מענטשלעכן כוח, שאַפט ניט די „סובסטאַנץ״ פונעם ליד, זי צינדט בלויז אָן דאָס שעפערישע געמיט, רופט אַרויס דעם לאַנג־אָנגעזאַמלטן דיכטערישן שטאָף, שמעלצט אים איינ־הייטלעך דורך און פורעמט אים אויס צו גרעסטער ווירקזאַמקייט.

אין דער כלומרשטער „לייכטקייט״ און ווירקלעך גרויסער אוממיטלבאַר־קייט פון שלום־עליכמס שאַפן, אינעם פריידיק־באַזעסענעם, משונהדיק רייכן פאַ־בולירן, אין זיין גיכן אַבסאָלוט טרעפלעכן פאַרקניפּן רייד און בילדער קאָן מען דערקענען שטריכן פון עפּעס אַ מין געניאַלן „אימפּראָוויזאַטאָר״, אין וועלכן עס לעבט די פּאָעטיש־זאָגערישע באַגייסטערונג פונעם אוראַלט־דיכטער, כאָטש זי איז געפורעמט דורכן לעבן און דורך דער קולטור פון דער נייסטער צייט און כאָטש איר טעמע איז ניט די העראָאישע, נאָר די קאָמישע. לויט אַריסטאָ־טעלן איז דאָך די קאָמעדיע אַנטשטאַנען פון אימפּראָוויזאַציע.

שלום־עליכמס ווערק מאַכן אָפט דעם איינדרוק ווי אַ מין אידעאַלע אימ־פּראָוויזאַציעס, דערהויבענע ביז צו פולקומער הויכער קונסט. דער איינדרוק ווערט פאַרשטאַרקט דורך דער אויסטערליש אוממיטלבאַרער — מע פלעגט אָפט אַמאָל זאָגן „סאָמנאַבולישער״ — זיכערקייט, מיט וועלכער דער דיכטער באַוועגט זיך אויף די געפערלעכע און אָפט גליטשיקע סטעזשקעס פון שטיי־גערישער קאָמיק, רייצט אונדז ווירקלעך צום לאַכן אויף שריט און טריט, — און דאָס איז דאָך שוין ניט קיין קלייניקייט, — און דערגייט אויף אַזאַ לאַכנדיקן אופן ביז צום עמפּינדלען און באַווייזן די טראַגישע אַטמאָספער פון וועלט־היס־טאָרישן איבערבראָך אינעם לעבן פון דער געזעלשאַפט אין זיין צייט.

ווער סע וועט האַלטן די דאָזיקע פעסטשטעלונג (וועגן די שטריכן פון הויכער „אימפּראָוויזאַציע״ ביי שלום־עליכמען) פאַר ריזיקאַליש און ניט גענוג באַגרינדעט — וועט לפּחות ניט קאָנען באַשטרייטן, אַז שלום־עליכם סטילי־זירט די פאָרם פון אימפּראָוויזאַציע. שלום־עליכם לאָזט שטענדיק דערציילן אַ שטייגערישן דערציילער, און דער שטייגערישער דערציילער איז דאָך שטענ־דיק אַן אימפּראָוויזאַטאָר, זיין מעשה איז שטענדיק אַן אימפּראָוויזירטע.

ווי געזאָגט: קיינעמס סטיל אין דער יידישער ליטעראַטור איז ניט אַזוי נאָענט צום דערציילערישן נוסח פון אַ יידן פון אַ גאַנץ יאָר, ווי דער סטיל פון שלום־עליכמס פּראָזע, און אין דער אייגענער צייט איז קיינעמס סטיל ניט אַזוי (אויף אַ פאַרבאָרגענעם אופן) איבערגעאָנדערשט. והא־ראיה, זייער אַ סך האָבן געפּרואווט אים נאָכמאַכן, און קיינער האָט זיין סוד ניט געטראָפן. אויב שלום־

עליכם אימפּראָוויזירט ניט (אין דעם זינען, ווי מיר האָבן דאָס אויבן געשריבן), דאַן סטיליזירט ער אימפּראָוויזאַציע. אַזוי צי אַנדערש, ווייזט דאָס אויף זיין גרויסער אוממיטלבאַרער נאָענטקייט צום קוואַל פונעם פאָלקסטימלעכן שאַפן.

אין די געוויסע שטריכן פון „אימפּראָוויזאַציע" — אַלצאיינס ווי מען זאָל דאָס ניט פאַרשטיין — ליגט אַ גרויסער כוח, אָבער אויך איינע אַ שוואַכע זייט שלום־עליכמס. יעדער מין „אימפּראָוויזאַציע", זאָל זיין די סאַמע אידעאַלסטע, שליסט אין זיך איין אַחוץ דער אויסערגעוויינלעך שאַרפער וואַכיקייט פון געפיל און געדאַנק אויך אַ גרעסערע דאָזע אומבאַוואוסטזינקייט און „אינסטינקטיווקייט" פונעם שעפערישן פּראָצעס איידער ווי געוויינלעך דאָס ניט־אימפּראָוויזירטע שאַפן.

גראָד אין דער פייאיקייט אוממיטלבאַר צו אימפּראָוויזירן, אוממיטלבאַר צו זאָגן דעם הויכן סינטעטיזירטן אמת אין דיכטונג, רעדע און שטראָף־רייד, האָט דער אַנטיקער מענטש געזען אַן אומבאַוואוסטזיניקע געטלעכע און שרעק־לעכע באַזעסנקייט, וואָס האָט אים געפּלעפט און האָט אויף אים געמאַכט דעם מוראדיקן איינדרוק. דער פּחד און די געטלעכע פאַרערונג פאַרן נאַווי שטאַמט אין אַ היפּשער מאָס פון זיין פייאיקייט פּלוצים און ניט־צוגעגרייט „צו זאָגן" די צוקונפט („נבא" הייסט: זאָגן, אָדער ווען ס'רעדט עפּעס — דער „רוח אלהים" — אַרויס פון עמעצן, אַשטייגער ווי דער מענטש וואָלט געווען משוגע *), די זעלבע געטלעך־„משוגענע" באַזעסנקייט האָבן די אַנטיקע גריכן געזען אין די ניט־אויסגעלערנטע, ניט־געגרייטע, פּלוצימדיקע פערזן פונעם דיכטער („פּאָעזיע" — הייסט „שאַפונג", און זי ווערט געבראַכט אין פאַרבינ־דונג מיטן געטלעכן „דיימאָן", מיט דער „מאַניע" — דער געטלעכער באַ־זעסנקייט).

„אימפּראָוויזאַציע", עכטע אָדער רעפּראָדוצירטע, איז יעדנפאַלס מער פאַרבונדן מיט דער וועלט־עמפינדונג איידער ווי מיט דעם וועלט־באַוואוסטזיין, והא־ראיה: די לייכטקייט, מיט וועלכער עס ווערט אַרויסגעזאָגט אַ קלאָר און ביז צום סוף באַטראַכטער געדאַנק אָדער אַ פאַרבאַוואוסטזיניקט געפיל — האָט ניט אין זיך קיין סימנים פון דעם, וואָס מיר רופן אימפּראָוויזאַציע. די לייכט־קייט פון דער אימפּראָוויזאַציע איז פון אַן אַנדער מין. זי איז, אָן ספק, נאָך מער פאַרבונדן מיט דעם זינלעכן פאָרשטעלן און פילן, איידער ווי געוויינלעך דאָס קינסטלערישע שאַפן. „אימפּראָוויזאַציע" אין דעם זינען, ווי מיר פאַר־שטייען עס, פאַרמאָגט אַ גרויסן כוח, אָבער אויך עפּעס־וואָס פון ניט שטאַנד־האַפטיקייט, פון ניט־ענדגילטיקייט.

---

* „משוגע" און „איש הרוח" (דער מענטש, אויף וועלכן ס'איז אָנגעקומען „גאָטס גייסט") זיינען כמעט סינאָנימען.

אַ הויפּט־געפאַר פאַרן פּאַטעטישן און טראַגעדישן דיכטער איז די אויפ־געבלאָזנקייט. פאַרן קאָמעדישן און הומאָרישן שרייבער, — אַז ער זאָל זיך ניט אויסגליטשן און אַריינפאַלן אין שטייגערישער טריוויאַליטעט און באַנאַלקייט. אפילו וועגן דעם דיכטער־ריז שעקספּיר זאָגט העגעל: „שעקספּיר האָט...ווירקלעך פאַרמאָגט אַ גרויסן און טיפן הומאָר, און פאָרט פעלן אויך ביי אים ניט קיין פלאַטשיקע שפּאַסן.״* שלום־עליכמס שאַפן איז ניט פריי פון איבער־פלעכלעכע און אויך טריוויאַלע ערטער, — כאָטש ער פלעגט זיך זייער באַמיען דאָס אויסצומיידן. באַזונדערס טרעפט זיך אַזוינס אין די פאַרשיידענע באַ־טראַכטונגען, וואָס באַגלייטן די בילדער. דאָס האָט אַ שייכות צום מאָמענט פון „עקספּראָמפּט״ אין דער „אימפּראָוויזאַציע״.

און אַ שייכות האָט דאָס — סוף־כל־סוף — צו דעם דרוק פון דער פיליס־טערישער סביבה אויף דעם געניאַלן דיכטער, צו דער באַשטימטער הילפלאָזי־קייט און ניט־שטאַנדהאַפטיקייט אין פראַגן פון וועלט־אַנשויאונג, וואָס זיין געני האָט זיי שטענדיק געדאַרפט בייקומען און האָט זיי טאַקע געוויינלעך בייגע־קומען. אָבער עס זיינען ביי אים צומאָל פאַרבליבן רעשטן פון קליינבירגערלעכע פאָרשטעלונגען. ער האָט געמאָלט אַ ניט־שטאַנדהאַפטיקע וועלט, אַ פעריאָד פון גרויסן איבערבראָך אין דער מענטשלעכער געשיכטע, שטייענדיק אַליין גאַנץ אָפט אויף אַ ניט זייער שטאַנדהאַפטיקן באָדן.

מיינסטנס האָבן זיינע אמתדיקע בילדער פון דער ווירקלעכקייט קאָרעגירט יענע איינצלנע רעשטן פון „קליינע השגות״ און צונישט געמאַכט זייער ראָלע אינעם ווערק. ס׳איז קליינלעך און נאַריש צו באַשטימען דעם זין פון שלום־עליכמס שאַפן גראָד דורך יענע איינצלנע באַלעבאַטישע עלעמענטן, וואָס האָבן געשפּענסטערט אין די אַנשויאונגען פונעם גרויסן קינסטלער, אָדער דורך איינצלנע קינסטלעריש ניט געראָטענע ווערק און ערטער, וואָס פאַרנעמען אין זיין אמתדיקער שאַפונג אַן אומבאַדייטנדיק אָרט און וואָס זיינען פאַרן רעזול־טאַט פון זיין לעבנס־ווערק גענוג גלייכגילטיק.

מאַסגעבנדיק פאַר דער אָפּשאַצונג, פונקט ווי ס׳איז געווען פאַר זיין שאַפן גופא, איז יענער טיפער זין, וואָס איז געווען דער גרונט, די פאָראויסזעצונג פאַר זיינע פילע מייסטער־ווערק, יענער זין, וואָס האָט שטענדיק אָנגעפילט זיין געמיט און וואָס צומאָל האָט ער אים בפירוש אַרויסגעשטעלט אַלס ציל פון זיין שאַפן.

---

* „עסטעטיק״, אַזוי ווי פריער, ז. 304.

דער טאַלאַנט פונעם פאָלק

1. דער אורשפּרונג פון שאַפערישקייט

„אַזעלכע טאַלאַנטן ווי סטעמפּעניו, ווי יאָסעלע וכדומה זיינען ביי אונדז דאָ לרוב. נאָר זיי ליגן באַגראָבן ערגעץ אין אַ העק, נישט צו אָנקוקן די ליכטיקע וועלט. און אַז עס כאַפּט זיך שוין יאָ אַמאָל אַרויס איינער פון צען טויזנט, וואָס באַווייזט זיך אַרויס מיט זיין פייער, פאַרשטייט אים קיינער נישט ביי אונדז. פילן פילט מען אים, נאָר פאַרשטיין פאַרשטייט אים קיינער נישט. דעריבער איז זיין לעבן צומייסטן אַזאַ טרויעריקס. זיין נסיעה אויף דער וועלט איז אַזוי אינטערעסנע, אַז ס׳איז כ׳לעבן כדאַי זיך מיט אים צו באַקענען פון דער נאָענט.״

(שלום־עליכם: „אַ בריוו צו אַ גוטן־פריינט״).

אין די פאַראומערטע, קליינלעכע, קבצנישע, פון אַלע זייטן צונויפגעקלעמטע פאַרהעלטענישן, אין וועלכע עס לעבן שלום־עליכמס מאַסן, ווערט פאַרשטערט זייער שפּרודלענדיקע לעבנספרייד, זייער שוואונג ווערט געפּענטעט, די גרויסע געפילן ווערן צעטאָפּטשעט.

און דאָס סאַמע ערגסטע: דער שעפערישער געניוס פונעם פאָלק זיצט אין קייטן. דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק איז דאָך דער אמתדיקער באַשעפער פון אַלץ, וואָס העגט און גייסט האָבן אויפגעטאָן, באַמיען זיך די עקספּלואַטאַטאָרס דאָס דאָזיקע שעפערישע פייער צו פאַרלעשן.

קיין שום אונטערדריקונג איז ניט ביכולת דאָס פייער צו דערשטיקן. ס׳טליעט שטענדיק, זאָל זיין פאַרשאָטן מיט אַש, און ווי נאָר די מינדסטע שפּאַרונע, רייסט עס זיך אין דער הייך, פלאַקערט אויף, ראַנגלט זיך, באַווייזט וואונדער איבער וואונדער, באַלייכט איטלעכס מאָל העלער די וועלט און דאָס לעבן — און ווערט ווידער און ווידער פאַרשאָטן און געשטיקט. אַזוי גייט אָן דער שטענדיקער קאַמף, און די שעפערישע ענערגיע פונעם פאָלק קאָן זיך ניט פריי אויפהייבן צו די העכסטע הייכן, אַזוי לאַנג עס ווערט אויסגענוצט און אונטערדריקט איין מענטש דורכן אַנדערן צוליב עגאָאיסטישע צילן.

שלום־עליכם געהער צו די גרויסע מענטשן, וואָס האָבן טיף דערפילט דעם אמת וועגן דעם אורשפּרונג פון יעדער שאַפערישקייט — אַז זי ליגט אין די מאַסן פונעם פאָלק. זיין גרויסקייט באַשטייט טאַקע דערין. אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס דער זין פון זיין גאַנצן שאַפן: צו באַווייזן די געניאַלישקייט פונעם פאָלק — ווי זי איז געפּענטעט און מוראַדיק צעקאַלעטשעט דורך די באַרבאַרישע פאַרהעלטענישן. אומעטום רעדט ער נאָר וועגן דעם. זיין שאַפן

איז אַ משונהדיק אייגנאַרטיקער געזאַנג וועגן דעם געפּענטעטן פּראָמעטיי, וואָס רויבפויגלען רייסן שטיקער פון זיין האַרץ.

טביה דער מילכיקער איז דאָך אַחוץ אַלע אַנדערע אייגנשאַפטן זיינע — אַ משונהדיק אָריגינעלער דערציילער. אַ דערשיטערנדיקער באַווייז אויף די קינסטלערישע און ניט־פאַרווירקלעכטע כוחות, וואָס שטעקן אינעם פאָלק.

שלום־עליכמס סטיל בכלל איז דאָך סך־הכל די קינסטלערישע אויסביל־דונג פונעם ווירקלעכן טביהס נוסח רעאַליסטיש צו דערציילן וועגן דער קעגנ־וואַרט. (אין קעגנזאַץ צו יענעם אַנדערן מין פאָלקסטימלעכן דערציילן, ווען דער אינהאַלט איז פאַנטאַסטיש און די פאָרם אַרכאַאיש־סטיליזירט — אין דער לעגענדאַרישער מעשה, וואָס איז שטענדיק שטאַרק פאַרבונדן מיט אַלטע טעמעס און טראַדיציעס.)

שלום־עליכם האָט זיך דערגרונטעוועט צום וועזן. ער האָט געפּאַקט דעם טעם, דעם זין פונעם פאָלקסטימלעכן אופן דערציילן און האָט עס פאַרטיפט און אַנטוויקלט. אָבער ווען עס רעדט דער גליקלעכסטער פון קאָדני, איז זיין רעדן שטייגעריש עכט. אויך אינעם ווירקלעכן לעבן איז זיין „שמועסן״ פול מיט אַרטיזם. מאָטל פּייסיס רייד זיינען אין אַ היפּשער מאָס דעם דיכטערס רייד, אָבער ניט אין קיין קלענערער — טאַקע דעם ייִנגלס, מאָטלס, דער־ציילערישע רייד.

און די פעטער פּיניעס, די עליעס און אפילו די מנחם־מענדלס — צי פאַרמאָגן זיי ניט סימנים פון חריפות, עמפּינדלעכקייט, באַגאַבטקייט, פליינ־קייט און אַרטיזם — כאָטש זיי פאַרקריכן אין אַן אומגליקלעכן טעמפּן ליקל און גייען לאיבוד?

די שעפערישע ענערגיע איז דאָ צעקאַליעטשעט און צעהרגעט און זעט לסוף אויס ווי אַ פאַרזעעניש, אָבער די מנחם־מענדלס פאַרמאָגן דאָך אָן אַ שיעור לעבנסדורשט, אָפּטימיזם, אַ זייער רירעוודיקע פאַנטאַזיע, אַ לעבעדיקן שאַרפן פאַרשטאַנד, וואָס כאַפּט גיך אויף, באַנעמט גיך, קאָמבינירט גיך, טראַכט צו גיך — כאָטש טאַקע ביי דער גאַנצער נאַאיוועד כיטרעקייט זייער ניט געראָטן.

מנחם־מענדל איז דאָך עפּעס אַזאַ מין סטעמפּעניו, וואָס האָט גראָד קיין שום ביסל קלעזמעריי ניט געלערנט און בכלל גאָרניט געלערנט — און ער שפּילט אויף זיין הוילער פאַנטאַזיע און אויף קיין שום שטיקל ממשות ניט. מע קאָן זיך דאָס פאָרשטעלן, וואָס פון די מנחם־מענדלס וואָלט געוואָרן, ווען די עלעמענטן פון שעפערישער באַגאַבטקייט וואָלטן ביי זיי באַקומען אַ פרייע און ריכטיקע אַנטוויקלונג. וואָס דען אַנדערש איז מנחם־מענדל, אויב ניט אַ משונהדיק פאַרקריפּלטער טאַלאַנט, צענעזיקט, צעקוועטשט, דעפאָרמירט ביז ניט צו דערקענען, ביז כוחה־ותלולה, וואָס דען איז זיין טראַגעדיע? און אפילו

די כל־המיני שדכנים, קאָמיוואָיאַזשאָרישע שטיפערס און אַנדערע פריילעך־קבצנישע לופט־מענטשן — זיי אַלע פאַרמאָגן דאָך אַן אַרטיסטישן אָדער, דאָס זיינען דאָך זייער אָפט — צעטראָטענע אַרטיסטן.

אַממייניסטן וויטיקט שלום־עליכם פאַר דער פאַרקריפּלונג פונעם אייגנט־לעכן קינסטלערישן כוח. פון סאַמע אָנהייב אָן האָט שלום־עליכם דעם שאַרפסטן בייגער און אינטערעס פאַר יעדער אַרויסווייזונג פון קינסטלערישער שעפע־רישקייט (און באַגייסטערונג פאַר איר) ביים פאָלק, פאַר זיין דורשט נאָך שיינקייט, פאַר זיין שטרעבן צו דערהויבענעם שוואונג. ער רעדט וועגן דעם פון אָנהייב אָן מיט צערטלעכע אינטימע לירישע ווערטער.

די קינסטלערישע ענערגיע באַקומט צומאָל אינעם מוראדיק־קליינלעכן און צעקוועטשטן לעבן משונהדיקע פאָרמעס, זי באַווייזט זיך, אַזוי ווי זי קאָן, אַזוי ווי ס'איז מעגלעך — און שלום־עליכם באַגייסטערט זיך כמעט אין אַלע זיינע ווערק, אויף אַ דירעקטן אָדער אומדירעקטן אופן — פאַר אַלע אַרויס־ווייזונגען פון קינסטלערישער נטיעה און שעפערישקייט אינעם לעבן פונעם ידישן פאָלק. מיט זיין שאַרפן און ליבעפולן אויג דערזעט ער זיי אומעטום, וואו זיי זאָלן ניט זיין און ווי זיי זאָלן ניט זיין דעפאָרמירט דורך אומבאַהאָלפנ־קייט, צעקוועטשט פון ענגשאַפט, דורך אַ לעפּיש לעבן, פאַרשאָטן מיט דורות־דיקן שטויב, פאַרלייגט מיט אָפּגעשטאַנענע השגות און טראַדיציעס.

למשל. קיין זעלבשטענדיקע מוזיק־קולטור (אַן אומאָפּהענגיקע פונעם ריטואַל) האָט אין דער סביבה פונעם געטאָ ניט געקאָנט אויפקומען, די מוזי־קאַלישע שעפערישקייט האָט זיך געקאָנט רעאַליזירן אַחוץ אין דער פאָלקלאָר־מעלאָדיע נאָר אינעם קלעזמערישן שפּילן (געוויינלעך אויף חתונות און שמחות) אינעם זמירותדיקן ניגון און אַזוי צי אַנדערש — אינעם זינגען פונעם חזן.

דער פאָלקס־מענטש האָט געזוכט צו באַפרידיקן זיינע מוזיקאַלישע באַ־דערפעניש דאָרט, וואו ס'איז ביי זיין דעמאָלטיקער לאַגע מעגלעך געווען. זאָל זיין דורך חזנות. דער פאָלקס־מענטש האָט געשעפּט חיות ניט אַזוי ווייט פונעם ריטואַלן באַטייט פון זמירות און חזנישער מוזיק, ווי פון זייער קינסטלערישן באַטייט. דער ריטואַלער צוועק אינעם חזנות, אינעם ניגון, איז פאַר דעם פאָלקס־מענטש נאָר אָפט און געוויינלעך געווען אַ בייזאַך, אַן אויסערלעכע געלעגנהייט פאַרן קינסטלערישן קערן.

און דאָס איז טאַקע אָפט אויך אַזוי געווען אפילו ביים טאַלאַנטפולן חזן גופא: דאָס רעליגיעזע — דער עיקר אַן אויסרייד, אַ געלעגנהייט אויף אויס־צודריקן זיינע מוזיקאַלישע אידייען, ניט זעלטן — אפילו אין ווידערשפּרוך צום קולטישן זין. עפּעס ענלעכס צו דעם, וואָס מיר זעען אין באַשטימטע

מאָלערייען פונעם מיטלאַלטער (באַזונדערס אין דער צייט פון רענעסאַנס) וואו דער קינסטלער באַנוצט די היסטאָריש־באַדינגטע רעליגיעזע מאָטיוון אויף אויסצודריקן קינסטלערישע באַדערפעענישן און וועלטלעכע אידייען, צומאָל דווקא שטאַרק ווידערשפּרעכלעכע צו די רעליגיעזע.

קיינער איז ניט געווען אַזאַ מבין אויפן חזנס שטיק, אויף די פיינקייטן פון דער קאָמפּאָזיציע און פונעם אופן אויספירן, קיינער איז ניט געווען אַזאַ באַגייסטערטער הערער זיינער ווי דער שניידער און שוסטער. „צווישן שניי־דערס און צווישן חזנים — דאָס ווייסט, דאַכט זיך, קיינער ניט אָפּלייקענען — איז פאַראַן עפּעס אַ מין שייכות, אַ מיר התקרבות פון דער נאַטור: קיינער נעמט ניט איבער אַזוי גיך דעם חזנס „אַ שטיקל", ווי דער שניידער, און קיינער וועט זיך נישט אַוועקזעצן אינמיטן העלן טאָג זינגען „יעלות", ווי דער שניי־דער; עס איז שוין אַזוי איינגעפירט אין דעם מנהג פון דער וועלט, קאָן דאָס מסתמא שוין אַנדערש ניט זיין" („יאָסעלע סאָלאָוויי", אינעם וואַריאַנט פון „די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", 2, 1889, ז. 1—2).

אויב דער מוזיקאַלישער טאַלאַנט האָט ביי די דעמאָלטיקע באַדינגונגען געקאָנט ווערן נאָר אַ קלעזמער אָדער אַ חזן און האָט אין די חזנישע און קלעזמערישע שטיק אַריינגעלייגט די מוזיקאַלישע שעפערישקייט, דעם טרוים און די פּאָעזיע פון זיין געמיט — האָט דער „פּשוטער עולם" דאָס אַלץ אַריינ־געלייגט אין די באַוואוסטע אומבאַהאָלפענע געשפּרעכן וועגן דער קונסט פונעם קלעזמער און חזן.

שלום־עליכמס ווערק אַנטהאַלטן אַ רייכן מאַטעריאַל וועגן דער פאָלקס־טימלעכער וואָקאַלער און אינסטרומענטאַלער מוזיק ביי יידן. און אַפילו וועגן פאָלקסטימלעכער טאַנץ־קונסט. קיין שום פאָרשער פון די דאָזיקע געביטן קאָן ניט פאַרבייגיין די ידיעות, וואָס מע קאָן וועגן דעם געפינען אין די ווערק שלום־עליכמס. מיט וויפל אינטערעס און באַגייסטערונג רעדט ער וועגן די טאַלאַנטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין די שטעטלעך אַלס חזנים. „פון קינדוויייז אָן האָט ער (יאָסעלע סאָלאָוויי, דער העלד פונעם גלייכנאָמיקן ראָמאַן; אגב, אַ ווירקלעכע היסטאָרישע געשטאַלט—וו. מ.) זיך אָנגעהערט ביי שמואליקן אין שטוב פאַרשיידענע מעשות פון וועלט־חזנים, וואָס האָבן זיך קונה־שם געווען מיט זייער זינגען, און זייער נאָמען איז נאָכדעם פאַרבליבן אויף אייביק צווישן יידן, די דאָזיקע מעשות וועגן הערשעלע דאָס יינגעלע, וועגן דעם ווילנער באַלעבעסל, זועגן אַרקע פידלער וכדומה האָבן אים ניט געלאָזט צו רו, און ער פלעגט טראַכטן וועגן זיי טאָג און נאַכט" („יאָסעלע סאָלאָוויי").

פון שלום־עליכמס ווערק קאָן מען צונויפשטעלן אַן ענציקלאָפּעדישן פּראָ־גראַם־צעטל פון נעמען אויף צו באַהאַנדלען דעם מין פאַרגעסענע קינסטלער,

וואָס זייַנען אין ערגעץ ניט אָדער זעלטן פאַרצייכנט און וואָס האָבן אויף זייער אופן אַרויסגעבראַכט דאָס גאַרעניש פון די מאַסן נאָך קונסט און שיינקייט. שלום־עליכם דערמאָנט די נעמען פון די ניסי בעלזער, ירוחם הקטן, פּיני (פּיציע) ראַזומנע, קאַרמיאַל, בצלאל, דעם לעגענדאַרן יואל־דוד („דאָס ווילנער באַלעבעסל״), הערשעלע דאָס ייִנגעלע, אַרקע פידעלע („דער וויטעבסקער״), באַכמאַן, בעני, סענדער מירער, כעזקעלע, עליע־דוד טשערניגאָווער, דער שקודער חזן, קאַנאַריק, דוד כמעלניקער, דער קרוטיער חזן (ניסיעס זיידע), אברהם חסיד פון לעמבערג, קאַשטאַן, יאָסעלע סאָלאָוויי, ברוך קאַרלינער א.אַ.וו. א.אַ.וו. ער רעדט וועגן די דאָזיקע ביי די מאַסן פּאָפּולערע זינגערס און קאָמפּאָזיטאָרן מיט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער פּיעטעט. ער זעט אין זיי פאַרשטעלטע פאָלקסקינסטלער.

„איך וואָלט אָבער זיין אַ בעלן צו וויסן, וויפל גרויסע מענטשן, אַרטיסטן, פּאָעטן, קינסטלער געפינען זיך אויף דער גרויסער וועלט, וואָס קומען אַרויס טאָקע פון אָט־די קלעזמער מיט אָט־די משוררימלעך? און וויפל גרויסע מענטשן, אַרטיסטן, אמתע טאַלאַנטן זיינען ביי אונדז פאַרפאַלן געוואָרן און גייען לאיבוד נאָך עד־היום?...״ (ש.־אַ. — „אַ בריוו צו אַ גוטן־פריינט״).

אמתדיקע פאַרליבטקייט ווייזט שלום־עליכם צו די פּורים־שפּילן, צו די פאָלקסטימלעכע פאַרשטעלענישן און אימפּראָוויזאַציעס. מיר זעען דאָס אין דער נאָוועלע „ביים קיניג אחשורש״, וואָס איז שיין ביז צום וויינען, אין דער פּראַכטפולער נאָוועלע „די גאָלדשפּינער״ און אין אַן אַ שיעור בילדער, וואָס זיינען צעוואָרפן אין אַלע זיינע ווערק, ווי, למשל, אין „פּונעם יאַריד״ וועגן די פאַרשטעלענישן און שפּילן פון מאיר מעדוועדעווקער מיטן יונגן שלום־עליכם א.אַ.וו. א.אַ.וו.

קיין ייִדישער שרייבער האָט ניט אַזוי טיף דערפילט דעם הויכן כאַראַקטער פון פאָלקס־קונסט אין דער קלעזמערישער מוזיק, קיינער האָט ניט גערעדט וועגן איר מיט אַזאַ גרויסער ליבע, קיינער ביז צו אים האָט זיך ניט משער געווען, אַז אינעם קלעזמער קאָן שטעקן גרויסער טאַלאַנט און אפילו אַ גע־ניאַלישער מוזיקאַנט. קיינער האָט ניט גערעדט מיט אַזאַ דרך־ארץ ווי שלום־עליכם וועגן די קלעזמאָרים סטעמפּעניו, פּעדאָצור, נאַפּטאָלצע בעזבאָראָדקע, אברהם קלעזמער פון רזשישטשעוו („פּונעם יאַראַד״), וועגן שייקע פייפער, דעם ווילנער באַס, וועגן פאַרשיידענע קאָמפּאַניעס קלעזמאָרים (אין דער נאָוועלע „אויפן פידל״, וועגן קאַפּעלעס פון זינגערס און שפּילערס („אין בלאָנדזנדע שטערן״). מען קאָן אַזוי דאָס צעטל ציען אָן אַן עק. „קוקנדיק אויף דער דאָ־זיקער פון גאָט געבענטשטער, נאָר אָרעמער קאַפּעלע, קומען אים (ראַפּאַלעס־קאָן, אין אמתן שלום־עליכמען, פאַרשטייט זיך,—מ. וו.) אויפן קאָפּ אַלערליי מחשבות. אין דער גאַנגער צייט פון זיין נע־ונד זיין אויף דער וועלט האָט ער

זיך שוין אָנגעזען גענוג טאַלאַנטן, וואָס וואַלגערן זיך ביי אונדז אויפֿן מיסט" („בלאָנדזשנדע שטערן").

שלום־עליכם געהערט צו די סאַמע ערשטע זאַמלערס פֿונעם יידישן פֿאָלק־לאָר־ליד. ער געהערט צו די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו פֿאַרעפֿנטלעכן דעם גרויסן פֿאָלקסטימלעכן אוצר און אויך אַנדערע אַריינצוציען אין דעם דאָזיקן ענין. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס און פֿאַרשטאַנד פֿאַר די געשטאַלטן און פֿאַרן שאַפֿן פֿון די פֿאָלקסטימלעכע און פּאָפּולערע שפּאַס־מאַכער, דערציילער און מאַרשעליקעס; העַרשעלע אָסטראָ־פּאָליער, שלמה לודמילער, שמואל לענטשיצער, יאָסעלע מאַרשעליק, גאָדיק בדחן פֿון גאָנטעיאַרסק א.אַ.וו. דערין באַווייזט זיך זיין אָפּשיי און ליבע צום גרויסן אַנאָנימען אָדער כמעט אַנאָנימען דיכטער פֿונעם פֿאָלק.

אגב: די פֿאָלקס־קונסט און קינדער־קונסט גייט ביי אים אָפּט איין גאַנג. די אַנאַלאָגיע ליגט אין דער פֿריש־שפּרודלענדיקער שעפֿערישקייט, אין דער געוויסער נאַאיווער געניאַלישקייט, וואָס ליגט אַמאָל אינעם פֿרייען, פֿונעם פּאַראומערטן לעבן נאָך ניט צענעזיקטן געמיט און קומט צום אויסדרוק אין וואונדערלעכע איינפֿאַלן, דערפֿינדונגען, שפּילן, המצאות, אויסטראַכטעניש, שטיק — און אויך אינעם דערציילן (פֿאַרגלייך — די ביאָגראַפֿישע געשטאַלט פֿונעם ליבלעכן טרוימער, דיכטער און מעשות־דערציילער שמואליק דעם יתום, וואָס שלום־עליכם רעדט וועגן אים אין „פֿונעם יאַריד" מיט אַזאַ האַרצ־לעכער און עלעגישער ליבשאַפֿט און וואָס איז אַזוי אייגנאַרטיק איבערגע־פֿורעמט אין דער געשטאַלט פֿונעם יינגלשן דערציילער מאָטל פּייסי דעם חזנס).

שלום־עליכם דערזעט די פֿאָלקסטימלעכע באַגאַבטקייט אומעטום, וואו זי געפֿינט זיך — אין דער פֿייאיקייט צו האַלץ־שניצערייען, וואָס באַווייזט זיך פּלוצים ביי אַן אָרעם יינגל אומגעריכט און צווינגט אים, כמעט קעגן זיין ווילן, צו רעאַליזירן זיין טאַלאַנט, זאָל זיין אויף אַ נישטיקן אופֿן — אויף שניצן אויס־טערליש קונציקע המן־קלאַפּערס. און מיר זיינען זיך משער: אין דעם דאָזיקן הונגעריקן יינגל פֿון „גאָלדשפּינער" ליגט באַהאַלטן ווער ווייסט וואָסער גרוי־סער סקולפּטאָרישער טאַלאַנט. שלום־עליכם זעט די פֿאָלקסטימלעכע באַ־גאַבטקייט אין יעדער מייסטערישער האַנדלונג, ניט נאָר אינעם שניצן, מאָלן א.אַ.וו., און אומעטום, וואו ער דערזעט זי, איז זי אים טייער, פֿילט ער אין איר אַן אַ שיעור חיות.

און אפֿשר מער פֿאַר אַלץ האָבן שלום־עליכמען צוגעצויגן דער פֿאָלקס־טימלעכער, דעמאָלט נאָך האַלב־באַלאַגאַנישער יידישער טעאַטער און די קאָ־לאָרישע געשטאַלטן פֿון די קאָמעדיאַנטן און טעאַטער־מענטשן. כמעט ביים אָנהייב פֿון זיין שאַפֿן באַשעפֿטיקט אים שוין די דערשיינונג פֿונעם קאָמעדיאַנט האָצמאַך (אין דער העברייאיש־געשריבענער דערציילונג „שימעלע") — און

מער ווי צוויי צענדליק יאָר שפּעטער קערט ער זיך אום צו דער זעלבער טעמע אין „די בלאָנדזנדע שטערן“.

פון זינט זיינע כמעט ערשטע ליטעראַרישע טריט אָן איז שלום־עליכם באַצויבערט פון דער פאָרשטעלונג וועגן דעם גרויסן אַנאָנימען פאָלקסטימלעכן טאַלאַנט. פון אָנהייב אָן איז ער ווי צוגעזאָטן צו דעם מין געשטאַלטן. ער פּרוּווט זיי קינסטלעריש פאַרקערפּערן אינעם קלעזמער סטעמפּעניו, אינעם חזנישן זינגער יאָסעלע סאָלאָוויי, אינעם אַקטיאָר האָצמאַך („שימעלע“) און — דערנאָך — אין אַ גאַנצער ריי אַקטיאָרן־געשטאַלטן מיט ראַפאַלעסקאָ אין דער שפּיץ. שטענדיק קערט ער זיך אום צו דער דאָזיקער טעמע, סיי אין זיינע קינסטלער־ראָמאַנען, סיי אין אָן אַ שיעור ערטער פון זיינע ווערק.

די געשטאַלט פונעם פאָלקסטימלעכן געני האָט אים פאַרפאָלגט זיין גאַנץ לעבנלאַנג. דאָס זיינען אין זיין שאַפן — אַחוץ טביהן — כמעט די איינציקע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן פּאַטעטישן און העראָאישן שוואונג, כמעט די איינציקע מענטשן, וואָס ווערן געוויזן אין זייער אַנטוויקלונג און אין זייער שטרעבן צו אַ גייסטיקן ציל. דאָס באַטייט, אַז שלום־עליכם האָט די דאָזיקע געשטאַלטן צוגעצײלט צו יענעם זעלטענעם מין, וואָס מע קאָן אין זיי זען טרעגער פאַר פּאָזיטיווער באַגייסטערונג — אפילו אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

שלום־עליכמס ליבע צום זשאַנר קינסטלער־ראָמאַן איז ניט געווען קיין גליקלעכע. די דריי קינסטלער־ראָמאַנען געהערן ניט צו זיינע סאַמע בעסטע ווערק. זיין באַגייסטערונג פאַרן פאָלקסטימלעכן קינסטלערישן שאַפן קומט צום אויסדרוק אַ סך טיפער און מייסטערישער — אויף אַן אומדירעקטן אופן אין די געשטאַלטן פון טביה, מאָטל פּייסיס, אין אַ סך ערטער פון זיינע נאָוועלן און דערציילונגען און אין „פונעם יאַריד“ איידער ווי אינעם דירעקטן אופן פון זיינע קינסטלער־ראָמאַנען. אָבער ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גרויסן פאָלקס־שרייבער, אַז כאָטש די ברייטע עפּישע ראָמאַן־פאָרם איז ניט געלעגן אין דער טבע פון זיין טאַלאַנט, האָט עס אים פונדעסטוועגן דווקא דאָ ביי דער טעמע — פאָלקסטימלעכע טאַלאַנטן — געצויגן צו ברייטע לייוונטן. דווקא דאָ, ביי דער טעמע. פון דעם קאָן מען דרינגען, ווי טיף דער דאָזיקער ענין האָט אים זיין גאַנץ לעבן באַשעפטיקט.

דאָס זיינען ניט פון זיינע סאַמע בעסטע ווערק, עס זיינען אָבער אין זיי פאַראַן קאַפּיטלען, זייטלעך, ערטער — אמתדיקע פּערלען, וואָס געהערן יאָ צום בעסטן, וואָס אין זיין שאַפן. די יונגט־ווערק „סטעמפּעניו“ (פּרצן איז דער דאָזיקער בוך זייער געפעלן) און „יאָסעלע סאָלאָוויי“ זיינען געשריבן אין אַ נאַאיווער, אַ ביסל אַלטמאָדישער און ניט גאָר רייפער מאַניר, אָבער די גע־

שטאַלטן זיינען האַרצלעכע, סימפּאַטישע, און די ווערק — באַחנט פונעם דיכטערס גרויסער ליבע צו דער שעפערישקייט פונעם פאָלק.

אין די „בלאָנדזנדע שטערן" קערט זיך שלום־עליכם אום ניט בלויז צו זיין אַלטער טעמע, נאָר אויך צו זיין אַלטער, אַ ביסל אַלטמאָדישער און אַ ביסל נאַאיווער מאַניר, ווי מע קערט זיך אום צו ליבע יוגנט־דערמאָנונגען. פון דער וואַרעמקייט, מיט וועלכער ער דערציילט וועגן דער הויפּט־פיגור, דעם טאַלאַנטפולן פאָלקסטימלעכן קינסטלער ראַפאַלעסקאָ, פאַלט אַ שיין ניט בלויז אויף אַזעלכע פיגורן ווי האָצמאַך, ווי דער חזן מיט זיין קינדער־קאַפּעלע א.אַ.וו., נאָר אין אַ געוויסער מאָס אפילו אויף די מגושמדיקע „טוערס", וואָס אַרום דעם דעמאָלטיקן יידישן טעאַטער.

אַלע דריי קינסטלער־ראָמאַנען האָבן אַ טראַגישן אָדער לפּחות אַ טרויעריק־מעלאַנכאָלישן סוף, פּונקט ווי אַלע זיינע אַנדערע נאָוועלן, דערציילונגען און מאָטיוון, וואָס באַהאַנדלען די טעמע פאָלקס־קינסטלער. שטענדיק האָט ביי שלום־עליכמען די דאָזיקע טעמע אַ טראַגישן שפּיץ: די ברוטאַלע פאַרהעלטענישן לאָזן ניט, אַז דער פאָלקס־טאַלאַנט זאָל זיך אַנטוויקלען ביז צום סוף, ער זאָל דערגרייכן זיין העכסטע מדרגה, זיי מאַכן פון אים אַ תל. אין דער פאַרניכטונג פונעם גרויסן טאַלאַנט באַווייזט זיך באַזונדערס בוילעט די טראַגישע לאַגע פון די פאָלקסמאַסן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

געווען ניט ווייניק יידישע פאָלקס־טאַלאַנטן, וואָס ניט זייענדיק באַקאַנט מיט די אַלטע און נייע אויפטועז פונעם מענטשלעכן געני האָבן זיי אויפסניי אַנטדעקט דאָס ביוטאָנישע פאַל־געזעץ, פאַרשיידענע מאַטעמאַטישע, פיזיקאַלישע און אַסטראָנאָמישע טעאָרעמעס, וואָס זיינען אין דער וויסנשאַפט זייט יאָרהונדערטער אָדער יאָרטויזנטער באַקאַנט, פאַרשיידענע מאַשינעס, מוזיקאַלישע אינסטרומענטן און דאָסגלייכן, וואָס זיינען שוין זייט זייער לאַנג ניט נאָר אַנטדעקט געוואָרן, נאָר אפילו שוין אַרויס פון געברויך צוליב דער פאַרפולקומונג פון דער טעכניק. די דאָזיקע דערפינדונגען האָבן אַמאָל־אַמאָל באַטייט אַ גיגאַנטישן טריט פונעם מענטשלעכן גייסט אויף פאָראויס. פאַרשפּעטיקטע, אומנוציק און ניט צו דער צייט איבערגעחזרטע צוליב אומוויסנהייט — האָבן זיי אַ טראַגיקאָמישן באַטייט. וויפל אומגעהייערער שעפערישער כוח איז אַזוי אַרום געגאַנגען לאיבוד!

שלום־עליכם געהערט צו די גרויסע גליקלעכע פאָלקס־טאַלאַנטן, וואָס זייער שעפערישער געני איז דורך אַן ערודיציאָנעלער אויסבילדונג יאָ רעאַליזירט געוואָרן. שלום־עליכם איז אַ גליקלעך־רעאַליזירטער סטעמפּעניו אין דער ליטעראַטור. ער איז אַריין אין דער ליטעראַטור מיט דער גאַנצער גראַציעזער לייכטקייט און שפּרודלענדיקער אומאויסשעפּלעכקייט פונעם פאָלקס־

טימלעכן טאַלאַנט. דער פאָלקסטימלעכער אָפּשטאַם פון זיין דיכטערישער קראַפט ניט אים אַ פרייען צוטריט צום ממשותדיקן לעבן, ראַמט אָפּ פון זיין וועג די שטרויכלונגען פון אומקינסטלערישער אַבסטראַקציע.

ניט קיין חידוש, וואָס שלום־עליכם האָט אין זיין שאַפן קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרגעסן יענע רייכע טאַלאַנטן אינעם פאָלק, וואָס האָבן דערגרייכט בלויז אַ ברעקעלע פון זייערע מעגלעכקייטן און זיינען אומגליקלעך צום גרונט געגאַנגען.

2. אַ שניידער וועגן געזאַנג

„...איבערהויפּט האָבן זיי זייער חשק געהאַט צו הערן דעם נייעם חזן, זיין „מן המצר“ אין טאָטעריש.* כ'לעבן, עס איז טאַקע גאָר אַ מחיה צו הערן, ווי אַזאַ גוטער חזן בעט זיך אויף טאָטעריש, פאַר נויט כאָטש אויף בעטלע־ריש:* „לא אמות, איך וויל ניט שטאַרבן, כי אחיה, נאָר לעבן“. און אין אמת איז דער שטאָט־חזן געווען אין דער נגינה גאָר אַ מזיק. די פסוקים, עזי וזמרת יה ויהי לי לישועה, קול רנה וישועה באהלי צדיקים“ פלעגט ער מיט די קליינע זינגערלעך, און מיט דעם פייפער גאָר זינגען וואָלעכיש,* אַזוי פרייי־לעך, אַז עס האָבן זיך כמעט געהויבן ביי איטלעכן די פיס צו טאַנצן, ניט נאָר ביי קעסט־קינדער, נאָר אפילו ביי באַטאָגטע באַלעבאַטים, אפילו ביי מערידאַלני־קעס און יאַדעשליוועס. אָבער דערפאַר צום „לא אמות כי אחיה“ — האָט מען געקאָנט שטאַרבן אונטער זיינע הענט. אפילו די, וואָס האָבן געהאַט שטיינערנע הערצער, אַשטייגער: בעזדעטניקעס, וואָכערניקעס, זבאָרשטשיקעס, שוחטים, העקערס, בעלי־טאַקסעס פלעגט אויך קלאָגן אויף זייערע יאָרן, וואָס זיי זיינען געבאָרן געוואָרן. ער האָט זיך געבעטן, ווי ביי אַ גזלן אויף טאָטעריש: גוואַלד! „לא אמות, נאָר כי אחיה!“ דער גאַנצער קונסט זיינער איז געווען נאָר דער־מיט, אַז ער פלעגט מיט זיין זינגעכץ כעמט אָפּטייטשן דאָס וואָרט, ער האָט, אפנים, גוט פאַרשטאַנען פירוש המילות. —

איבערהויפּט זיינען געווען אויף אים די רעכטע מבינים: שניידער, שוסטער און פועלים אַפילו פון אַנדערע מיני מלאכות, מחמת זיי זינגען שטענ־דיק ביי דער מלאכה. איינער איז דאָרטן געווען אַ שניידער, טאַקע שוין אַ באַלעבאָס, איז ער געווען אַ גרויסער מבין אויף זינגען, און ניט קיין גרויסער פראָסטאַק. ער איז געוואָרן אַ שטיקל למדן, נאָר ווייל ער פלעגט שטענדיק גיין הערן מגידים. ער פלעגט שוין גאָר אָפּט אונטערכאַפּן ביי דעם מגיד אַ פסוק, אַ שטיקל אגדה. מיט אים צו רעדן האָט מען געמיינט, אַז ער איז אַ רעכטער יודע־ספר. ער פלעגט זיך ניט רירן אָן אַ פסוק, אָן אַ ווערטל פון

---

* געזאַנג־זשאַנרען.

דער גמרא. ער איז אַמאָל געווען אויף אַ בן־זכר, וואו מע האָט געגעבן „ביס־לעך". דער עולם קנאַקט אויף וואָס די וועלט שטייט — און ער זיצט און שווייגט. אַט דאָ האָט אים איינער אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס קנאַקט איר ניט קיין ניס? — אויף דעם האָט ער תיכּף אַ זאָג געטאָן:

אזנים לכותל,* נישטאָ קיין ציין...

ער האָט זיך אַמאָל מיט איינעם שטאַרק צעקריגט און כמעט געשלאָגן, האָט ער צו אים אַ זאָג געטאָן מיט כעס:

— גיי אַוועק פון מיר, אַז ניט וועל איך דיך מאַכן תחת ושתי**! — ער האָט געמיינט: תחת חרב.***

אַמאָל אום שבועות האָט זיינער אַן אַרבעטאָרער געמאַכט קידוש און האָט געזאָגט: „זמן חרותנו".**** נו, האָט ער אים תיכּף אָפּגעלאָזט אַ פּאָר פּעטש און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— דו עם־הארץ! מילא פסח זאָגט מען „זמן חרותנו", איז דאָס נאָך סיאַק־טאַק, מע עסט דאָך פאָרט חרוסת. אָבער וואָס איז היינט פאַר אַ „חרותנו" אויף דיין קאָפּ?

אַט דער אייגענער פאַרשוין פלעגט שטענדיק זאָגן מבינות אויף דעם חזן. ער האָט אַמאָל דערציילט אין אַ געזעלשאַפט, ווי ער האָט דעם דאָזיקן חזן (וועגן וועלכן ס'ווערט דערציילט אינעם בוך — מ. וו.) אַמאָל געהערט דאַוונען אום ראש־השנה, האָט ער פון זיין זינגען פאַרשטאַנען דעם פשט פון יעדן וואָרט. למשל, ער האָט אַ געשריי געטאָן: „עוז בידך",***** האָט מען ממש געזען, ווי ער האָט געהאַלטן אַ ציג אין דער האַנט. ער האָט געזאָגט צו כל־נדרי דעם „ונסלח",****** האָט מען פּשוט געזען, ווי שליחים פליען אַרום אין אַלע ווינקעלעך פון דער שול.

יעצט אום פסח, אַז דער גאַנצער עולם איז אַנגעקומען אין שול און מע האָט פאַרזאַמט הלל, איז אַוודאי, נעבעך, די בית־המדרש־לייט ניט גוט גע־

---

* אזנים לכותל באַטייט: ווענט האָבן אויערן.

** תחת ושתי באַטייט: אויפן אָרט פון ושתי. אַ זאַץ פון „מגילת אסתר", וואו ס'רעדט זיך, אַז אסתר וועט ווערן אַ קיניגין אויפן אָרט פון ושתי.

*** תחת חרב באַטייט: אונטער דער שאַרף פון שווערד, ד. ה. הרגענען.

**** זמן חרותנו באַטייט: דער יום-טוב פון אונדזער פרייהייט. דער שנייַדער מיינט, אַז דאָס באַטייט: דער יום-טוב, ווען מע עסט חרוסת.

***** עוז בידך — „די מאַכט אין דיין האַנט". דער ליטווישער שניידער לייענט: „עז", ד. ה. אַ ציג.

****** ונסלח — און ס'זאָל זיין פאַרגעבן, מוחל געווען. דער ליטווישער שניידער פאַרביַיט דעם „ס" אויף „ש" און פאַרטייטשט, ווי ווען ס'וואָלט גע־שטאַנען „ונשלח" — „און סע זאָל זיין צעשיקט שליחים".

וואָרן אויפֿן האַרצן. זיי האָבן שטאַרק מקנא געווען די שול־מענטשן, וואָס זיי האָבן טאַקע געהאַט אַן עונג־יום־טוב צו הערן דעם הלל. האָבן זיי אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערפֿרעגן די באַלמעלאָכעס. נאָר ווער וועט האָבן אַ העזה צו זאָגן אַ וואָרט, אַז עס געפֿינט זיך דער גרויסער שטאָט־מבין? האָבן זיך אַלע אַ קער געטאָן צו אים: — וואָס זאָגט איר צום היינטיקן הלל? איר זענט דאָך יאָ אַ מבין?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — האָט ער געענטפֿערט. — איך הער דאָך שוין דעם אַלטן חזן, ברוך־השם, מער ווי צוואַנציק יאָר, ער האָט דאָך שוין געזאָגט הלל אויף אַלע אופֿנים: איך האָב אים שוין אַמאָל געהערט זאָגן „מן המצר" גאָר פּראָסטע ייִדיש,* מיינט איר, אַז דאָס איז ניט געווען ווי געבוירן? ער איז אויך אַ קינסטלער. נאָר ווי דער האָט היינט געזאָגט, איז דאָך נאָך ממש ניט געהערט געוואָרן. איך ווייס ניט, צי דער בעל־ההלל אַליין — דער גוטער־יאָר ווייסט אים, ווער ער איז געווען, נאָר מן־הסתם האָט ער דאָך אַוודאי געקאָנט גוט זינגען, ווי דען? ער האָט גלאַט געזאָגט די ווערטער? וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט דאָס געקאָנט האָבן? איר פֿילט עפּעס אַ טעם אום ראש־חודש, אַז עס שטעלט זיך אַנידער גלאַט אַ ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר און זאָגט הלל? — פֿונדעסטוועגן קאָן איך אייך זאָגן, אַז דער בעל־ההלל אַליין האָט בעסער געוויס ניט געזאָגט, ווי דער חזן היינט. בקיצור, וואָס זאָל איך אייך דאָ שטאַרק מאריך זיין? איר וועט מיר אפֿשר ניט גלייבן, נאָר מה לי הכא, מה לי התם**? — ער האָט געמיינט: מה לי לשקר*** — וואָס איז, עס שטייט מיר אַוודאי דערפֿון אַ באַלעבאָס צו ווערן? ער האָט אַ זאָג געטאָן אויף טאָטעריש: „כי אמילם",**** הערט איר! איך זאָל אַזוי נחת האָבן, איר און אַלע ייִדן, אַז מע זאָל טאַקע עפּעס זען פֿיל ישועות און נחמות, מיט איין וואָרט, עס זאָל טאַקע איינגיכן זיין תהו ובוהו,***** ווי מע האָט טאַקע ממש געזען בחוש אַ פֿערד־מיל אָדער אַ ווינט־מיל מיט אַלע פּישטשעווקעס. אַ שאָד, וואָס איר האָט היינטיקן הלל ניט געהערט, איר וואָלט הנאה געהאַט, וואָס הנאה הייסט. איך האָב זייער פֿאַרגעניגן געהאַט צו הערן די לעצטע פּסוקים, וואָס מע זאָגט זיי צוויי מאָל. ער האָט געאַרבעט אין טאַקט. אַלע משוררים זיינען געגאַנגען נאָכן טאַקט. דער באַס איז געפֿלויגן מיט זיין בערישן

---

* ייִדיש, טאָטעריש, דייטש, וואָלעכיש — פֿאַרשיידענע געזאַנג־זשאַנרען, שטייגערס.

** מה לי הכא, מה לי התם — וואָס מיר דאָ, וואָס מיר דאָרט.

*** מה לי לשקר — וואָסער אינטערעס מיר ליגן צו זאָגן?

**** כי אמילם — „וועל איך זיי פֿאַרניכטן". דער שניידער מיינט, אַז דאָס וואָרט האָט אַ שייכות צו דעם ייִדישן וואָרט „מיל".

***** תהו ובוהו — כאָאָס. דער שניידער מיינט, אַז דאָס באַטייט עפּעס ענלעכס ווי ישועות און נחמות.

טאָן אײַנמיטן. ער האָט געוויזן שרעקלעכע קונצן: געמישטע האַלבע טאָנען מיט פּערטל, אַרײַן פֿון דײַטש — קיין וואָלעכיש, און בחזרה גאָר אין אַ קאָזאַטשקע־געזאַנג. דער חזן האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַלעמאָל מיט אַ רעכט ביסל טרעלעכלעך און געשמאַק געפֿלויגן דאָ אַרויף דאָ אַראָפּ, אַמאָל זיך פֿאַרשלאָגן אין אײן קוויטש גאַנץ טיף, אַז איך האָב געמיינט, אַז ער וועט חס־ושלום גאָר דערשטיקט ווערן, אָבער ער איז פֿון דעם קוויטש אַרויס מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע טרעלן, אַז מע איז כמעט טויב געוואָרן פֿון דעם טרעלערײַ. אַלע זײַנען אַרויס פֿון די כּלים. מילא, וואָס זאָל איך אײַך מאריך זײַן? בקיצור, איך בין דאָך שוין ברוך־השם ניט קיין יונגערמאַן, איך האָב שוין אין מײַן לעבן איבערגעהערט אַלע וועלט־חזנים, וואָס האָבן געדודערט גאַנץ ליטע, אַשטייגער: קאַשטאַן, גאָטסוואָונדער, קאַנאַריק, פּאָסטערנאַק, קלאָגמוטער, שקודער, פּידעלע, דראָנג, דאָס באַלעבעסל,* זאָג איך אײַך, אַז די אַלע חזנים — ליגן אין אים אַליין.

בקיצור, מע האָט זיך שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין חכמת־המוזיקע מיט דעם שניידער, ביז דער חזן האָט אָנגעפֿאַנגען מוסף. נו, אין „אָבֿות“ האָט ער אין אמת געוויזן קונצן איבער קונצן. ער האָט שטאַרק געדודערט מיטן בײַ־קול, געניצט אַ ביסל דאָס פֿידל־קול. אַלע משוררים האָבן, נעבעך, געהאָרעוועט ווי אין טאַטשקעס, געשוויצט, געפּיפּט, געברומט, געכאַפּט אין טאַקט. און דער חזן פֿליט דורך אין דעם רעש ווי אַ רוח, אָפּט און אָפּט מיט אַ וואָרט. נו, ברוך־השם, מע האָל שוין בײַ „נעריצך“. דאָ איז אַרויס דער טענאָר ווי אַן אַקטיאָר, מיט אַ שטעלע אין איטאַליעניש,** „כּבֿודו מלא עולם“ האָט ער געזאָגט מיט געמישטע טאָנען, אַ ביסל אונטער דער נאָז אין קוויטש אַרײַן, און פֿאַרקראָכן ניט ווײַט אין בײַ־קול. נאָר אין דעם וואָרט „איה“ האָט ער געלייגט די גאַנצע כּוחות, געאַרבעט, מײַנע שונאים, מיט דער גאַל, אַ גוט פּערטל שעה איז ער אַרומגעפֿלויגן מיטן האַלדז — ביז ער האָט זיך אַליין קוים דערשלאָגן צום וואָרט „איה“, און האָט אים פּלוצלינג אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דעם מויל, — „ממקומו הוא יפֿן ברחמים“ האָט ער געזאָגט גאָר אין בעטלעריש,*** אַז עס איז אַזש אַריבער אַ קעלט איבערן לײַב. פֿאַר „שמע־ישׂראל“ האָט דער באַס געמאַכט אַ שטעל אין ייִדיש, און דער חזן — טוז נאָך אים! און האָט געשריגן „שמע־ישׂראל“, אַז די פֿענצטער האָבן געציטערט, די הענגל־לײַכטערס האָבן זיך אַזש געשאָקלט.“ —

* נעמען פֿון באַרימטע חזנים.

** געזאַנג־שטייגער.

*** אַ געזאַנג־שטייגער, אַנטליגן פֿון געוויסע מעלאָדיעס בײַ די אוקראַאינישע באַנדוריסטן.

3. ווי זעט אויס דאָס איגענע ביי שלום־עליכמען?

די דאָזיקע טשיקאַווע זשאַנער־באַשרייבונג איז פון א. שאַצקעסעס: „דער יידישער פּאַר־פּסח״, וואָס איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין יאָר 1881 אין וואַרשע, און צום צווייטן מאָל אויך דאָרט אינעם יאָר 1896. פון דער דאָזיקער צווייטער אויסגאַבע האָבן מיר זי אַרויסגעשריבן (ז. 121 און ווייטער).

צי דערמאָנט ניט דאָס בילד אין אַ שלום־עליכמישער שילדערונג? לאָמיר זען:

„...יאָסעלע זינגט, און עס דוכט זיך, ווי אַ גאַנצע קאַפּעליע קלעזמער שפּילן. אַט טוט ער אַ קלאַפּ מיטאַמאָל, ווי פון צען מיילער גייען קולות, איינס העכער, שטאַרקער פון דעם אַנדערן, אַזוי אַז אַלע פענצטער קלינגען; און אַט פאַרגייט ער זיך, ווערט פאַרשטאַרבן, אַלעמאָל שטילער און שטילער און מיט אַזאַ מתיקות, מיט אַזאַ לויטערקייט, מיט אַזאַ דינקייט און גלאַטקייט, אַז עס גלעט דאָס לייב, עס רירט דאָס האַרץ, עס וויגט די נשמה און צעגלידערט, צעשרויפט אַלע אברים; און אַט טוט ער ווידער אַ זעץ מיטאַמאָל, ווי עטלעכע פידלען, טרומייטן און פליטן אינאיינעם; ער עפנט דאָס מויל, און עס גיסט זיך, עס לויפט פון אַלע זייטן און פילט אָן די שול מיט אַזעלכע מיני פאַר־שיידענע געזאַנגען, וואָס קיינער האָט דאָס נאָך ביז אַהער נישט געהערט... און איז באַלד איבערגעגאַנגען שוין גאָר ווידער אויף אַן אַנדער נוסח, אַרויס־באַוויזנדיק בשעת־מעשה אַזויפיל בריהשאַפט מיטן האַלדז, אַז דער עולם איז געבליבן אַפּהענטיק, פאַרכישופט, גאָר נישט אויף דער וועלט, און האָט לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך... די דאָזיקע „קדושה״ — דאָס איז געווען אַ מין פאַנטאַזיע פון אַ משורר (גמיינט: דיכטער — מ. וו.), וואָס נאָר איין מאָל ווערט זי געבוירן אין זיין מחשבה און מער קיינמאָל נישט. דאָס איז געווען אַ מחשבה, וואָס ווערט נישט אַרויסגעגעבן מיט ווערטער אָדער דורך נאָטן, נאָר עס רעדט, עס לאָזט זיך הערן; אַ מין שפּראַך, וואָס אַלע פאַרשטייען זי, אַ מין געדאַנק, וואָס איטלעכער האָט זיך אויף אים זיין פשט. יאָסעלע האָט צעלאָזט דאָס האַלדז פריי אויף אַלע זייטן, מאַכנדיק דערביי משונה־ווילדע וואַריאַציעס, דרייענדיק און בייטנדיק, פלאַנטנדיק און פלעכטנדיק אַרויף און אַראָפּ, אין דער לענג און אין דער ברייט, דערלאַנגענדיק די העכסטע און די דינסטע אָקטאַווע מיט גענוג קונצן דערביי. די, וואָס האָבן דעם „כתר״ גע־הערט, האָבן געשוואָרן, אַז ביי די ווערטער „מלאכים המוני מעלה״* — האָט זיך זיי געדאַכט, ווי עס שוועבן און עס דרייען זיך אַרום מלאכים פון אויבן מיט אַ גוזמא יידן פון אונטן... ווי פון אַ זיסן שלאָף, ווי פון אַ גן־עדן־חלום,

* די מלאכים, די המונים פונעם הימל.

האָט זיך דער עולם אויפגעכאַפּט, בשעת יאָסעלע האָט אויסגעלאָזט די „קדושה“ און איז געגאַנגען ווייטער, שוין ווידער איבערבייטנדיק די שטימע גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער.“ („יאָסעלע סאָלאָוויי“, קאַפּ. 12.)

אָדער אַן אַנדער אָרט:

„...עס האָבן זיך גלאַט אַזוי געגאָסן זעלטענע קולות, זיסע געזאַנגען פון זיין האַלדז, אַרויספליענדיק פון דאָרטן און אָנפילנדיק די גאַנצע שטוב. אָט האָט ער זיך צעגאָסן מיט אַ טרויעריק, האַרצרייסנדיק געזאַנג, מיט אַ רחמנות און מיט אַ געבעט, מאַכנדיק מיטן האַלדז פאַרשיידענע קונצן, גלייך ווי די קולות וואָלטן זיך טוקן און געזאַנגען פונעם וואַסער אַרויס; און אָט האָט ער זיך צעבייזערט אַזוי, אַז די פענצטער האָבן געקלונגען פון זיין שטאַרק הילכיק קול. אָט איז ער זיך פאַרגאַנגען אויף זיין שטילער, ווייכער שטימע, אַלעמאָל נידעריקער און נידעריקער, שטילער און שטילער, גלייך ווי ער וואָלט פאַרפאָרן ערגעץ ווייט־ווייט, אַראָפּגעלאָזט זיך ערגעץ גאַנץ נידעריק, זייער־זייער טיף, און פון דאָרטן געשיקט אַהער ווייכע, גלאַטע געזאַנגען, צעשיטנדיק זיך בשעת־מעשה אין אַזעלכע דריבנע טרעלן, גלייך ווי קליינע אַרבעסלעך וואָלטן זיך געקאַטשעט, פאַלנדיק אַראָפּ־אַראָפּ איינס נאָכס אַנדערע מיט אַ שרעקלעך מהירות...* און אָט האָט ער זיך ווידער ווי אויפגעכאַפּט מיט אַ גוואַלד, מיט אַן אויסגעשריי, מיט אַ בייזער און מיט אַ געבעט, אויפן יידישן גאַנג. דער עולם האָט אַראָפּגעלאָזט די נעזער, די קאַרטוזלעך פאַררוקט אַרויף, זיך פאַרטיפט, פאַרזאָרגט, געווען אי יום־טובדיק אי באַטריבט, פאַרוואָגלט, ווי דער שטייגער איז ביי יידן, אַז מע דערהערט שפּילן אָדער זינגען.“ („יאָסעלע סאָלאָוויי“, קאַפּ. 13, דערשינען 1889.)

שלום־עליכם האָט געשעצט שאַצקעסן** און האָט פון אים באַקומען גע־

---

* גיכקייט.

** משה-אהרן שאַצקעס איז צו זיין צייט באַוואוסט געוואָרן דורך זיין העב-רייאישן בוך „המפתח“ („דער שליסל“), אין וועלכן ער קריטיקירט אויף אַ סאַטיריש-משכילישן אופן דעם תלמוד, ריכטיקער: דעם אגדהשן טייל פונעם תלמוד. מע טאָר ניט פאַרגעסן, אַז צו יענער צייט זיינען די אגדות פון תלמוד און מדרש פאַר מיליאָנען יידן געווען אַן אַבסאָלוט אויטאָריטעטער קוואַל פון די גייסטע קענטעניש וועגן וועלט, נאַטור, געזעלשאַפט, געשיכטע, פּרינציפּן פון לעבן. שאַצקעס, אַ מענטש מיט אַ היפּשער יידישער ערודיציע און אויף זיין שטייגער חיים איבער-געגעבן צו די פאָלקסמאַסן, האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אויפצוקלערן דעם עולם ניט בלויז וועגן רביים און חסידים, נאָר וועגן די וואָרצלען פון כלערליי אָבער-גלויבנס. ער האָט פון טיפן האַרצן פיינט געהאַט די כלערליי ניי-מאָדישע „גע-בילדעטע“ פּרומאַקעס, די רעאַקציאָנערע פאַרפירערס פון די פאָלקסמאַסן. ער רעדט וועגן זיי מיט ביטערקייט אין זיין „יידישן פאַר-פּסח“. די קריטיק און אויפ-קלערונג אין זיין „המפתח“ איז אַ געניג „אומשולדיקע“, אַ ביסל נאַאיוו, אָבער

וויסע קינסטלערישע אָנרעגונגען. קודם־כל, וואָס שייך עטנאָגראַפישן שטייגער און טאַקע קאָנקרעטע עטנאָגראַפישע ידיעות, אָבער בלי־ספק אויך עפּעס וואָס פאַר זיין שפּראַך־סטיל. דער „ליטווישער שפּראַך־נוסח“, וואָס איז פאַרשריגן אַלס „טרוקן“, איז ביי שאַצקעסן דווקא זייער רייך, פליסנדיק, בייגעוודיק און ערטערווייז אַפילו דאָס, וואָס מע רופט „זאַפטיק“. ביי דער אויסבילדונג פונעם אייגנאַרטיקן שלום־עליכמישן „מענה־לשון“ וועלן מיר געפינען — אויב זיך גוט צוקוקן — אויך אָנרעגונגען פון שאַצקעסעס סטיל.

דער „פּאַרפאַסער“ פון „דער יידישער פאַר־פסח“ און פון די „פיר בילדער פון דער ליטע“ (אין שלום־עליכמס „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“ 1, ז. 159 און ווייטער) איז געווען אַן אייגנאַרטיקער מין סאַטיריש־מגידישער משכיל, וואָס האָט דאָ, אויף יידיש, געפריידיקט זיין עפּעס אַ קאַפּעלע באַלעבאַטישע אויפקלערונג — מיט דער הילף פון זייער אויספירלעכע נאַקעטע עטנאָגראַפישע באַשרייבונגען. „דער יידישער פאַר־פסח“ איז אַ גאַנצער עטנאָגראַפישער לעקסיקאָן. שאַצקעס, אַן אַלטער, לעבנסדערפאַרענער, געבילדעטער ייד, אַ פיקח, וואַרפט אָן די עטנאָגראַפישע בילדער זייער לעבעדיק, קינסטלעריש באַגאַבט, וויציק און ערטערווייז הומאָר־פול און קלוג. פאַראַן דאָ אין דעם אַ ביסל משונהדיקן בוך — זאַפטיקע ערטער, רייכע באַאָבאַכטונגען, ממש פראַכטפולע בילדער און דיאַלאָגן, פון פאַרשיידענע פאָלקס־געשטאַלטן. און דאָס אַלץ דאַרף, לויטן מיין פונעם אויטאָר, באַווייזן — סך־הכל די ריכטיקייט פון עפּעס אַ משכיליש־רעפאָרמאַטאָרישן געדאַנק, למשל, אַז מע

פאָרט ראַציאָנאַליסטיש און אָראַפּרייסעריש. זי האָט אָנגערעגט צום דענקען. דאָס דאָזיקע ווערק האָט אַרויסגערופן אַ ריזיקן פּראָטעסט-שטורעם פון כלערליי אָרטאָדאָקסאַלע קרייזן (און אַפילו פון „משכילים“), פּערזענלעכע רדיפות — פיזישע אָנפאַלן און קלעפּ — אַרטיקלען אין דער העברייאישער פּרעסע, ספּעציעלע ענטפער-בראָשורן (א. ד. דאָווזעוויטש, באַרדיטשעוו 1890, מ. ש. קאַזאַרנאָוו, דאָרט אינעם זעלבן יאָר). מיט אַ באַזונדערס ליאַרעמדיקן ווײ-געיאָמער איז אַרויסגעטראָטן קעגן שאַצקעסן און זיין בוך דער שפּעטערדיקער ניטשעאַנער און „ענדערער פון אַלע נאַציאָנאַלע ווערטן“ מ. י. בערדיטשעווסקי. „משה-אהרן שאַצקעס זיצט אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק... ער איז ניט געקומען עפענען די שלעסער פונעם תלמוד, נאָר אים אויסצואוואָרצלען און אים צו פאַרמיאוסן אין די אויגן פון די מענטשן. און ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ געפערלעכע און מוראדיקע וואָפן, וואָס וועט אַ סך מענטשן אומברענגען, דאָס איז דער הומאָר און דער חוזק, וואָס האָבן דעם כוח אויסצוריסן בערג און זיי צערייבן אויף שטויב און איינצופלאַנצן אַפילו אין אַ לייטישן מענטשן — לייכטזיניקייט...“ „זאָל זיין נאָמען דערמאָנט ווערן צום... דער „המפתח“ ליגט פאַר אונדז — און די לופט אין אים איז אַ דורכדרינגענדיקע, זי שטיקט אונדז...“ („אוצר הספרות, שנה רביעית, 1892, ז“ז 560—571, אינעם אַרטיקל „על שלחן הספרות“, מאת יב“ם — איניציאַלן: מ. י. בערדיטשעווסקי.)

מעג יאָ באַנוצן אַרבעס אום פּסח, אָדער אַז „שיר־השירים“ דאַרף מען פֿאַר־שטיין בוכשטעבלעך און ניט אויסטייטשן מיסטיש־סימבאָליש.

זיינע „דרך־אגבדיקע“ קינסטלערישע אָנשטרענגונגען זיינען אַן אַן ערך אינטערעסאַנטער ווי די געדאַנקען, וואָס ער וויל דורך דעם אויסדריקן. דער שפּעט־משכילישער ליבעראַלער ראַציאָנאַליזם האָט אים געשטערט זיך צו אַנטוויקלען אַלס קינסטלער — און מער ווי קינסטלערישער רוי־מאַטעריאַל, טאַקע זייער טשיקאַווער — איז ביי אים ניט אַרויסגעקומען.

שאַצקעס איז געווען אַ פֿאָלקסטימלעכע קינסטלער־נאַטור, און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן אינטערעס פֿאַר פֿאָלקס־קונסט. באַזונדערס פֿאַר געזאַנג און קלעזמעריי. דער „תלמיד־חכם“ שעמט זיך אפשר אַ קאַפּעלע מיט דעם דאָזיקן אינטערעס, די ליבע איז אַ באַהאַלטענע — ווייזט זי זיך אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן, אין אַ משכיליש־טראַדיציאָנאַליסטישער פֿלאַך — געוויינלעך מיט אַ חוזקל.

דער לייענער פֿילט די הנאה, וואָס דער שרייבער האָט געהאַט, בשעת ער האָט זיך ברייט פֿאַנאַנדערגערעדט וועגן די קונסט־חקירות און אַנאַליזן ביים „פּראָסטן עולם“. כלומרשט רעפּראָדוצירט שאַצקעס בתמימות עטנאָגראַפֿישע פֿאַקטן אין אַ הומאָריסטישן טאָן — ער ווערט אָבער אַליין נתפּעל און פֿאַר־חידושט פֿון דעם, וואָס ער דערציילט. די אַמכאָדיקע „קריטיקן“ זיינען אומ־באַהאָלפֿן — זיי ווייזן אָבער אָן אויף אַ ברענענדיקן אינטערעס פֿון די פֿאָלקס־מאַסן פֿאַר קונסט, פֿאַר שיינקייט, פֿאַר שוואונג.

אַ טיפּישער שטריך, וואָס מיר וועלן דאָן, אויף אַן איבערגעפּורעמטן אופֿן, באַגעגענען ביי שלום־עליכמען: — באַגלייך מיט דער קונסט־באַגייסטערונג פֿון די מאַסן ווערט אויך אָנגעוויזן אויף זייער הינטערשטעליקייט. עם־הארצות — וואַרפֿט אַ רירנדיק־קאָמישע באַלייכטונג אויף די קונסט־חקירות פֿונעם שניידער. דער „טביהשער מעטאָד“ אויסצוטייטשן פּסוקים איז ביי שאַצקעסן אַ הומאָריסטישער מאָטיוו, — ער אַנטהאַלט אָבער אין זיך, לפּחות אָביעקטיוו, דעם טראַגישן קערן, וואָס שלום־עליכם האָט אין אים געזען: די שפּעריש־קייט און דער שוואונג פֿונעם פֿאָלק ווערט געשטיקט דורך די שווערע און ביטערע באַדינגונגען פֿונעם לעבן.

דער חוזק אויף דער עם־הארצות פֿונעם שניידער איז ביי שאַצקעסן אַ גוטמוטיקער, געזאָגט אויף אַ שפּאַס, אָן ערנסטן געבייזער. אַן ערך אַזוי ווי אינעם באַוואוסטן פֿאָלקלאָר־ליד וועגן דער קונסט־באַגייסטערונג פֿונעם אַמכאָ:

איז געקומען אַ חזן אין אַ קליין שטעטל דאַוונען אַ שבת, דאַוונען אַ שבת.
זיינען אים געקומען הערן די שענסטע באַלעבאַטים פֿון דעם שטעטל:
איינער אַ שניידערל, דער אַנדערער אַ קאַוואַלטשיק און דער דריטער אַ באַלעגאַלטשיקל.
רופֿט זיך אָפּ דאָס שניידערל, רופֿט זיך אָפּ דאָס שניידערל:

אוי-אוי-אוי, האָט ער געדאַוונט, האָט ער געדאַוונט,
אַזוי ווי מע גיט מיטן נאָדל אַ שטאָך
און מיטן אייזן אַ פּרעס.
אוי, איז דאָס אַ חזן!
אוי-אוי-אוי-אוי-אוי-אוי-אוי-אוי, האָט ער געדאַוונט א. אַז. וו.*

די דאָזיקע באַוואוסטזיניקע פֿאָלקסטימלעכע גוזמא איז אַ שמייכל איבער זיך אַליין, אויסערלעך אַ געמיטלעכער שמייכל, אין אמתן אַ טראַגיקאָמישער. דאָס ליד דערציילט וועגן דער אומבאַהאָלפנקייט, מיט וועלכער דער אַמכאָ דערקלערט דעם קינסטלערישן איינדרוק. באַוואוסטזיניק צי ניט, אַנטהאַלטן דאָך די הומאָריסטישע סטראָפעס גלייכצייטיק אויך אַ קלאָג אויף דער הינטער־שטעליקייט, וואָס קאָן ניט אויסדריקן די באַגייסטערונג, דעם שוואונג פונעם געמיט אויף אַ געהעריקן אופן. דאָס איז עס דאָך, וואָס רירט אין דעם ליד, ווען עס ווערט געזונגען פאַר אונדזער סאָוועטישן פּובליקום. פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט די עלעמענטן פון סאַטירישן שפּאָט, נאָר דאָס רירנדיקע שטרעבן, וואָס באַוויזט זיך אין די אומבאַהאָלפענע כאַראַקטעריזירונגען און „אַנאַליזן" פונעם שניידער, קאָוואַל און באַלעגאָלע.

שאַצקעס, דער ראַציאָנאַליסטישער משכיל, פילט ניט קלאָר די נאָטע פון טרויער אין דעם מין אָפּשפּאָט — אָבער אַזוי צי אַנדערש ברענגט ער זי פאָרט צום אויסדרוק אויף אַן ענלעכן אופן ווי אינעם ציטירטן פֿאָלקסליד, ווייל דער „טרוקענער משכיל" האָט פאָרט געהאַט אַ פֿאָלקסטימלעך געמיט.

אין אַ סקיצע „דער פאַרשטעלטער האָן" דערציילט ער אַ מעשה מיט אַ קלעזמער, וואָס כאָטש זי איז דער עיקר אויסן אויסצולאַכן אָבערגלויבנס מכוח דיבוקים און כאָטש איר ווערט איז מער פאַר אַלץ אַן „עטנאָגראַפישער", — דערמאָנט זי פאָרט מיט באַשטימטע מאָמענטן אין שלום־עליכמס „דער פאַר־כישופטער שניידער".

שאַצקעס גיט דאָרט אַזאַ כאַראַקטעריזירונג פון אַ קליינשטעטלדיקן קלעזמער: „דערהויפּט איז געווען זיין קונסט נאָר אין מאָראַל **; ער פלעגט באַזעצן אַ כלה, פלעגט זי טאַקע באמת קוים אויפשטיין. די גאַנצע שטאָט פלעגט דערציילן, אַז אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געהאַלטן ביי משוגע ווערן פון גריס עמקות *** אין דער חכמת המוזיקע. זיי פלעגן מיט אים שרעקלעך שטאָלצירן. וואָס איז? אַז ער וואָלט געקאָנט נאָטן, וואָלט ער געווען אַ סך גרעסער פון מייערבערן" **** (זע שאַצקעס „בילדער פון דער ליטע", שלום־

---

* פֿאָלקס-לידער, געזאַמלט פון מ. קיפּנים, וואַרשע, ז. 97.
** אַ זשאַנר פון קלעזמערישער מוזיק — עלעגיש, מעלאַנכאָליש.
*** עמקות — פאַרטיפונג.
**** דער באַוואוסטער יידיש-דייטשער מוזיקער.

עליכמס „ייִדישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק 1, ז״ז 170־171). די מעשה איז געהאַלטן אין אַ קאָמיש־סאַטירישן טאָן, דאָס געהער זיך אַזוי צום משכּילישן נוסח, אָבער וועגן דעם קלעזמער האַלט שאַצקעס דאָס אייגענע ווי דער פּראָסטער עולם, דאָס פֿילט מען דייטלעך.

דער צוזאַמענהאַנג פֿון דרך־ארץ פֿאַר די קינסטלערישע פֿיאיקייטן און פֿאַר דער קונסט־באַגייסטערונג פֿונעם „אַמכאָ״ — מיט אַ הומאָריסטישער באַציאונג צו זיין אָפּגעשטאַנענקייט, ליגט שוין פֿון אָנהייב אָן, ווי מיר זעען, אויך אינעם אופן, ווי די דאָזיקע טעמע ווערט באַהאַנדלט דורך דער פֿאָלקסטימלעכער אויפֿפֿאַסונג גופֿא (זע דאָס פֿאָלקס־ליד „איז געקומען אַ חזן״). דאָס פֿאָלק רעדט וועגן זיין באַגייסטערונג פֿאַר קונסט — מיט אַ ביטערן שמייכל אויף דער עם־הארצות, וואָס קומט פֿון נויט און פֿאַרשקלאַפּטקייט, אויף דער אוממעגלעכקייט די דאָזיקע באַגייסטערונג צו אַנטוויקלען און צו רעאַליזירן.

נאָך דער דאָזיקער פֿאָלקסטימלעכער טראַדיציע גייט אויך שלום־עליכם.* דער העלד פֿון דער אויסטערליש־שיינער דערציילונג „דער פֿאַרכישופֿטער שניידער״ ווערט ביי שלום־עליכמען באַטיילט מיט ענלעכע שטריכן ווי דער שניידער ביי שאַצקעסן. אויך שלום־עליכם דערציילט ניט נאָר וועגן דער באַגייסטערונג פֿונעם שניידער, נאָר אויך וועגן זיין רירנדיק־אומבאַהאָלפֿענער עם־הארצות. ווען סע ליגט ניט אין דער טבע גופֿא פֿון דער דאָזיקער פֿאָלקלאָרישער טעמע, אינעם לעבן גופֿא — וואָלט מען געקאָנט רעדן וועגן אַ

---

* דער קלעזמער-מייסטער „סטעמפּעניו״ פֿאַרקויפֿט, ביי מענדעלען, אַלע משרתים און דינסטמיידלעך „ליבע-טראָפּן״ אויף „אָפּצוטאָן״.

ווי אין זייער אַ סך אַנדערע פּרטים, האָט אויך ביים אויפֿוועקן און אַנטוויקלען שלום-עליכמס אינטערעס צום פֿאָלקסטימלעכן קונסט-שאַפֿן געווירקט מענדעלעס השפּעה. און אויב ניט דירעקט דורך קינסטלער-געשטאַלטן, איז אומדירעקט, — דורך ז ן, מענדעלעס, באַציאונג צו דער פֿאָלקסטימלעכער קינסטלערישער שעפֿערישקייט אינעם געביט פֿון וואָרט.

ניט קיין וואונדער, אַז די אָדער יענע באַמערקונג אין מענדעלעס אַ ווערק האָבן אָפּט אַרויסגערופֿן ביים שלום-עליכמען שעפֿעריש-פֿרוכטבאַרע אַסאָציאַציעס. שלום-עליכם דערציילט דאָך אַליין, אַז אַ שורה ביי מענדעלען וועגן סטעמפּעניו האָט אויפֿגעוועקט אין זיין זכרון „די אַלע וואונדערלעכע מעשיות, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט ייִנגלווייז אין חדר אויף סטעמפּעניו״ (שלום-עליכמס ווידמונג מענדעלען דעם בוך „סטעמפּעניו״) און האָט אים אָנגערעגט צו שילדערן די דאָזיקע געשטאַלט. און אויב שלום-עליכם ווענדט זיך צו מענדעלען מיט די ווערטער: „איך מיין, אַז ייִדישע מוזיקאַנטן, דאָס הייסט אונדזערע חברה קלעזמער, זיינען פֿאַר מיר גאָר אַ באַזונדער וועלטל, און ס'איז כּדאַי אַריינצוקוקן אין זייער לעבן אַריין פֿיל טיפֿער, אַלס איך האָב געטאָן אינעם דאָזיקן ראָמאַן (אין „סטעמפּעניו״ — מ. וו.). מע באַדאַרף דערצו האָבן אייער אויג, זיידע-לעבן, אייער פּעדער מיט אייער התמדה״ — האָט ער זיך דעם אַדרעסאַט אויסגעקליבן ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין. —

השפעה פון שאַצקעסן. אַזוי אָבער זיינען — גיכער פאַר אַלץ —ביידע נאָכגעגאַנגען נאָך דער פאָלקלאָרישער טראַדיציע.

ביי שלום־עליכמס טראַקטירן די טעמע קומט אָבער צו איין זייער וויכטיקער מאָמענט: די באַזיניקונג, דער אָנווייז אויף דער טראַגיק פון דעם דאַזיקן צוזאַמענהאַנג.

ביי שלום־עליכמען איז דייטלעך אַרויסגעאַרבעט דער באַטייט פון דעם אַלעם: טאַקע אָרעם, אונטערדריקט, און מחמת דעם אומגליקלעך און אָפּגעשטאַנען — אָבער פּאַרט פלאַקערט אינעם פאָלק שעפערישקייט און באַגייסטערונג פאַר אַלץ, אין וואָס סע שטעקט כאָטש עפּעס אַ ביסל שיינקייט און מייסטערישקייט.

שלום־עליכם שילדערט צוערשט די פאַרהעלטעניש און די לאַגע פונעם שניידער שמעון־עליע, דערנאָך זיין באַגייסטערונג פאַר געזאַנג און געלערנטקייט — באַגלייך מיט זיין קולטורעלער הינטערשטעליקייט — און גיט לסוף אַ סך־הכלדיקע כאַראַקטעריסטיק פון דעם דאַזיקן שניידער, פון דעם זעלבן, וואָס ביי שאַצקעסן, אַ כאַראַקטעריסטיק, וואָס הייבט אים אַרויף צו דער הייך פון אַן אײַדעלער, טראַגיש־רירנדיקער געשטאַלט. שלום־עליכם זאָגט וועגן דעם דאַזיקן שמעון־עליע:

„...איין חסרון נאָר, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויסקומען מיט די נגידים, ליב געהאַט אַריינקוקן אין קהלשע זאַכן, זיך אָנבעמען אָן דער קריוודע פון די אָרעמעלייט, רעדן גאַנץ אָפנטלעך אויף די בעלי־טובות, וואָס זיינען זיך עוסק אין צרכי ציבור, און דעם בעל־טאַקסע מאַכן מיט דער בלאָטע בפרהסיא, זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַ געלטצאַפּער, אַ בלוטזויגער, אַ מענטשןפרעסער, און אויף די שוחטים מיט די רבנים, וואָס האָבן געשלאָגן בלאָט מיטן בעל־טאַקסע — אַז ס'איז איין כנופיה, אַ כיתה פון גנבים, רמאים, קוילערס, רוצחים, גזלנים, אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטע אַריינגעפלויגן געוואָרן ביז דעם זיידן תרח, מיטן פעטער ישמאל אונטערגעשלאָגן!...

„צווישן באַלמעלאָכעס, חברה „פועל־צדק", האָט זיך „שמעון־עליע־שמע־קולנו" געערכנט פאַר אַ „יודע נגן"; אויף זייער שפּראַך האָט דאָס געהייסן: אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט אין די קליינע אותיותלעך, מחמת שמעון־עליע פלעגט שיטן מיט פסוקים, מיט גאַנצע שטיקער גמרא און מיט מדרשים, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן: „אָמכאַ"... „קטונתי"... „אָגיל ואשמח"... „היום הרת עולם"... „ויתרוצצו ויתפוצצו"... „וואָט טיבי יוצר המאורות"... „ככתוב — ווי אין פסוק שטייט געשריבן"... כדומה אַזעלכע לשון־קודשדיקע ווערטער, וואָס זיינען ביי אים תמיד געווען גרייט. און דערצו האָט ער נאָך געהאַט נישקשה פון אַ קולכל, אַפילו אַ ביסל צו אַ הילכיקס און אַ גאַרגלדיקס. נאָר ער איז געווען קלאָר אין אַלע נוסחאות מיט אַלע ניגונים מיט אַלע תפילות

אויף אויסנווייניק, און האָט ליב געהאַט דעם עמוד מיט סכנת־נפשות, און איז געווען גבאי אין שנײדערישן שולכל, געכאַפּט פּעטש ווי האָלץ, צומיינסטן שמחת־תורה צו „אתה הראית", ווי געווינטלעך.

„שמעון־עליע־שמע־קולנו, כאָטש ער איז געווען כל־ימיו אַ ביטערער אָרעמאַן, מע קאָן זאָגן — כמעט אַן אביון, נאָר אָראָפּפאַלן בײַ זיך דערמיט האָט ער פּײַנט געהאַט. „אדרבא, — האָט ער געזאָגט, — וואָס מער קבצן, מער לעבעדיק, וואָס מער הונגעריק מער געזונגען, ווי די גמרא זאָגט: יהא עניותא לישראל כטשערעוויטשקע קראַסני לדיווקאַ כיוורא"...

„הקיצור הדבר: שמעון־עליע איז געווען דאָס, וואָס מע רופט אָן אַן „אָרעמס און אַ פריילעכס". געווען איז ער אַ נידעריקער, אַ פּאַרזעעניש, אַרומגעשטעקט מיט נאָדלען און מיט שטיקלעך וואַטע אין די געקרייזלטע שוואַרצע האָר; געהאַט האָט ער אַ קליין צאַפּן־בערדל, אַ ביסל אַ צוגעפּלעטשטע נאָז, די אונטערשטע ליפּ אַ ביסל צעשפּאָלטן, און אויגן גרויסע, שוואַרצע און שטענדיק שמייכלענדיקע, און געגאַנגען איז ער תמיד מיט אַ טענצל און מיט אַ לידל אונטער דער נאָז: „היום הרת עולם — נאָר נישט געזאָרגט!..."

און נאָך דעם ווי ס'איז שוין דערציילט געוואָרן די טראַגי־קאָמישע אומגליקלעכע פּאַסירונגען און שמעון־עליעס אומקום, ווערט געגעבן זײַן סך־הכלדיקע כאַראַקטעריסטיק:

„...אַ חידוש נפלא! פּופציק יאָר האָט שמעון־עליע־שמע־קולנו אָפּגעלעבט אין זלאָדייעווקע אין אָרעמקייט, אין דחקות, געלעגן ווי אַ וואָרעם אין דער פינצטער, קיינער האָט פון אים נישט גערעדט, קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז. אַציגד, אַז ער איז פאַרשלאָפּט געוואָרן, האָט ער זיך מיטאַמאָל אַרויסבאַוויזן מיט אַלע זײַנע מעלות־טובות, מע איז מיטאַמאָל געוואָר געוואָרן, אַז שמעון־עליע איז געווען אַ זעלטענע, אַ גוטע, אַ כשרע נשמה, אַ גרויסער בעל־צדקה, דאָס הייסט: ער פלעגט רייסן בײַ נגידים און טיילן די אָרעמעלייט, זיך קריגן פאַר זיי מיט דער גאַנצער שטאָט און זיך שלאָגן ביזן בלוט אַרײַן, זיך טיילן מיט יענעם מיטן לעצטן ביסן,* און נאָך און נאָך אַ סך מעלות און שבחים האָט מען נאָכדערציילט נאָך דעם אָרעמען שנײַדער..."

דאָ איז פאַראַן, אַחוץ שטייגערישן לעבן, אַחוץ יידישער דורותדיקער קולטור, אויך מענדעלע, אויך לינעצקי, אויך שאַצקעס, אויך פאָלקלאָר — אָבער מער פאַר אַלץ איז דאָ פאַראַן אַזוינס, וואָס געהער נאָר שלום־עליכמען, און וואָס קומט פון זײַן טיפן באַנעמען די פאָלקסמאַסן, זייערע מענטשלעכע אייגנשאַפן און זייער שטרעבן צו שיינקייט.

* ס'דערמאָנט אין אַן ענלעכער געשטאַלט — שכנא — אין לינעצקיס „דער וואָרעם אין כריין".

אינהאַלט

זייט

צו די לייענער 3

מענדעלע מוכר ספרים

מענדעלע מו״ס און די טראַדיציעס פון דער וועלט־ליטעראַטור 5
מענדעלע סטיל (וועגן „פישקע דער קרומער״) 15
מענדעלע אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן:
1. מענדעלע אין אונדזער צייט 74
2. מענדעלעס השכלה־אידייען און זיינע קינסטלערישע בילדער. 86
3. מענדעלע אין די זעכציקער יאָרן 95
4. מענדעלעס ליטעראַרישע אָנשויאונגען 119
5. מענדעלע אין די זיבעציקער יאָרן 139
6. מענדעלע און דער ליטעראַריש־שפּראַכלעכער סטיל־קאַנאָן.. 163
7. רעאַליזם און ראָמאַנטיק אין מענדעלעס סטיל 176
אָנמערקונגען צום סוזשעט פון מענדעלעס „מסעות״ 222

שלום־עליכם

די סאָציאַלע וואָרצלען פון שלום־עליכמס הומאָר
(אַריינפיר צו „מאָטל פייסי דעם חזנס״) 235

זייט

וועגן שלום־עליכמס הומאָר

וועגן ש"עס הומאָר 281
גראַציע און קלוגשאַפט 283
„נאַטירלעך ווי די נאַטור" 286
ווירדע און צאָרן 287
דער זיג איבער דעם מענטשלעכן סדר 289
באַמערקונגען וועגן „טביה" 294
מאַלעריי 296
דער מענה־לשון פון שלום־עליכמס פאַרשוינען 298
רייד־שפיל 300
די טראַגיק פון אילוזיעס 304
אויסמעסטונגען 308
כאַראַקטערן און לײַדנשאַפטן 308
רעאַליסטישע איראָניע 313
פראַגמענטן וועגן לאַכן 316
„נידעריקע" און „געהויבענע" זשאַנרען 319
טעמאַטישער קרייז 322
הומאָר אין דער יידישער קולטור 324
באַלעבאַטישע ליטעראַטור־מבינות 333
אַן אמתער קינסטלער ווייסט וואָס ער טוט 335
דער דערציילערישער אָטעם 337
די „יידישע ראָמאַנען" 339
וועגן די קינדער־דערציילונגען 345
די גרויסע אימפּראָוויזאַציע 355
דער טאַלאַנט פונעם פאָלק 359

ביבליאָגראַפיע פון ווינערס ווערק

אין דייטשער שפּראַך:

1. Zur Lyrik des Kabala, 1919, Wien, R. Lovit-Verlag.
2. Antologia Hebraica, 1920, Leipzig, Insel-Verlag.
3. "Von den Symbolen," 1921, Berlin, B. Harz-Verlag.

אין יידיש:

1. וועגן לייוויקס ליריק, 1927, רויטע וועלט, כאַרקאָוו.
2. וועגן מענדעלע מוכר ספרים, 1927, רויטע וועלט, כאַרקאָוו.
3. דער באַטייט פון די פֿאָלקלאָר־עלעמענטן אין דער יידישער ליטעראַטור; „שריפטן", 1928, אוקר. אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן, קיעוו.
4. עליע פֿאַלעקס אונטערגאַנג, ראָמאַן, 1929, מלוכה־פֿאַרלאַג פון אוקראַינע.
5. וועגן שלמה עטינגערס ווערק, 1930, קיעוו, אוקר. אַקאַדעמיע פון וויסנ־שאַפֿן.
6. אַקסנפֿעלדס דראַמעס, 1930, קיעוו, אוקר. אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן.
7. פּראָבלעמעס פון פֿאָלקלאָריסטיק, 1931, קיעוו, אַקאַדעמיע.
8. קעגן אַנטימאַרקסיסטישע טעאָריעס אין דער ליט.־וויסנשאַפט (אַרטיקלען אין צוויי דיסקוסיע־זאַמלביכער פון אינסטיטוט פֿאַר ייד. פּראָלעט. קולטור, זשורנאַלן און צייטונגען) — מאָסקווע, מינסק, קיעוו, 1931־32.
9. פּראָבלעמעס פון קריטיק (צוזאַמען מיט א. גורשטיין), 1934, מאָסקווע, פֿאַרלאַג „עמעס".
10. קאָלעוו אַשקענאַזי, ראָמאַן, 1934, מאָסקווע, פֿאַרלאַג „עמעס".
11. ביים מיטללענדישן ים (פֿראַגמענט), 1935, מאָסקווע, אַלמאַנאַך „סאָוועטיש", נומ' 2.
12. דער געריכט איבערן פיינט, אַרטיקל וועגן פּרץ מאַרקיש, אַלמאַנאַך „סאָ־וועטיש", נומ' 3, 1935.
13. פֿאָלקס־עלעמענטן אין קוויטקאָס שאַפֿן. צייטונג „עמעס", מאָסקווע, פֿאַרן 11טן פֿעברואַר, 1937.
14. ליריק און סאָציאַליזם (6 דרוק־בויגן), 1938, אַלמאַנאַך „סאָוועטיש", ב. 6.
15. ד. בערגעלסאָן, 1940, זשורנאַל „שטערן", נומ' 5, מינסק.
16. סאָציאַליסטישער אינהאַלט און סאָציאַליסטישע פֿאָרם (מיט א. גורשטיין), 1940, „סאָוועטיש", נומ' 11.
17. צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט (34 דרוק־בויגן), 1940, אוקראַינער מלוכה־נאַצמינד־פֿאַרלאַג, קיעוו.
18. וועגן שלום־עליכמס הומאָר, 1940, מלוכה־פֿאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע.

אין רוסיש:

1. Мастер эпического повествования (об исторических романах А. Чапыгина). Журнал «Новый Мир», № 9, Москва, 1940 г.
2. Давид Бергельсон (статья). «Литер. Газета» № 23, Москва, 1940 г.

איקוף־פאַרלאַג

לידער און פּאָעמעס

חיים גראַדע — דורות (לידער און פּאָעמעס) — — — — — — — — 1.75
דוד האָפּשטיין — איך גלויב (לידער) — — — — — — — — — 1.50
ז. ווײַנפּער — דאָס געזאַנג פון אַ גלויביקן — — — — — — — 1.50
וואָרע טײַטלבוים — אינמיטן וועלט (לידער) — — — — — — — 1.00
מלכה לי — קינות פון אונדזער צײַט (לידער) — — — — — — — 1.25
אַ. סוצקעווער — די פעסטונג (לידער און פּאָעמען) — — — — — — 1.00
אַ. סוצקעווער — לידער פון געטאָ — — — — — — — — — — .50
איציק פעפער — די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ (פּאָעמע) — — — — — — 1.00

דערציילונגען און ראָמאַנען

שלום אַש — דער תהלים-ייד (ראָמאַן) — — — — — — — — — — 3.00
שלום אַש — דער מאַן פון נצרת (ראָמאַן אין 2 בענד) — — — — — — 3.00
ש. אַפּטער — דער בונט און אַנדערע דערציילונגען — — — — — — .25
ראובן ברײַנין — פון מײַן לעבנס-בוך — — — — — — — — — 3.00
מ. גאָלדשטיין — בירא-בידזשאַנער אויפן אַמור און אַנד. — — — — — — 1.00
ז. ווײַנפּער — אויף די זאַמדן פון יהודה (ראָמאַן) — — — — — — 2.00
דער נסתר — די משפּחה מאַשבער (ראָמאַן) — — — — — — — — 1.75
ב. עפּעלבוים — פאַרלאָשן ליכט (דערציילונג) — — — — — — — 1.00
ל. קאָברין — ריווערסייד-דרייוו (דראָמע אין 3 אַקטן) — — — — — — .25
לעאָ קאַץ — נקמה (ראָמאַן). יידיש י. ס. — — — — — — — — 2.50
אַ. ראַבאָי — דער יידישער קאָובאָי (ראָמאַן) — — — — — — — 1.50
אַ. ראַבאָי — איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע — — — — — — — 1.50
אַ. ראַבאָי — מײַן לעבן — — — — — — — — — — — — 2.00

קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

מ. אָלגין — פאָלק און קולטור — — — — — — — — — — — .20
נ. בוכוואַלד — טעאַטער — — — $3.00 דע-לוקס אויסגאַבע — — — 5.00
אברהם ביק — חסידות-מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור — — — 1.00
דר. חיים זשיטלאָווסקי — ייד און וועלט — — — — — — — — — 2.50
מ. ווינער — יידישע ליטעראַטור אינעם 19טן י"ה (1טער באַנד) — — — 2.50
דר. חיים זשיטלאָווסקי — דער זין פון מענטשלעכן לעבן — — — — — 2.50
נחמן מייזיל — פאָרגייער און מיטצייטלער — — — — — — — — — 3.00
דר. ח. זשיטלאָווסקי — אונדזער נייער קולטור-ווילן — — — — — — .20
נחמן מייזיל — י. ל. פרץ (זיין לעבן און שאַפן) — — — — — — — 2.50
נ. מייזיל — דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור — — — .25
יעקב מעסטעל — אונדזער טעאַטער — — — — — — — — — — 1.00
קלמן מרמר — אָנהייב פון יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע — — — — 1.00
פרידריך ענגעלס — לודוויג פייערבאַך (איבערגעזעצט פון ש. ווינער) — — 1.00
בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ — צונויפגעזאַמלט נחמן מייזיל — — — 3.00
פאָלקס-געזאַנגען לויטן נוסח פון ח. קאָטיליאַנסקי (מיט נאָטן) — — — 5.00
י. אַ. ראָנטש — אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור — — — — — 2.00
קעגן די אָנפאַלער אויף דר. ח. זשיטלאָווסקי (זאַמלונג) — — — — — .35

אַדרעס: YKUF, 189 Second Avenue, New York 3, N. Y.